שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/maypeacebewithyo0002shol

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

ב

אַלט־ניי כתרילעווקע — מאָנאָלאָגען
אידישע שרייבער

„טאָג־מאָרגען זשורנאַל" אויסגאַבע
לכבוד דער 100־יאָריגער פייערונג
1859־1959 • ניו־יאָרק

שלום עליכם

אַלט־ניי כתרילעווקע

Copyright 1918 by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

אינהאַלט

כתרילעווקער נשרפים	[illegible]
דאָס נייע כתרילעווקע	61
כתרילעווקער מושב־זקנים	129
אַ פּסח'יגע עקספּראָפּריאַציע	141
מילכיגס	155
אַ גרינגער תענית	165
צוויי טוידטע	179
חרוסת	201

כתרילעווקער נשרפים

(אַ מעשה פון די קליינע מענשעלעך).

געשריבען אין יאָהרען 1903—1910.

ווייסט דעם אמת — אויף וואָס בעדאַרף מען זיי, אז קיין רעגען געהט נישט און די זון ברענט נישט? דער מחבר פון דער דאָזיגער געשיכטע האָט שוין לאַנג בעמערקט, אז עס געפינען זיך אידען אזוינע, וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידען מיט'ן שירם סאַי זומער, סאַי ווינטער. וויפיעל איך האָב מיך שוין אָנגעזעהען אויף מיין לעבען מיט די דאָזיגע מינים אידען, האָב איך נאָך כמעט קיינמאָל נישט געזעהען, דער שירם זאָל זיין ביי זיי איין אויפגעשטעלטער איבער'ן קאָפּ, ווי עס וואָלט, אייגענטליך, בעדאַרפט צו זיין. מעהרסטענטייל בעגעגענט איהר אַ אידען לויפען איינגעבויגען, דער ווינד בלאָזט, שמייסט אין פּנים אריין, צענעמט איהם די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע און פערקאַטשעט איהם פון הינטען, מחילה, איבער'ן קאָפּ — און ער מיט'ן שירם: טיאָפּ־טיאָפּ, פּיטש־פּאַטש איבער די ליטקעס פון די פּיס. איך בין אַ בעל־געווען אמאָל אָפּשטעלען אזא אידען, בעטראַכטען דעם שירם, איהם נעמען אין האַנד אריין — וועגט ער, נישקשה, שענע עטליכע פונט. ס'איז איהם כמעט אונמעגליך צו עפענען. און אז איהר האָט איהם שוין אויפגעעפענט, מעגט איהר זיך שוין געזעגענען: איהר וועט איהם צוריק אזוי גיך נישט פערמאַכען. די שטעקלעך זיינע שטעלען זיך פּאָפּעריק מיט די קעפּלעך ארויף, און פון דעם שירם ווערד אַ מין פּאַראַשיוט, וואָס ביי אַ רעכטען ווינד קאָן דאָס אייך, חלילה, אויפהויבען און אוועקטראָגען אינאיינעם מיט'ן זאָנטיק ווייט־ווייט ארויף, אונטער דער חמאַרע, כמעט ווי מיט איין אעראָפּלאַן... נאָר לאָמיר אוועקוואַרפען די זאָנטיקעס און זיך אומקעהרען צוריק צו אונזערע אידען.

געגאַנגען זענען זיי געשמיידיג, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיי געטריבען האַלז־אין־נאַקען, אָדער גלייך ווי זיי וואָלטען מורא האָבען פערשפּעטיגען ערגיץ אויף אַ שמחה, אַ סעודה אָדער אזוי איין אסיפה. און גערעדט האָבען זיי הויך אויף אַ קול, און אַלע אינאיינעם, און מיט הענד, ווי געוויינטליך. נאָר זעלטען האָט געטראָפען, אז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, פערלעגט די הענד ארונ־

פערקעהרט: אז די אידען פון אוניווערזיטעט זאָל מען יאָ צונעמען, און די פון „אַבלאַוועס" נישט — דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זיין, אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין, למשל, אַז בעת איהר זענט שטאַרק הונגעריג, זאָלט איהר על־פּי טעות טרעפען מיט'ן ביסען צו יענעם אין מויל אריין.

הכלל, וואָס זשע זענען דאָס געווען פאַר אַ מינים אידען אין יענעם פריהמאָרגען, וואָס מיר דערצעהלען? — דאָס זענען געווען כתרילעווקער בעלי־בתים. און נישט נאָר סתם בעלי־בתים, נאָר אויסגעקליבענע, אויסדערוועהלטע צוליעב זעהר־זעהר אַ וויכטיגער זאַך, צוליעב זעהר־זעהר אַ גרויסער מצוה; דאָס זענען געווען איינס אין איינס, די שענסטע, די חשוב'סטע בעלי־בתים פון שטאָדט, דער סאַמע צימעס פון כתרילעווקע. איך וואָלט אייך זיי אָנגע־רופען ביי די נעמען — איז נישט נויטיג. אַ כתרילעווקער איד, איין עוסק במצוה, זוכט נישט ביי דער וועלט קיין כבוד און איז נישט געוועהנט געוואָרען, אַז זיין נאָמען זאָל זיין געדרוקט אין דרויסען אויף די בלעטער; פאַר איהם איז גענוג דאָס ביסעל כבוד, וואָס ער האָט אויפ'ן אָרט, און ער דאַנקט גאָט, אַז ער ווערד חאָטש נישט געזידעלט פון די זייניגע...

צווישען די דאָזיגע אויסדערוועהלטע איז געווען איינער איין עלטערער, גאָר איין אַלטער מאַן, אַ איד אַ זקן, אריבער שמונים, וואָס געהט שוין איינגעבויגען, אָנגעלעהנט אויף איין אַלטען שטע־קען, אָבער ער האַלט זיך נאָך, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשה'דיג. אָנגעטהאָן איז ער געווען שבת'דיג: אין אַ זיידענער שרייענדיגער רעזעוואָלקע, אָהן ארבעל, אויף איין אַלטער נאָר אַטלעסענער צע־האַקטער קאַפּאָטע, מיט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ און מיט שיך און זאָקען אויף די פיס. דער איבעריגער עולם איז שוין געווען נישט אַזוי יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן. דערפאַר זענען זיי אָבער גע־ווען יום־טוב'דיג געשטימט. געגאַנגען מיט אימפּעט, אַ ביסעל אָנגעצויגען, נערוועז, געטראָגען בייכיגע טלית־ותפילינס און זאַנ־טיקעס, משונה־מאָדנע גרויסע פּאַראַסאָלען, וואָס נאָר איין גאָט

דאָס איז געזאָגט געוואָרען צום אַלטען, וואָס איז געגאַנגען, נישט קוקענדיג אויף זיינע אַכציג יאָהר, מיט פעסטע טריט, אויף־צו־פריהער. און אַלע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אויפגעהויבען די אויגען און גע־נומען זוכען איין אָרט פאַר׳ן אַלטען אויף צו צווזעצען זיך. נאָר איידער זיי האָבען צייט געהאַט אַרומקוקען זיך, וואו זיי זענען אין דער וועלט, איז אַרויסגעוואַכסען, ווי פון אונטער דער ערד, אַ נפש, אַ בעוואָפּענטער פון אויבען ביז אַראָפּ, מיט אַ רויט פּנים און מיט ווייסע הענטשקעס, און — גלייך אויף זיי!... אַלע אויסדערוועהל־טע האָבען דערפיהלט, אַז ס׳איז ביי זיי פערקיהלט געוואָרען דער מאַמע׳ס מילך, און אַלע אויגען האָבען זיך געווענדט צום אַלטען, וואָס וועט ער זאָגען? דער אַלטער האָט אָבער נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט. ער האָט זיך נאָר אָנגעלעהנט אויפ׳ן אַלטען שטע־קען און געגאַנגען מיט דיזעלבע פעסטע טריט פאָראויס, ווי איין אמת׳ער גבור, און אַלע נאָך איהם, אזוי אַז דער אָנגעוואָפּענטער נפש איז געבליבען שטעהן אין דער הינהער־פּלעט, נישט צו וויסען, וואָס טהוט מען מיט זיי? פערהאַלטען? — ווייסט ער נישט פאַר וואָס? וועמען שטעהרען זיי? דורכלאָזען? — ווי אזוי ווערד מען נישט געוואָהר, וואָס דאָס זענען פאַר מינים בעשעפענישען אויף דער וועלט? האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צוריק און נאָכגעקוקט זיי מיט די אויגען ביז העט־העט אַרויף. דאָרט האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקלונגען אין אַ טויער פון אַ רייך גרויסאַרטיג הויז.

איצט פרעגט זיך: וואוהין זענען דאָס געגאַנגען, אייגענטליך, די דאָזיגע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע? צו וועמען און צו־ליעב וואָס? דאָס איז מען געגאַנגען צו די נגידים קלויבען נדבות, בעטען ברויט, וועקען רחמנות אויף די אָרעמע עלענדע שטאָדט כתרילעווקע. איין אומגליק האָט געטראָפען אין כתרילעווקע. איהר קענט מיך נישט פון נעכטען. איהר ווייסט, אַז איך בין נישט קיין מענש פון אָנזאָגען שלעכטע בשורות. נאָר וואָס זאָל

טער און בעטראַכט די הויכע שענע רייכע מויערען פון שטאָדט, זיך גאַרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקען.

— געפעלט אייך, אשטיינגער, אַט דאָס הייזעל? — רופט זיך אָן איינער, פערדרוקט דאָס היטעל, אַטהעמט ווי א בלאָז־זאַק און מאַכט מיט די זייטען, ווי איין איינגעמיעדט פערדעל. — איהר זענט עפּעס א מבין אויף דאָס הייזעל? שוין איין מאָל א הייזעל!

— יאָ, נישקשה פון א הייזעל, — ענטפערט איהם דער אַנ־דערער שטיל און קוים וואָס ער זשיפּעט.

— וואָס, רעכענט איהר, באַדאַרף עס קאָסטען, דאָס הייזעל? — מאַכט איינער א יאַדישליוועך מיט גלאַנצענדיגע אויגען און נעמט זיך מיטביידע הענד אונטער די זייטען.

— דאָס הייזעל? — ענטפערט איהם איינער מיט א ברייטען שטערן, ווייזט אויס, א בעל־חשבון און א מבין אויף הייזער. — איך רעכען, אז דאָס הייזעל מיט'ן פּלאַץ באַדאַרף זיין ווערטה אַט דאָ, אין דעם שטעדטעל, נישט ווינציגער פון א מאה אלף.

— חאַ־חאַ־חאַ! — צעלאַכט זיך א יוננערמאַן מיט א בלאַס פּנים, וואָס נאַר־וואָס האָט זיך אָנגעהויבען שיטען אויף דעם א בערדעל. — מאה אלף, זאָגט איהר? לאָמיר עס אַלע פאַרמאָגען, וואָס מעהר...

— בהמה! — רופט זיך אָן דער יאַדישליוועך מיט די גלאַנ־צענדיגע אויגען. — וויבאַלד אז ווינשען, לאָמיר זיך שוין בעסער ווינשען פאַרמאָגען, וואָס מען איז שולדיג אויפ'ן דאָזיגען הייזעל!...

און עס קייטעלט זיך א שמועס וועגען הייזער, א לאַנגער שמועס, אָהן א שום צוועק; דאָס איז מעהר נישט אז איין אויס־רעד. אייגענטליך, זענען זיי שוין אַלע רעכט מיעד פון'ם געהן באַרג־אַרויף און וואָלטען אַלע חשק געהאַט זיך אָפּשטעלען אויף א ווייל‌ע איבערחאַפּען דעם אָטהעם.

— אפּנים, ס'איז אייך שווערליך, רבי, צו געהן באַרג־אַרויף? אפשר וואָלט איהר אייך צוגעזעצט אַט דאָ ערגיץ אויף א ווייל‌ע אָפּרוהען?

פייער האָט אַראָפּגענידערט פונ׳ם הימעל און אָנגעצונדען די שטאָדט פון איין עק ביז׳ן אנדערען עק, אויסגעלעקט ביז׳ן אָפּגרונד — נישט געהאַט קיין רחמנות אויף די הייליגע בתי־מדרשים, און אויך קינדער, קליינע, זויגענדיגע פון דער ברוסט, זענען ארויף מיט׳ן פייעריגען פלאַם אין הימעל אריין. און אויך אַלטע מענשען, אָרעמע, קראַנקע און שוואַכע, זענען געווען איין עסענוואַרג פאַר׳ן פייער אינ׳ם טאָג, וואָס גאָט האָט אונז געטהאָן בעשטראָפען בכפל כפלים פאַר אונזערע גרויסע זינד, און אפילו אויף זיין הייליגער תורה האָט גאָט קיין רחמנות נישט געהאַט, זי איז פערברענט געוואָרען אינאיינעם מיט׳ן אַלטען בית־המדרש, און מיר געפינען זיך איצט אונטער דער דעק פונ׳ם הימעל עלענדע, נאַקעטע און באָרוויסע, הונגעריגע און דאָרשטיגע, און ווי די אינדען אויף די אויסגאַנגען פון די וואַסערען, אַזוי קוקען ארויס אונזערע אויגען צו אונזערע באַרעמהערציגע ברידער, די קינדער פון די באַרעמהערציגע: מיר בעטען אייך! דערבאַרעמט אייך! לייטזעליגט אונז! לאָז אויפגעוועקט ווערען רחמנות אין אייערע גוטע הערצער און לאָזען אייערע בעוויליגטע הענד אויסשטרעקען אונז הילף וואָס גיכער, וואָרום מיר זענען פעראָרעמט געוואָרען זעהר! זייט אונז אַ דערנעהרונג און לאָזט נישט פערלוירען געהן דאָס איבערגעבליבענע ביסעל יעקב!“...

דאַכט זיך, וואָס וואָלט געווען פאַר איין אומגליק, אז די דאָזיגע האַרצרייסענדיגע קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איטליכס וואָרט פון איהר איז אַ זיפ׳ן און איטליכס אות — אַ טרער, זאָל טאַקי, חלילה, זיין געדרוקט אין אַ אידיש בלאַט? ניין. האָט מען גענומען פישעל׳ס האָרעוואַניע נעבאַך צו פערקירצען, קוועטשען און ארויסקוועטשען פון איהר דאָס תמצית, און מע האָט ערגיץ אין אַ ווינקעלע מיט גאַנץ קליינע אותיות אריינגעקוועטשט קוים דריטהאַלבען שורה׳לעך.

„אָפּגעברענט כתרילעווקע, נישט בעגאַנגען זיך אָהן מענשליכע קרבנות. מע בעט הילף“.

מען טהון — עס איז געקומען די צייט, וואָס איהר דאַרפט עס וויסען:

רבותי! כתרילעווקע איז אָפּגעברענט געוואָרען!

קאַפּיטעל ב.

פ י ש ע ל ר י י ס ט ד י וו ע ל ט.

יאָ, ליעבע פריינד, כתרילעווקע איז אָפּגעברענט געוואָרען. נאָר איהר מיינט, עפּיס גלאַט אַזוי אָפּגעברענט געוואָרען?

עס זענען דעם זומער, נישט צו פערזינדיגען, אָפּגעברענט געוואָרען גענוג אידישע שטעדט און שטעדטלעך. נאָר וואָס דען? ס'איז אַ חילוק; ברענען צו ברענען איז נישט גלייך. כתרילעווקע האָט זיך געוואָלט, אַפּנים, אויספיינען פאַר דער וועלט, האָט זי זיך אָנגערופען צו די איבעריגע אידישע שטעדט: „וואָס? איהר ברענט? חאַ־חאַ! לאָזט מיך, אָט וועט איהר זעהען, ווי אַ שטאָדט ברענט!" און כתרילעווקע האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ ליכט... נאָר ניין. מיר לאָזען איבער די בעשרייבונג פון כתרילעווקער שׂרפה פאַר אונזער קאָלעגע, פישעל דעם קאָרעספּאָנדענט — דאָס איז זיין אַרבייט. באַלד אויף מאָרגען נאָך דער גרויסער שׂרפה־ האָט פישעל קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז אַליין אויך אָפּגעברענט געוואָרען, קוים מיט'ן לעבען אַרויס, ערגיץ געקריגען מיט נסים אַ טינט־און־פעדער און האָט צעשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע אידישע צייטונגען אין זעהר אַ שענער מליצה־שפּראַך און מיט אַ זעלטען שענער האַנדשריפט, בזה הלשון:

„אַ קול אין הימעל טהוט זיך הערען! די טאָכטער כתרילעווקע וויינט אויף איהר גרויסען אומגליק — זי וויל זיך נישט טרייסטען: אַ בראָך אויף אַ בראָך! אַ וואונד אויף אַ וואונד! כתרילעווקע איז נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דער „בהלה", וואָס אויף איהר איז געוועזן, האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהר אַ נייער גרים־צאָרן, זי האָט אויסגעטרונקען דעם ביטערען כוס פון גאָט'ס האַנד — אַ

פרעסערס", „בלוטזויגערס" וכדומה, — מיינען זיי דען נישט אויף די כתרילעווקער אידען בתוכם? כתרילעווקע מעג טאַקי אויף זיך זאָגען: „צו אַ פּגירה בין איך אויך אַ בהמה".

מיינט נישט פון דעסטוועגען, אַז נאָך דער שרפה האָט מען זיך בענוגענט נאָר מיט פישעל'ס קאָרעספּאָנדענציעס אליין: עס זענען צעשיקט געוואָרען אויך בריעף — זעהר שענע מליצה־בריעף, טאַקי פישעל'ס ארבייט, בכל תפוצות־ישראל, אומעטום וואו עס איז פאַרהאַן ערגיץ אַ גביר מיט אַ נאָמען, וואָס לאָזט זיך הערען אויף דער וועלט: קיין יעהופּעץ, קיין אָדעס און קיין מאָסקווע, און קיין לאָנדאָן, און אַפילו קיין פּאַריז, צום גרויסען־גרויסען רויט־שילד אליין. עס זאָל אייך קיין חידוש נישט זיין, ווי קומט דאָס, וואָס כתרילעווקע זאָל אָנשפּאַרען אַזש קיין פּאַריז, צו רויטשילדען! שטעלט אייך פאָר אַ מעשה, אַז אַ צייט מיט יאָהרען פלעגט כתרי־לעווקע בעקומען אַלע ערב פּסח פֿון פּאַריז, פון רויטשילדען, אויף רב יוזיפעל'ס אדרעס הונדערט פראַנק מעות־חטים. אמת, שוין פון אַ צייט, אַז רויטשילד האָט אויפגעהערט זיי צו שיקען מעות־חטים, מע ווייסט נישט, פאַר וואָס; נאָר פון דעסטוועגען שרייבען זיי צו איהם בריוולעך אַלע מאָל, ווען עס מאַכט זיך עפּיס ביי זיי אַ שמחה אָדער, חלילה וחס, נישט אין אַזאַ שעה אויסגערעדט זאָל זיין, אַיין אומגליק. אי, פאַר וואָס האָבען זיי פון איהם קיין שום תשובה נישט שוין אַזוי פיעל יאָהרען? דאָס איז קיין קשיא נישט! אפשר האָט זיך איהם צוגעגעסען לייענען זייערע לאַנגע מגילות? קרעפּלעך עסען, זאָגט מען, ווערד אויך נמאס! און אפשר איז דער אַדרעס נישט געשריבען, ווי עס געהער צו זיין? און אפשר האָט זיך געטראָפען דאָרטען ביי רויטשילדען אין פּאַריז דאָס, וואָס, להבדיל, ביי פּרעה מלך מצרים האָט זיך געטראָפען, ווי אין פּסוק שטעהט: ויקם מלך חדש — ס'איז אויפגעשטאַנען איין אַנדער מלך, אשר לא ידע את יוסף — וואָס האָט זיך געמאַכט נישט וויסענדיג... איך רעד פון רויטשילד'ס סעקרעטאַר, פון דעם, וואָס נעמט־אָפּ די פּאָסט און לייענט איבער אַלע בריעף. די, וואָס געפעלען דעם

אמת, די צייטונגען פערענטפערען זיך אפילו, אז זיי זענען נישט שולדיג. זיי האָבען, זאגען זיי, פונ׳ם דאָזיגען פישעל פון כתרילעווקע כמעט אלע טאָג א קאָרעספּאָנדענציע; זיי זאָלען ווע־לען, זאָגען זיי, דרוקען אלסדינג, וואָס דער דאָזיגער קאָרעספּאָנ־דענט שרייבט זיי, וואָלטען זיי בעדאַרפט, זאָגען זיי, ארויסגעבען פון די קליינע מענשעלעך וועגען א בעזונדער בלאט און האלטען א בעזונדערע דרוק מיט בעזונדערע מענשען.

טאַקי נאָר חידושים און גענוג! קומט צו עפּים, אזוי ווערד כתרילעווקע ביי איטליכען גרויס אין די אויגען. די זעלבע רע־דאַקטאָרען און אַרויסגעבער, אז זיי האלטען ביי ארויסלאָזען נייע בלעטער מיט נייע ביכער, זשאלעווען זיי נישט פאר כתרילעווקע קיין לאַנגע שענע ברייטע פּראָספּעקטען, שעמען זיך ניט אָנרופען די קליינע מענשעלעך מיט׳ן נאָמען „פיעל געעהרטע און זעהר געליעבטע אבאָנענטען“. אמת, מיט קיין סך אבאָנענטען אויף זייערע בלעטער אין כתרילעווקע קאָנען זיי זיך נישט בעריהמען — ארום און אַרום האָבען זיי אין גאַנץ כתרילעווקע בסך־הכל איין אבאָנענט, זיידעל, אונזער אלטער בעקאַנטער זיידעל רב שעיה׳ס, וואָס ביי איהם געניסט שוין אויף צו לייענען אונזער קאָרעספּאָנ־דענט פישעל, און נאָך איהם אלע איבעריגע, וואָס גאַהרען נאָך א געדרוקט וואָרט. נאָר וואָס געהער זיך עס אָן מיט פישלען? פאַר וואָס געהען זיינע אלע בריעף מיט אלע זיינע שרייבעכצען גלייך אונטער׳ן טיש אין קויש אריין, נאָך איידער מע ווייסט, וואָס דאָרטען שטעהט? פאַר וואָס, אז סע קומט אונטער א יום־טוב און דער רעדאַקטאָר טרעט־אַרויס מיט שענע געצאַצקעטע ווערטער וועגען דעם פאָלק ישראל, צעהיצט ער זיך און זאָגט:

„ווער האָט געצעהלט דעם שטויב פון יעקב׳ען?

און ווער האָט גערעכענט די צאָהל פון די ריטער ישראל?“

מיינט ער נישט אויך די קליינע מענשעלעך בתוכם? צי, למשל, יענע מוסר־זאָגער, די וואָס זעצען־אויס אונזערע פעהלערען, רופען אונז אָן מיט די שענע נעמען „עקספּלאָאטאַטאָרען“, „וועלט־

פייער און זיך געקויקעלט ז'ער רויך, דער געדיכטער רויך, דורכגע וואָרפען אַלע מאָל גרויסע און קליינע פונקען, און אַלץ האָט מיט א מאָל בעקומען איין אַנדער פּנים, א מאָדנעם חן, געוואָרען רויט : דע־ טייך רויט, דער הימעל רויט, די ווערבעס רויט, די מענשען רויט — רב יוזיפעל האָט נאָך קיינמאָל אַזא מין רויטקייט און אַזא מין שענקייט נישט געזעהען, און ער האָט נישט געקאָנט איינהאַלטען זיך פון התפּעלות. און אַז „אָדם הראשון“ האָט איהם אַנידער־ געשטעלט אויף דער ערד, האָט ער א זאָג געטהאָן צו זיך אַליין : „ווי שען איז גאָט'ס וועלטעל און וואונדערליך !“ — און האָט זיך אָבער באַלד פערהאַפּט און א קעהר געטהאָן זיך צו „אָדם“ מיט „חוה'ן“ :

— קינדערלעך, האָט עס אייך, חלילה, נישט געשאַדט אין די נפשות ? דאנקען השם יתברך, וואָס איהר זענט נישט געשטראָפט געוואָרען מיט פייער...

— נישט געשטראָפט געוואָרען מיט פייער ? — האָט זיך דער בעדער נישט געקאָנט איינהאַלטען און א זאָג געטהאָן מיט א ביטער געלעכטער. — מיט וואָס דען האָט אונז גאָט געשטראָפט : מיט וואסער ?

— נישט דאָס מיין איך. — פערענטפערט זיך דער רב. — איך מיין דעם נס, וואָס מיר זענען ניצול געוואָרען מיט'ן לעבען, געלויבט דער בורא.

— מיט'ן לעבען ? וואָס טויג אונז שוין דאָס לעבען, אַז מיר האָבען נישט קיין באָד ?

— רעדסט ווי א קינד — מאַכט צו איהם רב יוזיפעל און פערשטעלט זיך מיטביידע הענד פונ'ם פייער — ווי א קינד רעדסט דו ! וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז דו באַדאַרפסט האָ־ בען א באָד ? אַז דו ביזט געבוירען געוואָרען, ביזט דו דען גע־ בוירען געוואָרען, נאַרעלע, מיט א באָד ? צי דו האָסט גערעכענט איבער הונדערט יאָהר אויף יענער וועלט, אם ירצה השם, קומען מיט א באָד ? אמאָל איז געווען א מלך...

סעקרעטאַר, די בעוויַיזט ער איהם, און די בריעף, וואָס געפעלען איהם נישט, זאָגט ער: „זה חליפתי, זה כפרתי“ — און מאַרש אונטער׳ן טיש... פאַר געוויס ווייס איך נישט; נאָר איך מיין, אַז אַזוי בעדאַרף עס זיין.

הקיצור, איהר זעהט שוין, אַז כתרילעווקע איז, ברוך השם, אַזאַ שטאָדט, וואָס זי שטעהט אין פערבינדונג, קאָרעספּאָנדירט מיט דער גאַנצער וועלט. און וויבאַלד עס האָט זיך נאָר געטראָפען ביי זיי דאָס גרויסע אומגליק, אַזוי האָט מען שוין די רגע געגעבען צו וויסען דורך פישעל קאָרעספּאָנדענט, אויסגעפּויקט איבער דער גאַנצער וועלט, און אַרויסגעקוקט: טאָמער וועט זיך עמיצער אָנ־רופען אויף דער גרויסער צרה, וואָס זיי איז געשעהען.

קאַפּיטעל ג.

כתרילעווקע ברענט ווי אַ ליכט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס אומגליק? — פון דעם אַלטען כתרילעווקער מרחץ, וואָס מיר האָבען עס שוין אַמאָל בע־שריבען. איין אָבאַפּעלעק האָט זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטאָג אָנגעצונדען, און עס האָט באַלד אַ חאַפּ געטהאָן דעם דאַך, און עס האָט נישט געדויערט קיין סך — איז דאָס גאַנצע מרחץ געוועזען איין שטיק פייער. און אַז „אָדם“ מיט „חוה׳ן“, דער בעדער מיט דער בעדערין, זענען אַרויסגעשפּרונגען פון באָד קוים לעבעדיגע, איז דאָס ערשטע, וואָס זיי איז געקומען אויף דער מחשבה: „אוי־וועה, דער רבי!“ — אין איין כהרף־עין איז „אדם הראשון“ (דער בעדער) געוועזען אין שטוב, און ווי מע טראָגט אַ קליין קינד פון וויעגעלע, אַזוי האָט ער אַרויסגעטראָגען דעם רב רב יוזיפעל אויף זיינע געזונדע גרויסע הענד, און רב יוזיפעל דער רב האָט ווי אַ קליין קינד זיך פערשטעלט די אויגען פונ׳ם פייער, וואָס האָט בעלויכטען דעם גאַנצען טייך מיט די ווערבעס, מיט׳ן געמייזעכטס, מיט אַ גאַנצען שטיק הימעל, וואָס אַהין האָט זיך געצויגען דאָס

שפּרונגען אין פייער אריין און האָט באלד חרטה געקריגען און ארויסגעשפּרונגען צוריק; ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט — ס'האָט זיך אָנגעצונדען אויף איהר דאָס פּעלצעל און גיך פערסמאַליעט געוואָרען, האָט זי זיך געלאָזט לויפען, האָפּ־האָפּ, משוגענערווייז, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין, אָהן אַ שום פּלאַן און אָהן אַ שום שכל.

נישט קיין גרעסערער שכל איז געלעגען אינ'ם לויפען פון די כתרילעווקער אידען און ווייבער, וואָס האָבען זיך געוואָרפען פון איין גאַס אין דער אנדערער, ווי פער'סמ'טע מייז, אָדער ווי נישט־דערקוילעטע היהנער, שוואַרץ פון רויך, ווי די מלאכי־חבלה, און אָנגעזאָגט איינס דאָס אנדערע אַ בשורה:

— איהר ווייסט? אלי־דוד ברענט!

— איהר ווייסט? עס האַלט שוין ביי'ם מאַרק!

— איהר ווייסט? סע ברענט די גאַנצע שטאָדט! אַ דונער איז מיר, די גאַנצע שטאָדט!

— ווי אַ ליכט! ווי אַ סטערינעווע ליכט.

און סע בושעוועט דאָס פייער און סע שטורעמט, ווי דער ים, אַז ער צעשפּיעלט זיך, און דער ווינד טראָגט גאַנצע האָלעוועשקעס, גאַנצע סנאָפּעס שטרוי, און פונקען פליהען אָהן אַ שיעור. די פונקען פאַלען אויף די גוט־אויסגעטריקענטע פון אַלטקייט שטרויע־נע און הילצערנע דעכער, און עס הערט זיך אַ קנאַקען מיט אַ וואַל־גערען, אַ פּאַלען מיט אַ זעצען, אַ ברעכען מיט אַ טרישטשען — און דאָס אַלץ ווערד ווי צענויפגעגאָסען אינאיינעם מיט'ן געשריי און מיט'ן הילך, מיט'ן קוויטשען און מיט'ן וויינען, און שדים, רוחות, נישט קיין מענשען, לויפען, דער אַהין, דער אַהער, משוגע־נערווייז, וואַרפען זיך אויף אַלע זייטען, ווי פער'סמ'טע מייז, ווי נישט־דערקוילעטע היהנער, און דאָס גרויסע ליכטיגע פייער בע־לייכט און בעשיינט זייערע וויסטע פינסטערע איבערגעשראָקענע פּנימ'ער — און כתרילעווקע ברענט, ברענט ווי אַ ליכט.

און רב יוזיפעל האָט געוואָלט דערצעהלען זעהר א שעגעם משל מיט א מלך, ווי זיין שטייגער איז; האָט איהם דער בעדער, מחילה, איבערגעשלאָגען סאַמע אין אָנהויב:

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איהר טהוט בעסער א קוק, זייט מוחל, ווי דאָס פייער קויקעלט זיך מיר עפּיס, עפּיס אהין, אין שטאָדט אריין, און דער ווינט בלאָזט מיר עפּיס צו געשמיידיג! איך האָב מורא, עס זאָל נישט אָננעמען לוי־מרדכי דעם קצב'ס שטוב מיט די שטאַהלען, דעמאָלט איז — זיי געזונט, כתרי־לעוועקע!...

און ווי אין אַזאַ שעה אויסגערעדט — עס האָט א וואָרף געגעבען דאָס פייער אויף לוי־מרדכי דעם קצב'ס שטוב מיט די שטאַהלען, און עס איז מיט א מאָל בעלויכטען געוואָרען א נייער שטיק הימעל. עס האָט זיך געלאָזט הערען א קנאַקען מיט א טרישטשען, מיט א מעקען פון ציעגען, און עופות א פּאָר האָבען זיך פון ערגיץ געלאָזט לויפען הענדום־פּענדום, אראָפּ־א־בארג, צע־לאָזט די פליגלען און אויפגעבלאָזען די פעדערען, און גיך איז בע־לויכטען געוואָרען דער גאַנצער בארג מיט דער גאַנצער שטאָדט מיט'ן גאַנצען הימעל. א משונה־מאָדנער געשריי מיט א הילך לאָזט זיך הערען פון שטאָדט אַזש אהער, דאָס געשריי וואַכסט אַלע מאָל שטאַרקער און ווערד צענויפגעגאָסען אינ־איינעם מיט א בילען פון הינד, מיט א רעווען פון קיה, מיט א קוויטשען פון ווייבער, מיט א וויינען פון קינדער און מיט א שרייען: „וואַסער! עמער! ראַטעוועט! גיכער! סע נעצט! סע ברענט!" — פּלוצים זעהט מען שפּרינגען אראָפּ־א־בארג צום טייך א האָלעוועשקע אויף פיער פיסלעך; די האָלעוועשקע טאַנצט, מאַכט מיט די הערנער און פליהט גלייך צום טייך, דערלויפט נישט אָבער און פאַלט אנידער און ציהט זיך אויס אויף דער ערד מיט די פיסלעך ארויף, און ציטערט, ווי פאַר'ן טוידט, און לאָזט ארויס אויף א צונעלעגערט קול א מאָדנע „מע־ע־ע!" — דאָס האָט א ציעג נעבאך פאַר גרויס נארישקייט גענומען און איז אריינגע־

וועט דער אויבערשטער נישט טהון קיין נס מיט זיין אייגען הויז? שוין־זשע וועט דער רבונו־של־עולם נישט בעשיצען זיין תורה, זיין אייגענע תורה?

מיט די דאָזיגע מחשבות איז אונזער רב יוזיפעל אָנגעקומען צום אַלטען בית־המדרש פונקט אין דער צייט, ווען אַרום און אַרום האָט געבושעוועט דאָס פייער. רויטע צונגען האָבען זיך געריסען פון אַלע זייטען און האָבען בעלויכטען דעם האַלב־איינגעפאַלענעם דאַך מיט די אָפּגעקאַלופּעטע געלע וועגד פון דעם אַלטען־אַלטען כתרילעווקער בית־המדרש. אָט־אָט, נאָך אַ מינוט — און גאָט'ס הויז וועדר אַרומגענומען מיט פייער.

און רב יוזיפעל קאָן נישט משיג זיין מיט'ן שכל, ווי שווייגען ־אָס אידען? פאַר וואָס ראַטעוועט מען נישט דאָס בית־המדרש? די הייליגע ספרים? ספרי־תורות? אַנשטאָט דעם זעהט ער לויפען אידען הין און צוריק, ווי ווילדע ברואים, שפּרינגען אין פייער אַריין, ראַטעווען אַלטע קראַנקע ווייבער, קליינע קינדער, בענקלעך, בעטלעך, קישענס, טעפּלעך, סקאַרב און בעבעכעס — און גאָט'ס הויז האָט מען פערגעסען, מפקיר געווען — ווי געשיקט זיך עס?!... רב יוזיפעל פּרובט זיך שרייען, רופען צו הילף: „דאָס מקום־קדוש! דאָס בית־המדרש!“ — קיינער הערט איהם נישט. נאָך אַ מינוט — און רב יוזיפעל איז אַליין אין שוהל, און גלייך צום אָרון־קודש, אַרויסגעצויגען איין ספר־תורה און די אַנדערע ספר־תורה, קוים אַרויס מיט'ן לעבען אויף דער גאַס, אַוועקגעלעגט זיי ווייט פאַר דער טהיר, אויף אַ צעבראָכען בענקעל, וואָס עמיצער האָט אַרויסגעשליידערט פון אַ שטוב, און אַליין אַוועקגעשטעלט זיך נעבען זיי און אָנגערופען זיך צום רבונו־של־עולם אויף אַ קול:

— וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך געטהאָן. וויפיעל איך האָב געקאָנט, האָב איך אַרויסגעראַטעוועט; די איבעריגע ספרים האָב איך איבערגעלאָזט אויף דיר. איך טרעט נישט אָפּ פון דאַנען אויף אַ רגע אפילו. לאָמיר זעהען, ווי אַזוי דו וועסט פאַרברענגען

קאפיטעל ד.

רב יוזיפעל האלט מלחמה מיט'ן רבונו־של־עולם.

אז דאָס מרחץ האָט נאָך געהאַלטען אין ברענען, האָט זיך נישט „אָדם“, נישט „חוה“ אַרומגעקוקט אויפ'ן רב ר' יוזיפעל. נאָר שפּעטער, אַז פונ'ם באָד איז נאָר געבליבען דער אייזערנער קעסעל מיט'ן קוימען (אפילו די מקוה האָט אויך אויסגעברענט ביז'ן דעק), האָבען „אָדם“ מיט „חוה'ן“ זיך געגעבען אַ חאַפּ צום רבי'ן — נישטאָ דעם רבי'ן! אומזיסט האָבען זיי איהם געזוכט ביי'ם ברונעם, ביי'ם ברעג פונ'ם טייך, ביי'ם געמייזעכטס, און נאָכדעם אין שטאָדט, צווישען די ברענענדיגע גאַסען.

— האָט איהר נישט באַגעגענט ערגיץ דעם רבי'ן? — האָט דער בעדער זיך נאָכגעפרעגט ביי די אַנטלאָפענע אומגליקליכע נשרפים פון שטאָדט. נאָר די אומגליקליכע אַנטלאָפענע פון שטאָדט זענען געוועזען אַזוי צעטומעלט, אַז זיי האָבען גאָרנישט געהערט, וואָס מע רעדט צו זיי, און געפרעגט, ווי פער'חידוש'טע, געקוקט מיט מורא'דיגע אויגען:

— וואָסער רבי'ן? וועמענ'ס רבי'ן?

וואו זשע איז געוועזען דער רב רב יוזיפעל? רב יוזיפעל דער רב, אַז ער איז געקומען צו זיך און דערזעהען, אַז די גאַנצע שטאָדט שטעהט אין סכנות, האָט דאָס איהם אויפגעטראָגען אין דער לופ־טען, און ער האָט געחאַפּט דאָס אַלטע אַרויסגעראַטעוועטע שטריי־מעל מיט'ן אַלטען שטעקען און האָט זיך געלאָזט געהן צו זיינע אירען אין שטאָדט אַריין, גאָרנישט טראַכטענדיג, וואוהין ער געהט און צוליעב וואָס. פאַר זיינע אַכציג יאָהר איז דאָס געוועזען נישקשה פון אַ שפּאַציער. נאָר דערזעהען פאַר זיך אַ גאַנצען ים פון פייער, האָט ער נישט געפיהלט די פיס. עס האָט איהם געטראָגען ווי אויף פליגלען אַהין, אַהין, צום אַלטען בית־המדרש צו, וואו ער האָט כמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינס פערבראַכט מיט גאָט. שוין־זשע

פריה שלאָפען, און, ווי אויף צו־להכעיס, האָט ער מחמת הונגער גישט געקאָנט אנשלאָפען ווערען, און, ווי אויף צו־להכעיס, איז ער א האלבע שעה פאר דער שרפה דוקא אנשלאָפען געוואָרען, און דוקא געשמאק. פלוצים הערט ער א גוואלד: „סע נעצט, סע ברענט!“...

דער אנדערער דערצעהלט א שענערע מעשה, און נאָך א לענגערע, ווי יענער: ווי אזוי ער איז נעכטען אויפגשטאנען גאנץ פריה, כמעט פארטאָג, און איז ארויסגעקומען אין מארק אריין, געמיינט, טאָמער וועט ער עפּיס האנדלען, וואָס ס'וועט זיך מאכען: א טחוירעל, א ביסעל פּאָלאָווע, א זעקעל קארטאָפּלים, אבי עפּיס פערדיענען. צום סוף — איז נישטאָ קיין לעבעדיגער נפש: סך הכל איין ערל מיט א זעקעל קויהלען. פרעגט ער איהם: „גוי, וואָס ווילסט דו פאר די קויהלען?“ זאָגט ער: „א גילען“. פרעגט ער: „אפשר וועט זיין געננוג א גריוונע?“ זאָגט ער: „א גילען“. ער האָט זיך איינגע'חזר'ט א גילען — תאָטש נעם געב איהם א קרענק! האָט ער אוועקגעקויפט ביי'ם ערל דאָס זעקעל קויהלען, גענומען דאָס זעקעל קויהלען, מחילה, אויף די פּלייצעס — און אזוי ווייטער און ווייטער, א מעשה אויף דריי זייגער־שעה, ביז ער קומט ארויף אויף דער שרפה. און סע לאָזט זיך אויס, אז בשעת די שרפה האָט זיך אָנגעהויבען איז ער געשלאָפען ווי א גע'הרג'עטער, מע האָט איהם קוים־קוים אויפגעוועקט.

דער דריטער דערצעהלט נאָך א שענערע מעשה. הויבען הויבט ער אָן אזש פון עהערנעכטען, און דערצעהלט א לאנגע־לאנגע מעשה, נאָך א לענגערע פון יענער, וואָס מיט'ן זעקעל קויהלען, און פלוצים מישט זיך אריין איינ'ם שמועס א אידינע און לייקענט־אָפּ די גאנצע מעשה:

— ווייס איך וואָס זיי וועלען אייך דערצעהלען מעשיות, נעכטיגע טעג! אָט וועל א י ך אייך דערצעהלען, ווי אזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבען: איך האָב דעם דאָזיגען דאָנערשטאָג, וואָס פאר דער שרפה, געטשעטשינעט חלה פון דער מעהל. וואָס בערעל ברכה'ס

דיין אייגענע תורה, וואָס דו האָסט אונז געגעבען דורך משה דיין קנעכט אויפ'ן באַרג סיני!...

אין דער מינוט איז אָנגעקומען דער בעדער, אונזער בעקאַנטער „אָדם הראשון". דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דער אַלטער דאַרף זיין ערגיץ ביי דער שוהל. דערזעהען דעם רבי'ן שטעהן נעבען ברענענדיגען בית־המדרש, האָט „אָדם הראשון" נישט געמאַכט מיט איהם קיין לאַנגע מחזקות, איהם אַ נעם געגעבען אין זיינע געזונדע האָרעפּאַשנע אָרעמס און אינאיינעם מיט די צוויי ספרי־תורות איהם אַוועקגעשלעפּט פון פייער צוריק, אַראָפּ־אַראָפּ, צום אָפּגעברענטען מרחץ, וואָס ביי'ם ברעג פונ'ם טייך.

קאַפּיטעל ה.

נאָכ'ן חורבן.

דער מנהג פון דער וועלט איז, אַז בשעת מלחמה קוקט מען זיך אַזוי נישט אַרום אויפ'ן אומגליק, ווי נאָכ'ן עם, און די געפאַלענע צעהלט מען ערשט דעמאָלט, אַז עס ווערד אויס געשלעג, און אַז אַלץ געהט־איבער, הויבט מען ערשט דעמאָלט אָן אונטערפיהרען חשבונות, וויפיעל מע האָט אין דער הריגה פערלוירען.

אין כתרילעווקע איז אויך אַזוי געווען. מע האָט אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען, ווי ווייט דאָס אומגליק איז גרויס, ערשט אויף מאָרגען נאָך דער שרפה. תחילת האָט מען, געוויינטליך, דערצעהלט איינער דעם אַנדערען חידושים, ווי אַזוי און ווען און וואו מען איז געוואָהר געוואָרען, אַז עס ברענט; דערביי האָט איטליכער, געוויינטליך, געהאַט צו דערצעהלען זיין מעשה, אַ לאַנגע מעשה: ווי אַזוי ער איז נעכטען, ווי אויף צו־להכעיס, געקומען פריה פאַרנאַכט אַהיים, מחמת אַ גאַנצען טאָג איז נישט געווען וואָס צו טהון, און, ווי אויף צו־להכעיס, איז ער דעם אויפדערנאַכט געווען הונגעריג, ווי אַ הונד, און, ווי אויף צו־להכעיס, איז נישט געווען וואָס צו עסען, האָט ער זיך אויף צו־להכעיס געלעגט

טרוקענע, געמאַכטע טרערען, וואָס האָבען נישט קיין ווערטה. זי האַלט, אַז אַ וועהטיג איז נישט דער, וואָס מע גיט איהם איבער, נאָר יענער, „וואָס טהוט וועה"... דערפאַר לאָזען מיר איבער די שרעקליכע טרויעריגע סצענעס, געהען אַוועק פון דאַנען אַ ביסעלע ווייטער און שטעלען זיך אָפּ נאָר ביי די היזקות, וואָס מיינע כתרילעווקער בעלי־בתים האָבען געהאַט פון דער שרפה. דער חסרון איז אָבער, וואָס עס לאָזט זיך גאָר נישט בערעכענען דעם גרויסען היזק, וואָס כתרילעווקע האָט געהאַט. דאָס איז נומער איינס. והשנית, וואָס וועט העלפען דאָס רעכענען? אפנים, עמי־צער וועט זיי דען אומקעהרען? די געזעלשאַפטען, וואָס אַסעקו־רירען פון פייער, האָבען זיך ווי צעגויפגערעדט און האָבען שוין כתרילעווקע לאַנג אויסגעשטרייכט פון דער לאַנד־קאַרטע, גלייך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין כתרילעווקע נישט געווען אויף דער וועלט אפילו! הייגט גלאַט, ווער איז דאָס אימשטאַנד צו שאַצען יענעמ'ס גוטס, ובפרט נאָכדעם, אַז ס'איז שוין לאַנג אַוועק מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך? בעל־הבתישקייט בכלל, און כתרילעווקער בפרט, האָט גאָר איין אַנדער ווערטה, וואָס לאָזט זיך נישט שאַצען. אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע דראָבעס, זענען ביי'ם אָרעמאַן אַזוי טייער (אויב נישט נאָך טייערער), ווי די שענסטע שפּיעגלען מיט די טייערסטע כלים ביי'ם נגיד. ביי'ם נגיד, אַז סע ווערד פער־פאַלען אַ זאַך, קאָן ער פאַר געלד קויפען איין אַנדערע זאַך; דעם אָרעמאַן ווער וועט אומקעהרען דאָס, וואָס דאָס פייער האָט צו־גענומען?...

אַזוי האָבען גע'חקירה'ט די כתרילעווקער נשרפים און האָבען אַרויסגעזעהן, אַז מיט חקירה'ן און פילאָזאָפירען וועלען זיי גאָר־נישט מאַכען. מע בעדאַרף זעהען עפּיס טהון, עפּיס צוטראַכטען, געפינען איין עצה, ווי אַזוי ראַטעוועט מען די שטאָדט? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די שטאָדט זאָל בלייבען אַ שטאָדט? ס'איז קיין קונץ נישט, אַז אַ גאַנצע שטאָדט זאָל זיך צעקריכען איבער דער וועלט, זיך לאָזען איבער די הייזער און בעטען נדבות, ווי געוויינט־

האָט געבראַכט צו פיהרען, שענע מעהל, גאָט זאָל מיך נישט שטראָ־פען, אזא יאָהר אויף אונזערע שונאים, אז בסך־הכל האַפּט זי גאָר א ביטערקייט...

און סע געהט אוועק א געשיכטע פון דריי זייגער־שעה, איין ערצעהלונג פון ביטערע מעהל, מיט ביטערע הייוועז, מיט א מול־טער, וואָס איהרע א שכנה, פּעסיל הייסט זי, א פּעסיל פון גאָט!... און אזוי ווייטער — א מעשה אָהן איין עק, און עס ווייזט זיך אייך אוים, אז צו דער שרפה וועט זי נישט קומען קיינמאָל, פיעל זי וועט לעבען!

און אינאיינעם מיט די דאָזיגע שענע מעשיות און ערצעה־לונגען פון דער שרפה לאָזט זיך הערען אויף א געוויין, א יללה, א יאָמער, א קלאָג פון פערביטערטע הערצער, פון בעלעדיגטע נשמות, פון פערוואָגעלטע, עלענדע, אָרעמע, אָרעמע, אָרעמע! דאָרט שטעהט א מוטער און ברעכט די הענד און קלאָגט אויף איהר ברעקעלע קינד, וואָס איז פערברענט געוואָרען נעבאך אינ־איינעם מיט׳ן וויעגעלע; און דאָרט בעווייגט א איד שטילערהייד זיין אלטען קראַנקען פאָטער, וואָס איז גראָד יענע נאכט געשלאָפען אויפ׳ן בוידעם — קיינמאָל נישט און איצטער יאָ, און איז דאָרט פערברענט געוואָרען צו אש... און דאָ געהט ארום א מיידעל און שלאָגט זיך מיט די הענד אין קאָפּ: די מאמע! די מאמע! די מאמע!

. . . .

האָב קיין פאראיבעל נישט, פריינד לעזער, וואָס איך האָב איבער אין מיטען. מיין מוזע, די וואָס שטעהט איבער מיר בשעת׳ן שרייבען, איז, ווי אלע כתרילעווקער לייט, א פריילינע נשמה, איין אָרעמע, נאָר א פריילינע. זי האָט פיינט טרערען, זי האלט נישט פון טרויעריגע סצענעס. זי זאָגט, אז טרערען זענען נאָר די, וואָס זענען נאס און געזאלצען; די אלע איבעריגע טרערען, וואָס דער שרייבער גיסט אויף פּאַפּיער — דאָס זענען, זאָגט זי,

דערויף טאָרען מיר אויך נישט. ערשטענס, וועלען מיר מיט אונ־זער טרויערען, וואָס מיר וועלען טרויערען, גאָרנישט העלפען, והשנית, וועלען מיר באווייזען פאר דעם, וואָס לעבט אייביג, אז דער חורבן כתרילעווקע איז פאר אונז, חלילה, ערגער פון חורבן ירושלים, חורבן בית־המקדש. א משל קעגען א מלך. אמאָל איז געווען א מלך, האָט ער געהאט א בן־מלך, א בן־יחיד...

און רב יוזיפעל דערצעהלט זיי זעהר א שענעם משל מיט א מלך, ווי זיין שטייגער איז תמיד צו דערצעהלען משלים פון מלכים, און ער לאָזט אויס מיט די דאָזיגע ווערטער:

— דערפון אליין איז גרינג ארויסצוזעהען, אז מיר טאָרען נישט זינדיגען. מיר דארפען זיך אָנטהון א כח, און לאָמיר, קינ־דער, נעמען די שטעקענס אין די הענט און לאָמיר געהן אלע אָפּ־ריכטען גלות. פאָלגט מיך, קינדערלעך, איך געה אויך מיט אייך. איך בין אייך מבטיח, אז וואוהין מיר וועלען קומען צו געהן, וועלען מיר, אם ירצה השם, געפינען חן אין די אויגען פון אונזערע רייכע ברידער, און זיי וועלען אונז נישט לאָזען פאלען. שטעהט אויף, אידען, גורט אָן אייערע לענדען און לכו ונלכה — לאָמיר געהן!

און בשעת מעשה גלייכט זיך אויס ביי רב יוזיפלען דער רוקען און דאָס פנים הויבט איהם אָן צו שיינען, און ער פיהלט זיך יונג און פריש, ווי א בחור, ווי א גבור, וואָס איז גרייט צו דער מלחמה. און אויך דער גאנצער עולם דערפיהלט זיך, ווי עפּיס אויפגעמונ־טערט, און מען איז גרייט אין וועג אריין. עס בלייבט נאָר איבער איין זאך: „וואוהין? וואוהין געהט מען פריהער? ס'איז פארהאָן, קיין עין הרע, אזוי פיעל אידישע שטעדט און, קיין עין הרע, אזוי פיעל נגידים!"...

קאפּיטעל ו.

לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!

דער פסוק „מי ומי ההולכים" — ווער זאָלען זיין די פאָה־רערס? האָט א ביסעל אויפגערודערט די שטאָדט, אָדער, ווי פישעל

ליבע „נשרפים“. פע, דאָס איז נישט קיין תכלית! מע בעדאַרף זעהען, אז כתרילעווקע זאָל בלייבען כתרילעווקע! אָט אויף וואָס מע האָט זיך געבראָכען די קעפּ.

פון די אַלע פלאַם־פייעריגע און הארץ־רייסענדיגע בריעף, וואָס מע האָט צעשיקט בכל תפוצות ישראל, האָבען זיך אָנגערופען סך־הכל א פּאָר שטעדטלעך, אויך אַזעלכע אָרעמע, ווי כתרילעווקע, און האָבען אריינגעשיקט ווער א ביסעל ברויט, ווער אַלטע מלבושים און ווער עטליכע קערבלעך מזומנ׳ע, און געקלעקט האָט דאָס אויף איין צאָהן; די לאַנגע האָט אָנגעהויבען ווערען שרעקליך! ס׳איז געוואָרען אזוי ביטער, אַז מע האָט שוין אויפגעהערט וויינען און קלאָגען און אפילו קרעכצען. אזוי איז א מענש, וואָס האלט ביי דערפרוירען ווערען, הויבט אָן שטילערהייד אויסגעהן, אנשלאָפען ווערען אויף אייביג... אָט דאָ האָט זיך, ווי אַלע מאָל, בעוויזען רב יוזיפעל דער רב מיט זיין קראַפט, וואָס גאָט האָט אריינגעגעבען אינ׳ם דאָזיגען אַלטען שוואכען גוף, און ער האָט צונויפגעזאַמעלט איין אסיפה פון בעלי־בתים, און דוקא ער אליין מיט זיין אייגענעם כבוד, נישט געשיקט קיין שמשים און נישט פערקלייבען זיך אויבען־אָן, נאָר פּראָסט און פשוט אנידערגעשטעלט זיך און אָנגערופען זיך צום גאַנצען עולם בזה הלשון:

— הערט צו, אידישע קינדער, וואָס איך וועל אייך זאָגען. נישט איך זאָג עס, נאָר דער, וואָס לעבט אייביג, זאָגט עס אייך מיט מיינע זינדיגע ליפּען: זאָרגט נישט — איהר זענט באַווילינט! איך בין אייך מבטיח, אַז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין גוט. וואָס איז דער פּשט? דער פּשט איז אזוי: אמת, מיר זענען געשטראָפט געוואָרען מיט פייער, אָפּגעברענט געוואָרען אליין און פארברענט געוואָרען מיט די בתי־מדרשים, מיט די שוהלען, מיט הייליגע ספרים און אויך מיט לעבעדיגע נפשות, קליינע ברעקלעך קינדער, וואָס זענען נעבאך גאָט די נשמה שולדיג. אודאי איז דאָס א גרויסער, א ביטערער שטראָף, וואָס מסתמא האָבען מיר עס כשר פאַרדיענט ביי דעם, וואָס לעבט אייביג. נאָר שטאַרק טרויערען

מען אליין, אז קלויבען קלויבט מען די נגידים מיט די פיינסטע בעלי־בתים. נאר געהט, אשטייגער, זייט חכמים און מאכט א ג־עניין אין כתרילעווקע צווישען א נגיד און צווישען נישט־קיין־נגיד, צווישען א פיינעם בעל־הבית און נישט־קיין־פיינעם בעל־הבית! אז בסך הכל זענען אלע כתרילעווקער פיינע בעלי־בתים, און די נגידים אליין זענען אויך, עס זאל אייך צו קיין חרפה נישט זיין, כמעט ארעמע לייט! נאר אז מע וויל שמועסען נאך א מאל דאס אייגענע וויעדער צוריק, האט דאך יעדע שטאדט פארט איהרע „פני”. נארישקייטען! דעם בעדער מיט'ן וואסערפיהרער קאן מען דאך נישט שיקען. איז געבליבען, מען זאל אויסקלויבען די גבאים פון אלע שוהלען און פון אלע חברות, און דעם אלטען רב רב יוזיפעל, געוויינטליך, אויך בתוכם. און מע האט זיך צענויפגעפאקט די פעקלעך, מיטגענומען איטליכער זיין קלאפערגעצייג — די טלית־ותפילינס מיט די זאנטיקעס מיט די איבעריגע כלי־זיין, און מע האט געדונגען צוויי גרויסע בוידען — „בוכטעס”, און מע האט זיך גאנץ פיין אפגעזעגענט מיט דער שטאדט, וואס איז ארויסגעגאנגען בעגלייטען די אויסדערוועהלטע, געווינשעוועט, זיי זאלען מצליח זיין — און מע האט זיך אין א גוטער שעה א מזל־דיגער געלאזט אין וועג אריין.

צוויי מעת־לעת האבען זיך אונזערע אויסדערוועהלטע געטרייסעלט אין די „בוכטעס” איבער דער גנהארטעוועטער בלאטע, איבערגעחאפט דעם אטהעם אויף א קליינע צייט נאר דעמאלט, ווען מע האט בעדארפט אפשטעלען זיך ערגיץ אין א קרעטשמע דאוונען, אדער עפים נעמען אין מויל אריין, אדער אונטערפאשען די פערד — און ערשט אויפ'ן דריטען טאג האט מען זיי, צעבראכענע, צע'הרג'עטע, אויסגעמוטשעטע, געבראכט צו פיהרען צו דער באהן, און די אויסדערוועהלטע האבען זיך א לאז געטהאן צו דער קאסע אלע מיט א מאל אויף דערשטיקעניש און גענומען בילעטען. דער עולם, וואס אויפ'ן וואקזאל, האט זיי אפנעטרעטען דעם וועג, געזאגט מיט ליצנות: „לאז זיין שטיל — כתרילעווסע פאהרט!”

דריקט זיך אויס אין איינער פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, „גע־מאַכט פון איהר אַ געפּרעגלעכטס“. אויף דער דאָזיגער נסיעה האָבען זיך געפונען אין כתרילעווקע אַ סך, אַ סך בעלנים. אַלע, די גאַנצע שטאָדט כמעט, איז געוועזען גרייט צו פאָהרען! איטליכער האָט געוואָלט די מצוה, און אפשר טאַקי פשוט — זיך אַ ביסעל דורכלופטערען, דורכטרייסלען די ביינער, — מע ווערד פערשימעלט און פערקליאַנעט, זיצענדיג אויף איין אָרט. ביי איטליכען מענשען איז פאַרהאַן אַ יצר־הרע, וואָס רעדט־אָן; עס ווילט זיך אַמאָל אָנקוקען אַ וועלט, זעהען זיך מיט מענשען און ברענגען נאָכדעם אהיים צו פיהרען נייעס, פּעק מיט נייעס. און באמת טאַקי, וואָס קאָן זיין נאָך מעהר איינגענומען פון דעם, וואָס אַז איהר קומט צו פאָהרען פון ערגיץ אהיים, שטעקט מען אייך פון אַלע זייטען שלום־עליכמס, איטליכער שטופּט זיך, וויל אייך זעהען, אַ קוק טהון גלייך אין פּנים אריין? דאַכט זיך, וואָס? אַ פּנים ווי אַלע פּנימ'ער, נאָר פאָרט אַ בא מן הדרך, פאָרט איין אַנדער פּנים! און אַז איהר רעדט, דערצעהלט נייעס פון וועג, חידושים פון דער גרויסער שטאָדט, קוקען אייך הונדערטער מענשען אין פּנים אריין, שלינגען מיט דאָרשט אייערע ווערטער, און איהר שטעהט, קיין עין־הרע, פאַר אַזאַ עולם און דערצעהלט, און דערצעהלט, און איהר בעקומט מיט אַ מאָל אַ מאָדנעם חן ביי אַלעמען אין די אויגען. איהר ווערד אַ גאַנצען „יש“ אין שטעדטעל, איין אָדם, אַ העלד אויף עטליכע טעג. אמת, די עטליכע טעג געהען־איבער און דער העלד ווערד אפילו באַלד אויס העלד, ווערט־אָן דעם גאַנצען חן און ווערד דער אייגענער כתרילעווקער, וואָס אַלע; פון דעסט־וועגען, ווער וויל דאָס נישט זיין קיין העלד? אויף אַ שעה — און דאָך אַ העלד! נאָר, צוריק שמועסענדיג, איז דען מעגליך, אַז אַ גאַנצע שטאָדט זאָל זיך אויפהויבען און זיך לאָזען אויף דער וועלט? לכן איז געבליבען, מע זאָל אויסקלויבען אַ דעפּוטאַציע פון עטליכע געצעהלטע מענשען. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אויף דאָס ניי: מי ומי — וועמען קלויבט מען אויס? דאָס פערשטעהט

קעפּ אויף קעפּ! און אַלץ אַזעלכע פּראָסטע נפשות, אַרבייטער, מיט גרויסע, מאָדנע שמעקענדיגע טאָרבעס אויף די פּלייצעס, און מיט נאָך מעהר מאָדנע שמעקענדיגע לאַפּטיעס אויף די פיס, און דערצו רויכערען זיי זיך אונטער מיט אַזאַ מין טיטון, וואָס מע קאָן דערוואָרגען ווערען. נישטאָ וואו צו זעצען זיך. וואו זיי האָבען זיך נישט געגעבען קיין קעהר, געוואָלט זיך אַנידערזעצען, האָט מען זיי דורכגעטריבען: „פּאָשלאָ־וואָן, פּאַרחאַטיע, זאַניאַ־טאָ!" אויף אונזער לשון הייסט דאָס: „זייט זשע מוחל, רב איד, ס'איז פערנומען"... דורך פערנומען! אפילו דאָרט, וואו ס'איז נישט פערנומען, איז אויך געווען פערנומען... און די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען, מחילה, געמוזט שטעהן אויף די פיס, זיך צענויפגעשלאָגען אַלע אינאיינעם אין אַ ווינקעל, ווי די שעפּעלעך, אַ ביסעל זיך געקוועטשט און געשטיקט, געשטיקט, און אַלץ גע־רעדט, גערעדט מיט הענד, און הויך אויף אַ קול, און אַלע אינ־איינעם, ווי געוויינטליך.

און גערעדט האָט מען, פערשטעהט זיך, פון דער באַהן, פון היינטיגע פּאָהרעכטסען, מבטל געווען, געמאַכט פּשוט אַ תל פון די שענע המצאות, וואָס מע האָט היינט אויסגעטראַכט, שטאַרק געבענטשט נאָך דער כתרילעווקער בוכטע, וואָס חאָטש דאָרט איז אויך גאָר נישט פויגעלדיג, דאָך נישט אַזוי פּאַסקודנע, ווי דאָ...

— נאַראָנים! — אַזוי האָבען זיך געשמועסט אונזערע מפונקים. — טפּשים! משוגעים האָבען אויסגעקלערט אַ באַהן! אַ טאַרעראַם! אַ טערעבענדע — חאַ־חאַ!

און דאָרטען, אין די הויכע פענסטער, זיצען הונדערטער טויזענדער געלעהרטע, אויפגעקלערטע מענשען, איינגעבויגען אין דרייען, סקריפּען מיט די פּעדערס, שרייבען, מאָהלען, קלאָפּען דע־פּעשען, ברעכען זיך די מוחות, טראַכטען צו אַלע מאָל נייע המצאות, ווי אַזוי מע זאָל בעסער פאָהרען, בעסער, גיכער, און ביליגער, האַלטען שוין ביי לופט־שיפען, אעראָפּלאַנען — און זיי ווייסען

און ווער שמועסט כריסטען — די האָבען זיך אָפּגעשטעלט, מיט דרך־ארץ בעטראַכט די דאָזיגע אידעלעך, וואָס האָבען אַלע אינ־איינעם נערעדט אין איין אָטהעם, און הויך אויף אַ קול, און גע־מאַכט בשעת מעשה מיט די הענד. און אַז ס'איז געקומען צום ערשטען קלונג, אַז מע האָט זיך בעדאַרפט זעצען אין די וואַגאָנעם אַריין, איז צווישען די אויסדערוועהלטע געוואָרען אַ גוואַלד, מיט אַ בהלה, מיט אַ שטופּעריי, אַ לויפעריי מיט אַ געפּילדער, מיט אַ געשריי: „לייזער! לאָזער! חנניה! מיכאל!" — דער זשאַנ־דאַרם האָט אַ קוק געגעבען אויפ'ן סטאַראָזש מיט אַזעלכע אויגען, אַז דער סטאַראָזש האָט זיך נעבאַך געמוזט פערשטעלען דאָס גע־שטופּעלטע פּנים מיטביידע קולאַקעס, מע זאָל נישט זעהען, ווי ער לאַכט מיט'ן גאַנצען ברייטען מויל און שטשירעט די גרויסע ווייסע צייהן, און ארויסגעלאָזט האָט ער בשעת מעשה אַ קוויטש: „יאַק וואָראָני זליטאַליסיאַ זשידי!" — און ביי דער „בריגאַדע" האָבען די כתרילעווקער בעלי־בתים גאָר ווינציג אויסגענומען. די קאָנדוקטאָרעס האָבען זיי אַריינגעשטופּט אַלעמען אין אַ בעזונ־דערען וואַגאָן, צווישען פּראָסטען עולם, זיך בעגאַנגען מיט זיי עפּים נישט אַזוי, ווי מיט פיינע בעלי־בתים, גבאים, דעפּוטאַטען, וואָס פאָהרען מכח אַזאַ וויכטיגען ענין לטובת הכלל... און דאָ, אין דעם וואַגאָן, האָט זיך פאַר אונזערע אויסדערוועהלטע שוין אָנגעהויבען אַ צעטעל פון צרות מיט אַנגסטען מיט יסורים מיט בזיונות — דער אמת'ער גלות.

ראשית חכמה, זענען זיי אַריין אין וואַגאָן, וואָס, אַז ס'זאָלען דאָרט נישט זיצען קיין מענשען, מענשען מיט מענשליכע פּנים'ער, וואָלטען זיי זיכער מיינען, אַז מע האָט זיי אַריינגעלאָזט, מחילה, צווישען דברים־אחרים. די בלאָטע איז געווען אַזוי גרויס, דער רויך איז געווען אַזוי בלוי, און געשמעקט האָט דאָרט אַזוי געדיכט, אַז אונזערע כתרילעווקער בעלי־בתים, וואָס זענען אַליין אויך נישט פון די גרויסע מפונקים, האָבען דערפיהלט, אַז עס ווערד זיי ענג אין האַלז אויף צו חלש'ען! היינט די ענגשאַפט, וואָס דאָ איז!

און נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, שוין העכער מיט אַ טאָן:

קאסטיושקינא מאט
סאָביראַלאָס פּאָמיראַט —
סאָביראַלאָס פּאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דאראָם וורעמיאַ פּראָוויעלאַ!

און טאַטי נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, נאָך העכער און נאָך ניכער:

קאסטיושקינא מאט
סאָביראַלאָס פּאָמיראַט...

און אַזוי ווייטער, אָהן איין אויפהער, ווי אַ מאַשינע.

מילא, איז דאָס געווען אַ שכן חאָטש אַ פרייליכער. פון דער אנדערער זייט אָבער האָט גאָט מזכה געווען רב יוזיפלען מיט אַ נפש, איינעם אין אַ באַראַשקענעם פּעלץ, איז ער געווען בייז, אָנ־גע׳ברוגז׳ט אויף דער גאַנצער וועלט, און געהאַלטען אין איין שפּייען. יעדער שפּיי, וואָס ער האָט געטהאָן, איז געווען מיט אַזאַ רציחה, גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם דאָ דער׳רגזנ׳ט מיט איין איבעריג וואָרט. אַ גליק, וואָס רב יוזיפעל האָט דאָס נישט בעמערקט. רב יוזיפעל איז געווען גאָר נישט בהאי עלמא. זיינע מחשבות זענען געווען ווייט פון דאַנען, דאָרטען ערגיץ אין דער גרויסער שטאָדט, אַזש ביי די „גדולים"...

ווי אַלע כתרילעווקער אידען, האָט אונזער רב יוזיפעל גע־לעבט אין עולם־הדמיון, ארומגעגאַנגען שטענדיג אין הרהורים, אין פאַנטאַזיעס. האָט איהם די פאַנטאַזיע דאָ אויפגעחאַפּט אויף די פליגלען און האָט איהם אַוועקגעטראָגען גלייך אַהין, צום גרעסטען פון די „גדולים"... עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ פּאַלאַץ אַ גרויסער מיט גילדענע כלים... אויבען־אָן, אויף אַ שטוהל, זיצט דער גביר אַליין... דערזעהענדיג אידען, שטעהט אויף דער גביר און גיט זיי אַ שלום און פרעגט זיי, וואָס איז זייער באַגעהר? שטעלט

נאַרנישט, עס חלום'ט זיך זיי אפילו נישט, אז דאָ, אין וואַגאָן, פאָהרען אַ בינטעל כתרילעווקער בעלי־בתים, פאַרשטעהער פון שטאָדט, און קריטיקירען, זענען מבטל, מאַכען אַ תל פון אלע זייערע המצאות און אויפטהועכצען, און דוקא אויף אַ קול, בפרהסיה...

לאָז זיין שטיל — כתרילעווקע פאָהרט!

קאַפּיטעל ז.

כתרילעווקע צווישען די „פעלקער".

אונזערע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען זיך אזוי לאנג געשליפען די צינגלעך, געמאַכט חוזק איבער די באַהנען און איבער אלע אנדערע היינטיגע אויפטהועכצען, ביז ס'איז זיי נמאס גע־וואָרען און זיי האָבען אָנגעהויבען ארומקוקען זיך אויף אלע זייטען און אויסקוקען ערטער, און, געוויינטליך, קודם־כל איין אָרט פאַר'ן אלטען רב רב יוזיפעל, וואָס איז שוין געווען נעבאך שטארק אויס־געמוטשעט פון דער נסיעה. און גאָט האָט זיי נעהאָלפען, זיי האָבען דעם אָרט געפונען און האָבען בעזעצט דעם רבי'ן נעבען איינעם אַ פּאַרשוין, אַ רעכטען חברה־מאַן מיט אַ רויט העמדעל איבער די הויזען און מיט אַ האַרמאָניקע אין די הענד. אַ ביסעל איז דער חברה־מאַן געווען מבוסם'דיג, דאָס הייסט, טאַקי רעכט בגילופין, אונטער'ן גלעזעל, מיט איבערגעקעהרטע אויגען, גע־שפּיעלט אויף דער האַרמאָניקע און געזונגען בשעת מעשה זעהר אַ שען לידעל:

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאָביראַלאַס פאָמיראַט —
סאָביראַלאַס פאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דאַראָם וורעמיאַ פּראָוויעלאַ!

— אפנים, אז דער ערל האָט שוין היינט געמאַכט „שהכל נהיה בדברו“, — בעמערקט איינער פון אונזערע כתרילעווקער, און דער אנדערער חאַפּט איהם אונטער אויף לשון־קודש:

— מע זעהט דאָס ארויס בחוש פון די עינים.

— א כוס’ע און דוקא א גרויסע! — שטעלט־אריין א דריטער צום גראָם.

— יאָ, ער איז מלא! — רופט זיך אָן נאָך איינער און קוקט כלומרשט נישט אויף איהם, נאָר אויף דער סטעלי, און נאָך איינער ענדיגט דעם פּסוק:

— וגדוש על כל גדותיו... — און קראַצט זיך אונטער’ן קאָל־נער.

— געפעלט אייך דער ניגון וואָס ער דבר’ט?

— א חסיד’יש ליעדעל מסתמא.

— מיט קלוגע ברבורים!

— טיעף — שכל’דיג! די אמי פון קאַסטיושקינא איז שיער נישט מת געוואָרען. א קלייניגקייט!...

אפילו רב יוזיפעל, וואָס איז ווייט פון ליצנות, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און איז א בעלן געווען א פרעג טהון מיט א שמייכעל ביי זיינע כתרילעווקער אידען: וואָס בעדייטען די דאָ־זיגע משונה־מאָדנע ווערטער פונ’ם ליעדעל? האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט איהם גענעבען צו פערשטעהן דעם פּשט:

— ס’איז געווען, פאַרשטעהט איהר, איינער, אפּנים, א קאַס־טיושקע, א מענטש, וואָס מע האָט איהם גערופען קאַסטיושקע, האָט דער דאָזיגער קאַסטיושקע געהאַט א מאַמע, האָט זיך די דאָזיגע מאַמע, זאָגט ער, געקלויבען שטאַרבען, און איז נישט געשטאָרבען...

רב יוזיפעל לעגט־צו קאָפּ, נאָר ער פערשטעהט נישט דעם שכל, וואָס דאָ שטעקט? וואָס הייסט — זי האָט זיך געקלויבען שטאַרבען? שטאַרבען איז דען געווענדט אָן דעם מענשען? בעל־כרחך אתה מת — איבער נויט שטאַרבט מען...

זיך אַרויס ער אַליין טאַקי, רב יוזיפעל הייסט דאָס, און זאָגט איהם: דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי... און ער לייענט איהם אַ צעטעל פון כתרילעווקע מיט איהרע אידען און מיט זייערע צרות, ווי אומגליקליך זיי זענען נעבאַך פון תמיד אָן, ובפרט אַצינד, נאָך דעם גרויסען חורבן... און דער גביר האָרכט־אויס די גאַנצע מעשה ביז׳ן סוף און שטעהט־אויף און געהט־צו צו דער שאַפע און נעמט־אַרויס אַ היבשע פּויטיקע, און רופט זיך אָן צו איהם, צום רב הייסט דאָס:

— ווי מיינט איהר — עס וועט זיין גענוג?

— שייך זאָגען גענוג? — ענטפערט איהם רב יוזיפעל און רעדט צו זיך אַליין, מאַכט בשעת מעשה מיט די הענד, מיט די אויגען און מיט׳ן שטערן און זעהט גאָרנישט, אַז אַקעגען איהם, אויף דער באַנק, זיצען פאַרשוינען, פערשיעדענע פּנימ׳ער, צווישען זיי אויך נקבות מיט רויטע פּנימ׳ער, קנאַקען סעמעטשקעס, לאַכען נאַנץ געשמאַק און מאַכען חוזק פון אונזערע כתרילעווקער לייט אין די אויגען, קרימען איבער, ווי אַזוי זיי רעדען און ווי אַזוי זיי מאַכען מיט די הענד און ווי אַזוי זיי טרייסלען מיט די פּאות! און איבערהויפּט האָט מען זיך געמאַכט לוסטיג איבער איהם אַליין, איבער דעם אַלטען רב יוזיפלען מיט׳ן טיזליק און מיט׳ן שטריימעל.

דאָס דאָזיגע לאַכען מיט׳ן חוזק מאַכען איז אָבער געווען, ווי מע זאָגט, אָפּגעגעבען ברויט; די כתרילעווקער לייט פון זייער זייט האָבען אויך נישט געשוויגען. זיי האָבען געקריטיקירט, גע־פּראַוועט ליצנות צווישען זיך איבער די דאָזיגע פריילינע פאַר־שווינדלעך, און איבערהויפּט — איבער דעם חברה־מאַן, וואָס מיט׳ן רויטען העמדעל, מיט דער האַרמאָניקע און מיט דעם שענעם ליע־דעל, וואָס סע ווערד איהם גאָר נישט נמאס איבער׳חזר׳ען זיעבען הונדערט מאָל אַלץ די אייגענע ווערטער: „קאַסטיושקינאַ מאַט סאָבּיראַלאַס פּאָמיראַט — סאָבּיראַלאַס פּאָמיראַט”...

— שלום־עליכם ! — רופט זיך אָן פּלוצים אַ פרישער פּאַר־שוין, גלייך ווי פון הימעל אַראָפּגעפּאַלען. — פון וואַנען פאָהרען דאָס אידען און וואוהין ? און וואָס האָט איהר זיך פאַרקלויבען גאָר אַהער, צווישען אָט די דאָזיגע ?... קומט צו אונז, אין אונזער וואַגאָן אַריין. דאָרטען וועט איהר חאָטש זיין צווישען אונזעריגע, צווישען אייגענע...

קאַפּיטעל ח.

כתרילעווקע צווישען „אייגענע”.

ווי פיש, נאָר־וואָס געחאַפּטע אין דער נעץ און אַריינגעלאָזטע צוריק אין טייך אַריין, — אַזוי האָבען זיך געפיהלט אונזערע כתרי־לעווקער דעלעגאַטען, אַז זיי האָבען זיך איבערגעפּעקעלט אינ׳ם אַנ־דערען וואַגאָן, צווישען „אייגענע“, צווישען אידען. מע קאָן נישט זאָגען, אַז דאָרט זאָל געוועזען זיין אַ סך ריינער און אַ סך גראָמער, ווי אינ׳ם ערשטען וואַגאָן. עס קאָן זיין, אַז דאָ, אויפ׳ן נייעם אָרט, איז זיי געווען נאָך ערגער, וואָרום דאָרטען, אינ׳ם פריהעריגען וואַגאָן, איז דער עולם חאָטש געזעסען אַ סך אויף דער ערד, נישט געהאַט קיין איבעריגע פּעקלעך. אַ טאָרבע מיט אַ פּאָר שטיוועל — און אַיין עק. און דאָ, אויף דעם נייעם אָרט, צווישען אידען, איז געווען דער טומעל אַ סך גרעסער, די ענגשאַפט אַ סך ערגער, און איבער די פּעקלעך איז נישט געווען, וואו זיך אַ קעהר צו טהון.

דאָס איז ידוע, אַז יעדער איד האָט מיט זיך אונטערוועגס נישט ווינציגער ווי צוויי־דריי פּעקלעך, און ווייבער האָבען, אחוץ די פּעקלעך, אויך קישענס מיט קאָלדרעס מיט שמאַטעס. פון דער וועלט שמאַטעס. אין וועג זעהען דעריבער אידען אויס נישט נאָר ווי רייזענדע אַליין, נאָר ווי וואַנדערער, ווי עמיגראַנטען, וואָס פאָהרען־אַריבער ערגיץ זעהר אין אַ ווייטע מדינה, דאָרט וואו ס׳איז נישט צו קריגען פאַר קיין געלד נישט קיין קישענס, נישט קיין קאָלדרעס, נישט קיין שמאַטעס... און זיי פיהלען זיך דערפאַר

— עם הדומה לחמור! פון וועמען רעדט מען? — רופט זיך אָפּ איינער פון די אויסדערוועהלטע און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט אויף דער חברה פון אויבען אראָפּ, און באַלד בעקומט ער א קאָמפּלימענט פון איינעם פון דער חברה, וואָס קרימט זיך נאָך, ווי אַזוי אידען דאַוונען, דאָס הייסט: ער שלאָגט זיך מיט דער האַנד אין הארצען אריין און זאָגט מיט א מאָדנעם ניגון: „טאַטעלי! מאַמעלי! טאַטעלי! מאַמעלי!" — און דער גאַנצער איבעריגער עולם ווערד צעשמאָלצען פאַר געלעכטער.

— מע לאַכט דאָס אָפּ פון אונז! מע לאַכט פון א אידען! אומעטום מאַכט מען פון אונז חוזק! — מאַכט איינער פון די אויסדערוועהלטע מיט א זיפץ און ווינקט מיט'ן קאָפּ צום רבי'ן, און דער רב רב יוזיפעל קוקט אויף יענעם נפש, ווי ער ווארפט זיך און ווי ער קרימט זיך.

— נישט פון אונז לאַכט ער, קינדעניו, — זאָגט רב יוזיפעל, — פין זיך לאַכט ער אָפּ, פון זיך אליין! פון אונז איז נישטאָ וואָס צו לאַכען, נשמה מיינע; פון אונז דארף מען וויינען און זיך א מוסר אראָפּנעמען, א מוסר: וואָס מיר זענען־געוועזן און וואָס מיר זענען געוואָרען...

און רב יוזיפעל דערצעהלט דערביי זעהר א שענעם משל, געוויינטליך, מיט א מלך, און דער עולם הערט־אויס דעם משל, עס קאָן זיין, נישט דעם ערשטען מאָל, און יענער חברה־מאַן, וואָס מיט'ן אראָפּגעלאָזטען רויטען העמדעל און מיט דער האַרמאָניקע, לאָזט זיך אַראָפּ אַלע מאָל נידעריגער און נידעריגער מיט א האַלבען טאָן (אפנים, ס'איז איהם שוין אליין אויך נמאס געוואָרען):

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאָביראַלאַס...
פּאָמיראַט...
פּאָמיראַט... פּאָמיראַט...

— זוייסט איהר, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען? איך האָב מורא, אַז איהר זענט נישט קיין גלעזערנער...

און אַז סע מאַכט זיך אפילו אמאָל, אַז צוויי אידען צעאַמפּערען זיך שוין גאָר איבער זיין אָרט אין וואַגאָן, הויבען זיי אָן שיטען איינס אויפ׳ס אַנדערע מיט ליצנות און שטעכווערטלעך:

— זייט־זשע מוחל, פעטער, דאָס איז מיין אָרט.

— טאַקי באמת? מיט וואָס איז דאָס אייער אָרט, למשל?

— ווייל דאָ בין איך געזעסען.

— וואָס־זשע, איהר האָט דאָ שבת געהאַלטען? צי עס שטעהט אויפגעשריבען אויף דעם אָרט: „זה המקום שייך״?...

און דער זיצענדיגער פּאַרשוין פוילט זיך נישט, הויבט זיך אויף און זוכט אויפ׳ן אָרט די אויפשריפט: „זה המקום שייך“. ווערד צווישען עולם אַ געלעכטער, פערדריסט דאָס דעם שטעהענדיגען פּאַרשוין און ער רופט זיך אָן צום זיצענדיגען:

— איהר זענט, דאַכט מיר, שוין אַ ביסעל צו דאָסיג.

— צו וואָסיג? — פרעגט איהם דער זיצענדיגער, און דאָס געלעכטער צווישען עולם וואַכסט. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע גיט זיך איין עצה: מע ענגט זיך אַ ביסעל, מע רוקט זיך צענויף און מע מאַכט איין אָרט פאַר׳ן שטעהענדיגען. ממה־נפשך, עס זיצען, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל אידען, וועט זיצען נאָך איינער... און די דאָזיגע צוויי, וואָס האָבען זיך נאָר־וואָס געווערטעלט, בלאָזען זיך נאָך אַ קליינע ווײלע, נאָכדעם נעמט מען זיך צו די זייגערס: וואו האַלט ביי אייך דער זייגער? אָדער מע קוקט אין פענסטער ביידע: ווייסט איהר נישט, ווי אַזוי הייסט די סטאַנציע? און מע מאַכט אַ שמועס פון סטאַנציעס און פון באַהנען און פון געשעפט — און עס געהט אַוועק, ווי אַ מזמור. דער פרישער פּאַר־שוין, וואָס קומט־אַריין און טרעפט די צוויי, מיינט ער, אַז דאָס זענען אָדער צוויי שותפים, אָדער קרובים, אָדער מחותנים, אָדער אַזוי גוטע פריינד פון איין שטאָדט...

אומעטום, ווי ביי זיך אין דער היים. אידען, וואוהין זיי זאָלען נישט פאָהרען, פיהרען זיי, ברוך־השם, מיט זיך זייער היים, זייער „געטאָ“ מיט זייער גלות, און דערפאַר, אפּנים, האבען זיי אומע־טום און אַלע מאָל טאַקי זיין פּנים, בייטען זיך אזוי גיך נישט איבער און פיהלען זיך גוט נאָר דעמאָלט, ווען זיי זענען אַלע איינ־איינעם. און די וועלט טהוט זיי צוליעב: איהר ווילט איינ־איינעם — זייט אייך אינאיינעם...

אריינגעטראָטען אינ׳ם נייעם וואגאָן און דערזעהען, אז מען איז אין דער היים, צווישען „איינענע“, האָבען זיך אונזערע אויס־דערוועהלטע צעלעגט, ווי ביי׳ח טאַטען אין ווייגגאַרטען, אַוועק־געלעגט זייערע פעקלעך אויף יענעמ׳ס פּעקלעך, זיך געזעצט גאַנץ נאָהענט איינס נעבען דאָס אנדערע, געבעטען יענעם זיך א ביסעלע א רוק טהון, און קוים אריינגעחאַפּט זיך, מאַכט שוין נישט אויס, מענ מען שוין יענעם אַ ביסעל צוקוועטשען, און פאַר וואָס טאַקי נישט איגגאַנצען ארויסקוועטשען?... מען איז דאָך צווישען „איי־גענע“, צווישען אידען!...

און האָט קיין יסורים נישט: מע וועט זיך, חלילה, נישט קריעגען, נישט זידלען איבער אזעלכע נארישקייטען. ווערטלעך־זאָגען, געבען יענעם אָנצוהערעניש — דאָס מהכתיתי. צום ביי־שפּיעל: אז איינער טרעט־אָן דעם אנדערען רעכט אויפ׳ן פּוס, טהוט יענער א שפּרונג־אונטער און אַ זאָג כלומרשט אזוי, פערביי־געהענדיג:

— אוי האָט איהר, קיין עין־הרע, א האַרטען טראָט, פעטער!

אָדער אז איינער שטעלט־אַוועק זיין טשעמאָדאַן כמעט גלייך אויף יענעמ׳ס פּלייצע, מאַכט יענער חוזק נישט איבער איהם, נאָר איבער׳ן טשעמאָדאַן, און טהוט זיך א זאָג אונטער דער נאָז:

— הערט איהר? אייער טשעמאָדאַן האָט, אַפּנים, קיינמאָל נישט געקרענקט.

אָדער אז איינער פערשטעלט דעם אנדערען די שיין, טהוט ער איהם א זאָג:

א רעדער־שמירער, א שווארציאָהר, אבי אינ׳ס נ׳עשטאלט פון א מענשען. און א כח האָט ער: ווער ס׳זאָל נישט זיין — מוז ביי איהם ווערען רעדעוודיג. סיידען א געבוירענער א שטומער. מחמת ער ווייסט, פערשטעהט איהר מיך, פון וואָס און ווי אזוי מיט וועמען אָנהויבען צו רעדען. און רעדען וועט ער מיט אייך פון וואָס איהר ווילט, כמעט קאָן מען זאָגען, אז ס׳איז נישטאָ אזא זאך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט וויסען, און נישטאָ אזא מענש אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל איהם נישט קענען. מיט אזעלכע איז א פערגעניגען צו זיצען אין איין וואגאָן. דערצו איז ער גלאט א גוטער מענש. איין אָפּענהערציגער און זעהר א צו־געלאָזטער. ער מעג אייך זעהען דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען, איז ער גרייט צוליעב אייך פון דעסטוועגען געהן, וואוהין איהר ווילט: אפשר ווילט איהר צו דער קאסע נאָך א בילעט? אָדער העלפען אייך צענויפפאקען די זאכען? — מיט׳ן גרעסטען כבוד! ער וועט אריינקוקען דערווייל צו אייך אין פעקעל אריין, אָפּשאצען, וואָס איז ווערטה אייער טשעמאָדאנדעל, אָדער אייער פעלץ, אָדער אייער זיינער, אויסרעכענען אייך פינקטליך, אין וואָסער שעה און וויפיעל מינוט איהר דארפט קומען אהיים, און וואָס וועט אייך קאָסטען דער באגאזש, און געבען אייך איין עצה, ווי אזוי, אויף וואָסער וועג, איהר זאָלט פאָהרען, און וואו איהר זאָלט זיך אָפּשטע־לען. בשעת־מעשה וועט ער אייך האלטען ביי א קנעפעל, אָדער בויערען אייך מיט׳ן פינגער א לעכעל, און דאָס קאפעלישעל האלט שוין ביי איהם . ט, און די בעקלעך פלאמען, און די אויגען ברענען. גלייך ווי ער טהוט זעהר א נויטיגע זאך. מיט איין וואָרט — דאָס איז געווען אזא מין פארשוין, וואָס ביי אונז רופט מען איהם:

„א איד וואָס קאטאָרי”.

פאר אונזערע כתרילעווקער פאסאזשירען איז דער דאָזינער „איד וואָס קאטאָרי” געווען, קאָן מען זאָגען, א אָאזיס אין דער מדבר, א געזונד אין בויך, א זאלץ אין די ביינער. א קליינינ־קייט — זייער מיסיאָן, וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען! דאָס

לאָזען חכמים זיך וויצלען, וויפיעל זיי ווילען. לאָזען זיי צו־טראַכטען אַזעלכע שפּריכווערטלעך, ווי, למשל: „זיצען זאָל מען צווישען גויים, ליגען — צווישען אידען", „מיט אידען איז גוט נאָר קוגעל עסען", וכדומה. איך געה מיר מיט מיין גאַנג, אַז אידען, און נאָך כתרילעווקער דערצו, פּיהלען זיך צווישען איינענע אַ סך בעסער און אַ סך היימישער, ווי צווישען פרעמדע.

קאַפּיטעל ט.

„אַ איד וואָס קאַטאָרי".

דער מענש, וואָס איז ווי אַראָפּגעפאַלען פון'ם הימעל און האָט אַריבערגעפּעקעלט אונזערע דעלעגאַטען אהער פון יענעם וואַ־גאָן, איז געווען איינער פון יענע זעלטענע פּאַרשוינען, וואָס מע קאָן זיי זעהען נאָר אונטערוועגענס. אַז איהר בעגעגענט זיך מיט זיי, ווערד איהר באַלד חבר, אויסגעבונדען, גלייך ווי איהר זענט שוין מיט זיי בעקענט פון כמה וכמה יאָהרען. ווער ער איז — ווייסט איהר נישט. וואָס ער איז — ווייסט איהר אויך נישט. עס איז רעכט צו זאָגען, אַז ער איז אַ איד, אַ קרעמער, און עס איז רעכט צו זאָגען, אַז ער איז אַ מעקלער פון דער בערזע. נאָר ניכער פון אַלץ איז ער גאָר אַ שניידער, אַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע און דרעהט זיך ביי „פּראַוואָזשיטעלסטווע"...

אליין איז ער אַ מענש פון מיטעלמעסיגען וואוכס און מיטעל־מעסיגען שטאַנד, אַ שוואַרצער מיט אַ גלאַנץ פון אַרמענישען טיפּ, מיט אַ קליין בערדעל, מיט קליינע שוואַרצע אומרוהיגע אויגען, מיט'ן קאַפּעלישעל אהינטער — אַ ריהרעוודיגער, אַ לעבעדיגער פּאַרשוין, וואָס קאָן נישט זיצען אויף איין אָרט, מוז עפּיס טהון, ערגיץ געהן, מיט עמיצען רעדען. און איבערהויפּט — רעדען. רעדען — דאָס איז זיין וועלט. געפינט זיך אין וואַגאָן אַ איד — איז אודאי גוט. אלא נישט — איז אַ גוי, אַ סאָלדאַט, אַ פּריצה, אַ גלח. פאַר נויט איז גוט אַ קאָנדוקטאָר, איין אוויוועגהייצער,

זיי אלע, און וואלטען וועלען אריבערשטייגען, אריבערשפּרינגען, איינשלינגען איינס דאס אנדערע מיט די ביינער, זיי זאלען נאר קאַ־גען. און אלע רייסען זיי זיך ארויף, ארויף, טאנצען נאך גאר דעם גרויסען, דעם אמת'ען גדול, דעם ל י י ב צווישען די חיות... איך זעה נאך אייערע פּנים'ער, אז איהר ווייסט שוין, ווענען איך מיין... אזוי איז טאקי דער נאמען זיינער. און כשמו כן הוא... ער איז טאקי א לייב. א קעניג איז ער, א גביר, א גרויסער גביר, איין אדיר, א מיליאָנער. איהר ווילט וויסען, וויפיעל ער פאַרמאָגט? פרעגט גאר נישט. וויפיעל איהר זאלט אייך נישט פאָרשטעלען — פאַרמאָגט ער צוויי מאל, דריי מאל, צעהן מאל אזוי פיעל. ס'איז רעכט צו זאָגען — פופציג מיליאָן, און ס'איז רעכט צו זאָגען — זיעבעציג. און אז איהר וועט מיך שטאַרק בעטען, איז אפשר טאקי אלע הונדערט. אהין דאַרפט איהר זיך דערשלאָגען שוין צום סוף, אז איהר וועט פאַרטיג ווערען מיט אלע איבעריגע גדולים. ווייל איהר ווילט דאָך מסתמא א גראָבס, א מנה יפה. און וויבאלד א מנה יפה, איז נאר ביי איהם. וואָרום וועט איהר איהם טרעפען אין דער גוטער מינוט — איז נישט שייך צו זאָגען. ביי איהם געבען א נדבה א טויזענד, און פופציג טויזענד, און הונדערט טויזענד — איז טפו! אָדער שא! ווייסט איהר גאר וואָס? איך וועל אייך געבען א בעסערע עצה.

דאָ האָט זיך דער „איד וואָס קאַטאָרי" פערטיעפט אין מחשבות, נאָכדעם האָט ער זיך אָנגענומען ביי'ם בערדעל און אָנ־גערופען זיך, ווי א מענש, וואָס איז געפאַלען אויף זעהר א גליק־ליכע אידעע:

— הערט־זשע אויס, מיינע ליעבע אידען, וואָס א י ך וועל אייך זאָגען. ביי אייך איז, זאָגט איהר, אָפּגעברענט געוואָרען דאָס גאַנצע שטעדטעל? דאַרפט איהר דאָך געהילץ אויף בויען הייזער? האָט ער א וואלד, טאקי נישט ווייט פון אייערע מקומות, אָבער א וואלד, ווי זאגט איהר, מיט בוימער! וואָס פאַר א ווערדע

ערשטע מאָל אין אַ פרעמדען אָרט, אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, וואָס זייער באָבע׳ס באָבע איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען אין חלום אפילו! מע ווייסט נישט, וואו אַ טהיר עפענט זיך, און מע פאָהרט מכח אַזאַ ענין, אַזאַ הייליגע זאַך!...

איך דער פאַרשוין האָט זיך מחיה געווען מיט זיי, ממש דער־קוויקט זיך. געוואָהר געוואָרען, וואוהין, צו וועמען און צוליעב וואָס זיי פאָהרען, האָט ער זיי בעשאָטען מיט עצות, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך נוהג זיין פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי וועלען אָנ־קומען אויפ׳ן וואָקזאַל, ביז זיי וועלען זיך צושלאָגען צום פונקט, וואָס זיי בעדאַרפען. און די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען איהם געקוקט אין מויל אַריין, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געשלונגען איטליכס וואָרט זיינס.

— איהר פאָהרט, מיינע ליעבע אידען, — האָט ער איינגע־טענה׳ט מיט זיי געטריי, ווי אַ פאָטער, געשמייכעלט און געגלעט זיך דאָס בערדעל, — איהר פאָהרט, מיינע ליעבע אידען, וועגען זעהר אַ וויכטיגען עסק. מע קאָן זאָגען, אַ הייליגע זאַך, הלואי איהר זאָלט נאָר מצליח זיין, און איהר וועט, אם ירצה השם, געוויס מצליח זיין. איך בין זיכער, אַזוי ווי מיר האָבען היינט יום גימל אויף דער גאַנצער וועלט. דער עיקר, איהר זאָלט וויסען, וואו אַיין און וואו אויס. די שטאָדט איז אַ גרויסע און אַ צעוואָרפענע. אַ גויישע שטאָדט, פאַרשטעהט איהר מיך. נאָר אידען זענען, קיין עין־הרע, פאַרהאַן, און דוקא רייכע אידען. דאָס הייסט, ס׳איז פאַרהאַן קבצנים אויך געגוג, אפשר מעהר קבצנים ווי נגידים. נאָר צו די קבצנים דאַרפט איהר דאָך נישט האָבען. קבצנים, זאָגט איהר, האָט איהר אַליין. עצתי, אַז געהן זאָלט איהר נאָר צו די גרויסע, צו די סאַמע גדולים. וועה זענען ביי אונז די סאַמע גדולים — ווילט איהר וויסען? נעמט, זייט מוחל, אַ שטיקעל פּאַ־פּיער מיט אַ בלייפעדער און פאַרשרייבט, וועל איך אייך זאָגען אַקוראַט מיט די אַדרעססים און מיט׳ן יחוס פון איטליכען באַזונדער. איך קען זיי, פאַרשטעהט איהר מיך, אויסגעבונדען. גדולים זענען

מע קאָן נישט זאָגען, אז דער דאָזיגער פירוש איז געווען פאַר אונזערע כתרילעווקער לייט אינגאַנצען פערשטענדליך. זיי האָבען נישט אויפגעהערט צו האַלטען אָפען מויל און אויהערען, און יענער האָט נישט אויפגעהערט צו גלעטען זיך דאָס בערדעל און לויבען אין טאָג אַריין די סאַמע גדולים, אויסגערעכענט זיי אַ גאַנץ צעטעל פון „גרויסע גדולים" און פון „קליינע גדולים'לעך", און אַלע מיט די נעמען און מיט די גאַסען און מיט די נומערען פון די הייזער, זיך אָפּגעשטעלט אַלע מינוט כמעט ביי יעדען איינציגען גדול מיט אַ קורצער נאָר אַ שאַרפער כאַראַקטעריסטיק, וואָס פון דעם אַליין וואָלט געקאָנט זיין אַ בעזונדער בוך, ווען דאָס זאָל זיין ביי אונז דער עיקר. נאָר אזוי ווי דער עיקר איז דאָך די מעשה מיט די כתרילעווקער נשרפים, לאָזען מיר עס דורך פערביי און קעהרען זיך אום צוריק צו אונזערע כתרילעווקער דעלעגאַטען אין דער גרויסער נישט־אידישער שטאָדט, וואו מיר האָבען זיי איבערגע־לאָזט סאַמע אין רעכטען אָנהויב פון זייער הייליגער ארבייט.

קאַפּיטעל י.

אין עולם התוהו.

דער עולם־התוהו, ווי עס ווערד בעשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים, — דאָס איז געווען די גרויסע שטאָדט מיט איהרע „גדולים" פאַר אונזערע אויסדערוועהלטע פון כתרילעווקע. די גאַנצע קונץ פונ'ם עולם־התוהו בעשטעהט אין דעם, וואָס דעם מענשען'ס נשמה בלאָנזעט אַרום אויף דער וועלט, איז אויסען אין אַלע ווינקעלעך, זעהט און הערט און פיהלט אַלסדינג, נאָר דער גוף איז דערביי נישט אויסען. צי מחמת גרויס אויפרעגונג פון די מעשיות, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט אין וואגאָן פונ'ם „אידען וואָס קאַטאָרי", אָדער אפשר ווייל זיי זענען דאָס ערשטע מאָל אַרוים אויף דער גרויסער פרייער וועלט — דאָס איז זיכער, אז זיי זענען נישט געווען בההאי עלמא. דאָס הייסט, די נשמה

האָט ביי אזא מיליאָנער איינטונקען די פּען און אוועקשרייבען א קוויטעל אין וואַלד אריין: „אבקש ליתן על חשבוני״?

און דער „איד וואָס קאַטאָרי״ טהוט א מאַך מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי דער גביר מיט דער פּען, און אונזערע כתרילעווער אויסדערוועהלטע געבען זיך ביי די ווערטער א הויב־אויף, און טרערען האָבען זיך אזש געשטעלט ביי זיי אין די אויגען. נאָר דאָ האָט זיי דער „איד וואָס קאַטאָרי״ א ביסעל אראָפּגעוואָרפען. ער האָט, אפּנים, פערשטאַנען, אז ער האָט זיי אריינגעגעבען א ביסעל צופיעל האָפּענונג, האָט ער זיך א גלעט געגעבען דאָס בערדעל און א זאָג געטהאָן צו זיי:

— איך דאַרף אייך אָבער זאָגען, מיינע ליעבע אידען, נאָך א מאָל דאָס אייגענע: עס ווענדט זיך אָן דעם, אין וואָס פאַר א מינוט איהר וועט איהם טרעפען... טאָמער, חלילה, טרעפט איהר איהם אויף דער לינקער זייט, בין איך אייך נישט מקנא. ער איז א מענטש, וואָס אַלע קוקען איהם אין מויל אריין, פאַרשטעהט איהר מיך, און איז אזוי גרויס, אזוי תקיף, ווי זאָגט איהר: „מה יעשה הבן״... אודאי ווען איהר זאָלט זיין נישט קיין אידען — עהע - הע!

די כתרילעווקער אויסדערוועהלטע זענען ביי די ווערטער גאָר מבולבל געוואָרען. זיי האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס מיינט דערמיט אָט דער מענש: וואָס הייסט — ווען זיי זאָלען נישט זיין קיין אידען? וואָס דען זאָלען זיי זיין — אנדרוגוניסען?... דער „איד וואָס קאַטאָרי״ האָט, אפּנים, געזעהען, אז זיי פערשטעהען איהם נישט, האָט ער גענומען זיי מסביר זיין:

— פאַרשטעהט איהר מיך, מיינע ליעבע אידען, דער מענטש איז זעהר גרויס, זעהר תקיף און שטאַרק אָנגענומען צווישען כריסטען. „גענערעלער״ קומען צו איהם אין שטוב אריין, זיצען מיט איהם אָט אזוי־אָ, ווי איך מיט אייך... נו, פאַרשטעהט זיך, אז וויבאַלד כריסטען זענען מיט א אידען אָט אזוי־אָ, וועט זיך א איד פאַר זיי מפקיר זיין...

„פּאַנגאַרעלצים", „שנאָרערס"... איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ שפּיצעכיגער נאָז און מיט צוויי קליינע בערדלעך, צעקעמט רעכטס און לינקס, האָט זיך געהייסען ווייזען אַ בוך.

— וואָסער בוך?

— דאָס בוך, וואו עס ווערען ביי אייך פאַרשריבען די נדבות.

דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט דער זקן, רב יוזיפעל דער רב:

— די נדבות, וואָס ווערען געגעבען אויף אונזערע נשרפים, ווערען פאַרשריבען מיט אַזאַ כתב און מיט אַזאַ לשון, וואָס נישט איהר און נישט מיר ווען דאָס קאָנען לייענען אפילו...

רב יוזיפעל האָט איצטיגס מאָל גערעדט פערשטעלט, אפילו מיט אַ בנעימות'דיג שמייכעלע, ווי אַלע מאָל, נאָר אין קול האָט זיך געלאָזט הערען אַ פערדראָס. רב יוזיפעל דעם רב איז נישט געגאַנגען אין דעם, וואָס מען איז זיי חושד בכשרים. ניין. איהם האָט געאַהרט די קאַלטקייט, וואָס האָט זיי בעגעגענט אומעטום, אין יעדער אידישער שטוב פון די דאָזיגע „גדולים". רב יוזיפעל איז געוועהנט געוואָרען ביי זיך אין כתרילעווקע, אַז אַ איד גיט אַ נדבה, עס מעג זיך זיין נאָר אַ פּרוטה, לאָז זיין אפילו אַ האַלבע פּרוטה, גיט ער זי מיט'ן גאַנצען האַרצען. וואָרום אחוץ, וואָס ער איז מחיה איין אָרעמאַן, אחוץ וואָס ער העלפט אַ נויטבעדערפ־טיגען, טהוט ער אַ גוטע זאַך און פ ע ר ד י ע נ ט אַ מ צ ו ה...

רב יוזיפעל דעם רב האָט געוואונדערט, וואָס צווישען די אַלע גדולים האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיי אָפּגעבען אַ אידישען, אַ פּשוט'ען, אַ היימישען שלום־עליכם. קיין איינער האָט זיך נישט געפונען, וואָס זאָל זיך נאָכפרעגען אויף כתרילעווקע, וואָס זאָל חאָטש ווען אויסהערען זייער אומגליק, זייער האַרץ, און האָבען זיי זיך נאָר געפּרובט אָנהויבען רעדען, אויסרעדען זיך, דערצעהלען וועגען דעם גרויסען חורבן, וואָס זיי האָבען איבערגע־לעבט, אַזוי האָט מען געעפענט דאָס בייטעלע, ווי איינער רעדט:

„נאַט אייך און געהט אייך געזונטערהייד"...

האָט זיך ביי זיי אַרומגעבאָמבעלט דאָ, צווישען די „גדולים", נאָר דער גוף איז געווען ערגיץ ווייס איך וואו, ווייט פון דאַנען.

פון דער ערשטער מינוט איז זיי געגאַנגען נישט כשורה, יעדענ־פאַלס — נישט אַזוי, ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט. געגאַנגען זענען זיי דוקא מיט א סדר, מיט א סיסטעם, לויט ווי יענער פאַר־שוין מיט די ברענענדיגע אויגלעך האָט זיי געלעהרענט און לויט די נומערען פון די הייזער מיט די נעמען פון די גאַסען, וואָס יענער האָט אויפגעגעבען. פריהער האָבען זיי אָנגעקלונגען צו די „קלענערע גדולים", דערנאָך צו די „גרעסערע גדולים", און גע־שטיגען וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער. מע קאָן נישט זאָגען, אַז זיי האָבען נישט מצליח געווען. נדבות זענען דוקא איינגעגאַנגען, אָדער, ווי זיי האָבען זיך נאָכדעם בעריהמט פאַר זייערע בתרילעווקער: „א רעגען פון נדבות האָט געגאָסען אויף זייערע קעפּ". אויב עס האָט באמת געגאָסען א רעגען פון נדבות — דאָס ווייסען מיר נישט. איינס איז זיכער, אַז ביי זיי אין דער היים זענען זיי צו אַזעלכע נתינות געווים נישט געוועהנט געוואָרען, און אַזעלכע מטבעות, ווי מע האָט זיי דאָ דערלאַנגט, האָבען זיי געזעהען דאָרטען סיידען אין חלום, איז דאָס — נישט אַלע מאָל... נישט מעהר, וואָס האָט זיי געקוועטשט? זיי האָט געקוועטשט נאָר איין זאַך: עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז זיי זענען נישט צווישען אייגענע... ווי ווילד־פרעמדע, ווי גאַנץ ווייטע האָט מען זיי אויפגענומען, אָפּגעגעבען זייערס און — האָט קיין פאַראיבעל נישט.

אַנדערע האָבען אפילו נישט געוואָלט אָנקוקען זייערע פּנים'ער, אַרויסגעשיקט זיי זייער נדבה נאָך איידער זיי האָבען אַריבערגע־טראָטען די שוועל. אַנדערע זענען נאָך געווען בייז אויך, נישט געלאָזט זיך אויסרעדען איין איבעריג וואָרט: „אָפּגעברענט גע־וואָרען? געהערט אַזעלכע זאַכען, איהר זענט נישט די איינציגע"...

עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען אָנגעשריגען אויף זיי, אָנגערופען זיי מיט עפּיס זעהר מיאוסע נעמען: „פלעכטלעך",

— שא, שא, קינדערלעך, לאָז זיין שטיל! — רופט זיך אָן רב יוזיפעל און טהוט א ציה דאָס גלעקעל פון דער טהיר, קוים־קוים, אויף וויפיעל עס ערלויבען איהם זיינע אכציג יאָהר.

קאַפּיטעל יא.

אין די הויכע פענסטער.

שטעהענדיג הינטען ביי דער טהיר ביי׳ם סאַמע גרעסטען פון די „גרולים”, ביי׳ם סאַמע „לייב פון די חיות”, האָבען אונזערע כתרילעווקער דעלעגאַטען געהאַט א געלעגענהייט א ביסעל צו פער־נעמען זיך מיט חקירה וועגען די הויכע פענסטער: וואָס טהוט זיך דאָרטען? אשטייגער, וואָס טהוען די „גדולים” ביי זיך אין די אַפּאַרטאַמענטען אין דער צייט, ווען הינטען ביי דער טהיר שטעהען און וואַרטען „קליינע מענשעלעך” מיט זייערע קליינע עסקים, געשעפטען, בקשות, פּלאַנען און חלומות? אפשר זיצען זיי דאָרטען בעת־מעשה איבער זייערע גרויסע געשעפט־ביכער, ברעכען זיך די מחות און זענען אַזוי פערטיעפט, אז זיי ווייסען גאָרנישט, וואָס אונטען טהוט זיך?... און אפשר זיצען זיי און קלערען, וואָס זאָלען זיי אויפטהון, מתקן זיין אויף דער וועלט מיט דעם כח פונ׳ם גאָלד, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי בעגליקט צוליעב דער טובה פון זייער פאָלק, אָדער פון דער גאַנצער מענש־הייט? און אפשר זיצען זיי גלאַט אַזוי צענויפגעלעגט די הענד, טהוען זיך אָן כל תענוגי העולם הזה, עסען און טרינקען און שלאָפען, ווי נאַנץ געוועהנליכע מענשען?

צייט אויף צו חקירה׳ן האָבען אונזערע דעלעגאַטען געהאַט גענוג: אויף דעם שוואַכען קלונג פונ׳ם אַלטען רב יוזיפעל האָט מען זיך נישט געהאַפּט זיי צו עפענען. זיי האָבען געהאַט צייט אויך אויף צו דורכשמועסען זיך וועגען דעם, ווי אַזוי מע זאָל זיך פאָרשטעלען פאַר׳ן „גדול שבגדולים” און ווער עס זאָל מיט איהם רעדען. זעלבסטפערשטענדליך, אז רעדען דאַרף מיט איהם דער

געוועהנט געוואָרען פון תמיד צו פערענטפערען יעדען אייג־ציגען, האָט רב יוזיפעל געזוכט צו געפינען א זכות אויך אויף די דאָזיגע „גדולים".

— מענטשען געפינען זיך אין אזא עולם־התוהו! — האָט ער זיך געטראַכט און געגאַנגען מיט פעסטע טריט, גאָרנישט נאָך זיינע יאָהרען, אַלץ ווייטער און ווייטער.

עס איז געווען שוין נישט פריה, ווען אונזערע דעלעגירטע פון כתרילעווקע זענען צוגעטרעטען צום סאַמע גרעסטען גדול, צום „לייב צווישען די חיות", ווי יענער מענש אין וואַגאָן האָט איהם אָנגערופען. און דאָ האָבען זיי זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס יענער מענש האָט זיי נעגעבען אָנצוהערעניש אויף דעם „גדול", אז ווען זיי זאָלען זיין נישט קיין אי־דען — עהע־העע!...

דער דאָזיגער „עהע־הע" מיט דער קיהלקייט, וואָס זיי האָט בענענענט אומעטום, אין יערען הויז, האָט זיי געבראַכט דערצו, אז זיי זאָלען ביסלעכווייז פערלירען זייער קוראַזש און מורא האָבען אָנצוקלינגען ביי אזא גדול, וואָס רעכענט זיך פאַר „א לייב צווישען די חיות"... א היבשע ווײַלע איז מען געשטאַנען ביי דער טהיר און גערונגען זיך, צי מע זאָל טאַקי אָנקלינגען פשוט, ווי מע האָט אָנגעקלונגען אומעטום, צי אפשר?...

— **אפשר וואָס?**

— גאָרנישט.

— וואָס זשע זאָגט איהר „אפשר"?

— ווער זאָגט דען „אפשר"?

— אז איהר זאָגט נישט „אפשר", פאַר וואָס זאָלט איהר נישט אָנקלינגען?

— וואו שטעהט עס, אז איך? פאַר וואָס נישט איהר?

— היבט זיך אָן א מעשה מיט א אידען!

חאפט ביי'ם קאָפּ. — זיי ווילען אונז איבערקוילען דעם האַלז אָהן א מעסער! אלה תולדות יונגעלייט!"...

א גליק, וואָס רב יוזיפעל איז געווען דערביי, האָט ער זיי גיך איינגעשטילט מיט ווייכע רעד, ווי זיין שטייגער איז.

— קינדערלעך, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — אומזיסט אייער קריעגען זיך, וואָס איהר קריעגט זיך. וואָס קאָן א מענטש, א בשר־ודם משטיינס געזאָגט, וויסען, וואָס ער וועט זאָגען? און אַז בלעם הרשע איז שוין געווען אונטערגעקויפט און גאָר פּאַרטיג אויף צו שעלטען די אידען — נו, האָט ער זיך דען געריכט, אַז דער וואָס לעבט אייביג וועט איהם איבערדרעהען די ווערטער מיט'ן קאָפּ אראָפּ? מיר ווּעלען, אם ירצה השם, איהם נעמען נישט מיט תחנונים און נישט מיט סטירדעס, נאָר מיט א משל. אַז גאָט וועט הייסען, וועל איך איהם דערצעהלען א משל מיט א מלך, וואָס האָט זיך צעבייזערט אויף זיינע אייגענע קנעכט און האָט פאַרברענט זיין אייגענעם פּאַלאַץ...

א שאָד. אַזאַ שענער משל — און איז געבליבען אין מיטען, איבער א סיבה, וואָס נישט רב יוזיפעל און נישט די איבעריגע אויסדערוועהלטע זענען געווען אין דעם שולדיג. שולדיג איז געווען אין דעם גאָר אַ זייטיגער פּאַרשוין. דאָס איז געווען דער אַנגעוואָפּענטער נפש, וואָס איז דערמאַנט ביי אונז אין אָנהויב בעשרייבונג. אַ סברה, אַז דער דאָזיגער יון, וואָס איז געשטעלט געוואָרען אכטונג צו געבען אויף דער גאַס, האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אונזערע כתרילעווקער לייט אויפ'ן אויג. איהם איז די גאַנצע קאָמפּאַניע נישט געפעלען געוואָרען מיט זייער געהן פון שטוב צו שטוב, מיט זייער פערררייסען די קעפּ און קוקען אויף די גומערען פון די הייזער און מיט זייער אַלע מאָל אָפּשטעלען זיך איבערשמועסען זיך אויף א קול אַלע אינאיינעם, ווי די גענז: גער־גער־גער! דאָ, ביי זייער לעצטען אָפּשטעל און אויס'טענה'ן זיך, האָט ער שוין מעהר נישט געקאָנט אריבערטראָגען און ער האָט

רב. ווער דען? די פראַגע איז נאָר פון וואָס ער זאָל אָנהויבען? וואָרום לויט ווי דער פאַרשוין אין וואגאָן האָט זיי אָנגעשראָקען, דאַרף מען וויסען, ווי מיט איהם צו האַנדלען און וואָס איהם צו זאָגען. נישט אומזיסט שטעהט ביי אונז געשריבען: „החיים והמות ביד הלשון“ — דער פשט איז: אַז מיט איין וואָרט קאָן מען אמאָל קאַלי מאַכען אַזוי פיעל, וואָס איהר וועט דערנאָך נישט פערריכטען מיט קיין צעהן טויזענד ווערטער.

און די דעות האָבען זיך דאָ ביי זיי צעטיילט אויף צוויי כתות, צוויי לאַגערען: ר ע כ ט ע און ל י נ ק ע. די רעכטע, די על־טערע פון די אויסדערוועהלטע, זענען געגאַנגען מיט דעם ר ע כ־ט ע ן וועג. זיי האָבען געדרונגען, אַז מע קומט צו אַזא גרויסען גביר, דאַרף מען קומען מיט תחנונים, אויסמאָהלען דעם חורבן פון כתרילעווקע מיט אַלע פישטשעווקעס: „אָט ערשט נישט לאַנג געוועזען אַ שטאָדט, ווי אַלע שטעדט. האָט זיך אויפגעהויבען אין מיטען דער נאַכט אַ שטורם־ווינט מיט אַ פייער פון גאָט, און עס איז אַוועק מיט'ן רויך די גאַנצע שטאָדט, אָפּגעמעקט געוואָרען כתרילעווקע פון דעם פּנים פון דער ערד“... דערביי דאַרף מען נישט זשאַלעווען קיין טרויעריגע פאַרבען, ווי אַזוי נאַקעטע, באָר־וויסע, הונגעריגע ליגען אונטער גאָט'ס הימעל און בעטען ברויט, לאָזען אַ טרער, און פאַר וואָס טאַקי נישט געבען קיין רעכטען וויין, ווי עס געהער צו זיין?... און די ל י נ ק ע, יונגעלייט נע־וויינטליך, האָבען גע'טענה'ט פערקעהרט: וואָס פאַר אַ וויינען פּלוצים אין מיטען דרינען? וואָס זענען מיר, ווייבער? צי איהר מיינט, אַז די נגידים זענען זשעדנע טרערען? זיי דאַרף מען נעמען מיט י ו ש ר, מיט ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט. היתכן, — דאַרף מען זיי פרעגען — אַז אין דער צייט, וואָס ד אָ וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסען און מענשען טהוען נישט אַריין קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, געהט מען ד אָ ר ט ע ן אויס פאַר אַ לעפעל געקעכטס — לעבעדיגע נפשות, אייגענע ברידער, בלוט און פלייש?!“... „אַי־אַי! אַי־אַי! — האָבען זיך די רעכטע אָנגע־

סכנה, וועט מען ארויסגעבען א בעפעהל פון אויבען, מע זאָל זיי נישט אָנריהרען...

האָט אָבער אויף זייער מזל קיינער פון די הויכע פענסטער נישט אראָפּגעקוקט, און אונזערע דעלעגירטע, די פּאַרנעמסטע בעלי־בתים פון כתרילעווקע מיט'ן רב רב יוזיפעל בראש, זענען אָפּגע־פיהרט געוואָרען מיט גרויס כבוד אין אזא מקום אריין, וואָס קיין דירה־געלד קאָסט דאָרט נישט און אלע זענען דאָרט גלייכע מיוחסים: אפילו אידען, און אפילו כתרילעווקער אידען, קאָנען זיך דאָרטען זיצען און זיצען, אבי יאָהרען.

קאפּיטעל יב.

ד ע ר נ ס.

דער וואָס מיינט, אז היינטיגע צייטען טרעפען זיך שוין גאָר קיין נסים נישט — דער האָט א טעות. אמת, א נס טרעפט זיך היינט זעלטען, זעהר זעלטען, אבער עס טרעפט. דעם בעסטען בעוויז האָבען מיר — אונזערע כתרילעווקער געפאנגענע.

די לעזער מעגען זיך מיינען, אז, ווי יעדער מחבר, זענען מיר מסתמא מגזם און טראכטען־אויס אזעלכע זאכען, וואָס נישט גע־שטויגען, נישט געפלויגען. מיר פערזיכערען אָבער, אז דאָס, וואָס מיר דערצעהלען דאָ, איז לויטער אמת. פּונקט אין דעם מאָמענט, וואָס סע האָט זיך געטראָפען דער אויבענבעשריבענער פאַל מיט די כתרילעווקער דעלעגאטען ביי דער טהיר פונ'ם גדול, פונ'ם „לייב צווישען די חיות", פּונקט אין דער מינוט, ווען זיי זענען געשטאנען אין איין ציטערניש און געקוקט ארויף־צו אין די הויכע פענסטע־רען און געטראכט זיך יעדער ביי זיך אין הארצען: „מאין יבוא עזרי — פון וואנען וועט קומען די הילף, פון גאָט, צי פון א מענשען?" — פּונקט אין דער צייט האָט בעדארפט געהן פארביי אונזער בעקאנ־טער פארשוין פון וואגאָן, דער „איד וואָס קאטאָרי".

זיך ווידער אַ מאָל געלאָזט גלייך אויף זיי — דאָס מאָל שוין מיט מעהר פרישקייט און מיט מעהר אימפּעט.

דערזעהען פאַר זיך דעם שונא אַזוי נאָהענט און דערפיהלט אַ סכנה, זענען אונזערע דעלעגאַטען פערשטאַרבען געוואָרען, און ס'איז געבליבען בהסכם כולם, אַז מע דאַרף זיך ראַטעווען, מאַכען פּליטה. וואוהין? צוריק — הייסט געהן גלייך אויף איהם. האָבען זיי גענומען קלינגען אַלע מיט אַ מאָל אין דער טהיר אַריין, גוט קלינגען, מיט אַלע כחות, און גאָט האָט געהאָלפען — די טהיר האָט זיך טאַקי, עפּיס ווי על־פּי־נס, געגעבען איין עפען־אויף, און עס האָט זיך בעוויזען אַ פּאַרשוין מיט אַ רויט אויסגעהאָדעוועט פּנים, מיט אויסגעשניטענע פּאָלעס און מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענד. אַרויסגעלאָפען איז דער פּאַרשוין מלא רציחה, געמאַכט מיט די הענד, געשריגען און געשאָלטען און געאַרבייט אַזוי, גלייך ווי דאָס וואָלטען זיין ווילדע מענשען, אָדער גזלנים, חוליגאַנעס, וואָס האָבען געוואָלט מאַכען איין אָנפאַל אין מיטען העלען טאָג אויף זיין בעל־הבית'ס שטוב.

דערזעהען פאַר זיך „איין אָפענע טהיר", האָבען זיך די כתריעלעווקער חוליגאַנעס געגעבען אַלע אינאיינעם אַ שפּאַר־אַריין. האָט זיי אָבער דער פּאַרשוין מיט'ן אויסגעהאָדעוועט פּנים מיט די ווייסע הענטשקעס געגעבען מיט'ן גאַנצען כח אַ שפּאַר־אַרויס צוריק. און אין דער מינוט איז אונטערגעקומען דער יוז מיט'ן שווערד, געגעבען אַ שטאַרקען פייף, און ס'איז אויסגעוואַקסען, ווי פון אונטער דער ערד, נאָך אַ יוז, אויך איין אָנגעוואָפּענטער פון קאָפּ ביז פיס.

אומזיסט האָבען זיך אונזערע כתריעלעווקער אויסדערוועהלטע געבעטען ביי'ם פּאַרשוין מיט די ווייסע הענטשקעס, ער זאָל זיי אַריינלאָזען אינעווייניג, חאָטש פון פאָרענט, חאָטש אין קיך אַריין. אומזיסט האָבען זיי פערריסען די אויגען אַרויף, אַריינגעקוקט אין די הויכע פענסטער אַריין, טאָמער וועט דער אויבערשטער טהון אַ נס (ער, אַז ער וויל, קאָן ער!), טאָמער וועט דער גביר אַליין, אָדער עמיצער פון זיין הויזגעזינד, דערזעהען אידען זענען אין אַ

דער פינסטערניש און אַריינגעפיהרט געוואָרען אין אַ גרויסע ליכ־טיגקייט מיט אַזאַ אימפּעט, גלייך ווי דאָס וואָלטען זיין נישט כתרילעווקער קליינע מענשעלעך, נאָר מי יודע ווער... אמת, מע האָט זיי קיין שטוהלען נישט אונטערגעטראָגען, זעצען זיך נישט פאַרגעלעגט און פון מחילה בעטען שמועסט מען נישט. דערפאַר האָט מען אָבער נישט געהערט, מע זאָל אויף זיי אָנשרייען, חלילה, ברענגען פאַר'ן מויל דעם אידישען טיטול „זשיד"; אדרבה — פיין, שטיל, נאָר זעהר בחפזונ'דיג, געחאַפּט, טאַקי נאָר ווי יציאת־מצרים, איז צוגעגאַנגען די בעפרייאונג פון די כתרילעווקער הולי־גאַנעס. די קלענערע שרייבער און שרייבערלעך האָבען זיך נישט געקאָנט זאַט בעוואונדערען, וואָס טהוט זיך דאָ: „איבער אַזעלכע אידלאַקעס אַזאַ בהלה!"...

די ערשטע מינוט, אַז מען איז אַרי נגעקומען צו אונזערע געפאַנגענע און געזאָגט, זיי זאָלען זיך מטריח זיין אַרויף, האָבען זיי זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און אָפּגעזעגענט זיך שטילער־הייד, אָהן ווערטער. וואָס ערוואַרט זיי דאָרטען, אויבען? — דאָס ווייסט נאָר איין גאָט אין הימעל. הלואי, רבונו של עולם, זיי זאָלען אָפּקומען נאָר מיט תפיסה אַליין. וואָרום וואָס איז היינ־טיגע צייטען תפיסה, אַז תליה איז אַ וואָכעדיגער גאַנג?... דאָס איז אָבער נאָך נישט אינגאַנצען: יעדער איד האָט אַ ווייב און קינדער, און אַז עס קומט צו אַ ווייב מיט קינדער, זענען אידען (מיר מוזען זיך מודה זיין) געפעהרליכע עגאָאיסטען...

מיט אונטערגעהאַקטע פיס און מיט צעבראָכענע הערצער זענען אונזערע דעלעגאַטען אַריינגעבראַכט געוואָרען פאַר די, אין וועמענ'ס הענד עס איז געלעגען איצט זייער גורל. נאָר איינער איז געגאַנגען פאָראויס מיט פעסטע טריט, ווי אַלע מאָל, האָטש אפילו שטאַרק איינגעבויגען און אָנגעלעהנט אויפ'ן שטעקען.

דאָס איז געווען דער אַלטער רב יוזיפעל.

נענאַנגען איז ער זיך וועגן זיינע אייגענע געשעפטען, און
גיך, ווי זיין שטייגער איז, מיט׳ן קאַפּעלישעל אַהינטער, ווייזט
אויס, פֿערטראַכט. דערזעהען זיינע בעקאַנטע אידען, ארומגערינג־
נעלטע מיט סאָלדאַטען, איז ער שטעהן געבליבען. ער האָט באַלד
אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז, וואָס דאָ טהוט זיך, און איז גרייט
געווען די רגע אַריינשפּרינגען אין מיטען און אויפהויבען אַ סקאַנ־
דאַל, זיי מאַכען אַ וויסטען סוף: „פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? גאָט
די נשמה!“...

נאָכדעם האָט ער זיך אָבער מיישב געווען: אפשר ניין? ער
קען זיך זעהר גוט. אַ היציגער מענש. מי יודע וואָס פֿאַו׳ אַ
ווערטער עס קאָנען זיך אַרויסרייסען ביי איהם פֿון מויל... ער האָט
זיך געטראַכט, אַז מיט תקיפות איז נישט גוט (ס׳איז תמיד גליי־
כער, אַז מע בעטראַכט זיך), און ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס קאַ־
פּעלישעל, זיך גענומען ביי׳ם בערדעל, צוגעמאַכט איין אויג — אַ
סימן, אַז דער מח אַרבייט, — האָט זיך אויסגעקערעוועט צוריק
און איז מיט די זעלבע גיכע טריט אַוועק, ווי אַ מענש, וואָס איז
נעפֿאַלען אויף אַ גלייכע המצאה און האָט פֿעסט בעשלאָסען דורכ־
צופֿיהרען די אידעע ביז׳ן סוף.

וואוהין איז דער פֿאַרשוין אַוועק?

מיר ווייסען נישט, וואוהין, נאָר מיר קאָנען רעכענען, אַז
מסתמא האָט ער זיך געלאָזט געהן טאַקי אַהין, צום „לייב פֿון די
חיות“, מחמת דעמזעלבען אויף־דער־נאַכט האָט דער טעלעפֿאָן אין
די היזיכע פֿענסטער אָנגעהויבען צו אַרבייטען מיט סכנות־נפשות...

און אין דער פּאָליציע האָט געקאָכט. פֿענעס האָבען גע־
סקריפּעט, טינט האָט זיך געגאָסען, פּאַפּיערען זענען אָנגעשריבען
געוואָרען, און די געפֿאַנגענע, וועלכע זענען שוין גרייט געווען צו
געהן אַ לאַנגען וועג אַהיים מיט׳ן עטאַפּ, זענען פּלוצים אויפגע־
חאַפּט געוואָרען אין מיטען ביינאַכט, אַרויסגעצויגען געוואָרען פֿון

(און דאָס האָט מען געמיינט, אפנים, זייערע בעריהמטע זאַנ־טיקעס) — און היידא גלייך מיט דער באַהן צוריק אהיים. ביז טאָג זאָל דאָ אייער פוס נישט זיין. מארש!

* * *

געקומען אהיים, האָבען אונזערע אויסדערוועהלטע נעהאַט געגוג צו דערצעהלען חידושים און נסים ונפלאות פון זייער נסיעה און די נסיונות, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען צוליעב די נשרפים: ווי אזוי מען איז געפאָהרען, און ווי אזוי מען איז געקומען, און וואָס מע האָט געהערט, און וואָס מע האָט געזעהען, ווי אזוי עס האָט זיך געגאָסען אויף זיי נדבות — א מבול פון נדבות (פריהער איז געווען א „רעגען", איצט איז שוין געווען א „מבול"), און ווי אזוי מע האָט זיי געפאַנגען דאָרט, ביי די הויכע פענסטער, און אָפּגעפיהרט אין גוטען „מקום", צוגענומען ביי זיי די „קלינגערס" און אריינגעזעצט אין „חד־גדיא" אריין.. און נאָכדעם — דער נס, ווי אזוי דער אויבערשטער האָט בעוויזען, וואָס ער קאָן: מע האָט זיי בעפרייט און אומגעקעהרט צוריק דאָס גאַנצע געלד ביז דער לעצטער פרוטה, און נאָך מיט א יתר־שאת: אז זיי זענען שוין געווען גרייט צו דער נסיעה צוריק אהיים, האָט זיי אָנגעיאָגט איינער א מענש מיט א הויכען קאפעליש און האָט זיי איבערגע־געבען גאָר איבעראַנייעס א שענע מטבע, א היבשע „פויטיקע" — א נדבה פאַר די כתרילעווקער נשרפים, טאַקי פון איהם אליין, פון דעם, וואָס יענער פארשוין האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען: „דער לייב צווישען די חיות" — הייגט געהט זאָגט, אז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!

יאָ. די כתרילעווקער דעלעגאַטען האָבען נעהאַט וואָס צו דערצעהלען, און האָבען נאָך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען. איך מיין, אז סע וועט קלעקען אויף א גאַנצען ווינטער, און אפשר וועט נאָך בלייבען א ביסעל אויפ'ן זומער.

— ווער איז דאָ צווישען אייך דער „סאַמע ראַבין“ ? — האָט מען זיי אַ פרעג געגעבען האַלב ערנסט און האַלב ליצנות'דיג.

— דאָס בין איך ! — האָט אַ זאָג געגעבען רב יוזיפעל מיט אַ מאָדנער שטאַרקייט און איז אַרויסגעטראָטען מיט אַזאַ מסירות־נפש, גלייך ווי ער וואָלט גענומען אויף זיך דעם גאַנצען בלבול און וואָלט זיין גרייט די רגע געהן אויפ'ן עשאַפאָט פאַר זיינע אַלע אידען.

שען, גרויסאַרטיג שען, איז געווען אין דער מינוט אָט דער אכציגיעהריגער זקן. זיין געל־געקנייטשט, דורכזיכטיג געלייטערט פנים האָט געלויכטען, גלייך ווי די שכינה האָט אויף איהם גערוהט. אין זיינע אַלטע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ יונג פייערעל, נאָר די הענד האָבען איהם געציטערט און די אַכסלען האָבען זיך געטרייסעלט. ער האָט געוואַרט, וואָס וועט מען איהם זאָגען. ער איז גרייט געווען אויסצוהערען אַלסדינג, דאָס ערנסטע, וואָס בייזע מענשען קאָנען נאָר צוטראַכטען. ווען הערט אָט דער אַלטער מיט די אַכציג יאָהר, וואָס הינטער זיינע פלייצעס ? ער האָט אַזש פערלעגט איין האַנד אַהינטער און געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין מיט אַ מין גדלות און מיט איין עזות, וואָס די אויף־טוידט־איבערגעשו־אָקענע כתרילעווקער אויסדערוועהלטע האָבען עס קיינמאָל אויף זייער רבי'ן נישט געזעהען.

דאָס איז געווען אַ הויכע מינוט, וואָס האָט זיך געצויגען לאַנג־לאַנג, אפשר אַ גאַנצע אייביגקייט.

— ביזט דו דאָס, הייסט עס, דער „סאַמע ראַבין“ ? — האָט מען איהם נאָך אַ מאָל אַ זאָג געגעבען מיט'ן זעלבען האַלב־ערנסטען, האַלב־ליצנות'דיגען טאָן. — נאַ, אָט האָסט דו דיר צוריק דיין געלד, וואָס איהר האָט צענויפגעזשעברעט פאַר אייערע אָפּגעברענ־טע אידלעך, און נעמט אייך אייערע לייבסערדאַקעס (דאָס האָט מען געמיינט. אפנים, די טלית־ותפילינס) מיט די פאָנטשאָכעס

דאָס נייע כתרילעווקע

(בעשרייבונגען).

געשריבען אין יאָהר 1901.

נאָר איין רב יוזיפעל האָט נישט דערצעהלט גאָרנישט. ער האָט אָנגענומען אַ פּול מויל מיט וואַסער — און שאַ. ער האָט זיך פון דער נסיעה אומגעקעהרט זעהר מיעד און שוואַך און צע־בראָכען. נישט אַזוי צעבראָכען אין גוף, ווי אין נפש, אין דער נשמה... און דערצו איז ער געווען פערנומען, בעשעפטיגט טאַקי מיט זיך אַליין. ער האָט זיך, פערשטעהט איהר מיך, געגרייט צו איין אַנדער נסיעה, ער האָט זיך געגרייט אין ווייטען וועג אַריין, — אין אַ וועג, פון וואַנען קיינער איז נאָך ביז היינט צוריק נישט געקומען... מיינט נישט, אַז אַ איר ווי רב יוזיפעל, ער מעג זיך זיין אַ רב און אַ זקן און אַריבער שמונים, איין מענש אַליין, אָהן אַ קינד, אָהן אַ רינד, אָהן אַ שום פערמעגען, — נאָר קוים האַלט מען ביי געהן פון דער זינדיגער וועלט, איז פאַרהאַן, פאַרהאַן וואָס צו טהון...

הקדמה.

אין דער לעצטער צייט האָבען אָנגעהויבען ארויסגעהן אויף דער וועלט אַלערליי בעשרייבונגען פון שטעדט און פון לענדער, וכדומה אזעלכע ניצליכע ביכער. האָב איך מיך מיישב געווען אזוי: אומעטום טאַנצען מיר זיי נאָך: ביי זיי זענען פאַרהאַן גאַזעטען — ביי אונז זענען פאַרהאַן גאַזעטען; ביי זיי איז פאַרהאַן „נאָווי־גאָד“ — ביי אונז איז פאַרהאַן „נאָווי־גאָד“; ביי זיי איז פאַרהאַן „יאָלקעס“, — ביי אונז איז פאַרהאַן „יאָלקעס“... ביי זיי איז פאַרהאַן א בוך „גאַנץ מאָסקווע“, „גאַנץ פעטערבורג“, „גאַנץ בערלין“, „גאַנץ פאַריז“, — פאַר וואָס זאָל ביי אונז ניט זיין א בוך „גאַנץ כתרילעווקע“?

ואני — און איך, שלום־עליכם, וואָס איך בין אליין א דאָר־טיגער פון געבוירען און בין ניט לאַנג געווען דאָרטען צו־גאַסט אויף קבר־אָבות, האָב איך מיך מיישב געווען: מיט וואָס קאָן איך אָפּדאַנקען מיינע כתרילעווקער ברידער און שוועסטער פאַר זייער גאַסטפריינדליכקייט, ווען ניט מיט דעם, וואָס איך וועל זיי מאַכען א שטיקעל נאָמען אויף דער וועלט? דערביי האָב איך אין זינען געהאַט, געוויינטליך, מעהר טובת־הכלל ווי מיין אייגענע טובה: לאָזען פרעמדע מענשען וויסען, אז זיי וועלען קומען קיין כתרילעווקע, וואו מע דאַרף זיך אָפּשטעלען, ווי אזוי מע דאַרף פאָהרען, וואו מע זאָל עסען א גוטען מיטאָג, פערטרינקען מיט א גלעזעל וויין, זיך דורכגעהן אביסעל אמוזירען אין טהעאַטער, וכדומה אזעלכע פערגעניגענס, וואָס זענען דאָרטען פאַרהאַן לרוב, וואָרום ס'איז שוין ניט דאָס כתרילעווקע, וואָס אמאָל. דער גרויסער וועלט־פּראָגרעס האָט זיך אַהין אריינגעכאַפּט און האָט איבערגעקעהרט די שטאָדט מיט'ן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף. און דערפאַר האָב איך עס א נאָמען געגעבען: „דאָס נייע כתרילעווקע“.

.1

כתרילעווקער טראַמוואַי.

אַנגעקומען בין איך קיין כתרילעווקע מיט דער באַהן — עס נעהט שוין, דאַנקען גאָט, אַהין אַ באַהן! — אָסיען־צייט, אין דער פריה, פאַר'ן דאַווגען. אין דרויסען האָט געמראַקעט אַ קליין רעגענדעל, און סע האָט זיך געבילדעט פון דעם אַ גרויס שיטער בלאָטקעלע. אויפ'ן וואָקזאַל האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אקעגען מיר אַ גאַנצע קאָמאַנדע הויז־משרתים מיט געלע בערד, מיט געלע קאַפּאָטעס און מיט געלע בלעכלעך אויף די געלע אָפּגעבאַרעטע קאַשקעטלעך.

— פעטער! גראַנד־האָטעל!

— האָטעל פראַנציע, פעטער!

— פעטער! פּאָרטוגאַליע!

— פעטער! טערקאַליע!...

דורכגעלאָפען מיט גאָט'ס הילף דורך דער דאָזיגער קאָמאַנדע הויז־משרתים בשלום, האָב איך מיך אַריינגעחאַפּט צווישען איין אַנדער חברה, חברה בעלי־עגלות מיט גרויסע שטיוועל און מיט לאַנגע בייטשען. די דאָזיגע חברה־לייט האָבען מיך ממש שיער ניט צעריסען אויף שטיקלעך. איינער אַ יונגאַטש מיט ביינער האָט ביי מיר בעל־כרחי אַרויסגעריסען מיין טשעמאָדאַנטשיק, האָב איך געמאַכט זעהר אַ גרויסען גוואַלד: „מיינע כתבים! מיינע אַפּיערען!" — האָבען זיך צוויי אַנדערע בעלי־עגלות אָנגענומען מיין קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס'איז געוואָרען צווישען זיי אַ געשלעג. בתוך כך האָב איך געחאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, אַרויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענד און האָב זיך געלאָזט גלייך צום טראַמוואַי.

און דער קאָנדוקטאָר מיט'ן קוטשער פערדרעהען צו פאַ־פּיראָסען.

— ווען וועלען מיר פאָהרען? — פרעג איך ווייעדער ביי'ם קאָנדוקטאָר.

— היינט. — ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיג און גיט דעם קוטשער פעררויכערען.

איך וואַרט און וואַרט, ביז עס הויבען אָן ביסלעכווייז צענויפ־קלויבען זיך פּאַרשוינען. פריהער קריכט אריין א איד מיט א צעריסען טולופּעל פון א מין רויכוואַרג, וואָס ס'איז שווער צו טרעפען, וואָס פאַר א חיה האָט געטראָגען די דאָזיגע פעל: זאָל איך זאָגען א פוקס — איז דאָס צו ווייס; זאָל איך זאָגען א קאַץ — איז דאָס צו רויט. נאָך דעם אידען מיט דעם צעריסענעם טולופּעל קריכט אריין נאָך א איד אָהן א טולופּ, א געפּרווירענער נעבאך, קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען, זיפצט און זוכט איין אָרט און זעצט זיך אַנידער ביי דער טהיר אין א ווינקעלע. נאָך דעם גע־פּרווירענעם אידען קריכט אריין אַ קאַשעק מיט עפּעל, און תיכף נאָכ'ן קאַשעק — א אידינע, איינגעוויקעלט אין דריי שאַלען, און אַלע דריי זענען צעפּלאָכטען, און מע זעהט, אז ס'איז איהר נעבאך קאַלט.

— פּיאָ ־ אויט! רב כתריאל, פּאַשאָל! — רופט זיך אָן יוסיל דער קאָנדוקטאָר צו כתריאל דעם קוטשער, טהוט א פּייף, און דער טראַמוואַי ריהרט פון'ם אָרט. ער געהט־אָפּ עטליכע טריט און שטעלט זיך באַלד אַנידער. עס עפענט זיך אויף דאָס טהירעל פון'ם וואַגאָן און עס בעווייזט זיך א קאָפּ.

— נישט פאַרהאַן דאָ משה?

— וואָסער משה? — פרעגט יוסיל קאָנדוקטאָר.

— א בחור מיט א קאַשקעט! — ענטפערט דער קאָפּ.

— ער דיענט אין א זאַליאַזנע קראָם? — פרעגט איהם יוסיל.

— אין א זאַליאַזנע קראָם. — ענטפערט דער קאָפּ.

— אהער, ברידערלעך, אהער! א פּיטאַקעל א פֿאָהר! א פּיטאַקעל א איד! פֿון דאַנען ביז'ן עק בעלעפּיליר גאַס סך־הכּל איין פּיטאַקעל! פֿינף קאָפּיקעס א איד!

דאָס שרייט דער קאָנדוקטאָר אַליין, א יונגערמאַנטשיק מיט א געל בערדעל, אויף א הארחעלדיגער שטימע, מיט א רייזעטאַש אויפ'ן האַלז און מיט א קנעפּעל אויפ'ן קאַשקעטעל. נעבען איהם שטעהט נאָך איינער, א איד מיט א צעריסענער קאַפּאָטע און מיט א בייטש — דער קוטשער פֿונ'ם טראַמוואַי.ביידע ווייזען מיר מיט די הענד אויף א מין ביידעל, וואָס שטעהט אָנגעבויגען אביסעל אויף א זייט, מיט אויסגעזעצטע שויבען, וואָס מע רופט דאָס „וואַגאָן"; ביי א לאַנגען דישעל שטעהט צוגעשפּאַנט א ווייס אויסגעדאַרט פֿערדעל, האַלט אראָפּגעלאָזט די מאָרדע און דרימעלט.

— פּאַוואָלי נאָר, — זאָגט צו מיר דער קאָנדוקטאָר — איהר זאָלט זיך ניט פֿאַרטשעפּען דאָרט; עס פֿעהלט א ברעטעל אין דער פּאָדלאָגע. מע רעמאָנטירט דעם טראַמוואַי.

איך זעץ מיך אריין פֿאַמעליך אין וואַגאָן, לעג־אַנידער נעבען זיך דעם טשעמאָדאַנטשיק און וואַרט. ס'איז קיהלבליך. איך קלאָפּ א פּוס אָן א פּוס.

— קאָנדוקטאָר! — זאָג איך צום יונגענמאַן. — מיר וועלען אמאָל פֿאָהרען, צי ניין?

— אם ירצה השם, מיט גאָט'ס הילף! — ענטפֿערט מיר דער קאָנדוקטאָר.

— געב נאָר אהער אביסעל טיטון, דו, יוסיל! — מאַכט צו איהם דער קוטשער, וואָס מיט דער בייטש און מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע.

— איהר זענט ניט קראַנק צו רויכערען קאָרענציס, רב כתריאל! — האַקט איהם אָפּ יוסיל דער קאָנדוקטאָר. — פֿון גוטען טיטון קאָן איך חלילה וועה טהון דער קאָפּ!

— מאַך ניט קיין אָנשטעלען, דו סמאַרק איינער, און געב אהער א ציגאַר טיטון! — זאָגט צו איהם כתריאל דער קוטשער.

— שמעתי! — ענטפערט איהם דער איד און הוקעט זיך אין די קולעקעס אריין.

— וואָס טויג מיר אייער שמעתי? — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדוקטאָר מיט'ן הארבען וואָרט. — נעמט־ארויס, זייט מוחל, א פּיטאקעל און גאט אייך א בילעט.

— שא־שא! — מאכט צו איהם דער געפרוּוירענער. — וואָס איז עפּיס מיט אזא ירגזון? קום איהם אָן, א גאנצער יחסן!

— מאכט ניט קיין אָנשטעלען — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנ־דוקטאָר — און גיט אהער דאָס פּיטאקעל!

— עט־נו! — מאכט צו איהם דער געפרוּוירענער. — מיר וועסט דו, מאָהלט אייך, עפּיס אָפּלאָזען פון א פּיטאקעל!

— מיינע צרות וועל איך אייך אָפּלאָזען! — זאָגט יוסיל קאָנ־דוקטאָר.

— האלט זיך מיט זיי געזונטערהייד! — ענטפערט איהם דער געפרוּוירענער. — איך האָב געגוּג איינענע צרות.

— וועל איך אייך בעטען מחילה, איהר זאָלט זיך מטריח זיין אראָפּ פון'ם וואגאָן! (צום קוטשער:) רב כתריאל, סטאָפּ!

כתריאל דער קוטשער שטעלט־אָפּ דעם טראַמוואי און איז זיך ממש מחיה, און דאָס פערדעל — אודאי.

— זייט זשע מוחל, מיט דער רעכטער פוס! — זאָגט יוסיל קאָנדוקטאָר צום געפרוּוירענעם. דער געפרוּוירענער זיצט, טאנצט מיט די פיס און רייבט זיך די הענד און ריהרט זיך ניט פון'ם אָרט.

— איהר ווארט אויף כבוד? — מאכט צו איהם יוסיל קאָנ־דוקטאָר. — איהר ווילט, איך זאָל אייך נעמען פאר'ן קאָלנער און ארויסוואַרפען אויף דריי שפּענדלעך? לאָז קומען וועלוועל דער „קאָנטראָליר", ער איז ביי אונזער קאסירער אויף א ברית, וועט איהר האָבען אייער פסק. רב כתריאל, פּאשאָל! — מאכט ער צום קוטשער, און דער טראַמוואי פאָהרט ווייטער.

— נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט! — רופט זיך אָן פּלוצים די אידינע פון די עפּעל. — מיט וואָס איז דער איד ערגער

— איך קען איהם! — מאכט יוסיל קאָנדוקטאָר, טהוט א פייף צום קוטשער: — פיאָ־אויט! רב כתריאל, פאַשאָל! און מיר פאָהרען ווייטער.

— א בילעט! — רופט זיך אָן צו מיר דער קאָנדוקטאָר. — איהר זענט מיר עפּיס ניט קענטליך; אפנים, ניט קיין היגער?... איהר רעכענט דאָ שטעהן לאַנג? קאָן איך אייך פארפיהרען אין א סטאַנציע, דוקא ניט קיין האָטעל, נאָר א ריינע, אָהן וואַנצען... און עסען וועל איך אייך אָנווייזען איין ערטעל, וואו עס וועט אייך קאָסטען וואָלוועל און איהר וועט האָבען הנאה.

איך דאַנק איהם זעהר און זאָג איהם, אז איך האָב דאָ בע־קאַנטע. פרעגט ער: ווער זענען זיי, וואָס זענען זיי און וואָס איז זייער טהועכץ? איך טראַכט איהם אויס א נאָמען פון דער הגדה און טשעפּע מיך אָפּ פון איהם. ער לאָזט מיך צו־רוה און געהט־צו צום אידען מיט'ן טולופּעל און הייסט איהם נעמען א בילעט. דער איד מיט'ן טולופּעל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— ווייס איך! איך האָב דען א גראָשען אפילו ביי דער נשמה?...

— שוין דאָס דריטע מאָל היינטיגע וואָך, אז איהר פאָהרט אָהן א בילעט! — זאָגט צו איהם יוסיל קאָנדוקטאָר מיט פערדראָס.

— נו, בכן — זאָל איך געהן צו־פוס? צי זאָל איך געהן ערגיץ גנב'ענען פון דיינעטוועגען? — ענטפערט איהם דער איד מיט'ן טולופּעל אויך מיט פערדראָס.

יוסיל קאָנדוקטאָר טהוט א מאַך מיט דער האַנד און געהט אוועק פון איהם צו יענעם געפּרווירענעם אידען, וואָס אָהן א טולופּ. יענער מאַכט זיך ווי ער דרימעלט.

— הערט נאָר, זייט־זשע מוחל, א בילעט!

דער איד האָט זיך כלומרשט אויפגעכאַפּט פונ'ם שלאָף און רייבט א האַנד אָן א האַנד.

— א בילעט! — מאכט צו איהם נאָך א מאָל יוסיל קאָנ־דוקטאָר.

הערש דרדקי ביזט דו געווען, געטראָגען די קינדער אויף די פּלייצעס אין חדר אריין מיט אַ טעפּעלע אָנבייסען, — היינט וואָס דער־צעהלסט דו מעשיות: „בילעט — שמילעט“ ?

— וואָס זאָגט איהר צו מיינע גליקען ? — מאַכט צו מיר יוסיל און זעצט זיך צו צו מיר. — אָט אזוי, ווי איהר זעהט, זענען זיי דאָ אַלע אַזעלכע פאַרשווינען. ווער עס האָט געלט און קאָן צאָהלען — דער געהט צו־פוס, און ווער עס האָט ניט און קאָן ניט צאָהלען — דער פאָהרט מיט׳ן טראַמוואַי, און גער לעב, האַלט־אויס איין אַלטע מאַמע מיט אַ שוועסטער איין אַלמנה... איהר זעהט אַ פּאָר שטיוועל ? (ער ווייזט מיר די שטיוועל) זיי בעטען עסען...

פּלוצים הערט זיך אַ טראַסק, אַ קלאַפּ פון צוויי דישלעס, אַ חראָפּען און אַ סאַפּען פון צוויי פערד. דאָס האָבען זיך בעגעגענט צוויי וואגאָנעס אויף איין ליניע, דער אהער, דער אהין. און עס הערען זיך קללות :

— אַ חלירע ! אַ מיתה משונה ! סע זאָל ארוח אין דיין טאַטענ׳ס טאַטענ׳ס טאַטען אריין ביז אָדם הראשון געפלויגען געוואָרען !...

— ווער דערוואָרגען מיט׳ן דישעל, און לאָז זיך דיר שטעלען דאָס מויל אויף אַ זייט ! אַ רוח אין דיין טאַטענ׳ס טאַטען ! דו ביזט בילכער !

— וואו זענען דיינע אויגען, דו ממזר ? זעהסט, אַז איך פאָהר רעכטס — נעמט מען זיך לינקס !

— וואו שטעהט דאָס געשריבען, דו פאַרך איינער, אַז דו באַדאַרפסט פאָהרען רעכטס און איך לינקס ? טאָמער איז גאָר איבערגעקעהרט דעם פּעלץ אויף דער אנדערער זייט : איך רעכטס און דו לינקס ?

— בהמה, דערויף איז דאָך פאַרהאַן צוויי ליניעס ; איך אהער און דו אהין !

— ביזט אַליין אַ פערד ! וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז דו אהער און איך אהין ?

פון יענעם אידען, וואָס יענער מעג פאָהרען אָהן א בילעט און דער טאָר ניט? באשר יענער טראָגט א טולופעל, און דער געהט נאקעט! ער וועט דיר אָפּניצען א שטיקעל בענקעל וועט ער דיר? צי דו מיינסט, מע וועט דיר שטעלען א גאָלדענע מצבה וועט מען דיר?

— ווער בעט אייך, איהר זאָלט זיך ארויסשטעלען פאר א מליץ־יושר'טע? — רופט זיך אָן צו איהר יוסיל קאָנדוקטאָר. — וואָס גלייכט איהר זיי צו יענעם אידען? יענעם אידען קען איך: ער איז א טאטענ'ס א קינד, נעבאך א געפאלענער. און זיי (ער ווייזט אויפ'ן געפרוירענעם) — איך וויים ווער זיי זענען? עפּיס איין אָרעמאן, א שלעפּער!

— נו, און אז איין אָרעמאן, איז וואָס? — שטעלט זיך אויף די אידינע פון די עפּעל. — באדארף מען איהם ווארפען? וואָס איז פאר א ווארפען וואָס? זעה נאָר, וואָס ער האָט דאָ חוטא־בעגל געוועזן! דאָס פערדעל געהט דאָך במילא אין שטאָדט אריין, וועט זיצען נאָך א איד! עלעהיי, לאָז זיך דיר דאכטען, אז דו האָסט שוין צוגענומען נאָך א פּיטאקעל, נו? וועסט דו זיי שוין פעט מאכען דערמיט די יויך וועסט דו?

— אז מע פרעגט אָבער ביי אייך קיין עצות ניט! — מאכט צו איהר יוסיל קאָנדוקטאָר. — איהר גיט בעסער אהער אייערם א פּיטאקעל און נאט אייך א בילעט!

— אוי! אידען! — חאפּט זיך אויף די אידינע, טהוט א פּאטש איבער די קליידלעך. — איך האָב אָבער געוואוסט, אז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אזוי האָבען אלדאָס גוטס, ווי איך האָב געוואוסט!

— וואָס זשע דען האָט איהר געמיינט? — זאָגט יוסיל קאָנ־דוקטאָר. — איך וועל אייך פיהרען אומזיסט?

— וואָס הייסט, דו וועסט מיך פיהרען? — מאכט די אידינע. — דער וואָגען פיהרט מיך, ניט דו פיהרסט מיך! ער האָט זיך אָנגעהאנגען א מעשען קנעפּעל און קאָמאנדעוועט! איך געדענק דאָך נאָך, אז דו ביזט געוועזן א באהעלפער ביי לייזער־

ווייעדער א קאַטאַסטראָפּע ? ווייעדער א צוזאַמענפאָהרעניש ? וואו זענען אייערע אויגען ? די פארשווינען — חאַפּט זיי דער וואַטעג־מאַכער ! א גליק, וואָס די וואַגאָנעס ניט צעבראָכען. בקיצור, איהר מוזט זיך, קינדער, צעפאָהרען... רב כתריאל־סערדצע, נעמט, זייט מוחל, שפּאַנט־איבער דאָס פערדעל מיט'ן דישעל און פאָהרט צוריק אויפ'ן וואָקזאַל, און רב עזריאל וועט אייך נאָכפאָהרען הינטען...

— וואָס איז עפּיס געפאַלען דער גורל אויף מיר ? — זאָגט כתריאל. — לאָז עזריאל איבערשפּאַנען דאָס פערדעל און לאָז ער פאָהרען צוריק אין שטאָדט אריין, און איך וועל איהם נאָכפאָהרען הינטען.

— רב עזריאל ! — רופט זיך אָן דער קאָנטראָליר. — נעמט, זייט מוחל, שפּאַנט איבער דאָס פערדעל און פאָהרט צוריק אין שטאָדט אריין.

— אָבער גאָר לא מיט א לאַנגע־כּף ! — זאָגט עזריאל. — איך קאָן באַשטעהן, אז כתריאל זאָל איבערשפּאַנען דאָס פערדעל און פאָהרען צוריק צום באַהן. ער איז ניט חולה.

— איך זאָל וויסען, דער טוידט זאָל מיר זיין — זאָגט כתריאל — פאָהר איך ניט צוריק '

— איך זאָל וויסען, אז איך נעם דאָ איין א מיתה־משונה, — זאָגט עזריאל — ריהר איך ניט פונ'ם אָרט !

— אזא יאָהר ! אזא מזל ! — מישט זיך אריין די אידינע, חאַפּט דעם קאָשעק מיט עפּעל און קריכט ארויס פונ'ם טראַמ־וואַי. — א שענער פאָהר ! פּיטאַקלעך הייסען זיי זיך נאָך צאָהלען ! ווען איך געה צו־פוס, וואָלט איך שוין זעכס מאָל געווען אין שטאָדט וואָלט איך ! א „טראָמבעליק" האָבען זיי צוגעקלעהרט אין כתרי־לעווקע — טפו זאָלען זיי ווערען !...

„אפנים, — טראַכט איך מיר — אז מע בעדאַרף נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און עולה־רגל זיין אין שטאָדט אריין"...

— ווייסט דו וואָס? האַפּט זיי בעני מיט זייערע ליניעס, מיט זייערע וואַגאָנעס, מיט זייער גאַנצען טראַמוואַי! געב נאָר אַהער, כתריאל־סערדצע, אַ ציגאַר־טיטון, טאָמער האָסט דו? ברע־ען זאָלען זיי מיט׳ן טראַמוואַי אויף איין פייער! וואָס מאַכט גפים די אַלטע דיינע? שטילער געוואָרען אביסעל?

— ווי לאַנג שמייסט מען זי! שטיל איז זי נאָר דעמאָלט, ווען זי שלאָפט. וואָס הערט זיך עפּיס ביי דיר?

— וואָס זאָל זיך הערען? מע מאַכט מיר אויף די „פּאָסטאָ־ראָנקעס“. איך האָב מורא, איך וועל מיט זיי שלאָגען כפּרות...

— ווייסט דו ניט וואָס מע טהוט, בהמה? דו שלאָג בעסער מיט זיי בלאָט; נעם זיי אויפ׳ן „דראָנזשיק“, אזוי ווי איך, וועלען זיי געבען האָבער.

— געבען זאָל זיי גאָט קרענק מיט קדחת אַ גרויס מעס־טעל!... וואָס טהוט עפּיס דער „באולאַנער“ דיינער? ער געהט שוין ביי דיר אין פּריסטיאַזש? צי נאָך ניט?

— לאָז ער דיר געהן אין גאָט׳ס ערד! ער האָט מורא פאַר אַ בייטש און מאַכט „לעמעל“... אַ שוועבעלע האָסט דו? געב פייער!

און אָט לאָזען זיך אריין ביידע קוטשערס אין אַ לאַנגען שמועס אויף בעל־עגלה־לשון, ווי די גרעסטע גוטע ברידער. אויך ביידע קאָנדוקטאָרס פערבינדען צווישען זיך אַ שמועס גאָר פריינדליך, ביז עס קומט אָן וועלוועל קאָנטראָליר, פריילעך פונ׳ם קאַסירער׳ס ברית, און מאַכט אַ געפּילדער:

— אַ רוח אין אייער פאָרענט און מיטען אריין! איהר האָט זיך שוין ווידער פאַרביטען מיט די יוצרות? אייער גליק, וואָס איך בין היינט אביסעל אויפגעלעגט פונ׳ם ברית, וואָס אונזער קאַסיר מאָטי האָט געמאַכט... הערט איהר, קינדער, האָט ער גע־מאַכט אַ ברית — זאָל אַ רוח אין זיין טאַטען אריין! ניט אומ־זיסט זיצט ער ביי דער קאַסע... איך וואָלט אויך אַ בעלן געווען! אַ סך בעסער ווי זיין אַ קאָנטראָליר, נאָכלויפען נאָכ׳ן וואַגאָן, ווי אַ הונט!... אידען! וואָס האָט זיך דאָ ביי אייך געטראָפען?

II.

כתרילעווקער האָטעלען.

— אויב איהר ווילט, סע זאָל זיין וואָלוועל און ס'זאָל לאָפּ־טשען, וועל איך אייך פארפיהרען אויף א רעכטע סטאנציע! — מאכט צו מיר מיין בעל־עגלה און פיהרט מיך צו א צווייגאָרענ־דיגער שטוב מיט אָפּגעקאַלופּעטע ווענד, און איך לייען־איבער איין אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „האָטעל טערקאַליאַ“. מיין בעל־עגלה קלאָפּט מיט דער בייטש אין טהיר און שרייט אויף א קול:

— נח! נח! וואו ביזט דו ערגיץ אין אלדי רוחות? עפען! איך האָב דיר געבראכט א העכט!...

אויף דעם געשריי עפענט זיך די טיר און עס בעוויזט זיך א אידעל, וואָס מע רופט איהם נח, דער שווייצאַר פונ'ם האָטעל ער חאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, פרעגט מיך ניט, און טראָגט ־אָם ארויף אויף די טרעפּ, גלייך אויפ'ן אויבערשטען גאָרען, און טהוט מיך א פרעג:

— וואָס פאר א נומער, למשל, ווילט איהר? מיט געזאנג, צי אָהן געזאנג?

— וואָס פאר א געזאנג? — זאָג איך.

— פון די אַקטעיורען. ביי אונז שטעהען די אקטעיורען פונ'ם אידישען טרעיאַטער, און אקעגען שטעהט ביי אונז א חזן פון דער ליטא מיט צוועלף זינגערלעך. געקומען צו פאָהרען אוין שבת. מע זאָגט, אז ס'איז ניט קיין שלעכטער חזן. נאָר איין אנטיק פון א חזן!

— עס קאָן זיין, — זאָג איך — א ער איז איין אנטיק פון א חזן, נאָר איך בין אייך מוחל. איהר גיט מיר בעסער אָהן געזאנג.

איך נעם מיין טשעמאָדאַנטשיק אין די הענד אריין און לאָז מיך נעהן מחילה צו־פוס; פאָהרען־אָן פון הינטען חברה בעלי־ענלצים מיט א פייף מיט א הוק און מיט א געלעכטער.

— אהא? דער רבי האָט ניט געוואָלט עסען קיין טייגלעך מיט פאַסאָלים? איהר האָט נישט געוואָלט פאָהרען מיט קיין פּראָסטען בעל־ענלה? מיט'ן „טראַמבעליק" האָט זיך אייך גע־גלוסט? אייער גליק, וואָס איהר זענט נאָך אַרוים גאַנץ, נישט געמאַכט פון אייך קיין פרעזשעניצע... קריכט שוין אין בויד אריין, פעטער, מיט'ן טשעמאָדאַנטשיק, קריכט אין וואָס פאַר א בויד איהר ווילט, — ביי אונז איז יד אחת, א מכה בחברותה, וואָס גאָט ניט, אבי אינאיינעם... וויאָ, קינדער, וויאָ־וויאָ!...

איך קריך מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק אין בויד אריין און פאָהר־אריין קיין כתרילעווקע מיט גרוים פּאַראַד.

ערשט דאָ האָב איך דערזעהען א גרויסען בחור'עץ, מיט גרויסע גוט־אָנגעשמירטע שטיוועל, און איך האָב שוין פערשטאַנען, פון וואַנען דער ריח געהט... די פּעטש, וואָס דער לאַקעי האָט געחאַפּט פונ׳ם שווייצאַר (דאָס האָט ער זיי געחאַפּט), האָט ער גאַנץ פיין אָראָפּגעלאָזט אין קעשענע, אָפּגעווישט די ליפּען, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען, אויפגעעפענט די לאָדען, א קוק געטהאָן אויף מיר און צעלאַכט זיך.

— זעהט נאָר זעהט! — מאַכט צו מיר דער שווייצאַר. — טאָמער ווייסט איהר, וואָס איז מיט איהם דער געלענדער? סע שטופּט איהם הנאה די פּעטש אויפ'ן ניכטערען הארצען! משה־מרדכי הלך, מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! דו פּאַסקודנער בחור! דו קאַרטאָפליפרעסער! דו לאָקשענשלינגער! דו בייגעלחאַפּער!...

און נח דער שווייצאַר דערלאַנגט איהם א טראַסק אין האלז־און־נאַקען און וואַרפט איהם אַרויס אויף יענער זייט טיר.

— א גאַנץ עהרליכער בחור! — מאַכט צו מיר נאָכדעם דער שווייצאַר. — נאָר אביסעל א פוילער, האָט א האַרטען שלאָף. אָהן פּעטש וועט איהר איהם ניט אויפוועקען בשום אופן! האָרעוועט נעבאָך, ווי איין עזעל! וואָס ער פאַרדיענט — גיט ער אָפּ דער שוועסטער. קוים גע'פועל'ט ביי איהם, ער זאָל זיך מאַכען א פּאָר שטיוועל... וואָס וועט איהר זיך עפּים הייסען געבען צו דער טיי? פריש געבעקס, אייערבייגעל, קאָרזשיקלעך מיט מאָהן, אָדער נאָר כתרילעווקער פרענזעלען?

און נח דער שווייצאַר דרעהט זיך אויס און ווערד פערשוואונדען.

— פּעטער! איהר זענט שוין א געדראַווענטער? — מאַכט צו מיר עמיצער און שטעקט אריין א קאָפּ אין דער טיר.

— וואָס געהט דאָס אייך אָן? — פרעג איך איהם.

— איך האָב צו אייך א בקשה. — מאַכט ער.

— ווער זענט איהר? — פרעג איך איהם.

— ווי איהר ווילט אײַך! — מאַכט צו מיר נח דער שוויי־צאַר. — איך קאָן אײַך געבען אײן אַנדער נומער, די ברירה איז ביי אײַך; נאָר אַז סע וועט אײַך זיין דאָרט ניט אַזוי דאָסיג, זאָלט איהר צו מיר נאָכדעם קיין טענות ניט האָבען.

— וואָס הייסט — זאָג איך — „ניט אַזוי דאָסיג“?

— למשל, — זאָגט ער — טאָמער וועט מען אײַך בייסען.

— ווער — זאָג איך — וועט מיך בייסען?

— ווער וועט אײַך בייסען? — זאָגט ער. — איך וועל אײַך ניט בייסען; עס וועלען זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלען אײַך בייסען. מע האָט ניט לאַנג, ערב פּסח, גערייניגט, נאָר עס העלפט ניט, קיין קעראָסין אויך ניט...

— אויב אַזוי, — זאָג איך — לאָז שוין זיין מיט געזאַנג..

און נח דער שווייצאַר פיהרט מיך אַריין אין אַ פינסטער חדר מיט אַ משונה־מאָדנע ריח פון פרישע פעל, נאָר־וואָס אויסגעמאַכ־טע, און פוילע אוגערקעס מיט מאַכאָרקע. און איידער איך קוק מיך אַרום, וואו איך בין אין דער וועלט, חאַפּט נח עפּיס אַ זאַך און הויבט דאָס אָן צו פּאַטשען, ווי מע פּאַטשט אַ ווייכען קישען, בשעת מע וויל עמיצען מאַכען אַ גוט געלעגער, ער זאָל הנאה האָבען. בשעת פּאַטשען רעדט נח צו זיך אַליין און שעלט עמיצען מיט ווידטע קללות:

— דו יאָלד איינער! דו ים־קאָטער! דו אָקסענהאָרן! אָט געב איך דיר אַ שמיר איבער'ן טשאָלענט־ברעטעל און מאַך דיר קאַלי די יאַסלעס! די גאַנצע וועלט פאָהרט פונ'ם באַהן, און ער איז אַריין מיט די שטיוואַלעס אין בעט, זיך צעלעגט, ווי ביי'ם טאַטען אין ווייגגאָרטען, און חאָליעט אין דער קרענק! אַ שענער לאַקעי! קראַנק געוועזן ביז אהער עפענען די לאָדען! צי שטעלען דעם סאַמאָוואר? צי אָפּפּוצען די אַקטעיורען די שטיוועל? צי אויפראַמען ביי'ם חזן מיט די זינגערלעך? משה־מרדכי הלך, מיט'ן קאָפּ אין דער ערד!

ביי יענעם! איך בין אויך א איד איין אָרעמאַן און א מטופּל מיט קינדער, צוויי איינגלעך אין דער „אוטשילישטשע“, איינער איז ביי א בעל־מלאָכה און די קלענערע אין חדר... א דאנק אייך. זייט געזונט. גאָט זאָל אייך באַגליקען!..

נאָך דעם אידען קומט־אָן איין אַנדער איד. א הויכער, א דארער, מיט איין איבערגעשראָקען פּנים.

— אויב איהר ווילט פארדיענען א מצוה, איהר זאָלט פאר־שפּאָרען פאסטען תשעה־באָב, נעמט־צו ביי מיר א רעשטעל אין גלייכען געלט. פארבליבען ביי מיר זאַקען א פּאָר טוץ.

— איך דארף ניט קיין זאָקען! — זאָג איך. — איך האָב שוין גענוג זאָקען.

— איך געב זיי אייך אָפּ אונטער'ן קרן. — זאָגט ער. — איך דינג מיך מיט אייך ניט. וויפיעל איהר וועט געבען, געבען זאָל אייך גאָט געזונט און לאַנגע יאָהר!... איך האָב א זוהן אין גימ־נאזיע, ענדיגט ער היינטיגס יאָהר, וויל שטודירען אויף דאָקטאָר. „דו וועסט שוין פארשפּאָרען, — זאָגט ער — טאטע, אזוי האָ־רעווען. דעמאָלט האָרעווען וועל איך שוין, און דו וועסט שוין, זאָגט ער, אביסעל אָפּרוהען“... אזוי זאָגט ער צו מיר, מיין זוהן. נאָר דערווייל מוז מען איהם אונטערהאַלטען מיט א דרייערעל, חאָטש ער פארדיענט שוין, קיין עין הרע, אליין אזעלכע צעהן קארבען א חודש... בלייבט געזונט און זייט מצליח!

נאָך דעם אידען קומט אריין א אידינע מיט א טערקישער שאַל און רעדט מיט א ניגון:

— דאָס זענט איהר דער אורח פון יעהופּעץ?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געהערט זאָגען, אז איהר זענט געקומען קיין כתרילעווקע קויפען זאַקען, האָב איך אייך געבראַכט עטליכע טוץ זאָקען אויף א מוסטער. ביי מיר איז א פאבריקע פון זאָקען. שוין צעהן יאָהר, אז איך ארבייט זאָקען...

— א איד, — מאכט ער — א פרעמדער, ניט קיין הינער. איך האָב געוואָלט בעטען אייך אויף א מינוט אייער טלית־און־תפילין. מיינעם האָט מען אוועקגע'גנב'עט ערשט נעכטען אָט־דאָ, אויף דער סטאנציע.

עס עפענט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אריין נאָך א קאָפּ מיט א היטעל און רעדט אויף עטליכע לשונות מיט א מאָל:

— ראזניך טאָווארָוו, פאני! זאָקען גוטע! רענקאוויטשקי זיעמני, בעסטע ווארע וואָלוועל! בחצי־חנם, יאק באָגא קאָחאם!... קויפט אייך זאָקען חאָטש א האלב טוץ!... לאָז אייך גאָט געבען געזונט!... איך האָב ניט געוואוסט ווער איהר זענט, וואָרום סע מאכט זיך א מאָל, מע טרעפט־אָן אויף א פּריץ און מע רעדט צו איהם אוועק א שעה כסדר אויף אונזער אידיש לשון, חאפּט מען א פּסק. האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מיך פּרובען אויף פּויליש, אויף רוסיש, אויף דייטש; איך פארשטעה, דאנקען גאָט, עטליכע שפּראך... הענטשקעלעך א פּאָר גוטע, ווארעמע, ווילט איהר ניט?... איך בין, ווי איהר זעהט מיך, געווען אמאָל א גרויסער סוחר, געפאָהרען אויף די גרעסטע ירידים: קיין יארמעלינעץ, קיין פּראָסקוראָוו און קיין פּאָלטאווע... מעהר, הייסט דאָס, ווילט איהר גאָר ניט? זייף א שטיקעל? א קעמעלע א גוטס, פון די אנטיקען? ניין? א דאנק אייך פאר'ן פדיון. מיינע קינדער וועלען זיך מחיה זיין... אפשר וועט איהר פאָרט קויפען א בער־שטעל א גוטס? אָדער א שניפּס א שענס? אָדער נאָך א האלב טוץ זאָקען, וועל איך אייך אָפּגעבען וועלוועלער. ניין? איהר ווילט ניט? האָט זשע אייך א גוטען תמיד!...

דער איד חאפּט דאָס היטעל און געהט־אוועק. עס קומט־אריין איין אנדער איד, שוין מיט א היטעל.

— קויפט ביי מיר זאָקען, פעטער, גוטע זאָקען, וואָלוועל!

— איך דארף ניט קיין זאָגען. — זאָג איך. — א דאנק!

— וואָס הייסט — זאָגט ער — איהר דארפט ניט קיין זאָקען? אָט האָט איהר דאָך נאָר־וואָס געקויפט א האלב טוץ זאָקען;

— פון וועמענ׳ס וועגען איז דאָס אזוי פיעל פראָוויזיע ? — פרעג איך איהם.

— וואָס האָט איהר יסורים ? — זאָגט נח. — פאַר די הינט וועט מען דאָס חלילה ניט ארויסוואַרפען. פאַרהאַן, קיין עין־הרע, ווער ס׳זאָל עסען. איך אליין האָב זעכס פּיקערס אייגענע, אחוץ צוויי פרעמדע יתומים נעבאַך... זאָגט מיר בעסער, וואָס זענט איהר פאַר א מאָדנע בריאה אזעלכע ? איהר דאַרפט האָבען זאַקען, האָט איהר ניט געקאָנט זאָגען מיר ? ניט דוד׳על שפּאַן, ער זאָל אייך געהן ברענגען זאַקען ?

— ווער האָט איהם געהייסען — זאָג איך — ברענגען זאַקען ?

— איך וויים ניט, — זאָגט נח — ווער עס האָט איהם גע־הייסען ; איך האָב איהם געוויס ניט געהייסען ! דוד׳על־גנב וועט אייך ברענגען זאַקען, וועט זיין וואָס צו זעהען ! כתרילעווקער זאַקען !...

ביי די ווערטער עפענט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין א געפּאַקט אידעל מיט רויטע באַקען, מיט א פערשוויצט פּנים און מיט א ליולקע־ציבעקעל אין מויל. איך מאַך ניט קיין לאַנגע שהיות, נעם איהם אָן ביי דער האַנד און וויין איהם די טיר.

— געהט אייך געזונטערהייד מיט אייערע זאַקען צו אלדי גוטע יאָהר ! איך דאַרף ניט קיין זאַקען !

— גאָט איז מיט אייך ! — רופט זיך אָן צו מיר נח דער שווייצאַר. — וואָס טרייבט איהר זיי ? דאָס איז דאָך אונזער בעל־הבית פונ׳ם האָטעל !...

— אזוי נאַר ? האָט קיין פאַראיבעל ניט. — זאָג איך צו איהם און נעב איהם אָפּ שלום, און טראָג איהם אונטער א כענ־קעל. — איך האָב געמיינט, דאָס זענט איהר יענער איד, וואָס איז אוועקגעלאָפען מיר ברענגען זאַקען. איין אומגליק ! מע האָט מיך פאַרוואָרפען מיט זאַקען ! א מבול פון זאַקען ! זיצט, איך בעט אייך.

— ווער האָט אייך געזאָגט, — זאָג איך — אז איך קויף זאַקען? איך בין ניט געקומען נאָך קיין זאָקען, איך דארף ניט קיין זאָקען!

נאָר די אידינע הערט ניט וואָס איך רעד און טהוט זיך איהרס: זי מאַהלט, ווי א מיהל.

— מיינע זאָקען האָבען א שם אויף גאַנץ כתרילעווקע! קוקט אָן א זאָק!... וואָס זאָגט איהר אויף דעם זאָק?

— אָבער אין נאָמען ווילען! — שריי איך. — איך קויף ניט קיין זאָקען! איך דארף ניט קיין זאָקען!

— אָט ליגען דאָ — זאָגט זי — ביי אייך זאָקען!

— דאָס האָב איך געבראַכט זאָקען אויף צו פארקויפען! — זאָג איך און בעגלייט־ארויס די אידינע און פערשלים די טיר, טאָ־מער טראָגט מען מיר זאָקען. — ווער קלאָפּט דאָס?

— ס׳איז איך! — ענטפערט מען מיר פון יענער זייט טיר.

— ווער איז דער „איך“? — פרעג איך און האָב מורא עפענען די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאָקען. — ווער קלאָפּט דאָס?

— דוד. — ענטפערט מען מיר.

— וואָסער דוד?

— דוד שפּאַן.

— וואָסער דוד שפּאַן?

— דוד שפּאַן דער קאָמיסיאָנער!

— וואָס דארפט איהר? — פרעג איך איהם. — אפשר זאָקען?

— איהר דארפט — זאָגט ער — זאָקען? אָט טהו איך א שפּאַן צווישען די קלייטען און ברענג אייך זאָקען!

— ניין! ניין! — שריי איך. — איך דארף ניט קיין זאָקען!

איך עפען־אויף די טיר, קומט מיר אקעגען נח דער שווייצאַ־אָנגעלאָדען מיט בולקעס און מיט ביינגעל, מיט קיכלעך, פּלעצלעך, קאָרזשיקלעך און פּרענזעלעך.

מיט'ן בעל־הבית אַביסעל העכער, ס'איז ביי זיי קאַלי די שמיעה, זיי הערען ניט די וועלט...

איך רוק זיך צו צום בעל־הבית גאַנץ נאָהענט און שריי איהם אויף אַ קול גלייך אין אויהער אַריין:

— איך פרעג, פאַר וואָס הייסט עס עפּיס אייער האָטעל מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען?

— וואָס שרייעט איהר אַזוי? — מאַכט ער צו מיר. — איך בין ניט טויב! אַ מאָדנער נאָמען, זאָגט איהר? מיט וואָס איז ער אַזוי מאָדנע? „אינטאַליע" איז גוט? „פּאָרטוגאַליע" איז גוט? און „טערקאַליע" טויג ניט?! יענע אַלע נעמען האָט מען פאַרחאַפּט פריהער, האָב איך אַ נאָמען גענעבען נאָכ'ן טערק... יאָ, איז וואו האַלט איך? קעשעניעוו! און די מענטשען?... ביי אונז אין בעסאַראַביע, הערט איהר, זענען גאָר אַנדערע מענטשען! ביי אונז אין בעסאַראַביע עסט מען גאָר אַנדערש... ביי אונז אין בעסאַראַביע, אַז מע זעצט זיך עסען, דערלאַנגט מען, הערט איהר, צו אַלעם ערשטען די שענע פיש פונ'ם שענעם טייך. נאָכדעם — „קאַדע", דאָס גוטע, דאָס פעטע שטיקעל „קאַדע". נאָכדעם גיט מען אויף דעם גרויסען טעלער די שענע די ריינע מאַמעליגע, וואָס מע שניידט דאָס מיט'ן גרויסען פאָדעם אין דער ברייט. נאָכדעם דערלאַנגט מען די פרישע די הייסע פּאַמפּושקעס, און מע פאַר־טרינקט מיט דעם אמת'ען ריינעם בעסאַראַביער וויין, און מע פאַרבייסט מיט דעם רעכטען, דעם גוטען נאַהוט... אַזאַ מין אַרבעס...

און דער בעל־הבית בשעת מעשה בעלעקט זיך און מאַכט מיר איין אַפּעטיט צום עסען, און בשעת דער בעל־הבית רעדט פון די בעסאַראַביער מאכלים, לאָזט זיך הערען פון איין זייט אַ געזאַנג פון אַ ליטווישען חזן, וואָס ציקעלט זיך, שרייעט און מאַכט מאָדנע העויות:

— א דאנק! איך קאָן באַשטעהן! — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית און זעצט זיך אַנידער און פּיפּקעט פון׳ם ליולקע־ציבע־קעל. — פון וואַנען קומט אַ איד? פון יעהופּעץ? איך האָב דאָרטען אַ באַקאַנטען אין יעהופּעץ. דאָס הייסט, ער זיצט שוין ניט אין יעהופּעץ — ער איז אַריבערגעפאָהרען פון דאָרטען שוין לאַנג, איך האָב מורא, אויב ניט אַ יאָהר אַכטצעהן, און אפשר טאַקי אַלע נייענצעהן... קיין אַדעס, זאָגט מען, איז ער אַריבער־געפאָהרען; ער האָט דאָרטען קרובים אין אַדעס, ס׳איז ביי זיי אַ קאַנטאָר פון ווייץ. צוויי קאַנטאָרען, איינע אין אַדעס, די אַנ־דערע אין ניקאָלאַיעוו... די אַדעסער קאַנטאָר מאַכט נישקשה, נאָר די ניקאָלאַיעווער קאַנטאָר מאַכט ניט אַזוי גוט, מחמת ניקאָלאַיעוו איז צינד געשלאָגען, שטאַרק געשלאָגען, איבער פעאָדאָסיע, זאָגט מען, איבער דעם „פּאָרט“, וואָס מע האָט געמאַכט אין פעאָדאָסיע. ס׳איז היינט אַ גאַנצע שטאָדט געוואָרען פעאָדאָסיע. איך האָב אין פעאָדאָסיע אויך באַקאַנטע. אַ פיינע שטאָדט, זאָגט מען, פעאָדאָסיע!...

איך זעה, אַז ס׳איז אַ מעשה אָהן איין עק, פאַל איך איהם אַריין אין די רעד און טהו איהם אַ פרעג:

— וואָס האָב איך אייך אין זינען געהאַט צו פרעגען? יאָ. פאַר וואָס האָט איהר אַ נאָמען געגעבען אייער אַכסניא „האָטעל טערקאַליא“?

— איך געדענק נאָך פעאָדאָסיע — ענטפערט מיר דער בעל־הבית -- פאַר אַ קליין שטעדטעל... איך בין אַליין, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ דאָרטיגער, אַ בעסאַראַביער בין איך, פון בעסאַ־ראַביע, פון אַ קליין שטעדטעל דובאָסאַרע. דאָס הייסט, געבאָרען בין איך פון בעלץ... איהר זענט געוועזען אַ מאָל אין בעלץ? אַ פיינע שטאָדט בעלץ. נאָר ווי קומט זי צו קעשעניעוו?...

— גוט מאָרגען געלע, רעטאַך טראָג איך! — מישט זיך אַריין נח דער שווייצאַר פון דערוויטען. — איהר מעגט רעדען

מיט משונה־מאָדנע קולות, וואָס לאָזען זיך אויס, מיינסטענס, מיט א גראָם:

א מכה, א צרה! א שלאַק, א כפּרה!
איין אויסגוס, א קללה! א קלאָג, א יללה!
א פייער, א שרפה! א מהומה, א מגפה!...

— איהר וועט עסען מיט'ן בעל־הבית און מיט דער בעל־הבית'טע? — מאַכט צו מיר נח דער שווייצאַר אויף דער טיר. — צי איהר וועט געהן עסען אין א רעסטאָראַציע?

— אין א רעסטאָראַציע! — זאָג איך. — אין א רעסטאָראַציע!...

ישמחו ב־
מלכותך שו־
מרי שבת ו־
קוראי עונג!...

און דאָס כאָהר צעטיילט זיך אויף צווייען; איין האַלב כאָהר זינגט:

טוראַרירל! טוראַרירל!
טוראַרירל! טוראַרירל!

און דאָס אַנדערע האַלבע כאָהר האַלט־אונטער:

פּים־פּאָם!
פּים־פּאָם!
פּים־פּאָם!

און פון דער אַנדערער זייט הערט זיך א געזאַנג פון די „אַקטעיורען“:

פּי - סע - לעך!
און פּי - סע - לעך!
און לעבעדיגע!
פּי - סע - לעך!
אויף מיר אַזאַ יאָהר!...

אויף דער משרת, וואָס פּוצט די שטיוועל הינטער מיין טיר, טהוט אַלע מאָל א שפּיי אויפ'ן בערשטעל און זינגט א ליעדעל:

האָב איך א שוויעגער,
האָט זי איין איי־איי־איי־דעם!
שלאָגט ער איהר טאָכטער,
ציטערט דער ביי־איי־איי־איידעם!

און נאָך א געזאַנג לאָזט זיך הערען: א קול פון א אידינע, וואָס זי שעלט דעם מאַן. דאָס זוכט די בעל־הבית'טע דעם בעל־הבית אין אַלע נומערען, און הערט ניט אויף צו שעלטען איהם

— פון וואַנען — זאָג איך — האָב איך זי געוואָלט קענען, אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען אין כתרילעווקע ?

— הערסט ! היינט וואָס זשע — זאָגט ער — פרעגט איהר זיך נאָך אויף שרה'ן ?

— איך פרעג גאָר ניט אויף שרה'ן. — זאָג איך. — איך פרעג, צי דאָ איז דער רעסטאָראַן „שרה אינדיק", וואָס סע שטעהט אויפגעשריבען אויף דער וואַנט ? איך וויל עפּיס עסען.

— עפּיס עסען ? — מאַכט ער צו מיר. — הערסט ! היינט וואָס זשע שווייגט איהר ? רחל ! רחל !

און עס בעוויזט זיך אַ שוואַרצ'חנ'עוודיג ווייבעל מיט שוואַרצע לאַכענדיגע אויגעלעך, מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און מיט מעהל אויף די הענד, אויפ'ן פאַרטוך און אויפ'ן פּנים.

— וואָס איז שוין ווייטער ? — רופט זיך אָן דאָס שוואַרצ'חנ'עוודיגע ווייבעל, טהוט זיך אַ וויש די נאָז מיט'ן אַרבעל, וואָס אויף דער זייט עלענבויגען. — מע לאָזט ניט איבערזיפּען די מעהל ! אַלע מינוט : רחל ! רחל !

— זיי ווילען עפּיס עסען. — מאַכט צו איהר דער אַלטער און הערט ניט אויף צו פּאַטשען דעם מאַטראַץ.

— עפּיס עסען ? — רופט זיך אָן דאָס ווייבעל מיט אַ מאָדנע מין געזאַנג, ווי מען איז מעביר די סדרה, און טרייסעלט־אויס דעם פאַרטוך און פערשיט מיר די אויגען מיט מעהל. — וואָס ווילט איהר עסען ?

— וואָס האָט איהר ? — זאָג איך צו איהר מיט'ן זעלבען ניגון, וואָס זי.

— וואָס ווילט איהר ? — זאָגט זי נאָך אַ מאָל מיט'ן אייגענעם ניגון.

— וואָס איך וויל ? — זאָג איך. — המ... פיש איז דאָ ביי אייך געפילטע ?

— נאָכ'ן מארק פיש ? — זאָגט זי — אַ שענע מעשה !

— נו, לאָז זיין באָרשטש, — זאָג איך — אַז ניט קיין פיש.

.III

כתרילעווקער רעסטאָראַנען.

„כשר! בכאַן עסט מען פריש און וואָלוועל! שרה אינדיק".

איבערגעלייענט אַזאַ מין אויפשריפט, קלעטער איך אַרויף, אויף גליטשיגע טרעפּ, אויפ'ן צווייטען שטאָק פון אַ רויטען נאַקעטען מויער, און חאַטש די ריחות, וואָס לאָזען זיך הערען אויף די טרעפּ, זענען עפּיס ניט אַזוי אַנגענעהם פאַר דער נאָז, נאָר אַ הונגעריגער מאָגען קלויבט נישט איבער.

— וואו איז דאָ ערגיץ שרה אינדיק? — טהו איך אַ פרעג ביי איין אַלטען אידען מיט אַ געל פּנים, וואָס זיצט אויף דער ערד און פערריכט איין אַלטען מאַטראַץ.

— ווייט! — מאַכט צו מיר דער אַלטער און טהוט אַ פּאַטש דעם מאַטראַץ, און עס געהט פון איהם אַ גרין רויכעל.

— אוועקגעפאָהרען? — פרעג איך איהם.

— אוועקגעפאָהרען! — מאַכט צו מיר דער אַלטער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — אוועקגעפאָהרען אויף אייביג!...

— געשטאָרבען? ברוך דיין אמת! — זאָג איך און וויל מיך אַרויסחאַפּען צוריק.

— יאָ, — מאַכט ער — געשטאָרבען. ערב פסח וועררד זעכס יאָהר, אַז זי איז געשטאָרבען. גלויבט מיר, איך האָב זי נאָך נישט פאַרגעסען אויף קיין מינוט אפילו! ווי קאָן מען דען אַזעלכעס פאַרגעסען? איהר קאָבען, איהר באַקען, איהר באַגעהן זיך מיט דער וועלט, איהר רעדען מיט אַ מענטשען און איהר צוטרעפען מיר מיין שגעון! נאָר איך פאַרשטעה ניט — איך באַדאַרף אייך דערצעהלען? איהר האָט דאָך זי מסתמא געקענט?

— מיט א ציבעלקע.

— און מיט עסיג אוי־עך?

— מיט עסיג אויך.

— און מיט בוימעל אוי־עך?

— מיט בוימעל אויך.

זי טהוט ווידער א טרייסעל דעם פארטוך, קאטשעט־אָפּ די ארבעל, לאָזט זיך געהן נאָך א הערינג און קעהרט זיך אום צוריק.

— ווי אזוי האָט איהר ליעב א הערינג זאָל זיין — מיט א מילעך? צי מיט א רויג?

— לאָז ער זיין ווי ער וויל זיך, — זאָג איך — אבי לאָז ער שוין זיין.

— געריכטע פישלעך עסט איהר?

— פאר וואָס ניט? — זאָג איך.

— און אדעסער קעפאליען? — זאָגט זי.

— בכבוד גדול! — זאָג איך.

— איך ווייס אָבער ניט, — זאָגט זי — צי זיי זענען שוין דאָ? מיר דאכט, אז זיי זענען נאָך נישטאָ, און אפשר זענען זיי שוין דאָ?... ניין, ס'איז נאָך פריה!... פון דעסטוועגען וועל איך געהן זעהן, טאָמער זענען זיי שוין דאָ...

רחל לאָזט זיך געהן און קעהרט זיך אום צוריק.

— אויף אידישען קאָלבאָס זענט איהר א בעלן?

— אָך! — זאָג איך. — אדרבה, קויפט, קויפט קאָלבאסען, איך האָב ליעב קאָלבאסען.

— איהר מיינט דאָך אודאי ווארשעווער קאָלבאסען?

— נו יאָ! — זאָג איך. — געוועהנליך, ווארשעווער!

— אזוי! — זאָגט זי. — וועט איהר מוחל זיין זיך דורכ־פאָהרען קיין ווארשעוו, וועט איהר דאָרט עסען ווארשעווער קאָל־באסען. ביי אונז פארקויפט זיך כתרילעווקער קאָלבאסען, פון אונזער איינענער כתרילעווקער פאבריקע, באדארף מען האָבען צו זיי אייזערנע צייהן! שניידען מיט א מעסער איז אונמעגליך,

— וואו האָט איהר געזעהן — זאָגט זי — נאָך האַלבען טאָג באָרשטש? אַ באָרשטש דארף זיך קאָכען — דאָס ווייסט איהר, צי ניין?

— אַלסדינג — זאָג איך — באַדאַרף זיך קאָכען.

— אַבי איהר ווייסט, — זאָגט זי — איז גוט!

— נו, — זאָג איך — איז קיין ראָסעלפלייש אויך ניטאָ?

— פון וואַנעט — זאָגט זי — האָט זיך גענומען אַ ראָסעל־פלייש? ס'איז געווען אַ ראָסעלפלייש, האָט מען איהם אויפ־געגעסען.

— נו, — זאָג איך — לאָז זיין אַ יויך!

— מיט וואָס, — זאָגט זי — ווילט איהר, זאָל זיין די יויך? מיט מאַנעגרייפלעך, מיט אַ מצה'לע, צי מיט מאָנדלען (אַ פּתח פערבייט זיך ביי איהר אָפט אויף אַ קמץ).

— לאָז זיין — זאָג איך — מיט וואָס איהר ווילט, אַבי אַ יויך!

— אויף ווען, — זאָגט זי — ווילט איהר, זאָל זיין די יויך?

— וואָס הייסט, — זאָג איך — אויף ווען? אויף באַלד!

— וואָס הייסט, — זאָגט זי — אויף באַלד? איהר ווילט דאָך מסתמא אַ יויך זאָל זיין פון עוף? וואָסער טעם האָט אַ יויך אָהן עוף? און איין עוף באַדאַרף מען ערשט חאַפּען, שיקען צום שוחט, אָפּפליקען, מאַכען, זאַלצען, אָפּגיסען, אויסווייקען און צו־שטעלען. עס קאָן אַרויסקומען הלואי אויף דער נאַכט.

— גיט זשע מיר אַזוי — זאָג איך — וואָס ניט איז: אַ שטיקעל פלייש, אַ ביסעל זופּ, אַ פּרעזשעניצע פון עטליכע אייער, אָדער עפּיס געזאַלצענס, טאָמער האָט איהר?...

— אַ מאָדנער איד! — רופט זי זיך אָן צום אַלטען. — אַלסדינג גלוסט זיך איהם... אַ הערינג, אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך מאַכען.

— לאָז זיין אַ הערינג, — זאָג איך — אַבי גיכער.

— ווי אַזוי ווילט איהר? — זאָגט זי. — מיט אַ ציבעלקע?

בעטגעוואַנד... און דערצו בין איך אַ קראַנקער און אַ קאַפּריזנער! אויסשטעהן מיין שגעון — באַדאַרף מען זיין שטאַרקער פון אַייזען! דאָס הייסט, בטבע בין איך דוקא אַ גוטער, נאָר מיך אַז מע דער׳רגזנ׳ט מיט אַ וואָרט, איז חיות ניט זיכער — וואָס סע קומט מיר אין האַנט פליהט דאָס אין קאָפּ אַריין!... אָט אַזאַ ספּילשלי־ווער בין איך!... איהר מיינט, איך האָב דאָס איהר ניט געזאָגט פריהער, איידער איך האָב זי גענומען? איך האָב איהר געזאָגט, אַז קיין האָניג וועט זי ביי מיר ניט לעקען! זי וועט זיין צופריעדען, אַז עס וועט זיין אַ שטיקעל ברויט אין שטוב. פון פלייש און פון מילך שמועסט מען ניט. און האָרעווען — האָב איך איהר גע־זאָגט פריהער, אַז זי וועט האָרעווען פאַר דריי...

— צוליעב וואָס זשע האָט זי אייך גענומען? — פרעג איך איהם.

— וואָס הייסט — מאַכט ער צו מיר פערוואונדערט — צו־**ליעב** וואָס? און די ש ט ו ב איז ביי אייך אַ הונט?

— וואָסער שטוב? — זאָג איך. — אָט דער מויער איז דען אייערער?

— ניין! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ געלעכטער. — איך מיין די „רעסטאָראַציע“, וואָס איך האָב. ס׳איז שוין ביי מיר איין אַיינגעפיהרט געשעפט פון כמה וכמה יאָהרען. אָט ווי ס׳איז ניט געשלאָגען איצטער די פּרנסה, פון דעסטוועגען איז פאָרט אַ שטוב! ווען איהר טהוט אַ קוק אויף מיין רחל׳ען, אַז זי טהוט זיך אָן און געהט ארוים אויפ׳ן שפּאַציער, וואָלט איהר געמיינט, ס׳איז אַ גראַפיניע! זי איז טאַקי, קיין עין־הרע, זעהר אַ שענע. איצט איז זי שוין אַ ביסעל „אָפּגעבליאַקעוועט“. איהר זאָלט זי געוועזן זעהן פריהער מיט עטליכע יאָהר!...

— וויפיעל קינדער האָט איהר? — מאַך איך צו איהם.

— טע־טע־טע! — מאַכט ער צו מיר. — קינדער! אָט דאָס איז די גאַנצע צרה, וואָס איך האָב קיין קינדער ניט!... אַ ביסעל

סיידען האַקען מיט אַ האַק — דער שוואַרצער יאָהר ווייסט זיי, וואָס זיי שטופּען אָן אַהינצו, וואָס ס'איז אַזוי האַרט? מע האָט אַנומעלטען צעהאַקט אַ קאָלבאַס, האָט מען געפונען אַ צוויאָק. אַפּנים, זיי לעגען אַריין צוויעקעס, סע זאָל געהן גוט אויף דער וואָג?...

— טאָמער וואָלט געוועזען געננוג רעדען? — רופט זיך אָן דער אַלטער. — געה און ברענג צו טראָגען, און איין עק זאָל דאָס האָבען!

— וואָס הייסט, גלאַט ברענגען צו טראָגען? מע באַדאַרף דאָך וויסען וואָס ברענגען! איטליכער האָט זיך זיין משוגעת! אָט האָסט דו, אַשטייגער, ליעב געפּרעגעלטע פיש; און אַנדערע האָבען פיינט געפּרעגעלטע, האָבען ליעב באַק־פיש... צי, אַשטייגער, פאַרהאַן אורחים ביי אונז אַזעלכע, וואָס הייסען זיך אָפּקאָכען געהירען און עסען דאָס צעהאַקטערהייד מיט אַ ציבעלקע און מיט שמאַלץ... און ווייעדער איז פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען ליעב אין מיטען דער וואָך פּעטשאַי מיט צוגעטריקענטע פּענעצלעך מיט קנאָבעל... און פאַרהאַן אַזעלכע פּרעסער, וואָס וועלען אייך אַוועק־געבען די נשמה פאַר איין אָנגעפּילטע קישקע מיט פאַרפעל... און פאַרהאַן ווייעדער אַזעלכע, וואָס איהר זאָלט זיי גילטען, זיי זאָלען אייך נעמען אין מויל אַריין איין עסיגפלייש!...

— איך בעט אייך, — זאָג איך — ברענגט מיר וואָס איהר וועט שוין ברענגען, וואָרום איך בין טוידט־הונגעריג!

רחל געהט אַוועק, און דער אַלטער רופט זיך אָן צו מיר:

— נייען מאָס רעד!

— ס'איז אייערע אַ טאָכטער? — פרעג איך איהם.

— וואָסער טאָכטער? — מאַכט ער צו מיר. — ס'איז מיין ווייב, דאָס אַנדערע ווייב ביי מיר. עך־עך־עך! אודאי איז דאָס ניט יענע... יענע, עליה השלום, איז געוועזען אַ אידינע, וואָס מע קריגט זי נישט!... דאָס הייסט, איך האָב צו דער אויך גאָר ניט; זי האָרעוועט נעבאַך זעהר געטריי. אַז אָך און וועה איז איהר!... אָט דאָס שטיקעל מאַטראַץ, וואָס איהר זעהט, איז אונזער גאַנץ

עס קומט אָן רחל מיט'ן געבעקס און מאַכט מיר דעם הערינג, און די הויכע אידינע הערט ניט אויף אויסצומאָהלען, ווי עס רינט ביי איהר שמואל'קען פון איין אויהערעל... זי האָט מורא, זי וועט ווידער מוזען אָנקומען צום רופא — ווייסט זי ניט, צו וואָסער רופא זאָל זי געהן? דען צו וואָסער רופא זי זאָל ניט געהן, ווייסט זי פריהער, אז ס'איז ארויסגעוואָרפען, מחמת די כתרילעווקער רופאים, דער רוח זאָל זיי נעמען, זענען גוטע בלוטצאַפּערס! א כתרילעווקער דאָקטאָר אז איהר גיט חלילה ווינצינער פון א גילען, טהוט ער אייך א שמיץ אין פנים אריין! ס'איז איהם קארג צו קרענקען, דעם פּראָפעסאָר!...

— גיט עפּים א נדבה א קראנקען! — מאַכט א איד מיט א בלוי פנים און ציהט אויס א קליין אויסגעטריקענט הענטעל, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען לכתחילה פאַר א סגולה אויף בעטען נדבות.

— גיט עפּים א נדבה א וויסטען קאַליקע! — רופט זיך אָן א נפש, וואָס געהט אויף די הענד, מחמתביידע פיס זענען ביי איהם צענויפגעפלאָכטען און אונטערגעבויגען אונטער זיך.

— גיט עפּים א נדבה א חולה־נופל'דיגען!...

איך וואַרף־אַוועק אין מיטען דער „סעודה“, איך צערעכען זיך פאַר'ן עסען און אַנטלויף פון דער „רעסטאָראַציע“ וואו דער שוואַר־צער פעפער וואַכסט!

בראָנפּען וועט איהר נעמען? וועל איך אייך געבען א ביסעל „שפּירעט“.

— אָך, — זאָג איך — מיט'ן גרעסטען כבוד!

— איך וועל אייך געבען אין א פינסטערער כלי. — מאכט צו מיר דער אַלטער און שלעפּט־אַרויס פון בוזעם־קעשענע א פלע־שעל און א קליין געגלייזט טעפּעלע און גיסט מיר אָן א ביסעל „שפּירעט“. דאָס ביסעל „שפּירעט“ מאכט מיר נאָך א גרעסערען אַפּעטיט, און איך פּיהל, אז עס עקט זיך מיר דאָס חיות.

עס קומט רחל מיט'ן הערינג און טהוט זיך א פּאַטש מיטביידע הענד איבער'ן קליידעל:

— אוי, אַ דונער איז מיר! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אז אין שטוב איז ניטאָ נישט קיין בולקע און נישט קיין ברויט! וואָס פאַר א געבעקס האָט איהר ליעב? אידישען קוילעטש, צי פראַנ־זאָלים, צי גאָר קאָרן־ברויט?

— וואָס איהר וועט דערזעהן פריהער — זאָג איך — אָט דאָס זאָלט איהר קויפען! איך בעט זעהר, איהר זאָלט מיך מעהר נישט פרעגען וואָס איך האָב ליעב! איך האָב אַלסדינג ליעב! -

— א קאַפּריזנער אורח! — זאָגט רחל. — פערעבענדיוועט נאָך מעהר ווי מיין מאַן!... מיין מאַן וואָלט אַ בעלן געווען אַלע טאָג אַ פרישען פּידפּאַלעק... אַלט־געבאַקען ברויט נעמט ער נישט אין מויל אַריין... קאָן דען זיין אַלע טאָג פריש געבעקס? דאָס קאָן אויספיהרען סיידען קאָביליאַנסקי...

— נו, געה שוין, געה! — זאָגט צו איהר דער אַלטער. — זעהסט דאָך, אז זיי חלש'ען עסען!...

רחל געהט אַוועק נאָך געבעקס און עס קומט אַריין א אידינע א הויכע מיט איין אויג: איין האנד האלט זי אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האנד קראַצט זי זיך אין אויהער.

— וואָס טהוט מען, רב משה־יענקעל, גיט מיר איין עצה? — זאָגט די הויכע אידינע צום אַלטען. — ביי מיין שמואל'קען האָט זיך שוין ווידער צעשפּיעלט איין אויהערעל...

אויף דעם פּאַס: „ווימאָראָזיג אַקערמאַן". און אַז איהר ווילט, דער ווײַן זאָל זײַן רויט, נעמט מען דעם אייגענעם ווימאָראָזיג און מע פאַרפאַרבט איהם מיט גאָלעש־טינט און מע שרייבט אָן מיט קרייד אויף דעם פּאַס: „זמירער פּעאָדאָ־סיע", אָדער „אונגערשער מאַלאַגע"... און כתרילעווקער מבינים זשליאָקען די דאָזיגע קאַװאַפּיציע און לעקען די פינ־גער... שאַ, אָט געהט דער בעל־הבית, אַרויסגעהן זאָל פון איהם די פּאַרע!

דערזעהן דעם בעל־הבית געהן, הויבט דער בחור אָן צו האַקען די ראָזינקעס מיט אַלע כחות.

— וואָס האָט איהר געוואָלט? — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית, אַ רויטער איד, ניט קיין הויכער, מיט אַ הייזעריג קול און מיט איין אויג איין אָפּענעם, וואָס אפילו אַז ער שלאָפט, מוז ער דאָס אויך, אַפּנים, האַלטען אָפען.

— אַ גלעזעל ווײַן. — זאָג איך.

— אַ לאַחדים־גלעזעל־ווײַן? — מאַכט ער צו מיר, דרילעוועט איין אויהער און קוקט אויף דער סטעלי.

— אַ לאַחדים־גלעזעל־ווײַן. — זאָג איך.

— וואָס זשע — זאָגט ער — האָט איהר זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער? פאַר וואָס זענט איהר ניט אַרויפגעגאַנגען אויבען? קריכט־אַרויף און נעמט זיך, זייט מוחל, רעכטס!

איך קריך־אַרויף און נעם מיך רעכטס און קום־אַריין אין אַ פינסטערען חדר, פול מיט רויך און מיט בלאָטע. עס שטעהען עטליכע טשאַכאָטעטשנע הינקענדיגע בענקלעך, און אידען זיצען, רויכערען פּאַפּיראָסען און טרינקען „ווימאָראָזיג". זיי זינגען ניט, שרייען ניט, שלאָגען ניט מיט די הענד אין טיש אַריין און בע־ווייזען ניט קיין שום מיאוס'ע שטיק; וואָס דען טהוען זיי? זיי זיצען און זויפען דעם „ווימאָראָזיג" פון די גלעזלעך, פאַררויכערען אַ פּאַפּיראָס, זיפצען און קרעכצען און רעדען שטילערהייד. אָט

.IV

כתרילעווקער ווייַן און כתרילעווקער שכורים.

„נאָך אַזאַ מיטאָג וואָלט געווען גוט פערטרינקען מיט אַ גלעזעל ווייַן“, — אַזוי טראַכט איך מיר און דערזעה איין אויפ־שריפט: „בכאן מוכרים יי"ג, מעד וביער למקח השוה“.

איך לאָז מיך אַראָפּ אין אַ פינסטערען קעלער, צווישען פעסער און פעסלעך, צעבערס און פלעשלעך, און דערזעה, ביי דער זייט זיצט אַ היבשער בחור מיט איין אונטערגעבונדען געשוואָלען פּנים איבער אַ מולטער און האַקט ראָזינקעס מיט אַ האַקמעסער.

— וואו איז ערגיץ דער בעל־הבית? — פרעג איך דעם בחור.

— דער בעל־הבית? — מאַכט צו מיר דער בחור און נעמט־אָן אַ פולע זשמעני מיט ראָזינקעס, טהוט אַ שמיר איבער'ן מויל און חראָמקעט מיט די צייהן גאַנץ געשמאַק. — דער בעל־הבית איז אין קאַמער, ער מאַכט „ווימאַראָזיג“.

— וואָס הייסט — זאָג איך — ער מאַכט „ווימאַראָזיג“?

— איהר ווילט וויסען, — מאַכט צו מיר דער בחור — ווי אַזוי מע מאַכט „ווימאַראָזיג“ ביי אונז אין כתרילעווקע? מע נעמט ראָזינקעס און מע האַקט און מע האַקט, און מע האַקט זיי אַריין אין אַ גרויס פאַס אַריין, מע בויטעט אָן דאָס איבעריגע מיט וואַסער פון דער גנילאָפּיאַטקע און מע מישט אַריין האָפּען, הויבט דאָס אָן צו שפּיעלען, און אַז סע צעשפּיעלט זיך, ווערד אַ גע־שטאַנק, אַז מע קאָן דערוואָרגען ווערען! נעמט מען אַ פּאָר עמער „שפּירעט“ און מע האַקט־אַריין עפּיס אַ מין פּראָשעק אַזעלכען, וואָס סע קאָסט אַ גילען אַ פּוד; נאָכדעם זייעט מען דורך דעם גאַנצען ווייַן דורך אַ גויישען העמד און מע שרייבט אָן מיט קרייד

וואָרום איך, אז איך טרעט־צו צו א געשעפט, שמעק איך פריהער, שא, פּאַוואָלינקע, נישט געחאַפּט... און אז איך שמעק גוט אָן וואָס עס האַלט, טהו איך מיר א פּאָרקע הינטען־אַרום — דאָס, יענס, לאָקש, בוידעס, ציבעלע, טאָמער אזוי, טאָמער אזוי, וואָס וועט איך אהרען, ממה־נפשך, ווי זאָגט ער: גוט איז א חיי־שעה!... אי, טאָמער טהוט מיר יענער א קוק־אַוועק און איך דערזעה, אז ס'איז אויף צרות, אויף קידער־ווידער? טרעט איך מיר אָפּ אָן א זייט און — שא! לאָז זיך עס טהון אָהן מיר!... אויב ס'איז באַשערט, וועט דאָס ניט אַוועק, און אז מע וועט באדארפען פּאָר־קען, וועט מען פּאָרקען... פאַרהאַן א פּייטערבארג איז פאַרהאַן!... מיר ווייסען שוין, וואו א טיר עפענט זיך, מיר פאַרשטעהען דאָס מין... מיר קענען די עברי וואָס מע דאַרף... טאָמער דאַרף מען שרייבען, געפינט־מען שוין דעם, וואָס ער שרייבט... דער עיקר איז, ס'זאָל זיין שטיל — ששש!!! (ער טהוט זיך אליין א ביס דעם קולאַק און ווערד שטיל).

נאָך עטליכע אידען מיט פערשיעדענע קאַפּאָטעס און אַלערליי קאשקעטען זיצען ביי איין טישעל און רעדען אַלע מיט א מאָל, אזוי, אַז זייערע ווערטער ווערען צענויפגעגאָסען אינאיינעם, און עס קומט אויס א מישמאַש פון מסחר, פון פּאָליטיק, פון „ווימאָ־ראָזיג", פון אַמאָליגע יאָהרען, פון היינטיגע קינדער, פון דאָק־טוירים, פונ'ם טראַמוואַי, פון דער טאַקסע, פון א רוח־אין־די־כתרילעווקער־נגידים'ס־טאַטען־אַריין — ס'איז שווער אַרויפצוחאַ־פּען אויפ'ן פּאַפּיער דאָס, וואָס סע ווערד דאָ גערעדט. און ביי דער זייט שטעהען ווילד־פּרעמדע אידען, וואָס טרינקען ניט קיין „ווימאָ־ראָזיג", נאָר זיי זענען אַריינגעגאַנגען אַהער גלאַט אזוי, הערען וואָס מע רעדט טאַקי, און אין איין וועג זיך אָנוואַרעמען...

נאָך א קאָמפּאַניע אידען זיצען אַרום טיש, טרינקען „ווימאָ־ראָזיג" און זינגען א ליעדעל, און דוקא אויף גוייש; נאָר שטיל, אָהן געפּילדער, מיט זעהר א וויינענדיגען נוסח, ווי מע זאָגט סליחות אָדער תהלים:

זיצען צוויי אידען ביי אַ טישעל, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. מע זעהט, אַז ס'איז ביי זיי אויסגעגאַנגגען ווערטער. חאַפּט זיך אויף איינער:

— וואָס זאָגסט דו, שמעון־דוד, אויף דעם „ווימאָראָזיג", האַ?

— וואָס זאָל איך זאָגען אויף דעם „ווימאָראָזיג"? — חאַפּט זיך אויף דער אַנדערער, ווי פון'ם שלאָף. — ס'איז אַ „ווימאָראָזיג" פון גאָט! ס'איז שוין איין מאָל אַ „ווימאָראָזיג"!

— מע באַדאַרף איהם פרעגען, צי וועט ער האָבען פון דעם אייגענעם „ווימאָראָזיג", אם־ירצה־השם, אויף פּסח?

— דו זאָרגסט זיך שוין פאַר פּסח? ביזט שוין, אפנים, אַ באַוואָהרענטער מענטש אַרום און אַרום, נאָר פּסח'יגער „ווימאָראָזיג" געהט דיר אָפּ?

— וואָס דען, איך בעט דיך, אַז אָך און וועה איז מיר!

— אַז אָך און וועה איז טאַקי דיר, אַז דו באַדאַרפסט זיצען אָט־אַ־דאָ אַ גאַנצען טאָג, אויסבאַהאַלטען זיך פון'ם ווייב, זי זאָל ניט מאָנען אויף שבת.

— דערמאַן מיר ניט דאָס ווייב, געב מיר בעסער מיט אַ פּיסטויל אין האַרצען! וואָס קאָן איך איהר געבען? צרות קאָן איך איהר געבען, אַז אָך און וועה איז מיר!

— דו מיינסט, מיר איז בעסער? אַז אָך און וועה איז מיר אויך!

— איך וויים, אַז דיר איז אויך ניט בעסער, אַז אָך און וועה איז אונז ביידען! לחיים! לאָמיר זיין געזונט...

נאָך צוויי אידען זיצען ביי איין טישעל, איינער מיט אַ גאַנ־צער קאַפּאָטע, און דער אַנדערער מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע. דער וואָס מיט דער גאַנצער קאַפּאָטע רעדט, און יענער וואָס מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין און שאָקעלט־צו מיט'ן קאָפּ.

— פאַרשטעהסט דו שוין, ווי אַזוי לוי־יצחק דרעהט־אויס אַ געשעפט?... לוי־יצחק קאָן זיך אַריינדרעהען און דרעהען און פאַר־דרעהען אי זיך, אי יענעם, און סוף־כל־סוף פאָרט אויסדרעהען!

— איהר זענט אַלע בהמות! — רופט זיך אָן אַ ראַקאָוואַטע אידעל מיט אַ ליוסטרינגענער קאַפּאָטע, רעדט פּאַוואָלי, צעהלט די ווערטער, לעגט־ארויף דעם פינגער אויף דער נאָז, האַלט דאָס מויל אין אַ זייט און שמייכעלט צו זיך אַליין זעהר געשמאַק, און די בעקלעך פלאַמען איהם. — איהר זענט פערד, ווי איך בין אַ איד, אוי, זענט איהר פערד! איך קוק און שווייג און הער זיך צו, וואָס איהר רעדט: ציוניסטען, שמיוניסטען, קעבעבע מיט לאַקרעץ!... איך זעה־ארויס, אַז איהר ווייסט קיינער ניט מה דקאמרי רביצין! אויב איהר ווילט, וועל אַ י ך אייך זאָגען וואָס דאָ ליגט די מעשה דערפון איז אַזוי... נאָר הערען זאָלט איהר מיט קאָפּ!...

ער נעמט דאָס בערדעל אין מויל אַריין, פערמאַכט די אויגען, טראַכט לאַנג־לאַנג און חאַפּט זיך אויף פון׳ם שלאָף און טהוט אַ מאַך צום בעל־הבית, קנאַקט־צו מיט׳ן פינגער:

— רב זייט־זשע מוחל! הייסט געבען נאָך אַ פּלעשעל „וויר־מאָראָזיג״!...

אברהמניו! אברהמניו!
אָבינו טי נאַש!
טשעמו טי נע פּראָסיש
אלהינו נאַש!
אלבאָ נאַם וויקאָפּיט,
אלבאָ נאַם וויפּראָסיט —
לאַרצנו נאַשו,
לזעמליו נאַשו!?...

אז עס האַלט ביי׳ם „וויקאָפּיט“, מאַכען זיי דאָס מיט אַ שטורם, מיט אַ ירגזון, דאָס הייסט, מיט שטאַרקייט; נאָר אַז עס קומט צום „וויפּראָסיט“, ווערען זיי מיט אַ מאָל ווייך, בויגען־איין די קעפּ און מאַכען מיט די הענד, ווי, להבדיל, אַ פרומער חזן ימים־נוראים פאַר׳ן עמוד. און ביי׳ם „לאַרצנו נאַשו, לזעמליו נאַשו“ צעוויינען זיי זיך טאַקי מיט טרערען, ווי קליינע קינדער...

— עי־עי־עי־עי! — רופט זיך אָן איינער פון דער קאָמפּאַניע, אַ איד, וואָס דאָס קאַשקעטעל ליגט איהם שוין אויף יענער האַלבע קאָפּ, די אויגען זענען ביי איהם ווי שלעפעריג און די צונג פּלאָנ־טעט זיך שוין אביסעל צווישען די צייהן. — וואָס וואָלט געווען, אשטייגער, כרוכיה למשל, מע זאָל אונז אָפּגעבען, הייסט דאָס, ארץ־ישראל? הא, יענקעל? וואָס זאָגסט דו, יענקעל? דו ביזט דאָך עפּיס אַ יורע־נגן!

— ארץ־ישראל? — זאָגט יענקעל, ציהט־אויס דעם האַלז און קראַצט זיך אונטער׳ן קאָלנער. — ארץ־ישראל? ע! ס׳וואָלט אודאי געווען נימז שלעכט... עפּיס טהוען זיי, זאָגט מען, דאָך אין דעם — ווי אַזוי הייסען זיי? די... די... די...

— די ציוניסטען? — חאַפּט איהם אונטער נאָך איינער. — בלאָטע! ס׳וועט גאָר ניט זיין פון דעם!

— פאַר וואָס? עפּיס באַדאַרף דאָך זיין אַלסדינג מיט אַ טעם.

— אַזוי. מסתמא ווייס איך, אַז איך זאָג. איך האָב פיינט רעדען גלאַט אַזוי. דו ווייסט דאָך, אַז איך זאָג, איז געזאָגט!

— איהר ווייסט ניט, וואו איז דאָ ערגיץ דאָס אידישע טהעאַ־טער? — טהו איך אַ פרעג אַ אידען, וואָס לויפט פאַרביי מיר מיט אַ פעקעל סחורה אונטער דער האַנד.

— דאָס אידישע וואָס? — מאַכט צו מיר דער איד מיט'ן פעקעל סחורה און שטעלט זיך אָפּ און בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס

— דאָס אידישע טהעאַטער — זאָג איך.

— וואָסער טהעאַטער? — זאָגט ער.

— דאָס טהעאַטער, — זאָג איך — וואָס מע שפּיעלט דאָרט.

— ווער שפּיעלט דאָרטען? — פרעגט ער מיך.

— אדלער — זאָג איך — שפּיעלט דאָרטען.

— וואָסער אדלער? — מאַכט ער צו מיר.

— אדלער, — זאָג איך — דער אמת'ער אדלער.

— פון וואַנען איז ער? — מאַכט ער צו מיר.

— פון אמעריקע — זאָג איך — איז ער.

— פון אמעריקע? — מאַכט ער צו מיר. — וואָס זשע טהוט ער היע?

— ער שפּיעלט דאָ — זאָג איך — אינ'ם אידישען טהעאַטער.

— וואָס זשע שפּיעלט ער? — זאָגט ער.

— „קאָלדוניאַ" — זאָג איך — שפּיעלט ער.

— וואָס זשע הייסט דאָס „גאָלדוניע"? — מאַכט ער צו מיר. איך וויל אַוועקגעהן, לאָזט ער מיך ניט; ער וויל, איך זאָל איהם נאָר דערצעהלען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס „טרעיאַטער", און וואָס הייסט „גאָלדוניע", און ווער איז דער אדלער, וואָס ער איז געקומען פון אמעריקע?... איך דערצעהל איהם, און ווי ווייט מעגליך מאַך איך איהם קלאָר, וואָס איז אַזעלכעס טהעאַטער, און וואָס איז „קאָלדוניאַ", און ווער איז אדלער. מיין איד הערט־אויס אַלסדינג מיט קאָפּ, בויגט זיך אָן, טהוט אַ שפּיי־אויס און געהט־אַוועק אָהן אַ זייט־געזונד.

.V

כתרילעווקער טהעאַטער.

ארויסגעגאַנגען פונ'ם ווייןֿקעלער, האָב איך דערזעהן איין אפיש מיט גרויסע אותיות, אויף אידיש, אָפּגעדרוקט די ראָזיגע ווערטער:

„דאָס ערשטע מאָל אין כתרילעווקע!
„דאָס אידישע טהעאַטער!
„דער אמת'ער אדלער פון אמעריקא!
„דער גרעסטער קאָמיקער פון דער וועלט!
„איהר וועט צעגעהן פאר געלעכטער!
„אזא באבע יאחנע איז נאָך ניט געוועזן זינט די וועלט שטעהט!
„אזא האָצמאַך, ווי ביי אונז, איז נאָך גאָר ניט געבוירען געוואָרען!
„היינט שפּיעלט מען א שפּאָגעלֿנייע אָפּערא:

!קאָלדוניאַ!

„אידען! פערזעצט וואָס איהר האָט!
„אידען! געהט אין טהעאַטער!
„אידען! איהר וועט זיך מחיה זיין!
„אידען! לויפט!
„בילעטען קויפט!
„גיכער! גיכער!
„ווי א וויכער!"...

אונטען געהט גע'חתמ'עט: דער רעזשיסער, דער דיריזשער און דער אַנטרעפּרינער — טאַקי אדלער אליין, דער אמת'ער אדלער פון אמעריקא, דער גרעסטער קאָמיקער אין דער וועלט.

גיך ווערד בעשאַפען אַרום אונז אַ גאַנץ רעדעל פון אידען, ווייבער און קינדער. מע הויבט־אָן טייטען אויף מיר מיט די פינגער... עס פאָהרט־דורך פאַרביי אַ בעל־עגלה, חאַפּ איך מיר אריין אין ביידעל און הייס מיך פיהרען אין טהעאַטער אריין.

צוגעפאָהרען צום טהעאַטער, טרעף איך אַ גאַנצע חאַליאַסטרע מיידלעך מיט בחורים שטעהען אין דרויסען, רעדען און לאַכען און שיטען מיט ווערטלעך.

— לאָזט דורך דעם פּריץ! — שרייט איינער צום אַנדערען.

— פּאַוואָלי, איהר וועט איהם חלילה צעקנייטשען דעם קאַפּעליש! — שרייט נאָך איינער.

קוים מיט צרות, מיט לייד, זיך דורכגעשטופּט דורך דער חאַליאַסטרע צו דער קאַסע, אַ קליין פענסטערעל, טהו איך אַ פרעג, צי קאָן איך בעקומען אַ בילעט, און די חאַליאַסטרע פון הינטען שטופּט מיך און קוועטשט מיך פון אַלע זייטען.

— וואָסער אַ בילעט ווילט איהר? — פרעגט מיך דער קאַסיר, אַ דאַרער בחור מיט אַ לאַנגען גאָרגעל.

— וואָסערע בילעטען האָט איהר? — פרעג איך דעם קאַסיר.

— פאַרהאַן — זאָגט דער קאַסיר — אויף אַ גילען און אויף צוויי גילען און אויף דריי גילען.

— און טייערער איז ניטאָ ביי אייך? — פרעג איך איהם, און די חאַליאַסטרע בשעת מעשה הערט ניט אויף צו פּילדערען.

דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, חאַפּט זיך אויף דער קאַסיר פונ׳ם בענקעל, שטעקט־אַרויס דעם קאָפּ פונ׳ם פענסטערעל און שרייט־אויס אויף דער חאַליאַסטרע מיר גלייך אין פּנים אַריין:

— אַ רוח אין אייער מאַטעג׳ס טאַטען אריין! איהר וועט זיך ניט צעגעהן? אַט שיק איך אייך אַרויס רב לאָזער דעם גאָראָדאָוואָי מיט אַ קישקע וואַסער! קומט — מאַכט ער צו מיר — אהערצו אין טויער אריין.

די חאַליאַסטרע טרעט־אָפּ אַ ביסעל אויף אַ זייט, און איך שלאָג מיך דורך דורכ׳ן טויער אין הויף אריין. אין הויף שטעהט

— חנה־ביילע! וואוהין לויפסט דו אזוי? — שרייט א ווייבעל צו דער אנדערער איבער דער גאנצער גאס און חאָרחעלט, קאָן ניט אויסרעדען קיין „ריש".

— אין טהעיאַטעה אחאָן! — ענטפערט איהר דאָס אנדערע ווייבעל אויך מיט א חאָרחלען און מיט א קמץ דאָרט, וואו מע דארף א פתח. — נו, און דו געהסט גאָר ניט אין טהעיאַטעה אחאָן?

— אחויסגעהן זאָל איהח די נשמה! — מאַכט דאָס ערשטע ווייבעל. — וואָס זאָגסט דו צו מיין כתרילעווקעה נגידית? זי וויל, איך זאָל איהח היינט מאַכען די גענז, מאַכען זאָל זיך איהח א מכה! און פחעגלען שמאַלץ, פחעגלען זאָל מען שוין זי, חבונו־של־עולם! די גאַנצע וועלט געהט אין טהעיאַטעה, און איך ראחף זיין געבונדען, בינדען זאָל מען זי שוין אויף אלע פיעה, ליעבעח גאָט!

— וואָס העחסט דו זי? — זאָגט דאָס אַנדערע ווייבעל. — פאַח דיין געלט מעגסט דו געהן וואו דו ווילסט.

— איך העח זי ווי המן דעם נחייגעח!... — מאַכט דאָס ערשטע ווייבעל. — איך לויף אַהיים, איך טהו זיך איבעח און געה אין טהעיאַטעה אחאָן, זי זאָל אַפילו אויפלויפען ווי א באחג!

ביידע ווייבלעך צעגעהען זיך, און איך האָב דערווייל מיט וועמען צו געהן אין טהעאַטער. דאָס ווייבעל קוקט זיך אלע ווילע ארום און זעהט, ווי איך געה איהר נאָך, בלייבט זי שטעהן א ווילע און נעמט זיך רעכטס — איך געה רעכטס; זי נעמט זיך לינקס — איך געה לינקס; זי געהט פאַוואָלי — איך איהר נאָך. הויבט אָן דאָס ווייבעל לויפען, אזוי ווי מע לויפט אויף א שרפה.

— וואָס איז? — פרעגט מען זי. — וואו לויפסט דו? גאָט איז מיט דיר!

— עפּיס א שלים־מזל! — זאָגט דאָס ווייבעל און ווייזט אָן אויף מיר. — עח געהט מיח נאָך שוין פון א שעה. איך ווייס ניט וועח עח איז!...

— און ווער איז דאָס מיידעל ?

— דאָס איז דעם חתן׳ס א שוועסטער.

— און ווער איז דער בחור ?

— דאָס איז דעם חתן׳ס שוועסטער׳ס א חתן.

— און ווער איז אָט דאָס מיידעל ?

— דאָס איז זיין שוועסטער, דאָס הייסט, דעם חתן׳ס שוועס־טער׳ס חתן׳ס א שוועסטער.

— א היבשע משפחה ביי אייך, רב נח !...

— זאָלט דיר אין די אויגען, שטיינער דיר אין הארצען ! — מאכט צו איהם נח. — זאָג חאָטש „קיין עין־הרע“, דו אקטיאָר־טשיק ! דו קאָמעדיאַנטשיק ! דו בערענטרייבער ! דו גאָרגעל־רייסער ! דו בולקעשלינגער !...

תיכף נאָך נח דעם שוויצאַר שפּאַרט זיך דורך דער משרת פון׳ם האָטעל מיט די גרויסע שטיוועל. איינער פון די צוויי אַק־טיאָרען, וואָס שטעהען ביי דער טיר, דערלאַנגט איהם א זעץ פון הינטען און שטופּט איהם אריין אין טהעאַטער אריין.

נאָך איהם דערזעה איך פערשיעדענע פּארשוינען שפּארען זיך דורך, מעהרסטענטייל אָהן בילעטען. צווישען די פּארשוינען דער־קען איך מיין בעל־הבית פון דעם „האָטעל טערקאַליע“ מיט עפּיס א אידינע זעהר א גראָבע, וואָס געהט, ווי אויף רעדלעך, און קאַ־טשעט זיך, ווי א קאַטשקעלע.

— א ? איהר זענט אויך דאָ ? — מאַך איך צום בעל־הבית און פערגעס, אַז ער איז טויב ווי די וואַנד.

— נישקשה ! — ענטפערט ער מיר און שרייט אויף א קול, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געווען דער טויבער. — זיי זינגען קיין מעשה ניט !

— איהר זענט דאָ דאָס ערשטע מאָל ? — פרעג איך איהם

— ס׳איז רב ליפּע׳ס שטאַהל. — מאכט ער צו מיר. — א גאַנץ יאָהר האַלט מען דאָ בהמות אָדער פערד.

— קום שוין, קום ! — רופט זיך אָן צו איהם די גראָבע

א גרויסע שטאָהל, אָדער א שאַלאַש, וואָס פון די ברעטער לייכט זיך דורך א פייערל און עס לאָזט זיך הערען א געשריי פון מענשען. א האַלבע טיר פון דעם שאַלאַש שטעהט אָפען, און צוויי נעזונדע יונגען שטעהען און געבען אכטונג, מע זאָל זיך ניט אריינכאַפען אין טהעאַטער אָהן א בילעט.

— אידען! איינציגווייז! איינציגווייז געהט! — שרייט א איד מיט איין אויסגעפּליקטער באָרד און מיט א שווערד אויף דער זייט — אַפּנים, דאָס מוז זיין רב לאָזער גאָראָדאָוואָי. נאָר דער עולם הערט איהם, ווי דעם קאָטער: מע וויל ניט געהן איינציגווייז; איטליכער וויל פריהער און אַלע שפּארען זיך מיט א מאָל.

— לאָז דורך, דו יון מיט דער שפּאַגע! דו זעהסט ניט, ווער סע געהט? — אַזוי שרייט איינער און שטופּט זיך דורך מיט געוואַלד, שיט מיט ווערטער אויף די אַקטיאָרען: „פּייפּער", „האָלעדראַנעץ", „גרינער אַגרעס", „לעדיגע קישקע"!

איך קוק מיך אַרום: ווער רעדט דאָס? עפּיס זעהר א קענטליכע שפּראַך. איך קוק מיך צו — איך האָב איהם דערקענט: ס'איז נח דער שווייצאַר פון מיין סטאַנציע „האָטעל טערקאַליאַ". נאָך איהם שלעפּט זיך א גאַנץ געזינדעל ווייבער, בחורים און מיידלעך.

— ווער איז דאָס ווייבעל? — פרעגט איהם איינער פון די אַקטיאָרען.

— דאָס איז מיין ווייבעל. — ענטפערט נח. — דו קענסט ניט מיין שרה־פּערעל? און דאָס זענען מיינע קינדער.

— און דאָס?

— דאָס איז מיין שוויעגער.

— און די דאָזיגע?

— דאָס איז מיין ווייב'ס א שוועסטערעל.

— און ווער איז דער יונגערמאַן?

— דאָס איז איהר חתן.

פובליקום זיצט אויף די ערטער גאַנץ פעסט, קיינער וויל ניט אָפּ־טרעטען, חאָטש נעם פיהר ארויס דאָס גאַנצע טהעאַטער מיט גוואַלד.

די דאַמע מיט דער ווייסער פעדער און מיט די בריליאַנטען בייזערט זיך: „וואָס איז דאָס פאַר פּאַריאַדקעס אין כתרילעווקער טרעיאַטער?" זי שרייט, מע זאָל איהר אומקעהרען דאָס געלד, וואָס זי האָט בעצאָלט פאַר די בילעטען! וואו איז ערגיץ לאָזער גאָראָדאָוואָי?!...

עס בלייבט, אַז מע זאָל ברענגען עקסטראַ פון איהרעטוועגען צוויי שטוהלען, און עס ווערד אַביסעל שטילער.

ביסלעכווייז ווערען אָנגעצונדען די לעמפּלעך, וואָס רויכערען און לאָזען זיך הערען מיט אַ שאַרפען ריח פון גאַז. איינציגווייז בעוויזען זיך די כלי־זמר ביי דער סצענע, וואָס איז איבערגעצויגען מיט אַ ליילעך. פריהער פון אַלע קומט צו געהן דער באַס, אַ גרויסער איד מיט גראָבע פאות און מיט בייזע אויגען, ווי ביי אַ גזלן. באַלד נאָך איהם בעווייזט זיך דער קעסעלפּויק, אַ האָרבאַטער בחור מיט אויסגעקראָכענע האָר. נאָכדעם קומט דער טראָמייטער, אַ נידעריגער איד מיט גראָבע ליפּען, דער פליייטיסט מיט אַ טשאַחאָטקע־פּנים און אַ טרובאַטש מיט גנבה'שע אויגעלעך, וואָס לויפען אהער און אהין, און צוויי דריי יונגע לייט מיט פיעדלען; און ערשט אויפ'ן סוף — דער ערשטער פיעדלער, דער עלטסטער פון אַלע כלי־זמר, דער דיריזשער, — אַ רויטער בחור מיט אַ ווייסער פאַפּיערענער מאַנישקע, מיט אַ קורצען פּידזשאַק, מיט שטאַרק־אָנגעפּאָמאַדעטע האָר און מיט אַ גרויסען בלויען שניפּס. ער שטעלט זיך מיט'ן פּנים צום פּובליקום, קנאַקט־אויס אַלע פינגער און שמייכעלט פון דער ווייטען צו עפּיס אַ מיידעל מיט ווייסע הענטשקעלעך. די גאַנצע קאַפּעליע זעצט זיך אויס, און מע נעמט זיך אָנשטעלען די אינסטרומענטען. קודם כל טהוט דער דיריזשער אַ קלאַפּ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פיעדעלע, און דער טראָמייטער מיט די גראָבע ליפּען גיט אַ טאָן, און תיכף נאָך איהם שטעלען אַלע איבעריגע אַ טאָן, און הויבען אָן זיך דורכרעדען אויף זייערע אינסטרומענטען:

אידינע און טהוט איהם אַ שלעפּ ביי דער פּאָלע, און זיי געהען אוועק ביידע און בעזעצען זיך גאַנץ אויבען־אָן.

— הערט נאָר, איהר אַקטיאָרען! וואו זענט איהר ערגיץ? — אַזוי רופט זיך אָן איינע אַ דאַמע מיט אַ הוט, מיט אַ ווייסער פעדער און מיט בריליאַנטען, און נעבען איהר שטעהט אַ קאַוואַליער מיט אַ קאַפּעליש און מיט אַ געשווירען בערדעל.

עס שפּרינגט־אונטער איינער פון די אַקטיאָרען, אַ בחור מיט אַ קורץ רעקעל, מיט אַ קוויטיג העמד און מיט אַ הונגעריג פּנים.

— וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען, מאַדאַם?

— וואָס הייסט, וואָס וועל איך זאָגען? — מאַכט צו איהם די מאַדאַם. — מיר האָבען דאָך געקויפט בילעטען. פאַר וואָס ווייזט מען אונז ניט אונזערע ערטער?

דער לאַנגער אַקטיאָר מיט'ן הונגעריגען פּנים נעמט ביי זיי די בילעטען און פיהרט זיי צו גאַנץ אויבען־אָן און וויל זיי בעזעצען — זענען פערנומען אַלע בענקלעך.

— זייט זשע מוחל, איהר האָט זיך געזעצט ניט אויף אייערע ערטער! — מאַכט דער אַקטיאָר צו אַ בחור מיט אַ מיידעל, וואָס זיצען און קנאַקען ניסלעך פון אַ שקאַרמוצעל.

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז מיר זיצען נישט אויף אונזערע ערטער? — זאָגט דער בחור און טהוט זיך זיין אַרבייט.

— ווייזט אייערע בילעטען! — זאָגט צו זיי דער אַקטיאָר און נעמט ביי זיי די בילעטען, און ווייזט זיי וואו זיי דאַרפען זיך זעצען, אַ סך נידעריגער.

— וואָס הייסט — מאַכט דער בחור — איהר וועט אונז זאָגען דעות, וואו מיר זאָלען זיך זעצען? וואָס איז דאָ, להבדיל, אַ מקום קדוש, אַ שוהל, צי וואָס?

דער אַקטיאָר לאָזט זיך אַריין מיט איהם אין אַ לאַנגען שמועס. דער בחור מיט'ן מיידעל ריהרען זיך ניט פון די ערטער און קנאַקען ניסלעך. דער לאַנגער אַקטיאָר מיט'ן הונגעריגען פּנים פּרובט זיך ביי אַלע איבעריגע פּאַרשוינען וואָס זיין טהעאַטער, נאָר דאָס גאַנצע

אָבער זיין, אז מע וועט דיך ווארפען אין פייער? דעמאָלט פליהסט דו מיט'ן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, — וועט מען ארויס־זעהן די הויזען!...

— געב מיר בעסער א ציה טהון פון דיין פאפיראָס, דו פאר־כויץ!...

— האָצמאָך! וואו איז דיין באָרד? פאר וואָס קלעפּסט ד שוין ניט אָן די באָרד?... רבקה! שמיר דיר אָן דאָס פנים מי קרייד!... מנשה'קע! מאַך דיר א האָרב פון הינטען, בכדי ד זאָלסט האָבען מעהר פנים פון א אידען!... וואו זענען ערגיץ די פיס?

— וואָסערע פיס?

— ווער האָט געבראַכט די פיס פון יאטקע?... טויזענד מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אז מע שפיעלט „קאָלדוניא", באדארף זיי א פוס!... דער רוח זאָל אייך נעמען! ועלוועל! וואָס ביזט ד פאר א רעזשיסער, דו יאָלד איינער?!...

פלוצים ווערד א קלאָפּעריי אין טהעאטער, אז מע קאָן טויב ווערען. עס פליהט־דורך איינער מיט א גלעקעל און קלינגט. עס געהט־אוועק עטליכע מינוט, דער עולם הויבט אָן ווידער צו שרייען און צו קלאָפּען. יענער לויפט ווידער דורך מיט'ן גלעקעל, און אזוי עטליכע מאָל, ביז דער רויטער פיעדלער חאפּט זיך אויף, טהוט א מאַך עטליכע מאָל מיט'ן קאָפּ ארויף און אראָפּ, מאכט צו־רעכט דעם קאָלנער מיט'ן בלויען שניפּס, טהוט א זעץ מיט'ן שטעקעלע, און די כלי־זמר שפיעלען־אָפּ א „שטיקעל". הויבט דער עולם ווידער אָן צו שרייען און צו קלאָפּען — שפיעלען די כלי־זמר נאָך „א זאָך". עס ווערד ניט שטיל, ביז עס הויבט זיך אויף דער פיילעך, און דאָס שפיעל הויבט זיך אָן.

צום אַלעם ערשטען געהט־ארויס א מיידעל מיט איין אונ־טערשט קליידעל און מיט צעפּלאָכטענע האָר, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי נאָר־וואָס אויסגעפּאטשט, און הויבט אָן זינגען א טרויעריג ליעדעל פון איין אָרעמער יתומה מיט'ן נוסח פון „סטאָאיט גאָרא וויסאָקאיא!" — „א יתומה'לע! א יתומה'לע!" —

דאָס פּיערעלע פּערגנעהט זיך, וויינט און חליפּעט, דער טראָמייט מאַכט „האָלדיר! האָלדיר!" ווי איין אינדיק, וואָס מע האָט איהם שטאַרק צערייצט, דער באַס בורטשעט־אונטער, ווי א בער, און די פּלייט פּייפּט זיי אָן אלעמען. אינאיינעם קומט דאָס אויס א מיש־מאַש, ווי פון עטליכע מאות ווייבער אויף א יריד, און א געפּילדער פון א סך גענז און קאַטשקעס.

עס בעווייזט זיך עפּיס איינער א יונגערמאַן מיט א גרינער קאַפּאָטע, טראָגט אין איין האַנד א פּאַק מיט פּאַפּיערען, אין דער אנדערער האַנד — א האַלבע בולקע מיט א שטיקעל הערינג, און זעצט זיך אנידער גאַנץ אויבען־אָן אויף א קליין בענקעלע, אקעגען דער סצענע, און בייסט־איבער.

— ווער איז דאָס? — הער איך, ווי די דאַמע מיט דער ווייסער פעדער פרעגט ביי׳ם קאַוואַליער.

— דאָס איז זייער סופליערער. — ענטפערט איהר דער קאַ־וואַליער.

— וואָס הייסט סופליערער? — פרעגט איהם ווידער די דאַמע.

— דאָס הייסט: זייער פירזאָגער. — זאָגט דער קאַוואַליער.

און פון יענער זייט ליילעך רעדען זיך איבער די אקטיאָרען צווישען זיך פון פערשיעדענע זאַכען:

— וואו איז ערגיץ פראַדעל די פּרימאַדאָנע, צו אלדי שוואַרצע יאָהר?

— זי איז געגאַנגען צום שוסטער. זי האָט ניט אין וואָס ארויסצוגעהן אויף דער סצענע. אָפּגעשפּרונגען איין אָפּצאַס.

— קראַנק געוועזען געהן ביי טאָג? א שענע פּרימאַדאָנע!...

— אברהמעל, טהו אויס די הויזען!

— וואָס מאַכען דיר קאָלי מיינע הויזען?

— א שענע באַבע יאַחנע — מיט הויזען!...

— איך געה דאָך אויבען א קליידעל! וואָס מאַכט דאָס אויס?

— איך ווייס, אז דו טראָגסט אויבען א קליידעל. וואָס וועט

דער עולם ווערד אזוי נתפעל פון האַצמאַכען, אז עס ווערד איין אײנלעגעניש אויף אַ האַלבע שעה. מע פּאַטשט בראַוואָ, מע שרייט: „האַצמאַך, הוררא!" מע קלאַפּט מיט די שטעקענס איבער די בענק, מע וויל גאָר נישט אויפהערען. האַצמאַך פּרובט זיך איינשטילען דעם עולם. ער שטעלט זיך אוועק און מאַכט מיט די הענד — הויבט מען אָן נאָך מעהר צו שרייען: „האַצמאַך! אַ טענצעל, האַצמאַך! האַצמאַך!" פּלוצים . . .

פּלוצים האָט עפּיס געגעבען אַ פּאַטש מיט די פליגעל, אַ פליה פון אויבען אַראָפּ און אַ פאַל גלייך אויפ׳ן הוט מיט דער ווייסער פעדער פון דער דאַמע מיט די בריליאַנטען. די דאַמע הויבט־אָן פאַר שרעק חלש׳ען, און אין טהעאַטער ווערד מיט אַ מאָל אַ בהלה מיט אַ געשריי: „גוואַלד, אידען, ראַטעוועט! ראַטעוועט!"... איינער האָט אַ געשריי געטהאָן: „עס ברענט!" — און מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. ס׳איז געוואָרען אַ שפּרינגעניש איבער קעפּ צו דער טיר מיט אַ געשריי: „חאַסי, וואו ביזט דו?"... „יענקעל, אַהער!"... „רבקה, האַלט זיך!"... „מאָטעל, איך שטאַרב!"... „ברכה, שריי ניט!"... „בעני, וואו איז יענטעל?"... „מאַמע! אָט בין איך, מאַמע!"...

נאָך איין מינוט וואָלט פון אונז אַלעמען געוואָרען אַ תל. אַ גליק, וואָס נח דער שווייצאַר פון מיין האָטעל איז געפאַלען אויף אַ שכל און האָט אונז אַלע אויסגעלייזט פונ׳ם טויזט. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ בענקעל און האָט זיך אָנגערופען צום פּובליקום אויף אַ געמבע:

— שוטים! נאַראָנים! לעהמענע גולמס! גלאַטע בהמות! ציעגענע בערד! נאַרישע גאָרגלען! ווייבערשע נשמות! וואָס פיל־דערט איהר? וואָס שרייט איהר? וואוהין לויפט איהר? אָט ווערד פון אייך באַלד אַ פּרעזשעניצע! טפּשים! פאַר וועמען האָט איהר אייך דאָ איבערגעשראָקען? פאַר אַ נאַריש עוף? איהר זעהט דען ניט, אז איין עוף איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „סידעלע"? רב לאָזער, וואָס שווייגט איהר? שטעלט־אָן די קישקע!... כלי־

און דאָס גאַנצע פּובליקום האַלט זי אונטער: „אַ יתומה'לע! אַ יתומה'לע!" — פריהער שטיל, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַז מע הערט שוין מעהר ניט דאָס מיידעל זינגען, נאָר דאָס פּובליקום. שפּרינגט־אַרויס איינער פון די אַקטיאָרען אויף דער סצענע און בעט דעם עולם, „עס זאָל זיין שטיל"! דער עולם ווע־ר שטיל, אָבער נישט אויף לאַנג; דאָס מיידעל הויבט אָן צו זינגען, אַזוי זינגט מיט איהר גאַנץ קהל: „אַ יתומה'לע! אַ יתומה'לע!"...

עס שפּרינגט־אַרויס ווידער אַ מאָל דער אייגענער אַקטיאָר, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער גערהט־אַרויס פון די כלים און זאָגט זיי מיט'ן הארבען וואָרט:

— איהר וועט ניט אנשטומט ווערען? אָט רוף איך אַרויס רב לאָזער גאָראָדאָוואָי מיט דער קישקע, וועט אַ רוח אין אייער טאַטענ'ס טאַטען אַריין!...

דער עולם הערט־אויף צו זינגען, נאָר מע זאָגט מבינות, איט־ליכער נאָך זיין פערשטאַנד. דער זאָגט, אַז זי האָט אַ קול פון אַ „ריקבעט", און דער זאָגט, אַז עמיצער זאָל איהר אונטערטראָגען אַ בולקע, וואָלט ער פערדיענט אַ מצוה... די הינטערשטע בענק שרייען, ס'זאָל זיין שטילער! נאָר עס העלפט ניט. ביז עס פליהט־אַרויס אויף דער סצענע האָצמאַך, אַ איד מיט אַ מאָדנע שטריימעל, מיט איין האַלבע באָרד, מיט לאַנגע פאות כמעט ביז'ן גאַרטעל, מיט שיך און זאָקען, מיט איבערגעקעהרטע אויגען און מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס. האָצמאַך טראָגט מיט זיך אַ קאָשעק מיט סחורה, לויפט אַרום איבער דער סצענע, ווי אַ משוגענער, און רעכענט־אויס וואָס ער האָט צו פערקויפען: „בייטשעלעך, שטע־קעלעך, שוועבעלעך, מעסערלעך! זאָקען פּאַפּיערענע! קליידלעך קרישטאָלענע! שפּילקעלעך, בייוועלעך! קויפט עפּיס, ווייבע־לעך!"... און טהוט זיך אַלע מאָל אַ חאַפּ ביי די פאות, אַ שפּרונג אין אַ געשריי:

— האָצמאַך! דער רוח זאָל מיך נעמען!...

.VI

כתרילעווקער שרפות.

געלעגען אויף דער סטאַנציע אין „האָטעל טערקאַליא“, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געהאַט מלחמה מיט בייזע חיות, וואָס האָבען מיך בעפאַלען, זיך נוקם געווען אין מיר, דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואָלט זיך לעגען מיט זיי אין בעט און האָב זיך אויסגעבעט אויף דער קאַנאַפּע.

— וואָס האָסט דו גע׳פּועל׳ט? — האָבען זיי זיך מיט מיר נערייצט. — אי מיר וועלען דיך בייסען, אי עס וועט דיר זיין הארט צוקאָפּענס, וועסט אויפשטעהן פון דער קאַנאַפּע אָהן אַ האַלז־און־נאַקען...

פלוצים דערהער איך אַ משונה־מאָדנע קלונג: באָם! באָם! באָם!!! און תיכף אָך דעם לאָזט זיך הערען אַ לויפעריי פון מענשען מיט אַ קול: „עס נעצט! עס נעצט!“ איך שטעה־אויף. איך נעה־צו צום פענסטער איין האַלבער הימעל איז רויט, ווי אַ פייער, די אַנדערע האַלבע איז חושך! איין האַלבע שטאָדט איז משונה־מאָדנע בעלייכט, די אַנדערע האַלבע שטאָדט איז פערזונקען אין אַ מורא׳דיג פינסטערניש. איך חאַפּ אויף זיך דאָס אָנטהון און לויף אַרוים אין דרויסען. עס לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען אַ מאָדנע געשריי, אַ הילך אָהן ווערטער, און מענשען ציהען זיך אהינצו שלעפעריג, געהען און געהניצען און ציטערען פאַר קעלט און דערצעהלען איינער דעם אַנדערען נסים ונפלאות: ווער עס האָט פריהער דערהערט, און ווי אַזוי ער האָט דערהערט. און זיי זענען זיך משער איטליכער בעזונדער, ווער דאָס ברענט. דער זאָגט: „ס׳איז יוסיל!“ דער זאָגט: „ס׳איז מנשה!“ דער זאָגט: „ס׳איז ניט יוסיל און ניט מנשה — ס׳איז שרה־זיסעל!“

ומרים! א רוח אין אייער טאטען אריין, א פריילִיכס — טאָדערי־דעריראָדערידעראדערידע!...

די כלי־זמר חאַפּען א פריילִיכס, און דער עולם הויבט זיך אָן אויסצווזעצען צוריק אויף די ערטער... איך גנב׳ע מיך ארויס פאַ־וואָלינקע פונ׳ם טהעאטער, חאַפּ א ביידעל און היים, מע זאָל מיך פיהרען אויף דער סטאַנציע, אין „האָטעל טערקאליא“. דאָס ביידעל העצקעט מיך איבער די שטיינער און שטעלט זיך אָפּ אַלע ווײַלע און העצקעט ווייטער.

— וואָס שטעלט איהר זיך אָפּ אַלע מינוט? — פרעג איך דעם בעל־עגלה.

— דער רוח ווייסט זיי. — ענטפערט ער מיר. — וויאָ!... עס האָט זיך זיי געגלוסט באַלייכטען אונזער כתרילעווקער בלאָטע, האָבען זיי אויסגעקלעהרט עפּיס א מין באַלייכטונג — „לאמטע־דערידעמס“ אַזעלכע, וואָס איבער זיי קאָן מען נישט פאָהרען, מחמת די פערדלעך שרעקען זיך פאַר די סטאָיפּעס. זיי זענען ניט גע־וואָהנט געוואָרען ביי אונז, מע זאָל זיי באַלייכטען. וויאָ!... אַלע מאָל, אַלע מאָל, קלעהרט מען צו א נייע צרה: פריהער א טראָמ־בעליק, איינגעזונקען זאָל ער ווערען! וויאָ!... נאָכדעם לאמטע־דערידעמס אויף צו שרעקען די פערד. און איצטער, זאָגט מען, וועלען זיי שוין פאַרוועהרען דאָס וואַסער פון דער גנילאָפּיאטקע. וויאָ!... עס וועט זיי, מאָהלט אייך, העלפען, ווי אַ טוידטען באַנ־קעס, מחמת די וואַסערפיהרערס זאָגען, אַז זיי זאָלען וויסען דער טוידט זאָל זיי זיין, וועלען זיי ניט דערלאָזען, אַז כתרילעווקע זאָל טרינקען ברונען־וואַסער! וויאָ!... זיי ווייסען שוין גאָר ניט וואָס אויסצוטראַכטען, די נגידים, ברענען זאָלען זיי! מע זאָגט, אַז עס וואַכסט יאַקבי פון יעהופעץ. די יעהופעצער נגידים פעהלט, אפּנים, נאָר קאָפּוועהטיג? וויאָ!... זיי זיצען און ברעכען זיך די מוחות, ווי אַזוי נעמט מען צו ביי אידען פרנסה, אויסרייסען ביי׳ם אָרעמאַן דעם לעצטען ביסען ברויט פונ׳ם מויל... א מיתה מהומה זאָל אויף זיי קומען דאָרטען אין יעהופעץ! וויאָ. קינדער. וויאָ!...

— אַנגעהויבן האָט זיך עס אָנגעהויבעז, וועה איז מיר, פון שמעון דעם סטאָליר. מען איז געגאַנגען, אַפּנים, מיט אַ לעמפּעל, וויסט איז מיר, ביי נאַכט. סטרוזשקעס איז פאַרהאַן אַ סך, פּינ־סטער איז מיר, און אפשר אַ שוועבעלע, אָדער אַ פּאַפּיראָס, און אפשר האָט דער בעל־הבית אַליין, גדליה מיין איך, דאָס געטהאָן — ווייס איך ניט; איך בין דערביי ניט געווען... נאָר דערווייל זענען געבאַך, אוי איז מיר, אָרעמע לייט בדיל־הדל געוואָרען, אַרויס אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, וועה איז מיר! פּרעגט מיך בחרם, וואָס טראָג איך עפּיס אַ טעפּעל מיט אַ פלעדערוויש — ווייס איך אַליין ניט...

— אוי איין אומגליק!? אוי אַ שלאַק!? — וויינט אַ ווייבעל מיט אַ ניגון פון „אַקדמות“ און ברעכט די הענד. — וואָס וועל איך איצטער טהון? נישט אַרויסגעראַטעוועט אפילו קיין פּאָדע־עם, וואו וועל איך נעמען אַ טאָג איבערצוקומע־ען? וואו וועל איך מיך אַהינטהון מיט מיינע קליינע קינדע־ער?...

ווי שדים, ווי רוחות, לויפען אַרום און אַריין יונגע לייט פון'ם געברענטען שטיבעל, שפּרינגען אין פייער אַריין, ראַטעווען וואָס זיי קאָנען, חאַפּען־אַרויס פון דאָרטען דער אַ פּיסעל פון אַ בענקעל, דער איין אומרוה פון אַ זייגער, דער אַ בעזעם.

— וואו איז ערגיץ אלי מיט דער קישקע? — שרייט איינער פון דער חברה לעשערים און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — רופט זיך אָן אלי, אַ קליין אידעל, און באָברעט זיך ביי דער קישקע.

— וואָס טהוסט דו דאָרטען? וואָס באָברעסט דו זיך אַזוי לאַנג?

— איך פאַרנעה די קישקע, זי האָט זיך צעטרענט! — זאָגט אלי.

— וואו איז ערגיץ פישעל מיט די עמערם? — שרייט איינער אַ שוואַרצער איד מיט אַ צעפּליקטען טלית־קטן, מיט אַ פעררויבערט פנים און מיט אַ הייזעריג קול.

— ווי קומט אהער שרה־זיסעל? — שפּאַרט איהם איבער נאָך איינער. — אַז שרה־זיסעל׳ס שטוב איז אויף דער יאָרדיגע, און דאָס איז גאָר אויף דער אַלטער שטאָדט?

— ס׳איז אַזוי אויף דער אַלטער שטאָדט, ווי איך בין אַ רביצין! — ענטפערט איהם נאָך איינער. — זעהסט ניט, אַז ס׳איז נעבען דער באָד?

— שאַ, וואָס דאַרפט איהר זיך שפּאַרען? — גלייכט זיי אויס נאָך איינער. — אַמעהר קומט אַהין, וועלען מיר וויסען אַקוראַט.

זיי געהען, און איך געה זיי נאָך און הער מיך צו וואָס מע רעדט.

— עמיצער האָט שוין דאָ געמאַכט „בורא־מאורי־האש״.

— וואָס איז די ראיה?

— מחמת ס׳איז געווען געסטראַכירט.

— פון וואַנען ווייסט דו?

— וואָס דען? ס׳זאָל ניט זיין געסטראַכירט, וואָלט ניט גע־ברענט. אַ שטוב ברענט ניט פון זיך אַליין.

— וואָס זאָגסט דו, יענקעל, ווי שען עס ברענט? מחיה נפשות!

ווי אַ הבדלה ברענט אַ שטיבעל, וואַרפט־אַרויס עטליכע שטאַרק־רויטע צונגען. דער דאַך איז שוין ניטאָ. עס קנאַקען די קראָקוועס, עס טרישטשען די פענסטער, און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילען קייקעלט זיך און ציהט זיך ווייט, ווייט, איבער הייזער און הייזלעך. עס הערט זיך אַ קול פון ווייבער, וואָס בע־קלאָגען זיך אויף דעם שלאַק, וואָס זיי האָט געטראָפען אין מיטען האַלבע נאַכט, און אַ געוויין פון קליינע נאַקעטע קינדער, וואָס ציטערען און וואַרעמען זיך ביי׳ם פייער. דאָרט זיצט אַ גאַנץ גע־זינדעל אויף איין איבערבעט מיט עטליכע קישענס, וואָס זיי האָבען קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה, און דאָ שטעהט אַ אידינע, אַ מעוברת׳ע, מיט אַ טעפּעל אין האַנד און מיט אַ פלעדערוויש און דערצעהלט דער אַנדערער אידינע, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען.

— א שענע מעשה נאָר א קורצע ! — זאָגט גרונם. — ווער רען וועט זיין, אז ניט איך ? וואָס בין איך, עפּיס א יונגעלע ? איך האָב דערהערט דעם ערשטען קלונג, בין איך שוין געווען ביי'ם פּערדעל. מיין אַלטע האָט מיך אפילו געוואָלט אָפּהאַלטען : וואָס וועסט דו זיך שלעפּען, זאָגט זי, אין אַזא בלאָטע ? א רחמנות נעבאַך, זאָגט זי, אויפ'ן פּערדעל, ס'איז אויסגעמוטשעט פונ'ם טאָג... נאָר ווער האָרכט זי ווער ? איך האָב ליעב א מצוה, ובפרט נאָך דאָרט, וואו עס געהט אין דעם נפש — אָרעמע לייט נעבאַך ברענען ! א קליינינקייט ?

— לאַנג לעבען זאָלט איהר, רב גרונם ! מיר געהען דאָ אוים פאַר א ביסעל וואסער — ביי אַלע שכנים נישטאָ א לעק !

און די חברה לעשערם טהוען זיך א לאָז מיט די לעדיגע עמערם צום פּעסעל, און פריהער פון אַלע — אלי מיט דער קישקע. חברה נעמען זיך אָנפּאָמפּען וואסער, צאַפּען אין די עמערם אריין — עס צאַפּט זיך ניט.

— וואָס איז דאָס, רב גרונם ? איהר זענט משוגע, צי חסר־דעה ? איהר זענט געקומען מיט א לעדיג פּעסעל.

— וואָס הייסט מיט א לעדיג פּעסעל ? — זאָגט גרונם. — א פול פּעסעל, ווי איין אויג, — זאָגט איהר גאָר דאָס !

— געהט זעהט ! — רופט זיך אָן איינער. — דאָס פּעסעל איז לעדיג, ווי א באַראַבאַן !

— וואָס הייסט ס'איז לעדיג ? — זאָגט גרונם און בעטראַכט דאָס פּעדעל. — עפּיס רעדט איהר מיר פּדרוך, תרגום־לשון, נאַ דיר נאָר לעדיג ! לאָז מיינע שונאים זיין לעדיג אין בויך און אין די קישקעס !

און גרונם קלינגט מיט'ן פינגער אין פּעסעל אריין, דרעהט זיך ארום פון אַלע זייטען און דערזעהט, אז ס'איז אָהן א צאַפּען.

— יאָ, ווי איך בין א איד, א לעדיג פּעסעל ! — און ער חאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ און הויבט אָן צו שעלטען — מע ווייס ניט וועמען :

— פישעל! פישעל!!! — העלפען איהם שרייען אלע אי־בעריגע.

— וואס פישעלט איהר? — רופט זיך אן איינער, אפנים, פישעל אליין טאקי. — זעה־נאר, ווי זיי האבען זיך דאס אביסעל צעפישעלט! פישעל־פישעל! פישעל־פישעל!

— וואו זענען די עמערס דיינע? — פרעגט מען איהם.

— די עמערס זענען דא, — זאגט פישעל, — נאר וואס וועט איהר מאכען מיט זיי, אז ס'איז נאך נישטא גרונם מיט'ן פעסעל?

— טאמער וואלסט דו זיך מטריח געווען, פישעל, דערווייל־ע חאפען ערגיץ א פאר עמער וואסער צווישען די שכנים?

— וואס איז עפּים איך? — זאגט פישעל. — לאז געהן אלי!

— אלי! חאפּ איין עמער און טהו א שפּרונג נאך וואסער!

— ווי קאן איך? זעהסט דאך, אז איך בין פארנומען מיט דער קישקע! לאז געהן מאטעל.

— מאטעל! געה קריג ערגיץ איין עמער וואסער.

— וואוהין זאל איך געהן, אז איך קען דא קיינעם ניט? לאז געהן אנשעל!

— אנשעל! אנו, טהו־נאר א לויף נאך וואסער!

— איך? איך וויים ניט וואו א טיר עפענט זיך אפילו! לאז געהן דוד!

— שא, שא! אן פאהרט גרונם מיט'ן פעסעל! ער פאהרט! ער פאהרט! — און אלע טהוען זיך א ווארף צו גרונמ'ען נאך וואסער, און פריהער פין אלעמען — אלי מיט דער קישקע. גרונם, א איד מיט א גלאנצענדיג פּנים, וואס סע שיילט זיך, געהט זיך גאנץ רוהיג, נישט געהאפּט, די פּאלעס ארונטערגעשטעקט ארונטער, און נאך איהם שלעפּט זיך נאך איין איינגעדארט פערדעל, קוים וואס סע שלעפּט די פיס פון דער בלאטע.ביידע, אי גרונם, אי דאס פערדעל להבדיל, זענען שטארק פערשלאפען.

— ברוך־הבא א איד! און מיר האבען געמיינט, אז איהר וועט שוין היינט ניט זיין חלילה.

— נאָך אַ שרפה! אויף דער נייער שטאָדט!! — שרייען עטליכע קולות מיט אַ מאָל, און דער גאַנצער עולם מיט דער חברה לעשערס לאָזען זיך לויפען אויף דער נייער שטאָדט.

— צוויי שרפות אין איין נאַכט — זאָגט גרונם צו זיך אַליין — בין איך שוין ניט מחויב! איך האָב אַליין אַ ווייב און קינדער! קיין געצאָהלט דערפאַר נעם איך דאָך נישט, וויל איך — פיהר איך, וויל איך ניט — פיהר איך ניט! און דאָס פערדעל איז אויך נישט פון אייזען! אַ צער בעלי־חיים, עס האָרעוועט זיך נעבאָך אָן געגוג דורכ׳ן טאָג, באַדאַרף עס נאָך אָרומשלעפּען זיך גאַנצע נעכט! עס האָט מעהר נישט וואָס צו טהון!... מע וועט מיך ניט נויטען פון קהל!... לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט!... קום, ברודער, — זאָגט ער צום פערדעל — לאָמיר פאָהרען אהיים.

— א חלירע! א מיתה־משונה! איין אויסלויפעניש! איין איינטריקעניש! איין איינשרומפעניש! ווען האָט געקאָנט ארויס דער צאַפּען, איינגעזונקען זאָל ער ווערען? און וואו איז ער אהינ־געקומען? א, ברענען זאָלסט דו, שלים־מזל, אויפ'ן פייער!

און גרונם לאָזט־אויס זיין גאַנץ ביטער הארץ צום פערדעל נעבאַך, דערלאַנגט דעם א רוק מיט'ן בייטש־שטעקעל אין זייט אריין. דאָס פערדעל טהוט א פינטעל מיט די אויגען, לאָזט־אראָפּ די מאָרדע, קוקט אָן א זייט און טראַכט זיך: „פאַר וואָס קומט מיר, אשטייגער, אָט דער זעץ? גלאַט גענומען און געבוכעט זיך! ס'איז ניט קיין קונץ נעמען א פערד, א שטומע צונג, און שלאָגען איהם אומזיסט און אומנישט!"...

— האָב דיר אַכציג שווארצע פינסטערע יאָהר! — זאָגט גרונם צו זיך אַליין. — איך זעה וואָס דאָס איז: איך גים און גים, און גים און גים! אַצינד פאַרשטעה איך שוין: דאָס פעסעל איז, אפּנים, פון דער לכתחילה געווען אָהן א צאַפּען? קומען זאָל אויף דיר א פּאָהיבעל היינטיגע נאַכט! זאָלסט צעפּאַלען ווערען אויף שטיקלעך, רבונו־של־עולם!

— וואַסער! וואַסער! — שרייען די וואָס ראַטעווען פון דער שרפה. — גיכער! גיכער! טראָגט אהער די עמערס! דאָס וואַסער!

— וואָסערע עמערס? וואָסער וואַסער? — ענטפערען זיי די לעשערס. — איהר זעהט דאָך, אַז ס'איז נישטאָ קיין טראָפּען וואַסער!

— וואָס הייסט, עס איז נישטאָ קיין וואַסער?

— נישטאָ קיין וואַסער הייסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין וואַסער!

— וואו איז אַהינגעקומען דאָס וואַסער?

— אויסגעלאָפען ביי גרונמ'ען דאָס גאַנצע פעסעל וואַסער — און געה שריי חי וקיים!...

פלוצים לאָזט זיך הערען ווידער א מאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! — און עס ווערד בעלייכט די אנדערע האַלבע שטאָדט.

— טהו איהם א לייסטער ביי די שעקענים! — רופט זיך אָן יענער אויף זייער איבערגעקעהרטער שפּראַך.

— דענגי! דאוואי דענגי!! — שרייט־אויס דער דריטער פון דער חברה, א הויכער איד מיט א הייזעריג קול, און חאַפּט מיך אָן ביי דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און טרייסעלט מיך, ווי א לולב.

— געלט — זאָג איך — ווילט איהר? ביי מיר ווילט איהר גענומען געלט? ווי קום איך צו געלט? גאָט האָט מיך אויסגעהיט פון געלט.

— גאָז איהם, אז ער גיילט! — רופט זיך אָן יענער אלץ אויף זייער לשון.

— דו לייגסט! — מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער בעל־מע. — די מינוט זאָלסט דו אָפּגעבען דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו האָסט, אניט — געזעגען זיך אָפּ מיט'ן לעבען. מיר שענקען דיר צוויי מינוט אויף צו באַטראַכטען זיך און איין מינוט אויף זאָגען ודוי...

און בכדי איך זאָל ניט מיינען, אז מע טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס, גנעהט צו מיר צו דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, און בעווייזט מיר מיט'ן מעסער ארויף און אראָפּ, אהין און אהער, עטליכע מאָל, ווי מע מאַכט מיט'ן לולב סוכות צו הלל.

— וואָס טהעשט איהר, ווי די מיילענע לוגמס? לאָז מען איהם ניבדען די טהען מיט די סיף! — רופט זיך אָן דער הייזע־רינער אויף זייער פערשטעלטער שפּראַך און לאָזט אוים אויף אונ־זער לשון:

— וואו זענען ערגיץ די שטריק? לאָמיר איהם בינדען!

— למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין? — זאָג איך. — אמעהר, נאַט אייך אָפּ מיין גאַנץ פּאַרמעגען, דאָס בייטעלע מיט די עטליכע קערבלעך, און לאָזט מיך אָפּ. וואָס האָט איהר צו מיר? איך בין א טאַטע פון קינדער, קיין עין־הרע, פיער מיידלעך מיט צוויי יונגלעך, דאָס קלענסטע איז נאָך נישט אלט קיין חודש...

VII.

כתריל׳עווקער באַנדיטען.

געקומען אהיים פון די שרפות שוין פאַרטאָגליך און אויפגע־עפענט די טיר פון מיין חדר, בין איך נבהל ונשתומם געוואָרען: איך האָב דערזעהן דריי מאָדנע פּאַרשוינען, נישט קיין בעקאַנטע פּנימ׳ער, דרעהען זיך אַרום מיט א ליכט. דאָס בעט איז צעוואָר־פען, די שאַפע איז אָפען, מיין טשעמאָדאַנטשיק ליגט אין מיטען שטוב, און מיינע פּאַפּיערען, מיינע כתבים, וואַלגערען זיך אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָס? ווער זענט איהר? וואָס טהוט איהר דאָ? — טהו איך א פרעג ביי איינעם, א אידען מיט א רויטער באָרד און מיט א בלויער בראָדעווקע אויף דער נאָז.

— זייוו איהם א סעמער, לאָז איהם סאָרוי די נמשה! — רופט זיך אָן איינער אויף א משונה־מאָדנע לשון צום רויטען מיט דער בלויער בראָדעווקע.

דער רויטער ענטפערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט; ער פער־שליסט די טיר, בויגט זיך אָן און שלעפּט־אַרויס פונ׳ם שטיוועל א גרויסען, א שאַרפען, א קאָלאָדאַטשמעסער און טהוט אַ מאַך מיט׳ן מעסער מיר איבער׳ן פּנים הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, ווי א כישופמאַכער.

— ווער מיר זענען? מיר זענען היגע באַנדיטען! — רופט זיך אָן צו מיר איינער פון דער חברה, א שוואַרצער איד מיט א בעלמע אויף איין אויג, און בשעת ער רעדט אויס דאָס וואָרט „באַנדיטען“, טהוט ער מיט׳ן געזונדען אויג א מורא׳דיגען גלאַנץ און א קריץ מיט די ציינער, ווי א רוצח.

— צו וואָס נוצט דאָס אייך ?
— בכדי איך זאָל האָבען וואָס צו באשרייבען.
— וואוהין שרייבען ?
— אין די גאזעטען.
— וואָסערע גאזעטען ?
— אידישע גאזעטען.
— פארהאַן אידישע גאזעטען ?
— ווי דען ?
— וואָס טהוען זיי ?
— זיי דרוקען זיך.
— וואו דרוקען זיי זיך ?
— אין ווארשאָ.
— אויף וואָס דארף מען זיי ?
— אויף צו לייענען.
— ווער לייענט זיי ?
— אידען.
— עמיצער צאָהלט אייך עפּיס דערפאַר, וואָס איהר שרייבט ?
— געוויינטליך.
— אָט אזוי זשע רעדט ! וואָס, אשטייגער, האָט איהר דער־פון ? וויפיעל פארדיענט איהר א וואָך ?... איהר רויכערט ? וואו זענען אייערע פאפּיראָסען ?

איך נעם־ארויס מיין פאפּיראָסקאַסטען און טראָג זיי אונטער אלעמען, זיי זאָלען זיך נעמען צו פאפּיראָסען.

— גרעף איהם, צי ס'איז פון ביזלער... — רופט זיך אָן איינער אויף זייער שפּראך.

— א זילבערנער ? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און וועגט דעם פאפּיראָסקאַסטען אויף דער האַנד. — א זילבערנער, צי א פּראָסטער חי־וקיים ?

— א פּראָסטער שלש־סעודות פון צוויי גילען ! — זאָג איך, און מיר פעררויכערען אלע צו פאפּיראָסען.

אלע דריי באנדיטען רעדען זיך איבער איינער מיט׳ן אנדערען אויף זייער גנבה׳שער שפּראך, צעהלען איבער די עטליכע קערבלעך, וואָס ביי מיר אין בייטעלע, און נעמען מיך אויפ׳ן צימבעל. זיי פרעגען מיך און איך ענטפער זיי.

— פון וואנען איז א איד?

— פון יעהופּעץ.

— מה שמכם?

— שלום־עליכם.

— עליכם שלום. ווי אזוי איז אייער נאָמען?

— שלום־עליכם.

— עליכם שלום. מיר פרעגען אייך, ווי אזוי רופט מען אייך?

— שלום־עליכם — אזוי רופט מען מיך טאקי.

— א טשודנער נאָמען! וואָס איז אייער טהועכץ?

— איך בין א שרייבער.

— מע שמועסט, וואָס איז אייער טהועכץ, אייער פּרנסה?

— איך בין א שרייבער.

— וואָס זשע שרייבט איהר? פּראָשעניעס? פּאַפּיערען? מסירות?

— פעליעטאָנען, מעשה־ביכלעך פאַר אידישע קינדער.

— זענט איהר, הייסט דאָס, א מוכר־ספרים׳ניק, א בעל־מחבר?

— א מחבר.

— וואָס זשע טהוט איהר היע?

— נעקומען אָנקוקען כתרילעווקע.

— און מעהר גאָר נישט?

— מעהר גאָר נישט.

— קיין שום געשעפט?

— קיין שום געשעפט.

— און לעגט הוצאות?

— און לעג הוצאות

מאָל, ווי איינער רעדט: „טאָמער טהוסט דו חלילה א פּיפּס, איז דיין לעבען קיין לעבען ניט!“...

. . . .

. . . .

— גוואלד! גוואלד! גוואלד! אידען, ראטעוועט! — האָב איך מיך צעשריגען ניט מיט מיין קול, וויבאלד די באנדיטען זענען אוועק, און איך האָב אויפגעוועקט די גאנצע שטוב. מען איז זיך צענויפגעלאָפען פונ׳ם גאנצען האָטעל; ווייבער זענען אראָפּגע־שפּרונגען פון די בעטען אין אונטערשטע קליידלעך, און מאנס־בילען — מחילה, אין איינע תחתונים. מע האָט געמיינט, אז עס ברענט.

— ווידער א שרפה?

— ווידער געברענט?

— וואו ברענט?

— ווער ברענט?

— שא, שא, קיינער ברענט ניט! — איז ארויס נח דער שווייצאר מיט זיין שפּראך און רופט זיך אָן צו מיר:

— וואָס האָט איהר זיך, למשל, צעשריגען, ווי א משוגען קעלבעל? וואָס גוואלדעוועט איהר, ווי אין א מאהנהויז? איהר וועט חלילה אויפוועקען אלע אקטעיורען!...

— גזלנים! — זאָג איך. — רוצחים! באנדיטען זענען מיך באפאלען נאָר־וואָס און מיך באנומען!

דערהערט „גזלנים“, פאלט־אָן אויפ׳ן גאנצען עולם א פחד, און עס ווערד א ליארעם, א נערעדערייי פון אלע מיט א מאָל:

— גזלנים?

— וויפיעל גזלנים?

— דריי גזלנים!

— וואָס פאר א פּנים האָבען זיי?

— צוויי יונגע, איינער איין אלטער!

— טהו איהם א פּאַט ביי'ם גייזער! — רופט זיך אָן איינער אויף גנבה'ש לשון.

— וואו איז אייער זייגער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און בעזוכט מיר אַלע קעשענעס. — איהר האָט גאָר נישט קיין זייגער?

— איך האָב — זאָג איך — א זייגער, און דוקא א גוטען זייגער, א גילדענעם, איז ער פאַרזעצט אין לאָמבאַרד אין יעהופּעץ...

— איין עבירה! — זאָגט דער הייזעריגער. — ער וואָלט אונז שטאַרק צונוץ געקומען אַצינד!... מיר דאַרפען טאַקי איצט א גיל־דענעם זייגער, ווי אין לעבען אריין!

— אויף וואָס דאַרפט איהר דאָס אַזוי — זאָג איך — א גילדענעם זייגער?

— א גילדענעם זייגער — זאָגט ער — קאָן מען פאַרקויפען און אָפּלעזען גוטע געלט!

— פּאַחט איהם דער טאַוועןנכאַמער! — רופט זיך אָן איינער אויף זייער לשון. — ער איז א מאָרענאָם גלייך מיט אונז!...

— א גוטע נאַכט! — מאַכען צו מיר די באַנדיטען און לאָזען זיך געהן. — דאָס אַנדערע מאָל, אז איהר געהט אוועק, זאָלט איהר פאַרשליסען די טיר, נישט פאַרלאָזען זיך אויפ'ן אויבערשטענ'ס נסים און אויפ'ן יושר פון כתרילעווקער גנבים... האָט קיין פאַר־איבעל ניט, וואָס מיר האָבען אייך אפשר דעקוטשעט.

— אדרבה! — זאָג איך. — האָט איהר קיין פאַראיבעל ניט, וואָס אַזוי ווינציג... — און איך וויל זיי ארויסבעגלייטען אויף יענער זייט טיר, רופט זיך אָן צו מיר דער הייזעריגער, לעגט־צו א פינגער צום מויל און ציהט־אויס מיט'ן ניגון פון „קאָלדוניא“:

— פּתח שין — ששששאַ־אַ־אַ־אַ!...

און דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, נעמט־ארויס דאָס מעסער און טהוט א מאַך מיט דעם איבער'ן קאָפּ עטליכע

— געבונדען, געבונדען!

— אַלע דריי?

— אַלע דריי, אַלע דריי!

— אנו, לאָמיר זיי האָטש אָנקוקען, וואָס פאַר א פּנים זיי־ האָבען! — מאַכט נח דער שווייצאַר און רופט מיט זיך דעם גאַנ־ צען עולם, און מיר געהען־צו נאָהענט מיט דער לאַנטערנע צו די געהאַפּטע גזלנים, און מיר דערזעהען אויף דער ערד ליגען דריי נעפּענטעטע... אינדיקעס!

די אינדיקעס האָבען אַראָפּגעלאָזט די בלויע שנאָבלען, בלאָזען מיט די נעזער און בליצלען מיט די אויגלעך אויף דער שיין פון אונזער לאַנטערנע, און די ווייבער, האַלב־נאַקעטע, דערצעהלען אונז נסים ונפלאות, ווי אַזוי די אינדיקעס זענען אַרוים פון שטייג, מע ווייסט ניט ווי אַזוי: צי גנבים, צי א טחויר איז דורכגעלאָפען און האָט זיי איבערגעשראָקען, — נאָר דאַנקען גאָט, וואָס מע האָט זיי געחאַפּט, אַניט — וואָלט געווען חלילה א היזק פון מי יודע וויפיעל!...

— טפו זאָלט איהר ווערען, כתרילעווקער קורעלאַפּניצעס! — זאָגט נח און בטל'ט־אוים אויף זיי אַלע בייזע וויסטע חלומות. — א רוח אין אייער אינדיטשקעס־געגנז־קאַטשקעס־פלעדערווישען אריין!...

און נח דער שווייצאַר הערט ניט אויף צו שיטען מיט זיינע געקלויבענע, שאַרפע, פערשפּיצעלטע ווערטער, און דער עולם הויבט אָן ביסלעכווייז זיך צעגעהן, מיט א געהניץ, איטליכער אין זיין רוהּ אריין.

איך בלייב שטעהן איינער אַליין, אין מיטען דער בלאָטע, פער־ טומעלט פון דער נאַכט מיט איהרע פּחדים, מיט איהרע בהלות. א נאַסע קעלט נעמט דורך מיין לייב, דורך־און־דורך. ערטער־ווייז בעווייזט זיך א פייערעל אין די פענסטער. פון א פאָר קוימענס

— נעגאַנגען מיט מעסערס?

— למאי האָט איהר געשוויגען?

— איהר האָט מורא געהאַט שרייען?

— נאַט אייך גזלנים! גאָט זאָל שומר ומציל זיין!...

— נעכטען געווען אינ׳ם אַנדערען הויף אויך גזלנים... גע־שטיקט אַ אידינע, אַרויסגעטראָגען די בריקלעך, געפונען איין אייזען...

— מסוכן איבערבלייבען איינער אליין אין שטוב...

— מע וועט שוין באַלד דאַרפען אַנטלויפען פון כתרילעווקע!

— נאַ דיר גאָר גזלנים, טאָמער איז קאַרג!...

— חאַפּט זיי! חאַפּט זיי! חאַפּט זיי! — הערט זיך פּלוצים פון דרויסען אַ קול פון אַ נקבה און אַ געלויף מיט אַ קלאַפּעריי פון אַ סך מענשען. — חאַפּט זיי! האַפּט זיי!

— געחאַפּט!

— איינעם געחאַפּט! צוויי געחאַפּט!...

— בינדט זיי! האָסט שוין דעם דריטען אויך? בינדט איהם! בינדט איהם!...

— פּאַוואָלי בינדט, ניט פאַר׳ן קאָפּ, פאַר די פיס, פאַר די פיס!...

— זעלדע! געב מיר דיין פאַטשיילע, זעלדע!

— אָה, איהר האָרכט? מע האָט זיי געחאַפּט! — רופט זיך אָן צו אונז נח דער שווייצאַר און לאָזט זיך לויפען מיט אַ לאַנ־טערנע אין דרויסען אַרויס, און מיר אַלע — נאָך איהם.

— נו, וואָס הערט זיך? — שרייט נח אין דער פינסטער אַהין, פון וואַנען עס געהען די קולות. — שוין געחאַפּט?

— געחאַפּט, געחאַפּט! — ענטפערט איהם אַ קול פון אַ נקבה אין דער פינסטער.

— און געבונדען?

כתרילעווקער מושב־זקנים

געשריבען אין יאָהר 1910.

ציהט זיך א בלוי רויכעל. פון א זייט הימעל בעווייזט זיך א העלער פאַס. פון עטליכע ערטער הערט זיך א קרעהען פון העהנער, וואָס שטעלען־אָן זייערע העלזער און שרייען אויף אלערליי קולות און פערשיעדענע נוסחאות: קו־קו־רי־קו־או!...

עס שאריעט אויף טאָג.

כתרילעווקער מושב־זקנים

אַלסדינג פּראָגרעסירט אויף דער וועלט, געהט פאָרוועטס. עס פּראָגרעסירט אויך אונזער כתרילעווקע.

כתרילעווקע האָט זיך אַ שטאַרקען רוק געטהאָן די לעצטע צייט. אזוי, אַז איהר וועט קומען צו פאָהרען אהין אצינד, וועט איהר זיין ערשטוינט. איהר וועט קוקען און וועט זיך נישט קאָנען זאַט אָנקוקען. איהר וועט דערזעהען אין מיטען שטאָדט, כאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, אַ גרויסען, אַ ברייטען, אַ הויכען מויער פון געלע ציגעל, מיט אייזען געדעקט און מיט אַ סך, אַ סך פענס־טער, מיט אַ שענער הויכער געשניצטער טהיר, און אויבען, איבער דער טהיר, צוגעשלאָגען אַ ווייסער מאַרמאָר־שטיין, אויסגעקריצט מיט גרויסע גאָלדענע אידישע בוכשטאַבען:

מ ו ש ב ־ ז ק נ י ם.

איהר שטעהט און קוקט אויף דאָס דאָזיגע בילד, און עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז עס האָט דעם אָנבליק פון אַ טייערער סאַמעטע־נער לאַטע אויף איין אַלטער פערגרינטער ליוסטרינענער צעריסע־נער קאַפּאָטע. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פּרעכטיגער „מושב־זקנים“ אין מיטען דרינען אין דעם אָרעמען־אָרעמען כתרילעווקע? וואָס איז דאָס — עמיצען אויף צו־להכעיס? אָדער אַ ליצנות? אָדער גאָר עמיצענ׳ס אַ טעות? אָט וואָס מע האָט מיר דערצעהלט דאָס לעצטע מאָל, אַז איך בין געוועזען דאָרט אויף קבר־אָבות.

דאָס איז געוועזען אין דער צייט, וואָס מע האָט געזאָלט דורכ־פיהרען דורך כתרילעווקע אַ באַהן. עס זענען אָראָפּגעקומען פון

ס'איז נויטיג א „מושב־זקנים" אין כתרילעווקע, האָט רב יוזיפעל שבת בייטאָג אָפּגעהאַלטען א דרשה אין שוהל, דערצעהלט זעהר א שענעם משל: „אמאָל איז געווען א מלך, האָט ער געהאַט א בן־יחיד..." נאָר וויל מיר האַלטען אין מיטען א שמועס, ווילט זיך מיר ניט אריינמישען איין מעשה אין דער אנדערער. לעגען מיר אָפּ רב יוזיפעל'ס משל אויף איין אנדערש מאָל. איך קאָן אייך נאָר זאָגען, אז דער משל איז אפשר נישט געווען אזוי גלייך צום נמשל, נאָר דער עולם האָט געלעקט פון איהם די פינגער, ווי פון אלע משלים, וואָס רב יוזיפעל פלעגט זיי דערצעהלען. הלואי וואָלט רב יוזיפעל געווען אזא בריה אויף צו פערדיענען זיך דאָס שטיקעל ברויט, ווי ער איז געווען א מאַדים אויף צו זאָגען משלים.

אויסגעהערט דעם משל, רופט זיך אָן צו איהם איינער א בעל־הבית, — פון די נכבדים, געוועהנליך, וואָרום ווער דען וועט זיך איינשטעלען ארויסטרעטען קעגען א רב פאַר איין עדה מיט אידען?

— יאָ, רבי, איהר זענט אַודאי זעהר גערעכט. דער משל איז זעהר א שענער משל. די קשיא איז נאָר: וואו נעמט מען געלט? א „מושב־זקנים" דאַרף קאָסטען געלט, און כתרילעווקע איז א שטאָדט פון סאַמע כתריליקעס, אָרעמע לייט, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים...

— ע! איך וועל דיר דערצעהלען, קינדעניו, דערויף אויך א משל. אמאָל איז געווען א מלך... האָט ער געהאַט א זוהן א בן־יחיד...

הכלל, וואָס דער מלך האָט געטהאָן מיט זיין בן־יחיד — דאָס איז נישט וויכטיג. וויכטיג איז דאָס, וואָס אונזער רב יוזיפעל האָט אויף מאָרגען, זונטאָג, גענומען צוויי בעלי־בתים פון די „פאָר־נעמסטע" און איז ארויסגעקומען מיט א פעטשיילע אין מארק, גענומען געהן פון קלייט צו קלייט, פון שטוב צו שטוב — דער אלטער מנהג אין כתרילעווקע אויף צו „מאכען געלד". פערשטעהט זיך, אז קיין גרויסע קאפּיטאַלען קאָנען דערפון נישט ווערען. רב יוזיפעל האָט אָבער צייט. ער קאָן בעשטעהן, עס זאָל געדויערען

מאָסקווע מיני מאָדנע בעשעפענישען: אינזשענערען, גאַסענמעס־טערס, ערדשניידערס וכדומה אזעלכע פּאַרשוינען, און ועל כולם — איינער אַ פּאָדראַטשיק, אַ יונג מיט ביינער, און דוקא אַ „אונזערי־גער“. דעם נאָמען זיינעם ווייסט מען עד היום נישט. אפשר איז דאָס פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענטש“, און אפשר טאַקי פּאָליאַקאָוו אַליין. נאָר אַז ער איז אַ גביר אַיין אדיר, אַ מיליאָנשטשיק — דאָס האָט אַ מינדסטס קינד אויך געקאָנט אַרויסזעהען. וואָרום ווער וועט זיך עס פערגינען שטעהן איין מענש אַליין אין צוויי חדרים, פרעסען היהנער, זשליאָקען ווײַן אין מיטען מיטוואָך און מאַכען קוצעניו־מוצעניו מיט'ן בעל־אכסניה'ס יונגערע שנור, די הולטייקע? (זי טראָגט אייגענע האָר בפרהסיה און האָט פיינט דעם מאַן — אַלע ווייסען דאָס).

אין יענער צייט האָט זיך אונזער אַלטער בעקאַנטער, דער רב רב יוזיפעל, אַרומגעטראָגען מיט אַ מחשבה: אוועקשטעלען אין כתרילעווקע אַ „מושב־זקנים“ פאַר אַלטע קראַנקע אָרעמע לייט. וואָס עפּיס גראָד אַ „מושב־זקנים“? פאַר וואָס נישט קיין „בקור־חולים“? הויבט זיך אָן אַ מעשה פון קשיות פרעגען! ער זאָל זיך געוועזען נעמען פאַר אַ „בקור־חולים“, וואָלט איהר פרעגען: פאַר וואָס נישט קיין „מושב־זקנים“? איך בין אייך ערב, אַז אַ זייטיגע מחשבה: טאָמער האָט דאָ חלילה רב יוזיפעל געהאַט אַ מיין, אַ טובת־הנאה פאַר זיך אויף דער עלטער — איז דאָ זיכער נישט געוועזען. רב יוזיפעל איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז אויף איין אַלטען מאַן און אַ קראַנקען איז מעהר רחמנות, ווי אויף אַ יונגען. דאָס הייסט, אַ יונגער חולה איז אויך אויף גרויסע צרות. נאָר אַז מען איז קראַנק און נאָך אַלט דערצו, איז מען גאָר איבעריג ביי דער וועלט. איבעריג און נמאָס. אַ מענש האָט פיינט איין אַלטען מאַן אַ זקן — דאָס איז בדוק ומנוסה.

הכלל, ס'איז ביי איהם געבליבען איין מאָל פאַר אַלע מאָל: כתרילעווקע מוז האָבען אַ „מושב־זקנים“. אַ „מושב־זקנים“ איז בילכער פון אַלסדינג. און בכדי אַלע זאָלען פערשטעהן, ווי ווייט

נישט זיכער. באַלד צינדען זיך איהם אָן די אויגלעך און ער איז קאַפּאַבל אייך דורם זיין, צערייסען אויף צווייען. א מאָדנער, א מאָדנער פּאָדראַטשיק!

איינגעפיהרט האָט ער אויף דער אכסניה, אַז ווער סע זאָל צו איהם נישט קומען, יהיה מי שיהיה, מעג זיין דער גובערנאַטאָר אַליין (אַזוי טאַקי מיט דעם לשון האָט ער אָנגעזאָגט), דאַרף מען איהם פריהער אַ קלאַפּ טהון אין דער טהיר, און אַז ער וועט הייסען אריין, דאַרף מען ערשט דעמאָלט איהם מעלדען, ווער עס וויל מיט איהם רעדען — איז אָדער ער בעט אריינקומען, אָדער ער הייסט קומען מאָרגען.

פערשטעהט זיך, אַז אין כתרילעווקע האָט מען זיך געגנוג אָנגעלאַכט אויף דעם דאָזיגען פּאַרשוין און אויף זיינע נאַרישע געננג. האָט איהר געהערט אַ השגה פון אַ מאָסקוווער פּאָדראַטשיק? לאַ־די, וואָס איך האָב מיך מטריח געווען און קום צו דיר אהיים, דאַרף איך נאָך שטעהן אַ היבשע ווײַלע אויף יענער זייט טהיר און אויסווארטען ביז דו וועסט מיר „פּאַזוואָליען" אריינקומען צו דיר, אָדער אַניט — וועסט דו מיר הייסען קומען מאָרגען? ניין, דאָס קאָן נאָר אַ מאָסקוווער פּאָדראַטשיק. דאַכט זיך, מע דאַרף נישט קיין גרעסערען מענשען, ווי רב יוזיפעל דער רב, אַ איד אַ למדן און אַ גרויסער ירא־שמים. פון דעסטוועגען איז ביי איהם אַלע מאָל, צו יעדער צייט, אָפען טהיר און טויער, כל דכפין — מיר זענען דאָך עפּיס אידען אויף דער וועלט!

דערזעהן פאַר זיך רב יוזיפעל דעם רב בכבודו ובעצמו און נאָך שבת'דיג אָנגעטהאָן, איז דער בעל־אכסניה, אַ איד מיט אַ ליולקע־ציבעק, מיט אַ היבשען בויך און מיט אַ צעשפּילעטען פּונפּאָרענט, ממש מבולבל געוואָרען: „ברוכים הבאים! סקאָצעל קומט! אַזאַ גאַסט! דער רב אַליין ביי מיר אין שטוב! אַזאַ זכיה! רבי, זיצט... וואָס? צום אורח דאַרפט איהר? מיט'ן גרעסטען כבוד!"...

נאָך אַ וואָך. רוים איז נישט געבוירען געוואָרען אין איין טאָג. וואָס זאָל מען טהון: נעבאָך אַ שטאָדט פון קבצנים! דער גאַנצער ארויסקוק איז אויף די פרעמדע, די סוחרים, וואָס קומען אראָפּ קיין כתרילעווקע, אָדער גלאַט אזוי דורכפאָהרער, וואָס שטעלען זיך אָפּ אויף די אַכסניות. דאָרט אַז מע דערטאַפּט אַמאָל אַ פויגעל, פליקט מען איהם ארום אזוי, אַז ער פערזאָגט אַ צעהנטען: „אַז איהר וועט פאָהרען פערביי כתרילעווקע, זאָלט איהר דאָס אויסמיידען אַ מייל ארום און ארום — ס'איז נישט אויסצושטעהן פון די דאָרטיגע אָרעמע לייט!“...

דערהערט, אַז ס'איז געקומען צו פאָהרען פון מאָסקווע אַ איד אַ פּאָדראַטשיק, פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענטש“, אָדער אפשר פּאָליאַקאָוו אליין, אַ גרויסער מיליאָנשטשיק, — האָט זיך רב יוזיפעל אָנגע־טהאָן שבת'דיג, גענומען אויף זיך דעם טיזליק מיט'ן שטריימעל, וואָס האָט זיך עפּיס נישט געפּאַסט צום גרויסען וואָכעדיגען שטע־קען, וואָרום ממה־נפשך: איז דאָס שבת — ווי קומט אהער אַ שטעקען? איז דאָס אין דערוואָכען — וואָס עפּיס אַ שטריימעל?...
פערענטפערט איז די קשיא געוואָרען ערשט דעמאָלט, אַז רב יוזיפעל האָט מיטגענומען מיט זיך די צוויי פיינסטע בעלי־בתים און איז אוועק מיט זיי גלייך אויף דער אַכסניה, צום רייכען פּאָדראַטשיק.

איך וויים נישט, ווי אזוי זענען די איבעריגע מאָסקווער פּאָד־ראַטשיקעס. נאָר דער פּאָדראַטשיק, וואָס איז געקומען קיין כתרילעווקע דורכפיהרען אַ באַהן, איז געווען אַ מאָדנער פּאָדראַ־טשיק. אליין אַ קלייניטשקער, אַ פּוכלינקער, מיט פעטע בעקלעך, מיט פליישיגע ליפּען און מיט קורצע הענטלעך, — איז דאָס געווען אַ בריאה אַ ריהרעוודיגע, וואָס אַז סע געהט, לויפט עס, און אַז סע רעדט, שרייט עס און לאַכט מיט אַ צעשאָטען געלעכטערעל: „הע־הע־הע!“ און די אויגלעך זענען ביי איהם תמיד בענעצט מיט טרערען, און אַלסדינג איז ביי איהם גיך, חאַפּענדיג, אויף איין פוס, און נערוועז — מיט סכנת־נפשות! איהם נישט צו־טרעפען, וואָס ער וויל, אָדער איהם זאַטשעפּען מיט אַ וואָרט — איז חיות

ס'איז א סברה, אז ער האָט אויסגענוצט דערביי, זאָגט מען, דאָס וואָרט „זשידי"... ס'איז אַפילו נישט צו גלויבן אַזעלכעס אויף אַ אידען, נאָר אַ מענש, און אַ מיליאָנשטשיק דערצו, אַז מע ברענגט איהם אַריין אין גרים־צאָרן, קאָן ער אָפּטהון נאָך אַ סך ערגערע זאַכען...

אונזער לעזער, וואָס איז שוין בעקאַנט געגוג מיט'ן כתרילעוו־קער רב, ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ איד אַיין עניו אָט דער רב יוזיפעל איז. ער וועט אייך קיינמאָל נישט זיין קיין קופּץ בראש. ער האָט תמיד ליעב זיין בעסער דער לעצטער, וואָרום ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז אַ בשר־ודם דאַרף זיך נישט חאַפּען. ער האָט נישט וואָס אָנצוווערען און וועט קיינמאָל נישט פערשפּע־טיגען. נאָר דאָ האָט ער געמוזט אַרויסטרעטען מיט אַיין פוס פריהער, ווייל יענע „פּאַרנעמסטע בעלי־בתים" האָבען זיך פשוט איבערגעשראָקען פאַר'ן מיליאָנשטשיק, וואָס האָט זיך צעלאָזט אויף זיי מיט די הענד און צוגעטופּעט מיט די פיס. וועד ווייסט, וואָס ער איז? אפשר איז ער פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענטש", און אפשר איז דאָס פּאָליאַקאָוו אַליין? האָבען זיי שוין בעל־כרחם געמוזט אַביסעל אָפּרוקען זיך צוריק, זיין אַביסעל נעהענטער צו דער טהיר. אַ קשיא, וואָס סע מאַכט זיך... נאָר איין רב יוזיפעל האָט זיך עפּיס איצטיגס מאָל גראָד נישט דערשראָקען. ער איז געגאַנגען מיט אַ ממה־נפשך: איז דער מענש אַ גרויסער מענש, דאַרף איך פאַר איהם קיין מורא נישט האָבען. אלא וואָס דען? ער איז אַ קליין מענשעלע, — האָב איך אודאי פאַר איהם נישט וואָס מורא צו האָבען!... איז ער אַרויסגעטרעטען קעגען איהם מיט שטאַרקייט און רופט זיך אָן צו איהם אַזוי צו זאָגען:

— זייט זשע מוחל, איהר שרייט... אפשר זענט איהר גע־רעכט... האָט קיין פאַראיבעל נישט, וואָס מיר האָבען אייך אפשר געשטעהרט... מיר זענען זיך אָבער עוסק אין אַ מצוה, און שלוחי־מצוה, שטעהט ביי אונז געשריבען, אינן ניזוקין — דער וואָס איז

און דער בעל־אכסניה האָט גאָר פֿערגעסען פֿונ׳ם „יהיה מי שיהיה“ און פֿונ׳ם „גובערנאַטאָר“, אַוועקגעלעגט דעם ליולקע־ציבעק, פֿערשפּילעט דעם פֿונפֿאָרענט און האָט צוגעפֿיהרט דעם רב מיט די צוויי פֿיינסטע בעלי־בתים צום אורח׳ס טהיר, און אַליין איז ער נעלם געוואָרען.

מיט וואָס דער אורח איז דאָרט געוועזן אין דער מינוט בע־שעפֿטיגט — איז שווער צו זאָגען. אפשר האָט ער געהאַלטען סאַמע אין מיטען רעכענונג וועגען אייזענבאַהן, וואו מע זאָל ציהען די רעלסען און וואו מע זאָל אַוועקשטעלען דעם וואָקזאַל? אָדער אפשר איז ער געלעגען ביי זיך אין צווייטען צימער אָנגעשפּאַרט און געדרימעלט? אָדער אפשר איז ער דאָרט געזעסען גלאַט אַזוי און געשמועסט, געפּלוידערט מיט׳ן בעל־אכסניה׳ס יונגער שנור די הולטייקע, וואָס טראָגט אייגענע האָר און האָט פֿיינט דעם מאַן — אַלע ווייסען דאָס? ווער קאָן עס וויסען, וואָס אַ איד אַ פּאָדראַטשיק פֿון מאָסקווע, אַ יונג מיט ביינער און אַ מיליאָנשטשיק דערצו, טהוט ביי זיך איין מענש אַליין אין צוויי צימערען? נאָר אַז די כתרילעווקער דעפּוטאַציע איז אַריינגעקומען צו איהם אינ׳ם ערשטען חדר, האָבען זיי איהם נישט געטראָפֿען. זיי האָבען נאָר בעמערקט, אַז די טהיר פֿונ׳ם צווייטען חדר איז אָפֿען און ס׳איז דאָרטען זעהר שטיל. געהן ווייטער האָבען זיי נישט געוואָלט. ס׳איז נישט קיין דרך־ארץ — טאָמער שלאָפֿט ער? זענען זיי געפֿאַלען אויף אַ המצאה און האָבען אַלע דריי געגעבען אַ הוסט (אַזוי איז דער מנהג אין כתרילעווקע). האָט דער פּאָדראַטשיק דערהערט, איז ער אַרויסגעלאָפֿען נישט טוידט, נישט לעבעדיג. דערזעהען אומבעקאַנטע געסט, איז ער באַלד געוואָרען מלא כעס וחמה און האָט זיך צעשריגען אויף זיי אויפֿ׳ן מאָסקווער אופֿן:

— ווער איז? וואָס דאַרפֿט איהר, אַזעלכע און אַזעלכע? ווער האָט אייך אַריינגעלאָזט? איך האָב דאָך טויזענד מאָל אָנ־געזאָגט, אַז „אָהן אַ דאָקלאַד“ זאָל מען צו מיר נישט געהן!

— נו, מילא, דאָס האָט איהר, הייסט עס, געגעבען מיר. וואָס זשע וועט איהר עפּיס געבען, רב איד, פאַר די אַלטע קראַנקע נעבאַך, איך מיין טאַקי אויפ׳ן „מושב־זקנים“ מיין איך?

. . . .

. . . .

. . . .

וואָס ווייטער איז געוועז — לאָזט זיך נישט דערצעהלען. קיינער ווייסט נישט, וואָרום די „פּאַרנעמסטע בעלי־בתים“, אז זיי האָבען דערהערט פונ׳ם פּאָדראַטשיק די מאָסקווער שפּראַך, האָבען זיי שוין נישט געסטייעט... און דער רב רב יוזיפעל האָט גלאַט נישט געוואָלט רעדען דערפון... אז ער איז ארויסגעגאַנגען פון דאָר־טען, האָט איהם דאָס פּנים מאָדנע געשיינט. איין באַק (די לינקע) האָט געשיינט מעהר פון דער אנדערער... און ער האָט מיט זיין בנעימות׳דיג שמייכעלע געזאָגט:

— מזל־טוב, אידען, איך קאָן אייך אָנזאָגען א בשורה: מיר האָבען מיט׳ן אויבערשטענס הילף א „מושב־זקנים“, אָבער א „מושב־זקנים“, הערט איהר, אז גאָט און לייט וועלען זיך פרעהען...

די „קליינע מענשעלעך“ וואָלטען אפשר דעם רב נישט אינ־גאַנצען געגלויבט, ווען זיי זאָלען נישט הערען פונ׳ם פּאָדראַטשיק אליין מיט זייערע אויהערען, ווי ער זאָגט און קלאַפּט זיך מיט די קורצע פינגער אין דער ווייסער מאַנישקע:

— אידען, איך שטעל אייך אוועק א „מושב־זקנים“. איך, איך!... — און נישט נאָר געהערט מיט די אויהערען, נאָר מע האָט געזעהען מיט די אויגען אין גיכען, ווי דער פּאָדראַטשיק געהט־אום מיט׳ן רב אין שטאָדט, מעסט מיט׳ן שטעקען: „אָט דאָ וועט שטעהן דאָס הויז. אָט אזוי פיעל וועט זיין די לענג, און אָט אזוי פיעל די ברייט“... און אָט האָט מען שוין געבראַכט צו פיהרען ציגעל, געהילץ און אנדערע מאַטעריאַלען — און עס געהט א גאַנג.

אמת, עס האָבען זיך געפונען בעלנים, וואָס האָבען גענומען אויספרעגען ביי׳ם רב, אויסטאַפּען, ציהען ווערטער: „רבי! ווי

איין עוסק במצוה — דעם קאָן נישט שאַדטען... מיר זאַמלען נדבות, פאַרשטעהט איהר מיך, אויף אַ גרויסע זאַך, אויף אַ „מושב־זקנים“...

דער פּאָדראַטשיק פון מאָסקווע איז גאָר געבליבען אָהן ווער־טער. דאָס אַריינרייסען זיך צו איהם „אָהן אַ דאָקלאַד“ פון אָט די דריי אידען פלוצים אין מיטען דרינען און דאָס האַלטען זיך פון אָט דעם דאָזיגען אַלטען מיט'ן שטריימעל, וואָס האָט איהם אויס־געוויזען אַ נאַריש, אַ פּרעך, האָבען אונזער אורח אַזוי אויפגע־בראַכט, אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט דערפיהלט, ווי עס האָט איהם דערלאַנגט אַ קיצעל אין נאָז און אַ הויב־אויף דעם מח און דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אַריין אין פּנים אַריין. ער איז פּשוט אַרויס פון די כלים און אַזוי שטאַרק פערלוירען זיך, אַז ער געדענקט אַליין נישט, וואָס מיט איהם איז געווען. עס האָט זיך עפּיס ווי קעגען זיין אייגענעם ווילען אויפגעהויבען ביי איהם די האַנד, און ער האָט מיט'ן גאַנצען כח אַראָפּגעלאָזט דעם אַלטען אַ הילכיגען פּלאַמ־פּייעריגען פּאַטש.

— נאַט אייך! אָט האָט איהר אייך אַ „מושב־זקנים“!...

פון'ם דאָזיגען פּאַטש זענען ביי'ם אַלטען אַראָפּגעפלויגען פון קאָפּ דאָס שטריימעל מיט דער יאַרמעלקע אינאיינעם, און דער כתרילעווקער רב איז געבליבען שטעהן אַ ווייל'ע בגלוי־ראש — דאָס ערשטע מאָל אפשר אויף זיין לעבען... עס האָט אָבער גע־דויערט נישט מעהר ווי אַ רגע כמימרא, האָט דער רב רב יוזיפעל קודם זיך איינגעבויגען, אויף דער גיך אויפגעהויבען דאָס שטריימעל און צוגעדעקט דעם נאַקעטען קאָפּ. דערנאָך האָט ער פּאַוואָלינקע זיך אַ טאַפּ געגעבען ביי דער באַק און אַ קוק געטהאָן אויף דער האַנד, צי איז ער חלילה נישט צע'דמ'ט? און טאַקי באותה שעה רופט ער זיך אָן צום אורח שטיל און בנעימות'דיג, מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע, און דאָס פּנים איז איהם טוידט, ווי ביי אַלע טוידטע:

אַ פּסח'יגע עקספּראָפּריאַציע

נעשריבען אין יאָהר 1908.

אזוי איי געוועז די מעשה? ווי אזוי האָט אייך דער דאָזיגער מפיים געווען פאַר די הארטע רעד?... וואָס האָט איהר איהם געזאָגט און וואָס האָט ער אייך געענטפערט?"... רב יוזיפעל האָט אָבער אלסדינג דורכגעלאָזט פעררביי און פעררעדט דעם עולם די צייהן, געשמייכעלט דערביי מיט זיין שטענדיג בנעימות'דיג שמייכעלע:

— אָבער א „מושב־זקנים" וועלען מיר, אם־ירצה־השם, האָבען, הערט איהר, אז גאָט און לייט וועלען זיך פרעהען!...

* *
*

איין עבירה — דאָס „מושב־זקנים" שטעהט נאָך עד היום לעדיג: רב יוזיפעל איז שוין עליו השלום — נישטאָ מיט וואָס צו פיהרען. די כתרילעווקער קליינע מענשעלעך האָבען שוין אזא מזל: חלומ'ט זיך זיי איינגעמאַכטס — פעהלט זיי א לעפעל; קענען זיי געבן א לעפעל — חלומ'ט זיך זיי נישט קיין איינגעמאַכטס

א פסח׳יגע עקספּראָפּריאַציע

א.

כתרילעווקע האָט פון תמיד אָן נאָכגעטאַנצט אדעם; נאָר פון זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען די בהלות, טרעט כתרילעווקע נישט אָפּ פון אדעם אויף קיין האָר: אין אדעם א סטרייק — אין כתרילעווקע א סטרייק; אין אדעם קאָנסטיטוציע — אין כתרי־לעווקע קאָנסטיטוציע; אין אדעם א פּאָגראָם — אין כתרילעווקע א פּאָגראָם. איינער א ליִץ האָט ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אז אין אדעם האָט מען אָנגעהויבען זיך אָפּשניידען די נעזער, האָט מען אין כתרילעווקע גענומען שארפען מעסערם; א גליק, וואָס אין כתרילעווקע גופא האָט מען ליעב קוקען אויף יענעם, דעריבער האָט יעדער געוואַרט, ביז דער ערשטער וועט זיך אָפּשניידען די נאָז. און מע וואַרט נאָך עד היום...

נאָך אזא מין הקדמה וועט שוין קיינעם קיין וואונדער נישט זיין, וואָס עס געהט נישט אוועק כמעט א טאָג, מע זאָל נישט לייענען אויף די גאַזעטען אַלע מאָל איין אנדער אומגליק פון כתרילעווקע: ווי אזוי „חברה“ האָבען זיך ארייננעחאַפּט צו א בעקער און האָבען עקספּראָפּריאירט דאָס גאַנצע געבעקס, אָדער ווי אזוי א שוסטער האָט שוין געהאַט כמעט געענדיגט א פּאָר שטיוועל — ס׳איז געבליבען נאָר ארויפצוזעצען א פּאָר פּאָדעש־וועס מיט די אָפּצאַסען, — איז מען איהם בעפּאַלען אין מיטען העלען טאָג, אָפּגעזאָגט דעם געוויסען פּסוק „שאו ידיכם“ — „רוקי

ווי אייזען! ווי הערינג אין אַ פֿאַס האָבען זיי זיך צונויפֿגעפּאַקט אַלע אויף איין אָרט, און זיי פֿרעסען איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד. אַ שטיקעל גליק אָט דאָס אַמעריקע, וואָס נעמט־צו פֿון דאָרטען אַלע יאָהר כמעט צוויי מאָל אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל עס שטאַרבען־אויס פֿון הונגער, פֿון פּאָגראָמען און פֿון אַנדערע שלעק... פֿון דעסטוועגען, זעהט איהר דאָך, אַז גאָט וויל, איז נאָך דאָ אין כתרילעווקע אַ איד אַ נגיד, וואָס הייסט בנימין לאַסטעטשקע, וואָס אַלע זענען איהם מקנא, וואָס ער דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעם, אַחוץ צו זיינע רייכע מחותנים. מאָהלט אייך, אָנקומען צו אַ רייכען מחותן איז עפּיס אויך נישט אַזאַ זיס שטיקעל ברויט, מחמת ראָס רוב רייכע מחותנים זענען בטבע, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, גרויסע חזירים... פֿון דעסטוועגען איז בנימין לאַסטעטשקע פֿאָרט דער נגיד אין כתרילעווקע. אַז מע דאַרף אַ מאָל אַ טובה, וואוהין געהט מען? צו בנימין לאַסטעטשקע. און בנימין לאַסטעטשקע הערט אויס, העלפֿט אַ מאָל מיט איין עצה, אַ מאָל מיט אַ גוט וואָרט, אַ מאָל מיט אַ קרעבין — גוט איז אויך דאָס, וואוהין אָהן דעם וואָלט דען געוועזן בעסער? אַלץ איין שוואַרץ יאָהר.

וואָס איז דער חילוק פֿון אַ כתרילעווקער נגיד ביז, למשל, אַ נגיד אין יעהופּעץ? די יעהופּעצער נגידים האָבען ווייכע הערצער, קאָנען נישט צוזעהן דעם צער פֿון די אָרעמע לייט, האַלטען זיי געדרמאַכט די טהיר, שטעלען־אַוועק אַ שווייצאַר ביי דער שוועל, לאָזען נישט צו קיין בן־אָדם, וואָס געהט נישט אָנשטענדיג אָנגעטהאָן. און אַז עס קומט דער ליעבער זומער, הויבען זיי זיך אויף ווי די שוואַלבען און פֿאָהרען־אַוועק קיין אויסלאַנד — געהט זוכט זיי! אַנו, זאָל פּרובען אַ כתרילעווקער נגיד אַזוי טהון, וועט מען איהם די ביינער צעטראָגען! צי ער וויל, צי ער וויל נישט — בנימין לאַסטעטשקע איז ראש יראשון אין קהל. אין אַלע צדקה־זאַכען איז ער דער ערשטער, נישט נאָר אויף צו געבען די ערשטע נדבת, נאָר אויף צו נעמען דאָס שטעקעל, מחילה, און געהן פֿון שטוב צו שטוב צונויפֿנעמען נדבות פֿון אָרעמע לייט פֿאַר אָרעמע לייט...

ווערך!" — און צוגענומען די שטיוועל. אָדער א איד איין אָרע־מאַן איז געגאַנגען איבער די הייזער — דאָנערשטאָג איז געווען די מעשה — האָט מען איהם זאַסטעמפּעט ערגיץ אין א געסעל, צו־געשטעלט איהם א פּיסטויל גלייך אין פּנים אריין און אויסגעטריי־סעלט ביי איהם וואָס ער האָט געהאַט. אָדער הערט א מעשה, וואָס א אידינע דערצעהלט... נאָר וואָס א אידינע דערצעהלט וויל איך אייך נישט איבער'חזר'ען; א פרוי האָט שוואַכע נערוועז, די צייט איז איין אומרוהיגע, עס קאָן זיך איהר אויסווייזען א קוצע קוה פאַר א באַרנבוים... איך וויל נישט נעמען אויף זיך „די פער־אַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געזעלשאַפט"...

בקיצור, עס איז אוועק אין כתרילעווקע א סדרה עקספּראָ־פּריאַציעס, איינע שרעקליכער פון דער אַנדערער. עס איז געוואָרען א מורא צו לעבען אויף דער וועלט, און מע האָט אָנגעהויבען בענקען נאָך די אַלטע גוטע יאָהרען, ווען איין פּריסטאַוו, וואָס פלעגט נעמען א קערבעל, האָט געקאָנט האַלטען א גאַנצע שטאָדט ביי זיך אין זשמעני, און מע האָט אָנגעהויבען בעטען גאָט און תפלה טהון:

— גוואַלד, רבונו־של־עולם, השיבנו נאַזאַד, האַרצעדיגער פאָ־טער, חדש ימינו כקדם!...

דאָס איז אָבער נאָך אַלץ נישט מעהר ווי א הקדמה. די מעשה הויבט זיך ערשט אָן.

ב.

בנימין לאַסטעטשקע איז דער גרעסטער נגיד אין כתרילעווקע. אויסרעכענען זיין גרויסקייט האָט נישט קיין שיעור. ערשטענס, האָט ער מחותנים רייכע אויף דער גאַנצער וועלט. די מחותנים זענען שוין איצט נישט אַזוי רייך, ווי זיי זענען געווען אַמאָל, איבער היינטיגע צייטען מיט היינטיגע אָנזעצען — ס'איז גאָר קיין חידוש נישט; א חידוש איז גאָר, ווי אידען האַלטען זיך נאָך, און ווער שמועסט די כתרילעווקער אידען — זענען שטאַרקער

קע איז דער „פּרינציפּ“ נאָך נישט אַריין אין דער מאָדע. די וואָס געבען נישט, געבען נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבען נישט... ערב פּסח אָבער, אַז עס קומט צו מעות־חטים, איז דאָס אויך קיין תירוץ נישט. אין כתרילעווקע געהט אַ שפּריכוואָרט: „יעדער איד איז מחויב אָדער ג ע ב ע ן מעות־חטים, אָדער נ ע מ ע ן מעות־חטים...

מאָדנע מענשען די כתרילעווקער אידען! טויזענדער יאָהרען זענען אַוועק, זינט זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבען זיך בעפרייט פון גלות־מצרים, קאָנען זיי זיך נאָך עד היום נישט אָפּגעוועהנען פון צו עסען מצות אַכט טאָג דורכאַנאַנד אַלע יאָהר, און איך האָב זעהר מורא, אַז דער דאָזיגער טרוקענער מאכל וועט נאָך לאַנג־לאַנג נישט אַרויס פון דער מאָדע... אַ גאַנץ יאָהר וועט אייך אַ כתרילעוו־קער איד שוואָלען פון הונגער, און קומט פּסח, מעג זיך איבער־קעהרען די וועלט, מוז ער זיין פערזאָרגט מיט מצות! עס איז נאָך נישט געוועזען דער פאַל, אַז אַ איד זאָל דאָרט שטאַרבען פּסח פון הונגער. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ פאַל, דאַרף מען איהם פערשרייבען אויפ׳ן חשבון פונ׳ם יאָהר, דאָס הייסט, ער איז גע־שטאָרבען נישט חלילה מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט די אַכט טאָג פּסח קיין מצה, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין ח מ ץ אין די 357 טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. עס איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ גרויסער אונטערשיעד!

ד.

נישטאָ איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבען קיין אויסנאַהם. דאָס יאָהר, וואָס מיר בעשרייבען אונזער געשיכטע, איז געוועזען פאַר כתרילעווקע אַזאַ יאָהר, וואָס מע האָט אַזעלכעס קיינמאָל נישט געהערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נ ע־מ ע ר ס אויף מעות־חטים זענען מעהר ווי ג ע ב ע ר ס. מע זאָל זיך נישט שעמען פאַר לייטען, וואָלטען כמעט אַלע אידען דאָרטען זיך נישט אָפּגעזאָגט פון צו נעמען מעות־חטים... אַ צער־בעלי־חיים

היינט ווער שמועסט ערב פּסח ביי'ם צונויפנעמען „מעות חטים" — אַ! דעמאָלט מעגט איהר זיך פערגינגען אַ קוק טהון אויף בנימין לאַסטעטשקע חאָטש פון דער ווייטען. איך וויים נישט, אויב דער גרעסטער כלל־טהוער פון דער גאַנצער וועלט האָט פאַר דעם ברענענדיגסטען וואהל־קאַמפּף אמאָל אזוי געשוויצט, ווי אונ־זער לאַסטעטשקע שוויצט גאַנצע פיער וואָכען פאַר פּסח! ער שווערט, אַז פון פּורים ביז פּסח שלאָפט ער אין אַנטהון! לאָמיר איהם גלויבען אויף נאמנות, וואָרום וואָס קומט איהם ארויס פון דעם? קיין געלד פאַדערט ער נישט פאַר זיין טרחה. אי, איהר וועט זאָגען, ער טהוט עס צוליעב כבוד? זאָל זיין אזוי. וואָס קאָן עס אייך אהרען? יעדער מענש וויל כבוד; אפילו שררות האָבען עס נישט פיינט. מיר וועלען די נאַטור פונ'ם מענשען נישט איבערמאַכען — פאַרפאַלען!

ג.

דער מנהג פון צונויפנעמען מעות־חטים פאַר אָרעמע לייט אויף פּסח איז זעהר איין אַלטער מנהג, זעהר אַ קאָנסערוואַטיוו מיטעל פון „פילאַנטראָפּיע"; דאָך, מיין איך, איז ער נישט אזוי ביטער, ווי די היינטיגע ווילען אונז איינרעדען. זיי זאָגען, אַז „פילאַנטראָפּיע איז אַ שחיטה פאַר דער געזעלשאַפט". איך וויל מיך מיט זיי אין חקירות און אין פּאָלעמיק נישט אריינלאָזען. איך וויל נאָר זאָגען, אַז נאָך מיין מיינונג, איז דאָ נאָך אַ פיעל ערגערער מנהג: וואָס די נגידים ווילען נישט געבען, און וואָס מע דאַרף ביי זיי רייסען פון די צייהן. און נאָך טויזענד מאָל ערגער איז דאָס, וואָס די שענע מענשען, וואָס ווילען נישט געבען ווילען אייך איינרעדען אַ קינד אין בויך, אַז דערפאַר געבעז זיי נישט, ווייל ס'איז פאַרהאַן ביי זיי אַ „פּרינציפּ"... פאַר אַזעלכע מענשען זאָלט איהר אַנטלויפען; אַזעלכע מענשען זענען טרוקען, ווי אַ טרוקען פישעל, און אומעטיג, ווי אַ קאַץ... דאַנקען גאָט, וואָס אין כתרילעווו־

קיין עין־הרע, יונגע לייט, וואָס קאָנען גערן אַרבייטען און פאַר־דינען אויף פסח. דריטענס, איז היינטיגס יאָהר ביי אונז אַ גע־רעטעניש אויף אָרעמע לייט, פאַרהאַן מעהר נעמערס, ווי געבערס; פיערטענס — ס'איז אַ בזיון צו זאָגען, מיר האָבען שוין נישט פון גאַנץ פּריה אָן אַ צעבראָכענעם גראָשען אין דער קאַסע. טאָמער גלויבט איהר נישט, נאַט זעהט.

און דער גבאי ראשון פון קאָמיטעט האָט זיי איבערגעקעהרט זיינע אַלע קעשענים אויף דער לינקער זייט, בעוויזען אויג־אויף־אויג, אַז ער איז נקי, ריין ווי גאָלד. דאָס בינטעל איז געבליבען אָהן לשון, נאָר דער לידער, שמואל־אַבא פינגערהוט, האָט אַ פּה קדוש — מע דאַרף איהם די צונג נישט פּיקען. ער האָט זיך אָנ־גערופען צום גבאי מיט אַ גאַנצער דרשה האַלב אידיש, האַלב רוסיש:

— זשאַל, וואָס איהר האָט נישט אָנגעהויבען פון'ם סוף, וואָלט איהר פאַרשפּאָרט טראַטיען אַזוי פיעל פאָראָך פּאָנאַפּראַסנאָ. נאָר איך וועל אייך געבען אַ וואָזראַזשעניע אויף אַלע אייערע דאָ־וואָדען. וואָפּערוויך, וואָס מיר זענען חאָלאָסטיאַקעס — איז דאָס פּאַר אייך אַ מעלה: ווינציגער אָרעמע לייט אין שטעדטעל. וואָ־ווטאָריך, וואָס איהר זאָגט: אַרבייטען — סדיעלאַיטע אָראַלזשע־ניע! גיט אונז אַרבייט, וועלען מיר אייך איבערקעהרען די וועלט! ווטרעטיך, וואָס איהר זאָגט: אָרעמע לייט, איז אין דעם שולדיג דער קאַפּיטאַליזם ס'אָדנאַי סטאָראָני און די עקספּלאָאַטאַציע פון'ם פּראָלעטאַריאַט ס'דרוגאָי סטאָראָני. אַ ווטשעטווייאָרטיך, וואָס איהר וויוואָראַטשעוועט די קעשענים אויף דער לינקער זייט, איז דאָס נישט קיין דאָקאַזאַטעלסטוואָ. מיר סאָמניעוואַיען זיך נישט, אַז ביי אייך אין דערהיים, נאַפּרימער, זענען די שאַפּעס אָנגעפּאַקט מיט מצות, אייער, ציבעלעס און קאַרטאָפלים און גענזענשמאַלץ און טאָמו פּאָדאָבנאַיע, און וויין אויך אויף ארבע כוסות... איהר זענט אַלע בורזשוקעס און בעזסאָוועסטנע עקספּלאָאַטאַטאָרעס — און באָלשע ניטשעוואָ! טאָווארישטשי, קומט לאָמיר געהן!...

געווען אָנצוקוקען אונזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, ווי ער זיצט אין „קאָמיטעט" דעם לעצטען טאָג וואָס פאַר פסח און האַלט אין איין אָפּזאָגען:

— נישטאָ קיין געלט!... אויסגעגאַנגען!... האָט קיין פאַר־איבעל נישט!...

— דערלעבט איבער אַ יאָהר, — האָבען איהם געענטפערט די „אָפּגעזאָגטע" אָרעמע לייט און צוגעלעגט אונטער דער נאָז: — און איהר זאָלט קומען צו אונז נאָך מעות־חטים...

איינס נאָך דאָס אַנדערע זענען די אָרעמע לייט אַרויס פון „קאָמיטעט" מיט לעדיגע הענד און מיט רויטע פּנים׳ער, ווי פון אַ שוויץ־באָד, נעשאָלטען די נגידים אויף וואָס די וועלט שטעהט — ס׳זאָל פאַלען אין ים אריין.

צווישען די לעצטע „אָפּגעזאָגטע" איז געווען אַ גאַנץ בינטעל בחורים, ארבייט־יונגען, וואָס דרעהען זיך אום אַ גאַנץ ווינטער אָהן אַ שטאָך אַרבייט. מע האָט שוין פערקויפט פון זיך אַלץ, וואָס מע האָט געהאַט. איינער האָט פערזעצט אַ זילבערנעם זייגער און פאַר׳ן געלד געקויפט פּאַפּיראָסען, און אַלע בחורים האָבען גע־רויכערט, אום צו שטילען דעם הונגער אַלע בחברותא — מעשה קאָמונע... געקומען אין „קאָמיטעט", האָט דאָס בינטעל בחורים ארויסגעשטעלט פאַר׳ן גענעראַל־רעדנער איינעם, אַ דאַמסקי שנייי־דער, מיט׳ן נאָמען שמואל־אבא פינגערהוט. און חאָטש שמואל־אבא פינגערהוט איז געווען דער גענעראַל־רעדנער, פון דעסטוועגען האָט איהם דאָס גאַנצע בינטעל מיטגעהאָלפען, און אַלע האָבען גע־רעדט, גע׳טענה׳ט, אַז זיי געהען־אויס פון הונגער, ממש זיי פאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד. דער גבאי ראשון פון „קאָמיטעט", בנימין לאַסטעטשקע, האָט זיי געלאָזט רעדען, און אַז זיי האָבען אויסגעלאָזט, האָט ער אָנגעהויבען בזו הלשון:

— האָט קיין פאַראיבעל נישט, אייערע רעד זענען אַרויסגע־וואָרפען. ערשטענס, זענט איהר נישט קיין באַווייבטע, און מיר געבען מעות־חטים נאָר פאַר באַווייבטע; צווייטענס, זענט איהר,

גלייך ווי זיי אליין זענען נאָר־וואָס ארויס פון מצרים. מיט א קנאַק האָט דער יונגסטער פון די פּרינצען אָפּגעקלאָפּט די פיער קשיות, און דער פאָטער דער מלך, בנימין לאַסטעטשקע, האָט גע־נומען לאַנגזאַם, מיט זעהר א שענעם ניגון, אויף א הויך קול, ענט־פערען איהם א תירוץ, דעם אלטען תירוץ: עבדים היינו — קנעכט זענען מיר געוועזען, לפרעה במצרים — ביי פּרעה׳ן אין מצרים, האָט אונז גאָט ארויסגעצויגען פון דאָרטען מיט א שטאַרקער האַנד און מיט גרויסע וואונדער, בעצאָהלט פּרעה׳ן מיט צעהן שענע מכות... און האָט גענומען אויסרעכענען אויף א קול און מיט א ניגון די שענע מכות. פלוצים...

ו.

פלוצים האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טהיר, און נאָך א קלאַפּ, און נאָך צוויי קלעפּ. ווער זאָל דאָס זיין?... „עפענען, אָדער נישט עפענען?"... און עס איז געבליבען, אז יאָ עפענען, וואָרום דאָס קלאַפּען איז געוואָרען וואָס ווייטער אלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און דער מלך און די מלכה און די פּרינצען זענען אלע געבליבען שטיל, און זלאַטקע די דיענסטמויד האָט געעפענט די טהיר, און אין שטוב זענען אריין דאָס גאַנצע בינטעל בחורים מיט זייער לידער, שמואל־אבא פינגערהוט, בראש, מיט א ברייטען „גוט יום־טוב!"... אונזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, חאָטש די נשמה איז איהם שוין געווען אין די פּיאַטעס, האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ און האָט א זאָג געטהאָן צו דער חברה:

— א גוט יום טוב, א גוט יאָהר. סקאַצעל קומט. וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?

איז ארויסגעטראָטען שמואל־אבא פינגערהוט, דער גענעראַל־רעדנער, מיט א דרשה, ווי זיין שטייגער איז, אויף דער געמישטער האַלב־רוסישער שפּראַך, און האָט אזוי געזאָגט:

מיר מוזען נאָכגעבען, אז כתרילעווקע, וואָס טאנצט־נאָך אַדעם און אַלע אַנדערע גרויסע שטעדט, איז נאָך אזוי ווייט נישט פאַר־נעשריטען, אַז אַזאַ עקספּלאָאַטאַטאָר, ווי אונזער נגיד בנימין לאָס־טעטשקע, זאָל עפּענען די שאפעס, צעטיילען פאר די אָרעמע לייט די מצות מיט די אייער מיט די ציבעלעס מיט די קארטאָפלים מיט׳ן געגזעגשמאַלץ און מיט׳ן ווייז אויף ארבע כוסות, און אַליין זאָל ער בלייבען מיט ווייב און קינדער אָט אזוי אָ... איך בין אָבער איבערצייגט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אז מיינע כתרילעווקער עקספּלאָאַטאַטאָרס וועלען דאָס זיכער טהון, זאָל נאָר פריהער בע־ווייזען אַדעס, אָדער יעהופּעץ, אָדער אַנדערע גרויסע שטעדט אזא מין ביישפּיעל. כתרילעווקע, מיינע ליעבע פריינד, איז נישט מחויב צו זיין די ערשטע אויפ׳ן יריד...

ה.

מיט א ריינעם געוויסען, איין אויסגעבאָרענער, א יום־טוב־דיגער, האָט זיך בנימין לאָסטעטשקע אַוועקגעזעצט מיט ווייב און קינדער די ערשטע נאכט פּסח צום סדר, רוהיג און אויפגעלעגט, טאַקי ווי איין אמת׳ער מלך, וואָס פיהלט זיך גוט אין זיין מלוכה. אין דער רעכטער האנד האָט ער די מלכה, שרה־לאה זיין ווייב, אויסגעפּוצט יום־טוב׳דיג מיט א נייער זיידענער פאטשיילע, פון וועלכער עס קוקען־ארויס צוויי לאַנגע באָמבעלדיגע אויהרינגלעך פון עכט זילבער 84טע פּרובה, און ארום און ארום טיש די קינדער, די פּרינצען מיט די פּרינצעסינס — א גאַנצער בוקעט פון אויסגע־צוואָגענע קעפּלעך, רויטע בעקלעך, בלישטשענדיגע אויגלעך. אפילו זלאַטקע די דיענסטמויד, וואָס א גאַנץ יאָהר איז זי איינגעשפּאַנט אין יאָך און ארבייט ווי איין עזעל, האָט זיך אויסגעצוואָגען און אָנגעזייפט מיט פּאטשולי־זייף און אַריין אין א ניי סיצען קליידעל מיט נייע „באַטינקעס“ און מיט א ברייטער רויטער סטעננגע אויפ׳ן יזוואַרצען גלאַנצענדיגען שטערן. אַלע פיהלען זיך גוט, מחיה, פריי,

חוזק פונ׳ם כתרילעווקער גביר, דעם עקספּלאָטאַטאָר בנימין לאָס־טעטשקע. ער האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

— אַלע מאָל זאָגען מיר די הגדה און איהר עסט די קניידלעך; נאָר וו׳נאַסטאָיאַשטשעיע וורעמיא זאָגט איהר די הגדה און מיר עסען די קניידלעך... לחיים, בורזשוי, זאָל גאָט געבען, איהר זאָלט ווערען אַ פּראָלעטאַרי אזוי ווי מיר!... לשנה הבאה בקאָנסטיטוציע!...

דער עפּילאָג פון דער טראַגעדיע.

עס איז שוין געווען ארום האַלבע נאַכט, און דער אָרעמער נגיד בנימין לאָסטעטשקע מיט זיין הויזגעזינד זענען נאָך אַלץ געזעסען ארום טיש, נאָך אַלץ אין איין שרעק! אויפ׳ן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס „אומגליק" — דאָס הויכע, דאָס קיילע־כיגע, מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט. די „חברה־לייט" האָבען אָנגעזאָגט פאַר׳ן אוועקגעהן, זיי זאָלען בלייבען זיצען צוויי שעה אויף די ערטער, אַניט — וועט זיין שלעכט... יענע נאַכט איז אין דער שטוב קיינער נישט געשלאָפען; מע האָט געדאַנקט גאָט, וואָס מען איז ארויס מיט׳ן לעבען...

— נו, און וואָס איז געוואָרען מיט יענעם הויכען קיילעכיגען „אומגליק", וואָס אויפ׳ן טיש, מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט?... אזוי פרעגט דער נייגיעריגער לעזער. און מיר בערוהיגען איהם: אַ בלעכענע פּושקע פון שוהוואַכס, אָנגעפילט מיט מצה־מעהל, איז נישט געפעהרליך. זי מעג שטעהן טויזענד יאָהר, וועט זי נישט אויפרייסען, סיידען חלילה... אַ גוטען יום־טוב!

— איהר זיצט דאָ אין דער ליכטיג ביי א גלאָז וויין און פּראַזדניוועט דעם הייליגען יום-טוב, און מיר, אָרעמע פּראָלעטאַר־יער, פּראָפּאַדאַיען פון הונגער. איך געפין, אַז ס'איז ניעספּראַ־וועדליווע. איך פּריקאַזעווע אייך, איהר זאָלט הייסען אונז אָפּ־געבען אייער יום-טוב'דיגע וועטשערע און איהר זאָלט נישט סמעיען ארויסלאָזען א פּיפּס, נישט עפענען קיין פענסטער, נישט רופען קיין פּאָליציע און טאָמו פּאָדאָבנאָיע, וואָרום מיר וועלען מאַכען פון אייך אַש... חבר משה, וואו איז די באָמבע?...

. . . .

די לעצטע עטליכע ווערטער זענען שוין געווען געזונג, דאָס גאַנצע געזינדעל זאָל בלייבען ווי געלעהמט, ווי צוגעקאָוועט צו די ערטער. נאָר אַז דער „חבר משה", א שוואַרצער שוסטער־בחור מיט א שוואַרצער פּאַטלע און מיט שוואַרצע פינגער, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט געגעבען א שטעל־אַוועק עפּיס א הויכע זאַך און א קיילעכיגע, איבערגעדעקט מיט א שמאַטע, — איז פון'ם גאַנצען הויזגעזינד געוואָרען דאָס, וואָס ס'איז אַמאָל געוואָרען פון לוט'ס ווייב, אַז זי האָט זיך אויסגעדרעהט, געוואָלט זעהן, וואָס איז געוואָרען פון די שטעדט סדום און עמורה...

און זלאַטקע די דיענסטמויד האָט מיט קלאָפּענדיגע צייהן אונטערגעטראָגען צום טיש פריהער די הייסע פעפעריגע פיש, נאָכדעם די יויך מיט די פעטע קניידלעך, לאַטקעס און פּאַלירטשי־קעס מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכען, און חברה האָבען דאָס אויפ־געקלאָפּט מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלייך ווי זיי האָבען טאַקי באמת שוין לאַנג נישט געגעסען, און האָבען אַלע מאָל פערטרונקען מיט וויין, און האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, נישט איבערלאָזען קיין טראָפּען, אפילו דאָס איי מיט דער זרוע מיט'ן כרפּס מיט'ן מרור מיט'ן חרוסת האָבען זיי צורעכט געמאַכט, נישט איבערגעלאָזט קיין זכר, קיין סימן פון'ם סדר, אחוץ די הגדות. און בשעת מעשה האָט דער גענעראַל-רעדנער, שמואל-אבא פינגערהוט, נאָך געמאַכט

מילכיגס

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער פּרעסער).

געשריבען אין יאָהר 1903.

מילכיגס

א חכם, הערט איהר, איז געווען דער, וואָס האָט איינגעפיהרט א מנהג, אז שבועות אין דער פריה זאָל מען עסען מילכיגס. וואָרום, לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס קאָן זיין בעסער און פרישער און זיסער און געשמאַקער און וועלוועלער פון מילכיגס? אמת, צו מילכיגס באַדאַרף מען אויך האָבען געלט, נאָר ווי קומט דאָס צו פלייש? ביי פלייש איז פאַרהאַן פלייש און פאַרהאַן ביינער; און מילכיגס האָט אין זיך מילך, און קעז, און פוטער, און סמעטענע, און פיר־סמעטענע און זויערמילך און סיראָוועטקע... היינט נעמט די מאכלים, וואָס מע קאָן מאַכען פון מילכיגס. פון פלייש האָט איהר א יויך, א ראָסעלפלייש, און עסיגפלייש, א געבראָטענס — און שוין... פון מילך אָבער האָט איהר קאַשע מיט מילך, לאָקשען מיט מילך, רייז מיט מילך, און טייגלעך מיט מילך, און באַלאַבעשקעס מיט מילך, און פאַרפעל מיט מילך, און גלאַט מילך; היינט די מאַכלים פון קעז און פוטער האָבען דען א שיעור? באַרעכענט נאָר: קרעפלעך, און וואַרעניקעס, און וואַרניטשקעס, און א קוגעל, און א מאַהינע, און א טייגעכץ, און קנישעס, און מנישקעס, און בלינצעס, און צרות־קניידלעך, און קאַשניקעס, און ווערטליקעס, און ווערטוטען. און וויפיעל איז פאַרהאַן מאַכלים, וואָס מע קאָן זיך ניט אָנגעדענקען! למשל: קאָרזש מיט קעז, מאַסליטשקענע קאַשע, און פיש געפּרעגעלטע אויף פוטער, און א באָרשט א מילכיגער, און ראַזשענקע, און מאַסלינקע — אלץ אזעלכע פּאַטראַוועס, וואָס קיינער זאָגט זיך פון דעם ניט אָפּ, סיידען שוין

און רעכענט זיך דאָרט צווישען די גבירים, דאָס הייסט, אמאָל האָט ער זיך גערעכענט נאָר צווישען די ג ר ױ ס ע גבירים, היינט איז ער אביסעל דאָסיג, איך מיין פאַרדרעהט... נאָר פון דעסט־וועגען געהער זיך ניט אָן איינס מיט'ן אנדערן, זיין שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען. וואָס ער צאָהלט איבער נאָך היינט א יאָהר פראָצענט — וואָלט געווען גענוג פאַר אונז ביידען.

קומען מיר, הייסט עס, א מאָל צו איהם אויף קבר־אָבות — א מאָל איך, א מאָל „זי". מע וויינט זיך אויס אביסעל, בייזערט ער זיך אפילו, וויל ניט ליידען, נאָר עס העלפט איהם, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. ער מוז, ער מוז געבען, נישט געלט — איז סחורה, נישט סחורה — איז א וועכסעל. ער האָט דען איין אנדער ברירה? וואָרום „זי", אז זי צעוויינט זיך, איז מען גערן, אז זי הערט־אויף: „נא דיר, הייסט דאָס, אבי וויין ניט!"... אז זיי דערזעהען זי פון דערווייטען, ווערד זיי צעהן לעבער אין הארצען. זיי פרובען זיך מיט תירוצים: „מען איז ניטאָ אין דערהיים, אוועקגעפאָהרען פון יאמפעלע, שטארק פארנומען — בלאָטע! ווי א טוידטען באנקעס! „אונזערס" מוז אָפּגעגעבען ווערען גאָר אָהן א שום תירוץ!... נאָר וואָס זאָלט איהר קלערען? ס'איז אודאי נישט גוט, אז מע דאַרף אָנקומען צו־נ־א מענטשען, נאָר וואָס זאָל מען טהון? ווי זאָגט מען דאָס: כל זמן שהנשמה בקרבי — איז רייב, מאָטי! א מענטש, כל זמן ער לעבט, דאַרף ער עסען!...

שייך זאָגען עסען? נישט ז'וליעב דאָס עסען לעבט א מענטש. א מענטש איז דאָך ניט קיין בהמה. א בהמה איז א בהמה, און א מענטש איז א מענטש; און א מענטש, אז ער וועט ניט עסען, פון וואנען וועט ער לעבען? אָט דערפון אליין קאָנט איהר שוין פארשטעהן, אז מע האָט א ווייב מיט, קיין עין־הרע, נייען פיקערס, באַדאַרף האָבען א שען פנים א ברויט אָדער א בולקע, אז מע לעגט אוועק אויפ'ן טיש. און אפילו א שיסעל קארטאָפעל, זי מעג

גאָר איין אָפּגעריסענער נאַר, וואָס מע באַדאַרף איהם געבען קייען שטרוי...

וואָרום איך, מע זאָל מיך אויפוועקען אין מיטען נאַכט און מיר דערלאַנגען מילכיגס, איז אַבי איך בין גאָר ניט פליישיג, איז מיט'ן גרעסטען כבוד! למאי זאָל איך לייקענען? איך האַלט פון מילכיגס. און ניט אַזוי איך, ווי „זי". ביי אונז אין כתרי־לעווקע הייסען מיר „די פרעסערס", חאָטש עסען עסען מיר גלייך מיט אַלע אידען, דאָס הייסט: קדחת אין אַ קליין טעפּעלע. אי, די קשיא: פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען „פרעסערס"? לאָז מיך אַזוי וויסען בייז! עס קאָן זיין, עס נעמט זיך דערפון, וואָס מיר האָבען ליעב רעדען פון עסען. למשל, איך אַליין האָב ליעב אַרויסצוגעהן אין מאַרק און שטעהן ביי די פיש. פיש איז ביי מיר דאָס חיות. פאַר פיש וואָלט איך אַוועקגעגעבען מי יודע וואָס! און אפשר נעמט זיך עס פון דעם, וואָס מען עסט ביי אונז אַ סך ברויט. למשל, ביי מיר געהט אַוועק, קיין עין־הרע, אַ סך מעהל אויף שבת, וואָרום ס'איז פאַרהאַן ביי מיר, ניט צו פאַרזינדיגען, ווער ס'זאָל קייען. איך האָב, זיי זאָלען לעבען און געזונט זיין, דריי פערטעל טוץ, און אַלע, ברוך השם, האָבען אַפּעטיט צום עסען, מע דאַרף מיט זיי חלילה צום רבי'ן ניט אָנקומען, ביי'ם דאָקטאָר קיין עצות ניט פרעגען. הלואי וואָלט נאָר געווען וואָס צו עסען, וואָרום איך בין, לא עליכם, נישט פון די גרויסע נגידים, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין אָרעמאַן, נאָר קיין גביר אודאי ניט! איך בין אַליין אַ קרעמער בין איך; מאָהלט אייך, אַ קראָם ביי מיר אויף אַלע אידישע שונאים! ס'איז נאָר איין אויסרעדע, ניט קיין קראָם; איך באַדאַרף זי האַלטען צוליעב דעם קרוב, די קראָם הייסט עס. איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, מיין אייגענס אַ קרוב אַ רייכען, פון „איהר" צד: זיין פאָטער און איהר מוטער'ס מוטער זענען געווען אייגענע געשוועסטער־קינדערלעך; אפילו אַ ווייטליכער קרוב, נאָר דאָך אַ קרוב. ער איז אַ יאַמפּעלער איז ער, דאָס הייסט, ער זיצט אין יאַמפּעלע

מכות און שבת קרחת, דאַרף מען זעהן חאַטש יום־טוב זיך אָנ־
טהון אביסעל וואוילטאָג. וואָס זאָגט איהר, ניט אזוי? דעריבער
אז עס קומט ביי מיר שבועות, מעג זיך איבערקעהרען די וועלט.
פאַרהאַן פאַר וואָס, צי ס'איז ניטאָ פאַר וואָס, — א מילכיגע
סעודה דאָס מוז זיין, גאָר אָהן א שום תירוץ! קודם כל — ציקאָריע
מיט מילך; דאָס איז שוין א חוק ולא יעבור, וואָרום „זי", אז
עס קומט שבועות־צייט, הויבט איהר שוין אָן צו ציהען, זאָגט זי,
דאָס הארץ נאָכ'ן גלעזעל ציקאָריע! דאָס גלעזעל ציקאָריע איז
ביי איהר, זאָגט זי, טייערער פונ'ם גאַנצען מילכיגס! מאָהלט
אייך, לאָז זיך אייך דאַכטען, אז ס'איז נאָר גערעדט אזוי; וואָרום
נאָכ'ן גלעזעל ציקאָריע ווילט זיך נאָך עפּיס — למשל, באָרשט.
איך מיין דעם שענעם גרינעם מילכיגען שבועות'דיגען באָרשט,
וואָס מיט באָטווינע, מיט ציבעלקעלעך און מיט יונגע בורעקלעך
פאַרבראָקט און מיט סמעטענע פאַרווייסט. א כפרה, הערט איהר,
אַלע עסענס פאַר איין מילכיגען באָרשט א גוטען! ביי אונז, אין
געמיינעם גראַד, ווען עס זאָל חלילה נישט זיין קיין באָרשט, וואָלט
מען געוויס נישט אויסגעהאַלטען אידישקייט, ניט פּסח, ניט
שבועות! דער חילוק איז נאָר אין דעם, וואָס צום פּסח'יגען
באָרשט מוז מען האָבען א שטיקעל פלייש, אָדער א ביינדעל, אָדער
א לעפעל שמאַלץ, און צום שבועות'דיגען באָרשט באַדאַרף מען
נישט האָבען גאָרנישט ניט! איז פאַרהאַן א קאָפּ מילך אויף צו
פאַרווייסען דעם באָרשט — איז גוט, אלא ניט — מוז מען זיך
באַגעהן דער־מיט, וואָס ער איז געקאָכט אין א מילכיגען טאָפּ.
וואָרום מיין חאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, מע זאָל זיך צו זיי וועלען
צולאָזען און געבען חליעפּטשען ריינע מילך, איז ניט שייך צו
זאָגען א ציעג, — דריי ציעגען וואָלט געווען ווינציג, און מיר
בסך הכל פאַרמאָגען אונזער אייגענס א האַלבע ציעג, מיר האָבען,
הייסט דאָס, בשותפות מיט א שכן א ציעג האָבען מיר. א ווילדע
זאַך, זי געהט ביי אונז אַלע מאָל אין שאָדען, און מיר האָבען פון
איהר אָפּגעשניטענע יאָהר! ניט לאַנג האָט זי זיך מיישב געווען, די

זיין מיט א בארג, איז נענוג איין פערטעל שעה, ס'זאל ניט בלייבן קיין שריד ופליט, גלייך ווי ס'איז גאר קיינמאל קיין קארטאפעל ניט געווען אויף דער וועלט אפילו! ס'איז א מחיה צו קוקען, זאג איך אייך, ווי מען עסט, קיין עין־הרע, ביי מיר. איך האב ליעב צו זעהן ווי זיי עסען, איך האב דערפון פארגעניגען. און ווער שמועסט פרייטאג, אז מע נעמט־ארויס די פרישע שמע־קענדיגע חלה פונ'ם אויווען, רוף איך צונויף מיין חברה און זאג זיי: „קינדער, ראטעוועט!" — זאלט איהר זעהן, ווי מע ראַ־טעוועט — מחיה נפשות! און אז גאט העלפט, ס'איז פארהאן צו דער פרישער חלה א ראסעלפלייש, א היים, מיט קנאבעל און מיט „סאוועסט", מיט יויך הייסט עס, געוויינטליך, מעהר יויך ווי פלייש, מע קאן זאגען כמעט סאמע יויך, דעמאלט קאן מען טונקען און טונקען — און, נישקשה, מען איז, ברוך השם, גאנץ צופריעדען. ווארום וואס טהוט מען חלילה, אז ס'איז דאס אויך נישטא? האט מען א ברירה דעמאלט עסען חלה מיט ברויט, דאס הייסט, איך האב געוואלט זאגען ברויט מיט חלה. א ביס ברויט, א ביס חלה, און גלויבט מיר — פאר א הונגעריגען מאגען איז דאס אויך א מאכל. והראיה, נעמט לימאנאד — איהר האט ווען געגעסען ברויט מיט לימאנאד? קיינמאל ניט? פארזוכט א מאל אויף א ציקאוועסט, נאר בתנאי, איהר זאלט זיך פריהער רעבט אויסהונגערען, אזוי, אז ס'זאל אייך חלש'ען דאס האר'ץ, ציטערען די הענט און ציהען די אדערען פון די פיס, וועט איהר דעמאלט בנאמנות פיהלען טעם גן־עדן. אזוי שטיפעלט דאס אפילו ביי דער צונג, ווי, געוויינטליך, לימאנאד, נאר אז מען איז הונגעריג, און מען עסט דאס מיט ברויט, איז דאס א מאכל־מלכים!

איך זעה, איהר חידוש'ט זיך, וואס איך בין אזוי קלאר אין „הלכות אכילה"? איך האב דאך אייך געזאגט, אז ביי אונז אין כתרילעווקע הייס איך פון די „פרעסערס", דערפאר, פארשטעהט איהר מיך, וואס איך געה מיט דעם גאנג, אז א מענטש לעבט איין מאל, ניט קיין צוויי מאל, און אז מען עסט א גאנצע וואך

וואָלסט דו וועלען, איך זאָל מאכען ?" זאָג איך : „אַ טייגעכץ"... זאָגט זי : „אַ וואָל־וסובאַ'ניק דאָס איז ! אַ טייגעכץ נעמט צו די גאַנצע פוטער"... זאָג איך : „לאָז זיין אַ מאַהינע"... זאָגט זי : „וואָס עפּיס אַ מאַהינע ?"... זאָג איך : „ווילסט ניט קיין מאַהינע — לאָז זיין קנישעס"... זאָגט זי : „מיט וואָס ? מיט קאַשע ?"... זאָג איך : „ס'אַ משל ! מיט קאַשע איז דאָך עס שוין קאַשניקעס !"... זאָגט זי : „ווערליג דיין מאַנסבילשער קאָפּ פאַר־טראָגט, קומט אויס ביי דיר קאַשניקעס". זאָג איך : „מסתמא פאַרשטעהסט דו בעסער, איך וויל זיך מיט דיר ניט שפּאַרען. איך האָב פאַרגעסען, זאָג איך, רעכענען פיש געפּרעגעלטע אויף פוטער. ווי מיינסטו דו ?"... זאָגט זי : „אַלסדינג ווילט זיך איהם ! מיינסט אודאי קאָרעשלעך ?"... זאָג איך : „עס מעג זיין קאַרפּ, און עס אהרט מיך ניט קיין שלייען, און מיט העכטלעך, זאָג איך, ווער מען זיך אויך ניט סמ'ען, און אפילו טאָמער חלילה פּלאָטוויצעס, וועל איך דיר אויך קיין גט נישט געבען, אבי ס'זאָל זיין, זאָג איך, גוט געפּרעגעלט"... זאָגט זי : „אַ טרפה'נער האַלז דאָס איז ! איך האָב מורא, דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגען פון גע־קאָכטע פּעפּעריגע רויג מיט קאַרטאָפּעל"... זאָג איך : „אָך ! מיט'ן גרעסטען כבוד ! אבי ס'זאָל זיין, זאָג איך, נאָכדעם גוטע מנישקעס"... זאָגט זי : „אַ קישקע אָהן אַ דנאָ ! בלינצעס קערסט דו מיינען ?"... זאָג איך : „ניין, בפירוש מנישקעס ! בלינצעס איז זיך בלינצעס, און מנישקעס איז מנישקעס ! מנישקעס — דאָס איז אזא מין מאכל, זאָג איך, וואָס האָט אַ טעם פון צרות־קניידלעך. וואָלסט מאכען צרות־קניידלעך, זאָג איך, צי אפשר, גלאַט קנייד־לעך מיט מילך ?"... זאָגט זי : „איהם איז קנאַפּ די וועלט ! איך וואָלט דיר אפשר מאכען אַ מילכיגען קאָליש ?"... זאָג איך : „מיינסט אודאי, מיט האָלעשקעס אָדער מיט באַלאַבעשקעס ?"... זאָגט זי : „באַלאַבעשקעס ? פּע ! אַ קבצנישער מאכל !" זאָג איך : „ביזט דו די גרויסע גביר'טע, אַפּנים ?"... זאָגט זי : „קיין גביר'טע בין איך ניט, האָב איך חאָטש אַ משפחה אַ רייכע"...

ציעג הייסט עס, און הערט זיך גאר אויף צו מעלקען, דאס הייסט, מעלקען מעלקט זי זיך, נאר קיין מילך גיט זי ניט; הייגט געת ציה ארוים פון אזא חיה קרעפלעך מיט ווארעניקעס! „אוי, זאג איך צו מיין ווייב, קרעפלעך! איך וואלט אוועקגעגעבען, זאג איך, פאר מילכיגע קרעפלעך אדער ווארעניקעס איך ווייס אליין ניט וואס! טאמער וואלסט דו טאקי געזעהן, שרה־זיסעל, ס'זאל זיין, זאג איך, קרעפלעך, אם ירצה השם, אויף שבועות?"... מאכט זי צו מיר: „פון וואס, למשל?" זאג איך: „דערויף ביזט דו דאך עפּיס א בעל־הבית'טע ביי מיר". זאגט זי: „צו קרעפלעך באַדארף זיין אייער — דאס ווייסט דו?" זאג איך: „איך ווייס, פאר וואס זאל איך ניט וויסען? א קונץ, זאג איך, צו מאכען קרעפלעך מ י ט אייער? ווייז א בריה'שאפט א ה ן אייער!" זאגט זי: „חכם בלילה! וואס זשע טהוט מען מיט קעז?" זאג איך: „מיט קעז וואלט שוין געווען נישקשה, שלעכט איז, וואס א ה ן קעז!" זאגט זי: „היינט וואס זשע ווילסט דו?" זאג איך: „וויל איך, זאלסט חאטש מאכען רעטשענע ווארניטשקעס". זאגט זי: „צו ווארניטשקעס דארף מען פוטער". זאג איך: „וואו שטעהט דאס געשריבען? אין ספר פראלניק?" זאגט זי: „דו דארפסט בעסער וויסען וואו עס שטעהט געשריבען, דו האסט געלערענט אין חדר". זאג איך: „ווייסט דו וואס, מיין ווייב, וואס איך וועל דיר זאגען? אזוי ווי מיר האבען נישט קיין אייער, און נישט קיין קעז, און נישט קיין פוטער, טא לאמיר חאטש אזוי אביסעל רעדען פון מילכיגס. וואס וואלסט דו, כדומה למשל, געמאכט אויף שבועות צו דער סעודה, ווען דו זאלסט, אשטייגער, האבען מיט וואס?" זאגט זי: „צייט איך לעב האב איך ניט געזעהן, א מענטש זאל אזוי זיין אריינגעטהאן אין דער אכילה!" זאג איך: „וואס וועט דיך אהרען, אז מיר וועלען אביסעל רעדען? עס קאסט דיך געלט? לאז זיך דיר דאכטען, עלעהיי דו האסט אלסדינג, אי קעז, אי פוטער, אי אייער — וואס פאר א מילכיגע סעודה וואלסט דו מיר דעמאלט מאכען?"... זאגט זי: „וואס

אַ גרינגער תענית

אַ בילד לכבוד תשעה־באָב.

געשריבען אין יאָהר 1903.

זאָג איך: „אַ סך האָסט דו פון דיין משפחה!”... זאָגט זי: „מעהרער ווי דו פון דיין משפחה אודאי!”...

בקיצור, מיין משפחה, דיין משפחה — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ווי געוויינטליך מאַן און ווייב, אַז זיי צעווערטלען זיך; מע צע־קריעגט זיך און מע בעט זיך גיך איבער, וואָרום עס איז דאָך יום־טוב, שבועות אויף דער וועלט! און שבועות איז דאָך דער בעס־טער ליעבסטער יום־טוב פון אַלע ימים־טובים, וואָרום וואו האָט איהר נאָך אַזאַ ליעבע, זיסע, געשמאַקע זאַך, ווי אַז מען איז פריהער אַ גאַנצע נאַכט אויף, מע זאָגט זיך אָן, ווי אַ פויק, מיט תקון־שבועות, מע געהט־דורך פאַוואָלינקע אַלע תרי"ג מצוות, די גאַנצע תורה הייסט דאָס, און מע שטעהט־אויף גאַנץ פריה פונ'ם תקון־שבועות און גלייך אין שוהל אריין, און דאָרטען, אויפ'ן ניכטערען האַרצען, הערט מען זיך דאָס אָן אַביסעל פונ'ם שענעם „אַקדמות” יענע טייערסטע מאכלים, פונ'ם לויתן מיט'ן שור־הבר, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט אַליין אָנגעגרייט פאַר זיינע אידעלעך אין גן־עדן, וואָס טייכען וועלען דאַרטען פליסען בוימעל, און דער אַלטער טייערסטער וויין שטעהט שוין דאָרטען פון ווען־אָן פאַרקאָרקעוועט אין די פלעשער און וואַרט, וואַרט אויף אונז... ס'איז דאָך ניט שייך צו זאָגען! וואו האָט איהר נאָך אַזאַ אומה ולשון, ווי אידען, מיט אַזוי פיעל גוטע זאַכען, ווי ביי אידען?... ס'איז נאָר אַ גרי־זאָטע, כלעבען, וואָס מיר האָבען מעהר ניט ווי איין מאָל אין יאָהר שבועות!... האָט איהר ניט ביי זיך אַ סיגאַרעטעל?...

אַ גרינגער תּענית

דאָס, וואָס ס'האָט נישט געקאָנט אויספיהרען דער בעריהמ־
טער דאָקטער טאַנער, האָט דורכגעפיהרט חיים חייקין,
א קליין אָרעם אידעל פונ'ם קליינעם אָרעמען כתרילעווקע.

דער דאָקטאָר טאַנער האָט געוואָלט ווייזען, אַז אַ מענש קאָן
פאַסטען פערציג טעג, און האָט זיך אָפּגעמוטשעט בסך־הכל אויב
נישט אַ טאָג אַכט און צוואַנציג, נישט מעהר, שיער נישט געשטאָר־
בען. אי דאָס, האָט מען איהם אונטערגעגאָסען מיט לעפעלעך
וואַסער, געגעבען שלינגען שטיקלעך אייז, צוגעהאַלטען דעם דופק —
אַ גאַנצער טאַרעראַם!

חיים חייקין האָט בעוויזען, אַז מע קאָן פאַסטען אַ סך
מעהר ווי פערציג טעג, געוויינטליך נישט רצופים, נישט איין טאָג
נאָכ'ן אַנדערען, נאָר דורכ'ן יאָהר זאָל זיך אָננעמען אַ מאה טעג —
אויב נישט מעהר.

נאָר פאַסטען!

וואָס מיר טראָפּענס וואַסער? ווער מיר שטיקלעך אייז?
פאַסטען הייסט: נישט געגעסען, נישט געטרונקען אַ מעת־לעת,
אמת'ע פיער און צוואַנציג שעה.

און קיין דאָקטוירים זיצען נישט ביי דער זייט, און האַלטען
נישט ביי'ם דופק. שאַ, שטיל!

וואָס איז די מעשה?

חיים חייקין איז נעבאָך אַ גרויסער אביון און אַ מטופּל מיט
קינדער — און פון זיי, פון די קינדער, איז ער זיך מפרנס.

אפשר טרייבט ער דאָס קאַטאָוועס?... קינדער זענען נאַשערס: שפּיעלען זיך מיט'ן טאַטענ'ס חלק ברויט אַזוי לאַנג, ביז זיי בייסען־אָפּ אַלע מאָל א שטיקעל. דערזעהט די מוטער און הויבט אָן שרייען און הוסטען בשעת מעשה:

— רק מען עסט, רק מען עסט!

דער פאָטער קאָן דאָס נישט האָרכען, ווייל איהר אָפּענטפערען, נאָר ער שווייגט; ער קאָן נישט רעדען, ער טאָר נישט רעדען. וואָס איז ער דאָ? א צעבראָכענער שאַרבען. ער איז דאָ דער לעצטער שבלעצטער, איבעריג ביי אַלעמען, איבעריג ביי זיי, איבעריג ביי זיך אַליין.

וואָס, משטיינס געזאָגט, אַז טהון טהוט ער גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט; נישט מחמת ער וויל נישט, אָדער מחמת עס שטעהט איהם נישט אָן, נאָר ווייל ס'איז נישטאָ וואָס צו טהון! נישטאָ און געננג! דאָס גאַנצע שטעדטעל קלאָגט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טהון! צונויפגעטריבען, קיין עין־הרע, אביסעל אידען, א שמחה, נו־נו!

„גם זו לטובה!“ — אַזוי טראַכט חיים חייקין. גוט, וואָס ער האָט חאָטש קינדער, אַנדערע האָבען דאָס אויך נישט. נאָר ארויסקוקען אויף קינדער!?

הערט איהר? נישט גוט, אַז מע דאַרף ארויסקוקען אויף קינדער. נישט מחמת זיי זשאַלעווען איהם — חלילה! נאָר ער אַליין קאָן נישט. ער קאָן נישט!

ער ווייסט, ווי אַזוי די קינדער האָרעווען זיך אָן דעם טאָג; ער ווייסט, אַז מע קוועטשט פון זיי ארויס דעם שוויים ביז'ן לעצ־טען טראָפּען. ער ווייסט!

יעדער ביסען ברויט איז ביי איהם א טראָפּען בלוט; ער טרינקט די קינדער'ס בלוט. איהר הערט? ער, חיים חייקין, טרינקט זייער בלוט. ער קאָן נישט!

— טאַטע, פאַר וואָס עסט דו נישט? — פרעגען איהם די קינדער.

קינדער האָט ער, מיינסטענס, מיידלעך, און זיי זענען אויף דער „פאַבריקע", זיי אַרבייטען גילזען, און פערדיענען ווער אַ גילדען און ווער אַ האַלבען גילדען אַ טאָג. אי דאָס — נישט אַלע טאָג: וואו איז שבתים? ימים־טובים? וואו זענען די טעג פון „שטרייק"? דאַנקען גאָט, אומעטום, אפילו דאָ, אין כתרילעווקע, ווייסט מען שוין: שטרייק!

און דערפון דאַרף מען צאָהלען דירה־געלד — אַ נאַס ווינקעל ערגיץ אין אַ קעלער.

און דערפון דאַרף מען קליידען אַלעמען און שוכען, משטיינס געזאָגט! קליידלעך האָבען אַלע, נאָר שיך — אַ פּאָר אויף צווייען.

און דערפון דאַרף מען עסען, משטיינס געזאָגט! מכות עסט מען; ברויט אַ שטיקעל, אָנגעשמירט מיט קנאָבעל, אמאָל אַ קרופּ־ניק, אַמאָל טאַראַן אַ שטיקעל, וואָס ברענט־אַרויס דאָס האַרץ, קאָן מען נאָכדעם טרינקען, טרינקען אַ גאַנצע נאַכט.

קומט צום עסען, דאַרף מען טיילען, אַלעמען ארויסטיילען דאָס שטיקעל ברויט, ווי לעקאַך.

— אוי דאָס עסען! אוי דאָס עסען זייערס!

אַזוי זאָגט חייקע, חיים חייקין'ס ווייב, אַ קראַנקע נעבאַך, הוסט, הוסט גאַנצע נעכט.

— קיין עין־הרע! — זאָגט דער פאָטער חיים חייקין, און ער קוקט, ווי די קינדער שלינגען גאַנצע שטיקער ברויט, און אליין וואָלט ער אויך עפּיס אַ בעלן זיין נעמען אין מויל אַריין, נאָר אַז ער וועט נעמען — וועלען די צוויי קלייניטשקע, פריידקע אוןביילקע, בלייבען אָהן וועטשערע.

און ער צעשניידט זיין חלק ברויט אויף צווייען און גיט אַוועק די צוויי קלייניטשקע, פריידקען און ביילקען.

— פריידקע! ביילקע! נאַט אייך נאָך צו שטיקלעך ברויט, וועט זיין אויף וועטשערע.

פריידקע און ביילקע ציהען־אויס די דאַרע שוואַרצע הענט־לעך, קוקען דעם פאָטער אין די אויגען אריין, גלויבען נישט:

„וואָס וואָלט זיין, למשל, ווען אַ מענטש זאָל נישט באַדאַרפֿען עסען? אײ־אײ־אײ! מיינע קינדער וואָלטען דעמאָלט זיין אַלע אין דערהיים! אויס האָרעווען! אויס שוויצען! אויס סטרייקע־ווען! אויס ריזיקע! אויס פאַבריקען! אויס פאַבריקאַנט! אויס נגיד! אויס קבצן! אויס קנאה! אויס שנאה! אויס, אויס, אויס! — אַ גן־עדן! אַ גן־עדן!“...

אַזוי טראַכט זיך חיים חייקין און פערטיעפֿט זיך ווייט אין חקירות און בעדויערט די וויסטע וועלט, און עס טהוט איהם באַנג, זעהר באַנג, פאַר וואָס גאָט האָט בעשאַפֿען אַזוי דעם מענשען, אַז ער איז גאָר נישט ווייט פון, להבדיל, אַ בהמה...

דער טאָג, וואָס חיים חייקין פאַסט, זאָג איך אייך, איז דער בעסטער טאָג פאַר איהם, און דער טאָג פון איין אמת'ען תענית, פון תשעה־באָב, למשל, — איז פאַר איהם (ער שעמט זיך מודה זיין) אַ יום־טוב!

איהר פערשטעהט? אי נישט געגעסען, אי נישט קיין בהמה. אי נישט נהנה געווען די קינדער'ס בלוט, אי פערדיענט אַ מצוה, אי רעכט אויסגעוויינט זיך אויף חורבן בית־המקדש.

וואָרום ווי קאָן מען ווייגען, אַז מען איז זאַט? ווי קאָן אַ זאַטער פיהלען צרות? אום צו פיהלען צרות בעדאַרף חלש'ען דאָס האַרץ!

— דער גוטער יאָהר ווייסט זיי! געבען נאָך דער קישקע, האָבען מורא פאַסטען, שענקען זיי חאַבאַר דעם רבונו של עולם — אַ גראָשען!

אַזוי פלעגט זאָגען חיים חייקין און האָט געפייערט אויף די, וואָס קויפען זיך אויס פון תענית און וואַרפען־אַריין אין צדקה־פושקע אַ האַרטען דרייער.

דער שווערסטער פון אַלע תעניתים איז תשעה־באָב. **אַזוי** זאָגט די וועלט.

— ביי מיר איז היינט... א תענית. — ענטפערט זיי חיים חייקין.

— ווידער א תענית? וויפיעל תעניתים האָסט דו דאָס?

— ווינציגער, וויפיעל טעג אין וואָך.

און חיים חייקין זאָגט נישט קיין ליגען. ביי איהם איז אָפט א תענית. און דאָך איז פאַרהאַן טעג אזעלכע, וואָס ער עסט.

און דער טאָג, וואָס חיים חייקין פאַסט, איז ביי איהם דער בעסטער טאָג.

ראשית, איז דאָך דאָס אַ מצוה פאַר גאָט. מעהר מיט אַ שטי־קעל עולם הבא, וואַכסט פּראָצענט, ווערד גרעסער דאָס קאַפּיטאַל...

והשנית, געהט נישט אַוועק אויף מיר קיין פּרוטה, איך דאַרף פאַר קיינעם נישט אָפּגעבען קיין דין וחשבון. אמת, קיינער פרעגט טאַקי נישט ביי מיר; נאָר צו וואָס דאַרף איך דאָס, אז איך קאָן זיך בעגעהן אזוי?...

און וואָס איז ווערטה אָט דאָס, וואָס איך פיהל זיך עטוואָס העכער פון א בהמה? א בהמה עסט אַלע טאָג, איך קאָן מיך בע־געהן א טאָג איבער א טאָג. א מענטש דאַרף שטעהן העכער פון, להבדיל, א בהמה.

— אַך, ווען א מענטש זאָל קאָנען דערגעהן צו דער מדרגה, אז מע זאָל זיך באַגעהן גאָר אָהן עסען!... איז אָבער די קישקע, צו אַלדי שווארצע יאָהר! — אזוי זאָגט חיים חייקין צו זיך אַליין, און מחמת הונגער הויבט ער אָן צו חקירה'ן, זיך אריינלאָזען אין פילאָזאָפיע.

— איבער דער קישקע, איבער דער תאוה פון עסען, נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט. איבער דער קישקע, איבער דער תאוה פון עסען, בין איך א קבצן און מיינע קינדער באַדאַרפען האָרעווען מיט'ן בלוטיגען שוויים, ריזיקירען מיט'ן לעבען פאַר'ן שטיקעלע ברויט.

— קארג תעניתים, קארג תעניתים! — זאָגט חיים חייקין, און ער נעמט אויף זיך פון איצט אָן און ווייטער פאַסטען ערב תשעה־באָב אויך, צוויי טאָג רצופים, איינס נאָכ׳ן אנדערע.

אַ וואוילע זאך צוויי טאָג כסדר פאַסטען. הערט איהר? מחיה נפשות!

שווער איז נאָר דאָס טרינקען! דאָס הייסט: שווער איז דאָס, וואָס מע קאָן נישט טרינקען! חיים חייקין נעמט זיך אונ־טער: מיט איין גלאָז וואסער אַלע טאָג פאַסט ער אייך אַ גאַנצע וואָך ביז שבת.

איהר מיינט, ס׳איז נאָר געזאָגט? בלאָטע! חיים חייקין איז אַ מענש, וואָס ביי איהם איז אומר ועושה — געזאָגט און געטהאָן.

די גאַנצע וואָך, וואָס פאַר תשעה־באָב, האָט ער שוין אויפ־געהערט עסען, געלעבט מיט אַ ביסעל וואַסער.

ווער האָט זיך אויף איהם ארומגעקוקט? אז חייקע זיין ווייב איז געבאך קראַנק, די עלטערע קינדער זענען ביי די גילזעס, די קלענערע פערשטעהען נאָך נישט. פריידקע און ביילקע ווייסען נאָר, אז זיי זענען הונגעריג (און הונגעריג זענען זיי תמיד), ציהט זיי געבאך דאָס האַרץ און זיי ווילען עסען.

— היינט האָט איהר נאָך אַ חלק ברויט. — זאָגט זיי דער פאָטער און צעשניידט זיי אויף צווייען זיין חלק ברויט, און פראַדקע און ביילקע ציהען אוים די דאַרע שוואַרצע הענטלעך און קוועלען.

— טאַטע, דו עסט נישט? — זאָגען איהם די עלטערע אויף ר׳ערנאַכט בשעת וועטשערע. — היינט איז דאָך נישט קיין תענית!

— אָסור אויב איך פאַסט! — זאָגט זיי דער פאָטער און טראַכט זיך: „אי אָפּגענאַרט, אי קיין ליגען נישט געזאָגט. וואָרום וואָס איז אַ טרונק וואַסער? וואַסער איז נישט געגעסען און נישט געפאַסט“.

חיים חייקין פערשטעהט נישט, פאַר וואָס? דער טאָג איז גרויס? איז די נאַכט קלענער. ס'איז היים אין דרויסען? ווער הייסט אייך אַרומדרעהען זיך אויף דער זון? זיצט אין שוהל און זאָגט. פאַרהאַן, דאַנקען גאָט, וואָס צו זאָגען.

— און איך זאָג אייך, — אַזוי דרינגט חיים חייקין — אַז תשעה־באָב איז דער גרינגסטער פון אַלע תעניתים, ווייל ער איז דער בעסטער. דער בעסטער תענית!

למשל: יום־כפור אַ תענית. „ועניתם את נפשותיכם" שטעהט געשריבען: „און איהר זאָלט פּייניגען אייערע לייבער". בכדי וואָס? בכדי איהר זאָלט אייך אויסבעטען אַ גוט קוויטעל, אַ גוט יאָהר.

תשעה־באָב שטעהט נישט, איהר זאָלט פאַסטען, נאָר איהר פאַסט אַליין, וואָרום ווי קאָנט איהר עסען דעם טאָג, ווען ס'איז חרוב געוואָרען דאָס בית־המקדש און אידען האָט מען גע'הרג'עט, ווייבער צעשניטען, קינדער געקוילעט?...

תשעה־באָב שטעהט נישט, מע זאָל וויינען, נאָר עס ווײנט זיך אַליין, וואָרום ווי קאָן מען זיך איינהאַלטען פון טרערען, אַז מ'עס דערמאַנט זיך, וואָס מיר האָבען יענעם טאָג פערלוירען?...

— איין עבירה, וואָס נאָר איין תשעה־באָב! — זאָגט חיים חייקין. — איין עבירה, וואָס נאָר איין יום־כפור...

— נו, און שבעה־עשר־בתמוז? — רופט זיך אָפּ איינער פון דער זייט.

— מעהר נישט איין שבעה־עשר־בתמוז! — ענטפערט איהם חיים חייקין מיט אַ זיפץ.

— נו, און צום־גדליה? און אסתר־תענית? — פרעגט איהם יענער ווייטער.

— מעהר נישט, אַז איין צום־גדליה! איין תענית־אסתר! — ענטפערט חיים חייקין ווידער מיט אַ זיפץ.

— ע, רב חיים! איהר זענט דאָך עפּיס גאָר אַ זולל־וסובא'ניק אויף תעניתים!

„אלי ציון ועריה — קלאָג, ציון, מיט אַלע אַלע שטעדט“... און ער פערמאַכט די אויגען און זעהט: „ציון“, אַ פּאַרשוין, אַ בילד פון אַ נקבה, שטעהט אָנגעטהאָן אין שוואַרצען, מיט אַ שוואַרצען שלייער אויפ׳ן פּנים, קלאָגט און וויינט און ברעכט די הענד, בעדויערט איהרע קינדער, וואָס פאַלען אַלע טאָג, אויף פרעמדע ערדען, פאַר פרעמדע זינד.

. . . .

צי ווילסט דו, ציון, דען ביי מיר נישט פרעגען
אויף דיינע עלענדע, וואָס זיפצען אזוי שווער?
אָט טראָג איך זייערע גרוסען דיר אָקעגען —
דיין רעשטעל, וועה! דו האָסט דאָך שוין נישט מעהר!...

און ער עפענט־אויף די אויגען און זעהט שוין נישט מעהר ציון, די בילד־שענע נקבה. ער דערזעהט:

פונ׳ם פערפאָראָשעטען שטויביגען פענסטער מיט די פערברוי־דיגטע שויבען קוקט־אריין אַ שאַרפער שטראַהל פון דער זון, וואָס האַלט ביי אונטערגעהן אויף יענער זייט שטעדטעל. און חאָטש ער מאַכט די אויגען צו, דאָך זעהט ער דעם שטראַהל, און נישט נאָר דעם שטראַהל אַליין — די גאַנצע זון, די שענע ליכטיגע זון, וואָס קיינער קאָן זי נישט זעהען, קיינער, נאָר ער אַליין! חיים חייקין קוקט אויף איהר און זעהט זי — און גאָרנישט! פאַר וואָס? דערפאַר, אַפּנים, וואָס ער איז אויסגעטהאָן פון דער וועלט מיט אַלע איהרע תאוות... איהם איז גוט... איהם איז גרינג... ער קאָן שוין אַלץ איבערטראָגען... ער וועט האָבען אַ גרינגען תענית... איהר ווייסט, ער וועט היינט האָבען אַ גרינגען, גרינגען תענית!

און חיים חייקין האַלט די אויגען צו און זעהט פאַר זיך אַ מאָדנע וועלט, אַ נייע וועלט, אַזעלכע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געזעהען. מלאכים עפּיס שוועבען איהם פאַר די אויגען, און ער קוקט אויף זיי און דערקענט אין זיי זיינע קינדער.

און אז ס'איז געקומען ערב תשעה־באָב, פיהלט זיך חיים אזוי גוט און אזוי גרינג, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער פיהלט, אַז נישט נאָר ער דאַרף פאַרפאַסטען זיך, אַז נישט נאָר ער וויל עפּיס נעמען אין מויל אַריין, פערקעהרט — ער פיהלט, אַז ווען ער נעמט עפּיס אַ האַרטע זאַך, קריכט דאָס נישט אין האַלז. עס קריכט נישט — נו!

־אָס הייסט: עס חלש'ט טאַקי דאָס הארץ זעהר גוט, און הענד און פיס ציטערען טאַקי; עס ציהט, עס ציהט צו דער ערד, די כחות געהען אויס, און עס מלאָסנעט, און עס נודעט אויף צו חלש'ען. נאָר פע! וואָס הייסט? אַ גאַנצע וואָך געפאַסט און געקומען ערב תשעה באָב — נישט אויסגעהאַלטען!?

און חיים חייקין נעמט זיין חלק ברויט מיט בולבעס, רופט צו די קליינע פריידקע מיט דער קליינער ביילקע און זאָגט זיי שטי־לערהייד:

— קינדער, נאַט אייך, עסט, און די מאַמע לאָז נישט זעהען.

און פריידקע און ביילקע נעמען דעם טאַטענ'ס חלק ברויט מיט בולבעס, קוקען אויפ'ן פּאָטער'ס פּנים, ווי ס'איז טוידט, און אויף די הענד, ווי זיי ציטערען און טרייסלען זיך.

און חיים קוקט, ווי די קינדער האַפּען, עסען, שלינגען, און ער שלינגט די שליים, מאַכט־צו די אויגען, הויבט זיך אויף פון אָרט, קאָן זיך נישט דערוואַרטען אויף די קינדער, וואָס זענען ביי די גילזעס, נעמט מיט זיך די קינות, טהוט אויס די שיך, געהט־אַוועק אין שוהל, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס.

אין שוהל איז ער כמעט דער ערשטער. פערחאַפּט ער איין אָרט נעבען חזן, אויף דער איבערגעקעהרטער באַנק, וואָס ליגט מיט די פיסלעך אַרויף, בעוואָהרענט זיך מיט אַ שטיקעל שנויץ, וואָס ער שמעלצט דאָס צו צום פיסעל פון דער באַנק, און אַליין שפּאַרט ער זיך אָן צום ווענטעל פון דער בימה, עפענט אויף די קינות:

ביסען... אהער געקומען שלאָפען... רב חיים, זייט זשע מוחל, עי, רב חיים!... רב ח־יי־ם!...

די לעצטע שטראהלען פון דער זון האָבען אריינגעשאָסען דורכ׳ן שוהל־פענסטער און געפאלען גלייך אויף חיים חייקינ׳ס רוהיג פנים מיט די שווארצע גלאַנצענדיגע גרייזעלדיגע האָר, מיט די שווארצע געדיכטע ברעמען, מיט די האלב־אָפענע גוטע, שווארצע, הונגעריגע אויגען, און האָבען דורכגעלייכט דאָס טוידטע, בלאסע, שטענדיג הונגעריגע פנים דורך און דורך.

*   *
*

יאָ, חיים חייקין האָט געהאט א גרינגען־גרינגען תענית.

אַלע, די גרויסע און די קליינע, און ער וויל זיי עפּיס זאָגען, און ער קאָן נישט רעדען... ער וויל זיך פערענטפערען פאַר זיי, אַז ער איז נישט שולדיג... נישט ער איז שולדיג!... וואָס איז ער, חיים, שולדיג, אַז, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל אידען האָבען זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט אַלע אויף איין שטיקעל אָרט, קוועטשען, דריקען, עסען איינס דאָס אַנדערע? וואָס איז ער שולדיג, אַז מענשען דאַרפען יענעמ'ס שוויים, אַז מענשען דאַרפען מענשען־בלוט? וואָס איז ער שולדיג, אַז מענשען זענען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז אַ מענש אַ מענשען זאָל נישט טרייבען, ווי מע טרייבט אַ פערד צו דער אַרבייט? אַז אויף אַ פערד איז אויך אַ רחמנות — גאָט'ס בעשעפעניש, צער בעלי־חיים?...

און חיים חייקין האַלט־צו די אויגען און זעהט, זעהט אַלס־דינג, די גאַנצע וועלט, אַלע וועלטען, און אַלץ איז העל און גרינג, און עס קויקעלט זיך ווי אַ רויך, און ער פיהלט, אַז עס געהט עפּיס פון לייב ביי איהם, פון אינווענדיג, פון האַרצען, און ציהט זיך, ציהט זיך גלייך אַרויף, און טיילט זיך אָפּ פון גוף, און ער פיהלט זיך גרינג, זעהר־זעהר גרינג, און לאָזט אַרויס אַ טיעפען זיפץ, אַ לאַנגען, לאַנגען קרעכץ. און עס ווערד איהם גרינג. און נאָכדעם פיהלט ער — גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט...

אַז בערע דער שמש, אַ רויטקאָלטענוואַטע אידעל מיט אַ בולבע־וואַטער ליפּ, איז געקומען צו געהן אין שוהל אַריין אין די זאָקען מיט די אויסגעטרעטענע פּיאַטעס און דערזעהען, ווי חיים חייקין זיצט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַרויף, די אויגען אָפען, האָט דאָס איהם פערדראָסען. גערעכענט, אַז ער דרימעלט, און האָט אָנגעהויבען וואָרטשען, בייזערען און וואַרפען זיך:

— איין עזות פון אַ אידען... זיך צעלעגט אַביסעל... דער גראַף פּשאַנגוצקי דאַרף אַזוי נישט זיצען... אפּנים, רעכט פאַר־

צוויי טוידטע

(לכבוד פורים)

געשריבען אין יאָהר 1909.

צוויי טוידטע

(לכבוד פורים).

פ אָ ר ר ע ד ע.

„טוידטע“ ? „לכבוד פורים“ ? אין אזא יום־טוב, וואָס איז א מצוה, אז א איד זאָל זיך מאַכען שכור און אַ מחבר זאָל זיך מאַכען נאַריש, פערשטעלען זיך פאַר א מאַרשעלאָק ?! איך ווייס, לעזער, אז ס'איז היינט פורים און אַז דו דאַרפסט זיך מאַכען שכור און אַז איך דאַרף זיך מאַכען נאַריש — און איך געב דיר פאָרט א מעשה פון צוויי טוידטע — פערפאַלען ! דאָס איינציגע, וואָס איך קאָן דיר העלפען, איז נאָר מיט איין עצה : אויב דו האָסט שוואַכע נערוועז, זאָלסט דו אַקעגען נאַכט די מעשה ניט לייענען.

ק אַ פּ י ט ע ל א י י נ ס.

חלאַוונע, אַ שוואַרץ, אַ נידעריג־געוואַכסען און גוט־געפּאַקט אידעל, איז געווען אַ מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט דעם טרונק. אַ גליק, וואָס ער איז געבוירען פון א אידען מיט א אידינע, אַניט וואָלט ער זיכער געווען אַ שכור. איך וועל אייך ניט ערב זיין, אַז ווייל ער איז געווען אַ איד, האָט איהם די אידישקייט ניט געלאָזט טרינקען א סך. עס קאָן זעהר שען געמאָהלט זיין, אַז טרינקען וואָלט ער אפשר געקאָנט פאַר דריי גויים, האָט ער אָבער ניט גע־האַט פאַר וואָס. זיין ווייב גיטעל האָט געפיהרט זיינע פינאַנסען,

נעמט־צו די מתנה מיט א געלעכטער און מיט א גלייכוווערטעל, ווי אלע מאל. און ווער שמועסט, אז גיטעל קומט מיט געלד פאר זיין ארבייט און איז איהם אויך מנדר א פאר מזומנ׳ע גראשענס, אויף פאדעם און אויף וואכס און אויף חזיר־האר, דעמאלט איז ער גאר ווייך ווי פוטער און זיס ווי האניג, און האט פון זיין ווייב גיטעל און פון אלע ווייבער פון דער גאנצער וועלט בעת־מעשה איין אונגעהייער הויכע מיינונג. ער גלעט זיך דעם הויכען ווייסען שטערן (אלע שוסטערס האבען הויכע ווייסע שטערנס) און רעדט פערטראכט, מעשה פילאזאף:

— איך וויים נישט, וואס האט דער שלמה המלך, זאל מיר מוחל זיין, געהאט צו די ווייבער, וואס ער פלעגט זיי אזוי לעגען אין דער ערד אריין? דו ווייסט דאך, וואס שלמה המלך האט גע־זאגט אויף איך, צי ניין?

— וואס דיין „שלמה־מלך“ האט דארטען געזאגט — וויל איך גאר ניט וויסען. דו בעסער געה אין מארק אריין נאך פאדעם און נאך וואכס און נאך חזיר־האר, און זעה נאר, פארבלאנזע ניט אין שענק אריין.

חלאוונע האט זיי אזש צעלאכט פון אזא ווילדען געדאנק.

— א משל! עס האט אזא פנים, אשטייגער כדומה, ווי מע זאל זאגען פרייטאג צונאכטס יקום־פורקן, אדער שבת אינדערפריה לכה־דודי... וואו איז דער מארק און וואו איז דער שענק! און וואס איז דאס גלאט פאר איין עובדה אין מיטען מיטוואך שבת־צונאכטס אין א שענק אריין?...

בעת מעשה צעהלט חלאוונע די גראשענס און לעגט איבער די מטבעות פון איין האנד אין דער אנדערער, קוקט פילאזאפיש אויף דער סטעלי מיט איין אויג, רעכענט אוים פינקטליך, וויפיעל געלד ער בעדארף האבען אויף פאדעם, וויפיעל אויף וואכס און וויפיעל אויף חזיר־האר, און מיט א טיעפען־טיעפען זיפץ און מיט שטילע טריט לאזט ער זיך אוועק גלייך אין שענק אריין.

ניט געלאָזט, ס'זאָל אריינפאַלען צו איהם אין די הענד אריין א מזומנ'ער גראָשען. אומעטום, וואו ס'איז נאָר געוועזען שייך צו געלד, האָט זיך ארויסגעשטעלט גיטעל. ארבייטען האָט טאַקי גע־רבייט ער, חלאָוונע, הייסט עס (ער איז געוועז, ער זאָל מיר מוחל זיין, א שוסטער), נאָר אָפּטראָגען די ארבייט און אָפּנעמען דאָס געלד — דאָס פלעגט שוין זי אליין, גיטעל, הייסט עס. פערשטעהט זיך, אז חלאָוונען איז אזא מעשה ניט אָנגעשטאַנען.

— וואָס בין איך עפּיס ביי דיר, א גנב, צי וואָס?

אזוי האָט געזאָגט חלאָוונע צו זיין ווייב גיטעל און בעקומען פון איהר א קלאָרע תשובה אויפ'ן אָרט:

— חלילה! ווער זאָגט דען א גנב? ביזט נאָר א שכור. זאָג אפשר, אז ניין?

איינגאַנצען אָפּלייקענען און זאָגען ניין — איז חלאָוונען איבער דער טבע. און וויעדער צוריק, נעמען און מודה זיין זיך, אז ער האָט ליעב דעם ביטערען טראָפּען, איז איהם אָבער אויך ניט זעהר איינגענעמען. פאַלט ער אויף א שכל און וויל אָפּקומען מיט א ווערטעל, ווי זיין שטייגער איז, מחמת חלאָוונע דער שוסטער האָט ליעב ניט נאָר א ביסעל בראָנפען — ער האָט ליעב אויך א ווער־טעל, ווי אלע כתרילעווצעס אין כתרילעווקע. ער קראַצט זיך אין באָרד, קוקט אויף דער סטעלי און זאָגט צו זיין ווייב גיטעל:

— בראָש ווערד אלסדינג אָנגערופען ביי איהר מיט'ן נאָמען שכור! האָסט מיך געזעהען, איך זאָל עמיצען שיקען? איך, אז איך וויל א ביסעל בראָנפען, געה איך און קויף.

— מעגסט שוין געהן טאַקי אין דער ערד אריין.

— אָך! אבי מיט דיר — אין פייער און אין וואַסער!

— נאַ דיר און ווער אנשטומט!

דאָס זאָגט גיטעל צו איהר מאַן דעם שוסטער און איז איהם מכבד פון יענער זייט ווארסטאַק מיט א פליהענדיגען שטיוועל, וואָס איז שוין כמעט איינגאַנצען פאַרטיג, נאָר עס פעהלט איהם א קאָ־רעק מיט צוויי צוויילען פלעקלעך אין דער פּאָדעשווע. חלאָוונע

סוכה. א פּאַטעפּאַלנאַסט פון א אידען נעמען אוועקשטעלען אין מיטען שטאָדט א סוכה! דאָס דאַרף זיין רב יאָסי דעם נגיד׳ס ארבייט. וואָס א נגיד קאָן איינפאַלען — איז דיר גאָר קיין קאַ־טאַוועס ניט! עס וועט אָבער א רוח אין זיין שוויעגער׳ס טאַטען אריין!...

— זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אחשורוש!...

און חלאַוונע דער שוסטער נעמט זיך אָן מיט ביידע הענד אָן וואַנד, טהוט א ציה צו זיך, וויל אומוואַלגערען רב יאָסי דעם נגיד׳ס „סוכה“ און טהוט א פּראַל אין דער ערד אריין און ציהט זיך אויס ווי א גראַף איבער דער בעריהמטער כתרילעווקער בלאָטע. און דאָרט לאָזען מיר איהם ליגען א ווייַלע, ביז מיר וועלען אראָפּברענגען דעם צווייטען העלד פון אונזער געשיכטע, וואָס ער הייסט מיט א גלענצענדיגען גבירישען נאָמען — רויטשילד.

קאַפּיטעל דריי.

מיט דעם נאָמען רויטשילד האָט איהם כתרילעווקע געקרוינט דערפאַר, ווייל ער איז געוועזען אין שטאָדט דער גרעסטער קבצן. דאָס הייסט, אזעלכע קבצנים, ווי ער, זענען אין כתרילעווקע פאַר־האַן אזוי פיעל, וויפיעל שטערען אין הימעל, נאָר אזא איין אומ־גליקליכער קבצן, אזא קבצן א שלים־מזל, — איז שוין אפילו אין כתרילעווקע ניט געוועזען צו איהם דער צווייטער. עס געהט ארום אויף דער וועלט א ווערטעל (שטאַמט געוויס פון כתרילעווקע), אז „צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל“. זאָלט איהר טאַקי וויסען: א גלייכווערטעל איז, להבדיל, א תורה.

ווער איז געוועזען אָט דער רויטשילד און פון וואַנען האָט ער זיך גענומען, — קאָן איך אייך ניט זאָגען. ער איז געוועזען איין אָרעמאַן — דאָס ווייסט איהר שוין, און זיין עובדה איז געוועזען — געהן. איהר מיינט, איבער די הייזער? בעטען נדבות? האָט איהר א טעות. זיין גאַנג איז געוועזען גלאַט אזוי א מין שפּאַציער־

קאפיטעל צוויי.

ווי אזוי האָט געהייסען יענער חכם, וואָס האָט דערקלערט מיט זיין שכל, אַז פּורים זענען אַלע שכורים ניכטער? איך וואָלט איהם געזאָגט, אַז ער איז מחילה אַ בהמה. פאַר וואָס זאָל אַ שכור דורכ־לאָזען אַזאַ טאָג ווי פּורים, ווען ס'איז אַ מצוה, אַז אַ איד זאָל זיך אָנטרינקען ווי אַ גוי אַזוי זאָ. זיין שכור ווי לוט? דער ערשטער וואָלט פּראָטעסטירט קעגען דעם חלאָוונע דער שוסטער. איידער ער האָט דערלעבט דעם הייליגען פּורים, זענען איהם שיער די אויגען ארויס. און אַז ס'איז געקומען פּורים, איז ער קודם אוועק אין שוהל צו דער מגילה, זיך אָפּגערעכענט מיט המנ'ען, איהם אויפ־געהאַנגען אויף אַ בוים פופציג איילען די הויך אינאיינעם מיט זיינע צעהן בנים, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל געהן אהיים פער־זוכען דעם יום־טוב'דיגען המן־טאַש, האָט ער זיך ארייגעכאַפּט אויף אַ ווייל צו אַ פּאָר בעקאַנטע שוסטערס, גוטע ברידער, און האָט מיט זיי געגעבען אַ לעק און געטרונקען לחיים: „גאָט זאָל געבען, אַז המן מיט זיינע צעהן בנים זאָלען דערלעבען איבער־אַ־יאָהר, און מיר זאָלען זיי ווייטער אויפהענגען אין שוהל אַלע אויף איין תליה פופציג איילען די הויך, בכדי מיר זאָלען ווידער אַ מאָל קאָנען נעמען צו ביסלעך בראָנפען, ונאמר אָמן"... פון אָט די לחיימס איז אונזער העלד געוואָרען אַזוי בגילופין, אַז וויפיעל ער איז ניט געגאַנגען און געגאַנגען, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט טרעפען צו זיך אַהיים. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס געסעל, וואו ער וואָהנט, שפּיעלט זיך מיט איהם אין „בעהעלטער־לעך": אָט שטעהט דאָס, דאַכט זיך, אַקעגען איהם און ווינקט צו איהם מיט אַ סך פייערלעך פון די קליינע פענסטערלעך, אָט טהוט ער זיך אַ לאָז און אָט טרעפט ער מיט'ן שטערן אין וואַנד אַריין. פון וואַנען האָט זיך גענומען אהער אַ וואַנד? פון זינד חלאָוונע איז צו זיין שכל געקומען, געדענקט ער ניט, אַז דאָ זאָל זיין אַ וואַנד; ניט אַנדערש, אַז דאָס האָט עמיצער אוועקגעשטעלט אַ

אויב מיר זאָלען קאָנען אײנטײלען די מענשלעך, וואָס הונ־גערען, אויף אזעלכע, וואָס זענען גלאַט הונגעריג, און אויף אזעלכע, וואָס זענען טוידט־הונגעריג, וואָלטען מיר מיט רעכט געקאָנט זאָ־גען, אז אונזער העלד רויטשילד געהערט צו די טוידט־הונגעריגע, מחמת בײ איהם איז אָפּטמאָל אוועקגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָס ער האָט אין זײן מויל ניט געהאַט. און ער וואָלט געווים אַזוי אויסגעגאַנגען אין מיטען גאַס, ווען אַ גוטע נשמה זאָל זיך ניט אַרומקוקען, אַז אָן געהט דער שלים־מזל רויט־שילד. אז מע גיט איהם עפּים, זאָגט ער זיך ניט אָפּ, און אַז מע פּרעגט איהם, צי ער איז הונגעריג, שווײגט ער, און אַז מע פּרעגט איהם, צי איז ער שטאַרק הונגעריג, ענטפערט ער אויך ניט, נאָר דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים זײנס קנײטשט זיך צונויף אין אַ מין שמײכעלע, און די איבערגעשראָקענע אויגען קוקען אַראָפּ, אַפּנים, פאַר בזיון, וואָס אַ מענש קאָן זײן אַזוי הונגעריג, און אַ שטילער זיפץ רײסט זיך אַרויס בײ איהם ניט־ווילענדיג — ווער ווײסט, וואָס דער זיפץ קאָן בעדײטען!...

די כתרילעווקער לײט, וואָס האָבען ליעב אַ שפּאַס, געבען איהם פריהער עפּים עסען און נאָכדעם טרײבען זײ מיט איהם אַ ביסעל קאַטאָוועס:

— פאַני רויטשילד, זאָגט דעם אמת, וויפיעל געלט פאַרמאָגט איהר און וואו ליגען פאַרבאָרגען אײערע אוצרות?

רויטשילד לאָזט־אַראָפּ די איבערגעשראָקענע אויגען, קנײטשט צונויף דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמײכעלע און שווײגט... יונגע לײט, עזות־פּנים׳ער, שטעהען־צו צו איהם נעהענ־טער, טהוען איהם אַ ציה בײ׳ם אַרבעל:

— שָׁלום עליכם, וואָס מאַכט אַ איד רב רויטשילד? וואָס הערט זיך עפּים בײ אײך דאָרט אין פּאַריזש?

רויטשילד לאָזט־אַראָפּ די איבערגעשראָקענע אויגען, קנײטשט צונויף דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמײכעלע און שווײגט. חדר ונגלעך, יונגע צוצעקלעך, קלײנוואַרג — די לאָזען

איבער דער בלאָטע, נאָר מיט דריבנע טריט, און גיך־גיך, ווי א מענש, וואָס טהוט עסק און האָט קיין צייט ניט. אָפּשטעלען פלעגט ער זיך נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט איהם אָפּגעשטעלט.

— שלום עליכם, וואוהין געהט עס א איד רויטשילד?

רויטשילד בלייבט שטעהן, ווישט זיך אָפּ מיט דער פּאָלע דעם שוויים, קוקט מיט מאָדנע איבערגעשראָקענע אויגען, און דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים פערקנייטשט זיך ביי איהם אין א מין שמייכעלע, און ער טהוט א זאָג שטיל, קוים וואָס מע הערט:

— גלאַט אזוי זיך, מע געהט, טאָמער וועט דער אויבערשטער עפּיס צושיקען...

אָפּגעזאָגט, לאָזט זיך רויטשילד געהן ווייטער מיט זיינע דריבנע טריט, און דער, וואָס האָט איהם אָפּגעשטעלט, בלייבט שטעהן, קוקט איהם נאָך א ווײַלע, פערציהט מיט די פּלייצעס, צע־לאַכט זיך און טהוט א שפּיי:

— טפו! נאָט אייך אזא שלים־מזל!

זינט אָט דער שלים־מזל הייסט רויטשילד, געדענקט קיינער ניט אין כתרילעווקע, אז ער זאָל עמיצען אָנמוטען מיט א בקשה וועגען עסן, בעטען א טרונק, אָדער איין אָרט אויף איבערצונעכטיגען, חאָטש וויסען ווייסען אַלע, אז רויטשילד איז געוויס הונגעריג און אז ער האָט געוויס ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען. אויף א הונגעריגען איז מען אין כתרילעווקע גרויסע מבינים, מע קאָן זאָגען, ספּעציאַליסטען. זיי וועלען אייך דערקענען אין דער פינסטער נאָכ'ן קול אליין, ווער ס'איז גלאַט אזוי הונגעריגליך און וואָלט א בעלן געווען, מהכתיתי, עפּיס איבערבייסען, און ווער ס'איז טאַקי שטאַרק הונגעריג, אזוי אז ממש עס געהט איהם אויס דאָס חיות! מסתמא האָבען זיי שוין דערויף אזעלכע סימנים, ווי, להבדיל, די דאָקטוירים, וואָס וועלען אייך טרעפען נאָכ'ן דופק, וועלכער חולה איז גלאַט אזוי ניט־געזונד און וועלכער איז מסוכן חלילה אויף צו שטאַרבען.

וועט דען א שטאָדט דערלאָזען, אז א איד זאָל שבת הונגערען? מילא, וואָס גאָט גיט, אבי אינאיינעם, און איין איבעריגער מענש צום טיש איז דאָך, אייגענטליך, נישט מעהר, ווי איין איבעריגע לעפעל... האָט קיין יסורים ניט, ער וועט הונגעריג ניט אוועקגעהן, און טאָמער אפילו איז די סעודה ניט אַזוי פויגעלדיג, איז אויך אָהן איין אומגליק, די קישקע וועט מוחל זיין, אבי מע זיצט מיט אידען ביי'ם טיש, אויפ'ן טיש זענען פארהאַן סימנים פון שבת'דיגער חלה, ביינדלעך פון פיש און א פּאָר מעשענע לייכטער פון די נעכטיגע בענש־ליכט... דאָס אלסדינג, אינאיינעם גענומען, ווען עס ווערד בעזונגען מיט די שענע זיסע שבת'דיגע זמירות, האָט דאָך דאָס טאַקי דעם זיעבעטען חן, און א כפרה אלע מאכלים מיט אלע פּאַטראַוועס און נאַשערייען, וואָס דעם מענשען'ס יצר־הרע האָט אויסגעטראַכט, בכדי ארייננצונאַרען אונז וואָס טיעפער אין גיהנם...

גרויס איז דער כח פון דעם הייליגען אידישען שבת! איהר וועט ניט דערקענען דעמאָלט ניט דעם כתרילעווקער בעל־הבית, ניט דעם אורח זיינעם, דעם שלים־מזל רויטשילד.

קאַפּיטעל פיער.

אָפּגעפּאַסט אַזא טאָג, ווי אסתר־תענית, קוים דערלעבט פאַר־נאַכט געהן אין שוהל הערען די מגילה, רעכט נוקם געוועזן זיך אין המנ'ען און אָפּגעהאַפּט אויף איין פוס דעם „הרב את ריבנו” מיט די איבעריגע זאָגעכצען, — האָבען זיך די אויסגעהונגערטע כתרילעווצעם אין איין אימפּעט געלאָזט לויפען אהיים וואָס גיכער אָפּצופּאַסטען זיך, איטליכער „אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים”, מיט א פרישען, א הייסען, א פורים'דיגען המן־טאַש מיט מאָהן. און מחמת גרויס אימפּעט, הונגער און איילעניש, האָט מען גאָר פערגעסען אָן רויטשילדען, גלייך ווי עס וואָלט קיין רויטשילד גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזען. און רויטשילד,

איהם די גאָס נישט דורכגעהי. זיי האָבען געמאַכט אויף איהם א ליעדעל:

רויטשילד איז איין עושר,
איז א גביר א גרויסער,
אָנגעשטאָפּט מיט געלט
און מיט שאָלעמויזען.
ווייסט איהר, וואָס איהם פעהלט?
מעהר ניט א פּאָר הויזען.

פאַר קליינוואַרג האָט רויטשילד מורא, נעמט ער די פיס אויף די פּלייצעס און מיט זיינע דריבנע טריט לאָזט ער זיך לויפען אין דער וועלט אריין. קליינוואַרג לויפט איהם נאָך און זיי הערען ניט אויף צו זינגען... דערזעהען די עלטערע און שרייען אָן אויף זיי:

— א, ניט געדאַכט זאָלט איהר ווערען, שקצים, הולטייעס, ימח־שמו'ניקעס! אין חדר אריין, ממזרים, אין חדר אריין!

פאַר דעם שלים־מזל רויטשילד וואָלט אפשר געווען אין כתרי־לעווקע אַלע מאָל ווער ס'זאָל זיך אָננעמען זיין קריוודע, און הונ־גערען וואָלט מען איהם אפשר אויך ניט געלאָזט אזוי שטאַרק. נאָר ווער איז זיי שולדיג, אָט די שלים־מזל'ען, וואָס ווילען אייך גיכער שטאַרבען, איידער אויסציהען א האַנד?... און אויסערדעם, לאָמיר שמועסען על־פּי יושר: איז דען די שטאָדט כתרילעווקע טאַקי מחויב צו טראָגען אויפ'ן קאָפּ יעדען שלים־מזל? קאַרג האָט מען אייגענע צרות מיט אייגענע וועהטיגען מיט דאגות פּרנסה? מע דאַנקט גאָט, אז מע קומט אַליין דורך דעם טאָג און מע לעבט איבער ווי עס איז די וואָך מיט ווייב און קינדער.

דערפאַר אָבער — וואָס אמת איז אמת — אז עס קומט דער הייליגער שבת, איז רויטשילד א בעוואָהרענטער מענש. אַלע אידען זענען דאָך דעמאָלט אין שוהל, און רויטשילד איז פאַר די אויגען.

קאפיטעל פינף.

חלאוונע דער שוסטער (מיר בעטען ביי איהם הונדערט מאָל מחילה, וואָס מיר האָבען איהם געלאָזט ליגען אזוי לאנג אין דער בלאָטע) האָט זיך געפיהלט גאָר ניט אזוי שלעכט אין זיין נייער לאגע, ווי דער לעזער שטעלט זיך פאָר. עס ליגט שוין אזוי אין דער טבע פונ'ם מענשען, ער זאָל זיך צופאסען צו יעדער לאגע, ווי ביטער און פינסטער זי זאָל ניט זיין. קוים איז איהם בעשערט געווען, אז די בלאָטע, די בעריהמטע כתרילעווקער בלאָטע, זאָל זיין זיין געלעגער, האָט ער געזעהען אָנווענדען כל המעגליכקייטען, אז ער זאָל ליגען ווי א מענש, און נישט גלאַט אזוי לעדיג, אָהן א שום ארבייט. ער האָט געפייערט אויף די נגידים און האָט אויסגעלאָזט כל חמתו אויף רב יאָסי דעם נגיד, ער זאָל נישט מיינען, אז ער, חלאוונע דער שוסטער, איז חלילה שכור. ער האָט איהם געשוואוירען, ער זאָל אזוי דערלעבען פיהרען ויזתא'ן צו דער חופה, ווי ער הויבט ניט אָן צו זיין שכור. ווער האָט דאָס אויסגעטראכט אויף איהם, אויף חלאוונען, אז ער איז א שכור? דאָס וואכסט אודאי פון איהר, פון זיין ווייב ושתי, איינגעזונקען זאָל זי ווערען!...

ארויסגעלאָזט דעם נאָמען ושתי, בלייבט חלאוונע דער שוסטער שטיל און פערטראכט זיך. דער נאָמען ושתי איז אריין צו איהם אין מוח, ווי א פלעקעל, וואָס מע זעצט דאָס אריין אין אָ שטיוועל אריין. ער געדענקט, דאכט זיך, גאנץ גוט, אז אמאָל האָט זיין ווייב געהייסען גיטעל, פלוצים נא דיר גאָר „ושתי"!... ווי אזוי איז דאָס געוואָרען פון גיטעל — ושתי? און ניט נאָר דער נאָמען — זי אליין האָט זיך איבערגעביטען, גאָר נישט דאָס ווייב, וואָס פריהער. אָנגעטהאָן געהט זי, ווי א קייסערינע, מיט א גילדענעם ספאָדעק, און איז אינגאנצען איינגעטונקען פון קאָפּ ביז פיס אין נינגאָלד. ער בעטראכט זיך, אז ס'איז גאָר קיין פלאַניכ פאר איהם אצינד מיט איהר זיך צו קריעגען. אדרבה, מיט

דערזעהען, אז דער עולם לויפט, האָט זיך אויך געלאָזט לויפען מיט זיינע דריבנע טריט, גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, איבער די בלאָטיגע גאַסען און געסלעך פון דעם געבענשטען כתרילעווקע.

געלאָפען פאַרביי די האלב־איינגעפאַלענע און האלב־בעלויכטענע הייזער און הייזלעך, האָט אונזער הונגעריגער העלד פון צייט צו צייט געחאַפּט א קוק אריין אהין, דורך די פענסטער, און געזעהן קייענדיגע מיילער און שלינגענדיגע העלזער. וואָס האָבען די דאָזיגע מיילער געקייעט אזוי געשמיידיג, וואָס האָבען די העלזער אזוי געשמאַק געשלונגען — איז איהם שווער געווען צו זעהן, נאָר פערשטאַנען האָט ער על־פּי סברא, אז דאָס בעדאַרפען זיין פרישע, זיסע דרייעקעכיגע המן־טאַשען, אָנגעפילט מיט זיסען, צוקערדיגען מאָהן. וואָס צעגעהט זיך אין מויל — טעם גן־עדן. און עמיצער האָט זיך אויפגעחאַפּט ביי רויטשילדען אינוועניג אין מאָגען און האָט איהם געגעבען א ציה ביי'ם הארצען און א זאָג אין אויהער אריין: „נאַר איינער, וואָס דרעהסט דו זיך ארום אין עולם־התוהו? עפען־אויף א טיר, געה־אריין און זאָג: „א גוט יום־טוב, אידען! אפשר איז פאַרהאַן ביי אייך מיט וואָס אָפּצופאַסטען זיך? שוין דעם דריטען טאָג אין מיין מויל ניט געהאַט"... און רויטשילד דערשרעקט זיך פאַר זיך אליין. עס איז איהם נאָך קיינמאָל אזא געדאַנק ניט געקומען — אריינרייסען זיך צו יענעם אין שטוב אריין מעשה גזלן! און בכדי דער יצר־הרע זאָל איהם ניט ארויספיהרען דער שוואַרץ יאָהר ווייסט אויף וועלכע זאַכען, לאָזט ער זיך געהן אין מיטען גאַס, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, און שלאָגט זיך אָן אין דער פינסטער אויף עפּיס א ווייכס, א גראָבס און א לעבעדיגס, און גיט א פאַל־אַנידער אין בלאָטע אריין, גלייך אויף אונזער העלד נומער איינס — אויף חלאוונע דעם שוסטער.

לאָמיר לאָזען ליגען א ווײַלע רויטשילדען און געוואָהרע ווערען, וואָס מאַכט עפּיס חלאוונע דער שוסטער.

זעלבסטשטענדיגער; נאָר אויף אזוי פיעל האָט ער אָנגעהויבען קומען צו זיך, אז איינציגווייז האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם כמעט אלע זיינע חושים. קודם כל איז ער דערגאַנגען דורך זיין הוש המשוש, אז ושתי איז אַ איד מיט אַ באָרד. נאָכדעם האָט ביי איהם אויפגעוואַכט דער חוש השמיעה, און ער האָט דער־הערט ריינע, קלאָרע דבורים: „שמע ישראל, גוואַלד, אידען, ראַ־טעוועט!” דער חוש הריח האָט איהם געזאָגט, אַז זיי ביידע ליגען אין דער בלאָטע, אין דער בעריהמטער כתרילעווקער עיפּוש־דיגער בלאָטע. נאָר וויפיעל ער האָט ניט אָנגעווענדעט זיין חוש הראיה אויף צו דערזעהען, ווער איז אָט דער דאָזיגער נפש, האָט זיך עס איהם בשום אופן ניט איינגעגעבען, מחמת די לבנה האָט זיך בעהאַלטען אין די געדיכטע וואָלקענס, און די פינסטערע נאַכט האָט פערשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגלען איבער גאַנץ כתרי־לעווקע.

אויך רויטשילד האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז קומען צו זיינע נעראַנקען, און דער שרעק, פון וועלכען ס'איז איהם געווען אַ מינוט צום טוידט, איז שטילערהייד אַוועק פון איהם, און ביידע אונזערע העלדען האָבען בעקומען לשון. אָט וואָס פאַר אַ מין געשפּרעך צווישען זיי איז פאָרגעקומען. מיר געבען איהם איבער פינקטליך, וואָרט אין וואָרט:

ח ל א ו ו נ ע: ווער ביזט דו?

ר ו י ט ש י ל ד: ס'איז איך.

ח ל א ו ו נ ע: וואָס טהוסט דו דאָ אין דער בלאָטע?

ר ו י ט ש י ל ד: גאָרניט.

ח ל א ו ו נ ע: וועלכער רוח האָט דיך אהער געבראַכט?

ר ו י ט ש י ל ד: כ'ווייס ניט.

ח ל א ו ו נ ע: טפו זאָלסט דו ווערען! וואָס ביזט דו? אַ בעל־מלאכה, אַ שוסטער?

אזא יפהפיה דארף מען שלאָגען בלאַט. און ער רוקט זיך צו צו איהר נעהענטער און נעהענטער, נאָר זי רוקט זיך אָפּ... זי וויל איהם ניט. אפנים, דערפאַר, וואָס ער האָט ליעב אָט דאָס, וואָס מיע מאַכט דערויף שהכל נהיה בדברו... א מכה דער מאַמען, עס שטעהט ניט אָן דעם טאַטען איהרען, טאָמער וועט מען זאָגען אין שטאָדט, אז ושתי האָט א מאַן א שכור!

— זאָל איך ניט דערלעבען אויפשטעהן פון דעם אָרט, אויב ס'וועט קומען אמאָל א טראָפּען בראָנפען אויף מיינע ליפּען! ושתי, דו הערסט, צי ניין? טאָמער גלויבסט דו מיר ניט, נא דיר א האַנט תקיעת־כף...

און חלאַוונע ציהט אויס זיין פּעבקע גראָבע האַנד מיט די קורצע שווארצע פינגער אין דער בלאָטע אריין, און ס'איז איהם א חידוש, וואָס ושתי האָט אזאַ קאַלטע נאַסע האַנד מיט אזעלכע קאַלטע גליטשיגע פינגער. ס'איז אוממעגליך זי אָנצוגעמען פאר דער טאַליע אזוי, אז די נשמה זאָל איהר ארויס! און ער צע־נעמט די הענד און חאַפּט ארום... דעם שלים־מזל רויטשילד!

קאַפּיטעל זעכס.

די מחקרים זאָגען, אז פון א דערשרעק קומט אַלסדינג. פון א דערשרעק איז חלילה א מעוברת'ע מפּיל, פון א גוטען איבער־שרעק קאָן א מענש אראָפּ פונ'ם זינען, און אמאָל, די שעה זאָל ניט זיין, בעקומען אפּאָפּלעקסיע און שטאַרבען. זיי זענען דער־גאַנגען מיט'ן שכל, אז פון איין איבערשרעק קאָן א שכור זיך אויסניכטערען אין איין מינוט. אזוי זאָגען די מחקרים. און ־עריבער וועט אונז קיין חידוש ניט זיין, וואָס אונזער העלד, חלאַוונע דער שוסטער, וויבאַלד ער האָט ארומגעחאַפּט דעם שלים־מזל רויטשילד, אזוי האָט ער פאַר שרעק זיך שוין אויסגעניכ־טערט, דאָס הייסט, ניט אויף אזוי פיעל, ער זאָל קאָנען אויפ־שטעהן פון דער בלאָטע און ווערען א מענש, ווי מע רופט עס, א

קאפיטעל זיבען.

וויפיעל די קריטיקער זאָלען ניט קריטיקירען, וויפיעל די אָפּשפּעטער זאָלען גיט לאַכען און חוזק מאַכען — א ווייב בלייבט א ווייב. עס האָט נאָר אָנגעהויבען נאַכט ווערען, האָט גיטעל שוין געגומען רעכטען זיך אויף איהר מאַן, אז אָט קומט ער פון דער מגילה אָפּפאַסטען זיך. צוליעב דעם האָט זי איבערגעדעקט דעם טיש יום־טוב'דיג און אוועקגעשטעלט קודם דאָס, וואָס איהר חלאָוונע האָט ליעב — א פלעשעל מיט א גלעזעל. עס קאָן זיין, אז אין פלעשעל איז מעהר ניט געווען ווי איין גלעזעל, נאָר אפשר איז דאָרט צוליעב יום־טוב געווען צוויי גלעזלעך. דערפאַר איז געזעסען אויפ'ן טיש א דרייעקעכיגער המן־טאַש מיט מאָהן, א מורא'דיגער, א גרויסער, א ברייטער, איין אמת'ער, א שוסטערשער המן־טאַש. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דער המן־טאַש וואָלט גערעדט ווערטער: „חלאָוונע, וואו ביזט דו? קום עס מיך!" נאָר חלאָוונע האָט ניט געהערט; ער איז גאָר געווען בשעת־מעשה ביי זיינע חברים די שוסטערס און געמאַכט מיט זיי דעם גרויסען ישרונק לכבוד דעם הייליגען פורים.

אומזיסט האָט די שוסטערקע נעבאַך געקוקט דורכ'ן פענ־סטערעל, זיך צוגעהערט צו דער טיר. יעדער שאָרך האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז דאָס געהט חלאָוונע. נאָר חלאָוונע איז ניט גע־גאַנגען; ער איז גאָר געלעגען בעת־מעשה איינער אליין אין דער בלאָטע און האָט זיך אויסגעשמועסט מיט ושתי'ן. גיטעל האָט איבערגעטראַכט אויף איהר מאַן אלסדינג, וואָס א ווייב קאָן איבערטראַכטען, און אז ס'איז געוואָרען רעכט שפעט, האָט זי געכאַפּט די יופּע אויף די פלייצעס און איז אוועק זוכען איהר מאַן חלאָוונע. זי האָט איהם ניט געפונען. די שוסטערס, מיט וועלכע חלאָוונע האָט אויסגעטרונקען לכבוד יום־טוב, האָבען איהר געשוואָרען, זיי זאָלען אזוי דערלעבען איבער־א־יאָהר פורים, אז חלאָוונע איז גלייך פון שוהל אוועק צו זיך אהיים און קיין טראָפּען

ר ו י ט ש י ל ד: ניין.

ח ל א ו ו נ ע: וואָס־זשע, אַ בעל־הבית?

ר ו י ט ש י ל ד: ניין, ניין.

ח ל א ו ו נ ע: וואָס זשע דען ביזט דו, צו אַלדי שווארצע יאָהר?

ר ו י ט ש י ל ד: איך בין... איך בין... טוידט־הונגעריג.

ח ל א ו ו נ ע: אזא מעשה! דו ביזט טוידט־הונגעריג? המ... און איך בין טוידט־שכור... שאַ! אויב איך האָב קיין טעות ניט, ביזט דו נישט אָפּטמאָל רויטשילד? יאָ, ווי איך בין אַ איד! איך האָב דיך באַלד דערקענט, אַז דאָס ביזט דו... וויבאַלד אַזוי, טאָמער וואָלט געווען אַ סברא, ברודער רויטשילד, אַז דו זאָלסט מיר העלפען ארויסקריכען פון דער דאָזיגער בלאָטע, און אויב דו פיהלסט, אַז דו האָסט פיס, וואָלטען מירביידע זיך דורכגעגאַנגען צו מיר אהיים עפּיס נעמען אין מויל אריין, ווארום עס באָמבעלט מיר אין קאָפּ, אַז מיר האָבען היינט יום־טוב אויף דער גאַנצער וועלט. שמחת־תורה? פורים? — איך קאָן דיר ניט זאָגען אקור־ראַט, נאָר יום־טוב האָבען מיר געוויס. לאָזען קומען כל מלכי מזרח ומערב און זאָגען מיר, אַז ניין, וועל איך זיי אָנשפּייען אין פּנים!

עס האָט גענומען אַ קליינע ווײַלע, ביז די צוויי האָבען זיך ארויסגעקראַטשקעט פון דער בלאָטע און האָבען זיך מיט גרויס מיה געלאָזט אין וועג אריין, איינער אָנגעלעהנט אויפ׳ן אנדערען, דאָס הייסט, רויטשילד האָט אונטערגעהאַלטען חלאוונען, ער זאָל ניט פאַלען. מחמת אויסגעניכטערט האָט זיך ביי׳ם שוסטער נאָר דער קאָפּ — די פיס אָבער האָבען זיך איהם נאָך אַלץ געפּלאָנטעט. און אַז זיי זענען געקומען צו...

דאָ דאַרפען מיר בדעה איבערלאָזען אונזערע ביידע העלדען אויפ׳ן שפּאַציער און אריינקוקען אויף אַ מינוט צו חלאוונע דעם שוסטער אין שטוב אריין, זעהן, וואָס מאַכט זיין ווייב גיטעל.

ס'זאָל ניט ארויס דערפון קיין נייער סקאנדאל — און עפּיס טאַקי נאָר ווי גאָט אליין האָט זיך אריינגעמישט און איז איהר געקומען צו הילף. נאָך איידער זי האָט זיך א ריהר געטהאָן, דערזעהט זי, עפּיס א נפש, איינגעהילט אין שווארצען, געהט איהר אקעגען. זי קוקט זיך איין אין דער פינסטערניש און זי דער־קענט חנה־זיסלען. ביידע ווייבער זענען גרייט געווען אפּשפּרינ־גען איינע פון דער אנדערער און אויסשפּייען דריי מאָל, ווי תמיד. נאָר עפּיס א פערבאָרגענער כח האָט זיי ביידע אָפּגעהאַלטען, און זיי האָבען ביידע מיט א מאָל אָנגעהויבען רעדען. זייער געשפּרעך איז געווען א קורצער, נאָר זעהר א פערשטענדליכער:

— וואוהין איז אזוי שפּעט?

— און איהר וואוהין?

— איך זוך מיין מאנסביל.

— דאָס אייגענע, וואָס איך.

— וואו קאָנען זיי זיין?

— איך זאָל אזוי וויסען פון איהם.

— מיינער איז געווען אין שוהל צו דער מגילה.

— מיינער אויך דאָרטען.

— זענען זיי, אפּנים, פון דאָרטען אוועק ביידע?

— אזוי ווייזט דאָס אויס.

און ביידע ווייבער לאָזען־ארויס א טיעפען זיפץ און צע־געהען זיך די אהער, די אהין.

קאַפּיטעל אכט.

פערוויסט און פערפינסטערט איז נעבאך גיטעל געקומען אהיים, געחאפּט א קוק פארבייגעהענדיג אויפ'ן המן־טאש, און עס האָט זיך איהר אויסגעדאכט, אז ער קוקט אויף איהר און זאָגט צו איהר: „וואָס איז די מעשה מיט חלאוונען?“ פאַר צרות גיט זי זיך א וואָרף אין בעט אריין און ליגט אזוי לאנג, ביז זי ווערד

איז צו זיי קיינעם אין מויל נישט געקומען. סיידען אפשר — אזוי האָבען געזאָגט די שוסטערם — ער האָט זיך ערגיץ בעגע־גענט מיט שמעון־וואָלפען.

ביי דעם נאָמען שמעון־וואָלף האָט גיטעל אזש א ציטער גע־טהאָן. אָט דער שמעון־וואָלף קאָסט איהר נעבאך געזונט.

שמעון־וואָלף איז אויך א שוסטער, אזוי ווי איהר מאַן חלאַוו־נע, און האָט אויך ליעב דאָס, וואָס איהר מאַן חלאַוונע האָט ליעב. נאָר ווי קומט חלאַוונע צו איהם! יענער האָט א שם אויף דער גאַנצער וועלט — מע רופט איהם גאָר אַנדערש ניט, ווי שמעון־וואָלף דער שכור. ס'איז א סברא, אז זיין טאַטע איז דערפון געשטאָרבען: איינמאָל שמחת־תורה האָט ער זיך אָנגעטרונקען, און עס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם דער בראָנפען און ער איז פערברענט געוואָרען, אזוי ווי א ליכט. מיט שמעון־וואָלפען האָט זיך שוין אויך איינמאָל געטראָפען די אייגענע מעשה, האָט מען איהם אָפּגעלאָשען. גיטעל האָט אָבער ניט געגלויבט, אז איהר מאַן זאָל זיך ווידער א מאָל צונויפגעהן מיט דעם שכור'ניק, נאָכדעם ווי ער האָט איהר געגעבען א האַנד תקיעת־כף און גע־שוואוירען ביי א פּאָר תפילין, אז צייט ער וועט לעבען, וועט ער זיך מיט איהם קיינמאָל ניט בעגעגענען. איבער דעם איז ארוים אין יענער צייט א גרויס מחלוקת צווישען חלאַוונע'ס ווייב גיטעל און שמעון־וואָלפ'ס ווייב חנה־זיסעל. דאָס מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבען מיט ווערטער און מיט ווערטלעך, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס זעהר מיאוס: ביידע ווייבער האָבען זיך אריינגע־פלאָנטעט איינע דער אַנדערער אין די שלייערס, און מע האָט זיי קוים צענומען. פון דעמאָלט אָן רעדען ניט צווישען זיך אָט די צוויי ווייבער, און אז זיי בעגעגענען זיך, כּרעטען זיך אָפּ איינע דער אַנדערער דעם וועג און שפּייען־אוים דריי מאָל.

גיטעל האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, וואָס זאָל זי טהון: צי זאָל זי געהן צו אָט דער הולטייקע חנה־זיסעל גע־וואָהרע ווערען וועגען איהר מאַן, צי ניין? זי האָט מורא געהאַט,

האַסט דו זיך אַזוי דערשראָקען ? צוויי טוידטע זענען מיר טאַקי, נאָר ניט פון יענער וועלט... איינער איז טוידט־שכור, דער אַנ־דערער איז טוידט־הונגעריג... ווער איז דאָ טוידט־שכור און ווער איז טוידט־הונגעריג — דאָס דאַרפסט דו שוין אַליין פאַרשטעהן, אויב דו ביזט אַ קלוגע... וואָס קוקסט דו אַזוי ? האָסט איהם ניט דערקענט ? ס'איז דאָך רויטשילד. איינגעזונקען זאָל ווערען רב יאָסי דער נגיד מיט דער כתרילעוזקער בלאָטע אינאיינעם ! רויט־שילד האָט זיך געבאָך אַזוי אויסגעשמירט, אַז ס'איז איהם ניט צו דערקענען. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זיך דאָרט גע־קאַטשעט מיט אַלע חזירים... הערסט דו, גיטעל, ביזט טאַקי אַ אידינע אַ חכמה ! ושתי מעג זיין פאַר דיר די כפרה ! איך זעה ביי דיר דאָס שבת'דיגע פלעשעל אויפ'ן טיש. דאָס הארץ האָט דיר, אפּנים, געזאָגט, אַז מיר האָבען היינט יום־טוב אויף דער גאַנ־צער וועלט און מע דאַרף מאַכען קידוש און פאַרבייסען מיט אָט דעם דרייעקעכיגען ממזר, ס'זאָל אויף איהם קומען אַ מיתה משונה, אַזוי ווי אויף זיין טאַטען המנ'ען !... לחיים, רויטשילד ! לאָז גאָט געבען, המן זאָל דערלעבען איבער־אַ־יאָהר, און מיר זאָלען איהם ווידער אַ מאָל אויפהענגען אין שוהל מיט זיינע צעהן בנים אַלע אויף איין תליה, פּופּציג איילען די הויך ! וואָס שווייגסט דו, גיטעל ? זאָג אָמן !

אנשלאָפּען. זי ווערד אַנשלאָפען און עס חלומ'ט זיך איהר, אַז מע קלאַפּט אין פענסטער און מע רופט זי אָן ביי'ם נאָמען. זי ווייל אויפהויבען דעם קאָפּ און קאָן ניט. פרעגט זי ליגענדיג פון בעט אַרויס: „ווער איז דאָרטען?“ און בעקומט תשובה, אַז דאָס איז חנה־זיסעל די שוסטערקע מיט'ן שמש פון חברה־קדישא געקומען צו איהר נאָך תכריכים. גיטעל פערשטעהט ניט, פון וואַנען עס נעמט זיך צו איהר אַזוי פיעל כח צו רעדען ווענען אַזאַ זאַך, און זי פרעגט ביי חנה־זיסלען גאַנץ קאַלטבלוטיג, גלייך ווי עס רעדט זיך וועגען אַ דייזשע ברויט אָדער וועגען אַ פערטעל עופ אויף שבת: „זיי זענען פאַרבּרענט געוואָרען?“ — „פאַרברענט געוואָרען“. „ביידע אינאיינעם?“ — „ביידע אינאיינעם“. פאַר פחד פאַלט גיטעל שיער ניט אַראָפּ פונ'ם בעט, זעצט זיך אויף און דערהערט, ווי עטליכע הענד מיט אַ מאָל שאַרען אין דער טיר, און עס שטעלען זיך איהר די האָר קאַפּויר. קוים־קוים וואָס זי רעדט אַרויס:

— ווער איז?

— ס'איז מיר.

— ווער איז דער מיר?

— עפען אויף די טיר, וועסט דו וויסען, ווער איז דער מיר.

— די טיר איז אָפען.

— מיר קאָנען ניט געפינען די קליאַמקע.

נאָכ'ן קול האָט גיטעל באַלד דערקענט, אַז דאָס איז איהר מאַן, און זי האַפּט זיך אויף געשווינד און זי עפענט אויף די טיר און דערזעהט צוויי נפשות, אויסגעשמירטע, ווי די שדים, און טהוט אַ שפּרונג־אָפּ צוריק.

— אַ גוט יום־טוב דיר, גיטעל! — אָט אַזוי רופט זיך אָן צו איהר חלאַוונע און קאַטשעט זיך אַריין אין שטוב אַריין אינאיינעם מיט רויטשילדען. — זאָל מיין נאָמען ניט הייסען חלאַוונע, אויב דו ווייסט, ווער צו דיר איז געקומען! צו דיר זענען געקומען צו־גאַסט לכבוד פורים צוויי טוידטע... גאָט איז מיט דיר. וואָס

חרוסת

געשריבען אין יאָהר 1909.

חרוסת

א.

— מויד! מע וועט אמאָל דערלעבען זעהען דיך אָנגעטהאָן, צי ניין? נעם דאָס גלעזערנע טעלערעל און געה זיך דורך צום פעטער יאָסי'ן, וועסט דו ברענגען חרוסת. אז דו וועסט אריינקומען צום פעטער יאָסי'ן, זאָלסט דו זאָגען: „דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע האָבען אייך געשיקט זאָגען, איהר זאָלט דערלעבען איבער־א־יאָהר, און געבעטען, איהר זאָלט זיי געבען חרוסת. וועסט שוין געדענקען, וואָס מע זאָגט דיר אָן? צי מע דאַרף מיט דיר איבער'חזר'ען נאָך א מאָל צוואנציג?

— ס'איז ניט אזוי שווער, מע זאָל דאָס ניט געדענקען אויף אויסווענינג.

און לאה די מויד (אזוי האָט מען זי גערופען אין דער דיענסט, חאָטש ביי זיך און ביי איהרע בעקאנטע האָט זי געהייסען „ליזא“) האָט זיך געאיילט אָנטהון יום־טוב'דיג, און חאָטש דער גאנצער אָנטהון איהרער איז בעשטאנען ניט מעהר ווי אין א ציצען קליידעל מיט א קאָפּטעל, נייע שיך און א סטענגע אויף די האָר, פון דעסטוועגען בּאָברעט זי זיך שוין ווייס איך וויפיעל צייט און איז נאָך אלץ ניט פארטיג. ס'איז תמיד אזוי: אז מע וויל גיך, געדויערט עס, און אז מע שלאָגט האלז־און־נאַקען, פאלט פון די הענד. ליזא (לאָמיר איהר טהון צוליעב און רופען זי אזוי, ווי איהר געפעלט) האָט זיך אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג און איז צוגעגאנגען צו דער בעל־הבית'טע ווייזען, אז זי איז פארטיג. די בעל־הבית'טע (א ביסעלע שפּעטער וועלען מיר זיך מיט איהר בעקענען נעהענטער) האָט נעגעבען א פּליעסק מיט די הענד:

— ניט די ביכלעך דאַרף מען לייענען. אָט וועל איך אייך געבען אַ ביכעל, וועט איהר וויסען „פּאָקראַנימיר"...

און ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, ציהט־אַרויס פון דער חאַליווע פון די שטיוועל אַ קליין פערשמאַלצעוועט ביכעלע און גיט דאָס איבער איהר, ווי עפּיס אַ הייליגע זאַך, בעט, זי זאָל דאָס ניט האַלטען אויבען־אויף...

— וואָס איז דען?

— אַז מע זאָגט אייך, זאָלט איהר ניט פרעגען פאַר וואָס...

ליזאַ האָט דאָס ביכעל ביי איהם צוגענומען מיט דעם אייגענעם רעספּעקט, ווי ער האָט דאָס איהר געגעבען, און אַז זי איז געקומען מיט דעם אהיים, האָט זי געחאַפּט אַ מיאוסען פּסק פון דער בעל־הבית'טע, דערפאַר, וואָס זי, אַז זי געהט אַוועק, פערגעסט זי דעם זיי־געזונד. און אַז אַלע האָבען זיך געלעגט שלאָפען, האָט זי אַרויסגעדרעהט דאָס לעמפּעל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס ביכעל, וואָס מאַקס האָט איהר געגעבען. אויפ'ן ערשטען בלעטעל, גאַנץ אויבענאָן, איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: אַרבייטער פון אַלע לענדער, פעראייניגט אייך!...

ב.

פון דעמאָלט אָן זעהט זיך ליזאַ מיט מאַקסען אַלע פאַרנאַכט, און זי קאָן זיך ניט דערמאַנען, פון וואָסער אַ מאָמענט זיי זענען אַריבערגעגאַנגען פון „איהר" אויף „דו". זי ווייסט נאָר, אַז ווען זי זעהט איהם ניט, ציהט דאָס זי צו איהם, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, און אַז זיי בעגעגענען זיך, ווייסט זי ניט, וואוהין די צייט געהט אַוועק. זיי האָבען אַזוי פיעל צו רעדען, אַז עס וועט, דאַכט זיך, ביי זיי קיינמאָל נישט אויסשעפּען זיך, און אַלץ, וואָס ער רעדט, איז צוקער־זיס. אַ נייע וועלט האָט ער פאַר איהר אויפגעעפּענט מיט זיינע רעד. ביז אהער האָט זי געוואוסט, אַז ווייל זי, ליזאַ, איז אַ דיענסט, און „פערעוואַריכע" איז אַ נגידית,

— זעה־נאַר, ווי זי האָט זיך אויסגעסטראָצעלט! א ריינע פרינצעסין! פסנו! קיין עין־הרע! קיין בייז אויג! פארניץ געזונט און געב חאָטש אכטונג אויף די שיך, זאָלסט נישט אריין מיט זיי אין א קאַליושע! און דאָס קליידעל, נישקשה, מעגסט דו אויך אונטערהויבען אין דער בלאָטע. ס'איז פאר מיין געלט, וואָס דו האָסט ביי מיר פארדיענט, מעג איך דיר, דאַכט זיך, זאָגען א דעה, צי ניין?

ליזא האָט גענומען דאָס גלעזערנע טעלערעל און איז אוועקגעגאַנגען נאָך חרוסת אָהן ווערטער. וואָס וועט זי איהר ענטפערען, אזא „פערעוואריכע", אז זי פערשטעהט אפילו ניט, אז דאָס געלד, וואָס די דיענסט האָט ביי איהר פערדיענט, געהער צו דער דיענסט, ניט צו איהר? איהר מאַקס זאָל דאָ זיין — ער וואָלט שוין וויסען וואָס צו ענטפערען אזא בורזשויקע!... א רעכטער יאַט, אָט דער מאַקס! ערשט היינטיגען פאר־פסח האָט זי זיך מיט איהם בעקענט, געהענדיג פון פאָדריאַד איינמאָל פארנאַכט אהיים. דעם גאַנצען וועג האָט ער מיט איהר גערעדט פון אזעלכע זאכען, וואָס זי האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט, נאָר באַלד געכאַפּט מיט'ן שכל. פון בעלי־בתים האָט ער מיט איהר גערעדט און פון ארבייטער. ביז אהער האָבען געוועלטיגט זיי, די בעלי־בתים; אָט באַלד וועלען אָנהויבען געוועלטיגען מיר, ארבייטער.

שוין אז זיי זענען געווען ביי דער טיר, האָט ער זי א פרעג געטהאָן, צי זי קאָן לייענען א ביכעל?

— א וואָסערם? א אידיש?

— פאַרשטעהט זיך, א אידיש.

— פאַר וואָס ניט? איך נעם אַלע פרייטאָג ביי רב אַלטערען א מעשה־ביכעל אויף איבערלייענען. אז איך לייען איבער דאָס ביכעל, גיט ער מיר איבעראַכטאָג פרייטאָג איין אַנדערם, דאָס הייסט, טאַקי די איינענע מעשה, נאָר אין איין אַנדער ביכעל. מחמת די מעשה איז א לאַנגע מעשה, זי ציהט זיך פון סוכות אָן...

מאַקס הערט זי אוים מיט א האַלבען שמייכעל:

פריי אין מיטען גאַס און רערען... און אזוי פליהען די מינוטען, ביז ליזא טהוט זיך א חאַפּ:

— אוי! א מכה דער פערעוואַריכע מיינער! איך דאַרף דאָך גאָר געהן צו איהר פעטער יאָסי נאָך חרוסת!

— געה, געה, איך וועל דאָ צוּוואַרטען א ווײלע, ביז דו וועסט זיך אומקעהרען, וועל איך דיך שוין באַגלייטען ביז אהיים.

און ליזא לאָזט זיך לויפען צום פעטער יאָסי נאָך חרוסת.

ג.

„דער פעטער יאָסי“ — אזוי האָט מען איהם גערופען אין כתרילעווקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען א שענער איד און איין אַלטער און א בכבוד'ער און א נגיד און האָט קיין קינדער ניט געהאַט, אחוץ פלימעניקעס און פלימעניצעס אָהן א שיעור. כמעט א האַלבע שטאָדט זענען געווען זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס, און אַלע האָבען זיי אַרויסגעקוקט אויף איבער הונדערט און צוואַנ־ציג יאָהר...

וויפיעל פערמאָגט דער פעטער יאָסי — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט, און דער פעטער יאָסי אַליין אויך ניט. אזוי האָט מען געשמועסי אין שטאָדט. געזאָגט האָט מען, אז דער פעטער יאָסי איז אָנגעשטאָפּט ממון־קרח; מע ווייסט אפילו, אז ער האָט א צוואה און דאָרט איז ביי איהם אויסגערעכענט ביז דער לעצטער פּרוטה. אַלע יאָהר, אז ס'איז געקומען ערב ראש־השנה, פלעגט ער איבערשרייבען די דאָזיגע צוואה, צונויפרופען אַלע פלימעניקעס און פלימעניצעס, און נעמען ביי זיי „תקיעת־כף“, אז טאָמער חלילה שטאַרבט ער, זאָל מען זאָגען נאָך זיין נשמה א גאַנץ קיילעכיג יאָהר קדיש און לערנען אַלע טאָג א פרק משניות. נאָכ'ן תקיעת־כף האָט ער זיי אָנגעגאָסען צו גלעזלעך בראָנפען און געגעבען צו שטיקלעך לעקאָך. די פלימעניקעס האָבען געטרונקען לחיים, די פלימעניצעס האָבען איהם געווינשעוועט, ער זאָל דערלעבען משיח'ן,

דארף זי, ליזא, זיין ביי „פּערעוואריכען“ אין גלות, דארף קאָכען און באַקען און וואַשען און רייניגען אויף דער גאַנצער שטוב. איצט לאָזט זיך אויס אַ מעשה גאָר פערקעהרט: אַז ווייל די גאַנצע שטוב שטעהט אויף איהר, אויף ליזא׳ן, דארף „פּערעוואריכע“ די נגידית וויסען דרך־ארץ. וואו איז געווען איהר שכל ביז אהער? ניט געווען מאַקס, איז ניט געווען קיין שכל; געקומען מאַקס, איז געוואָרען גאָר אַנדערש. דאָס הייסט, דערווייל איז נאָך אַלץ אַזוי ווי פריהער: ליזא איז אַ דיענסט, און „פּערעוואריכע“ — אַ נגידית. ליזא קאָכט און באַקט און וואַשט און רייניגט אויף דער גאַנצער שטוב, און פּערעוואריכע שעלט און קאָרעניעט, דאָס מויל מאַכט זיך איהר ניט צו. ס׳איז אָבער אַלסדינג נאָר דערווייל, ביז אַ צייט. עס געהט אַ צייט, אַ גאָלדענע צייט!...

אַזוי טראַכט זיך ליזא, געהענדיג מיט׳ן גלעזערנעם טעלערעל צום פעטער יאָסי נאָך חרוסת, און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, טאָמער וועט זי בעגעגענען מאַקסען. זי זעהט גאָר ניט, ווי די רויטע זון האַלט ביי אונטערגעהן אויף יענער זייט שטאָדט און בעפאַרבט מיט גיננגאָלד אַ גאַנצען שטיק הימעל. זי זעהט גאָר ניט, ווי אידען לויפען מיט פולע פלעשלעך וויין אויף ארבע־כוסות, געקויפט ביי מאָטי ווימאַראַזיג. דער וויין פינקעלט זיך אָפּ אויף דער פערגעהענדיגער זון און שפּיעלט און צעגיסט זיך אין אַלערליי קאָלירען. ליזא בעמערקט דאָס אָבער ניט. וואָס איז איהר די זון? וואָס איז איהר כתרילעווקע מיט איהרע אידען און מיט זייער וויין אויף ארבע־כוסות, אַז ס׳איז ניטאָ דער, וועמען זי זוכט? נאָר אָט דערהערט זי אַ קול פון הינטען:

— ליזא!

— מאַקס!

און זיי שטעלען זיך אוועק אַ ביסעל שמועסען, היטען זיך, מע זאָל חלילה ניט בעמערקען, ווארום כתרילעווקע קאָן נאָך אַלץ ניט ליידען, אַז אַ בחור מיט אַ מיידעל זאָלען שטעהן פראַנק און

ער אָן פון זייערע קינדער׳ס וועגן דריידלעך, איטליכען בעזונדער א דריידעל. פורים מוזען די פלימעניקעס מיט די פלימעניצעס קומען צו איהם אלע מיט קינד און קייט האָרכען די מגילה. טאָמער חלילה פערפעהלט א קינד צו דער מגילה — איז חיות ניט זיכער! דער פעטער יאָסי גיט אכטונג. איהם וועט איהר ניט נארען. נישקשה, ער ווייסט, ווער ס׳איז געוועזן צו דער מגילה און ווער ניט. און אז ער האָט דערטאַפּט דעם, וואָס איז ניט געוועזן, האָט ער איהם אָנגעחאַפּט פאר איין אויהער: „פוסטע־קראַט מיינער! וואו ביזט דו געוועזן צו דער מגילה?" און יענער האָט געמוזט זיך פערענטפערען, אויסזוכען עפּיס א רעכטען תירוץ, וואָרום דעם פעטער יאָסי׳ן טאָר מען ניט דער׳רגז׳ענען...

נאָר מעהר ווי אלע יום־טובים האָט ער זיך מפקיר געוועזן צוליעב זיי, אז ס׳איז געקומען פסח. דעם גאַנצען טאָג ערב־פסח האָט איהר געקאָנט זעהען דעם פעטער יאָסי זיצען אין שטוב און שטויסען צימערינג, רייבען עפּעל מיט וויין און מיט וועלישע נים. דער פעטער יאָסי האָט אליין געמאַכט חרוסת פאר אלע זיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס. אזוי איז שוין געוועזן ביי איהם דער מנהג אלע ערב־פסח — אָנמאַכען א פולע שיסעל מיט חרוסת און אויסטיילען זיי איינציגווייז אויף טעלערלעך. און אויף מאָר־גען נאָכ׳ן טיש, אז די פלימעניקעס מיט די פלימעניצעס זענען געקומען צום פעטער גוט יום־טוב בעטען, פלעגט מען ניט רעדען פון קיין זאַך, נאָר פונ׳ם חרוסת. זיי פלעגען זיך גאָר ניט קאָנען זאַט אָפּלויבען פונ׳ם חרוסת:

— דער חרוסת איז אייך היינטיגס יאָהר אָפּגערעטען, פעטער, מעהר ווי אלע יאָהר.

— פון אייער חרוסת איז מיר ניט איבערגעבליבען צום אַנ־דערען סדר, איהר זאָלט זאָגען, פעטער, אויף א רפואה.

— מיט אייער חרוסת האָבען מיר זיך, פעטער, געטיילט, ווי מיט קרעפּעל־פלייש.

און דער פעטער יאָסי האָט געשמייכעלט מיט זיינע שטענדיג נאַסע אויגען, געשאָקעלט מיט די ליפּען און געענטפערט: אָמן, אָמן.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען פון יאָהר צו יאָהר. די פּלי־מעניקעס מיט די פּלימעניצעס האָבען אַרויסגעקוקט מיט סכנת־נפשות, נאָר דער פעטער יאָסי האָט זיך עפּיס ניט אַזוי געחאַפּט. געהוסט האָט ער דוקא גאַנץ געשמאַק, אַ זאַדישקע, אַ מין אַסטמע האָט ער געהאַט, וואָס אַז ער פלעגט זיך פערהוסטען, האָט מען געמיינט, ס'איז איין עק, אַז מע דאַרף שוין געהן נאָכ'ן שמש פון חברה־קדישא. צום סוף — גאָרניט, אַ נעכטיגער טאָג... אַלע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס פלעגען אין אַזאַ צייט ניט אָפּטרעטען פון זיין בעט:

— ווי פיהלט איהר זיך, פעטער, אַצינד?

— אַ דאַנק גאָט, פיעל בעסער, פיעל בעסער, איהר זאָלט גאָר קיין יסורים ניט האָבען, קינדערלעך; מיין טאַטע, זכר לברכה, האָט אויך געהאַט דעם אייגענעם הוסט, וואָס איך, מיר צו לענ־גערע יאָהר, און האָט געלעבט פון דעסטוועגען הונדערט מיט דריי יאָהר, נאָך מיט אַ האַלבען. און מיין מאַמע, עליה השלום, — די האָט געלעבט נאָך מעהר מיט אָנדערהאַלבען יאָהר... אונזער שטי־קעל גליק איז, וואָס מיר היטען זיך; מיר עפענען קיינמאָל קיין טיר און קיין פענסטער, און אפילו קיין קוואַטירעל פון אַ פענסטער אויך ניט, מחמת ס'איז אַ פּשוטע זאַך: לופט איז פאַר אַ הוסט אַ שחיטה, און פאַר אַ זאַדישקע — סם־המות...

אָט אַזוי האָט זיי אויסגערעדט דאָס האַרץ דער פעטער יאָסי און אָפּגעשיקט זיי אַהיים, פאַר'ן אוועקגאַנג געדאַנקט, וואָס זיי פערגעסען איהם ניט...

איהם פערגעסען? ווי קאָן מען פערגעסען אָן אַזאַ געטרייען פעטער, וואָס טראָגט אויפ'ן קאָפּ, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל פּלימע־ניקעס מיט פּלימעניצעס? איין אייגענער טאַטע דאַרף ניט מעהר טהון, ווי דער פעטער יאָסי טהוט פון זייערטוועגען אַלע יום־טוב. למשל, סוכות בענשען זיי אַלע אויף זיין אתרוג. חנוכה גרייט

אויסהערעןביידע צדדים מיט די עדות, אוים׳מוסר׳ען דעם בעל־דבר אליין:

— נאָווישטשע טי טאַקי פּערערוואָ? (וואָס ביזט דו אַזוי זשעדנע?) חיבאַזש בעזדיטנעי יאָסיקאָ טובי ניע דיאַדיקאָ? (איז דען דער אָהנקינדערדיגער יאָסי דיר קיין פעטער?)

און כדומה אַזעלכע רעד פלעגט אַריינזעצען אין איהם דער כּירוואָי, און די גאַנצע שטאָדט האָט געמאַכט פון איהם חוכא וטלולא. און פּערערווע זאָל זיך עס אַפּילו פערקרימען. גאָרניט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. אָט אַזאַ נפש איז פּערערווע. אצינד וועלען מיר אייך פאָרשטעלען זיין ווייב הצנועה מרת „פּערעוואַריכע“ שתחיה.

יעדער מאַן פערמאָגט פונקט אַזאַ ווייב ווי ער איז ווערטה. פּערערווע האָט אַ ווייב, דאַרף זי הייסען פּערעוואַריכע. דאָס הייסט, הייסען הייסט זי ראַצעל, נאָר אַ נאָמען האָט מען איהר געגעבען פּערעוואַריכע, איבער איהר כאַראַקטער. זי איז אַ ביסעל איין איינגעגעסענע. איטליכען בעזונדער קאָכט זי אויס דאָס וואַסער. מע קען זי אומעטום, ווי אַ בייזען שילינגער: „אָט איז זי שוין דאָ, די פּערעוואַריכע!“ — אַזוי זאָגט מען אויף איהר אין מאַרק, אַז מע דערזעהט זי פון דער ווייטען. פּערעוואַריכע, אַז זי וויל עפּיס קויפען, דינגט זי זיך אַזוי לאַנג, ביז מע זאָגט איהר אין די אויגען, אַז זי איז אַ פּערעוואַריכע. און דאָס האָט זי דוקא פיינט:

— מיט וואָס בין איך אַ פּערעוואַריכע? דערמיט, וואָס איך וויל ניט איבערצאָהלען? פאַר מיין געלט מעג איך מיך, דאַכט מיר, אַ ביסעל דינגען, צי ניין? זאָגט אפשר, אַז ניין? אָדער אפשר איז ביי מיר גנב׳יש געלט? אָדער אפשר מיינט איהר, אַז מיר האַנדלען מיט פאַלשע סיגנאַציעס? אָדער אפשר איז גלאַט אַ מצוה ביי מיר נעמען טייערער?...

פּערעוואַריכע איז אַ אידינע, וואָס לעגט ניט קיין כבוד אויף קיינעם. אַפּילו איהר אייגענער פעטער יאָסי (ער איז א י ה ר

— וואָס טהוט איהר אריין, פעטער, אַזעלכעס אינ׳ם חרוסת, וואָס ער קומט ארוים ביי אייך אַזוי בא׳טעמ׳ט?

דער פעטער יאָסי האָט אויסגעהערט די דאָזיגע אַלע זיסע רעד און ניט געענטפערט גאָרניט, נאָר געשאמקעט מיט די ליפען. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט זייער ווערטה, און דאָך פלעגט ער אָנקוועלען פון זיי, ווערען ברייטער ווי לענגער.

געהט, טענה׳ט, ווערד הייזעריג רעדענדיג — ס׳איז א פער־פאַלענע זאַך: חניפה איז א זיסער ביסען, מענשען האָבען עס ליעב, ווי צוקערלעקאַך.

ד.

צוויי אינטערעסאנטע פּאַרשוינען, מיט וועלכע מיר וועלען אייך באַלד בעקענען, זענען ליזא׳ס בעלי־בתים: „פערערווע“ און „פערעוואַריכע“.

„פערערווע“ — איז א צונעמעניש, וואָס לאָזט זיך ניט איבער־זעצען אויף קיין אַנדער לשון, סיידען אויף אונזער אידיש, זאָל לעבען. אויף אונזער אידיש וועט דאָס הייסען אַזוי גרוים, ווי „א קישקע אָהן א דנאָ“. מיט איינעם וואָרט, „פערערווע“ איז א מענש, וואָס ס׳איז איהם קאָרג די וועלט — און אָט אַזעלכער איז ער טאַקי. די גרעסטע קראָם אין כתרילעווקע איז זיינע, און דער גרעסטער פדיון איז ביי איהם. וואָס ער קאָן אַמאָל אָפלייזען אין איין שעה, וועלען דאָס דריי קרעמער ניט לייזען אין א וואָך — און ס׳איז איהם נאָך קאָרג. ער שלעפט קונים, שלעפט זיי ביי די פּאָלעס, שעמט זיך ניט ארויסשלעפּען זיי פון יענעמ׳ס קלייט, חאַפט אָפטמאָל פון די קרעמער א מיאוסען פסק — מיט א נאָסען בעזים איבער׳ן פּנים, אָדער מיט א קאָנאַווקע קאַלט וואסער איבער׳ן קאָפּ: „א איד א פערערווע זאָל ניט האָבען קיין טבע שטעקען די נאָז, וואו מע דאַרף ניט!“... אַזעלכע סקאַנדאַלען פלעגען זיך אויסלאָזען אַמאָל נאָך מיט א גרעסערען סקאַנדאַל ביי׳ם מיראָוואָי. דער מיראָוואָי, אונזער אַלטער בעקאַנטער פאַן מיליניעווסקי, פלעגט

ליזא איז ארויסגעגאנגען פונ׳ם פעטער יאָסין מיט׳ן חרוסת און האָט נאָך נישט געמאַכט קיין פינף טריט, איז שוין אויסגע־וואַקסען מאַקס, און דאָס פאָרעל האָבען זיך געלאָזט ביידע שפּאַ־ציערען איבער דער בעריהמטער כתרילעווקער בלאָטע, וואָס בע־ווייזט זיך ארוים מיט איהר גאַנצען חן, אַז עס קומט פּסח. אַלטע לייט דערצעהלען, אַז זיי געדענקען ניט, ווען ס׳זאָל זיין אַמאָל אין כתרילעווקע אַ טרוקענער פּסח. אידען, זאָגען זיי, האָבען שוין אַזאַ גליק, אַז עס קומט פּסח, ווערד אַ דערטרינקעניש איבער דער גאַנ־צער שטאָדט. נאָר ערגער ווי אומעטום איז דער גרויסער פּלאַץ, אָדער דער שוהל־הויף, דאָרט, וואו עס שטעהען אַלע שוהלען, בתי־מדרשים און קלייזלעך. די כתרילעווקער בעלי־עגלות, וואָס זענען שאַרף אויף צונעמענישען, האָבען דאָס אַ נאָמען געגעבען „דאָס טינטורעל“. אַהין, זאָגען זיי, אַז מע פאָהרט אריין מיט אַ וואָגען ערב־פּסח, דאַרף מען זיך אָפּגעזעגענען מיט ווייב און קינדער ביז העט נאָך שבועות.

פון דעסטוועגען — לעבען זאָלען די כתרילעווקער אידען! איהר זאָלט זעהען, ווי מע געהט אין שוהל אריין, אַז סע קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, און דוקא אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג, און דוקא מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, און דוקא אַטלעסענע. אַ סך האָבען זיך פערשפּעטיגט, לויפען זיי אין איין אָטהעם, חאָטש פערחאַפּען אַ ברכו. נאָר איין מאַקס חאַפּט זיך עפּיס ניט אַזוי אין שוהל אריין. מאַקס איז פערנומען מיט ליזא׳ן. ער האַלט מיט איהר אין מיטען אַ שמועס נאָך פון פריהער. זיי געהען האַרט ביי די ווענד, זוכען אַ סטעזשקע, און האָבען זיך אַזוי פערטיעפט אין זייער געשפּרעך, אַז זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט, וואו די צייט איז אַהינגעקומען. פּלוצים האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן אידען פון די שוהלען, און ליזא האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן מיט אימפּעט:

— אוי, אַ מכה אויף פערעוואַריכען! מע געהט שוין פון שוהל, און דער חרוסת, משטיינס געזאָגט...

פעטער, ניט איהר מאַנ׳ס), וואָס אַלע האָבען פאַר איהם דרך־ארץ, האָט מורא מיט איהר אָנצוהויבען. און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, ער פערטשעפּעט זי מיט אַ וואָרט, קאָן ער זיך פון איהר ניט אויס־באָדען אין צעהן וואַסערען. דער פעטער יאָסי האַפּט זיך דעמאָלט מיט ביידע הענד ביי די אויהערען, לויפט־ארויס אין דרויסען מיט אַ גוואַלד:

— רבונו של עולם! שטראָף מיך מיט כף־הקלע, מיט גיהנם, מיט וואָס דו ווילסט, אַבי לייז מיך אויס פון פערעוואַריכע׳ס מויל!

דער פעטער יאָסי האָט שוין געפּרובט אַ פּאָר מאָל סטראַשען זי מיט דער צוואה — האָט דאָס אויך ניט געהאָלפען. אדרבה, ס׳איז נאָך געוועזען פיעל ערגער. זי האָט זיך אין איהם אַזוי איינ־געגעסען אין די ביינער, אַז ער האָט געשוואָרען פאַר אַ גאַנצען מנין אידען, אַז זיי זאָלען וויסען, אַז טאָמער חלילה געהט ער פון דער וועלט, איז דאָס נאָר איבער איהר, איבער אָט דער פערע־וואַריכע!

אצינד וועלען מיר לערנען אַ קל־וחומר: מה־דאָך דער פעטער יאָסי, וואָס אַלע קוקען־ארויס אויף זיין ירושה, האָט פון איהר אָפּגעשניטענע יאָהרען, היינט לא־כל־שכן אַ מאַן, און נאָך אַזאַ מאַן, ווי פערערוועע, על אחת כמה וכמה — מעג מען דאָך אודאי בעגראָבען נייען איילען אין דער ערד, ער זאָל קיין תחית־המתים ניט אויפשטעהן! איך בין נישט פערעוואַריכע׳ס מליץ־יושר, נאָר איך געב איהר אָפּ דעם גערעכט: אַ מצוה אויף פערערוועען. ער האָט געוואוסט נאָך פאַר דער חתונה, אַז זי איז אַ שלאַק פון זיין ליעבען נאָמען, און האָט געהאַט ביד נאָך דער חתונה דרייסיג מאָל זי אָפּ׳גט׳ען; נאָר ער האָט דאָס ניט געטהאָן צוליעב׳ן פעטער יאָסי׳ס ירושה. כן יאבדו — אַזאַ סוף מעגען האָבען אַלע זשעדנע נשמות, וואָס פערקויפען זיך פאַר געלד!

מיר לאָזען איבער פערערוועען מיט פערעוואַריכען און קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער ליזאַ׳ן מיט איהר געליעבטען מאַקס.

חרוסת, איטליכען צו ביסלעך. בעת מעשה שיינט ביי איהם דאָס פּנים, ווי ביי אַ מלאך, און אַז מע ווינשט איהם, ער זאָל דערלעבען איבער־אַ־יאָהר און זיין רייך (דאָס האָט ער דוקא ליעב!), ענט־פערט ער מיט אַ זיס שמייכעלע, וואָס איז זעלטען אויף זיינע ליפּען: „גם אתם! גם אתם!“...

איצטיגס מאָל האָט זיך פערערווע אַ ביסעל פערשפּעטיגט מיט'ן חרוסת אויסטיילען. און איבער וועמען? איבער דער דיענסט. זי איז שפּעט געקומען. איין עזות פון אַ דיענסט! אַ תירוץ האָט זי צוגעטראַכט אפילו זעהר אַ קלוגען: דער פעטער יאָסי האָט זיך פערהוסט, זאָגט זי, מיט סכנת־נפשות. אַלע האָ־בען, זאָגט זי, געמיינט, אַז ס'איז שוין איין עק, אויס פעטער יאָסי!

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס־זשע איז געוועזן?

— וואָס זאָל זיין? געזונט און שטאַרק, אויף אַלע אידישע קינדער...

דער מלך מיט דער מלכה, דאָס הייסט, פערערווע און פערע־וואַריכע, קוקען זיך איבער אָהן ווערטער, לאָזען אַרויס אַ טיעפען זיפץ און מע זעצט זיך אַוועק צום סדר.

דער „סדר“ איז שוין אַזוי פיעל מאָל בעשריבען געוואָרען פון מיר און פון מיינע קאָלעגען, אַז אַלץ, וואָס איך וועל אייך איצטער זאָגען, וועט זיין ניט מעהר, ווי איבערגעקייט פון פאַר־אַ־יאָהרען. דאָס, וואָס איך וואָלט יאָ וועלען זאָגען איצט, איז נאָר איין זאַך: וואָס פאַר אַ כח ליגט אין דעם ליעבען הייליגען יום־טוב פּסח, אַז אפילו אַזאַ קאַלטע זאַך, אַזאַ טרוקענע בריאה, ווי פערערווע — אָסור, אויב איהר וועט איהם דערקענען! און פערעוואַריכע? וואָ: איז אַהינגעקומען איהר מויל, וואָס קאָן זיך קיינמאָל ניט בערו־היגען? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זייביידע אַזאַ מילדע ווייכקייט, אַזוי פיעל פריינדליכקייט און יום־טוב'דיגער חן אויף זייערע פּנימ'ער? עס איז, כלעבען, כדאי צו שטעהן פון דער־

ליזא האָט נישט געענדיגט די פּראַזע. עס האָט זיך געטראָ־פען מיט איהר דאָס, וואָס עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט א מיידעל אין כתרילעווקע: זי האָט זיך אויסגעגליטשט און האָט ארויס־געלאָזט דאָס טעצעל מיט'ן חרוסת גלייך אין בלאָטע אריין. אזא־אַנ־אומגליק! ליזא איז געוועזן אויס מענש! סע פערשטעהט זיך, אז וויפיעל ס'איז דאָ קללות אויף דער וועלט — זענען זיי גע־פלויגען אויף פערעוואריכע'ס קאָפּ. מאַקס האָט זי אָבער גיך בע־רוהיגט:

— חאַפּט זיי בעני, דיינע בורזשוקעס! לעג זיי אָן א פול טעלערעל מיט בלאָטע און לאָז דאָס זיין זיי פאר חרוסת! נישקשה, זיי האָבען גוטע מאָגענס. זיי וועלען דאָס פארדייען...

פאַר אזא מין עצה האָט זיך ליזא פריהער ווי דערשראָקען: וואָס הייסט, זי וועט אָנהאָדעוועז איהרע בעלי־בתים מיט בלאָטע? נאָכדעם איז דער געדאנק איהר אזוי געפעלען, אז זי האָט זיך אזש צעלאַכט פון דער דאָזיגער המצאה און האָט געטהאָן אזוי, ווי מאַקס האָט איהר געהייסען, און האָט זיך געלאָזט לויפען אהיים וואָס גיכער, זיך דריי מאָל געזעגענט מיט מאַקסען, שטארק געקוועטשט ביי די הענד.

ה.

עס ליגט שוין עפּיס אזעלכעס אין דער טבע פון א מענשען, אז גאָט שיקט אונז צו עפּיס א גוטע זאַך, טיילען מיר זיך דערמיט געהרן מיט'ן צווייטען. ובפרט אזא זאַך, וואָס איז א מצוה און סע קאָסט קיין געלד ניט. אונזער העלד פערערוווע, ווי דער לעזער ווייסט שוין, איז עפּיס ניט אזא מילדער נדבן, וואָס זאָל זיך מפקיר זיין לטובת הכלל; נאָר אז עס קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, דערוועקט זיך אין איהם א געפיהל פון צדקה, עס דערוואַרעמט זיך ביי איהם דאָס האַרץ, די האנד ווערד ביי איהם אויפגעבונדען און ער פערזאָרגט אלע זיינע נאָהענטע שכנים מיט'ן פּעטער יאָסי'ס

געוועז זיין פעטער, ניט איהרער, וואָלט שוין פערעוואריכע אָפּגעשפּיעלט פערערוועז א סדר, אז עס וואָלט איהם פינסטער גע־וואָרען די וועלט און נמאס דאָס קעניגען... היינט די בזיונות פון די שכנים — וואָס וועלען די שכנים זאָגען? און כך הוה — אזוי ווי דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט: זיי זענען נאָך ניט פארטיג געוואָרען מיט'ן ערשטען האלבען סדר, האָט זיך געעפענט די טיר און עס האָבען אָנגעהויבען געהן שלוחים פון די שכנים איינס נאָך דאָס אנדערע:

— נאַט אייך אָפּ צוריק אייער חרוסת...

— דער טאַטע האָט אייך געשיקט זאָגען א דאנק פאר'ן חרוסת...

— אזא חרוסת עסט שוין בעסער איהר אליין געזונטערהייד...

אויף מאָרגען פסח נאָכ'ן טיש זענען אלע פלימעניקעס און פלימעניצעס מיט זייערע קינדער געקומען, ווי דער מנהג איז, צום פעטער יאָסי גוט יום־טוב בעטען. דער פעטער יאָסי האָט זיי אָנגעגרייט א טיש פון כל־טוב: דעם בעסטען ראָזינקעס־וויין (צע־מישט מיט פסח'יגען וואסער), א סך וועלישע ניס (צום מיינסטען, פוסטע) און זילבערנע כוסות מיט פסח'יגע גלעזלעך אָהן א שיעור. דער פעטער יאָסי, אין זיין יום־טוב'דיגען צעריסענעם, נאָר זיידע־נעם אויסגענייהטען חאלאַט, מיט דער געשטיקטער יארמעלקע אויפ'ן קאָפּ, האָט אויסגעזעהען ווי א טערקישער פאשא, וואָס האָט אזוי ליעב געסט, אז ער וואָלט זיי אוועקגעגעבען די נשמה. ער האָט נישט גערוהט, נישט געקאָנט זעהען, טאָמער זיצט איינער אָהן ארבייט, און האָט אלץ געבעטען:

— קנאַקט, קינדערלעך, קנאַקט ניס און פארטרינקט מיט וויין, נאָר ווערד ניט שכור... פארגעסט ניט, אז מיר האָבען היינט ביי־נאַכט נאָך א סדר מיט נאָך א מאָל ארבע־כוסות, מיט נאָך א מאָל מרור און חרוסת...

— דער חרוסת איז אייך הייגטיגס יאָהר אָפּגעראָטען, פעטער, מעהר ווי אלע יאָהר.

ווייטען און צוזעהן, ווי אזוי עס געהט צו ביי זיי דער סדר. ווי אַלץ איז ניי, אַלץ איז ריין, אַלץ גלאַנצט, ווי גינגאָלד, און אַלץ זיצט ביי׳ם טיש מיט רעשפּעקט, און אַלע אויגען קוקען אהין, אויף איין מענשען, אויפ׳ן גוטען ליעבען קעניג פון דער דאָזיגער נאַכט, אויף פערערוועז, ווי ער טיילט־אויס פון זיין פולער האנד איט־ליכען בעזונדער אויף א שטיקעל מצה זיין חלק מרור און חרוסת. פריהער פון אַלע בעקומט איהר חלק, ווי דער עטיקעט פאָדערט עס, די קעניגין (פערעזוואריכע). נאָך דער קעניגין בעקומען צו ביסלעך מרור און חרוסת די פּרינצען (די קינדער זייערע), וואָס קוקען ארויס אויף דעם, ווי אויף עפּיס רעכטס. נאָך די קינדער בעקומט אויך די דיענסט א היבשען חלק (דאָס איז שוין מחמת גוטסקייט), און ערשט אז די גאַנצע קעניגליכע פאמיליע איז שוין ארומגעטיילט מיט מרור און חרוסת, נעמט דער קעניג (פערערוועז) און לעגט זיך אָן אַליין אויך א היבשע פּאָרציע, זאָגט דעם „הנני מוכן ומזומן“ מיט א שענעם ניגון, מאַכט די ברכה און עסט אָנ־געלעהענט, מיט ברייטקייט, ווי עס פּאַסט פאַר א מלך. אויף איהם קוקענדיג, נעמט זיך די מלכה אויך צום עסען, ווי דער עטיקעט פאָדערט עס, און אויף זיי קוקענדיג, טראָגען אויך די קינדער צו צום מויל דעם חרוסת און פערקרימען זיך:

— אוי! וואָס איז דאָס פאַר א מין חרוסת?... קריצט אונ־טער די צייהן און שמעקט מיט... פע!

איין אנדערס מאָל וואָלטען חברה קליינוואַרג זיך ניט גענאַרט פאַר אזא איין עזות: זאָגען אויף חרוסת „פע“!... איצטיגס מאָל אָבער איז זיי אָפּגעלאָפּען גלאַט, ווייל דער מלך מיט דער מלכה זענען אַליין אויך געבליבען זיצען מיט פולע מיילער, ניט אהין, ניט אהער: איינשלינגען — קאָן מען ניט, אויסשפּייען — טאָר מען ניט... נאָר איין ליזאַ איז געזעסען און געקייעט, ווי א קאַלב, איהר חלק מצה (דעם חרוסת האָט זי בעצייטענס אראָפּגעלאָזט אונטער׳ן טיש...). מיט א שענעם חרוסת האָט זיי היינטיגען פּסח דער פעטער יאָסי מכבד געווען! וואָלט חאָטש דער פעטער יאָסי

אזוי זענען אַנגעפאַלען אויף איהר אַלע איבעריגע פלימעניקעס און פלימעניצעס, און פערעוואריכע איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגעבראכט און האָט זיי אוועקגעגעבען בכפל־כפלים:

— משוגע מעגט איהר שוין אַלע ווערען פאר מיר און פאר מיין מאַן און פאר מיינע קינדער! איך בין א מענטש, וואָס קאַטאָרי כ'האָב ליעב זאָגען דעם אמת — איך וועל ניט געהן לעקען די פינגער פון אזא, איך בעט איבער אייער כבוד, א ביסעל...

— א ביסעל וואָס?

— א ביסעל דאָס!...

— פעטער! איהר הערט, וואָס זי זאָגט? זי זאָגט אויף אייער חרוסת, אז ס'איז, איך בעט איבער אייער כבוד, א ביסעל דאָס!...

ווער איז דאָ אים שטאַנד אָפּמאָהלען דעם פעטער יאָסי'ס געקנייטשט פארמעט־פּנים, מיט'ן פעטער יאָסי'ס נאַסע אויגען, מיט'ן פעטער יאָסי'ס אומגעלומפערט שמייכעלע, וואָס האָט זיך אויסגעלעגט אויף זיינע האַלב־טוידטע ליפּען? ער האָט זיך עפּיס מאָדנע איינגעבויגען, געוואָרען מיט א מאָל קלענער, און א זאָג געטהאָן צו אַלעמען און צו קיינעם ניט, נאָר אין דער לופט אריין:

-- אלה תולדות פערעוואריכע!...

מעהר האָט מען ניט בעדארפט. פערעוואריכע, אז זי האָט דערהערט איהר אמת'ען נאָמען, האָט דאָס זי אזוי אויפגעטראָגען, אז זי האָט אָנגעהויבען שיטען פעך און שוועבעל, ניט נאָר אויף די קרובים, נאָר אפילו אויפ'ן פעטער יאָסי'ן אַליין. וואָס ס'איז איהר געקומען אויפ'ן מויל — דאָס האָט זי איהם געזאָגט. עס האָט ניט געהאָלפען פערערווע'ס אריינמישען זיך און פערערווע'ס צוהאַלטען זי פאר די הענד:

— לאָז מיך! איך בין א מענטש, וואָס קאַטאָרי איך האָב ליעב זאָגען דעם אמת! — האָט זי געשריגען א ן געריסען זיך

— פון אייער חרוסת איז מיר ניט איבערגעבליבן צום אנ־דערען סדר, איהר זאָלט זאָגען, פעטער, אויף א רפואה.

— מיט אייער חרוסת האָבען מיר זיך, פעטער, געטיילט, ווי מיט קרעפּעל־פלייש.

— וואָס טהוט איהר אריין, פעטער, אזעלכעס אינ׳ם חרוסת, וואָס ער קומט ארוים ביי אייך אזוי באַ׳טעמ׳ט?

אָט אזעלכע קאָמפּלימענטען זענען געפלויגען פון אלע זייטען, פונקט ווי אלע יאָהר. נאָר איין פערערווע מיט פערעוואריכען האָבען געשוויגען, געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע און געקאָכט זיך שטילערהייד אינוועניג, אזוי לאנג, ביז פערעוואריכע האָט דער־פיהלט, אז עס פּלאצט אין איהר די גאל, אז טאָמער וועט זי שווייגען נאָך איין מינוט, איז איין עק פון איהר לעבען! — און זי האָט אויפגעעפענט איהר מויל און האָט אוועקגעלעגט א מענה־לשון, אזוי ווי זי קאָן, און האָט זיי אלעמען אָנגערופען מיט׳ן אמת׳ען נאָמען, וואָס זיי האָבען פערדיענט:

— פארשטאָכענע אויגען! פאלשע מענטשען! פארקויפטע נשמות! חאליפּאָסניקעס! טעלערלעקער!... מע גיט אייך א ביסעל וויים איך וואָס, א ביסעל גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר די רעד, און מע זאָגט אייך, ס׳איז חרוסת, — לעקט איהר די פינגער!?...

א באָמבע זאָל געווען אראָפּפאלען פון סטעלי און פלאצען ביי׳ם פעטער יאָסי׳ן אין שטוב, וואָלט זי ניט בעדארפט אָנמאכען אזא רעש, ווי עס האָבען געמאכט פערעוואריכע׳ס ווערטער. סטייטש! זאָגען אויף דעם פעטער יאָסי׳ס חרוסת, אז ס׳איז „א ביסעל וויים איך וואָס“, „א ביסעל גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר די רעד“, און נאָך וואו? ביי׳ם פעטער יאָסי׳ן אין שטוב, פאר׳ן פעטער יאָסי׳ן אין די אויגען! ניט אנדערש, אז פערעווא־ריכע איז נעריהרט, ניט ביי אלע געדאנקען.

— ראצעל! וואָס רעדט איהר דאָס? גאָט איז מיט אייך! איהר זענט משוגע? צי חסר־דעה?

ליזא האָט ניט חתונה געהאַט פאַר מאַקסען, ווייל ער איז געפאַלען, ווי א סנאָפּ, אינ׳ם ערשטען גרויסען שטרייק נאָכ׳ן ער־שטען גרויסען שאָס... איז זי אין אַמעריקאַ. זי אַרבייט דאָרטען מיט איהרע צוויי יונגערע שוועסטערלעך אין א „שאַפּ“ און געהט מיט זיי אויף אַלע „מיטינגען“. און חאָטש זי איז נאָך א „גרינע“ אין ווערד פערשוואַרצט, ווי די אידען אין מצרים, פון דעסטוועגען, אַז איהר פרעגט זי, וואָס זי מאַכט, ענטפערט זי אייך, אַז זי איז „אָלרייט“ און האָפט נאָך אַלץ אויף דער גאָלדענער צייט... מיר וועלען זיך נאָך מיט איהר אמאָל בעגעגענען. זי האָט אונז וואָס צו דערצעהלען... דערוויילע ווינשען מיר אייך א גוטען, א פרייליכען, א כשר׳ען פּסח.

צום פעטער יאָסי'ן און האָט איהם אָנגערופען מיט א סך מאָדנע נעמען: „אָפּגאָט!“ „גאָלדענער זאק!“ „קול שטרוי!“ „ציעגענע ביבקע!“ „אלטער תרח!“ „אויסגענייהטע יאמפּערקע!“ „חרוסת־פאַבריקאַנט!“...

איך ווייס ניט, וועלכער פון די דאָזיגע שונד־נעמען האָט אויף איהם אממעהרסטען געווירקט, נאָר דעם פעטער יאָסי'ן איז מיט א מאָל געוואָרען שטארק שלעכט און ער האָט זיך פערהוסט אויף א גאַנצער שעה — די „זאדישקע“ האָט זיך אין איהם צע־שפּיעלט מיט סכנת־נפשות. מען איז געלאָפען און מע האָט גע־בראַכט דעם דאָקטאָר און מע האָט געטהאָן וואָס מע האָט געקאָנט. נאָר ס'איז געוועזן ארויסגעוואָרפען: דעם זעלבען אויפדערנאַכט, פונקט צום אנדערען סדר, האָט דער פעטער יאָסי אָפּגעגעבען גאָט די נשמה.

עפּילאָג.

תכף נאָך פסח האָבען זיך צונויפגעקליבען ביי'ם פעטער יאָסי אין שטוב אלע זיינע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און מע האָט איבערגעלייענט די צוואה, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער פעטער יאָסי (זאָל ער מיר מוחל זיין אויף יענער וועלט!) האָט זיי אלע געפּיהרט אין באָד אַריין. זיין גאַנץ עשירות, אז מע האָט דאָס איינגעטיילט צווישען אלע קרובים, האָט זיך אָנגענומען אָרום און ארום בסך־הכל עטוואָס מעהר, ווי א הונדערטער אויף א פּאַרשוין. ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט יענע צייט אונזער העלד פערערוועץ, דער האָט קיינמאָל אויף זיין לבען קיין אמת'ען צער ניט געזעהען. א שענערען לעגט מען אין דער ערד אריין. און פערעוואַריכע? — פערעוואַריכע האָט אויסגעלאָזט איהר גאַנץ ביטער הארץ מיט אלע צרות אויף פערערוועץ. עד היום נאָך פּיילט זי איהם און פּיעדעלט איהם אויף וואָס די וועלט שטעהט, און פע־רעווע נעבאָך מוז דאָס שטילערהייד אראָפּשלינגען. א ברירה האָט ער? ס'איז, זאָג איך אייך, א גאָטס רחמנות אויף דעם אידען!...

שלום עליכם

מ אָ נ אָ ל אָ ג ע ן

אינהאַלט

דאס טעפעל	7
גענז	27
אַ ווייסע כפרה	45
דער יום־טוב׳דיגער צימעס	55
א גגידישע פּרעזשענציע	65
איין עצה	71
ביי׳ם דאַקטאָר	93
יוסף	105
חאַבנע	135
ס׳אַ ליגען!	153
דריי אַלמנות	163
פון דער ריוויערא	213
גיטעל פּורישקעוויטש	221
דאַקטוירים	235
מיכטער גרין האַט אַ דזשאָב	243
אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן	251

Copyright, 1921, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

דאַס טעפּעל

נעשריבען אין יאָהר 1901.

דאָס טעפּעל

— רבי! איך וויל אייך פרעגען א שאלה וויל איך אייך. איך ווייס נישט, צי קענט איהר מיך, צי קענט איהר מיך נישט. איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאָפּניטשקע. איך האַנדעל מיט אייער האַנדעל איך, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מיינע שטענדיגע קונה'טעס האָב איך מיר, א צוויי־דריי הייזער, האַלטען זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבען געזונט און אַלדאָס גוטס; וואָרום איך זאָל נאָך דאַרפען צאָהלען פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אויף דער „המוציא". חאַפּ איך א דרייערעל חאַפּ איך, א מאָל דאָ, א מאָל דאָרטען, דאָ גענומען, דאָרט געגעבען, דאָרט געגעבען, דאָ גענומען — מע דרעהט זיך, משטיינס געזאָגט! אודאי, וואָס זאָלט איהר קלערען, ווען מיין מאַן עליו־השלום זאָל מיר אצינד לעבען — טע־טע־טע!... האָטיש אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע צוריק, האָב איך קיין האָניג פאַר איהם נישט געלעקט, וואָרום קיין פאַרדיענער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער דאָך נישט געווען, נאָר געזעסען און גע־לערענט, געזעסען און געלערענט, און געהאָרעוועט האָב א י ך, און האָרעווען בין איך געוועהנט נאָך פון קינדווייז אויף, נאָך ביי מיין מאַמע עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסען, בתיה די לעכט־ציהערין, זי איז געווען א לעכטציהערין, פלעגט אויפקויפען הלב ביי די קצבים און ציהען לעכט, חלב'ענע צעפּלעך, מע האָט נאָך נישט געוואוסט דעמאָלט פון קיין גאַז און פון קיין לעמפּלעך מיט

ער נישט אויס. קומט דער דאָקטער און טאַפּט איהם בײ'ם דופק. וואָס טאַפּסט דו איהם בײ'ם דופק, דו נאַרישער לעקיש ?... אודאי, מע זאָל איהם, יאָקלען הייסט דאָס, נישט געװען אָפּפּיהרען קיין יעהופּעץ, וואָלט ער שוין איצטער אָנגעשפּאַרט, ווייסט איהר וואו ? דאָרטען, וואו די שוועסטער זיינע, פּערעל נעבאך, וואָס איז אוועק־געגאַנגען פון אַ גוט אויג, ניט פאַר אייך געדאַכט, אין קימפּעט...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד ? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט : איין אַלמנה... איך בין געבליבען איין אַלמנה, ניט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגעט הייסט דאָס, מיט אַ קליין קינד און מיט אַ האַלבער שטוב אויף די „קבצנ־ווקעס", די אַנדערע פון לייזער דעם סטאָליר'ס דירה, אויב איהר ווייסט ; נישט ווייט פון דער באָד. וועט איהר דאָך פרעגען, וואָס עפּיס אַ האַלבע שטוב נאָר ? מחמת די אַנדערע האַלבע איז נישט מיינע ; זי געהערט צו מיין שוואָגער געהערט זי, עזריאל הייסט ער, איהר קענט איהם, אַליין איז ער אַ וועסעלעקוטער, פון וועסעלעקוט, אַ שטעדטעל אַזעלכעס, און האַנדלען האַנדעלט ער מיט פיש, און פּאַרדיענט, קיין עין־הרע, זעהר שען, עס ווענדט זיך ווי דער טייך האַלט : איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש ; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס. פרעג איך איהם : „וואָס איז דער שכל ?" זאָגט ער : „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל : איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש ; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל"... זאָג איך : „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל ?" זאָגט ער : „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל : איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש..." „טפו זאָלסט דו ווערען ! — זאָג איך צו איהם. — גערה טענה מיט אַ גראָבען יונג"...

גלעזלעך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט ביי מיר אַ גלעזעל, און פאַר צוויי וואָכען אַ גלעזעל...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: יונג געשטאָרבען... אַז מיין משה־בנציון עליו־השלום איז געשטאָרבען, איז ער אַלט געווען סך־הכל זעכס און צוואַנציג יאָהר. האַ? נאָך אַ מאָל: ווי אַזוי זעכס און צוואַנציג? נייענצעהן איז ער אַלט געווען צו דער חתונה, אַ יאָהר אַכט איז פאַרהאַן אַז ער איז געשטאָרבען, איז אינאיינעם נייענצעהן און אַכט — אפּנים, אַזוי גרויס ווי דריי און צוואַנציג. פאַר וואָס זשע איז ביי מיר אויסגעקומען זעכס און צוואַנציג? ווייל איך האָב פאַרגעסען די זיעבען יאָהר, וואָס ער האָט געקרענקט. דאָס הייסט, קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מעהר, ער איז געווען פון תמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט איהם אוועקגעלעגט! ער פלעגט, נישט פאַר אייך גערעדט, שטענדיג הוסטען, דאָס הייסט, נישט שטענדיג, נאָר דעמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פלעגט ער זיך פאַרהוסטען, און אַז ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ס'איז ביי איהם אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט, אַזעלכעס, וואָס אַז מע וויל הוסטען, הוסט מען, און אַז מע וויל ניט הוסטען, הוסט מען ניט. שטראָם־גראָם, מאַך מיר אַ האַרמידער! ציעגען זאָלען אַזוי וויסען אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען, ווי זיי ווייסען, די דאָקטוירים הייסט דאָס, ווער ס'האָט זיי געשלייערט!... אָט האָט איהר רב אהרן דעם שוחט'ס יונגעל, יאָקעל הייסט ער, עס האָט איהם וועה געטהאָן אַ צאָהן האָט איהם וועה געטהאָן, האָט מען איהם געטהאָן אַלסדינג, געשפּראָכען און געשטאָכען, און געזעהען, אַז עס העלפט נישט. געהט ער, יאָקעל הייסט דאָס, און לעגט־אריין אַ קנאָבעל אין אויהער אריין, — מע זאָגט, אַז ס'איז אַ רפואה קנאָבעל צו צייהן־וועהטיג — האָט ער זיך געריסען אויף די גלייכע ווענט, יאָקעל הייסט דאָס, און פונ'ם קנאָבעל זאָגט

זאָל דעם אַנדערען חדר פאַרדינגען דער מיטניטשקע, גנעסי הייסט זי. זי האַלט אַ קליימעל פון מעהל האַלט זי. אַ גוטע שטוקע!... תּחילת, איהר זאָלט זעהען, איז זי געווען ווייך, ווי אַ האָניגטייגעל, קוצעניו־מוצעניו, נשמה׳ניו, האַרצעניו, זי וועט מיר דאָס, זי וועט מיר יענעס... וואָס באַדאַרף זי דען, משטיינס געזאָגט? אַ שטיקעל אויוועו אויף צושטעלען דאָס טעפּעל, איין עק בענקעל אויף אויס־זאַלצען דאָס שטיקעל פלייש איין מאָל אין וואָך, און אַ ברעג טישעל אויף אויסקאַטשען אַ בלעטעל לאָקשען איין מאָל אין אַ יובל... „און די קינדער, זאָג איך, וואו וועט איהר אהינטהון די קינדער אייערע וואו? איהר האָט דאָך, גנעסי, זאָלען געזונט זיין, קליינע קינדער האָט איהר דאָך!”... „וויים איך, זאָגט זי, וואָס איהר רעדט, יענטע־לעבען! איהר ווייסט דען, וואָס דאָס איז פאַר קינדער? בעריליאַנטען, נישט קיין קינדער! זומער־לעבען וואַלגערען זיי זיך אין דרויסען אַ גאַנצען טאָג, און ווינטער פאַר־קלויבט מען זיך אויפ׳ן אויוועו, ווי די שעפעלעך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פּיפּס. איין חסרון נאָר, וואָס זיי דאַרפען, קיין עין־הרע, אַ סך, האָבען ליעב קייען, פּיקערס, קיין עין־הרע”... נו־נו! אודאי האָב איך מיר געקויפט איין אומגליק אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ! מילא קינדערלעך — איינס און איינס, איבער־געוואַשענע, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד, אַ שטיקעל ברויט איז פאַר זיי נישט אויפצוועסען! טאָג ווי נאַכט איז ביי זיי הו־האַ! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הרג׳עט זיך און מע שלאָגט זיך — אַ גיהנם! וואָס זאָג איך אַ גיהנם? דער גיהנם, זאָג איך צייך, איז גאָלד!... נאָר מיינט נישט, אַז איהר זענט פאַרטיג. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, וואָרום אַ קינד קאָן מען איינשטילען: אַ זעץ, אַ פּאַטש, אַ קניפּ — פאָרט אַ קינד! האָט איהר גאָט געגעבען אַ מאַן, עוזר הייסט ער; איהר מוזט איהם קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערשטען קלייזעל, נעבאַך אַ כשר׳ער איד, און, דאַכט זיך, גאָר נישט אַזאַ גרויסער נאַר אויך; זאָלט איהר הערען, ווי זי באַגראָבט איהם, גנעסי הייסט

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איין אייגענע דירה... אודאי איז גלייכער איין ווינקעלע איין אייגענס, איידער שלעפּען זיך אין שכנות. ווי זאָגט איהר: „מיינס איז נישט יענעמס!“... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מיין האַלבע שטוב, אַ שטיקעל נחלה, נישט צו פאַר־זינדיגען. נאָר איך בעט אייך, צו וואָס באַדאַרף איין אַלמנה, משטיינס געזאָגט, מיט איין־און־איינציג קינד אַ גאַנצע האַלבע שטוב? פאַרהאַן וואו דעם קאָפּ אַנידערלעגען — גענוג! ובפרט, אַז מע באַדאַרף זי דעקען, די שטוב, זי שטעהט שוין היבשע עטליכע יאָהר נישט געדעקט שטעהט זי; דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מיינער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקען!... „צייט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקען!“ „נו, זאָג איך, למאי זשע דעקט מען זי נישט?“ זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקען“... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקען“... דעקען־דעקען, דעקען־דעקען — און דערביי בלייבט דאָס. וואָרום אויף דעקען באַדאַרף מען שטרוי, פון שינדעל שמועסט מען נישט, וואו האָב איך אויף שינדעל? פאַר־דינג איך צוויי חדרים פאַרדינג איך. אין איין חדר'על זיצט ביי מיר חיים־חנה דער טויבער, איין אַלטער מאַן, שוין עובר־בטל. די קינדער צאָהלען מיר פאַר איהם פינף גילדען אַ וואָך דירה־געלט, און עסען עסט ער ביי זיי, אַ טאָג איבער אַ טאָג, דאָס הייסט, אַ טאָג עסט ער און אַ טאָג פאַסט ער, און דעם טאָג, וואָס ער עסט, עסט ער אויך מכות. אַזוי זאָגט ער, חיים־חנה דער טויבער. און אפשר איז דאָס אַ ליגען אפשר? אַלטע לייט האָבען ליעב וואָר־טשען; וויפיעל מע גיט זיי, איז ווינציג, וואו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און וואו מע לעגט זיי, איז הארט...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שכנים... קיין גוטער איד זאָל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז אַ טויבער, האָטש אַ שטי־לער שכן, ווי זאָגט איהר: מע הערט איהם נישט און מע זעהט איהם נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער יאָהר געטראָגען, איך

זאָלט זעהען — תּמיד חושך, שטענדיג פינסטער, פאַרטיאָפּעט און פאַרשליאָפּעט ביז׳ן האַלז, די פּאָמוניצע פול ווי איין אויג — טפו !... קומט דער פריהמאָרגען — איז הימעל עפּען זיך ! ס׳איז דען קינדער ? שדים, נישט קיין קינדער ! פונקט ווי מיין דוד׳על, להבדיל באַלף הבדלות ! וואָרום מיין דוד׳על זאָל געזונט זיין איז דאָך א גאַנצען טאָג אין חדר איז ער, און קומט ביינאַכט, נעמט ער זיך צו דער ארבייט : אָדער ער דאַווענט, אָדער ער לערענט, אָדער ער קוקט אַזוי אַריין אין א ספר קוקט ער. און איהרע קינדערלעך — גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד ! אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט... איהר פאַרשטעהט ? בין איך שולדיג, אַז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַזא חאַליאַסטרע פון סאַוואָולעס און פון גאָנצעס, און מיר האָט ער געשענקט אַזא מתנה, א שטיק גאָלד, א בריליאַנט, עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטעהרט ווערען, רבונו־של־עולם, וואָרום ער קאָסט מיך גענוג טרערען קאָסט ער מיך ! קוקט נישט, וואָס איך בין א אידינע ! א מאַנסביל אויף מיין אָרט וואָלט דאָס געוויס נישט איבערגע־טראָגען ! עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין. פאַרהאַן מאַנס־בילען אַזעלכע, וואָס זענען טויזענט מאָל ערגער פון ווייבער זענען זיי ; אַז סע קוועטשט זיי צו עפּיס א זאַך, ווייסען זיי נישט, וואו זיי זענען אין דער וועלט... וואָס דאַרפט איהר א סך ראיות ? אָט נעמט, למשל, יאָסי משה־אַברהמ׳ס : כּל־זמן פרומע־נעחע האָט איהם געלעבט, האָט ער זיך געהאַלטען, און אַז זי איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבען, האָט ער אָפּגעלאָזט הענט און פיס און לייב און לעבען... „רב יאָסי, זאָג איך צו איהם, גאָט איז מיט אייך ! מילא, אַז סע שטאַרבט א ווייב, וואָס זאָל מען טהון ? ס׳איז א גאָט׳ס זאַך !”... ה׳ לקח ה׳ נתן, ווי אַזוי שטעהט דאָרטען געשריבען ביי אונז אין די הייליגע ספרים ? אייך באַדאַרף מען נישט דערצעהלען, מסתּמא ווייסט איהר בעסער...

— יאָ, אקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד ? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט : א בן־יחיד... ער איז ביי מיר איין־און־

דאָס: עוזר, אהין! עוזר, אהער! עוזר, דאָס! עוזר, יענעם! עוזר־עוזר! עוזר־עוזר!... און ער — אָדער ער זאָגט־אָפּ א ווערטעל (ער איז נאָך א ווערטעלזאָגער צו די צרות), אָדער ער רוקט־אָן דאָס היטעל און געהט אוועק... ס'איז נאַר, זאָג איך אייך, א הצלחה און גענוג!...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך! לאָז מיר דאָס דער רבונו־של־עולם נישט פאַר־רעכענען פאַר קיין לשון־הרע; איך דאַרף אויף איהר, וואָס איז שייך, קיין שלעכטס נישט רעדען. וואָס האָב איך צו איהר? זי איז א אידינע, וואָס האָט ליעב געבען איין אָרעמאַן א שטיקעל ברויט. נאָר דער גוטער יאָהר זאָל זי וויסען: אז עס קומט איהר אָן די מאַנקאָליע — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ס'איז א בזיון צו דערצעהלען: קיין אַנדערען וואָלט איך דאָס געוויס נישט געזאָגט, נאָר בּיי אייך, ווייס איך, וועט דאָס זיין א סוד... ששש... זי פּאַטשט איהם אונטער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אז קיינער זעהט נישט... „אי, זאָג איך צו איהר, גנעסי, גנעסי! ווי האָט איהר קיין מורא נישט פאַר גאָט? פאַר גאָט ווי האָט איהר קיין מורא נישט?"... זאָגט זי: „ס'איז נישט אייער באָבע'ס דאגה"... זאָג איך: „א שענע ריינע כפּרה"... זאָגט זי: „לאָז דער זיין די כפּרה, ווער עס קוקט אריין אין יענעמ'ס טעפּעל"... זאָג איך: „לאָז דעם אַרויס די אויגען, ווער עס האָט קיין בעסערס נישט גע־זעהען"... זאָגט זי: „לאָז דעם פּאַרלעגען, ווער עס הערט זיך צו"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזא פּיסקאַטע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איך האָב ליעב ריין... למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב טאַקי ליעב, ס'זאָל זיין ריין אין איטליכס ווינקעלע. וואָס קומט מיר דערפאַר? קאָן זי אפשר נישט ליידען, גנעסי הייסט דאָס, למאי ביי מיר איז ריין, ביי מיר איז שען, ביי מיר איז ציכטיג, ביי מיר איז ליכטיג. און ביי איהר? איהר

גע‏מישט, און איך האָב קוים־קוים דערלעבט די בר־מצוה זיינע! מיינט איהר דאָך, אז ס'איז איין עק? הערט זשע אויס איין אנטיק: באַדאַרף ער ניט געהן איינמאָל ביינאַכט, ווינטער איז דאָס געווען, פונ'ם חדר, און באַגעגענען עפּיס איינעם אָנגעטהאָן אין גאָלע ווייסען און פּאַטשען מיט ביידע הענט?... אודאי האָט זיך נעבאַך דאָס קינד איבערגעשראָקען אויף טוידט און איז אַנידער־געפאַלען חלשות אויפ'ן שניי, און מע האָט איהם געבראַכט אהיים א טוידטען האָט מען איהם געבראַכט, קוים־קוים אָפּגעמינטערט; און אַז מע האָט איהם אָפּגעמינטערט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט אַנידערגעלעגט, אַ וועהטיג איז דער מאַמע זיינער, און איז אָפּ־געלעגען אין אַ העליש פייער אַזוי גרויס אַזוי קליין, ווי זעכס וואָכען!... ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט אָט דאָס שטיקעל צייט — איז טאַקי נאָר אַ נס מן השמים! וואָס האָב איך דעמאָלט נישט איבערגעטהאָן? געגעבען נדרים, פאַרקויפט איהם און צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט איהם נאָך אַ נאָמען (חיים־דוד־הערש), און טרערען — טרערען, ווער רעדט פון טרערען? „גאָטעניו, האָב איך גע'טענה'ט צום רבונו־של־עולם, ווילסט מיך שטראָפען? שטראָף מיך מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מיין קינד זאָלסט דו ביי מיר ניט צונעמען זאָלסט דו ניט!"... און אַז גאָט האָט מיר געשענקט די מתּנה, ער איז געזונט געוואָרען, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איך קאָן דיר אָפּגעבען אַ גרוס פונ'ם טאַטען. דער טאַטע איז ביי מיר געווען צו־גאַסט"... דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר שיער די נשמה אַרויס, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיהען, זאָג איך. אַ סימן, אַז דו וועסט, אם ירצה השם, לאַנג לעבען און זיין געזונט"... אַזוי זאָג איך איהם, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... ערשט אָט־שפּעט, אין אַ צייט אַרום, ווער איך געוואָהר, אַז דער, וואָס איז געווען אָנגעטהאָן אין ווייסען און געפּאַטשט מיט די הענט, ווייסט איהר, ווער דאָס איז געווען? אַנו, טרעפט, רבי, איהר זענט דאָך אַ חכם! — רב ליפּא איז דאָס געווען, ליפּא דער וואַסערפיהרער!

איינציגער, ווי זאָגט איהר: איין אויג אין קאָפּ, דוד'על הייסט עס. איהר קענט איהם נישט? ער הייסט נאָך מיין שוועהר דוד־הערש הייסט ער. איהר זאָלט איהם זעהן — אינגאַנצען דער פאָטער, איהם צו לענגערע יאָהר, אינגאַנצען משה־בנציון, אפילו די וואוּנס די אייגענע, און דאָס פּנים — ווי ביי איהם, עליו השלום: געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיווערט, הויט און ביינער, און שוואַך, אויסגעמוטשעט נעבאך פונ'ם חדר, פון דער גמרא... „אָבער געגוג דיר, זאָג איך צו איהם, געגוג דיר, זוהנעניו, רוה זיך אָפּ א ביסעל, זעה וואָס פאר א פּנים דו האָסט, נעם עפּיס אין מויל אַריין, זאָג איך, עס עפּיס, טרינק עפּיס, נאַ דיר אַ גלעזעל ציקאָריע נאַ דיר!"... „ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בעסער אליין, מאַמע; דו האָרעוועסט, זאָגט ער, איבער'ן כח. איך וואָלט דיר בעסער געהאָלפען, זאָגט ער, טראָגען דעם קאָשעק פונ'ם מארק"... „ס'אַ משל! — זאָג איך. — וואָס רעדסט דו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו וועסט טראָגען קאָשעקעס? ניט דערלעבען וועלען דאָס מיינע שונאים, איך האָב געגוג שונאים! דו באַדאַרפסט, זאָג איך, לערנען, זיצען און לערנען!"... און בשעת מעשה קוק איך אויף איהם, אויף מיין דוד'לען הייסט דאָס, — אינגאַנצען ער, עליו־השלום, אפילו מיט'ן הוסט, פאַרפינסטערט און פאַרוויסט בין איך געוואָרען! יעדער הוסט, וואָס ער טהוט, רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ! וואָרום איידער איך האָב איהם דערלעבט צו זעהען אַ שטיקעל מענטש, זענען מיר גוט די אויגען אַרויסגע־קראָכען! אז בסך־הכל, דאַרפט איהר וויסען, האָט זיך גאָר קיינעם נישט געגלויבט, אז דאָס קינד זאָל בלייבען לעבען זאָל דאָס, וואָרום וואו ערגיץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַ חולאת — איז דאָס געווען ביי איהם: טאָמער ווילט איהר מאָזלען — איז מאָזלען, פּאָקען — איז פּאָקען, און דיפּטעריטען, און שקאַרלאַטינעס, און זאַוועלקעס, און זוביטישעס, און וואָס ניט?... די נעכט, וואָס איך בין אויס־געזעסען איבער איהם, זאָל מיר גאָט ניט רעכענען; אַפּנים, אז די טרערען מיינע, און אַ ביסעל טאַקי זכות־אָבות האָבען זיך אַריינ־

קוקט ער אַריין אין די דאָזיגע ביכלעך, צי די ספרים, און בעט מיך, איך זאָל איהם ברענגען נאָך און נאָך. וועל איך איהם זשאַלעווען? טראָג איך אָפּ די און נעם נאָך... קומט צו געהן אַ חכם אַ דאָקטער און פרעגט מיך, צי קאָן איך אויספיהרען פון זיינטוועגען אַלע טאָג אַ יאַיכעל חאָטש פון אַ פערטעל עוף? און פון דריי פערטעל עוף, אַז מע באַדאַרף, וועל איך קוקען אויף דרך־ארץ? פון וואַנען נעמען זיך, פרעג איך אייך, אַזעלכע דאָקטוירים אויף דער וועלט? וואו וואַכסען זיי אוים? אויף וועלכע הייוועץ ראָשטשינעט מען זיי און אויף וואָסער אויוועץ באַקט מען זיי?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: יאַיכלעך... שטעל איך איהם צו אַלע טאָג אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף, און פאַרנאַכט, אַז ער קומט צו געהן פונ׳ם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אוועק אקעגען מיט איין אַרבייט אין דער האַנט און וועך גרעבער ווי לענגער ווער איך. און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל איהם מאָרגען, אם־ירצה־השם, ווידער קאָנען צושטעלען אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף... „מאַמע, זאָגט ער מיר, פאַר וואָס עסט דו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאָג איך, איך האָב שוין אָפּגעגעסען"... „וואָס האָסט דו געגעסען?" זאָגט ער. „וואָס איך האָב געגעסען, זאָג איך, האָב איך געגעסען, אַבי איך האָב שוין געגעסען. עס געזונט!" און אַז ער לערענט־אָפּ די ביכלעך, צי די ספרים, נעם איך ערשט דעמאָלט אַרויס פונ׳ם אויוועץ אַ פּאָר געבאַקענע קאַרטאָפעל נעם איך, אָרע־ איך רייב אָן אַ שטיקעל ברויט מיט ציבעלע רייב איך, און מאַך מיר אַ סעודה... און איך שווער אייך בנאמנות, איך זאָל אַזוי דערלעבען אָן איהם נחת מיט אַלדאָס גוטס, אַז איך האָב הנאה פון דער דאָזיגער ציבעלע אַ סך מעהר, ווי פון דעם שענסטען געבראָמענס, ווי פון דער בעסטער יויך, וואָרום איך דערמאָן מיך, אַז דוד׳על האָט, קיין עין־הרע, געגעסען אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף, און, אם־ירצה־השם, אויף מאָרגען איז ווידער פאַרהאַן אַ יאַיכעל פון אַ פערטעל עוף!... איין שטיקעל חסרון נאָר — אָט דאָס

ער האָט זיך יענעם טאָג, פֿאַרשטעהט איהר מיך, געקויפֿט אַ נייעם פּעלץ אַ ווייסען, און מחמת דער פֿראָסט האָט געברענט, האָט ער זיך געוואָלט אַ ביסעל דערוואַרעמען, האָט ער געפּאַטשט אַ האַנט אָן אַ האַנט — מיינע צרות אויף זיין קאָפּ! האָט איהר געהערט אַ השגה, אַ איד זאָל זיך אָנטהון אין אַ ווייסען פּעלץ גאָר אין מיטען דרינען?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: געזונט... געזונט — דאָס איז דער עיקר. אַזוי זאָגט דער דאָקטער אונזערער און הייסט מיר, איך זאָל איהם פּילנעווען זאָל איך איהם, קאָכען יאַיכלעך, אַלע טאָג אַ יאַיכעל, זאָגט ער, חאָטש פֿון אַ פֿערטעל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספּיהרען, האָדעווען איזום, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פּוטער און מיט טשעקאָלאַד, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספּיהרען... אַ שענער מיֹשל — אויב איך קאָן אויספּיהרען? אַפּנים, ס'איז דען פֿאַרהאַן איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל פֿון דוד'על'ס וועגען ניט קאָנען אויספּיהרען? ס'איז עפּיס אַ תּירוץ? און אַז מע זאָל מיר זאָגען, אַשטייגער, כּדומה למשל: געה, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואַסער, קנעט לעהם, באַ'גנב'ע אַ קלויסטער, אַבּי פֿון דוד'על'ס וועגען — איז אפילו אין מיטען האַלבּע נאַכט אינ'ם גרעסטען פֿראָסט! אָט האָט זיך איהם פֿאַרוואָלט היינטיגען זומער ביכלעך אַזעלכע, ספרים מסתּמא, וואָס איך האָב זיי ניט. און מחמת איך געה־אַריין אין די גרעסטע הייזער גערן איך, האָט ער מיך געבעטען, טאָמער קאָן איך איהם קריגען די דאָזיגע ביכלעך, צי די ספרים, און האָט מיר פֿאַרשריבען אויף פּאַפּיער האָט ער מיר. קום איך צו געהן און באַווייז דאָס פּאַפּיער און בעט ביי זיי די ביכלעך, צי די ספרים, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. לאַכען זיי פֿון מיר: „צו וואָס טויג אייך, יענטע, אַזעלכע ביכער? איהר האָדעוועט מיט זיי די עופות, די גענז מיט די קאַטשקעס?"...

„לאַכט, לאַכט, טראַכט איך מיר, אַבּי מיין דוד'על וועט האָבען אין וואָס אַריינצוקוקען וועט ער האָבען"... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט

געהט דאָס דיך אָן? מע שענקט דיר אַ האַלב קערבעל? — נעם און פאַרשרייב אַ רעצעפּט!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: מען איז כסדר פאַרטאַרעראַמט... אוראי איז מען פאַרטאַרעראַמט און מע שלאָפט אין שלייער, אַז מע האָט אַ קאָשעק מיט אייער, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס, און עטליכע נגידית'טעס אויף זיך, וואָס איטליכע וויל פריהער, האָט מורא, טאָמער האָט יענע אויסגעקליבען די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופות. ווען האָב איך צייט, זאָגט שוין איהר אַליין, קאָכען יאַיכלעך, אַז איך בין קיינמאָל ניטאָ אין דער היים? נאָר אַ איד אַ למדן, ווי זאָגט איהר, גיט זיך איין עצה: גאַנץ פריה, איידער איך קלייב מיך אַרויס אין מאַרק, הייץ איך איין אין אויוועז הייז איך, נאָכדעם האַפּ איך מיר אַראָפּ אויף אַ מינוט און זאַליך־אויס דאָס פּערטעל עוף זאַלץ איך, און גיה אויף דער אַרבייט, און האַפּ מיך ווידער אַראָפּ און גיס־אָפּ דאָס פלייש ווי־איך, און שטעל־צו דאָס טעפּעל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מיינע, גנעסין הייסט דאָס, זי זאָל אַכטונג געבען אויפ'ן טעפּעל זאָל זי, דאָס הייסט, אַז דאָס טעפּעל וועט פאַרזידען, זאָל זי דאָס צודעקען מיט דער פּאָקרישקע און פאַרשאַרען מיט אַש — אַ גרויסע אַרבייט, משטיינס געזאָגט! וויפיעל מאָל מאַכט זיך, אַז איך קאָך־אָפּ פון איהרעטוועגען אַ גאַנצע וועטשערע? מען איז דאָך עפּיס אידען, וועה איז מיר, מע זיצט דאָך צווישען מענטשען, ניט אין קיין וואַלד זיצט מען!... און שפּעטער, אויפדערנאַכט, אַז איך קום אַהיים פון דער אַרבייט, צעבלאָז איך ערשט אַ פייער צעבלאָז איך, און וואַרעם־אָן דאָס טעפּעל, און ער עסט אַ פרישׂ יאַיכעל עסט ער... וואָלט, דאַכט זיך, געווען גוט, איאָ? איז דאָך אָבער מיין שכנה, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, מחילה אַ גרויסע... איך וויל ניט זאָגען וואָס... איז זי זיך מיישב היינט אין דער פריה און שטעלט זיך אוועק קאָכען פון איהרע קינדער'ס וועגען אַ מילכיגען אָנבייסען — האַלעשקעס אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פאַר

הוסטען, וואָס ער הוסט נעבאך אַלע מאָל: קאַחי־קאַחי! קאַחי־קאַחי!... איך בעט דעם דאָקטער בעט איך, ער זאָל איהם עפּיס געבען צום הוסט. זאָגט ער: „וויפיעל איז אַלט געווען דער מאַן מיינער, משה־בנציון עליו־השלום, בשעת ער איז געשטאָרבען, און פון וואָס איז ער געשטאָרבען?"... „פונ'ם טוידט, זאָג איך, איז ער געשטאָרבען, פונ'ם טוידט. ס'איז איהם אויסגעגאַנגען, זאָג איך, יאָהרען, איז ער געשטאָרבען... וואָס איז דאָס פאַר א משל אהערצוצו?"... „איך באַדאַרף דאָס וויסען, זאָגט ער, איך האָב באַטראַכט אייער זוהן, איהר האָט א וואוילען זוהן, א געראָטענעם"... „א שענעם דאַנק אייך, זאָג איך, דאָס וויים איך אַליין. איהר גיט מיר בעסער א רפואה צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אויפהערען הוסטען זאָל ער מיר"... „דאָס קאָן מען ניט, זאָגט ער, איהר דאַרפט נאָר, זאָגט ער, אכטונג געבען, ער זאָל ווינציגער לערנען"... „וואָס דען, זאָג איך, זאָל ער טהון?" „ער זאָל עסען א סך, זאָגט ער. און געהן שפּאַציערען אַלע טאָג, און דער עיקר — נישט זיצען ביי־נאַכט איבער די ביכער. אויב עס איז איהם באַשערט, זאָגט ער, זיין אַמאָל א דאָקטער, וועט ער נישט אָנוועהרען שפּעטער מיט עטליכע יאָהר"... „וואָס עס האָט זיך מיר געחלומ'ט, טראַכט איך מיר, יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און א גאַנץ יאָהר! עפּיס רעדט ער נישט צו דער זאַך, טאַקי נאָר ווי א דולער רעדט ער! וואָס הייסט, מיין דוד'על וועט זיין א דאָקטער גאָר? פאַר וואָס זאָל ער בעסער ניט זיין קיין גובערנאַטער פאַר וואָס?"... קום איך צו געהן אהיים און דערצעהל דאָס מיין דוד'לען דערצעהל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פייער און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט דו וואָס, מאַמע? געה נישט מעהר צום דאָקטער און רעד נישט מיט איהם"... „איך וויל שוין אפילו, זאָג איך, זיין פּנים ניט אָנקוקען! איך זעה דען ניט, אז ער איז א חושים?"... א דאָקטער זאָל דיר האָבען א מאָדנע טבע, ליעב האָבען זיך אריינלאָזען אין אַזעלכע דרכים, נאָר אויספרעגען ביי'ם חולה: פון וואָס ער לעבט, און ווי אַזוי ער לעבט, און וואו נעמט ער אויף צו לעבען?... וואָס

וואָס ניט, זאָגט ער, אין קיין גרויסען טאָפּ, וואָלט שוין געווען פאַר אונז ביידען?"... „אַה, פאַרחאַפּט זאָלסט דו ווערען מיט דיינע ויערטלעך!" — זאָגט זי אָנגעצונדען, און נעמט דעם ראהעטש און טהוט אַ חאַפּ דאָס קריגעל. טהוט זיך דאָס קריגעל אַ קעהר־איבער, און די מילך — פליוך איבער'ן גאַנצען אויוועןǃ... אַ גוואַלד, אַ רעש, אַ געפּילדער! גנעסי שעלט דעם מאַן מיט טוידטע קללות; זיין גליק, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגען באַצייטענס. און די קינדער נעבאַך זענען אַראָפּ פונ'ם אויפ'ן־אויוועןǃ און האָבען גע־מאַכט אַ געוויין מיט אַ געשריי, גלייך ווי מע האָט זיי אָפּגעקוילעט טאַטע־מאַמע... „אַ כּפּרה, זאָג איך, אייערע באַלאַבעשקעס מיט מילך — מיין דוד'על'ס יאַיכעל, האָב איך מורא, איז יאָ פאַרפאַלען, און דאָס טעפּעל מיינס איז חלילה טרפה געוואָרען!"... „חאַפּט דער רוח דאָס יאַיכעל אייערס מיט'ן טעפּעל, זאָגט גנעסי, מיינע באַלאַבעשקעס מיט מילך זענען אפשר ביי מיר אזוי טייער, ווי אייערע אַלע טעפּלעך מיט אַלע אייערע יאַיכלעך, וואָס איהר קאָכט פון אייער קדיש וועגען!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָג איך, זיין זאָלט איהר אַלע די כּפּרה פאַר מיין דוד'על'ס מינדסטען נאָגעל פונ'ם קלענסטען פינגערעל!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָגט זי, זיין זאָל דוד'על די כּפּרה פאַר אונז אַלעמען, ער איז איינער!"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ הולטאַיקע? איז זי ניט ווערטה געווען, מע זאָל איהר צעפּאַטשען די פּיסקעס מיט אַ נאַסער האַנטשירקע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: פון מילכיגס מיט פליישיגס אין איין אויוועןǃ קאָן קיין גוטס ניט ארויס... האָט זיך דאָס קריגעל, הייסט דאָס, געשטעלט פּאָפּעריק, און די מילך — הוי איבער'ן גאַנצען אויוועןǃ. האָב איך מורא, טאָמער, חלילה, האָט זיך דאָס אָנגע־ריהרט אָן מיין יויך־טעפּעל, בין איך אַ פאַרפאַלענע בין איך! חאָטש אפילו, צוריק שמועסענדיג, ווי קומט די מילך צו מיין טעפּעל, אַז מיין טעפּעל איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַש העט־העט אין אַ ווינקעלע? נאָר אויך די אייגענע מעשה, איך קאָן ערב זיין?

א מאכל באַלאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּיס פלוצים אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאַכט? לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע אידינע אָט די מיטניטשקע! ביי איהר איז אָדער גאָר, אָדער גאָרניט. דריי טאָג קאָן אַוועקגעהן, זאָל זי ניט צעלעגען קיין פייער אין אויווען, און פּלוצים קומט איהר אָן — זאָל זי נעמען אָנבויטען אַ גאַנצע פּאָמוניצע, פלומרשט אַ הירזשענעם קאוליש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע באַדאַרף אָנטהון אַ פּאָר ברילען, מע זאָל דאָרטען דערזעהען אַ הירזשעלע, אָדער גאָר אַ טאָפּ מיט פּיש־קאַרטאָפלים, וואָס די ציבעלעס לאָזען זיך הערען פאַר אַ מייל און פונ'ם פעפער, וואָס זי האָט אָנגעפּעפּערט, געהען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנץ מעת־לעת, האַלטען אָפען די מיילער און האקען: הוא ־ הוא!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שלים־מזל... איז זיך מיישב די שכנה מיינע און פאַרקאַלאָטשעט באַלאַבעשקעס פון רעטשענע מעהל און שטעלט־צו אַ קריגעל מיט מילך שטעלט זי אין אויווען, סע זאָל אויפזידען, און צווישען די קינדער איהרע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהען קיין ביסעל מילך, אַפנים. מאָהלט אייך, נישט מעהר זאָלען אונזערע שונאים פאַרמאָגען, וויפיעל דאָרט איז געוועזען מילך! אפשר צוויי לעפעל, דאָס איבעריגע וואַסער. נאָר ביי אַזעלכע קבצנים, משטיינס געזאָגט, איז דאָס אויך אַ זאַך!... דערווייל טראָגט־אָן דער גוטער יאָהר דעם שמש. עס ווייזט אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קלייזעל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים ביי איהם קאָכט זיך אַ נגיד'ישער אָנבייסען קאָכט זיך, איז ער געקומען צו פליהען מיט אַ ווערטעל, ווי דער שטייגער זיינער: „אַ גוט יום־טוב!"... „אַ וויסטער, אַ פינסטערער גוט יום־טוב אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פריה?"... „איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, חלילה, פאַרשפּעטיג איך דאָ אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס ביי דיר אין אויווען?"... „קרחת, זאָגט זי, פון דיינעטוועגען אין אַ קליין טעפּעלע"... „פאַר

איין אָרעמאַן האָבען צוויי טעפּלעך? באַדאַרף זיך מסתמא טרעפען אַזוי, אַז איך קום איינמאָל צו געהן פון׳ם מאַרק מיט די עופות קום איך, בינרט זיך אָפּ איין עוף און דערשרעקט זיך פאַר דער קאַץ... וועט איהר פרעגען: ווי קומט אהער א קאַץ? אַלץ זי מיט איהרע קדישים! דערטאַפּען זיי ערגיץ אַ קעצעל, מוטשען זיי דאָס אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַרמוטשען דאָס. „אַ צער בעלי־חיים! — טענה׳ט מיט זיי מיין דוד׳על. — אַ לעבעדיגע זאַך!"... נאָר געה רעד מיט אַזעלכע היצלעס, לעדיגגעהערס, פּוסטעפּאַסניקעס!... בקיצור, זיי האָבען עפּיס אָנגעהאַנגען דער קאַץ אויפ׳ן שפּיץ וויידעל, האָט זי אָנגעהויבען שפּרינגען, מאַכען אָנשטעלען, האָט זיך דאָס עוף דער־שראָקען און איז אַרויפגעפלויגען גלייך אויף דער אויבערשטער פּאָליצע — און טראַך אַ טעפּעל אין דער ערד אריין! איהר מיינט אפשר — דאָס שטשערבאַטע טעפּעל? אודאי־יאָ, ס׳פאַרשטעהט זיך! אַז ברעכען, וועט זיך ברעכען אַ גאַנץ טעפּעל! דאָס איז שוין תמיד אַזוי, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט!... איך האָב געוואָלט וויסען האָב איך געוואָלט, פאַר וואָס איז דאָס, למשל: צוויי מענטשען געהען. דער געהט און דער געהט; איינער איז אַ בן־יחיד, איין־און־איינציגער, אַ ציטעריגער ביי דער מאַמען, און דער אַנדערער איז...... רבּיניו! גאָט איז מיט אייך! וואָס איז אייך אַזעלכס?... רביצין! רביצין! וואו זענט איהר ערגיץ?... אהערצו געהט! גיכערט! דער רב איז עפּיס נישט מיט אַלעמען! ניט גוט געוואָרען... אפּנים, אויף צו חלש׳ען!... וואַסער! וואַסער!...

א קשיה אויף א מעשה! מיין פינסטער מזל! טאָמער?... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת וועל איך אייך: מילא, דאָס יאיכעל ווי דאָס יאיכעל; עס טהוט מיר אודאי הארצעדיג באנג, וואָס וועט ער נעבאך עסען, דוד'על? נאָר מסתמא וועל איך שוין עפּיס צוטראַכטען פון זיינעטוועגען מסתמא; איך האָב נעכטען געבּראַכט געגז פון דער שחיטה, געמאַכט אָבּדירקעס אויף צו פאר־קויפען, איז מיר פארבּליבּען א ביסעל דרויב אויף שבת: קעפּלעך, קישקעלעך, דאָס, יענעס — מע קאָן שוין עפּיס מאַכען דערפון! איז מיר אָבער שלעכט — איך האָב נישט קיין טעפּעל האָב איך נישט. איך האָב מורא, טאָמער מאַכט איהר מיר טרפה דאָס טעפּעל, בּין איך געבּליבּען אָהן א טעפּעל, און אָהן א טעפּעל בּין איך ווי אָהן א האַנט בּין איך, וואָרום איך האָב איינגאַנצען איין טעפּעל. דאָס הייסט, האָבען האָב איך געהאַט דריי טעפּלעך פליישיגע, האָט בּיי מיר גנעסי, אויף קיין גוט אָרט זאָל זי אייך ניט שטעהן, איינ־מאָל אנטליהען א טעפּעל, א שפּאָגעל־ניי טעפּעל, און געהט און גיט מיר אָפּ א שטשערבּאַטע טעפּעל. זאָג איך צו איהר: „וואָס איז דאָס פאַר א טעפּעל?”... זאָגט זי: „ס'איז אייער טעפּעל”... זאָג איך: „ווי קומט צו מיר א שטשערבּאַטע טעפּעל, אז איהר האָט בּיי מיר גענומען א גאַנץ טעפּעל?”... זאָגט זי: „שאַט, שרייט ניט אזוי, מע ווערט פון אייך ניט גליקליך! ערשטענס, האָב איך אייך אָפּגעגעבען א גאַנץ טעפּעל; צווייטענס, אז איך האָב בּיי אייך גענומען דאָס טעפּעל, איז דאָס געווען איין אָנגעשטשערבּעט טעפּעל; און דריטענס, האָב איך בּיי אייך קיינמאָל ניט גענומען קיין טעפּעל, איך האָב מיר מיין טעפּעל, און טשעפּעט זיך אָפּ פון מיין לעבען!”... א הולטאַיקע קאָן!...

— יאָ, אקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, אז טעפּלעך אין בעל־הבּתישקייט איז קיינ־מאָל נישט צו פיעל... בּין איך, הייסט דאָס, ווי איהר זעהט, גע־בליבען בּיי צוויי טעפּלעך גאַנצע טעפּלעך און איין טעפּעל א שטשערבּאַטע טעפּעל, דאָס הייסט, צוויי טעפּלעך... נאָר ווי טאָר

גענז

אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידינע, וואָס הייסט בתיה, קוילעט גענז חנוכה און פּרעגעלט שמאַלץ אויף פּסח.

נעשריבען אין יאָהר 1902.

ג ע נ ז

— פאראיאָהרען חנוכּה האָבּ איך, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר מיר געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, געהאַט איין אומגליק מיט אַ גליק אינאיינעם. איהר מעגט דאָס האָרכען; אַזאַ מעשה טרעפט זיך איין מאָל אין טויזענט יאָהר! איך האַנדעל מיט געננז האַנדעל איך און מיט פסח'יגער שמאַלץ שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר — האָט זיך מיר, הערט איהר, אַזאַ מעשה נאָך נישט געטראָפען.

איך האַנדעל מיט געננז... איהר מיינט, אָט אַזוי נעמט מען דאָס און מע האַנדעלט? ראשית חכמה, הויבּט זיך אָן אַזוי: קומט אָסיען־צייט, ארום נאָך־סוכּות, הויבּט מען אָן איינקויפען געננז, און פאַרוואַרפען די געננז אויפ'ן ווינטער אין שטייג אריין, און האָדעווען די געננז, און אַכטונג געבּען אויף די געננז; און קומט חנוכּה, הויבּט מען אָן די געננז קוילען און מאַכען פון געננז געלט. נאָר איהר מיינט, אַז אָט אַזוי גרינג קויפט מען געננז, און מע פאַר־וואַרפט געננז, און מע קוילעט געננז, און מע מאַכט פון געננז געלט? ערשטענס, דאָס קויפען געננז. קויפען געננז דאַרף מען האָבּען מיט וואָס. קיין לאַגער־געלט, קיין קאַפּיטאַלען אייגענע, הייסט עס, איז דאָך נישטאָ. מוז מען לייהען, אָנקומען צו רבּ אַלטערען. און רבּ אַלטערען קענט איהר דאָך — ס'איז אַ איד, וואָס האָט ליעבּ אויסקאָכען דאָס וואַסער. דאָס הייסט, אָפּזאָגען זאָגט ער נישט אָפּ, נאָר ער הייסט קומען מאָרגען, מאָרגען — איבּערמאָרגען, נעמט

גענזעל? איז אויב ס'איז אַ גוי אַ סוחר און לאָזט זיך רעדען, קאָנט איהר זיך מיט איהם האַטיש דינגען! און אַז גאָט העלפּט, טרעפט איהר אָן אויף אַ מאַנקאָליניק, וואָס לאָזט נישט צו, חאָטיש געב איהם אַ קרענק! „העט־באָ, שרייט ער, געה אַוועק! נעמאַ או מענע גוסקו" — איך האָב נישט, הייסט עס, קיין גענזעל! און געה טהו איהם עפּיס! טענה'ט איהר דאָך צו איהם: „היתּכן? שאָזש טי חאָטשעש, אַ סיפּע דיר אין פּנים, אי נעחיי טובּי באָזשע ראַיע קרענק אין די בּיינער אי דאָבּרע קדחת!"... און ער — אין איין קול: „העט, נע פּראָדאַיו גוסקו" — איך פאַרקויף נישט, הייסט עס, קיין גענז!... און אַז גאָט האָט רחמנות געהאַט, דער גוי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס גענזעל פון דער האַנט, באַדאַרף מען דאָס גענזעל ערשט באַטראַכטען. און באַטראַכטען גענז באַדאַרף מען קאָנען; ס'איז אַ סברה, הערט איהר, אַז אויף גענז באַדאַרף מען זיין אַ מבין, ווי, להבדיל, אויף בּארליאַנטען. בּיי אייך, למשל, קומט־אויס, אַז אַלע גענז זענען גלייך. דאָס ווייסט איהר, אַז ס'איז פאַרהאַן גענז און ס'איז פאַרהאַן גאָנערס? אַ גאַנז איז נישט קיין גאָנער. אַ גאַנז איז אַ גאַנז, און אַ גאָנער איז אַ גאָנער. אַ גאַנז נעמט אויף זיך שמאַלץ, און אַ גאָנער — מכּות. אי, ווי אַזוי ווייסט מען, וועלכעס איז אַ גאַנז און וועלכעס איז אַ גאָנער? מע ווייסט שוין! ערשטענס, נאָכ'ן טשובעקעל — אַ גאָנער טראָגט אַ טשו־בעקעל אויפ'ן קעפּעל און האָט אַ לאַנגען האַלז. הייינט דערקענט מען אַ גאָנער נאָכ'ן קול — ער האָט אַ גראָב קול, ווי בּיי אַ מאַנסבּיל. און אַז ער געהט, געהט ער תּמיד פריהער פאַר די גענז, אויך ווי אַ מאַנסבּיל, ווי, להבדיל, אַ מענטש. בּיי אונז אַ מאַנסבּיל, ער מעג זיין דער גרעסטער שלים־מזל, אַבּי אַ מאַנסבּיל, געהט ער אויף־צו־פריהער, ווי איינער רעדט: דאָס בּין איך!... וואָס דאַרפט איהר מעהר? אָט נעמט מיין מאַן. דאַכט זיך, מע דאַרף שוין נישט קיין גרעסערען שלים־מזל, ווי מיין נחמן־בּער, וואָס האָט נישט געפּרובּט פאַרדיענען זינט איך קען איהם פאַר אַ מאַן קיין צוויי צעבּראָכענע גראָשען! דער גאַנצער יחוס — באשר בכן וואָס איז?

אַרויס די נשמה. און ערשט נאָכדעם הויבט ער אָן ציהען די קליי: שלעפּען פּריצענט, צורעכענען טעג. ס'איז אַ גוטער רב אַלטער! נישט אומזיסט האָט ער אַזעלכע פּיסקעס, און זי, אַלטעריכע, מיין איך, האָט אַ פּנים — אויף אַלע מיינע ליעבע, און אַ פּאָר באַקען — חאָטש אַ מעסער אָנצושאַרפען. היינט איהרע פּערל! אָט האָט זי ערשט ניט לאַנג פאַר'קנס'ט דאָס טעכטערל — איך זאָל דאָס פּאַרמאָגען מיט אייך אינאיינעם, הערט איהר, אַ דריט־חלק, רבונו־של־עולם, וואָס דאָס קנס־מאָל האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט איך פּאַר־שפּאָרט האַנדלען מיט געגנז... חאָטש אַ חתן האָט זי גענומען — שטראָף מיך, גאָט, אויב איך וואָלט אַזעלכס פּאַר מיינע זינד גע־געבען מיין טאָכטער, אַז בסך־הכּל האָט ער גאָר אַ פליך — איהר רופט עס פליך, איך רוף עס פּארך. נאָר ס'איז נישט מיין באַבע'ס דאגה, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך אויך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פּאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

איינקויפען געגנז... וואו קויפט מען געגנז? אויפ'ן מאַרק, מיינט איהר דאָך מן הסתּם? אודאי־יאָ! מיר זאָלען דאַרפען אַלע געגנז צונויפקויפען אויפ'ן מאַרק, וואָלטען מיר געגאַנגען אין גאָלד! אַז איהר ווילט קויפען געגנז אויף מסחר, באַדאַרפט איהר זיך מטריח זיין אויפשטעהן כּאור, דעמאָלט ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, און אַרויסגעהן העט־ווייט הינטער'ן שטאָדט, אויף יענער זייט מיהלען. געפינט זיך אָבער נאָך איינע אַזאַ קלוגעטשקע, ווי איהר, און קומט־אַרויס נאָך פריהער פון אייך אויף יענער זייט מיהלען. געפינט זיך נאָך אַ קליגערע פון יענער אויך און קומט־אַרויס נאָך פריהער און נאָך פריהער — וואָס טויג אייך, סע ווערט אַ גאַנצער יריד, און דאָרטען שטעהט מען און מע וואַרט און מע לאָקערט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען, אַ גוי וועט אַרויסברענגען אַ פּאָר געגנזלעך, באַפאַלט מען איהם מיט די געגנזלעך פון אַלע זייטען: „שאָ טאָבי, טשולאָוויטשע, זאַ גוסקו?" — וואָס ווילסט דו, הייסט עס, פאַר'ן

צוגעחאפּט צו מיין קאָרעטע מיט האָבער, — איז ווער האָט געהאַט היזק? ווער האָט באַדאַרפט שרייען? איך, צי זי? געהט זי נישט און פאַלט נישט אָן אויף מיר? זי זאָל געוועז, זאָגט זי, וויסען, אַז איך האַנדעל מיט גענז, וואָלט זי מיר, זאָגט זי, נישט פאַרדונגען די דירה פאַר קיין הונדערט מיליאָן רענדלעך! זאָג איך צו איהר: „מיט וואָס דען, האָט איהר געמיינט, האַנדעל איך? מיט בּאַרליאַנטען?" זאָגט זי צו מיר: „איהר זענט אליין אַ גוטער באַר־ליאַנט, און האָט אַ מאַן אַ בּאַרליאַנט און קינדער בּאַרליאַנטען!"... זאָל איך איהר שווייגען?... אַ מאָדנע אידינע אָט די יענטע! אַזוי וועט זי אייך אָוועקגעבען דאָס לעבען מיט דער נשמה. טאָמער זענט איהר, חלילה, קראַנק, וועט זי זיך מפקיר זיין פון אייערטוועגען. נאָר אַ שפּילשליווע איז זי — מע זאָל באַהיט און באַוואָהרענט ווערען! אָט האָבען מיר זיך איינמאָל, ערב־חנוכּה איז דאָס גע־ווען, — איך זאָל אייך דערצעהלען, וואָלט איהר אויף זיך די האָר געריסען!... דער חסרון, וואָס איך קוק נישט אריין אין יענעמ'ס טעפּלעך, און רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בּין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פאַראיבּעל נישט, ס'איז בּיי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

איצטער געהט אַ סדרה: פאַרוואַרפען גענז... אַז איהר ווילט, די גענז זאָלען אייך געראָטען, זאָלט איהר פאַרוואַרפען די גענז אינ'ם אַ ל ט ע ן חודש. גאָט זאָל אייך היטען, איהר זאָלט זיך צוריהרען צו גענז אין אָנהויב חודש, תיכּף נאָכ'ן מולד — ס'איז איין אומגליק! די גענז וועלען אייך נישט געראָטען: די גענז וועלען זיין גראָב אויפ'ן בּיין, און דין אויף דער הויט, און אויף פלאָסטערען זאָלט איהר זיך פון די גענז גאָר נישט ריכטען. פלאָס־מערען פאַרגעסט! אויך בּייטאָג, ווען איטליכער דרעהט זיך אַרום, זאָלט איהר קיין גענז נישט פאַרוואַרפען. גלייכער פאַרנאַכט, בּיי אַ ליכט, אָדער אפילו אין דער פינסטער, נאָר בּשעת מעשה זאָלט איהר זיך געבען אַ קניפּ און זאָגען שטילערהייט דריי מאָל: „אַזוי

ער קאן לערנען, און וואס ער איז יאסקע דעם נגיד'ס א ווייטער קרוב, ווי זאגט איהר: דעם פערד'ס בייטש־שטעקעל'ס פאדקאווע... פרעגט מיך, וואס האב איך פונ'ם נגיד דעם קרוב? די שונאים זאלען דאס פארמאגען אויף איין אנבייסען! עגמת־נפש האב איך, צרות, מיט בזיונות נאך, וואס מע ווארפט מיר אויס, אז מיין קרובה, מיין קרוב'ס שנור הייסט עס, געהט מיט די אייגענע האר... און ס'איז דוקא נישט קיין ליגען — זי איז א רעכטע טשאטשקע! איך רעד נישט אויף איהר חלילה קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערען. האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאגט איהר: א אידינע האט אין זיך נייען מאס רעד...

איינקויפען גענז... איינגעקויפט די גענז, באדארף מען, הייסט עס, די גענז פארווארפען אויפ'ן ווינטער אין שטייג אריין. נאר איהר מיינט, אז פארווארפען גענז איז שוין גאר א גרינגע זאך? האט איהר אויך א טעות! גוט איז צו פארווארפען גענז, אז איך האב מיר מיין דירה מיט מיין קאמער און איך בין מיר, ווי זאגט איהר, איינע אויפ'ן יריד. ווי זשע איז אבער דער דין, אז איך בין געזעסען, נישט היינט געדאכט, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין שום אידען געדאכט אין שכנות ביי יענטען, קיין באזונדער קעמערעל האב איך נישט געהאט, און די בעל־הבית'טע מיינע אליין, יענטע הייסט עס, האט אויך אונטערגעהאנדעלט מיט גענז און מיט פסח'יגער שמאלץ, — אנו, פרובט, אשטייגער, האבען מיט יענטען גענז אין איין קאמער און נישט פאטשען זיך מיט איהר דריי מאל א טאג! האט איהר אייך איין מאל אוועק. היינט פרובט זייט א חכם און דערקענט, וועלכע גענז ס'איז אייערע גענז און וועלכע גענז ס'איז איהרע גענז? אנומעלט, אז איך בין, נישט היינט געדאכט, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין שום אידען געדאכט, געזעסען מיט איהר אין שכנות, האט זיך ביי איהר, ביי יענטען הייסט עס, אויפגעריסען די שטייג אין קעמערעל און עס זענען ארויס, זאל זיך אייך דאכטען, אלע גענז און האבען זיך

טיגע, וואָס די קינדער זייערע שטופּען זיי אין די קלאַסען, ווי, למשל, אונזער חזנ'ס יונג בערעל, אַ פּאָלנע גוי מיט קאָלבאַס. חאַפּט איהם דער רוח, איך בין נישט גאָט'ס סטראַפּטשע, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

פאַרוואָרפען די גענז, באַדאַרף מען נאָר זעהען, די גענז זאָלען האָבען האָדיוולע, דאָס עסען צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט. און ווייטער גאָרנישט. וואָרום גענז איז נישט קיין קאַטשקעס און נישט קיין עופות. קאַטשקעס האָבען מורא פאַר פּאָקען, און עופות — פאַר אַ טחויר, און גענז באַדאַרפען נאָר עסען. און עסען — עסען גענז אַלסדינג: גענז עסען האָבער, גענז עסען פּראָסע, גענז עסען קאַשע, נענז עסען, איך בעט איבער אייער כבוד, נאָך ערגערס... אַ גאַנז קלויבט נישט איבער. אַ גאַנז שלינגט אַלסדינג. אַ גאַנז איז תמיד הונגעריג, ווי ביי איין אָרעמאַן קינדער, להבדיל. ביי איין אָרעמאַן קינדער עסען, קיין עין־הרע, געשמאַק אַלסדינג, וואָס מע גיט זיי, און זענען קיינמאָל נישט זאַט. איך ווייס עס פון זיך זעלבער. לאָזען זיי זיין געזונט, די קינדער מיינע, אַז זיי קומען פונ'ם חדר, קיין עין־הרע נישט, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַדטען — איידער מע קוקט זיך אַרום, שטאַרבט אַ ברויט, און פון אַ טאָפּ קאַרטאָפּלים בלייבט נישט איבער, איהר זאָלט זאָגען, אויף אַ רפואה! און קומט שבת, מוז מען זיי אויסטיילען חלה, ווי לעקאַך, און דאָס איבעריגע פאַרשליסען, וואָרום עס וועט נישט בלייבען אויף מאָרגען קיין זכר אפילו! קינדער, הערט איהר, איז אַ וואוילע זאַך און אַ ליעבע זאַך. עס וואָלט מיר נישט נמאס געוואָרען און נישט שווער געווען קיין צעהן קינדער, פופצעהן קינדער, פינף און זיעבעציג קינדער אויסצוהאַלטען. איין חסרון נאָר — אָט דער פּיסק! נגידים באַדאַרפען זיך פיהלען איך ווייס אליין נישט ווי גליקליך, אַז זיי ווייסען וואויל, אַז זייערע קינדער לעגען

ווי איך בין אויפ'ן לייב, אזוי זאָלסט דו זיין אויפ'ן לייב"... מיין מאַן לאַכט אפילו פון מיר און זאָגט, אַז ס'איז ווערטה א שמעק טאַבעקע. נאָר איך זאָל ווע‏לען צוהערען אַלסדינג, וואָס ער זאָגט, וואָלט איך געוועזן לייטען גלייך. למאי ער פאַרגינט זיך זאָגען, דער מאַן מיינער, — ער איז אַ גאַנצער למדן, זיצט טאָג ווי נאַכט און קוקט אין די ספרים, — אַז כּפּרות שלאָגען איז אַ נאַרישער מנהג? ווי געפעלט אייך, אַשטייגער? מאָהלט אייך, ער האָט זיך פון מיר נישט גענאַרט פאַר אזעלכע ווערטער! „ביזט דאָס אליין טאַקי דערגאַנגען, זאָג איך, מיט דיין אייגענעם שכל?"... זאָגט ער: „סע שטעהט אַזוי געשריבען אין די ספרים". „קומט אויס, זאָג איך, אַז איך, און די מאַמע מיינע, און די מוהמע דבורה, און נחמה־ברײנע, און סאָסי, און דוואָסי, און צביה, און צפּורה, און אַלע — זענען בהמות?"... שווייגט ער, דער חכם, און ס'איז זיין גליק, וואָרום איך קאָן איהם, הערט איהר, אָפּשפּיעלען אַ פריהמאָרגען, ער זאָל מיך געדענקען דריי טעג כּסדר! איהר מיינט, איך בין, חלילה, אַזאַ ארורה, איין אָנחאַפּערין? גלויבט מיר, איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס הייסט אַ בן־תּורה, אַ איד וואָס זיצט און לערענט, חאָטש ער טהוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. איהר מיינט, ער פוילט זיך? ער וואָלט נעבאַך געטהאָן אַלסדינג, ס'זאָל נאָר זיין וואָס... זיצט ער און לערענט. לאָז ער לערנען. וואָס דאַרף איך זיין האָרעוואַניע, אַז איך קאָן אליין באַשטעהן דאָס שטעדטעל מיינס, אַז איך קאָן אַליין אויסקומען ווי ס'נישט איז מיט דער הוצאה אין שטוב, חלילה נישט אָנקומען צו יענעם. אַליין, אומעטום אַליין. אין מאַרק, און אין שטוב, און אַוועקגעשטעלט זיך ביי'ם אויוועון, צוגעשטעלט דאָס טעפּעל קאַרטאָפלים, און די קינדער אָנגעטהאָן און אָפּגעשיקט אין חדר — דאָס איז ביי מיר דער עיקר! ברויט, זעהט איהר, מאַכט זיך, פעהלט אמאָל, חלה אויף שבת טרעפט, אַז כ'איז נישטאָ, נאָר פאַר די קינדער שכר־למוד — פיער זכרים האָב איך, זאָלען געזונט זיין, אַ חוץ מיידלעך — דאָס מוז זיין, עס מעגען פאַלען שטיינער פונ'ם הימעל! איך בין נישט גלייך צו די היינ־

דרייסיג פאַר גענז ; אָפּפּליקען עטליכ׳ע און דרייסיג פאָר גענז ; מאַכען, זאַלצען, אויסוויקען, אָפּגיסען עטליכע און דרייסיג פאָר גענז, די הויטען באַזונדער, די פלאָסטערען באַזונדער, די דרויבלעך באַזונדער, די אָבדירקעס באַזונדער, פון אַלסדינג מאַכען געלט, נישט לאָזען געהן לאבוד קיין פּיצעל נישט — און אַלסדינג אַליין ! קודם־כל, אויספּרעגלען די הויטען מיט די פלאָסטערען, מאַכען פון זיי שמאַלץ. איך מאַך תמיד אַלע יאָהר פסח׳יגע שמאַלץ, וואָרום מיין פסח׳יגע שמאַלץ האָט אַ שם אין שטאָדט פאַר דער בעסטער, כשר׳סטער שמאַלץ. איך, אַז איך פרעגעל פסח׳יגע שמאַלץ, ווערט ביי מיר אַ י ן מ י ט ע ן ח נ ו כ ה פסח׳יג אין שטוב. דעם אויוועז כשר איך אויס. דעם מאַן שיק איך אָפּ אין בית־המדרש אריין — לאָז ער לערנען. די קינדער טרייב איך ארויס — לאָזען זיי געהן ערגיץ שפּיעלען אין דריידעל. און אַליין נעם איך זיך צו דער אַרבייט — פּרעגלען שמאַלץ. און שמאַלץ האָט פיינט איין איבעריג אויג, ובפרט פסח׳יגע שמאַלץ. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פּסק, אַז איך בין, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר אייך גע־דאַכט, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, געזעסען ביי יענטען אין שכנות. עס זענען געזעסען דאָרטען נאָך שכנים. האָט זיך איינער אַ שכנה, גנעסי האָט זי געהייסען, פאַרגלוסט באַקען לאַטקעס פון רעטשענע מעהל, און דוקא דעם טאָג, וואָס איך קוילע גענז. בעט איך זי : „גנעסיניו, האַרצעניו, ליובעניו ! האַלט־איין דעם יצר־הרע אויף אַ טאָג. איהר וועט מ אָ ר ג ע ן , אם ירצה השם, באַקען לאַטקעס !״ זאָגט זי : „ביי מיר האָט איהר גע׳פּועל׳ט ; נאָר די קינדער, זאָגט זי, וועלען געוואָהר ווערען. איך האָב, זאָגט זי, קינדער, טרפה׳נע העלזער, וואָס האַלטען שטאַרק פון דער אכילה. זיי וועלען דערהערען, זאָגט זי, אַז ס׳איז אוים לאַטקעס, וועלען זיי מיך, זאָגט זי, אויפעסען לעבעדיגערהייט !״... כך הוה. די קינדער האָבען דערהערט, ליגענדיג אויפ׳ן אויוועז, אַז מע רעדט פון אָפּלעגען די לאַטקעס באַקען אויף מאָרגען, האָט זיך איינער פון זיי, אַ זעליגעל, אַ יונגעלע מיט קאַסאָקע אויגלעך, צעשריגען אויף

זיך שלאָפֿען זאָט און עס חלומ'ט זיך זיי נישט קיין בעטלערכּ, זיי האָפֿען זיך נישט אויף ביינאַכט מיט אַ געוויין: „מאַמע, ע־ע־ע־סען!"... הערט איהר, דאָס האַרץ טהוט וועה, ווערט אָקערשט ניט צעשפּרונגען, און מע מוז נאָך, מאָהלט אייך, אָנשרייען אויף זיי: „שלאָפֿען, ממזרים! וואָס פֿאַר עסען אין מיטען ביינאַכט? שלאָפֿען, שלאָפֿען!"... פֿון דעסטוועגען, זאָלט איהר זעהן די נגידים, ווי סע חאַפּט זיי אַוועק דער רוח, טאָמער ווערט ביי זיי געבוירען, חלילה, איין איבעריג קינד! אי־אי־אי! אָט איז בּיי אונז נישט לאַנג אַוועקגעגאַנגען איינע אַ נגידית'טע, אַ ווייבּעל בלוט־און־מילך, און אַ גוטע זעל, אַ צדיקית, ביילצע האָט מען זי גערופֿען, אַ שענע, אַ געזונטע, אַ שטאַרקע. מיינט איהר, איבּער וואָס? ס'איז נישט כּדאי צו דערצעהלען, זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן. איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס אויף קיינעם, און פֿון לשון־הרע בּין איך ווייט... נאָר אַיך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פֿאַראיבּעל נישט, ס'איז בּיי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

אוי, אַ פּרנסה געגנז!... דאָס הייסט, געגנז איז אַ פּרנסה אפילו נישט קיין שלעכטע, און אַז גאָט גיט־אַריין אין די געגנז די בּרכה, קאָן מען אָן די געגנז פֿאַרדיענען אַ שען קערבּעל. נאָר וואָס דען? דאָס טרעפֿט זיך איין מאָל אין צעהן יאָהר. גיכער קאָן זיך מאַכען, מע זאָל בּיי די געגנז נישט פֿאַרדיענען גאָרנישט — מע זאָל נאָך דערלעגען! היינט די האָרעוואַניע, וואָס אַרום די געגנז, איז אַזאַ גרייסע האָרעוואַניע, אַז ס'איז, כּלעבען, נישט כּדאי דער גאַנצער טאַרעראַם. אַי, איז דאָך די קשיא: וויבּאַלד אַז בּיי די געגנז איז קיין פֿאַרדיענסט נישטאָ, היינט צו וואָס בּאַדאַרף מען האַנדלען מיט געגנז? איז דער תירוץ: וואָס דען וועט מען טהון, אַז איך האַנדעל שוין אַזוי פֿיעל יאָהרען מיט געגנז?!... בּאַרעכענט נאָר: אויסבּינדען עטליכע און דרייסיג פּאָר געגנז; אַוועקטראָגען צום שוחט עטליכע און דרייסיג פּאָר געגנז; בּרענגען עטליכע און

קיין שחיטה נישט, און נישט איטליכער איז א בעלן אויף פארטיגע אָבדירקעס. טענה איך מיט מיינע קונה׳טעס: „ביי מיר מעגט איהר, נישקישה, קויפען אָבדירקעס, מיין שוחט איז דער אלטער שוחט“. זאָגען זיי: „יאָ, איהר זענט אודאי זעהר גערעכט, נאָר וואָס דען? אויפ׳ן ביילעק שטעהט ביי זיי נישט אויפגעשריבען, פון וועמענ׳ס שחיטה זיי זענען — פונ׳ם אלטען שוחט, צי פונ׳ם נייעם שוחט“... זאָג איך: „וואָס הייסט, סע שטעהט נישט אויפ־געשריבען? אז איך זאָג אייך: פונ׳ם אלטען שוחט, איז פונ׳ם אלטען שוחט; סיידען, זאָג איך, איך בין שוין ביי אייך נישט באַגלויבט, איז שוין, זאָג איך, עק וועלט!“... זאָגען זיי: „א מאָדנע אידינע איהר זענט! איהר זענט ביי אונז אויף אלסדינג באַ־גלויבט; נאָר אז מיר קאָנען אויספיהרען אליין שיקען צום שוחט קוילען גענז, וואָס זשע דארפען מיר אָבדירקעס, וואָס מיר קאָנען נישט וויסען, וועמענ׳ס שחיטה דאָס איז?“... „טפו! ווידער א מאָל, זאָג איך, דאָס אייגענע? אז איך שווער אייך ביי מיין מאַן און קינדער! איהר ווייסט, זאָג איך, ס׳איז בי מיר א גוטע שבועה!“... זאָגען זיי: „צו וואָס דארפט איהר זיך שווערען, אז מיר גלויבען אייך סאַי ווי סאַי?“... זאָג איך: „נו, נעמט זשע צו ביי מיר א פאָר אָבדירקעס, לאָם איך מאכען גרינגער דעם קאָשעק!“ זאָגען זיי: „מיר קאָנען נישט נעמען ביי אייך קיין אָבדירקעס, איבער דער שחיטה“... נו? געה טעסע פלעקער! אריינגעהן אין יענעמ׳ס לאגע — דאָס איז נישטאָ! רחמנות האָבען: א אידינע מאָרדעוועט זיך אָן מיט גענז, מע מיינט — טאָמער, איך וויים, מע וועט עפים פארדיענען; עס האָט זיך געשטעלט אזא ווינטער, האָלץ איז נישטאָ, שטרוי איז טייער, א רענדעל א וואָגען שטרוי, און די קינדער נעבאך לויפען באָרוועס אין חדר אריין, קומען צו געהן אהיים ברוין און בלוי, חאפען זיך ארויף אויפ׳ן אויווען, נאָרען זיך איין, ווי די קראָליקלעך, און קוקען־ארוים אויף הייסע קארטאָפלים, און קארטאָפלים איז מיט גאָלד גלייך, א סך איז נישט געראָטען און א סך איז פארבליבען אין דער ערד... א שטאָדט! עמיצער

א קול: „מאַמע! טאַמער באַקסט דו נישט קיין לאַטקעס, פֿאַל איך אָטאָ אַראָפּ פֿונ׳ם אויווען״... מיר טהוען א קוק — א ווערטיג איז מיר! — זעליגעל הענגט מיט׳ן קעפּעל אַראָפּ, אָטאָ, נאָך א מינוט, פֿאַלט דאָס אַראָפּ און סע ווערט צעשאָטען אויף שטיקלעך! דערזעהען אַזאַ חתונה, האָב איך אָנגעהויבען צו שרייען: „גנעסיניו, נשמה׳ניו, הארצעניו, ליובעניו! באַקט לאַטקעס, באַקט!״... מע זאָגט, הערט איהר, אַז איין אָרעמאַן האָט א קישקע אָהן א דנאָ, — איז דאָס תּורת משה! איהר זאָלט אָנקוקען ביי דער גנעסין קינ־דערלעך — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿען! איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פֿון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט׳ן אַנדערען. האָט קיין פֿאַראיבעל נישט, ס׳איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: א אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

שמאַלץ פֿון די גענז... פֿון גענז קאָן מען אויף שמאַלץ אַליין נישט אַרויסקוקען. די שמאַלץ, אַז עס גערעט שוין גוט אָפּ, קעהרט אום צוריק נאָר דאָס, וואָס די גענז קאָסטען. דאָס פֿאַרדיענסט דאַרף מען זוכען פֿון די שאָר־ירקות. ראשית חכמה, אָבדירקעס. אַז עס מאַכט זיך, די אָבדירקעס געבען זיך אוים שען, און פֿלייש איז אין שטאָדט טייער — פֿאַרצוקערט מען זיי! ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז קצבים ביי אונז שמייסען זיך, און פֿלייש איז בזיל־הזול, און די שטאָדט האָט, דעם נגיד אויף צו־להכעיס, אַראָפּ־געבראַכט נאָך א שוחט, און יענער שוחט, דער אַלטער הייסט עס, האָט איינגעגעבען אויף דעם שוחט, אויף דעם נייעם שוחט הייסט עס, אכצעהן מסירות, און חוץ לזה האָט ער אַרויסגעלאָזט א קלאַנג אויף איהם, אויף דעם נייעם שוחט הייסט עס, אַז ער, דער נייער שוחט הייסט עס, איז א חברה־מאַן פֿון די היינטיגע חברה־לייט, פֿון די צעניסטען, וואָס האָבען צו טהון מיט די חדרים און קלויבען „שקלים־געלט״, און דער גביר אונזערער האַלט דאָך נישט פֿון די דאָזיגע צעניסטען, ער קאָן זיי נישט אָנקוקען, זיי זענען, זאָגט ער, גרויסע הולטאַיעס, און וויבאַלד אַזוי, איז דאָך די שחיטה זיינע

עסען. נאָר זאָגען: „געבֿ עסען" — דאָס איז נישטאָ. וואָס דען? אַ קרעכץ און אַ נעם מיט דער האַנט בײַ'ם האַרצען און אַ זאָג: „אָך־אָך־אָך!" — אַ סימן, אַז ער איז גוט הונגעריג. „וועסט עפּיס אפשר נעמען אין מויל אַריין?" — פרעגט מען איהם. מאַכט ער צו מיר: „מהיכא־תיתי"... וויפֿיעל מאָל איך זאָג איהם: „איך פאַרשטעה נישט — האָסט דאָך אַ מויל, קאָנסט דו דאָך זאָגען, אַז דו ביזט הונגעריג; וואָס דאַרפסט דו זיצען און קרעכצען?"... ענטפערט די וואַנט?... איך וואָלט וועלען אומיסטען זעהן, וואָס וואָלט געווען, איך זאָל איהם דרײַ טאָג כּסדר נישט געבען קיין עסען? איהר מיינט, ער איז חלילה אַזאַ איין אָפּגעריסענער נאַר? ווי קאָן אַ איד אַ למדן אַ מופלג זײַן אַ נאַר? ער זאָל, צו זײַן קאָנען, הערט איהר, וואָס ער קאָן לערנען, נאָך זײַן אַ ביסעלע מעהר קריכער, וואָלט ער דען נישט געקאָנט זײַן בײַ אונז אַ רב? אַי, וואָס וועלען מיר טהון מיט'ן אַלטען רב? למאי, וואָס וועלען מיר טהון מיט'ן אַלטען חזן? מע האָט נויטיג באַדאַרפט צונעמען אַ נײַעם חזן אין שוהל, כּדי דער אַלטער זאָל שטאַרבען פון הונגער, טאָמער איז ער געווען פריהער, הייסט עס, אַ קליינער אביון? באשר, דעם גביר האָט זיך פאַרגלוסט זינגען! ווילסט זינגען? געה אין טרעיאַטער, להבדיל, וועט מען דיר דאָרטען זינגען צעזעצטערהייט!... איך זאָל זײַן, הערט איהר, אַ מאַנסביל, וואָלט איך זיך מיט די גבירים גערעכענט. אוי, וואָלט איך מיך מיט זיי גערעכענט! איהר מיינט, איך האָב עפּיס צו זיי? איך האָב צו זיי גאָרנישט, נאָר איך האָב זיי פיינט. איך האָב פיינט אַ נגיד! אַ נגיד און אַ שפּין, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען! איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך איינס מיט'ן אַנדערען. האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ אידינע האָט אין זיך נײַען מאָס רעד...

מע האָט פון די גענז... מיינט נישט, אַז מע פאַרקויפט שוין אויס די גאַנצע שמאַלץ מיט אַלע אָבדירקעס מיט אַלע דרויבלעך

זאָל זיך דאָס ארומקוקען, אָרעמעלייט געהען־אוים פון קעלט, אָרעמעלייט שטארבען, שוואָלען פון הונגער, קינדער פאלען ווי שטרוי, ווי פליעגען. נאָך מיט חסד, ווי זאָגט איהר, וואָס נאָר אָרעמעלייט שטארבען... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערען. האָט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאָגט איהר: א אידינע האָט אין זיך נייען מאָס רעד...

די אָבדירקעס פון די גענז... מע זאָל וועלען, הערט איהר, ארויסקוקען אויף די אָבדירקעס אליין, וואָלט מען שען אויסגעזעהן מיט די גענז! א חוץ אָבדירקעס, איז פאראהאן ביי גענז די דרויב־לעך: גריוועו, לעבערלעך, פופיקלעך, קעפלעך און פיסלעך, גערגעלעך, פליעגעלעך, צינגעלעך, הערצלעך און נירלעך. הײנט העלזלעך! פאראהאן ביי מיר איינע א בעל־הבית'טע, פעטשעריציכע הייסט זי, נעמט זי צו ביי מיר אלע העלזלעך, וויפיעל איך האָב; עס מעג זיין א האלבע מאה העלזלעך, לאָזט זי מיך נישט ארוים. דער מאן איהרער, זאָגט זי, פעטשעריצי הייסט עס, איז א ליעב־האָבער פון ברוסט און פון העלזלעך. ברוסט האָט ער ליעב, זאָגט זי, קאלטערהייט, מיט פעפער באפעפערט, און העלזלעך — געפילטע מיט מעהל, אָדער מיט קאשע, אָדער מיט פארפעלעך, אָדער מיט לעבער און מיט גריוועו, געבראָטען באזונדער, אָדער געקאָכט אין מעהרען. וואָס זשע מיינט איהר? ווי די מתים עסען, אזא פנים האָבען זיי. ער זעהט, קיין עין־הרע, אוים קעגען מיין מאן, ווי א איד פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, חאָטש ער איז עלטער פון מיין מאן מיט גוטע צעהן יאָהר. און חאָטש מיין מאן טהוט אויך קיין שום ארבייט נישט, זיצט ער חאָטש און לערענט, און אז ער קומט אהיים, וועט ער נישט זאָגען, ווי אנדערע מאנען: „הער נאָר, דו, געב עפים עסען!" ער, אז ער קומט אהיים פון בית־המדרש, איז דאָס ערשטע — נעמט ער זיך צו א ספר, קוקט אין ספר אריין און זיפצט, זיפצט שטילערהייט — א סימן, אז ער וויל

אָנצוקוקען גנעסי׳ס חאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, ווי זיי קוקען־אַראָפּ פון׳ם אויפ׳ן־אויווען, זעהען פאַר זיך אזאַ טאָפּ שמאַלץ מיט אזוי פיעל גריווען — און נישט אויסציהען קיין הענטעל אפילו, נאָר ליגען און קוקען נעבאַך, ווי הונגעריגע וועלף, און באַלעקען זיך, און די אויגלעך בשעת מעשה גלאַנצען — אַ גאָט׳ס רחמנות צו זעהען דעם צער! שטופּט מען זיי אריין דאָרטען אַ גריוו אין הענטעל, מע טהוט זיי אַ שמיר אַ ביסעל שמאַלץ איבער די ליפּען. וואָס נאָך, איך בעט אייך? ווי קאָן איך אָנהאָדעווען אזוי פיעל מיילער, אַז איך בין אַליין אָפּגעשאָטען, קיין עין־הרע, מיט קינדער, און דער מאַן פאַרדיענט נישט קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען, און שולדיג איז מען אויף די גענז — איך זאָל עס פאַרמאָגען אַ דריט־חלק מיט אייך אינאיינעם, און פּריצענט וואַכסט ווי מיט רוחות, און צאָהלען מוז מען, איך וועל נישט געהן פאַרבאָרגען זיך, בלייבען איין אָנזעצערין, חלילה, אַזוי ווי יענטע, אַיטשייגער, וואָס האָט נישט אָפּגעצאָהלט דעם שוואָגער פאַר דער אַנדערער האַלבע דירה, צוליעב׳ן זוהנדעל, וואָס שטודיערט, זאָגט מען, אין די קלאַסען און שרייבט אום שבת... אַזוי זאָגט די וועלט. איך בין דערביי נישט געשטאַנען. איך האָב פיינט זאָגען דאָס, וואָס איך וויים נישט, און פון באַרעדען יענעם אַנטלויף איך. איך פרעג נאָר איין זאַך: צו וואָס באַדאַרף עס יענטע׳ס זוהנדעל זיין אַ געשטודיערטער? אַז בסך־הכל איז ער גאָר אַ קראַנקער, מישטיינס געזאָגט, אַ טשעכאָטניק; זיי זענען אַלע, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום אידישער שטוב געדאַכט, טשעכאָטניקעס. לאָז ער איהר לעבען הונדערט צוואַנציג יאָהר, איך בין איהר אַ גוטער פריינט, וואָס האָב איך צו איהר? חאָטש, אַז מע וויל צוריק, האָט זי קעגען מיר נישט אזוי יוצא געווען! מע נעמט נישט און מע רוקעוועט נישט אַרויס קיין שכנים אין מיטען פאַר־פסח! וואָס איז? באַשר מנשה דער וואַסערפיהרער קאָן צאָהלען אַ קערבעל אַ וואָך, און איך נישט! לאָז זי זיך באַריהמען דערמאָלט, אַז ער וועט איהר באַצאָהלען! ס׳איז גאָר אַ סברה, אַז אָט דער

פון די גענז, ווערט מען שוין גליקליך. גענז זאָלען ני'שט האָבען קיין פוך און קיין פעדערען אויף זיך, וואָלט נישט כדאי געווען ד'ער גאַנצער עסק. פריהער, אז איך האלט נאָך ביי פארוואַרפען די גענז, סקובע איך זיי שוין אונטער, די גענז, אונטער די פאַכוועלעך, און קלויב־צונויף דאָס ביסעל פוך. נאָכדעם, נאָכ'ן קוילען, שמועסט מען נישט — דאָס ביסעל פוך באַזונדער, און די פעדערען באַזונדער, און איך גרייט מיר צו ארבייט אויף א גאַנצען ווינטער. די נעבט זענען דאָך גענוג גרויס, מע קאָן זיך גענוג אָנפליקען. פליק איך. אַצינד האָב איך א שטיקעל הילף: מיידלעך. מיידלעך זענען ני'שט קיין יונגלעך. יונגלעך געהען אין חדר אריין, און מיידלעך וואָס? מיידלעך זענען גענז, זיצען און האָדעווען זיך און וואַכסען. זע'ז איך זיי אנידער נעבען זיך איבער א זיפ: „העלפט, קינדערלעך, פליקען פעדערען; איך וועל אייך דערפאַר, אם ירצה השם, מאָרגען שענקען א גריוו, באַשמירען א שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, אָדער גאָר צושטעלען א זופ פון קישקעלעך!" אהא, זאָלט איהר זעהן, ווי סע ווערט א גדולה און מע נעמט זיך צו דער ארבייט — א קליינינקייט, א זופ פון קישקעלעך! וואָס, משטיינס געזאָגט? אז קיין פלייש קוקט מען נישט אָן א גאַנצע וואָך, חוץ שבת. איך זאָל נישט האנדלען מיט קיין גענז, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטהאָן א גאַנצע וואָך מיט די קינדער! אַזוי וואַרפט זיך פאָרט דורך א פלאָסטערעל, א גערגעלע, א קעפעל, א פיסעל, א קישקעלע, א ביסעל שמאַלץ — דער ריח אליין איז שוין גענוג! אז איך בין געזעסען, נישט היינט געדאַכט, ני'שט פאַר אייך גע־דאַכט, נישט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, אין שכנות, ביי יענטען הייסט עס, האָב איך אליין געהערט פון גנעסי'ס מויל: „אז עס קומט, זאָגט זי, די צייט פון חנוכה און איהר הויבט זיך אָן, זאָגט זי, פּאָרען מיט די גענז, ביי דער פסח'יגער שמאַלץ, — קומט, זאָגט זי, אויף מיין חאַליאַסטרע א נייע הויט; פונ'ם ריח אליין, זאָגט זי, פאַרדרעהט זיך זיי שוין דאָס קעפעל, און סע מאָהלט זיך זיי אויס, אז זיי עסען געגזעגם"... איהר מיינט, ס'איז מיר געווען אָנגענעהם

אַ ווייסע כפרה

אַ מאָנאָלאָג פון אַ „מאָרעם".

געשריבען אין יאָהר 1904.

מנשה איז א בעל־חוב, די האָר זענען נישט זיינע. פאַרנומען ביי אַלע בעלי־בתּים פאַר וואַסער אויף א גאַנצען ווינטער, און א קבצן איז ער אויך א גוטער, און א ווייב האָט ער, פּעסי רופט מען זי, אויך א גוטע שטוקע! גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר שאַט... מיר דאַכט זיך, איך האָב אייך געוואָלט עפּיס דערצעהלען א שענס? פרעגט מיך בחרם, איך האָב שוין אליין אויך פאַר־געסען וואָס!... אָט די ווייבער, הערט איהר, איז אייך קיין קאַטאָ־וועס נישט! דאָס איז עפּיס א מין פאָלק!... אָט האָב איך אייך דאָ אויסגעמישט פון כּל מאמינים שהוא, קאַשע מיט באָרשט און מיט לעבערלעך און מיט נעכטיגע טעג — טאָמער ווייסט איהר וואָס? א אידינע, הערט איהר, האָט טאַקי אין זיך נייען מאָס רעד!... איך וועל אייך שוין מוזען אָפּלעגען די מעשה נאָך אויף א מאָל.

אַ ווייסע כפּרה

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר; בּיי מיר, עס מעגען בּאַלען שטיינער פונ'ם הימעל, אַ ווייסע כפּרה אויף ערב יום־כּפּור — דאָס מוז זיין! איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת: איך פאַרשטעה גאָרניט, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט שלאָגען כּפּרות ניט מיט קיין ווייסער כּפּרה? עס מאָהלט זיך מיר אויס, איך וואָלט אַ גאַנץ יאָהר מורא געהאַט פאַר שטאַרבּען. איך בּין שוין אַזוי געוואוינט געוואָרען פון קינדוויז אָן. ס'איז אַלסדינג אַ געוואוינהייט. מיין מאַמע, מוזט איהר וויסען, איז אויך נישט קיין גרויסע צדיקית, נאָר פון די דאָזיגע זאַכען האַלט זי גראָד. צום בּיישפּיעל: אויף פּסח — פּסח'יגען בּאָרשט, אויף שבועות — ליובּיסטיק, אַ כּפּרה — אַ ווייסע, חנוכּה — לאַטקעס, פּורים — שלח־מנות, וכדומה אַזעלכע מצוות היט זי אָפּ, ווי איין אמת'ע רבּיצין. „הזכּרת־נשמות" איז בּיי איהר דאָס שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג, און חלילה ניט הערען שופר בּלאָזען איז פאַר איהר אַ סך אַ גרעסערער אומגליק, ווי בּיי מיר, למשל, נישט הערען, להבדיל, שאַליאַפּינען... פון דעסטוועגען, איהר זאָלט זי קענען, וואָלט איהר זיכער מיינען, אַז דאָס איז אַ גרויסאַרטיגע געבּילדעטע דאַמע. געטע און שילער לאָזט זי עד היום ניט אַרויס פון מויל, און מיט טשאָקען שלאָפט זי נאָך בּיז היינטיגען טאָג. און קומט ראש־חודש אלול, זאָלט איהר זעהן, דעקט זי זיך איבּער דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכעל און האָט צו טהון מיט די „יענטעס";

אָבער אַ פּרעמדער פּרובען זאָגען אויף אידען אַ שלעכט וואָרט, וועט ער איהם די אויגען אַרויסרייסען. אַ מאָדנע בריאה אָט דער וואלאָדי! איך האָב וויפיעל מאָל איהם געהערט באַריהמען זיך פאַר די פּריצים, וואָס קומען זיך אַמאָל צונויף ביי אונז שפּיעלען אין פּרעפּעראַנס, אַז מיר האָבען אונזער אייגענעם אידישען דיפּלאָמאַט הערצל, וואָס איז אַ גאַנצער בן־בית ביי'ם טערקישען סולטאַן; און אַז די ציוניסטען זענען געקומען אָנ־מעלטען צו איהם נאָך געלט, האָט ער מיט זיי געהאַט אַ לאַנגען ויכּוח, זיי באַוויזען, אַז זיי טראָגען זיך אַרום מיט חלומות, זיך איינגערעדט אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז... נו, און געלט? איהר מיינט, ער האָט זיי נישט געגעבען? געגעבען! אָט אַזאַ מין נפש איז מיין וואלאָדי. וויפיעל האָב איך צו טהון מיט איהם פאַר די קינדער! מיינע קינדער זענען, קיין עין־הרע, געראָטענע קינדער, שענע, געזונטע, פרישע, לויטערע. וואָס נאָך דאַרף מען? וויל ער, וואלאָדי הייסט דאָס, זיי זאָלען אַלסדינג קענען. קענען? מהכתּיתי, איך וויל אויך, זיי זאָלען אַלסדינג קענען. ווער וויל דאָס ניט, אַז קינדער זאָלען קענען? דאָס געזונט זייערס איז אָבער ביי מיר טייערער. איך בין אַ מוטער ניט אַזאַ הייסע, נאָר דאָך אַ מוטער, ווייס איך, וואָס הייסט געזונט. מיין סאַשקע מיט מיין סאָנקע, איידער זיי זענען אויסגעוואַקסען — ע־הע־הע! קומט ער צו געהן און מוטשעט זיי — ער וויל, זיי זאָלען אַלסדינג קענען, אַלסדינג וויסען, אפילו אידיש, זאָגט ער, דאַרפען זיי אויך קענען. קאַרג, וואָס זיי האָבען אויף זיך די גימנאַזיע, מיט מוזיקע, מיט טאַנצען, מיט שלעק, באַדאַרפען זיי נאָך האָבען אויף זיך נאָך איין אומגליק: אידיש לערנען! מע זאָל חאָטש לערנען אידיש, ווי מע לערענט, למשל, דייטש, אָדער פראַנצויז, אָדער איינגעלש. צי דער אידישער לעהרער זאָל חאָטש זיין אַ לעהרער, ווי אַלע לעהרערס. איז ער אָבער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רעד, איך ווייס אַליין ניט וואָס. וואלאָדי אַליין קאָן ניט ליידען דעם ריח פונ'ם אידישען לעהרער. אַלע מאָל נאָך

איך האָב מורא, אויב זי שמועסט ניט מיט זיי מכּח קנייטלעך לעגען... און נאָכדעם, אַוועק די וויינענדיגע טעג — אַראָפּגעוואָרפען דאָס טיכעל פֿונ'ם קאָפּ, און ווידער געטע, ווידער שילער, ווידער טשאָקע. אָט אַזאַ מין אידינע איז די מאַמע מיינע, און אָט אויף דעם אייגענעם אידישען שניט האָט זי געפֿיהרט אונז אויך, די טעכטער איהרע. פֿינף זענען מיר געוועזען, און אַלע האָבען מיר חתונה געהאַט „פּאָ־ליובווי", דאָס הייסט: שענע מיידלעך זענען מיר געווען, און געבילדעט אוודאי, און נדן האָבען מיר געהאַט אויף זיך צו פּופּצעהנטויזענט אין באַנק אויף אַ טאָכטער, — היינט פֿאַר וואָס זשע זאָל מען אונז פֿיינט האָבען? מיר האָבען גע'שמ'ט, דאַרפֿט איהר וויסען, אויף דער וועלט ניט אַזוי מיט אונזער שענקייט און מיט אונזער בילדונג, ווי מיט אונזער גוט־אויפגעצויגען־ווערען. דערציהונג, הערט איהר, איז אַ גרויסע, אַ גרויסע זאַך! למשל, אַזוי, אין אַנדערע פֿאַכען, זענען מיר דערצויגען געוואָרען ביי אונזער מוטער דוקא פֿראַנק און פֿריי: געקאָנט רעדען *מיט וועמען* מיר האָבען געוואָלט, געקאָנט געהן *וואוהין* מיר האָבען געוואָלט, און געקאָנט טהון *וואָס* מיר האָבען געוואָלט; נאָר דאָרט, וואו עס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט לשון אידישקייט, איז געווען חיות ניט זיכער! צום ביישפּיעל, נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, איך זאָל אַייך אויסטהון דעם לינקען שוך פֿריהער פֿאַר'ן רעכטען. וואַלאָדי לאַכט פֿון מיר און מאַכט חוזק; נאָר איך זאָל וועלען קוקען אויף וואַלאָדין, וואָס וואַלאָדי לאַכט, וואָלט ביי מיר פּסח געווען גאָלע פּאַסקע מיט געפּאַרבטע אייער, אָהן אַ ברעקעל מצה. מיין וואַלאָדי איז אין אידישקייט אַ ביסעל... נו־נו... דאָס הייסט: אַזוי, פֿאַרקעהרט; אַ אידען האָט ער, אדרבּה, מיט'ן גרעסטען כּבוד. דערהערט ער ערגיץ אויף אידען אַ צרה, אַ פּאָגראָם, געהט ער אַרום אָהן אַ קאָפּ: סטייטש אַ איד, אידיש בלוט!... פֿיינט האָט ער נאָר די אידישע תּנועות מיט די אידישע גענג. אַ איד, זאָגט ער, איז איין עזות־פּנים, אַ איד איז אַ „נאַחאַל"... לאָז

וואָרען, אַז ער געהט אין קלוב. אַ שטיין פון'ם הארצען! דאַנקען גאָט, וואָס חאָטש ניט ערגיץ אַנדערש... „וואַלאָדי, טענה איך מיט איהם, קאָרטען קאָנסט דו דען ניט אויספיהרען אין דער היים?” ענטפערט ער מיר: „אין קלוב זעהט מען זיך מיט דעם, מיט יענעם. מע הערט וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך”... בלאָטע! דאָס איז, ווי זאָגט מען, אַ תּירוץ פאַר די בענטשליכט. „וואַלאָדי, טענה איך מיט איהם ווייטער, באַרעכען דיך, דו לאָזט מיך זיצען איינע אַליין גאַנצע נעכט, קוקסט ניט אָן, זאָג איך, קיין קינד אין די אויגען, גזלן, האָסט קיין מורא ניט פאַר גאָט, וואַלאָדי?” זאָגט ער, אַז ער האָט פיינט סצענעס, קאָן ניט הערען, אַז איך רעד מיט גאָט. הויב איך אָן וויינען. טהוט ער אַ זעץ מיט דער טיר, געהט אַוועק און קומט אויף מאָרגען אין דער פריה ר'עכט ברוגז. איהר פאַרשטעהט? א י ה ם קומט נאָך אַרויס! איך באַטראַכט איהם דעמאָלט, מיין וואַלאָדין הייסט דאָס, און דערמאַן מיך אין אַמאָל, אוי, בשעת ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום מיר, זיך גע'שרכנ'ט, געפּאַדקעוועט, געצעהלט די טריט, געהיט דעם שאָטען. ס'איז איהם ניט אָנגעקומען גרינג. קודם כל, האָט ער געזעהען, ער זאָל געפעלען ווערען דער מאַמע מיינער, אויסהערען פון איהר אויף אויסוועניג גאַנצע שטיקער פון געטע מיט שילער מיט טשאָקע. נאָכדעם האָט ער איהר געלייענט ביכער, און דוקא ראָמאַנען, און דוקא אַזעלכע, וואָס אַ שטיין קאָן צער־גאָסען ווערען, געהאַלטען איהר בשעת מעשה די בייוועלעך, זומער איהר געהאָלפען פרעגלען איינגעמאַכטס, ווינטער געשפּיעלט מיט איהר אין „קאָנטשעניע”. גוט פאַרשוואַרצט געוואָרען, און אַלץ צוליעב מיר. נאָך מיר איז ער געשטאָרבען, אויסגעגאַנגען נאָך מיינע טריט! אַ קניהע ערד האָט ער אויסגעשלאָגען, ביז ער האָט דערלעבט צו הערען פון מיר דאָס גוטע וואָ״ט, וואָרום איך האָב געהאַט דעמאָלט דריי אַזעלכע חתנים פיינע בריה'ס, ווי ער. איינער פון זיי, ער איז היינט דאָקטאָר, איז אין מיר געווען פאַר־ליעבט טאַקי צום שטאַרבען. דאָס הייסט, זיי זענען אַלע געווען

זיין אוועקגעהן עפּענט ער אויף דאָס פענסטער. „צו וואָס טוט ער דיר?" — טענה איך מיט איהם. „ס'איז היינט, זאָגט ער, אַ מאָדע אידיש, דאַרפען זיי לערנען אידייש". איהר פאַרשטעהט? ס'איז אַ מאָדע! אַלסדינג איז אַ מאָדע. קאָרטען איז אויך אַ מאָדע. מיין וואָלאָדי האָט אַמאָל געוואוסט אַ פּרעפערענס, אַ דערדע, אַ זעכּס־און־זעכציג; היינט קאָן ער זיך שוין אַוועקזעצען אויף אַ גאַנצע נאַכט און שפּיעלען ביז דעם אַנדערען אויפדער־נאַכט. ער קאָן זיך שוין כּמעט אָהן קיין קאָרטען נישט באַגעהן. נאָר כּל זמן ער האָט געשפּיעלט אין דער היים — האָט מיך ניט געאַהרט. איך אַליין האַלט אויך פון אַ פּרעפערענס, און אַיין אָקעלע האָב איך אַליין אויך ניט פיינט. ביי מיין מאַמען פלעגען מיר אַלע שפּיעלען גאַנץ אָפּט אין אָקע. אַהרען אַהרט מיך נאָר, למאי ער שפּיעלט אין קלוב. אוי, דער קלוב! דער קלוב! פאַר־ברענט זאָלען ווערען אַלע קלובען איבער דער וועלט! ערשטענס, איין עבירה טאַקי דאָס געלט. שפּיעלען שפּיעלט ער אויף צו געווינען, נאָר ער פאַרשפּיעלט, ער פאַרשפּיעלט אַ סך געלט! איך וויים, ווען ער פאַרשפּיעלט און ווען ער געווינט. קומט ער נערוועז, דאָס הייסט, ריין משוגע, לאָזט־אויס צו מיר זיין ביטער האַרץ, זוכט חסרונות אויף יעז'ען טריט — איז אַ סימן, אַז ער האָט פאַרשפּיעלט. היינט די צייט, וואָס געהט אַוועק! די נעכט! די נעכט! די ערשטע צייט, איידער איך בין געוואָהר געוואָרען, וואו ער ווערט פאַרשוואונדען אַלע נאַכט, בין איך געוועזן אויס מענטש, שיער ניט משוגע געוואָרען. אַלע מאָל האָט ער מיר צוגעטראַכט אַ נייעם תּירוץ. דאָס — אַ בּוררות דריי נעכט כּסדר, אַ זאַסעדאַניע, אָדער גלאַט אַ גוטער ברודער האָט איהם פאַרשלעפּט צו זיך אויף אַ פּרעפּערענס. נאָר וואָס דען? איך קען וואָלאָדין. איך וויים, ווען ער ליגט און ווען ער זאָגט איין אמת. שווערט ער זיך און איז בשעת מעשה רעכט אין כּעס, איז אַ סימן, אַז ער זאָגט אַ ליגען. האָב איך אָנגעהויבען מסתּמא נאָכצושמעקען און אויסצוטאַפּען, און בין געוואָהר גע־

מאטעריאל. דערפאַר געפינט זיך ביי אונז רעד מיט דעם דאָזיגען אַפּטייקער, מיט ברענהאָלצען — פון דער וועלט רעד. פּוסטע דבורים, חכמות, ליעדלעך, אנעקדאָטען. אוי, האָט ער אַנעקדאָטען, ברענהאָלץ, ברענען זאָל ער אויפ׳ן פייער! און דוקא אידישע אנעקדאָטען, חי־חי, פון דער וועלט אַנעקדאָטען! איך האָב ליעב אַ שענעם אַנעקדאָט; הערען אַנעקדאָטען ווערט מיר קיינ־מאָל נישט נמאס. זיצט ער, ברענהאָלץ הייסט דאָס, גאַנצע נעכט און דערצעהלט מיר אַנעקדאָטען... איך ווייס, אז די גאַנצע שטאָדט האַלט מיך אין די מיילער. איך ווייס גאַנ׳ץ גוט, וואָס מע זאָגט אויף מיר, נאָר עס זאָל מיך אָנהויבען צו אהרען! מיך אהרט נאָר, למאי עס אהרט ניט וואַלאָדין אַהרט דאָס כּיט!... וועה־וועה! אַמאָליגע יאָהרען, למשל, ווען מע קומט און מע דערצעהלט וואַלאָדין, אַז סע זיצט ביי מיר גאַנצע נעכט איין אַפּטייקער און דערצעהלט מיר אַנעקדאָטען — האַ־האַ־האַ! און היינט? גאָרניט. ער קומט אַמאָל צו געהן שפּעט ביינאַכט, טרעפט ער איהם ביי מיר זיצען אויפ׳ן באַלקאָן — און גאָרניט. „וואָס הערט זיך עפּים נייעס, פּאַני ברענהאָלץ?” און פּאַני ברענהאָלץ דערצעהלט איהם נייעס. וואַלאָדי רויכערט, מאַכט זיך, ווי ער הערט מיט קאָפּ, און האָט אין זינען בשעת מעשה — ווייס איך וואָס, וואָרום דער קאָפּ איז איהם גאָר דאָרטען. איהר ווילט ויסען, וואו דאָרטען? עה! איך זאָל וויסען, וואו איז דער „דאָרטען”, וואָלט דאָך גוט געווען! איך וויל שוין לאַנג וויסען. איך האָב שוין אפילו אָנגעשמעקט אַ שטיקעל „סליד” אויך. דאָ ניט לאַנג האָב איך אויסגעטרייסעלט אַ בריוועלע ביי איהם, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, פון די הויזען־קעשענעס, זעהר אַ שען בריוועלע, אויף רויזענפּאַפּיער, דורכגעשפּיגעוועט מיט פּאַרפומען און גע׳חתמ׳עט „מאַשאַ”... מאַשאַ? מאַשאַ? ווער קאָן זיין די דאָזיגע מאַשאַ?... שוין צוויי וואָכען, אַז איך ברעך מיר דעם קאָפּ, איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זיין... אָה! לאָם איך נאָר געוואָהר ווערען אַקוראַט, וועט ער זיך ביי מיר נישט נאַרען!

נאָך מיר די כּפּרה. און היינט? לאָם איך וועלען היינט עמיצען פאַרדרעהען דעם קאָפּ, איז בּיי מיר אַ מלאכה? אָט, אַשטייגער, בּרענהאָלץ דער אַפּטייקער, וואָס טאַנצט אַזוי אַרום מיר, — דער־צעהלט ער מיר מעשׂיות, ווייל מיך אַ"ינרעדען, אַז איך בּין יונגער מיט צעהן יאָהר, ווי איך בּין. און וואָס קומט ער אַקוראַט דעמאָלט, ווען וואַלאָדי איז ניטאָ?... אמת, איך אַליין ווייז איהם אַ דרך; איך וויל, אַז וואַלאָדי זאָל דאָס טאַקי וויסען, און לאָז דאָס איהם פאַרדריסען... איך אַליין דערצעהל נאָכדעם וואַלאָדין: „דו ווייסט, זאָג איך, ווער ס'איז דאָ געוועזען?" „„בּרענהאָלץ?" — זאָגט ער, און ער זאָל זיך דאָס אפילו פאַרקרימען! „מאָרגען, זאָג איך, געהען מיר מיט איהם אויף שאַליאַפּינען אינצווייען"... „מיט וועמען, מאַכט ער, מיט בּרענהאָלצען?" איך קוק אויף איהם בּשעת מעשׂה און טראַכט מיר: „וואַרט־אויס, איך וועל דיר דערגעהן די יאָהר!" און רוף מיך אָן צו איהם: „ווי מיינסט דו, וואַלאָדי, נישקשה מיר זאָלען דינגען מיט בּרענהאָלץ דעם אַפּטייקער איין דאַטשע?" „וואָס זאָל דאָ זיין, זאָגט ער, קשה?" „בּרענהאָלץ, זאָג איך, וויל מיט מיר פאָהרען היינטיגס יאָהר קיין מאַריענבּאַד אינאיינעם". „געזונטערהייט", זאָגט ער. געזונטערהייט? אָבּער גאָר לא! דוקא ווייל דו ווילסט, וויל איך ניט... איך בּעט אייך, וואָס איז דאָס געוואָרען מיט מיין וואַלאָדין? חברה האָבּען איהם גוט אַריינגענומען אין קאָהן אַריין... אָה, חברה קאָן! פון קלוב קאָן קיין גוטס נישט אַרויס. פון קלוב געהט מען אַלע נאַכט... איך וויים וואוהין מע געהט. איך האָב מיך שוין צעפּרעגט. פון קלוב געהט מען אַלע נאַכט אין „פאַרנאַס", אין „אָלימפּ", אין „אַרקאַדי", וכדומה אַזעלכע פריילּיכע ערטלעך, און מע פאַר־בּרענגט די צייט גאַנץ פריילּיך... בּרענען זאָל דער קלוב! בּרענען זאָלען די קאָרטען! בּרענען זאָל די קאָמפּאַניע! אַמאָל פלעגען מיר מיט וואַלאָדין אויסזיצען גאַנצע נעכט און רעדען און רעדען, קיינמאָל ניט אויסגעלאָזט זיך קיין שטאָף; און היינט קאָנען מיר קיין האַלבּע שעה ניט זיצען אינאיינעם. אויסגעגאַנגען בּיי אונז

דער יום־טוב'דיגער צימעס

א מאנאלאג פון א ווילנער אידינע.

געשריבען אין יאהר 1904.

ער וועט בײַ מיר האָבען אַ מאַשע! סע וועט איהם שוין זײַן מאַשעדיג אין די אויגען!... שאַ, וואוהין בין איך דאָס פאַר־פאָהרען? פון וואָס האָב איך אײַך אָנגעהויבען? יאָ, כּפּרות. איך וויים ניט, ווי אַזוי איהר; בײַ מיר, עס מעגען פאַלען שטיינער פון׳ם הימעל, אַ ווײַסע כּפּרה אויף ערב יום־כּפּור — דאָס מוז זײַן! „ווי די כּפּרה איז ווײַס, בין איך ווײַס פון זינד״. אַזוי האָט מיך די מאַמע געלעהרענט. איך גײה נאָך דער מאַמע׳ס שניט. דערפאַר מוז איך האָבען אַ כּפּרה אַ ווײַסע. און נישט נאָר פאַר מיר — פאַר וואַלאָדין, פאַר די קינדער, און אפילו פאַר מײַן קלײַן ליאָליטשקע קויף איך אַ קלײַן ווײַס היהנדעלע, אַ קלײַן ווײַס כּפּרה׳לע, מיר פאַר איהרע שענע אויגעלעך, און שלאָג מיט איהר כּפּרות. איך שלאָג פאַר זײַ אַלעמען כּפּרות. אָך און וועה, אַז איך בין די אײנציגע אידישקע אין שטוב, וואָס פאַרשטעהט אַ אידישען דין און וואָס האַלט פון אידישקײט... נעם איך דעם סידור, זאָג איך דעם „בני־אָדם״, און דרעה, און דרעה די כּפּרה: „זאת חליפתי, זאת תּמורתי, זאת כּפּרתי״, און איך פיהל, אַז עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט, וואָרום ס׳איז אַ ווײַסע, אַ ווײַסע כּפּרה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען!...

דער יום־טוב׳דיגער צימעס

— זיי זאָגען, די היינטיגע הייסט דאָס, די עזות־פּנים׳ער, אַ קלאָג צו זיי, אַז דעמאָלט וועלען מענטשען זיין גליקליך, ווען מע וועט מאַכען אַ מישמאַש, שלי שלך, שלך שלי... און איך זאָג אייך, אַז אויב עס וועט אַמאָל זיין אַזוי, וועט דאָס הייסען תוהו־ובוהו — הימעל און ערד און סטרוטשע־באָב. הערט אַ מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען פאַראַיאָהרען אין דער צייט, דעם ערשטען טאָג סוכות. איך זיץ, ווייסט איהר דאָך מן הסתם, אויף „גיטקע טויבע׳ס זאַוואולעק", ביי גוטקע נעחע׳ס אין הויף. דאָס הייסט, ס׳איז אַזוי גוטקע נעחע׳ס הויף, ווי איהר זייט מיר אַ פעטער. דער הויף איז איין „עקסווידאָרסקע הויף" ; עס האָבען אין דעם אַ חלק, מיט גאָט׳ס הילף, פינף ברידער מיט צוויי שוועסטער. זענען די ברידער געשטאָרבען, און די שוועסטער זענען אויך געשטאָרבען, און אַלע האָבען געלאָזען קינדער, און דוקא היבשליך, קאָן מען זיך ניט איינטיילען ; ניט פאַרקויפען, ניט צעוואַרפען, סיידען חלילה אונטערצינדען, איז איין עבירה די גאַס, עס קאָן אַוועקגעהן אַ האַלבע שטאָדט. האַלט מען זיך מיט דער דירה, ווי איך מיט מיינע צרות: ניט קיין דאַך, ניט קיין טרעפּ, ניט קיין אויווען — אַ קאַטוך, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, און געה האַלט דאָרט אַ „הימעל־בעט" און צאָהל אַזאַ ראַטע, דריטהאַלבען רובעל אַ חודש נאָך מיט קאָפּיקעס. בייסער וואָס? ס׳איז שוין מיט הייצונג. ניט מעהר זאָלען אייערע שונאים

האַלט איך אין חשבון ? אַריבער אַ מנין געווים, און אפשר נאָך מיט אַ צולעג. וואָלט אַלץ זיין גוט, ווען אַלע וואָלטען דאַוונען אין איין שוהל. איז אָבער די צרה, וואָס דער איז אין ווילייקע און יענער אין חאַנדריקעווע. מילא, אַז דער גלעזער דאַוועט אין דער גלעזערשער שוהל, דער קצב אין דער יאַטקעווער שוהל, דער מלמד אין דער ליבאַוויטשער שוהל — דאָס פאַרשטעהט מען נאָך: כל עורב למינהו — איטליכער צו זיין צעך. אָבער דו, אַלמן, וואָס קריכסט דו אין דער אַלטער שוהל דוקא צו סיראָטע דעם חזן ? ביזט דאָס טאַקי אַזאַ מבין אויף נגינה ? איהר וואָלט איהם הערען, אַז עס קומט שבת זינגען זמירות — אַ קלאָג צו איהם ! אַ שטים פון אַ געקוילעטען האָהן, און געגנזעלט זיך נאָך. ער פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ מיט זיין „ברוך שאָכלנו", אַז דעם גאַנצען טאָג זונטאָג שאָכלנו'ט מיר אין די אויהערען; טאָמער ווייסט איהר, וואָס ער האָט גע'אָכלנו'ט ביי דער ארורה זיינער, אַ חוץ קללות מיט חרמות ? און פון דעסטוועגען, רעדט מיט איהר, איז זי גערעכט: אַ מאַן, זאָגט זי, איז ווי דער גלות — אָט מע טראָגט איהם, נאָר מע איז שוין געוועהנט. וואָס זאָגט איהר צו איהר קאָפּ ?...

דאַכט מיר, איך וואָלט מעהר באַדאַרפט האָבען טענות צו דעם, וואָס איך בין ניט ווערטה דעם נאָמען דערמאָנען, וואָרום מיינער איז דאָך טאַקי יע, ווי זאָגט מען דאָס, אַ כשר'ער שעפּס, טהוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיצט יומם ולילה אין שוהל על התורה ועל העבודה, און איך ליג אין דער ערד, ווי איהר ווייסט, און באַק בייגעל. בייסער וואָס ? איך וועל האָבען אַ שטוהל אין גן־עדן. אַרבייט איך טאַקי געטריי, ווי אַיין אייזעל, און איהם זעה, עס זאָל זיין דער שבת מיט'ן יום־טוב, כיד המלך ! פאַר וואָס שבת און יום־טוב ? ווייל אַ גאַנצע וואָך עסט ער אויפ'ן חשבון פון דבורה־אסתר. וואָס ער עסט און ווי אַזוי ער עסט — ווייל איך גאָר אַזוי ווייט די האַנט ניט אריינלעגען. איך

זשיפּען, ווי מע הייצט זיך אָן, אַ חוץ שבת און יום־טוב; ס'איז פון די מענטשען אליין, זאָגען זיי, גענוג ווארעם... טאַקי ווארעם! שוין צופיעל ווארעם! בּאַרעכענט, קיין עין־הרע, וויפיעל שכנים אויף איין דירה: שמערעל דער גלעזער — האָט איהר ניט איינס; פיני־מאיר דער קצב איז ניט צוויי; נפתלי־בּער דער שמאַרגאָנער מלמד איז ניט דריי; משה'קע דער אלמן איז ניט פיער. וואָלט ער זיין איין אַלמן, וואָלט זיין נישקשה; איז ער אָבער אזוי איין אלמן, ווי איהר זייט אַ גובערנאַטער. מע רופט איהם אלמן, ווייל ער איז אַמאָל געווען, ניט איצט געדאַכט, איין אלמן. היינט איז ער, בּרוך השם, אוים אלמן. גאָט האָט איהם געבּענטשט מיט איין ארורה, זאָל זי זיך איהם נאָר האַלטען, רבּונו־של־עולם...

היינט האָב איך פאַרגעסען רעכענען רב יאָשע דעם סופר מיט דער שנור. פאַר וואָס זאָג איך די שנור, ניט דער זוהן? ווייל דער זוהן איז אוועק אין מלחמה, האָט ער אָפּגעטראָטען זיין אָרט דעם גליקליכען פּאָר, וואָס מע רופט זיי „די בּונימאָוויטשעס". ווייסט איהר, פאַר וואָס? ז'ערפאַר, וואָס ער איז אַ קאַליקער און זי איז אַ בּלינדע, זענען זיי מאסף ממון. אַ סברה גאָר, אַז זיי האָבּען אַ שענעם קאַפּיטאַל, גאָר אַ שענעם קאַפּיטאַל — צוויי מענטשען און בּיידע פאַרדיענערס! רב ליבּע דעם בּעל־מגיה פון דרוק רעכען איך שוין ניט, וואָרום ער איז ניטאָ אַ גאַנצע וואָך אין דער היים, אַ חוץ שבּת; ער איז אַ מענטש אַ בּאַשעפּטיגטער האָט אפּשר צעהן פּרנסות: אַ חוץ וואָס ער דיענט אין דער דרוק, איז ער אַ מעקלער פון ספרים, אַ געהער אויף מנינים, אַ שיקער פון חברות, אַ זאָגער פון תהלים, אַ שלאָגער פון מלקות, אַ בּלאָזער פון שופר, און אַז עס מאַכט זיך, חס ושלום, איין אומ־גליק, אַ נוטה־למות, שטעלט ער צונויף אַ „יענך" — און נאָך בּדומה אַזעלכע פּרנסות לרוב. נאָר האָט קיין מורא ניט — זיין אידינע זיצט אויך ניט לעדיג: פּלעכט הבדלות און פאַרקויפט בּאָבּעס, און — ישדים ווייסען איהם — בּאָרט אַ קבּצן! אוואו

לאָז זי אויך וויסען פון אַ יום־טוב צו זאָגען. פרעמדע, חלילה, טראָג איך איהר ניט, אייגענע האָרעוואַניע, דין־וחשבון פאַר׳ן מאַן; דאַרף איך אויך ניט אָפּגעבען, היינט ווּעמען הער איך?

בּייסער מע זעהט זיך ניט אַ גאַנצענע וואָך, אַ חוץ שבת און יום־טוב, האָבען מיר זיך אַ ביסעל פאַררעדט. איז מען געקומען רופען מיך אַהיים, איך זאָל גיכער געהן, וואָרום ער איז שוין געקומען פון שוהל, דער מאַן מיינער, אַ קלאָג צו מיר ניט, ער קאָן שוין זיין גוט בייז, וויל נעבּאַך עסען. בּין איך דאָך געלאָפען ניט טוידט, ניט לעבּעדיג, און געטראָפען אין סוכּה שוין דאָס זעכּסטע פּאָרעל זיצען ביי דער סעודה, וואָרום מיר אַלע האָבען איין שטיקעל סוכּה, און ניט אַלע קאָנען עסען אין איין צייט. דאַנקען גאָט, זאָגען האָט ער מיר ניט געזאָגט גאָרניט, דער מאַן מיינער. ער איז ניט פון די מאַנען, וואָס זאָגען. ער איז אַ שטילער מענטש. נאָר בּרוגז׳ליך, זעה איך, איז ער. איך קען איהם שוין נאָכ׳ן קוק: קוקט ער אריין אין אַ ספר אריין, איז אַ סימן, אַז ער איז בּרוגז. דאָס הייסט, אין ספר אריין קוקט ער תּמיד, נאָר קוקען צו קוקען איז ניט גלייך: יענס איז אַנדערש געקוקט, און דאָס איז ווידער אַנדערש געקוקט. און אַ ביסעל איז ער טאַקי סגי־נהור׳דיג אויף איין אויג, קוקט דאָס אויס גאָר ניט יום־טוב׳דיג. הויב איך מיך אָן מסתּמא פאַרענטפערען: דאָס, יענס, אַ שוועס־טער, ניט געזעהען זיך אַ גאַנצע וואָך — בּלאָטע! מיינער איז בּרוגז, קוקט אין ספר אריין. איהם אונטערגעטראָגען די קוואַרט, זיך געוואַשען, דערלאַנגט די פיש. שמעקט אַ מחיה. דאָס ביסעל פאַרפעל, דאָס שטיקעל פלייש — גוט און פיין אַרום און אַרום. געקומען צום צימעס, רוף איך מיך אָן צו איהם, פאַרט אַ מאַן, וואָס זיצט און לערענט: „איז פאַרהאַן, זאָג איך, ביי מיר אַ צימעס, הערסט דו, דער קייסער מעג איהם פאַרזוכען, כּלעבען! איין אמת׳ער אַ יום־טוב׳דיגער צימעס, און דוקא, זאָג איך, פון מעה־רען!"... דערהערט צימעס, האָט מיינער אָוועקגעלעגט דעם ספר,

ווייס נאָר, אז עס קומט שבּת און יום־טוב, איז פאַר איהם גרייט די חלות, מיט די דגים, מיט'ן שטיקעל פלייש, מיט אלעם מיט איינאַנדער. און קומט יום־טוב — מוז זיין צימעס: פּסח פלוימען־צימעס, און סוכּות מעהרען־צימעס.

האָט זיך געטראָפען א מעשה: פאַראיאָהרען סוכּות געווען א יקרות אויף מעהרען. שדים ווייסען זיי, נישט אריינגעפיהרט, אפּנים. א רענדעל א מעהרעלע. נאָר ס'איז עפּיס א תּירוץ? ביי מיין מאַן איז דער צימעס טייערער פון אלץ. ער וועט אייך מוחל זיין די דגים מיט'ן פלייש מיט אלעם מיט איינאַנדער, אבּי צימעס זאָל איהם זיין. לאָז זיך אייך דאכטען, איך ווייס, אז ס'איז נאָר געזאָגט, ווייל דער צימעס איז דאָך שוין נאָך אלעמען, מעג ער זיין א ותּרן... האָב איך געבּראַכט א קאָשעק מעהרען, צורעכט געמאַכט, צוגעשטעלט און אָפּגעקאָכט. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? טעם גן־עדן! ניט אומזיסט איז דאָס ביי די נגידים א וואָכעדיגער מאכל; די נגידים זענען ניט קיין נאַראָנים. זיי האָבען ליעב אלסדינג אין דער וואָכען דאָס, וואָס מיר האָבען ליעב א'ום שבּת... אָפּגעקאָכט, אוועקגעשטעלט און פאַרשאַרט אין מיין ווינקעלע, — איטליכע שכנה האָט זיך איהר ווינקעלע, — בין איך אוועק אויף א וויילע צו דער שוועסטער געוואָהר ווערען. איך האָב א שוועסטער ביילקע, איז זי, ניט פאַר אייך געדאַכט, געלעהמט אויף די פיס שוין צעהן יאָהר, און דאָך לעבּט זי פון איהרע אייגענע הענט: זי פליקט פעדערען. ווינטער, הייסט דאָס, פליקט זי פעדערען, און זומער ארבּייט זי קינדערשע זעקעלעך מיט נאַרעסענע היטעלעך. זיצען זיצט זי אויף דער אידישער גאַס, אויף לייבע לייזער'ס הויף, אויך איין עקסווידאָרסקע הויף, מיט נאָך עטליכע הונדערט געזינדלעך. נו, וואָס קומט מיר דער־פאַר, איך בעט אייך, אז איך האָב מיך ארויסגעחאַפּט אויף א האלבּע שעה צו דער שוועסטער איין מאָל אין א יום־טוב? און אגב האָב איך איהר טאַקי געבּראַכט א חלה מיט א שטיקעל פיש,

ניט זי, טאָמער עמיצער אַנדעריש ? נאָר זאָגען, אַז זי האָט געהאַט
אַ קעקערע !...

וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען ווייטער ? ס׳איז געוועזן ניט
שען, זעהר ניט שען... און ווער איז שולדיג, אַז מע האָט גענומען
מענטשען און מע האָט זיי צונויפגעפּאַקט אַלע אינאיינעם, ווי,
להבדיל, די היהנער אין אַ קאַטוך, און געה טהו ! און רעדט מיט
זיי, מיט די היינטיגע, הייסט דאָס, אָט די עזות־פּנימ׳ער, וואָס
ווילען מאַכען נייע פּאָראַדקעס אין שוהל־הויף, איינפיהרען, ס׳זאָל
זיין אַ מישמאַש, כּולם אַהולאָם, — דרינגען זיי, אַז קלוגע מענטשען
זאָגען, אַז אַזוי איז גוט... און איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל : ס׳איז
תּוהו ובוהו — הימעל און ערד און סטרוטשע־באָב, און האָט מיר
אַ גוטינקען יום־טוב !

געוואָרען גאָר אַ פרישער מענטש. און איך לאָז מיך צום אויוועז. ערשט איך טהו אַ קוק — אַ קלאָג צו מיר ניט, דער טעפּעל ריין ווי גאָלד, און צימעס ניט אַ לעק, ניטאָ קיין צימעס! צימעס־צימעס, וואו איז מיין צימעס? איך לויף צו דעם, איך לויף צו יענעם: „האָט איהר ניט געזעהען מיין צימעס?" וואָסער צימעס? קיינער ווייסט ניט פון קיין צימעס! אַ גליק, איינע אַ שכנה האָט רחמנות געהאַט, האָט זיך אָנגערופען, אַז זי ווייסט, וואו איז מיין צימעס. ס'איז שוין, זאָגט זי, עליו־השלום, אוים צימעס. מע האָט איהם שוין לאַנג, זאָגט זי, אויפגעגעסען. נאָר ווער האָט איהם אויפגעגעסען — קאָן זי ניט זאָגען. זי האָט מורא, וויל ניט האָבען צו טהון מיט אַ סגי־נהור'טע, דאָס הייסט מיט אַ בלינדע... און דאָ, איך טהו אַ קוק אויף מיינעם — גזלן! אריינגעשטעקט די נאָז אין ספר — און שאַ!...

לויף איך דאָך צו דעם גליקליכען פּאָר, וואָס מע רופט זיי „בונימאָוויטש": „סטייטש, אַ קלאָג צו אייך, וואָס האָט איהר, זאָג איך, געהאַט צו מיין צימעס?" זאָגט זי: „וואָסער צימעס?" זאָג איך: „דער יום־טוב'דיגער מעהרען־צימעס!" זאָגט זי: „אַ געזונט אין אייך, וואָס רעדט איהר? איך האָב געהאַט אַ קעקערע!"... האָט דאָס מיך מסתמא גוט פאַרבאַקען ביי'ם הארצען: אַ הולטאַיקע קאָן! סטייטש, איך וויים, זי האָט ניט געהאַט קיין מעהרעלע אפילו אויף אַ רפואה, זאָגט זי מיר, אַז זי האָט געהאַט אַ ק ע ק ע ר ע, אַ בעסערען צימעס נאָך פון מיינעם, הייסט דאָס! „האָט איהר, זאָג איך, געהאַט אַ קעקערע?" זאָגט זי: „אַ קעקערע!" זאָג איך איהר נאָך אַ מאָל: „אַ קעקערע?" זאָגט זי מיר נאָך אַ מאָל: „אַ קעקערע!" זאָג איך איהר ווידער אַ מאָל: „אַ קעקערע?" זאָגט זי מיר ווידער אַ מאָל: „אַ קעקערע!"... נו, אָט דאָ האָט מיר שוין דערלאַנגט אין דער ביין אריין! מילא, זי זאָל מיר אָפּלייקענען, אַז ניט זי האָט צורעכט געמאַכט 'עם צימעס, וואָלט איך אפשר קלערען: אַ קשיא, טאָמער

אַ נגיד'ישע פּרעזשעניצע

אַ ליטווישער דיאַלאָג.

געשריבען אין יאָהר 1904

אַ נגיד׳ישע פּרעזשעניצע

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, הינדע? דעם קאַפּטען פּאַר זעצען, אַ נגיד זאָל מען זיין!
— אקעגען וואָס איז געקומען צו רעד?
— געווען בײ׳ם נגיד. דערלאַנגט צום טיש אַ פּרעזשעניצע, ניט שייך צו זאָגען — אַ גאָלד!
— פּטור! וואָס איז דאָרטען? מיט פּליטערלאַך?
— ניט שייך צו זאָגען — טעם גן־עדן!
— געגעסען?
— פּטור! וואָס פּאַר אַ מחותּן?
— פון וואַן זשע ווייסטע?
— מזעהט ניט?... אַ חיות צו קוקען פון דער ווייטען! צעגעהט אין מויל, ווי אַ פּוטער!...
— נגידים — וואָס פעהלט זיי?
— קאַפּוועהטיג! כוואָלט וועלען זעהען, הינדע... נמ... נמ... זאָלסט אמאָל מאַכען אַ פּרעזשעניצע...
— טאַקי? אַ קליינע השגה!
— פּאַר וואָס ניט? איין מאָל אין לעבען!...
— משוגע — וואָס?
— נמ... נמ... חלש׳ט מיר די האַרץ, הינדע!... מאַך מיר אַ פּרעזשעניצע, זעה!...
— אַ קלאָג! פון וואָס מאַכט נעם — ווייסטע?

— נאַ דיר אַ פּרעזשעניצע !... אָנגעשפּאַרט דער יצר־הרע !... געזעהען בײַ׳ם נגיד... דער נגיד זאָל זיך אָפּשניידען דעם נאָז, דאַרף נעם אייך שניידען דעם נאָז... אַבוזשאַנע !... ננאַ ! נאַ דיר אַ פּרעזשעניצע פּלוצים !... געה וואַש דזאַך, שיים פּאַרטיג די פּרעזשעניצע !

— שיים פּאַרטיג די פּרעזשעניצע ? אָט אַזוי, הינדע, האָב איך דיר ליעב... די נגידים מיינען — נאָר בײַ זיי פּראַן פּרעזשעניצעס... אַיין אײדעלער מאכל !... עס שמעקט דער קנאָבעל — אַ חיות !... גוט, הינדע ! כוואָלט אַלע טאָג עסען פּרעזשעניצעס... הערסטע, הינדע, וואָס כוועל דיר זאָגען ?... נמ... נמ... דיין פּרעזשעניצע איז גאָר ניט דאָס... עפּיס זויערלאַך, ווינציג זאַלץ און קלעפּיג... נמ... נמ... זאָלסט מיר מוחל זיין... נמ... נמ... גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד... חלישות, טפו ! דער שוואַרץ־יאָהר וויים זיי, די נגידים, אין וואָס זיי קאָכענען זאַך !...

— פּטור! פון וואַן זאָל איך וויסען?

— טאָ וואָס זשע רעדסטו?... ערשטענס, לעגען זיי אריין, די נגידים, ווער וויים וויפיעל פּוטער!...

— מילא, איז אָהן פּוטער, אַבי א פּרעזשעניצע!

— א צורה! היינט מילך?

— מילא, איז אָהן מילך, אַבי א פּרעזשעניצע!

— גוט! אָבער אייער? אָהן אייער קאָן מען דאָך ניט מאַכען א פּרעזשעניצע!

— אייער? אוואו שטעהט דאָס „אייער"? מע צעשלאָגט איין איי און מע מאַכט א פּרעזשעניצע.

— גע׳פּועל׳ט! אוואו נעמט נעם? געוועזן איין איי, איז אוועק א האַלבער געלכעל אויף געפּילאַכין און א ביסעל פון דעם ווייסעל אויף די חלות.

— נאָ־נאָ! אז דו ווילסט, געפינסטע נאָך פון וואָס צו מאַכען א פּרעזשעניצע!

— פון וואָס? פון דער לושפּייקע? א האַלבע איי!

— איך וויים? ביזט דאָך עפּים א בעל־הבית׳טע!

— א בעל־הבית׳טע! סיידען מיט מעהל א ביסעל?

— זאָל זיין מיט מעהל, אַבי א פּרעזשעניצע.

— חכם! אוואו נעמט נעם?

— עט, א ביסעל מעהל אייך א זאך?

— אייך א זאך... סיידען רעטשענע?

— זאָל זיין רעטשענע, אַבי א פּרעזשעניצע.

— א צורה! סיידען מיט א ציבעלע?

— זאָל זיין מיט א ציבעלע, אַבי א פּרעזשעניצע.

— גאָר פאַרגעסען! ניטאָ קיין ציבעלעס. פּראַן א קנאָבעלע.

— זאָל זיין א קנאָבעלע, אַבי א פּרעזשעניצע.

— א שענע פּרעזשעניצע! מיט וואָס באַשמירט נעם די סקאָווערדע?

— שמיר מיט וואָס דו ווילסט, אַבי א פּרעזשעניצע.

איין עצה

געשריבען אין יאָהר 1904.

אייזי עֵצָה

— שוין פון א טאָג דריי, אז עס געהט צו דיר א יונגערמאַן אַלע אינדערפריה און בייטאָג און אויפדערנאַכט, און טרעפט דיך ניט אין דער היים. ער דאַרף דיך, זאָגט ער, זעהר נויטיג זעהען!

אזוי האָט מען מיר אָנגעזאָגט א בשורה, בשעת איך בין גע־קומען איינמאָל צו פאָהרען פון וועג אהיים.

— מסתמא א מחבר מיט א „ווערק"! — אזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב מיך אוועקגעזעצט צום טיש, און נאָר גענומען זיך צו דער אַרבייט — אהא, מע קלינגט שוין! עס עפענט זיך די טיר און עמיצער דאַרטען פאַרקעט זיך, טהוט אוים די קאַלאָשען, הוסט, שנייצט די נאָז — אַלע סימנים פון א מחבר. איך וואָלט שוין וועלען זעהען דעם פאַרשוין! גאָט האָט געהאָלפען, ער איז אריין. אָפּגעמאַכט צו מיר א גאַנץ פיינעם „בואי־בשלום", דאָס הייסט, אָפּגעטראָטען אויף א פּאָר טריט צוריק, געמאַכט א מין רעווערַאנס, געריבען בשעת מעשה א האַנט אָן א האַנט, האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט און אָנגערופען א נאָמען פון דער הגדה, איינעם פון די נעמען, וואָס אָט האָט איהר דאָס געהערט, און אָט האָט איהר דאָס פאַרגעסען — אוועקגעפלויגען.

— זיצט! מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?

— איך בין געקומען צו אייך מכּח זעהר א נויטיגער זאַך. דאָס הייסט, פאַר מיר איז די זאַך נויטיג, זעהר נויטיג, ממש, קאָן מען זאָגען, נוגע אין לעבען אריין, און נאָר איהר, אזוי מיין איך, וועט

די אויהערען און לאָזען־איבער אין הארצען נאָך זיך א ווילדע פוסטקייט, א מאָדנע וויסטעניש אויף דער נשמה.

שטעלט אייך אָבער פאָר — איצטיגס מאָל האָב איך דוקא נישט געטראָפען: דער יונגערמאַן האָט זיך נ י ט גענומען צו דער בוזעם־קעשענע, נ י ט אַרויסגעשלעפט קיין פעקעל כתבים, נ י ט אין זינען געהאַט אפילו לייענען מיר א ראָמאַן, א דראַמע, אָדער גייע ליעדער פון ציון. ער האָט נאָר צורעכט געמאַכט דעם קאָלנער פון העמד, אויסגעהוסט זיך פריהער און א זאָג געטהאָן צו מיר:

— איך בין געקומען צו אייך אַהער, הייסט דאָס, נישט מעהר ווי אויסדערצעהלען אייך מיין ביטער הארץ און זיך איין עצה האַלטען מיט אייך. אזא מענטש, ווי איהר, באַדאַרף מיך פאַר־שטעהן. איהר שרייבט אַזוי פיעל, אז איהר מוזט וויסען אַלסדינג, און נאָר איהר קאָנט מיר געבען די רעכטע עצה. און גלויבט מיר, וואָס איהר וועט מיר זאָגען, דאָס וועל איך טהון. איך געב אייך מיין עהרענוואָרט! האָט קיין פאַראיבעל נישט, אפשר נעם איך צו ביי אייך צייט?

— נישקשה, עס מאַכט נישט אויס. דערצעהלט, דער־צעהלט! — מאַך איך צו איהם און פיהל, ווי א שטיין איז מיר אראָפּ פונ׳ם הארצען. און דער יונגערמאַן רוקט זיך צו צום טיש און הויבט־אָן צו דערצעהלען זיין ביטער הארץ פריהער פאַוואָלינקע, געלאַסען, און וואָס ווייטער מיט אַלץ מעהר היץ.

— אַליין בין איך, דאַרפט איהר וויסען, א יונגערמאַן, ווי איהר זעהט מיך, פון א קליין שטעדטעל. דאָס הייסט, דאָס שטעד־טעל איז גאָרניט אזא קליין שטעדטעל, און דוקא א היבש שטעד־טעל, א שטאָדט קאָן מען זאָגען, נאָר קעגען אייער שטאָדט הייסט דאָס א שטעדטעל. דאָס דאָזיגע שטעדטעל, אזוי מיין איך, קענט

דאָס פאַרשטעהן. איהר שרייבט אַזוי פיעל, אַז איך מיין, אַז איהר באַדאַרפט וויסען אַלסדינג און איהר באַדאַרפט זיין אַ מבין אויף אַלסדינג. אַזוי מיין איך. דאָס הייסט, ניט איך מיין, נאָר איך בין איבערצייגט, אַז ס'איז אַזוי.

איך באַטראַכט מיין פאַרשוין: אַ טיפּ פון אַ קליינשטעדטעל־דיגען משכיל, אַ מחבר. אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט גרויסע שוואַרצע רחמנות־אויגען, דאָס הייסט, אַזעלכע אויגען, וואָס בעטען זיך: „האָט רחמנות אויף איין עלענדע, אַ פאַרבלאָנזשעטע נשמה". איך האָב נישט ליעב אַזעלכע אויגען. פאַר אַזעלכע אויגען האָב איך מורא: קיינמאָל לאַכען זיי נישט, טהוען נישט קיין שמייכעל, שטענדיג פאַרטיעפט אין זיך — איך האָב פיינט אַזעלכע אויגען.

— אַנו, וויזט, וואָס האָט איהר דאָרטען? — מאַך איך צו איהם, לעג־אַוועק די פּען, שפּאַר מיך אָן אויפ'ן בענקעל און וואַרט, אַז אָט באַלד נעמט ער זיך צום בוזעם און שלעפּט אַרויס אַ היבש פּעקעל כּתבים, געוויס אַ ראָמאַן אין דריי טיילען, לאַנג ווי דער אידישער גלות, אָדער אַ דראַמע אין פיער אַקטען, וואָס די פאַר־שוינען הייסען: מערדערזאָהן, עהרליכמאַן, פרומהאַרץ, ביטערצווייג, וכדומה אַזעלכע נעמען, וואָס פון זיי אַליין זעהט איהר שוין אַרויס, מיט וועמען איהר האָט צו טהון... און אפשר איז דאָס גאָר נייע ליעדער פון ציון?

„אהין אויף די בערג טהוט איהם ציהען,
דאָרט וואו דער אָדלער טהוט פליהען,
דאָרט וואו דער איילבערט טהוט בליהען,
דאָרט וואו די נביאים האָבען געטהאָן ריהען,
און פאַר גאָט געטהאָן קניהען..."

מיר זענען קענטליך די דאָזיגע ליעדלעך, די דאָזיגע גראַמען, וואָס קריכען פון'ם האַלז, שעמערירען אין די אויגען, זשומען אין

ער ארוים די שליסעלעך? האָט איהר במחילה א טעות! די שליסעלעך פון דער שאַפע ליגען ביי איהם סך־הכל פארשלאָסען אין א טישקעסטעל, און א חוץ דעם ליגט דאָס שליסעלע פון טיש־קעסטעל אויך ערגיץ באַגראָבען. אָט אזא מענטש איז ער, דער שוועהר מיינער. און וואָס זאָלט איהר קלערען? אודאי, ווי דער מענטש פאַרדיענט, אזא נאָמען האָט ער. צווישען אונז רעדענדיג, הייסט ער טאַקי ביי אונז אין שטעדטעל „דער דבר־אחר"... געוויינטליך, הינטער די אויגען; אין די אויגען חנפה'ט מען איהם אזוי, אז סע שלאָגט צום הארצען. און ער איז זיך מיישב און נעמט דאָס אָן דוקא פאַר גוט געלט, גלעט זיך דאָס בייכעל און לעבט זיך אָפּ א גוטען טאָג. סטייטש געלעבט! לעבען צו לעבען איז נישט גלייך! באַרעכענט אייך נאָר אַליין: א מענטש טהוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, שען געזעסען, פיין געגעסען, גוט גע־שלאָפען — וואָס ווילט איהר נאָך? נאָכ'ן שלאָפען הייסט מען איינשפּאַנען דאָס פאַיעטאָנדעל און מע פאָהרט־ארוים א ביסעל אויפ'ן שפּאַציער איבער דער בלאָטע. און קומט פאַרנאַכט, געהט מען זיך צונויף מענטשען פון שטאָדט, דער מיט אזא פּזמון, דער מיט אזא מין רכילות, א נעכטיגען טאָג, און מע באַרעדט די גאַנצע שטאָדט, און מע לצ'עוועט־אָפּ פון דער גאַנצער וועלט. נאָכדעם דערלאַנגט מען דעם גרויסען סאַמאָוואַר און מע זעצט זיך אוועק מיט שמואל־אַבּא דעם שוחט שפּיעלען אין דאָמינעס. שמואל־אַבּא דער שוחט, דאַרפט איהר וויסען, איז א יונגערמאַן טאַקי מיט פאה'לעך, נאָר א היינטוועלטיגער שוין, מיט א ווייסען קאָלנער, מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעך, און אַנטלויפט נישט פאַר קיין יונגע ווייבלעך, און האָט א פיין העלזעל, קאָן שען זינגען, און שרייבט אויס א בלאַט, און שפּיעלט זעהר גוט אין שאָך און אין דאָמינעס. און אז זיי זעצען זיך שפּיעלען אין דאָמינעס, קאָנען זיי אוועק־שפּיעלען אָט אַזוי א גאַנצע נאַכט, און דו זיץ און קוק און געהניץ. דאָס מויל ווערט שיער נישט צעריסען! נעם זשע, דו שוטה, שטעה אויף און געה דיר אוועק צו זיך אין חדר'על און זעץ זיך איבער

איהר דוקא זעהר גוט, נאָר איך וויל דאָס אייך נישט פורש בשמו זיין, מחמת אַ קשיא אויף אייך, איהר קאָנט דאָס נאָך באַשרייבען, פּאַסט דאָס מיר ניט איבּער אַ סך טעמים... מיט וואָס איך פאַר־נעם זיך, ווילט איהר וויסען? המ... איך פאַרנעם זיך... הייסט דאָס, טהון טהו איך לעת־עתּה גאָרנישט ניט, זיץ נאָך, הייסט דאָס, אויף קעסט ביי שוועהר און שוויעגער, דאָס הייסט, נישט אויף קעסט, נאָר איינאיינעם זיצען מיר, אויף אַלעם גרייטען, מחמת זי איז, דאַרפט איהר וויסען, אַ בת־יחידה, איין איין־און־איינציגע הייסט דאָס, מעהר נישטאָ ביי זיי קיין קינדער, אַ חוץ די איינע טאָכטער, און זיי קאָנען, נישקשה, באַשטעהן אונז אויסהאַלטען נאָך צעהן יאָהר, מחמת זיי זענען, דאַרפט איהר וויסען, פאַרמעגליכע לייט, מע קאָן אויף זיי זאָגען נגידים, און ווערליג ביי אונז — הייסען זיי גרויסע נגידים, גבירים אדירים, וואָרום רייכער פון זיי איז שוין ביי אונז נישטאָ. מיין שוועהר באַדאַרפט איהר געוויס קענען. אַזוי מיין איך. איך וויל אייך נישט פורש בשמו זיין, סע פּאַסט נישט. ער איז אַ איד, דאַרפט איהר וויסען, וואָס האָט ליעב זיך לאָזען הערען אויף דער וועלט, מע זאָל איהם קענען. למשל, אויף באַברויסקער נשׂרפים האָט ער געגעבען די שענסטע נדבה, אויף קעשענעווו האָט ער געשענקט מעהר פון אַלעמען. אין שטאָדט גופא ביי אונז גיט ער אפילו ווינציג־וואָס, נאָר אין דער פרעמד האָט ער ליעב זיך אויסשטעלען פיין, אַלע זאָלען וויסען. ער איז, פאַרשטעהט איהר מיך, גאָר קיין נאַר נישט. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָ, אין שטאָדט, האָט מען סאַי ווי סאַי פאַר איהם דרך־ארץ — פאַר וועמען באַדאַרף ער זיך דאָ אויספיינען? איז ער זיך מיישב און שטעלט זיי גאָר אַ פייג. ער איז אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי ער קאָן נישט געבען. ער זאָגט אַליין, אַז ער קאָן נישט געבען. אַז מע קומט צו איהם נאָך אַ נדבה, ווערט ער טוידט און זאָגט: „שוין? איהר זענט שוין געקומען נעמען? נאַט אייך די שליסעלעך און געהט אייך אַליין צו דער שאַפע און נעמט אייך וויפיעל איהר דאַרפט"... מיינט איהר דאָך מסתמא, אז אָט נעמט

דארפט איהר וויסען, פון א מאַנסבּיל: „וואָס איז דיר, טאָכטער־לעבּ? וויעדער ער? אָט דער רוצח, דער גזלן, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואָס אַהרט דאָס איהם, אַשטייגער, וואָס איך האָבּ נאָר איין אויג אין שטערן? דער בּויך האָט איהם וועה געטהאָן? צי ער האָט בּלוט פארגאָסען?"... שיט, שיט מיט רעד, ווי פון א זאק! עס ווייזט זיך מיר אויס, אז זי וועט אייבּיג אזוי שיטען, קיינמאָל נישט אויפהערען, און עס זיגעט מיך בּיי'ם הארצען, עס נאָגט די נשמה, און עס נעמט מיך אָן א חשק נעמען איהר טערקישען שאַל, צעקנייטשען מיט די הענט, צעטרעטען מיט די פיס און צערייסען אויף שטיק־שטיקלעך! חאָטש, אייגענטליך, אז מע וויל שמועסען צוריק, וואָס האָבּ איך צו איהר שאַל? א שאַל ווי אַלע טערקישע שאַלען, וואָס מע בּרענגט זיי צו פיהרען פון בּראָד. אייך בּאַדאַרף זיין בּאַקאַנט די דאָזיגע טערקישע שאַלען: גע־מאָהלטע, מיט רויטע, געלע, גרינע, ווייסע, שווארצע קעסטעלעך, מיט שפּריינקעלעך בּאשפּריינקעלט און מיט פרענזעלעך בּא־פרענזעלט...

— זייט זשע מוחל, יונגערמאַן! — האק איך איהם איבּער סאַמע אין מיטען. — דאכט זיך, איהר האָט געזאָגט, איהר ווילט זיך עפּיס איין עצה האַלטען מיט מיר מכּח איין ענין?...

— האָט קיין פאראיבּעל ניט, — מאכט ער און חאַפּט איבּער דעם אָטהעם, — אפשר נעם איך צו בּיי אייך צייט? נאָר דאָס איז נויטיג געווען, פארשטעהט איהר מיך, טאַקי צום ענין, איהר זאָלט ווערען א בּיסעל בּאַקאַנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשען, און אז איהר וועט ווערען בּאַקאַנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשען, וועט איהר ערשט דעמאָלט פארשטעהן די לאַגע מיינע... איז וויבּאַלד זי ווערט, חלילה, נישט מיט אַלעמען, מיינע הייסט דאָס, הויבּט אָן די שוויעגער וואָרטשען, און דער שוועהר הייסט איינשפּאַנען דאָס פּאַיעטאָנדעל און שיקט אַוועק נאָכ'ן דאָקטער. דעם נייעם דאָקטער, — אזוי טאַקי רופט מען איהם

א בוך, צי איבער א בלאַט־צייטונג? איז ניין! פאַר וואָס? סע פאַסט נישט. סע זיצט א פרעמדער מענטש — ווי אזוי הויבט מען זיך אויף און מע נעמט און מע געהט־אוועק אין מיטען דרינגען? פאַר אזא מעשה, דאַרפט איהר וויסען, ווערט דער שוועהר ברוגז. דאָס הייסט, זאָגען זאָגט ער גאָרנישט, נאָר ער בלאָזט זיך אָן, ווי איין אינדיק, און ענטפערט נישט, חאָטש רעד צו איהם צעזעצ־טערהייט! און אויף איהם קוקענדיג — אויך די שוויעגער! און וויבאַלד שוועהר און שוויעגער זענען נישט שוה־בשוה מיט׳ן איידעם, קוקט שוין זי אויך צו אַלדי שוואַרצע יאָהר — פאָרט א בת־יחידה, איין־און־איינציגע ביי טאַטע־מאַמע, וואָס זיי זענען, זאָגט זי, ביי איהר דאָס חיות מיט דער נשמה, און זי ביי זיי — דאָס אויג אין קאָפּ, מיט סכנת־נפשות, אזוי אז טאָמער מאַכט זיך, זי ווערט עפּיס נישט מיט אַלעמען, איז באַלד דער דאָקטער, באַלד קעהרט זיך איבער די וועלט! נו, איז שוין עפּיס א חידוש, וואָס אזא נפש, ווי זי, נעמט זיך איבער און מיינט, אז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען נאָר פון איהרעטוועגען? און דערצו, דאַרפט איהר וויסען, איז זי נאָך נישט איבעריג קלוג אויך. דאָס הייסט, אזוי אפילו, אז איהר וועט מיט איהר רעדען, איז זי, דאַכט זיך, נישט קיין נאַר, גאָר קיין נאַר נישט, מע קאָן זאָגען א קלוגע, א גאַנץ קלוגע, א חרוצה, א מאַנסבילישער קאָפּ אויף איהר! נאָר וואָס דען? אָט דאָס, וואָס זי איז צעבאַלעוועט, צעפּעסטעט, א ווילדע ציעג. טאָג ווי נאַכט אָדער חאַ־חאַ־חאַ, אָדער גאָר א וואָרף געטהאָן זיך אין בעט אריין און צעוויינט זיך, ווי א קליין קינד. „וואָס איז דיר? וואָס פעהלט דיר? וואָס וויינסט דו? וואָס ווילסט דו?” — ענטפערט די וואַנט?... מילא. וואָלט דאָס נאָך אויך געוועזן א האַלבע צרה. א ווייב אז זי וויינט, וויינט זי אזוי לאַנג, ביז זי וויינט זיך איבער! איז אָבער דער חסרון — די שוויעגער. ווערט געוואָהר די שוויעגער, קומט זי צו לויפען אין איין אימפּעט מיט׳ן טערקישען שאַל אויף די פּלייצעס, ברעכט די הענט און לייענט מיט א נוסח פון תחינות, און א קול האָט זי,

שניידער, וואָרום ווי שטעהט איהם אָן זיין אַ שניידער, אַז ער האָט אַ זוהן אַ דאָקטער? מיין איך פאַרקעהרט: ווי שטעהט אָן דעם זוהן דעם דאָקטער צו האָבען אַ טאַטען אַ שניידער, און נאָך אַזאַ מין שניידער, וואָס איז צווישען שניידערס אַ שניידער? דהיינו: אַליין איז דאָס אַ אידעל, דאַרפט איהר וויסען, אַ קליינס, מיט אַ וואַטאָווער קאַפּאָטע און מיט אַ קאַסאָקע אויגעל און מיט איין איינגעבויגענעם פינגער, און אַ קול האָט דאָס, ווי אַ גרייגער, און סע געהט־אַרום טאָג ווי נאַכט און סע גרייגערט: „מיין דאָקטער האָט דאָס נעכטען געהאַט אַ פּראַקטיקע, אי אַ פּראַקטיקע! מיין דאָקטער, אַז ער וויל, קאָן ער! מיין דאָקטער!"... ער פאַרהאַקט איטליכען באַזונדער דעם קאָפּ מיט זיין דאָקטער! און דערצו איז נאָך דער דאָקטער, צו די צרות, דאַרפט איהר וויסען, אַ ווייבערשער דאָקטער, דאָס הייסט, איין אַקושאָר, — איז וואו ערגיץ אַ סוד, פּויקט ער אויס, דער קאַסאָקע שניידער, איבער דער גאַנצער שטאָדט. אַז אָך און וועה איז שוין יענעם ווייבעל אָדער יענעם מיידעל, וואָס פּאַלט־אַריין צום דאָזיגען דאָקטער אין די הענט און צו זיין פּאָטער דעם שניידער אין מויל אַריין... עס האָט זיך אַנומעלטען געטראָפען ביי אונז אַ מעשה, אַ מיידעל איז געוועזען ביי אונז...

— זייט זשע מוחל, יונגערמאַן! האַק איך איהם איבער נאָך אַ מאָל אין מיטען די רעד. — דאַכט זיך, איהר האָט געוואָלט מיט מיר זיך עפּיס אַיין עצה האַלטען?

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, אפשר נעם איך צו ביי אייך צייט? נאָר איך האָב אייך אָנגעהויבען מיט'ן דאָקטער, ווייל ער איז אינגאַנצען דער מלאך־המות טאַקי! ווען ניט ער, וואָלט דאָך מיר געווען גוט ווי די וועלט. וואָרום וואָס פעהלט מיר, איך בעט אייך? אַז אַ ווייבעל האָב איך, דאַרפט איהר וויסען, אַ פּאַרשוין, אַ יפת־תואר קאָן מען זאָגען, און קיין קינדער, דאַרפט איהר וויסען, האָבען מיר נאָך ניט, און אַ בת־יחידה איז זי, איין־און־איינציגע, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר איז דאָס אינ־

בײַ אונז: „דער נײַער דאָקטער", — איך װיל אײַך ניט פּורש בשמו זײַן, האָט איהם דער װאָטענמאַכער!... און אָט אַדאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה, װאָס װעגען דעם טאַקי האָב איך אײַך געװאָלט דערצעהלען און זיך מיט אײַך אײַן עצה האַלטען.

מײַן פּאַרשױן שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, װישט זיך אויס דאָס פּאַרשװיצטע פּנים, רוקט זיך צו צו מיר מיט'ן בענקעל אַ ביסעל נעהענטער און גרייט זיך צו דערצעהלען װײַטער, נעמט בשעת מעשה אין האַנט אַריין אַ זאַך אויף צו האַלטען, מחמת ס'איז פּאַרהאַן מענטשען, װאָס אַז זיי רעדען, מוזען זיי עפּיס האַלטען אין דער האַנט, אַנדערש קאָנען זיי ניט דערצעהלען קיין מעשה. בײַ מיר אויפ'ן שרײַב־טיש שטעהען אויסגעשטעלט פּאַרשיידענע זאַכלעך, ראַריטעטען, צאַצקעס, און צװישען זיי אויך אַ קליין װעלאָסיפּעדעל, אַ ציגאַרענשניידער. דאָס דאָזיגע װעלאָסיפּעדעל האָט אַזױ נושא־חן געװען בײַ'ם עולם, אַז איטליכער, װער עס קומט אַריין צו מיר, איז קודם־כּל נעמט ער זיך צום װעלאָסיפּעדעל. אויך דעם דאָזיגען פּאַרשױן מײַנעם איז דאָס װעלאָסיפּעדעל, אַפּנים, שטאַרק געפעלען. פריהער האָט ער דאָס בשעת דערצעהלען באַטראַכט, נאָכדעם גענומען אין האַנט, נאָכדעם געפּרובט דרעהען די רעדלעך — הכּלל, ער האָט דאָס װעלאָסיפּעדעל שױן מעהר פון די הענט ניט אַרױסגעלאָזט, און אַזױ האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען װײַטער:

— אַלזאָ, „דער נײַער דאָקטער". דאָקטױרים, דאַרפט איהר װיסען, איז פּאַרהאַן בײַ אונז אין שטעדטעל, אַזױ װי די הינט: פּאַרהאַן דאָקטױרים קריסטען, און פּאַרהאַן אידישע דאָקטױרים, און דאָקטױרימלעך; פּאַרהאַן אויך דאָקטױרים ציוניסטען, דאָס הייסט אַזעלכע, װאָס פּאַרנעמען זיך מיט ציוניזם. נאָר דער דאָקטער, װאָס איך דערצעהל אײַך, איז נאָך גאָר אַ יונגער דאָקטער, טאַקי אַ הײמישער, אַ שניידער'ס אַ זוהן, דאָס הייסט, דער פאָטער זײַנער איז געװען אַמאָל אַ שניידער — הײַנט איז ער שױן אויס

שטעכען זיך, אָדער אװעקלױפען צום טײך און טרינקען זיך — אַזױ װײט איז מיר נמאס דער דאָזיגער דאָקטער!

און דער יונגערמאַן פאַרטראַכט זיך, װערט טרױעריג.

— װאָס זשע, איהר זענט זי, הײסט דאָס, חושד? — זאָג איך צום יונגענמאַן, און היט זיך מיט אײן איבעריג װאָרט.

— חס ושלום! — מאַכט ער צו מיר און חאַפּט זיך אױף, װי אײן אָפּגעבריהטער, און רוקט זיך צו צו מיר נאָך נעהענטער. — װאָס איז שײך זאָגען, איך בין זי חושד? א אידישע טאָכטער! א כשר קינד!... איך רעד פון איהם רעד איך, פון שענעם דאָקטער, ברענען זאָל ער. און נישט אַזױ נאָך דער דאָקטער, װי דאָס שענע פּאָטערעל זײנס, דאָס קאַסאָקע שנײדערעל מיט דער װאַטאָװער קאַפּאָטע, פאַר׳שרפה׳ט זאָל ער װערען! ער געהט ארום טאָג װי נאַכט און גרײגערט און פױקט איבער דער גאַנצער שטאָדט. איהר מײנט, דאָס גרײגערען האָט עפּיס א ממשות? בלאָטע, גאָלע גאָר־נישט! עס האָט א צונג, און סע רעדט! עס װאָלט מיך געאַהרט, מאָהלט אײך, װי דער פאַראיאָהריגער שנײ. איז אָבער דער חסרון, װאָס א מענטש האָט אױהערען, און אױהערען האָבען ליעב האָרכען, און אז מע האָרכט זיך גוט צו, דערהערט מען אַזעלכעס, װאָס מע װאָלט דאָס נישט געװאָלט האָרכען. ובפרט נאָך בײ אונז אין שטאָדט — א שטאָדט, דאַרפט איהר װיסען, פון גאָלע רכילות׳ניקעס מיט לשון־הרע׳ניקעס מיט לאַנגע צינגער, װאָס האָבען א שם אױף דער װעלט! נעמט מען אַרײן בײ אונז א מענטשען אין מױל אַרײן, מעג ער זיך שױן אָפּגעזעגענען! פאַר מיר אין די אױגען, מאָהלט אײך, היט מען זיך, נאָר הינטער די אױגען האָב איך עטליכע מאָל געהערט אַזעלכע װערטער, אז איך האָב מיך אָנגעהױבען צו־קוקען, שטארק צוקוקען, חאַפּען װערטער, טאַפּען רעד, און — למאי זאָל איך זאָגען? — איך האָב נישט ארױסגעזעהען גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט, בלתי אײן זאַך האָב איך ארױסגעזעהען, װאָס אז ער קומט צו געהן, װערט זי גאָר אײן אַנדער מענטש, מיט אײן אַנדער פּנים.

גאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס, און כּבוד האָב איך אויך, ניט צו פאַרזינדיגען, וועדליג אַ נגיד'ס איין אײדעם, ניט זשעדנע, דאַנקען גאָט, נישט קיין אויבען־אָן, נישט קיין מפטיר שבת און יום־טוב, נישט קיין כּיבּוד, אַז סע מאַכט זיך ערגיץ אַ בּרית; אויך מיט'ן אתרוג, צו די הושענות, בּין איך דער ערשטער נאָכ'ן שווער: פריהער דער חזן, געוויינטליך, נאָכדעם דער רב, נאָכדעם דער שווער, נאָכדעם איך, נאָכדעם ערשט דער איבּעריגער עולם. און אפילו אין מרחץ, להבדיל, אַז איך טהו מיך אויס און קום־אַריין, מאַכט דער בּעדער אַ טאַרעראַם: „לאָזט נאָר, אידען, מאַכט אַ וואָרע, דעם נגיד'ס אײדעם געהט!" איך שווער אײַך בּנאמנות, אַז סע איז מיר פריקרע, איך האָבּ עס פיינט. שייך זאָגען פיינט? חנופה האָט איטליכער ליעבּ, און פון כּבוד זאָגט זיך קיינער נישט אָפּעט, נאָר וואָס דען? ס'איז שוין צופיעל, וּבפרט, אַז איך וויים, אַז איך האָבּ עס כּלל נישט פאַרדיענט. וואָס איז? בּאשר דער שווער איז אַ נגיד? לאָזען זיי איהם חנפה'נען, לאָזען זיי איהם לעקען, זייט מיר מוחל, צעזעצטערהייט, וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע מענטשען, זאָג איך אײַך, נאָך גאָר ווילדע מענטשען, און איך בּאַדאַרף זיצען מיט זיי, ווי אין געפּענקעניש, וואָרום צונויפגעהן זיך מיט אַבּי וועמען לאָזט מען מיך נישט; ווי פּאַסט דאָס פאַר'ן נגיד'ס אײדעם? רעדען מיט'ן שווער — איז נישטאָ מיט וועמען. ער איז, דאַרפט איהר וויסען, אַ פּראָסטער נפש, זעהר אַ פּראָסטער נפש, אַ גרויסער עם־הארץ, זאָל ער מיר מוחל זיין, — ווי ער הערט נישט, אַזוי זאָל איהם נישט שאַדטען. און זי — אַ ווילדע ציעג, אַ בּת־יחידה, ווי איך האָבּ אײַך געזאָגט; אָט לאַכט זי, און אָט וויינט זי, אָט איז חאַ־חאַ־חאַ, און אָט טהוט זיך זיך אַ וואָרף אין בּעט אַריין, און מע שיקט נאָכ'ן נייעם דאָקטער. און דער נייער דאָקטער — פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען! דערמאַן איך זיך אָן איהם, ווערט מיר מיאוס וּמאוס דאָס לעבּען מיינס! איהר מעגט מיר זיכער גלויבּען, סע מאַכט זיך אַמאָל אַ צייט, אַז סע ווילט זיך מיר אָדער חאַפּען אַ מעסער און

קרענק, די אינפֿלוענצע, וואָלט איהר בּאַדאַרפֿט זעהען, ווי דער מענטש האָט זיך דאָס אַוועקגעלעגט פֿאַר מיר, עס איז מיר אַזש געוועןן איבּער דער טבע! און מערקווירדיג! וואָס מעהר ער איז צו מיר גוט, אַזוי מעהר (גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿען) האָבּ איך איהם פֿיינט, אָנקוקען קאָן איך איהם נישט, וּבֿפֿרט דעמאָלט, ווען ער זיצט בּיי אונז און זיי קוקען זיך דורך מיט איהר!... מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך קאָן איהם אָננעמען פֿאַר׳ן קאַרק און אַרויסוואַרפֿען אין דרויסען אַרויס, וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט! איך קאָן נישט אַריבּערטראָגען זיין קוקען, וואָס ער קוקט אויף איהר, מיט זיין שמייכלען, וואָס ער שמייכעלט צו איהר. און איך האָבּ מיר געגעבּען דאָס וואָרט: איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — אַיין עק לאָז דאָס האָבּען! בּיז וואַנען איז דער שיעור צו ליידען בּזיונות? די גאַנצע שטאָדט, דאַרפֿט איהר וויסען, האָט שוין מיט מיר צו טהון! קיין אַנדער עצה איז פֿאַר מיר נישט פֿאַרהאַן — נאָר אַ גט! קיין אַנדער מבוא זעה איך גאָר נישט! אַי, וואָס? אַ תּכלית? אַ שוועהר אַ גבֿיר? אַ בּת־יחידה? איבּער הונדערט יאָהר איג־גאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס? אַ שענע ריינע כּפּרה! עלעהיי, וואָס האָבּ איך געטהאָן פֿריהער? וואָס טהוען אַ סך אַנדערע יונגעלייט? נישטאָ קיין אַנדער פּלאַן! ווי זאָגט איהר? איאָ, נישטאָ קיין אַנדער פּלאַן, אַ חוץ גט׳ען זיך?...

דאָ האָט מיין פֿאַרשוין ווידער אַ מאָל איבּערגעחאַפּט דעם אָטהעם, אויסגעווישט דאָס פּנים און געוואַרט אויף מיר, וואָס וועל איך זאָגען.

— איך ווייס? איך מיין אויך אַזוי, אַז ס׳איז נישטאָ פֿאַר אייך קיין אַנדער פּלאַן, אַ חוץ גט׳ען זיך. וּבֿפֿרט, אַז איך זעה נישט אַרויס, אַז די ליעבּע בּיי אייך זאָל זיין אַזוי פֿלאַקערדיג, און קיין קינדער, הער איך, האָט איהר בּמילא נישט, און די שטאָדט רעדט, — היינט צו וואָס נוצט אייך דער גאַנצער מסחר?

מיט אַנדערע אויגען. דאָס הייסט, דער מענטש איז דער זעלבער מענטש, מיט'ן זעלביגען פּנים, מיט די זעלביגע אויגען; נאָר דער קוק איז אַיין אַנדערער. איהר פֿאַרשטעהט? ס'איז גאָר איין אַנדער קוק מיט איין אַנדער גלאַנץ! איהר מיינט, איך בין נישט קיין בעלן געווען אפשר אַ פֿרעג טהון זי: „זאָג מיר נאָר, וואָס איז די מעשׂה, נשמה מיינע, וואָס אַז ער קומט צו געהן, ווערסט דו גאָר איין אַנדער מענטש?" טרעפֿט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפֿערט? זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ מין חאַ־חאַ־האַ, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל מיך באַגראָבען אַ לעבעדיגער! און טאַקי באַלד נאָכ'ן גרויסען געלעכטער האָט זי זיך אַריינגע־וואָרפֿען אין בעט אַריין מיט אַזאַ מין יללה, אַז ס'איז געקומען צו לויפֿען די שוויעגער מיט'ן טערקישען שאַל און האָט זי גענומען מינטערען, און בשעת מעשׂה האָט זי אויסגעלייענט איהר ביסעל תּחינות, און דער שוועהר האָט געחאַפּט דאָס פֿאַיעטאָנדעל און געשיקט נאָכ'ן דאָקטער, טאַקי מיך אַליין; און אַז דער דאָקטער איז געקומען, איז איהר די רגע געוואָרען גרינגער, ס'איז איהר אַריין די פֿאַרב אין פּנים, און די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען גלאַנצען, ווי בריליאַנטען אַקעגען דער זון... און שטעלט אייך פֿאָר די שענע לאַגע מיינע: אַז איך באַדאַרף צו איהם אַריינקומען אין שטוב אַריין, איז, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, גלייך ווי אויף יענער וועלט. אין גיהנם אַריינצוגעהן באַדאַרף זיין אַ סך מעהר ניחא! היינט אָנקוקען דאָס פּנים זיינס, איין איידעל פּנימ'על! רויט ווי אַ צוויק, אַזש בלוטיק, און יעדער פּרישטש, יעדער פּרישטש, באַזעצט מיט פּרישטשעס! און האָט אַ טבע שמייכלען — שמייכעלט, ווי אַ פּגר אומגעוואַשען. צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט — ער שמייכעלט! שטענדיג געשמייכעלט, און צו איטליכען באַזונדער איז ער צוגעלאָזט. און ווער שמועסט, צו מיר? צו מיר איז ער תּמיד צוקער־זיס און ווייך, חאָטש לעג איהם צו צו אַ מכּה. זיין גוטסקייט צו מיר האָט נישט קיין שיעור און קיין ערך! אַנומעלטען בין איך געווען נישט אין בעסטען געזונט, געהאַט די היינטמאָדישע

אלף־בית! און פון װאַנען װײס איך, אַז איך װעל מאַכען בעסער? טאָמער פאַל איך אַרײן נאָך אין אײן ערגערען גיהנם? װי די מעשה איז, דאָ װײס איך שױן מײן צרה, און בין פאָרט, װי זאָגט ער, קראָנפרינץ, דעם נגיד׳ס אײדעם, איבער הונדערט יאָהר איז דאָס פאָרט איהרס, מײנס הײסט דאָס... איהר פאַרשטעהט? װאָס װעל איך געהן מאַכען קאָמבינאַציעס, שפּעגעלירען? ס׳איז דאָך נישט מעהר װי אַ שפּיעל, אַ לאָטערײע. װאָס? נישט אַזױ? װאָס זאָגט איהר? ס׳איז נישט קײן שפּיעל? נישט קײן לאָטערײע?

— איך מײן, זאָג איך, אױך אַזױ: ס׳איז אַ שפּיעל, אַ לאָטערײע. אודאי איז בעסער שלום, אײדער גט׳ען זיך.

איך בין זיך מחיה, װאָס עס האָט זיך אַזױ געמאַכט, אַז מײן עצה קומט אױס מעהר אױף שלום, אײדער אױף גט. און איך מײן, אַז איך בין שױן מיט איהם פאַרטיג. צום סוף האַפּט ער דאָס װעלאָסיפּעדעל און רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָהענט און רעדט מיר גלײך אין פּנים אַרײן:

— שלום? איהר זענט אפשר גערעכט. איך דערמאָן מיך אָבער אָן א י ה ם, פאַרחאַפּט זאָל ער װערען, אָן דעם דאָקטער, הײסט דאָס, מיט׳ן פּרישטשעװאַטען פּנים! דער טאַטע זײנער, דער קאַסאָקע שנײדער, דאַרפט איהר װיסען, געהט אַרום סאַי װי כאַי און פּױקט איבער׳ן שטאָדט, אַז דעם נגיד׳ס טעכטערעל האַלט בײ גט׳ען זיך. איהר פאַרשטעהט אַ נידעריגקײט פון אַ פּאַלגע? געחײ־בי װאָלט ער האָטש ניט געפּױקט! איז װײבאַלד מע רעדט שױן דערפון אין שטאָדט, הײנט װאָס האָב איך דאָ אָנצוװעהרען? װי זאָגט מען: דאָס שאַרבען װעט שױן שאַרבענדיגער ניט װערען. כל־זמן עס איז נאָך געװען בסוד, איז גאָרניט, אַ קניפּ אין באַק — די פאַרב זאָל שטעהן. אָבער איצט, אַז אַלע רעדען שױן װעגען גט, איז שױן פון מיר אַלײן, דאַכט מיר, אַ גראָבקײט, װאָס איך האַלט זיך. עס איז שױן קײן אַנדער ברירה נישט פאַרהאַן, אַ חוץ גט. האַ? װאָס איהר? נישט אַזױ?

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב גערעדט, האָט מיין פאַרשוין גערדרעהט די רעדעלעך פונ׳ם וועלאָסיפּעדעל און געקוקט אויף מיר מיט זיינע שוואַרצע טיעפע רחמנות־אויגען, און אַז איך האָב אויס־געלאָזט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעהענטער און אָנ־געהויבען מיט אַ זיפץ:

— איהר זאָגט: ליעב האָבען... וואָס איז שייך צו זאָגען? פיינט האָב איך זי נישט. פאַר וואָס זאָל איך זי פיינט האָבען? איך האָב זי בפירוש ליעב — ניין, טאַקי שטאַרק ליעב!... און וואָס איהר זאָגט, די שטאָדט רעדט? לאָז זי רעדען פון פייער און פון וואַסער! מיך ברענט נאָר אויף איהם, אַ פייער ברענט אין מיר! אויף איהם און אויף איהר! וואָס איז אויף איהר אַזאַ גדולה, אַז זי דערזעהט איהם? פאַר וואָס, זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווערט זי נישט רויט און פריילין, אַז זי דערזעהט מיך? מיט וואָס בין איך ערגער פון איהם? דערמיט, וואָס ער איז אַ דאָקטער בין איך נישט? מע זאָל מיך געוועזן לערנען, אַזוי ווי איהם, וואָלט איך אפשר אויך געווען אַ דאָקטער, און אפשר נאָך אַ גרעסערער דאָקטער ווי ער! איהר מעגט מיר גלויבען בנאמנות, אַז אין די קליינע אותיות, ווי איהר זעהט מיך, וועלען מיר זיך נאָך אויס־גלייכען מיט איהם, און אויף לשון־קודש וועל איך איהם נאָך אפשר פאַרשטעקען אין גאַרטעל אויך! בין איך מיך אָבער מיישב וויעדער צוריק: וואָס האָב איך, אייגענטליך, אויף איהר אַזעלכעס דערזעהען, וואָס איך זאָל איהר געבען אַ גט? אַי, דער נייער דאָקטער? וואָס וואָלט איך געטהאָן, ס׳זאָל זיין אויפ׳ן אָרט פון דעם נייעם דאָקטער איין אַנדער שוואַרץ יאָהר? און וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ ווייבעל טאָר נישט זיין באַקאַנט מיט אַ דאָקטער? האָט איהר אייך איין מאָל אַוועק. והשנית, וואָס וועט וויין פון מיר דער תכלית, ווען, למשל, איך גט זיך מיט איהר אָפּ? אַז אַליין, דאַרפט איהר וויסען, בין איך אַ יונגעל אַ יתום, איין עלענדער, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גוטען פריינט — געה ווער צוריק איין אָרעם־בחור און האָב חתונה, הויב אָן נאָך אַ מאָל, הייסט דאָס,

דאָס הייסט, ווען איהר האָט אַ שוועהר אַ גראָבען יונג, אַ שוויעגער מיט אַ טערקישען שאַל, וואָס זי האַלט אין איין וואָר־טשען, און אַ ווייב, וואָס זאָל זיין געזונט און שטאַרק און זאָל זיך בּסדר דאָקטערען, און די שטאָדט זאָל אויף אייך טייטען מיט די פינגער: „אָט געהט ער, דער יונגערמאַן פון דער ציעג!" מיר דאַכט, אַז איהר וואָלט אין מיטען האַלבּע נאַכט זיך אויפגעחאַפּט, אָפּגע'גט און אַנטלאָפען, וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט. וואָס, אפשר נישט אַזוי?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי, אַז איך וואָלט אין מיטען האַלבּע נאַכט זיך אויפגעחאַפּט, אָפּגע'גט און אַנטלאָפען, וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט.

— אודאי איז אייך גרינג צו זאָגען — מאַכט ער — אויפ־געחאַפּט, אָפּגע'גט און אַנטלאָפען, וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט! גלאַט גערעדט „אַנטלאָפען"! וואָס אַנטלאָפען? ווער אַנטלאָפען? וואוהין אַנטלאָפען? אין דער ערד אריין?... און דאָס, וואָס זי איז אַ בּת־יחידה... איין־און־איינציגע... איבּער הונדערט יאָהר אינגאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס?... דאָס איז גאָרניט?... און גלאַט, וואָס האָבּ איך צו איהר? וואָס האָבּ איך צו איהר?... ניין, זאָגט מיר: וואָס האָבּ איך צו איהר?...

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי: וואָס האָט איהר צו איהר?

— סטייטש, זאָגט ער, נו, און דער דאָקטער? דעם דאָקטער האָט איהר פאַרגעסען?! כּל־זמן איך זעה דעם דאָזיגען מלאך־המות פאַר די אויגען, קאָן איך זי נישט זעהען, קאָן איך אויף איהר פּנים נישט קוקען!

— ווייבּאַלד אַזוי, זאָג איך, מוזט איהר זיך גט'ען.

— וואָס זשע, זאָגט ער, וועט זיין דער תּכלית? וואָס קאָן אַזאַ יונגערמאַן, ווי איך, טהון בּיי היינטיגע בּיטערע צייטען? אדרבּה, זאָגט איהר! זייט אַ איד אַ חכם!

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי. וויבאַלד אַלע וויסען שוין און אַלע רעדען שוין וועגען גט, איז דאָס פון אייך שוין גראָבליך, און איהר האָט שוין טאַקי קיין אנדער ברירה ניט, א חוץ גט.

— האַלט איהר, הייסט דאָס — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו מיט'ן בענקעל כמעט אויף מיר — האַלט איהר, הייסט דאָס, אַז איך באַדאַרף איהר דורכאויס געבען גט? באַקלערט נאָר די זאַך אַקוראַט. למשל, איהר זענט דער רב, און איך קום צו אייך מיט מיין ווייב זיך גט'ען, און איהר טהוט מיך א פרעג: „זאָג מיר, יונגערמאַן, פאַר וואָס גט'סט דו זיך מיט דיין ווייב?" וואָס קאָן איך אייך דערויף ענטפערען פאַר א תשובה? באַשר, וועל איך אייך ענטפערען, זי קוקט אויפ'ן דאָקטער, און דער דאָקטער קוקט אויף איהר. נו? האָט דאָס א טעם? פרעג איך אייך! זאָל איך זיי געהן פאַרשטעלען די אויגען? און וואָס פאַר א פנים וועל איך דעמאָלט האָבען פאַר דער וועלט? אדרבה, זאָגט שוין איהר אַליין! גענומען און אָפּגע'גט א ווייבעל א יפת־תואר, א בת־יחידה, א נגיד'ס א קינד, איבער הונדערט יאָהר אינגאַנצען איהרס, מיינס הייסט דאָס... וואָס? וואָס וועט זאָגען די וועלט? משוגע! האַ? וואָס? אפשר ניט אַזוי? איאָ, פריש און געזונט און משוגע?

— איך זאָג אויך אַזוי: פריש און געזונט און משוגע.

דאָ האָט מיין פאַרשוין זיך צוגערוקט צו מיר שוין אַזוי נאָהענט, אַז אונזערע ביידענ'ס פיס זענען אויסגעקומען אינאיינעם, ווי צונויפגעפלאָכטען, און אויפ'ן אָרט פונ'ם וועלאָסיפּעדעל, וואָס ער האָט דאָס גע'פּטר'ט, האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס טינטערעל מיינס. ער האָט א זיפץ געטהאָן און ווידער גע'דרשה'ט:

— אייך איז גרינג צו זאָגען אויף יענעם: פריש און געזונט און משוגע! איך וואָלט א בעלן געווען וויסען, וואָס וואָלט איהר געטהאָן, למשל, ווען עס טרעפט זיך מיט אייך אַזאַ מעשה?

וואָס ער איז אַרײַנגעקומען צו מיר, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון מיר: דאָס זעלבע בײגען זיך, די זעלבע עטליכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסען, דאָס זעלבע רײבען מיט די הענט.

— האָט קײן פאַראיבעל ניט, טאָמער האָב איך בײ אײך צוגענומען צײט, און אַ דאַנק פאַר דער עצה... אַ גרויסען דאַנק אײך... און זײט געזונט!

— ניטאָ פאַר וואָס... פאָהרט געזונט.

— דאַרף מען זיך, זאָג איך, ניט גט'ען!
— ניט גט'ען? נו, און דער דאָקטער? כּל־זמן...
— דאַרף מען זיך גט'ען! — זאָג איך און וויל מאַכען איין עק.
— גט'ען? וואָס זשע איז פאַר אַ תּכלית? סטייטש...
— איז ניט גט'ען!
— נו, און דער דאָקטער?...

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז אַזעלכעס געשעהן. עס האָט מיר אַ זעץ געטהאָן דאָס גאַנצע בלוט אין קאָפּ אריין, ס'איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך האָב אָנגעכאַפּט מיין פאַרשוין פאַר'ן גאָרגעל, איהם צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און נישט מיט מיין קול געשריגען:

— גט'ען זי זאָלסט דו, ממזר! גט'ען זי! גט'ען זי! גט'ען זי!!!

. . . .
. . . .

אויף אונזער ביידענ'ס געשריי האָט זיך צונויפגעלאָפען מיין גאַנץ הויזגעזינד. וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהען? — גאָר־ניט! גאָרניט! דערזעהען מיין טוידט פּנים אין שפּיעגעל, האָב איך זיך אַליין ניט דערקענט. און ביי מיין פאַרשוין האָב איך נאָכדעם עטליכע מאָל געמוזט בעטען מחילה, איהם געקוועטשט די האַנט, אָנגעזאָגט טויזענט מאָל, ער זאָל פאַרגעסען וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען... „עס מאַכט זיך אַמאָל, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אַ מענטש געהט־אַרויס פון די כּלים". מיין יונגערמאַן איז געוועזן אַ ביסעל מבולבל, ווי צעמישט, מודה געווען, אַז אַ מענטש איז ניט ביי זיך אין די הענט, עס מאַכט זיך, אַז אַ מענטש געהט־אַרויס פון די כּלים... און מיט דעם זעלבען „בואי־בשלום",

בײ'ם דאָקטאָר

געשריבען אין יאָהר 1904.

בײַ׳ם דאָקטאָר

— איך װיל אײַך בעטען, הערר דאָקטער, אײן זאַך: איהר זאָלט מיך אויסהערען. דאָס הײסט, נישט דאָס שלאַפקײט מײנס זאָלט איהר אויסהערען — פונ׳ם שלאַפקײט װעלען מיר שמועסען שפּעטער. איך װעל אײַך שוין אַלײן אויפקלערען, אין װאָס עס באַשטעהט מײן שלאַפקײט. װילען װיל איך, א י ה ר ז אָ ל ט א ו י ס ה ע ר ע ן מ י ך אַ ל י י ן, װאָרום ניט אַ יעדער דאָקטער האָט ליעב אויסהערען דעם חולה. ניט אַ יעדער דאָקטער לאָזט זיך רעדען. דאָקטוירים האָבען אַ טבע: זײ לאָזען זיך נישט רעדען. זײ װײסען נאָר טאַפּען דעם דופּק, קוקען אויפ׳ן צינגער, פאַרשרײַבען אַ רעצעפּט און נעמען פאַר׳ן װיזיט. אויף אײַך האָב איך געהערט זאָגען, אַז איהר זענט נ י ט פון די דאָקטוירים. איהר זענט נאָך, זאָגט מען, אַ יונגער דאָקטער, און זענט נאָך ניט אַזוי להוט, פאַרברענט נאָכ׳ן קערבעל, װי אַנדערע דאָקטוירים. בין איך דערפאַר, הײסט דאָס, טאַקי געקומען צו אײַך, זיך מיט אײַך אײַן עצה האַלטען מכּח מײן מאָגען. איך בין, װי איהר זעהט מיך, אַ מענטש מיט אַ מאָגען. על־פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אפילו אויס, אַז י ע ד ע ר מענטש מוז האָבען אַ מאָגען. נאָר װען איז דאָס גערעדט געװאָרען? אַז דער מאָגען איז אַ מאָגען; אָבער אַז דער מאָגען איז קײן מאָגען ניט, הײנט צו װאָס טויג דאָס לעבען? װעט איהר דאָך מיר ענטפערען מסתּמא מיט׳ן פּסוק: בעל־כּרחך אתּה חי? װײס איך עס אָהן אײַך.

זיך מאַכען אַ קרעדיט, איז ער ווייך ווי אַ פּוטער, מיט טויזענט חניפה'לעך און קאָמפּלימענטען, חאָטש נעם לעג איהם צו צו אַ מכּה; און נאָכדעם, אַז עס קומט צו צאָהלען, הויבּט זיך אָן אַ צעטעל פון טענות: דער טראַנספּאָרט איז איהם שפּעט אָנגעקומען, די זעק האָבּען זיך צעריסען, די מעהל איז געווען בּיטער, טוכלע, צוגעלעגערט הייסט עס. צרות מיט שלעק — אַכצעהן חסרונות מיט זיעבּען און צוואַנציג תּירוצים! „און געלט?" „געלט, זאָגט ער, שיקט־אַריין אַ השבּון!" אַ האַלבּער סילוק, הייסט דאָס. שיקט מען איהם מאָהנען, זאָגט ער: „מאָרגען". מאָרגען — „איבּער־מאָרגען". אַ נעכטיגער טאָג! הויבּט מען איהם אָן סטראַשען מיט אַ פּראָטעסט און מע גיט אויף איהם איין. נו, און אַז מע גיט שוין איין, מיינט איהר, איז וואָס? האָט מען אַ „ליסט", און אַז מע קומט מיט'ן „ליסט" איבּערשרייבּען, איז בּמילא אַלסדינג אויף דעם ווייבּ'ס נאָמען, און גאה רוף איהם קנאַקניסעל! נו, פרעג איך אייך: בּיי אַזעלכע געשעפטען, ווי זאָל מען ניט האָבּען קיין מאָגען? ניט אומזיסט זאָגט צו מיר מיינע, חאָטש זי איז בּיי מיר ניט דאָס ערשטע, זי איז דאָס דריטע, און דאָס דריטע ווייבּ איז דאָך, ווי זאָגט איהר, די זון אין שבּת, נאָר דאָך אַוועקמאַכען קאָן מען זי ניט, פּאָרט אַ ווייבּ: „וואַרף־אַוועק, זאָגט זי צו מיר, נח, וואַרף־אַוועק דאָס מעהל־געשעפט. לאָז זיך עס אָנצינדען מיט דער מיהל אינאיינעם, וועל איך וויסען, אַז דו לעבּסט אויף דער וועלט!" „ע־הע־הע, זאָג איך, די מיהל זאָל וועלען בּרענען! זי איז גוט געסטרעכירט"... „ניט דאָס, זאָגט זי, מיין איך, נח. איך מיין, זאָגט זי, וואָס דו לויפסט אַרום, ניט קיין שבּת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין ווייבּ, ניט קיין קינד. וואָס? וואָס פליהסט דו?"... פרעגט מיך בּחרם, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך פליה. וואָס זאָל איך טהון, אַז ס'איז בּיי מיר אַזאַ טבע, צו אַלדי רוהות?... *א י ך ה אָ ב ל י ע ב ד ר ע ה ע ן!...* טאָמער מיינט איהר, מע האָט עפּיס פון'ם דרעהען? צרות האָט מען! וואָס פאַר אַ געשעפט איהר זאָלט מיר ניט געבּען, נעם איך דאָס אָן; ניטאָ פאַר מיר

פאַר דעם „בעל־כּרחך” האָב איך נאָך אין חדר געחאַפּט שמיץ. איך שמועס פון דעם, וואָס אַ מענטש כּל־זמן ער לעבט, ווילט זיך איהם ניט שטאַרבּען. חאָטש דעם אמת דאַרף איך אַייך זאָגען, אַז איך אַליין האָב פאַר'ן טוידט כּלל קיין מורא נישט. וואָרום, ערשטענס, האָבּ איך שוין אַריבּערגעשפּאַנט ששים, והשנית, בּין איך אַזאַ מענטש, וואָס קאַטאָרי לעבּען און שטאַרבּען איז בּיי מיר גלאַט אַלץ איין יום־טוב. דאָס הייסט, לעבּען איז אַודאי גלייכער ווי שטאַרבּען, וואָרום ווער וויל דאָס שטאַרבּען? וּבפרט אַ איד? וּבפרט אַ טאַטע פון עלף קינדער, זאָלען געזונט זיין, מיט אַ ווייבּ, חאָטש דאָס דריטע ווייבּ, נאָר דאָך אַ ווייבּ. בּקיצור, אַליין בּין איך אַ קאַמעניצער, דאָס הייסט, ניט פון קאַמעניץ גופא, נאָר פון אַ שטעדטעל ניט ווייט פון קאַמעניין. און בּין, אַז אָך און וועה איז מיר, אַ איד אַ מיהלנער, איך האַלט אַ מיהל האַלט איך, דאָס הייסט, די מיהל האַלט מיך, וואָרום, ווי זאָגט איהר, אַז מע קריכט־אַריין, ליגט מען. אַ בּרירה האָט מען? ס'איז אַ ראָד, פאַרשטעהט איהר מיך, און סע דרעהט זיך! בּאַרעכענט זיך אַליין, אַז פאַר ווייץ בּאַדאַרף מען צאָהלען מיט מזומנים, און מעהל מוז מען צעטיילען אויף קרעדיט, אַ וועכּסעל אַהין, אַ וועכּסעל אַהער, און צו טהון האָט מען מיט גראָבּע נפשות, און מיט ווייבּער. איהר האָט עפּים ליעבּ ווייבּער? געה געבּ זיי אָפּ דין וחשבּון: למאי דאָס, למאי יענעם? למאי עס איז ניט געראָטען בּיי זיי די חלה? וואָס בּין איך שולדיג? אפשר, זאָג איך, איז בּיי אַייך ווייניג היץ? אָדער אפשר איז בּיי אַייך געווען שלעכטע הייוועז? אפשר איז בּיי אַייך געוועז, זאָג איך, נאַס האָלץ? פאַלט מען נאָך אָן אויף אַייך און מע מאַכט אַייך מיט דער בּלאָטע און מען איז אַייך מבטיח, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט אַייך פליהען די חלה אין קאָפּ אַריין... איהר האָט עפּים ליעבּ, אַז סע פליהט אַייך אַ חלה אין קאָפּ אַריין? דאָס זענען די קונה'טעס די לאַחדימ'ניצעס. נאָר איהר מיינט אַודאי, די קונים די הורטאָווניקעס זענען בּעסער? אויך ניט בּעסער! לכתּחילה, אַז דער קונה קומט אין מיהל אַריין און וויל

גליק, איך מיין דעם מאָגען מיין איך. אפשר איז דאָס פון דעם, וואָס איך בין נע־ונד, בין קיינמאָל נישטאָ אין דער היים, און אפילו דעמאָלט, ווען איך בין אין דער היים, בין איך אויך ניט אין דער היים. איך שווער אייך בהן שלי — ס׳איז א געלעכטער צו הערען און א חרפה צו זאָגען — איך ווייס נישט, וויפיעל קינדער איך האָב און ווי אזוי מע רופט זיי. ס׳איז ניט גוט, הערט איהר, אָהן א בעל־הבית און אָהן א טאַטען! איהר זאָלט אָנקוקען ביי מיר א שטוב, קיין עין־הרע, מיט א פּעראָנדעק! א שיף אָהן א רודער! טאָג ווי נאַכט א טאַרעראַם, א האַרמידער, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! א ווערטעלע אויסצורעדען, קיין עין־הרע, עלף קינדער פון דריי ווייבער! בשעת דער טרינקט טיי, עסט יענער אָנבייסען, און בשעת איך דאַווען, גלוסט זיך יענעם שלאָפען. דער קנייפּט א בולקע, און דער וויל הערינג, דעם גלוסט זיך מילכיגס, און דער שרייט אין איין קול: פליייש! און אַז מע וואַשט זיך עסען, איז ערשט דעמאָלט ניטאָ קיין מעסער, מיט וואָס א שטיקעל ברויט אָפּצושניידען, און צווישען קליינוואַרג איז א טומעל, א גיהנם, מיט הריגות, חאָטש נעם לויף אין דער וועלט אריין! און איבער וואָס? אלץ איבער דעם, הערט איהר, וואָס איך האָב קיינמאָל קיין צייט ניט, און זי, מיינע הייסט דאָס, איז, קיין עין־הרע, זעהר א גוטע, דאָס הייסט, ניט אזא גוטע, ווי א ווייבע, קאָן זיך ניט באַגעהן מיט קיין קינדער. מיט קינדער דאַרף מען קאָנען זיך באַ־געהן. קריכען זיי איהר אויפ׳ן קאָפּ, דאָס הייסט, זי שעלט זיי אפילו, קנייפּט זיי, רייסט זיי אוים שטיקער פליייש, נאָר וואָס קומט ארוים? פאָרט א מאַמע. א מאַמע איז ניט קיין טאַטע. א טאַטע לעגט־אנידער און שמייסט־אָפּ א קינד. איך ווייס, אַז מיין טאַטע האָט מיך געשמיסען. און אפשר האָט אייך אייער טאַטע אויך געשמיסען? וואָס זשע מיינט איהר? איז אַז וואַויל צו אייך! איך ווייס ניט, צי ס׳וואָלט פאַר אייך געוועזען בעסער, מע זאָל אייך ניט געוועזן שמייסען... וואָס חאַפּט איהר זיך? איך ענדיג באַלד. איך דערצעהל עס אייך ניט אומזיסט; דאָס איז

קיין שלעכטער בראָנפּען: זעק — איז זעק, האָליז — איז האָליז, „טאָרגעס״ — איז „טאָרגעס״. איהר קעהרט אודאי מיינען, אז א חוץ דער מיהל האָב איך שוין מעהר קיין געשעפטען נישט? האָט איהר מחילה א גרויסען טעות. ווי איהר קוקט מיך אָן, האנדעל איך מיט וואלד, מיט איינעם א שותף, וואָס מיר האקען איהם, און שטעל־צו פּראָוויאנט אין דער טורמע, און האָב א חלק אין דער טאקסע, און דערלעג דוקא אלע יאָהר צו איהר געלט, איהר וואָלט זיך עס ווינטשען פּארדיענען אלע חודש, איך בין אייך קיין שונא נים. אי, צו וואָס דארף איך זי? קהל אויף צו־להכעיס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, א גרויסער בעל־נצחון: ביי מיר, צוליעב נצחון, איז כּדאי די גאנצע שטאָדט זאָל געהן צו גרונט און אליין באגראָבען ווערען — אבי אויספיהרען מיינס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, א מענטש דוקא אזוי זיך ניט קיין שלעכטער בטבע, נאָר א גרויסער „קאפּריז״, א שפּילשליוועס, הייסט עס. מיך, אז מע ריהרט מיך אָן אין כּבוד, איז חיות ניט זיכער! און דערצו בין איך נאָך א שטיקעל עקשן אויך. איך בין א בעלן געווען אמאָל, אין די גוטע יאָהרען, פאר איין „אתּה־הראית׳לע״ ביי אונז אין בית־המדרש געהן ביז׳ן בלוט אריין; דאָס בית־המדרש האָט מען פאר׳משפט — און איך האָב טאקי אויסגעפיהרט מיינס. וואָס זאָל איך טהון? ס׳איז ביי מיר אזא בלוט! ס׳איז ביי מיר נערוועזן, זאָגען זיי, די דאָקטוירים, און ס׳האָט, זאָגען זיי, א שייכות צום מאָגען. חאָטש אפילו על־פּי שכל קומט דאָס אויס ווילד. וואָרום וואָס געהער זיך אָן נערוועזן מיט א מאָגען? א ביסעל א סמיכות הפּרשה! וואו זענען די נערוועזן און וואו איז דער מאָגען? נערוועזן זענען דאָך, צום מיינסטען, על־פּי חכמת הדאָקטאָריע, דאכט זיך, דאָרט, וואו די געהירען? און דער מאָגען איז דאָך גאָר ווייס איך וואו — פאָלג מיך א גאנג!... שאט, אָט באלד ענדיג איך, וואָס חאפּט איהר זיך אזוי? זיצט נאָך א מינוט. איך וויל דאָך אייך אויסדערצעהלען אקוראט, איהר זאָלט מיך אויסהערען און זאָגען מיר, פון וואנען האָט זיך גענומען צו מיר אָט דער דאָזיגער אומ־

איך זאָל גאָר ניט עסען, איך זאָל פאַסטען הייסט דאָס. זענט איהר שוין פאַרטיג? קומט צו געהן א נייער חכם א דאָקטער און זאָגט מיר אָן, איך זאָל דוקא עסען, און א סך! אפנים, ער אליין האַלט פון דער אכילה. אַלע דאָקטוירים האָבען אַזא טבע, אַז דאָס, וואָס זיי האָבען ניט פיינט, דאָס הייסען זיי אויך דעם חולה. א חידוש איז מיר נאָר, וואָס זיי הייסען ניט שלינגען קיין קערבלעך... מ׳שוגע צו ווערען פון זיי! איינער א דאָקטער האָט מיר געהייסען געהן א סך, גלאַט געהן אין דער וועלט אריין, שפּאַנען הייסט דאָס; איז געקומען דער אַנדערער דאָקטער און הייסט מיר ליגען — און געה טרעף, ווער פון זיי איז מעהר בהמה... וואָס דאַרפט איהר א סך? איינער האָט מיך געהאָדעוועט מיט ליאַפּעס, כמעט א יאָהר כסדר מיט גאָלע ליאַפּעס! איך קום צום אַנדערען, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חס־ושלום! ליאַפּעס איז פאַר אייך א סם־המות!" און ער געהט און פאַרשרייבט מיר א פּראָשעק, א געלען פּראָשעק. מסתמא ווייסט איהר, וואָס דאָס איז פאַר א מין פּראָשעק? איך קום צו געהן מיט׳ן געלען פּראָשעק צו א דריטען דאָקטער, חאַפּט ער ניט דעם געלען פּראָשעק און צערייסט ניט דעם רעצעפּט און פאַרשרייבט מיר ניט קיין קרייטער? אָבער וואָס פאַר א קרייטער, מיינט איהר? איידער איך האָב מיך איינגעוועהנט, הערט איהר, צו די דאָזיגע קרייטער, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז די גרינע גאַל האָט זיך מיר איבערגעקעהרט! ס׳זאָל איהם אָנגעהן, דעם דאָקטער, חאָטש האַלב, וואָס איך פלעג איהם אָנווינטשעווען, בשעת איך פלעג זיי דאַרפען איינגעמען אַלע פאַר׳ן עסען. איך פלעג מיך זעהן בשעת מעשה מיט׳ן מלאך־המות! נאָר וואָס טרינקט נישט א מענטש צוליעב געזונט?... צום סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צו יענעם דאָקטער, צום ערשטען הייסט דאָס, וואָס האָט מיך גע־האָדעוועט מיט ליאַפּעס, און דערצעהל איהם די געשיכטע מיט די ביטערע קרייטער, — ווערט ער מלא רציחה און רופט זיך אָן צו מיר מיט א מין כעס, גלייך ווי איך האָב איהם דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע: „איך האָב דאָך

צוליעב דעם, איהר זאָלט פאַרשטעהן מיין אַרט לעבען, וואָס איך לעב. אפשר מיינט איהר, אַז איך ווייס, וויפיעל איך פאַרמאָג? מעגליך, אַז איך בין אַ איד אַ נגיד, און אַ גרויסער נגיד, און מעגליך אַז — צווישען אונז וועט עס דאָך מסתמא בלייבען? — אַז איך בין אפשר דערונטער... איך ווייס? אַז טאָג ווי נאַכט איז נאָר געלאַטעט; ווי זאָגט איהר, די טאַפלי אַרויסגענומען, יענע טאַפלי אַריינגעשטעלט — ס'איז עפּיס אַ תּירוץ? צי מע קאָן, צי מע קאָן ניט — נדן אַ קינד דאַרף מען געבען? ובפרט נאָך, אַז גאָט העלפט טעכטער, און דערוואַכסענע דערצו! אַנו, פּרובט האָבען דריי טעכטער דערוואַכסענע, קיין עין־הרע, אַלע אין איין טאָג צו דער חופּה פיהרען, וועלען מיר זעהען, צי וועט איהר קאָנען איינ־זיצען אין דער היים אפילו אַ טאָג! היינט פאַרשטעהט איהר שוין, וואָס איז דאָס דרעהען, וואָס מע דרעהט, מיט'ן פליהען, וואָס מע פליהט? און אַז מע פליהט, האַפּט מען אַ פאַרקיהלונג אין וואַגאָן, אַ בייזע וועטשערע אויף דער אכסניא, וואָס מע קרענקט זי נאָכדעם אויס. היינט די ריחות, וואָס מע שמעקט זיך אָן, מיט דער שענער לופט — מעג מען שוין האָבען אַ מאָגען? אַ שטיקעל גליק איז נאָר, וואָס איך בין בטבע נישט קיין קראַנקער מענטש, גוט פאַר־פונדעוועט פון דער יוגענט. קוקט נישט אויף מיין סנאַסט, וואָס איך בין אַזוי דאַר און טרוקען. דאָס האָבען מיך די געשעפטען אַזוי אויסגעטריקענט. און אַגב איז ביי אונז טאַקי אַזאַ גדל'ע, אַזאַ וואוכס; מיר האַלטען זיך אַלע הויך און דין. איך האָב געהאַט עטליכע ברידער, זענען זיי אַלע געווען אַזוי ווי איך, מיר צו לענגערע יאָהר. פון דעסטוועגען בין איך, הערט איהר, תּמיד געווען אַ געזונטער מענטש, נישט געוואוסט פון קיין מאָגען און פון קיין דאָקטער און פון קיין שוואַרץ־יאָהר, הלואי ווייטער. נאָר פון אַ צייט, אַז מע האָט מיך אָנגעהויבען שטאָפּען מיט רפואות, פּילען, פּראָשקעס און קרייטער, און איטליכער באַזונדער קומט מיט זיין המצאה: דער הייסט, איך זאָל האַלטען דיעט, דאָס הייסט „נעדאָיעד", איך זאָל עסען וואָס ווינציגער; און דער הייסט.

דאָך נאָך א יונגער דאָקטער! ווי קומט איהר צו „אָטשערעדען״? אז איהר וועט זיך אָט אזוי פיהרען, הערט איהר, וועט איהר האָבען עגמת־נפש, ניט קיין פּראַקטיקע!... און אין כּעס באַדאַרפט איהר אויך נישט זיין. איך האָב נישט געמיינט, חלילה, אומזיסט. איך בין נישט אזא איד, וואָס איך זאָל, חס ושלום, פאַרלאַנגען אומזיסט. און חאָטש איהר האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערען ביז׳ן סוף, פון דעסטוועגען, איינס צום אנדערען געהער זיך נישט אָן, פאַר׳ן וויזיט באַדאַרף מען אייך באַצאָהלען... וואָס? איהר ווילט נישט נעמען?... ווייל איך אייך מיט גוואַלד נישט נויטען... געוויס האָט איהר פון וואַנען צו לעבען... מסתּמא לעבט איהר פון קופּאָנעס... עס וואַכּסט ביי אייך... נו, מהכתּיתי, לאָז אייך גאָט העלפען, ס׳זאָל ביי אייך וואַכּסען און וואַכּסען... אדיע! האָט קיין פאַר־איבּעל נישט, טאָמער האָב איך ביי אייך צוגענומען צייט... דערוויף זענט איהר דאָך א דאָקטער...

אייך פֿאַרשריבּען, זאָגט ער, ליאַפּעס, היינט וואָס לויפֿט איהר אַרום, ווי אַ דולער, פֿון איין דאָקטער צום אַנדערען?" זאָג איך: „שאַט, שאַט! איהר זענט דאָך נישט איינער אויפֿ'ן יריד! קיין קאָנטראַקט האָט מען אייך נישט אונטערגעשריבּען, און לעבּען דאַרף יענער אויך, יענער האָט אויך אַ ווייבּ און קינדער!"... האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַ פֿייער, זאָלט איהר זעהען, גלייך ווי איך האָבּ איהם דאָ געזאָגט מי יודע וואָס! בּקיצור, ער האָט מיך געבּעטען, איך זאָל געהן צו יענעם דאָקטער. זאָג איך: „קיין עצות בּאַדאַרף איך ניט; אַז איך וועל וועלען, קאָן איך אַליין געהן". און נעם און לעג איהם אַוועק אַ קאַרבּ. מיינט איהר אפשר, אַז ער האָט דאָס מיר אַ שמיץ געטהאָן אין פּנים? אָבּער גאָר לא! קערבּלעך האָבּען זיי ליעבּ. אַי, האָבּען זיי ליעבּ קערבּלעך, הערט איהר! אַ סך מעהר ווי מיר, פּראָסטע מענטשלעך. זיי זאָלען זיך אַוועקזעצען, אַשטייגער, אויסהערען דעם חולה, ווי סע געהער צו זיין — דאָס איז בּיי זיי נישטאָ. זיי לאָזען זיך ניט רעדען אַ וואָרט איין איבּעריגס. אָט בּין איך אַנומעלטען געוועזען בּיי איינעם אַ דאָקטער, טאַקי אַייערער אַ בּאַקאַנטער, איך וויל איהם ניט אָנרופֿען בּיי'ם נאָמען. איך בּין נאָר אַריינגעקומען, נישט אויסגערעדט נאָך קיין צוויי ווערטער — אהאַ, ער הייסט מיר שוין אויסטהון זיך, איך בּעט איבּער אייער כּבוד, און איך זאָל מיך אַנידערלעגען אויף דער קושעטקע. וואָס איז? בּאשר ער וויל מיך אויסהערען. ווילסט מיך אויסהערען? זעהר גוט! הער מיך אויס! וואָס זשע לאָזט דו זיך ניט רעדען? וואָס טויג מיר דאָס טאַפּען, וואָס דו טאַפּסט מיך, מיט'ן קלאָפּען, וואָס דו קלאָפּסט מיך? ניין, האָט ער אָבּער קיין צייט ניט! עס וואַרטען, זאָגט ער, דאָרט הינטער דער טיר נאָך מענטשען, איטליכער מיט זיין „אָטשערעד". ס'איז היינט געוואָרען בּיי אייך אַ מאָדע — „אָטשערעד", ווי, להבדיל, אויפֿ'ן בּאַהן, אָדער אויף דער פּאָטשט בּיי די מאַרקעס... וואָס? איהר האָט אויך קיין צייט ניט? בּיי אייך איז שוין אפשר אויך איין „אָטשערעד"? איהר זענט

יוסף

דערצעהלונג פון א „רזשענטעלמען“

געשריבען אין יאָהר 1905.

יוסף

— איהר מעגט אייך לאכען פון מיר, איהר קאָנט אייך מאַכען פון מיר א פעליעטאָן, אפילו א בוך, אויב איהר ווילט, — איך האָב פאר אייך קיין מורא ניט, זאָג איך אייך פריהער, וואָרום איך בין, ווי איהר קוקט מיך אָן, ניט פון די שרעקעדיגע. איך שרעק מיך נישט איבער פאר קיין שרייבער, איך ווער נישט בטל פאר קיין דאָקטער, פאל נישט אראָפּ ביי זיך פאר קיין אדוואָקאט און הויב נישט אָן נתפעל צו ווערען, אז מע זאָגט מיר, יענער שטודיערט אויף אינזשינער. איך האָב אויך אמאָל געשטודיערט, איך בין אליין אויך געווען אמאָל א גימנאזיסט. אמת, איך האָב די גימנאזיע ניט געענדיגט, איבער א מעשה מיט א מיידעל. עס האָט זיך אין מיר פארליעבט א מיידעל (א שענער יונג בין איך געווען פון תמיד!). זי האָט געזאָגט, דאָס מיידעל הייסט עס, אז טאָמער נעם איך זי ניט, נעמט זי איין סם. און איך האָב זי אזוי געוואָלט נעמען, ווי איהר האָט זי געוואָלט נעמען. זי איז ביי מיר געווען נישט קיין בת־יחידה, פארשטעהט איהר מיך... ס'איז אָבער פארגאנגען ביי אונז צו ווייט, האָט זיך אריינגעמישט א ברודער איהרער, א פראָוויזאָר פון איין אפטייק, און האָט געזאָגט, אז טאָמער סמ'ט זיך אוועק די שוועסטער זיינע, גיסט ער מיך אָפּ — ער ווייסט שוין מיט וואָס... און איך האָב זי געמוזט נעמען, זיך אָפּגעמוטשעט מיט איהר א יאָהר דריי. זי האָט פארלאנגט פון מיר נאָר צוויי זאכען: איך זאָל זיין אין דער היים, און נישט קוקען

זעהט מיך, א יונגערמאן א היינטיגער, און א שענער פארדיענער, און א קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פאדאָבנע, — פון דעסטוועגען עס איך דוקא כשר. נישט מחמת איך בין אזא צדיק איז האָב חלילה מורא פאר דעם וואָס קוויטשעט, נאָר, פשוט, איך היט מיר אָפּ דעם מאָגען, — איז איינס; און צווייטענס, זענען די אידישע עסענס טאקי מעהר באַ׳טעמ׳ט אויך... אלזאָ, האלט זי א רעס־טאָראַציע, די אלמנה הייסט עס, און קאָכט אליין און באַקט אליין; און זי, די טאָכטער הייסט עס, דערלאַנגט אליין צום טיש. נאָר ווי אזוי קאָכט מען דאָרטען! ווי אזוי דערלאַנגט מען דאָרטען! עס זינגט, זאָג איך אייך, סע פינקעלט און סע שעמע־רירט! דאָרט צו עסען איז א פארגעניגען. נישט אזוי דאָס עסען אליין, ווי דאָס אָנקוקען די מוטער מיט דער טאָכטער — איינע שענער פאר דער אנדערער. איהר זאָלט אָנקוקען א ווייבעל! שטעהט ביי׳ם אויווען, קאָכט און באַקט, און זעהט אויס אזוי פריש, אזוי זוויבער! א פנים — געפּאַלענער שניי! הענט — גאָלד און זיל־בער! אויגען — פייער־פלאַם! איך בין אייך מבטיח, אז מע קאָן זיך נאָך אין איהר אויך פארליעבען!... היינט שטעלט אייך פאָר איהר׳ס א טעכטערל... איך וויים ניט, צי זענט איהר קלאָר אין די ענינים; איך שמועס פון „הלכות מיידעל”, שמועס איך... א פנימ׳על — בלוט און מילך, בעקלעך צוויי — נאָר פּאַמפּעש־קעלעך, אויגען — קאַרשען צוויי, האָר — זייד, צייהן — פּערעל, א האלז — אלבאַסטער, א הענטעל — אויף אויסצוקושען יעדעס גליעד, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט־ארויף, ווי ביי א קליין קינד — האָט איהר געזעהען אמאָל? איך זאָג אייך: אלעס, אלעס איז געטאָקט, געשניצט, טאקי עפּיס נאָר א מין מאָדעל אויף אויסצו־שטעלען, ווי איינער רעדט: „נאַט, קוקט און ווערט צעפּיקעט!”... דערצו פארמאָגט זי איהר אייגענס א געלעכטערעל מיט חן־גריבעלעך אין די בעקלעך, וואָס דאָס אליין איז שוין ווערטה דאָס גאַנצע געלט, וואָרום אז זי לאַכט, לאַכט אלסדינג: איהר לאַכט, און דער טיש לאַכט, און די בענקלעך לאַכען, און די ווענט לאַכען — דאָס

אויף פּורעמדע... איהר האָט עפּיס ליעב אזא געשעפט? וואָס זאָל איך טהון, אַז גאָט האָט מיך פּאָרט באַשאַפען מיט אזא פּנים, אַז אַלע מיידלעך מיט אַלע ווייבּלעך זענען נאָך מיר די כּפּרה? איהר מיינט וואָס?... חלילה!... גאָרנישט, מע האָט מיך ליעב — און א סוף. וואו איך קום, וואו איך פאָהר, באַפּאַלט מען מיך, ווי די בּיענען, שדכנים עסען מיר אָפּ דעם קאָפּ. באשר וואָס? אזוי ווי איך בּין אַ יונגערמאַן א היינטיגער, און א שענער יונג, א געזונטער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און א היבּשער פּארדיענער, און א קערבּעל איז בּיי מיר בּלאָטע, אי טאָמאו פּאדאָבּנע, לכן ווילען זיי מיך אָפּגילטען! לאָז איך זיך מסתּמא נישט: „טשעפּעט זיך אָפּ, זאָג איך, איך האָב מיך שוין איינמאָל אָפּגעבּריהט!”... טענה'ן זיי מיט מיר: „וואָס וועט אייך אהרען, אַז איהר וועט אָנקוקען נאָך א מיידעל?”... נו, ווער זאָגט זיך אָפּ פון אזא זאך? קוק איך דערווייל אָן מיידלעך, און מיידלעך קוקען אָן מיך, שלאָגען זיך איינס פאַר דאָס אנדערע, הענגען זיך, ווי איהר זעהט מיך לעבּען, הענגען זיך אויף מיר! אַלע ווילען מיך, אָבּער אלע! וואָס זשע קומט מיר ארויס, וואָס זיי ווילען מיך, אז איך וויל זיי ניט? אַז די, וואָס איך וויל — ווייסט קיינער ניט, נאָר איך אליין!... און דאָס איז מיין קרענק, און דאָס וויל איך אייך טאַקי דערצעהלען, און אין איינוועגס טאַקי בּעטען אייך, אַז צווישען אונז זאָל דאָס בּלייבּען. נישט מחמת מיר — איך האָבּ דאָך אייך געזאָגט, אַז פאַר „בּאשרייבּען” האָבּ איך קיין מורא ניט. נאָר גלאַט, צו וואָס דאַרף מען עס?... אָט דאָס האָט איהר אייך, הייסט עס, א הקדמה. אצינד וועל איך אייך דערצעהלען די מעשה אליין.

דאָס פאַרשטעהט איהר שוין אליין מסתּמא, אַז איך וועל אייך ניט זאָגען, ווער זי איז, און וואָס זי איז, און פון וואַנען זי איז. א נקבה איז זי, א מיידעל, און דוקא א שען מיידעל, און דוקא איין אָרעמס, א יתומה נעבּאך; זיצט מיט דער מוטער, א יונגע אלמנה, אויך א שענע; האַלט א אידישע רעסטאָראַציע, כּשר. און איך, דאַרפט איהר וויסען, חאָטש איך בּין, ווי איהר

בין איבערצייגט, אז ס'איז אזוי. און ניישט נאָר יענס מאָל, וואָס איך דערצעהל אייך; אַלע מאָל, ווען זי האָט געגעבען אַ רעד־אַרויס דעם נאָמען „יוסף", איז דאָס אויסגעקומען ביי איהר עפּיס ווי מיט אַ מין געזאַנג: „יו־סף". איהר פאַרשטעהט? דאָס איז ניט גלאַט „יוסף", דאָס איז „יו־סף"!...

קורץ, אומעטום און אַלע מאָל האָב איך נאָר געהערט „יוסף" און „יוסף". האָט מען זיך געזעצט עסען, איז דאָס ערשטע וואָרט געווען: „וואו איז יוסף?"... „יוסף וועט היינט ניט זיין"... „יוסף האָט געזאָגט"... „יוסף האָט געשריבען"... „יוסף איז געקומען"... „יוסף האָט גענומען"... „יוסף האָט געגעבען"... יוסף־יוסף, יוסף־יוסף! איך וואָלט שוין וועלען אָנקוקען אָט דעם „יוסף'ען", זעהען וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט!...

פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אַז איך האָב אָט דעם „יוסף'ען" פיינט געקראָגען, ווי אַ שפּין, חאָטש וואָס קעהר ער זיך אָן מיט מיר? ווייס איך! עפּיס אַ יונגעל דאָרטען, אודאי אַ „חברה־מאַן" פון די „חברה־לייט", אָדער פון די „יענקעלעך", ווי זי פלעגט זיי אָנרופען מיט איהר געלעכטערעל. „די יענקעלעך" — דער נאָמען איז פאַר זיי, זאָג איך אייך, ווי אָנגעמאָסטען. דאָס זענען טאַקי נישט מעהר ווי י ע נ ק ע ל ע ך, עפּיס מאָדנע קליינע מענטשעלעך, צום מיינסטען פון דעם סאָרט מענטשעלעך, וואָס טראָגען לאַנגע האָר און שוואַרצע העמדלעך — אַקוראַט דאָס, וואָס איך האָב פיינט... האָט קיין פאַראיבעל ניט. איהר אַליין, דאַכט מיר, טראָגט אויך לאַנגע האָר מיט אַ שוואַרץ העמדעל, און אויב איהר מיינט, אַז ס'איז שען, האָט איהר מחילה אַ טעות. איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס אַ „סמאָקינג" מיט אַ ווייסען זשילעט איז שענער... איך, אַז איך דערזעה אַ שוואַרץ העמדעל, שטעלט זיך מיר פאָר, איך בעט איבער אייער כבוד, אויסגעריבענע הויזען... איהר מיינט אפשר, איך האָב זיי עס ניט געזאָגט? געזאָגט! איך בין אַ מענטש איין אָפּענטליכער, ביי מיר איז נישטאָ קיין חנפה'נען און קיין אונטערלעקען זיך. האָט איהר עפּיס אויף מיר צו זאָגען —

גאַנצע לעבען לאַכט! אָט אַזאַ מין געלעכטערעל איז דאָס. נו, אדרבה, געהט קוקט אַזעלכעס אָן און האָט דאָס פּיינט!...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ציהען, איך האָב כמעט פון׳ם ערשטען מיטאָג אָן געפיהלט, אַז איך בין אַ געקאָכטער; פשוט אָפּגעקאָכט — און שוין! חאָטש ביי מיר אַ מיידעל, באַדאַרפט איהר שוין אליין פאַרשטעהן, איז עפּיס ניט אַזאַ אי־אי־אי... און יענע מעשיות: „ליעבע", „ראָמאַן" — פון דעם האָב איך קיינמאָל ניט געהאַלטען. גאָרנישט, אַזוי — מהכתיתי, פאַר וואָס ניט?... נאָר געהן שיסען זיך צוליעב דעם — פע! דאָס פּאַסט פאַר אַ גימנאַזיסטעל פון זעכסטען קלאַס, נישט, ווי זאָגט איהר, פאַר קיין מאַנספאַרשוין...

דערפיהלט, אַז איך בין אַ געקאָכטער, האָב איך גענעבען אַ נעם די מוטער אויף אַ זייט, נישט, ווי עס רופט זיך אָן, „געבעטען אַ האַנט"... ניין! איך בין נישט פון די חאַפּענדיגע... נאָר גאָרגיט, ווי זאָגט איהר, אַ טאַפּ אין וואָגען שאַדט ניט... און האָב גענעבען מיט איהר אַ רעד־אריין: „וואָס און ווען, אהין־אַהער, וואו האַלט איהר מיט דער טאָכטער?"... זאָגט זי: „וואו זאָל אַיך מיט איהר האַלטען?" זאָג איך: „איך שמועס פון תכלית, שמועס איך"... „אודאי, זאָגט זי, דאַרף מען זיך זאָרגען פאַר איהר תכלית? זי איז שוין, זאָגט זי, אַ פאַרזאָרגטע"... ווי זי האָט אויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, האָט דאָס מיך גענעבען עפּיס ווי אַ שטאָך אין האַרצען אריין: „וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אַ פאַרזאָרגטע?" „איהר זעהט דאָך, מאַכט זי צו מיר, וואָס פאַר אַ זאָרגעדיגע נשמה דאָס איז!"... און אַקוראַט צו די דאָזיגע ווערטער קומט־אָן מהתמא זי אַליין, די טאָכטער הייסט עס, און אַז זי קומט־אָן, ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך.

— מאַמע, נישט געוועזען נאָך יוסף? — זאָגט זי צו דער מוטער. און דעם נאָמען „יוסף" טהוט זי אַ רעד־אויס עפּיס מיט אַ מאָדנעם מין געזאַנג. מיט אַזאַ מין געזאַנג רעדט־אויס נאָר אַ כלה דעם נאָמען פון איהר חתן... אַזוי מיין איך, דאָס הייסט, איך

געהויבען טהון אַ וואָרף־אַריין אַ וואָרט אַזוי מן הצד, מיט אַ זיפּץ, אַ קרעכץ אויף צרות הכלל, געבען אָנצוהערעניש, אַז אויף אַ זעלכע זאַכען שפּיעלט ביי מיר געלט קיין ראָלע, אַז מע באַדאַרף אַרויסוואַרפען אַ קערבעל, מוז מען אַרויסוואַרפען. איהר פאַרשטעהט, וואָס הייסט „אַרויסוואַרפען" אַ קערבעל? איינער „נעמט־אַרויס" אַ קערבעל, דער אַנדערער „וואַרפט־אַרויס" אַ קערבעל. ס'איז אַ חילוק! „אַרויסוואַרפען" ווערט אָנגערופען: געגעבען אַ חאַפּ־אַרויס דאָס בייטעלע און אַ נעם־אַרויס די מטבע: איז־וואָלטיע, — נאַט אייך, הייסט עס — נישט געצעהלט! אָט אַזוי האָב איך ליעב; נישט אַלע מאָל, פאַרשטעהט זיך, נאָר דעמאָלט, ווען מע דאַרף. דעמאָלט, ווען מע דאַרף געבען אַ וואָרף־אַרויס אַ פינפאונצוואַנציגער, צי אַ פופציגער, צי אפילו אַ הונדערטער, טאָר די האַנט ניט ציטערען. למשל, איהר זיצט מיט אַ קאָמפּאַניע און צאַהלט פאַר אַ מיטאָג אָדער פאַר אַ וועטשערע, און מע דערלאַנגט אייך אַ חשבון, באַדאַרפט איהר נאָר געבען אַ חאַפּ אַ קוק אויף דער אונטערשטער שורה און רעדען בעת מעשה פון עפּיס אַנדערש; און אַז מע ברענגט אייך אויסגאָב, באַדאַרפט איהר נישט צעהלען, ווי אַ מאַרק־אידינע פאַר ציבעלעס, נאָר געבען אַ נעם און אַ לעגאַריין אין קעשענע — און שוין! דאָס לעבען איז, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ חדר, וואָס מע דאַרף איהם דורכגעהן, דורכמאַכען; לעבען דאַרף מען קאָנען! איך מעג זאָגען אויף זיך, אַז איך קאָן לעבען, וואָרום איך ווייס וואו אַיין און וואו אויס, וואו מע דאַרף און וואו מע דאַרף נישט. איהר קאָנט זיין זיכער, אַז איך וועל נישט איבערזאַלצען קיינמאָל, און אויף מיר וועט איהר נישט דערקענען קיינמאָל, צי בין איך מילכיג, צי בין איך פליישיג? איהר זאָלט מיך געוועזען זעהען דעמאָלט צווישען די „יענקעלעך", וואָלט איהר געווים מיינען, אַז איך בין אַ „יענקעלע" גלייך מיט אַלע „יענקעלעך". דאָס הייסט, קיין לאַנגע האָר האָב איך מיר נישט פאַרלאָזט, און קיין העמדעל האָב איך נישט אָנגעטהאָן; איך בין געגאַנגען דעם זעלבען סמאָקינג מיט'ן זעלבען ווייסען זשילעט,

קאָנט איהר מיר זאָגען גלייך אין די אויגען. איך האָב נאָר פיינט, אַז מע זאָגט מיר, אַז איך בין אַ „בורזשוי". איך, פאַר'ן וואָרט „בורזשוי", קאָן געבען אַ פּאָהר־אַריין אין באַק אַריין!... וואָס פאַר אַ בורזשוי בין איך? איך בין אַ מענטש גלייך מיט אַלע. איך פאַרשטעה אַלסדינג און ווייס אַלסדינג, וואָרום איך לייען אַלע ביכלעך, מיט אַלע היינטיגע נייע גאַזעטען לייען איך גלייך מיט אַלעמען, — היינט וואָס בין איך פאַר אַ בורזשוי? דערפאַר, וואָס איך טראָג אַ „סמאָקינג" מיט אַ ווייסען זשילעט, און איהר — אַ שוואַרץ העמדעל? איך מיין ניט אייך, איך מיין אָט אַ יענע „יענקעלעך", מיט אַ יענעם יוספ'ען, וואָס איך דערצעהל אייך... איך האָב מיט זיי געהאַט עטליכע מאָל ביי'ם טיש אַזעלכע מיני געשפּרעכען, וואָס פון זיי האָב איך גאַנץ גוט אַרויסגעזעהען, אַז זיי האָבען מיך אַזוי ליעב, פונקט ווי איך זיי. אַ האַריץ, ווי זאָגט איהר, פיהלט אַ האַרץ. נאָר גאָרנישט, געהן אַרויסזאָגען זיי, וואָס איך טראָג ביי זיך אינגעווניג — בין איך אויך ניט מחויב; און אַגב האָב איך מיך טאַקי צו זיי אַ ביסעל צוגעלאָנטשעט, געוואָלט אַיינ־קויפען זיך אין חברה, נישט אַזוי צוליעב זיי, ווי צוליעב דעם „יוספ'ען", און נישט אַזוי צוליעב דעם „יוספ'ען", ווי צוליעב איהר! מיך האָט פאַרדראָסען, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס זי לאָזט איהם נישט אַרויס פונ'ם מויל, און איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט: איין מאָל פאַר אַלע מאָל, שטיינער פונ'ם הימעל זאָלען פאַלען, די וועלט זאָל זיך קעהרען — איך מוז מיך באַקענען מיט דעם דאָזיגען פאַרשוין! און איך האָב אויסגעפיהרט מיינס. ביי מיר, אַז איך וויל עפּיס דערגעהן אַ זאַך, איז גאָר נישטאָ קיין תירוץ. פון געלט שמועסט מען ניט. איך בין דאָך אַ יונגערמאַן, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַ סוחר, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פּאַדאָבנע...

פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אַז אַיינקויפען זיך אין חברה איז מיר געווען נישט אַזוי גרינג, ווי איהר מיינט. איך בין מיר געגאַנגען פּאַוואָלינקע, טריט ביי טריט. תּחילת האָב איך אָנ־

לעבט אזא זאך? איך וועל זוכה זיין זעהען אַט דעם „יוסף'ען" און וועל איהם הערען רעדען!...

וואו וועט זיין די דיסקוסיע און **ווען** וועט זי זיין — דאָס האָט מען מכּות געקאָנט בּיי זיי וויסען. איך האָבּ זיי גאָר ניט געוואָלט פּרעגען אפילו: איך האָבּ געוואוסט, אז מע וועט מסתּמא קומען און מע וועט מיר זאָגען. בּיי די „יענקעלעך", דאַרפט איהר וויסען, געהט אַלסדינגג צו בּסוד. אויף זייער לשון ווערט עס אָנגערופען „קאָנספּיריישען" — איך געדענק דאָס דאָזיגע וואָרט אויף אויסווענינג. איך האָבּ עס פאַרשריבּען בּיי זיך אין בּיכעל. איך, אז איך דערהער אַ שען וואָרט, טהו איך עס בּאַלד אַ נעם און אַ שרייבּ־אַריין צו זיך אין בּיכעל. אויבּ עס וועט צוניין קומען, אָדער ניין — ווייס איך ניט; נאָר שאָדען אודאי ניט.

הכּלל, איינמאָל אין אַ שענעם זומערטאָג, שבּת איז דאָס געוועזען, כזהוען אַ קום־אַריין צו מיר צוויי „יענקעלעך", מיט שווארצע העמדלעך, געוויינטליך, און טהוען מיך אַ רוף־אַרויס: „קומט!" „וואוהין?" „וואָס געהט'ס אייך אָן? קומט מיט אונז!"... העלפט נישט, מוז מען געהן... און מיר האָבּען זיך געטהאָן אַ לאָז העט־ווייט הינטער דער שטאָדט אַרויס, און טאַקי אין וואלד אַריין, און בּשעת געהן בּאַגעגענען מיר אַלע מאָל איין אנדער „יענקעלע" זיצען אונטער אַ בּוים, קוקט בּלומרשט קיין פּצון־זייט און טהוט אַ מורקע־אַרויס: „רעבּטס!" אָדער: „לינקס!"... זאָגען, אז איך האָבּ מורא געהאַט — איז אַ נארישקייט; וואָס האָט מען מורא צו האָבּען פאַר אַ אידען? נאָר גלאַט, ס'איז מיר עפּיס ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס איך, אַ יונגערמאַן אַ סוחר, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פּאַרדיענער, און אַ קערבּעל איז בּלאָטע, אי טאָמאָו פאַראָבּנע, זאָל מיך לאָזען פיהרען פון יונגלעך, „יענקעלעך"! איהר פאַרשטעהט?...

וואָס טויג אייך, מיר זענען געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און נעגאַנגען, ווי זאָגט איהר, וואַלד־אַיין, וואַלד־אויס, אזוי לאַנג, אזוי בּרייט, בּיז מיר האָבּען זיך דערשלאָגען צו אַ גרויסען הויכען

וואָס איצט. נאָר וואָס דען? איך האָב מיך אינטערעסירט מיט אַליץ, וואָס זיי אינטערעסירט, און האָב גערעדט פון דעם, וואָס זיי רעדען: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגי־רען"... וכדומה אַזעלכע ווערטער האָבען זיך געגעבען אַלע מאָל אַ שאָט ביי מיר פון'ם אַרבעל — און מערקווירדיג! וואָס מעהר איך האָב מיך צו זיי געלאָנטשעט, אַזוי מעהר האָבען זיי זיך פון מיר דערווייטערט. בעת איך פלעג אָנהויבען שיטען מיט יענע ווערטער: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רע־אַגירען"..., האָב איך באַמערקט, אַז די „יענקעלעך" ווערען שטיל, קוקען עפּיס משונה איינס אויף דאָס אַנדערע, רייניגען זיך בעת מעשה די צייהן... און נאָך מעהר! געלט האָבען זיי ביי מיר דוקא גענומען אַלע מאָל. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי זיי געוועזען קאָנצערטען, און אַלע מאָל בין איך געוועזען דער ערשטער אויפ'ן פייער: — „דער דזשענטעלמען" וועט מסתמא היינט אויך נעמען אַ בילעט ערשטע רייהע פאַר אַ דרייערעל?

„דער דזשענטעלמען" — קיין אַנדער נאָמען האָב איך ביי זיי ניט געהאַט — האָט געמוזט נעמען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַ בילעט פאַר אַ דרייערעל. אַ ברירה האָט ער געהאַט? דערפאַר אָבער, אַז דער „דזשענטעלמען" פלעגט אַריינקומען בעת די „יענ־קעלעך" האָבען געהאַלטען אין מיטען אַ שמועס, פלעגט ווערען שטיל, שאַ, גלייך ווי מע האָט גאָרניט גערעדט קיינמאָל! שטומע מענטשען!... פאַרשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אַז דעם „דזשענ־טעלמען" האָט דאָס געבערענט און געבראָטען. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט מאַכען? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז וויבאַלד איך וויל עפּיס דערגעהן, איז ביי מיר נישט פאַרהאַן קיין טייער. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, איך האָב מיך אַריינגעלאָנטשעט צו חברה, חאָטש אויף אַזוי פיעל, אַז מע האָט מיר דערלויבט צו זיין ביי זיי אויף אַ „דיסקוסיע" — דאָרט, האָט מען מיר געזאָגט, וועט „יוסף" האַלטען אַ רעדע... קאָנט איהר פאַרשטעהן מיין שמחה, אַז איך האָב דער־

אויגען אַ פּאָר גרויע, ווי בּיי אַ קאַץ, נאָר בּרענענדיגע, און אַ מויל — און סע רעדט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך הויב עס אָן צו פאַרשטעהן נאָך עד היום, פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אַזאַ כּח בּיי דעם דאָזיגען נפש אויף צו רעדען אַזוי הויך און אַזוי גיך און אַזוי פיעל און אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ בּרען און מיט אַזאַ פייער! איך קאָן אייך זאָגען, אַז דאָס איז געווען ניט גלאַט גערעדט, ווי מענטשען רעדען. דאָס איז געווען אָדער אַ שוואַרין־יאָהר, אָדער אַ מאַשינע אַזעלכע, וואָס מע האָט זי אָנגעדרעהט, אָדער פון אויבען איז געווען עפּיס אַזעלכעס, וואָס האָט געשאָסען מיט ווערטער, געגאָסען מיט פייער, אָדער דאָס האָט גאָר דער בּוים גערעדט... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַלע מאָל, אַז אָט־אָט הויבּט זיך אויף אָט דער קליינער נפש מיט די איינגעפאַלענע רויטליכע בּעקלעך און מיט די גרויע אויגען און טהוט אַ פליה־אַוועק אינאיינעם מיט די ווערטער אַהינצו, ערגיץ ארויף... ניין! זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, איך האָב שוין געהערט אויף מיין לעבּען די גרעסטע און די שענסטע אדוואָקאַטען — אַזאַ מין רעדען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט און וועל שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט הערען אויך...

וויפיעל דאָס רעדען זיינס האָט געדויערט — ווייס איך ניט; איך האָב נישט געקוקט אויפ'ן זייגער. איך האָב געקוקט אויף איהם און האָב געקוקט אויף דער מחנה קעפּ, וואָס זענען געזעסען אויף דער ערד און האָבּען געשלונגען איטליכס וואָרט, ווי די הונגעריגע און ווי די דאָרשטיגע... נאָר ווער עס האָט ניט געזעהען בּעת מעשה זי, דער האָט נישט געזעהען קיין שענס אויף זיין לעבּען! צווישען דער מחנה קעפּ האָב איך דערזעהען זי זיצען אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך, די הענט צונויפגעלעגט אויפ'ן האַרצען, דאָס פּנים לייכט, די בּעקלעך פלאַמען, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט ארויף, און די שענע קאַרשען־אויגען שמייכלען, און גלייך צו איהם, גלייך צו איהם!... למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב אין דער מינוט מקנא געווען איהם, נישט אַזוי אויף דעם

באַרג. און ערשט צ׳ז מיר האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף דעם דאָזיגען באַרג, געגעבן זיך אַ לאָז באַרג־אַראָפּ, האָב איך דערזעהען פאַר זיך אַ שוואַרצע מחנה קעפּ. דאָס זענען געזעסען אויף דער ערד חברה „יענקעלעך”, בחורים׳לעך אין שוואַרצע העמדלעך, מיידלעך אין בלוזקעס, און גלאַט יונגעלייט. אָבער אַ גוזמא! איך האָב מורא, אויב ניט אַ דריי טויזענט שטיק, און אפשר נאָך מעהר, און שטיל — חאָטש אַ פליעג פליה דורך! שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, זענען מיר צוגעגאַנגען צו דער מחנה קעפּ, זיך געגעבן אַ זעץ־אַנידער אויף דער ערד, און איך האָב גענומען אַיינקוקען זיך, וואו איז דאָ ערגיץ דער „יוסף”? און איך האָב דערזעהען... שטעלט אַייך פאָר וועמען? איך האָב דערזעהען אַ באַקאַנטען פאַרשוין, טאַקי איינעם פון די „יענקעלעך”, וואָס האָבען אין־איינעם מיט מיר געגעסען ביי דער אַלמנה אין דער רעסטאָראַציע!... אָט האָסט דו דיר!

דער ערשטער געדאַנק מיינער איז געוועזן: „סך־הכּל?... אָט דאָס איז גאָר?... אָט דאָס איז ער, אָט דער „יוסף”?... און איך האָב געמיינט, אַז ער איז מי יודע וואָס! מיט הערנער!”... איך וועל אַייך זאָגען דעם רעכטען אמת, עס האָט מיר כּמעט הנאה געטהאָן — ניין, טאַקי שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט... איך האָב געמאַכט אַ פאַרגלייכונג צווישען איהם מיט מיר — נישט מחמת איך האַלט מיך פאַר אַזאַ גרויסען פאַרשוין, וואָס ס׳זאָל ניט זיין שוין קיין שענערס פאַר מיר. איך בין ניט גענאַרט; איך וויים, אַז ס׳איז פאַרהאַן שענערע פון מיר אויך. נאָר וועדליג ער... איהר פאַרשטעהט? איך וועל אַייך איהם אויסמאָהלען אַקוראַט, ווי אַזוי איך האָב איהם דערזעהען די ערשטע מינוט: צוגעשפּאַרט צו אַ בוים איז געשטאַנען אַ קליינס, אַ בלייכס, איין אויסגעדאַרטס, איין אויסגעטריקענטס, מיט אַ שמאָל האַרץ, מיט ווייסע בלאַסע איינגעפאַלענע בעקלעך, עט־וואָס רויטליך און פאַרברעמט, מיט נאָך גאָר קליינע בלאָנדע הערלעך; נאָר אַ שטערן אַ הויכער, אַ ווייסער, אַ ברייטער, און

כּפּרות ! וואָס דאַרף איך זיי ? וואָס, ניט אַזוי ?... און אַז איך
בּין אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָבּ איך קוים דערלעבּט די
מינוט, די רגע, ס'זאָל שוין ווערען זייגער צוויי, די צייט פון
מיטאָג, און בּין מסתּמא גלייך אַוועק אַ ה י ן , און האָבּ דוקא
געטראָפען בּיי'ם טיש די גאַנצע חברה „יענקעלעך" וואָס תּמיד,
און ע ר איז אויך געווען בּתוכם... איך ווייס נישט, ווי אַזוי
איהר ; איך, אַז איך זעה איין אַרטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער
אַזוי אַ בּאַריהמטען מענטשען, וואָס אפילו מיר אַלע ווייסען גאַנץ
גוט, אַז ער איז אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשען, עסט גלייך
מיט אַלעמען און טרינקט גלייך מיט אַלעמען, נאָר קוים זאָגט מען
מיר, אַז דאָס איז איין אַרטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער אַזוי אַ
בּאַריהמטער מענטש, דאַכט זיך מיר שוין אויס, אַז ער איז נישט
גלייך מיט אַלעמען, אַז עפּיס ליגט אין איהם אַזעלכעס, וואָס מע
קאָן עס, ווי זאָגט איהר, נישט אָנטאַפּען... אַזוי איז געווען מיט
מיר, אַז איך האָבּ דערזעהען א י ה ם נאָך דער דרשה ; דאַכט
זיך, דער אייגענער „יענקעלע", וואָס תּמיד, נאָר פאָרט נישט דער.
עפּיס ליגט אין איהם אַזעלכעס. עפּיס שטעהט אָנגעצייכענט בּיי
איהם אויפ'ן פּנים ; וואָס — ווייס איך אַליין נישט, נאָר איך
וואָלט פאַר דעם „עפּיס" אַוועקגעגעבּען מי יודע וויפיעל ! נישט
מחמת איך בּאַראַרף עס האָבּען ; אויף וואָס בּאַדאַרף איך עס ?
אויף נייען־און־נייענציג כּפּרות ! איך האָבּ עס נאָר געוואָלט צוליעבּ
א י ה ר , וואָרום ז י איז נישט אָפּגעטראָטען פון א י ה ם אויף
קיין מינוט, און אפילו דעמאָלט, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און
גערעדט מיט מיר, האָט זי אויך אין זינען געהאַט א י ה ם , ניט
מיך. איך בּין, דאַרפט איהר וויסען, אַ מבין אויף די זאַכען. מיך
קאָסט עס גענוג רבּי־געלט... עס האָט זיך אָנגעהויבּען פאַר מיר
אַ נייער גיהנם : פריהער, איידער איך האָבּ געוואוסט ווער דער
יוסף איז, האָט זיך מיר געמאָהלט אין מיין כּח־הדמיון אַ הויכער,
אַ שענער, אַ געזונטער, אַ מאַנספּאַרשוין, און איך האָבּ איהם נישט
געקאָנט ליידען, מקנא געווען און פיינט געהאַט, ווי איהר קאָנט

כּח פון זיין רעדען, נישט אַזוי אויף דעם כּבוד מיט'ן פּאַטשען בראַוואָ, וואָס מע האָט איהם געפּאַטשט נאָכדעם, אַז ער האָט אויפ־געהערט צו רעדען, — נישט אויף די זאַכען האָב איך איהם אַזוי מקנא געווען, ווי אויף דעם קוקען, וואָס זי האָט אויף איהם געקוקט! פאַר איין קוק אַזעלכען, פאַר איהרען, וואָלט איך אַוועק־געגעבען — איך ווייס אַליין ניט וואָס! דער דאָזיגער קוק האָט געדערט ווערטער. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער איהר קול, ווי זי זאָגט, מיט יענעם באַקאַנטען געזאַנג: „יו־סף!"

איך האָב אייך דאָך געזאָגט שוין, אַז ביי מיר איז אַ מיידעל נישט קיין אי־אי־אי! איך האָב שוין געזעהען מיידלעך, וואָרום איך בין אַ יונגערמאַן, קאָן מען זאָגען, נישט קיין מיאוסער, אַ הייגטיגער, און אַ שענער פּאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאָו פּאַדאָבנע... נאָר אַזוי קוקען האָט אויף מיר נישט געקוקט מיין ווייב אפילו אין די גוטע יאָהרען, בעת זי איז אויסגעגאַנגען נאָך מיינע טריט... איך בין אַ בעלן געווען מיט אַ כּיון צוגעהן צו איהר נאָהענט, זיך אַוועקזעצען כּמעט נעבען איהר, זיך דרעהען איהר פאַר די אויגען, ווי אַ פליעג, זשומען אין אויהער אריין, ווי אַ קאָמאַר, — ווער? וואָס? אַ נעכטיגער טאָג! איהרע אויגען האָבען זיך, ווי צוויי פּיאַווקעס, איינגעזויגען אין זיינע אויגען, און זיינע אויגען — אין איהרע אויגען, און עס האָט זיך מיר אויס־געדאַכט, אַז די צוויי, ער און זי, זעהען קיינעם ניט פאַר זיך, נאָר איינס דאָס אַנדערע: ער זי און זי איהם, און ווייטער דאַרפען זיי קיינעם ניט! חבוט־הקבר, זאָג איך אייך, איז אַ גאָרניט אַקעגען דעם, וואָס איך האָב בעת מעשה געפּיהלט. אַ גיהנם האָט געקאָכט ביי מיר אין האַרצען, איך ווייס ניט אויף וועמען: אויף „איהר", צי אויף „איהם", צי אויף זיי ביידען, צי גאָר אויף זיך אַליין?... איך בין יענעם אויפדערנאַכט געקומען אַהיים מיט אַ מורא'דיגען קאָפּוועהטיג און האָב מיך געלעגט שלאָפען מיט דער דעה, אַז ווייל איך וועל לעבען זאָל מיין פוס דאָרט ניט זיין, ביי דער אַלמנה הייסט עס. איך דאַרף זיי אַלע אויף זיעבענהונדערט

שליסעל דעם גנב אין האַנט אריין״... איאָ, אַ פּלאַן? און נישט לאַנג געטראַכט, — איך האָב פֿיינט לאַנג טראַכטען — טהו איך מיך אַ רוק־אָן צו איהם איינמאָל נאָכ׳ן עסען:

— איהר ווייסט? איך האָב צו אייך אַ נויטיגען עסק. איך האָב מיט אייך וואָס צו רעדען.

און ער? ער זאָל דאָס אפילו אַ ריהר טהון מיט איין אבר. גאָרניט! נאָר אַנידערגעשטעלט אויף מיר זיינע פּראָסטע גרויע אויגען, ווי איינער רעדט:

— הנני, איך בין אָנגעבּרייט.

— ניין, — מאַך איך צו איהם — ניין, ניט דאָ. איך וויל, ס׳זאָל זיין, ווי מע זאָגט, אונטער פיער אויגען.

— קומט! — מאַכט ער צו מיר און פיהרט מיך ארויס אין דרויסען אַרויס און שטעלט זיך אַוועק אַקעגען מיר און וואַרט, ווי איינער רעדט:

— נו? פאַר וואָס דבּר׳ט מען ניט?

— נישט אָט דאָ. — מאַך איך צו איהם. — ווען טרעפט מען אייך אין דער היים?

— איך קאָן זיין בּיי אייך... — מאַכט ער צו מיר און פאַר־חאַפּט זיך אָבער באַלד. — און אויב איהר ווילט... זייט איהר בּיי מיר מאָרגען פון... (און ער טהוט אַ נעם־אַרוים דעם זייגער). פון האַלב צעהן ביז האַלב עלף אין דער פריה... נאַט אייך מיין אַדרעס.

אַזוי מאַכט ער צו מיר און קוועטשט מיר, און קוועטשט מיר די האַנט, און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, ווי איינער רעדט: „קאָנספּירריישען?״...

— קאָנספּירריישען, האָט קיין יסורים ניט! — מאַך איך צו איהם, און מיר צעגעהען זיך, ווי זאָגט איהר, איטליכער אין זיין רוה אריין.

אודאי בּין איך יענע נאַכט ניט געשלאָפען. איך בּין, פאַר־שטעהט איהר מיך, געלעגען אין איינע אַנגסטען און נאָר געטראַכט:

זיך נאָר פֿאָרשטעלען. איצט, אַז איך בין שוין געוואָהר געוואָרען, ווער דער מאַנספּאַרשוין איז, אַז דאָס איז גאָר אַ „יענקעלע" גלייך מיט אַלע „יענקעלעך", האָט מיך פֿאַרדראָסען... איך ווייס ניט אויף וועמען: צי אויף איהר, וואָס זי פֿאַרגעטערט איהם אַזוי (און אַז זי פֿאַרגעטערט איהם — דאָס זעהט דאָך אַ בלינדער אויך!), צי אויף איהם, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען אַזאַ כּח־הדבּור, צי אויף זיך אַליין האָט מיך פֿאַרדראָסען, למאי האָב איך ניט אַזאַ כּח?... נישט מחמת איך דאַרף עס אַזוי נויטיג האָבען. צו וואָס דאַרף איך עס? און נישט מחמת איך בין חלילה אָהן אַ צונג. מיינט ניט! איך, אַז איך וויל רעדען — קאָן איך! איך האָב שוין אַמאָל גערעדט אויף אַ „זאַסעדאַניע", און דוקא אין „קופּעטשעסקע קלוב", זאָגט דער עולם, אַז איך רעד ניט שלעכט, גאָר ניט שלעכט!... דער פֿאַרדראָס, וואָס מיך האָט פֿאַרדראָסען, קאָן איך אייך מיט ווערטער ניט אַרויסגעבען; דאָס דאַרף מען פֿאַרשטעהן — ניין, דאָס דאַרף מען פֿיהלען, מע באַדאַרף זיין אויף מיין אָרט, קומען אַלע טאָג אין דער רעסטאָראַציע, אָנקוקען זי מיט'ן ווייסען פֿאַרטוכעל, וואָס סע שעמערירט, איהר שען ליכטיג פּנים, וואָס סע שיינט און וואָס סע זינגט, הערען איהר זיס קול, וואָס קוויקט, איהר געלעכטערעל, וואָס צעגעהט זיך אין יעדען אבר, און בשעת מעשה זעהען איהם און פֿיהלען, אַז דאָס איז איננאַנצען צוליעב איהם, און נאָר צוליעב איהם אַליין, און ווייטער קיינעם ניט! ניין, מע דאַרף איהם צונעמען פֿונ'ם וועג, מע דאַרף, ער זאָל אַוועק, מע דאַרף זיינער פּטור ווערען. נאָר ווי אַזוי? איך וועל דאָך נישט געהן סמ'ען איהם, אָדער שיסען; איך בין דאָך נישט קיין רוצח, איך בין דאָך אַ איד... אַרויסרופֿען איהם אויף אַ דועל? — פּע! אין אַ „ראָמאַן" רופֿט מען אַרוים אויף אַ דועל, אי דאָס — גלויב איך ניט, ס'זאָל זיין אמת; ס'איז נאָר גלאַט אַזוי, אויף צו באַשרייבען, קומט אוים שענער... אַזוי האַלט איך... איך בין געפֿאַלען אויף אַ שענער המצאה: איך וועל מיך דורכ־שמועסען מיט איהם אַליין, ווי זאָגט איהר: „אָפּגעבען דעם

וויסען, אַ היינטיגער, איך לייען אַלסדינג, אַלע נייע געזעצטען און זשורנאַלען, — און איך נעם און טהו אַ שיט־אויס אַלע מאָדנע ווערטער: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירען"... „קאָנספּירייִשען"... וכדומה. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר דוקא פּראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער:

— מיט וואָס זשע קאָן איך אייך דיענען?

— מיט אַ קלייניגקייט — זאָג איך: — מיט איין עצה.

— איך?... אייך?... איין עצה?...

אזוי מאַכט ער צו מיר און טהוט אַ שטעל־אַוועק אויף מיר די פּראָסטע גרויע אויגען, ווי איינער רעדט: „ווי קום איך, אַזאַ שנעק ווי איך בין, געבען עצות אַזאַ דזשענטעלמען?"... איהר פאַרשטעהט? ס'איז איהם אַליין געוועזן פּריקרע, ווי זאָגט איהר, איבער דער טבע. און מיר איז דאָך אודאי געוועזן פּריקרע. נאָר וואָס זאָל איך טהון? איך האָב דאָך שוין אָנגעהויבען, באַדאַרף מען דערפיהרען, ווי זאָגט איהר, צו אַ ברעג. און איך נעם און טהו איהם אַ זאָג־אויס, וואָס מיך קוועטשט, מיט אַ דערצעהל־אויס, וואָס ביי מיר אויפ'ן הארצען טהוט זיך פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב זי דערזעהען, ביז צו היינטיגען טאָג, ממש איך לעב נישט, דאָס הייסט, זי לאָזט מיך נישט לעבען!... „איך בין דאָס גאָר נישט געוועהנט געוואָרען, זאָג איך, אַז איבער אַ מיידעל — זי מעג זיך זיין אפילו די בת־מלכּה אַליין — זאָל איך אזוי „רעאַגירען", וואָרום סך־הכּל בין איך דאָך גאָר אַ יונגערמאַן, חאָטש אַ היינטיגער, דאָך אַ סוחר מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאַו פאַדאָבנע"...

אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר ווידער אַ מאָל פּראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער:

— אויב איהר פרעגט ביי מיר איין עצה, וואָלט איך אייך זאָגען, איהר זאָלט רעדען מיט איהר אַליין...

— נו, און איהר? — זאָג איך.

וואָס וועל איך איהם זאָגען, אשטייגער? פון וואַנען זאָל איך אָנהויבען? און וואָס וועל איך טהון, טאָמער טהוט ער מיר א זאָג:

— הערר דזשענטעלמען, וואָס האָט איהר אייך צו מישען אין פו'עמדע עסקים? וואָס פאַר א מחותן זענט איהר, הערר דזשענטעלמען, מיט אַ מיידעל, וואָס איינער פון די „יענקעלעך" רעכענט זי פאַר א כּלה שוין פון ווייס איך ווען?...

וואָס ענטפערט מען איהם דערויף? אָדער וואָס טהו איך, אַז ער נעמט מיך, אַשטייגער, פאַר'ן קאַרק און טהוט מיך א שמייס־אַראָפּ פון אַלע טרעפּ? דאָס הייסט, קיין מורא האָב איך ניט. וואָס האָב איך פאַר איהם מורא? איך בין דאָך געקומען צו איהם מכּח איין עסק. ממה־נפשך: יאָ — יאָ, ניין — ניין. ווארפען זיך איז ניטאָ פאַר וואָס!...

אָט אַזוי בין איך געלעגען אין מחשבות די גאַנצע נאַכט, און אויף מאָרגען האַלב צעהן דעם זייגער האָב איך שוין געקלעטערט צו איהם ערגיץ אין אַלדי שוואַרצע יאָהר אויף א בוידעם, אפשר דריטהאַלבען הונדערט טרעפּ, און האָב איהם אקוראַט געטראָפען אין דער היים מיט נאָך א פּאָר „יענקעלעך", וואָס אַז זיי האָבען מיך דערזעהען, האָבען זיי זיך עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט איינס מיט'ן אַנדערען, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט דאָ צו טהון דער דזשענטעלמען?"... נאָר מיין פויגעל האָט זיי געגעבען א וואונק, זיי זאָלען נעמען דעם וועג, און מיינע „יענקעלעך" האָבען זיך דוקא געשטויסען וואָס מע מיינט, געטהאָן זיך א נעם צו די היטלעך — און נעלם געוואָרען.

געבליבען מיט איהם אַליין, ווי זאָגט איהר, אונטער פיער אויגען, נעם איך און טהו איהם א לעג־אַוועק א דרשה: אַזוי און אַזוי, אַז איך בין אַליין, חאָטש איך בין א געשעפטסמאַן, א מענטש מיט א שטיקעל נאָמען, און א שענער פאַרדיענער, און א קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאי פּאַדאָבנע, פון דעסטוועגען ווייס איך אַלס־דינג וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, וואָרום איך בין, דאַרפט איהר

פאר גרויס שמחה בין איך נאָר אוועק אין קלוב. איך, דאַרפט איהר וויסען, טהו מיך א חאַפּ־אריין אמאָל אין קלוב אריין, ווי זאָגט איהר, „צווישען טאָג און נאַכט", נישט מחמת איך האָב ליעב דאָס שפּיעל. איך אליין שפּיעל ניט; נאָר איך האָב ליעב זעהען, ווי יענער שפּיעלט, און אמאָל, זעלטען־זעלטען, געבען א „שמיר" אונטער אויף יענעמ'ס קאָרט, — איז איינס פון די צוויי: אָדער מע נעמט־אויס, אָדער מע ווערט באַגראָבען. דאָס מאָל איז מיר דוקא געראָטען; ס'איז מיר אוועקגעגאַנגען דאָס קערטעל, זאָג איך אייך, ווי קיינמאָל נישט! איך האָב אָנגעשלאָגען א שען קערבעל און האָב געגעבען א רוף־צונויף די חברה „באָסיאַקעס" (אזוי הייסען ביי אונז אין קלוב די דאָזיגע, וואָס בלייבען אָהן קליינגעלט) און האָב געגעבען א שטעל־אוועק א וועט־שערע, און דוקא מיט שאַמפּאַניער־וויין, „רעדערער", און אז איך בין געקומען אהיים — געוועזן שוין גרויסער טאָג, — האָב איך געטראָפען ביי זיך אויפ'ן טיש א דעפּעש, אז מע רופט מיך ארויס עקסטרע צו־ליעב זעהר א נויטיגען געשעפט. און דאָס ווייסט איהר דאָך מסתמא, אז „נאַש־בראַט", וויבאַלד ער באַקומט א דעפּעש מכוח געשעפט, איז א סוף, פאַרפאַלען, ווי זאָגט איהר, די קוה מיט'ן שטריקעל, א כפּרה אלסדינג. מע הויבט זיך אויף און מע פאָהרט.

אוועקגעפאָהרען בין איך, אייגענטליך, אויף צוויי טאָג, און געזוימט האָב איך מיך, געוויינטליך, דריי וואָכען, און אז איך בין געקומען צוריק, האָב איך דאָך באַלד געגעבען א לויף־אוועק אין דער רעסטאָראַציע עסען, און האָב געטראָפען דאָרטען איין איבערקעהר־עניש: פון די „יענקעלעך" איז ניט געבליבען קיין האָר אפילו, און די, וואָס זענען געבליבען, זענען אויך געוועזן נישט דאָס, וואָס תמיד: עפּיס זענען זיי מיר געוועזן ווי צעדרעהט, משונה צערודערט און צעפּלאָכטען. זיי האָבען אָפּגעהאַפּט דאָס עסען, ווי זאָגט איהר, על רגל אחת, און צעקראָכען זיך מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי די הינט נאָך א רעגען, דער אהער און דער אהין...

— איך וויל ניט — מאכט ער צו מיר און פאַרכאַפּט זיך באַלד — איך קאָן ניט, איך האָב קיין צייט ניט פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכען.

— ניין! — מאַך איך צו איהם. — ניט דאָס מיין איך. איך פאַרלאַנג נישט פון אייך, אַז איהר זאָלט מיט איהר רעדען. ווי קאָן איך דאָס פאַרלאַנגען? איך פרעג אייך נאָר, וואָס וועט איהר זאָגען דערויף?...

— וואָס קאָן איך, זאָגט ער, דערויף זאָגען? אויב איהר געפּיהל צו אייך איז אַזוי, ווי אייער געפיהל צו איהר...

אַזוי מאַכט ער צו מיר פראָסט און ווייך און אָהן שום הויכע ווערטער, און געהט און טהוט אַ נעם־אַרוים דעם זייגער, ווי איינער רעדט: „אונזער שמועס איז שוין באַלד ווי געענדיגט"... די קונץ פון קוקען אויפ'ן זייגער, דאַרפט איהר וויסען, פאַרשטעה איך גאַנץ גוט. איך, אַז איך וויל יענעם פּטור ווערען, בין איך מיך אויך אַזוי נוהג. דער חסרון איז, וואָס ניט יעדער שטויסט זיך, וואָס מע מיינט. איך, זעהט איהר, האָב מיך דוקא יאָ אָנגעשטויסען, און האָב מיר געגעבען אַ הויב־אויף, געבעטען איהם, אַז די מעשה זאָל בלייבען צווישען אונז, „קאָנספּיריישען" הייסט עס, און בין אַוועק אַהיים. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? דאָס וואָרט „פריילעך" איז אַ הונט! „גליקליך"? — נאָך אַלץ נישט דאָס! אויפ'ן זיעבעציגסטען הימעל!!! ווען איך האָב ניט באַגעגענט, האָט זיך מיר, הערט איהר, געגלוסט נאָר אַרומהאַפּען קושען. אַלע און אַלעם האָבען באַקומען אין מיינע אויגען נאָר אַ באַזונדער חן. פון יוסף'ען אַליין שמועסט מען ניט: איך האָב איהם יענעם טאָג ליעב געקריגען, ממש ווי אַיין אייגענעם ברודער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך אומגעקעהרט איהם אַ קוש טהון, און איך זאָל ניט מורא האָבען, אַז ער וועט זיך געפינען באַלעדיגט, וואָלט איך איהם אונטערגעטראָגען אַ מתנה: אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ שען קייטעל מיט אַ היבשען ברעלאָק.

האָבען די שענע קאַרשען־אויגען געקוקט אויף יוסף'ען, און איצט האָבען זיי געבלאָנזעט ערגיץ אין דער לופטען, געזוכט, אפּנים, אַליץ איהם, אַליץ יוסף'ען !... וואָס טויג אייך, איך האָב קוים דערלעבט, זיי זאָלען אַוועקלעגען דאָס בלאַט, האָב איך עס געגעבען איין עפּען־אויף און אַ קוק־אַריין אינווענינג — און עס איז מיר מיט אַ מאָל פאַרענטפערט געוואָרען אַלע קשיות: *מיין יוסף האָט געהאַלטען אין דער אַרבייט!*... איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט ניט גוט אָפּשניידען; אַז ניט היינט, מאָרגען — אַריין אין קרויט *מוז* ער... דעם שפּיץ האָט מען, געוויינטליך, נאָך נישט געקאָנט וויסען, נאָר פאַרשטאַנען האָט מען, אַז אַ קניפּ אין בעקעלע, ווי זאָגט איהר, וועט מען איהם נישט געבען, קיין האָניג וועט ער נישט לעקען און קיין בשמים וועט ער נישט שמעקען...

וואָס ביי מיר איז געווען דעמאָלט אויפ'ן האַרצען — קאָן איך אייך נישט איבערגעבען; זאָגען, אַז ס'זאָל מיך שטאַרק אַהרען, קאָן איך נישט, וואָרום ער איז מיר דאָך פאָרט נעשטאַנען פּאָפּעריק, ווי זאָגט איהר, אַ ביין אין האַלז... און ווידער, איך זאָל זאָגען, אַז עס האָט מיך געפרעהט, איז דאָס אויך ניט אינגאַנצען אמת. ווי זאָגט איהר, מע טאָר דאָך אַזעלכעס נישט ווינטשען דעם ערגסטען שונא אפילו. אדרבה, איך האָב איהם געוואונטשען מיט'ן גאַנצען האַרצען, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, אַז גאָט זאָל איהם אַ נס טהון און מע זאָל איהם ... אינגאַנצען, הייסט עס, אָפּריינינגען? — דאָס קאָן דאָך ניט זיין; נאָר אַזוי עפּיס אַ גרינגע שטראָף... איהר פאַרשטעהט?...

ווי אין אַ טשאַד, זאָג איך אייך, בין איך אַרומגעגאַנגען די עטליכע טעג, זיך גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. און אַז איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז דער עסק האָט זיך שוין, ברוך השם, געענדיגט און אַז מאָרגען ווערט אַרויסגעטראָגען דער פּסק, שווער איך אייך ביי מיין לעבען, — ס'איז ביי מיר טייער — אַז איך בין יענע נאַכט ניט געשלאָפען, ניט אָנגעהויבען שלאָפען, זיך געקאַטשעט פון

נאָר מעהר פון אַלץ האָט מיך געוואונדערט: וואו איז יוסף? פאַר וואָס זעהט מען ניט יוספ׳ען? איך קוק מיך צו צו די „יענ־קעלעך" — עפּיס איז מען מיר מאָדנע האָפּערדיג, עפּיס שטיקט מען זיך: שו־שו! שו־שו!... ס׳איז ביי זיי ניט נאָר קאָנ־ספּירייִשען — ס׳איז שוין, ווי זאָגט איהר, „קאָנספּירייִשען שבקאָנ־ספּירייִשען"!... איך טהו מיך אַ קוק־איין אין איהר — זי איז מיר אויך משונה שווייגענדיג, פאַרטראַכט און שטאַרק „קאָנספּיריי־שענדיג"... די שענע בעקלעך פלאַמען נישט, די קאַרשען־אויגען שמייכלען ניט. וואו זענען אַהינגעקומען די חן־גריבּלעך, וואָס בעטען זיך: נא, קוש מיך!? עפּיס הערט מען נישט מעהר איהר געלעכטערעל, יענעם געלעכטערעל, וואָס אַז זי הויבּט אָן צו לאַכען, לאַכט מיט איהר אַלסדינג — איהר, און דער טיש, און די בענקלעך, און די ווענט, און דאָס גאַנצע לעבען!...

דאָס פאַרשטעהט איהר דאָך מסתמא אַליין, אַז שטאַרק בענקען האָב איך נאָך דעם יוספ׳ען נ י ש ט געבענקט... איך האָב מיר נאָר געבראָכען דעם קאָפּ: וואו האָט ער געקאָנט נעלם ווערען? צי אויף אַ קורצע צייט, צי אויף שטענדיג? צי שרייבּט ער בריוולעך, צי ניין? פרעגען ביי די „יענקעלעך" — ענטפערען זיי דען? זיי קוקען אייך אין די אויגען אריין, קאַלופּען בשעת־מעשה די צייהן און שווייגען, ווי איינער רעדט: „יונגערמאַן, אַז איהר וועט וועלען אַלסדינג וויסען, וועט איהר גיך אַלט ווערען"...

ערשט מיט אַ מאָל, אין אַ שענעם פריהמאָרגען, איך קום צו געהן איינמאָל אין דער רעסטאָראַציע עסען, טרעף איך די „יענ־קעלעך" זיצען אַלע ארום טיש, איינער לייענט פון אַ בלאַט, און דער גאַנצער איבעריגער עולם האָרכט. אפּנים, אַז דאָס מוז זיין פון יוספ׳ען. פון וואַנען וויים איך עס? פון איהר. זי, מיט׳ן ווייסען פאַרטוכעל און מיט די קאַרשען־אויגען, שטעהט ביי דער זייט, צונויפגעלעגט די הענט אויפ׳ן האַרצען, דאָס פּנים לייכט, די בעקלעך פלאַמען, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט ארויף — פונקט ווי דעמאָלט אין וואַלד... דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס דעמאָלט

— איהר קאָנט ניט לײדען, װאָס זי דערלאַנגט ? דערלאַנגט מען אַלײן !...

אַזױ טהוט זי צו מיר אַ זאָג, די מוטער הײסט עס, און דער־לאַנגט זיך אַ שמיר־אַרויף מיט'ן נאַקעטען עלענבױגען איבער'ן פּנים, און גאָה טהו איהר עפּיס !

װאו זשע האַלט איך ? — בײ'ם קלײנעם אַלקירעל. װי אַזױ און מיט װאָס פאַר אײן אופן איך האָב געטהאָן אַ גאָה־אַרײן אין דעם קלײנעם אַלקירעל אַרײן ? װאָס זענען געװען די ערשטע װערטער, װאָס איך האָב איהר געגעבען אַ זאָג ? — פרעגט מיך בחרם, אויב איך הויב אָן געדענקען אפילו ! איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זי געטראָפען אינ'ם זעלביגען װײסען פאַרטוכעל, װאָס תמיד, זיצען בײ'ם פענסטער, צונױפגעלײגט די הענט אויפ'ן האַרצען, דאָס פנים בלאַס, די בעקלעך װײס, קײן טראָפּען בלוט ניטאָ, דאָס אויבערשטע ליפּעל קוקט אַרויף, און די שענע קאַרשען־אויגען, איבערגעצױגען װי מיט אַ רױכעל, קוקען ערגיץ װײט־װײט, פאַר־טראַכט, און נישט קײן אײנציגע טרער, נײשט קײן סימן פון קײן טרער, נאָר אַ שטילער, שטומער טרױער, זעהט מען, ליגט אויס־געגאָסען אויפ'ן קוים־קוים אָנגעקנײטשטען װײסען שטערן. איך שװער אײך בײ מײן לעבען, הערט איהר, — ס'איז בײ מיר טײער — זי איז אין דער דאָזיגער מינוט געװען אַזױ שען, אַזױ געטליך, אַז איך בין גרײט געװען זיך געבען אַ טהו אַ װאַלגער פאַר איהרע פיס און אויסקושען איהר די טריט !... דערזעהען מיך, האָט זי זיך דוקא נ י ט איבערגעשראָקען, דוקא נ י ט געגעבען זיך קײן חאַפּ־אויף און דוקא נ י ט געפרעגט מיך, װאָס איך דאַרף. איך האָב אַלײן גענומען און געשטעלט־אַװעק אַ בענקעל און אַװעק־געזעצט זיך אַקעגען איהר און גענומען רעדען, רעדען, אָהן אײן אויפהער, אָהן אַ ברעג. אַ קװאַל פון װערטער האָט זיך בײ מיר געגעבען אײן עפען־אויף, און איך האָב גערעדט און גערעדט און גערעדט. װאָס איך האָב גערעדט — זאָג איך דאָך אײך, אַז איך װײס ניט. דער פשט, אַפנים, איז געװען אַזױ : איך האָב איהר

איין זייט אויף דער אַנדערער, און געמוזט סוף־כּל־סוף אויפשטעהן, און האָב מיך געפּרובט געבען אַ קוק־אַריין אין קלוב אַריין, נישט אַזוי צוליעב דעם שפּיעל, ווי איך האָב גערעכענט, טאָמער וועל איך קאָנען פאַרגעסען חאָטש אויף אַ מינוט... דאָס האַרץ איז מיר עפּיס געווען צו שווער, איך האָב געפיהלט, כּמעט געוואוסט, אַז ע ר ה א ל ט ש מ אָ ל.

און כּך הוה. איך קום אין דער געוויינטליכער צייט אין דער רעסטאָראַציע, באַגעגען איך פון דאָרט אַרויסשפּרינגען צוויי „יענקעלעך", שטאַרק צעפּלאָכטען, פאַרטאַרעראַמט — סכּנת־נפשות! אַריינגעקומען אינוועניג, האָב איך געטראָפען אַ פּאָר פּרעמדע מענטשען עסען. צום טיש דערלאַנגט שוין ניט זי, נאָר די מוטער, און די מוטער אַליין איז עפּיס אויך, ווי זאָגט איהר, לאַ־עליכם'דיג, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז פאַרוויינט... בין איך נישט פויל אויף דער פּען און נעם און טהו זי אַ רוף־אָפּ אויף אַ זייט:

— וואו איז ערגיץ אייער טאָכטער?

— ביי זיך, — מאַכט זי צו מיר און טהוט מיר אַ ווייז מיט די אויגען אַהין, אויף אַ קליין אַלקירעל, וואָס זעהט־אויס ווי אַ שטיינעל מיט אַ טירעל.

דאָס שפּיעל, וואָס איך האָב געשפּיעלט מיט דער מוטער, איז געווען, דאַרפט איהר וויסען, אַ מאָדנע שפּיעל. רעדען עפענטליך מכּח אַכטצעהן און דרייצעהן האָב איך מיט איהר קיינ־מאָל ניט גערעדט; נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז זי וויל דעם שידוך: אַ יונגערמאַן אַ היינטיגער, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פאַדאָבנע — פאַר וואָס זאָל זי ניט וועלען? אדרבה, איך האָב איהר אַ פּאָר מאָל געגעבען אָנצוהערעניש, אַז איך אינטערעסיר מיך מיט איהר טאָכטער זעהר געשמאַק! אַ סימן — איך קאָן ניט ליידען, וואָס זי דערלאַנגט אַליין צום טיש... טרעפט זשע, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף?

איך קיין מורא ניט, און אין כשוף גלויב איך ניט, נאָר איך שווער אייך בנאמנות, ס׳איז נישט אוועקגעגאַנגען די נאַכט, ער זאָל ניט קומען מיר צו חלום, יוסף הייסט עס, מיך ניט אויפוועקען און באַווייזען מיט דער האַנט אויפ׳ן האַלז, אז ס׳איז ביי איהם, נ״ט אין מיין מאָס, אַרום און אַרום האַלז א בלויער צייכען... ווי מיינט איהר, א חלום האָט עפּיס א ממשות? איך ווייס א פאַקט, וואָס האָט זיך געטראָפען אַמאָל מיט מיינעם א פעטער... נאָר נאַריש־קייטען! איך האַלט נישט פון חלומות!... איך בין גלאַט אַזוי געוועזען צעדרעהט, פאַרלאָרען דעם אַפּעטיט צום עסען, אויפגעהערט שלאָפען... פאַר פחד מיינט איהר? ניין! נאָר א באַקאַנטער מענטש, געזעסען מיט איהם וויפיעל מאָל ביי איין טיש — איהר פאַרשטעהט? האָב איך מיך מיישב געוועזען, ווי זאָגט איהר, וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין — כ׳האָב מיך אָנגענומען מיט הארץ און האָב געטהאָן א געה־אַוועק אַהין, גלייך צו זיי אין דער רעסטאָראַציע אריין.

איך קום צו געהן אין דער רעסטאָראַציע — ווער מיר רעס־טאָראַציע? וואָס מיר רעסטאָראַציע? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן — אויסגעטריקענט דאָס אָרט אפילו! וואו איז אַהינגעקומען די רעסטאָראַציע? „אַרויסגעפאָהרען שוין פון עטליכע טעג!“ „וואָס הייסט אַרויסגעפאָהרען?“ „אַרויסגעפאָהרען הייסט אַרויס־געפאָהרען“... איך טהו א קלונג־אָן אין הויף אַריין, א לויף־אַריין צום בעל־הבית: „וואו איז אַהינגעקומען די רעסטאָראַציע? וואו־הין איז זי אַריבערגעפאָהרען?“ א נעבטיגער טאָג — קיינער ווייסט ניט, קיינער קאָן מיר ניט זאָגען, וואוהין! הויב איך דאָך אָן מסתמא צו פייערען, ווי זאָגט איהר, אַריין אין דער אַמביציע. און איך, אַז איך טהו א קום־אַריין אין דער אַמביציע, איז סכּנת־נפשות! איך בין אַרומגעלאָפען, שווער איך אייך, ווי א משוגענער, אויסגעוועזען וואו די וועלט האָט איין עק!... און די „יענקעלעך“? ווי אויף צו־להכעיס, איהר זאָלט זאָגען, האָט׳ס איין „יענקעלע“ אויף א רפואה!... בין איך אוועק אין פּאָליציע חוקר ודורש זיין,

נעוואַלט אויסרעדען דאָס האַרץ, טרייסטען זי, איהר געבען צו פאַר־שטעהן, אז זי טאָר ניט „רעאַגירען" אזוי שטאַרק... אויף אונזער לשון הייסט עס: זי זאָל זיך נישט נעמען אזוי צום האַרצען, וואָרום זי איז נאָך צו יונג, און צו פריש, און צו שען... איך האָב איהר געדרונגען, אז איהר גליק קאָן מען נאָך גאָר ניט וויסען... אָט, למשל, בין איך א יונגערמאַן א סוחר, א היינטיגער, מיט א שטיקעל נאָמען, און א שענער פאַרדיענער, און א קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פאַדאָבנע... א סימן: לאָז זי מיר נאָר זאָגען איין וואָרט, אז זי איז גרייט צו פאַרגעסען אלסדינג, וואָס ס'איז געוועזען ביז אהער, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, גאָרניט, קיין שום יוסף, מיט קיין שום „יענקעלעך", מיט קיין שום „קאָנספּי־ריישען" אויף דער וועלט!...

הערט איהר? איך וויים אליין ניט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אזא כח־הדבור! און טאָמער מיינט איהר, אז זי האָט מיר עפּיס געענטפערט דערויף? אָסור! געזעסען און גע־קוקט און געקוקט און געקוקט... וואָס האָט געקאָנט באַדייטען דער דאָזיגער קוק? דער דאָזיגער קוק האָט געקאָנט באַדייטען: „איהר מיינט עס מ'ט איין אמת? עס גלויבט זיך מיר עפּיס ניט!"... אָדער: „איך וועל מיך איבערלעגען"... אָדער: „לאָזט מיך צו־רוה"... אָדער גאָר: „יוסף"... איהר פאַרשטעהט? ניט „יוסף", נאָר: „יו־סף"!...

וואָס פאַר א פּנים איך האָב נאָכדעם געהאַט ביי זיך אליין אין די אויגען — מעגען שוין מיינע שונאים האָבען אזא יאָהר!... איך האָב עטליכע טעג דורכאַנאַנד מיך געשעמט ווייזען זיך פאַר די אויגען... און אגב איז מיר אויפ'ן האַרצען געווען אזוי וויסט, גלייך ווי איך אליין וואָלט מיך פּיהלען דאָ פאַר א שטיקעל חייב אינ'ם אומגליק, וואָס זיי איז געשעהן... וויפיעל איך האָב מיך ניט געמוטשעט, איך זאָל איהם ארויסשלאָגען פון די געדאַנקען, פאַרגעסען איהם, אָט דעם יוסף'ען — אוממעגליך!... איהר דאַרפט וויסען, אז איך פון חלומות האַלט ניט, פאַר מתים האָב

זעהט איהר? איך וואַרט ניט, ביז איהר וועט זיך געבען אַ טהו־אַ נעם צום זייגער; איך וויים אַליין, אַז אַלסדינג אויף דער וועלט מוז האָבען אַ סוף... האָט נאָר קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך האָב ביי אייך צוגענומען אַ ביסעל צופיעל צייט, און גיט מיר אייער האַנט, אַז אַלסדינג, וואָס כ'האָב אייך דאָ דערצעהלט, וועט דאָס בלייבען צווישען אונז ביידען, ווי זאָגט איהר: קאָנספירייישען...

אדיע!

מאַכען אַ „ספּראַווקע" הייסט עס... געקומען אין פּאָליציע, טהוט מען מיך אַ נעם־אויף: „טשטאָ נאַדאַ?" זאָג איך: „דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי, וואו איז אַהינגעקומען די רעסטאָראַציע?"... פרעגט מען מיך: „וואָסער רעסטאָראַציע?" זאָג איך: „די און די". פרעגט מען מיך: „אויף וואָס דאַרף איך זי?"... איהר פאַרשטעהט — זאָל איך זיי געהן דערצעהלען, אויף וואָס איך דאַרף זי?... שווייג איך דאָך. פרעגען זיי מיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, איך זאָל זיי זאָגען, אויף וואָס איך דאַרף זי?... וואָס טויג אייך, איך האָב מיר געקויפט, ווי זאָגט איהר, מפטיר... נו־נו, איך האָב עס געהאַט אַ לויפעניש! דער רוח האָט מיך געטראָגען!... חאָטש, אַז מע וויל צוריק, וואָס, אייגענטליך, האָב איך געהאַט מורא צו האָבען, אַז סך־הכּל בין איך דאָך גאָר אַ יונגערמאַן אַ סוחר, מיט אַ שטיקעל נאָמען, און אַ שענער פאַרדיענער, און אַ קערבעל איז בלאָטע, אי טאָמאו פּאַדאָבנע?... איך אין אַזעלכע עסקים מייש מיך נישט! ווי זאָגט איהר: „ניע יעווישי טשעסנאָקו — אַז מען עסט ניט קיין קנאָבעל, הייסט עס..." נאָר וואָס דען? איך האָב עס פיינט! איהר פאַרשטעהט? איך האָב עס פיינט — און שוין!... איך האָב מיר פאַרשאָלטען, זאָג איך אייך, דאָס געביין. נאַ דיר אַ רעסטאָראַציע! נאַ דיר אַ מיידעל! נאַ דיר אַ יוסף!... איך וואָלט שוין אַליין געוואָלט זי פאַרגעסען, און אַ סוף. איז אָבער, ווי אויף צו־להכעיס, קריכט זי מיר ניט אַרויס פון קאָפּ! נאָך עד היום שטעהט זי מיר פאַר די אויגען מיט'ן ווייסען פאַרטוכעל, וואָס שעמערירט, מיט די שענע קאַרשען־אויגען, וואָס קוויקען, מיט'ן קליינעם ליפּעל, וואָס קוקט אַרויף, מיט די חן־גריבעלעך, וואָס בעטען זיך: נאַ, קוש מיך, און מיט'ן געלעכ־טערעל, וואָס צעגעהט זיך אין איטליכס אבר... און אָפּטמאָל מאַכט זיך ביינאַכט, אַז איך האַלט אין רעכטען שלאָף, הער איך איהר קול: „יו־סף! יו־סף!"... חאַפּ איך מיך אויף אין אַ קאַלטען שוויים. וואָרום קוים דערמאַן איך מיך אָן איהר, אַזוי קומט מיר באַלד אויף די געדאַנקען ער...

חאַנע

נעשריבען אין יאָהר 1905.

חאַבנע

געווען איז דאָס אין אדעס. זענען מיר געזעסען אין א מסיבה א גאַנצע חברה ליטעראַטען, שרייבערס הייסט דאָס, וואָס שרייבען, און לעזער, וואָס לייענען, און גלאַט יונגעלייט, און סטודענטען א פּאָר, און א מיידעל איז געווען, וואָס איז געקומען שטודירען, א גאַניז היבשע מיידעל, א געזונטע, מיט רויטע באַקען, און גלאַט אידען מן הצד, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זענען צו אונזער חברה ניט שייך, נאָר זיי זעהען אידען רעדען, הערט מען זיך איין, רוקט מען זיך צו אַלע מאָל נעהענטער, אזוי לאַנג, ביז עס ווערט איין קאָמפּאַניע און מע פאַרבייט זיך מיט די גלעזער אויפ'ן טיש און מיט די פּיס אונטער'ן טיש — חברים כל ישראל... געווען איז, אייגענטליך, ניט שבת, נאָר א וואָכעדיגער טאָג, און גערעדט האָבען מיר, אייגענטליך, ניט פון שבת, נאָר פון גאָר אנדערע זאַכען; אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָבען מיר גערעדט און געשפּאַרט זיך איבער ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, אחד־העמיזם, קלויזנעריזם, און גאָר ניט אין זינען געהאַט בשעת מעשה ניט קיין געלט, ניט קיין שבת, ניט קיין שטעדטעל, וואָס הייסט חאַבנע, אפילו ניט מזכיר געווען און אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען. פּלוצים, איך וויים ניט, ווי אזוי און וואו אַרום, עס הויבט זיך אויף א יונגערמאַן א געלער מיט ווייסע ברעמען, איינער פון די יונגעלייט וואָס „מן הצד", און טהוט א מאַך מיט דער האַנט און הויבט־אָן בזה הלשון:

זאָלט עסען באַזונדער, ניט מיט'ן בעל־הבית בּיי איין טיש, ניט מאַכען הויך קיין קידוש, ניט זינגען מיט אַלעמען קיין זמירות? זעהט איזהר, ווען איהר זאָלט זיין, להבדיל, אַ פּריץ, דעמאָלט איז עפּיס אַנדעריש. דעמאָלט קריגט איהר אַלסדינג צו זיך אין חדר אריין: עסען, און טרינקען, און אַ פּאַפּיראָס, און אפילו אַ סאַמאָ־וואַר, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אום שבת. פון וואַנען נעמט זיך עס, ווילט איהר וויסען? ע, דאָס זאָלט איהר ניט פרעגען. וואָרום אַז איהר וועט אָנהויבען פרעגען קשיות למאי — למאי דאָס, למאי יענעס, וועט זיין אַ מעשה אָהן איין עק. בקיצור, זענט איהר געקומען קיין חאַבּנע, מוזט איהר זיין אַ חאַבּנער.

האָט זיך אָבער געטראָפען מיט מיר אַ מעשה: איך בּין געפאָהרען צו אַ פּריץ ניט ווייט פון חאַבּנע און האָבּ געפיהרט מיט זיך געלט, שענע עטליכע טויזענטער; עס האָט מיר צעשפּאַרט די בּוזעם־קעשענעס. דער, וואָס האָט ניט געוואוסט, האָט, דאַכט מיר, אויך באַדאַרפט זעהען, אַז איך פיהר מיט זיך געלט, וואָרום אַ מענטש, אַז ער פיהרט געלט, האָט ער גאָר איין אַנדער פּנים: ער געהט גאָר אַנדערש, ער שטעהט אַנדערש, ער רעדט אַנדערש. געלט, פאַרשטעהט איהר מיך, האָט אין זיך אַ כּח — עס איז געלט!... הכּלל, וואָס טהוט מען מיט'ן געלט? ערשטענס — שבת. חאַבּנע איז ניט אַדעס. ווי אַזוי וועל איך מיך אַרומטראָגען שבת מיט געלט? והשנית, מוז איך אייך דעם אמת זאָגען, אַז איך האָבּ טאַקי אַ ביסעל מורא געהאַט צו נעכטיגען אויף דער אַכסניה מיט, קיין עין־הרע, אַזאַ מטבע. ניט, חלילה, איך האָבּ מורא געהאַט פאַר'ן בעל־אַכסניה. דער בעל־אַכסניה איז געווען אַ איד אַ פרומער דוקא, און אַ כּשר'ער, מיט זעהר אַ שענער קאַפּאָטע, מיט אַ גאַרטעל. אויך ניט פאַר קיין גזלנים האָבּ איך מורא געהאַט: חאַבּנע האָט ניט, חלילה, קיין שם פון אַ שטאָדט פון גזלנים אָדער חאַפּערס. מע האָט ניט געהערט נאָך אויף דער וועלט, אַז אין חאַבּנע זאָלען פאָרקומען רציחות אָדער גזילות. אַי, טאָמער איז דאָרט געווען אַמאָל אַ שטיקעל פּאָגראָם, איז דאָך עס

— שאַ, וואָס טויג אייך דאָס? אַלאַ־מאַי, אָט וועל איך אייך דערצעהלען אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך גע־טראָפען אין חאַבנע! חאַבנע איז אַ שטעדטעל, אַ שטעדטעל אַזעלכעס פאַרהאַן, וואָס הייסט חאַבנע. האָט דאָס שטעדטעל חאַבנע אַלסדינג, וואָס אַ שטעדטעל באַדאַרף צו האָבען: אַ פּאָסט, מיט אַ ראַבינער, מיט אַ טייך, מיט אַ רב, מיט אַ טעלעגראַף, מיט אַ בית־עולם, מיט אַ פּריסטאַוו, מיט אַ תּלמוד־תּורה, מיט חסידים, מיט בתּי־מדרשים צוויי, מיט קבצנים זעהר אַ סך און מיט נגידים זעהר ווינציג, ווי געוויינטליך אונזערע קליינע שטעדטלעך. האָט מיך דער גוטער יאָהר פאַרטראָגען אין דעם שטעדטעל איינמאָל אויף אַ שבת. איהר מעגט דאָס האָרכען, עס איז אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע, זי קאָן אייך צוניץ קומען. דאָס ווייסט איהר דאָך מן הסתם גאַנץ גוט, אַז אין אַ קליינשטעדטעל, אַז איהר קומט צו פאָהרען אויף שבת, מוזט איהר ווערען קליינשטעדטעלדיג, עס וועט אייך גאָרנישט העלפען. פון פאָהרען ווייטער — דאָס פאַרגעסט. חאַבנע איז ניט אדעס. זיינט חאַבנע איז חאַבנע, האָט דאָרט נאָך קיינמאָל קיין איד ניט מחלל שבת געווען. און אַז איהר בלייבט אויף שבת אַ חאַבנער, מוזט איהר קודם־כּל געהן אין מרחץ אַריין. וואָס דען וועט איהר טהון? איהר וועט זיך אָוועקזעצען שרייבען ספרים? און, להבדיל, אין שוהל אַריין — שמועסט מען דאָך ניט. איך האָב געוואָלט זעהען, אדרבה, איהר זאָלט קומען צו פאָהרען קיין חאַבנע אויף שבת און ניט געהן אין שוהל אַריין. איהר מיינט, מע וועט אייך, חלילה, עפּיס טהון שלעכטס? הס מלהזכיר! מע וועט אייך גאָרניט טהון; מע וועט אייך נאָר אָנקוקען; גאַנץ חאַבנע וועט זיך קומען צונויף אָנקוקען דעם אידען, וואָס איז געקומען קיין חאַבנע אויף שבת און וויל ניט געהן אין שוהל אַריין. און וואָס פאַר אַ פּנים וועט איהר האָבען ביי'ם בעל־הבית? וואָס פאַר אַ טעם וועט האָבען דאָס עסען, וואָס מע וועט אייך געבען באַזונדער? און ווער ווייסט, צי מע וועט אייך גאָר געבען עסען באַזונדער? וואָס זענט איהר, אַ פּריץ, וואָס איהר

זיך אויסשטעלען, פאַרשטעהט איהר מיך, מיט אַ נדבה, מיט אַ גמילות־חסד, מיט אַ טובה'לע; ער זאָגט ניט אָפּ קײנעם — װער עס זאָל ניט קומען צו איהם; געװײנטליך, צוליעב כּבוד, האָט ליעב כּבוד, אַ נגיד האָט ליעב כּבוד; חאָטש אַזוי בּיי זיך איז ער כּלומרשט איין עניו, אַ פּראָסטער בּיי זיך, האָט פײנט כּבוד; און מע קאָן זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ גאַנץ עהרליכער, דאָס הייסט, ניט קיין גרויסער צדיק, נאָר ער װעט ניט טהון װאָס מע טאָר ניט בּפרהסיה, אַזוי אַז אַלע זאָלען זעהען; אפשר בּיי זיך דאָרט, הייסט עס, אַז קיינער זעהט ניט, װייסט מען ניט; װער איז דאָס מחויב ערב זיין פאַר יענעם? נאָר אין לשון אָרענטליכקייט איז דאָך ניט שייך, קיין דאַנק קומט איהם ניט, װאָרום אויבּ אַזאַ מענטש זאָל שוין ניט זיין אָרענטליך, טאָ װער זשע דען?...

הכּלל, איך האָבּ פון די רעד געקאָנט אַרויסזעהן, אַז דעם דאָזיגען פאַרשוין מעג איך מיין פּותּיקאַ געטרויען. און איך האָבּ מיך אװעקגעלאָזט צו איהם בּאַצייטענס, ערב שבּת פאַר'ן מרח'ז, געטראָפען איהם אין דער היים איבּער אַ ספר. זעהר אַ פיינער מענטש, זיצט שען, נגיד'יש, גרויסאַרטיג, און רוהיג, װי געװײנטליך אַ גביר אין אַ קליינשטעדטעל. אַריינגעקומען, געבּ איך איהם אָפּ שלום, דערצעהל איהם די גאַנצע מעשה, אַזוי און אַזוי: איך פאָהר דאָ צו אַזאַ און אַזאַ פריין, פיהר מיט זיך געלט, מוז דאָ בּלייבּען שבּת האַלטען, האָבּ איך מורא, אַ קשיא אויף אַ מעשה, חאַבנע איז טאַקי אַ שטאָדט ניט פון קיין גזלנים און ניט פון קיין חאַפּערס, און מיין בּעל־אכסניה איז טאַקי אַ שענער איד מיט אַ שענער קאַפּאָטע און מיט אַ גאַרטעל, נאָר װאָס דען? קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מיינס!... ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכעל: „װאָס זשע װילט איהר, יונגערמאַן?" זאָג איך איהם, אַז איך האָבּ איהם געװאָלט בּעטען, אפשר איז מעגליך, ער זאָל בּיי מיר דאָס בּיסעל געלט צונעמען און בּאַהאַלטען דאָס בּיז איבּער שבּת בּיי זיך אין שאַפע; ער האָט איין אייזערנע שאַפע, װעל איך קאָנען זיין רוהיג. דאָס הייסט, איך בּין חלילה קיינעם

נאָר בשעת פּאָגראָם, און וואו איז היינט ניט פאַרהאַן קיין פּאָגראָ־ מען?... איך זאָג אייך בהן שלי, איהר קאָנט געהן אין חאַבנע אין מיטען האַלבע נאַכט איינער אַליין — אויף מיין אחריות, עס וועט אייך גאָרניט געשעהן. אם כּן, וואָס זשע האָב איך געהאַט מורא צו האָבען? איך האָב מורא געהאַט, פאַרשטעהט איהר מיך, נאָר פאַר איין זאך: קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מיינס... טאָמער, חלילה, אַ קשיא וואָס עס מאַכט זיך?... איך דרעה מיך אַהער, איך דרעה מיך אַהין — עס איז שלעכט. וואָס טהוט מען? איך מאַך אַ שמועס מיט מיין בעל־אַכסניה: ווער זענען דאָ אין חאַבנע פון די פאָרנעמסטע לייט, פון די נגידים? ענטפערט ער דאָך מיר מסתּמא: „צוליעב וועלכען צוועק? אפשר מכּח אַ געשעפט?" זאָל איך איהם געהן דערצעהלען, וואָס מיך קוועטשט! אמת, ער איז טאַקי אַ שענער איד מיט אַ שענער קאַפּאָטע און מיט אַ גאַרטעל, און חאַבנע איז טאַקי ניט קיין שטאָדט פון גזלנים אָדער חאַפּערס; עס איז דאָך אָבער געלט, קיין עין־ הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מיינס... בּקיצור, איך פרעג איהם דאָס, פרעגט ער מיך יענעס, איך זאָג איהם „נגיד", זאָגט ער מיר „געשעפט"; אַהין־אַהער, איך האָב ביי איהם אַרויס־ געצויגען דאָס, וואָס איך בּאַדאַרף צו האָבען: אַז חאַבנע איז אַ שטעדטעל פון לויטער קבצנים, דאָס הייסט, עס איז פאַרהאַן אין חאַבנע נגידים אויך, נאָר זעהר ווינציג. פאַרהאַן סך־הכּל איינער אַזעלכער, וואָס מע קאָן אויף איהם זאָגען, אַז ער איז אַ שטיקעל נגיד, און אפשר טאַקי אַ גאַנצער נגיד, און ניט נאָר אַ נגיד, נאָ־ אַ גביר קאָן מען זאָגען, אַ גביר עצום. זיין געלט, הייסט עס, האָט קיינער ניט געצעהלט, נאָר געלט האָט ער, און אפשר טאַקי אַ סך געלט. היינט האָט ער הייזער אייגענע, מיט קלייטען אַ גאַנצען מאַרק, מיט אַ שטיקעל וועלדעל, טאַקי אַ וואַלד קאָן מען זאָגען, צוויי וועלדער. און דערצו איז ער נאָך נישקשה פון אַ מענטשעל אויך, דאָס הייסט, ניט קיין שלעכטער בּטבע, מע קאָן זאָגען אַ גוטער, מיט אַ גוט האַרץ און מיט אַ ברייטער האַנט; האָט ליעב

די שענסטע בעלי־בתּים ? איז אָבער אוממעגליך ביי איהם ארויס־צוציהען א וואָרט ; ער וויל נאָר וויסען איין זאך : צוליעב וואָס באדארף איך דאָס וויסען ? אויב, זאָגט ער, צוליעב א שידוך, איז איין אנדער זאך, און אויב צוליעב קרעדיט, איז שוין ווידער עפּיס אנדערש, און אויב אפילו, זאָגט ער, גלאט אזוי, באדארף ער, זאָגט ער, אויך וויסען, וואָס ליגט דאָ פאר א טעם...

אהין־אהער, ער האָט זיך מיר אויסגעקוועטשט, אז פיין זענען, אייגענטליך, אלע האבנער בעלי־בתּים. דאָס הייסט, אז מע וויל, זאָגט ער, צוריק, מעג זיי דאָס צוקומען, וואָס זיי געהער־אָפּ צו פיינקייט, וואָרום וואָס איז שייך פיין ? פיין קאָן מען, זאָגט ער, אָנרופען איטליכען באזונדער, און אז מע וויל, זאָגט ער, איז קיין פיין גאָר נישט פארהאן אין ערגיץ. עס ווענדט זיך, זאָגט ער, אין דעם, וואָס פאר א פיינקייט מע זוכט ביי יענעם : צי געלט, צי יחוס, צי תּורה, צי דרך־ארץ, צי אפשר אלע זאכען אינאיינעם ? נאָר אזוי ווי אלץ אינאיינעם, זאָגט ער, איז ניטאָ ביי קיינעם, לכן זענען, זאָגט ער, אין האבנע אלע פיין ; נאָר אויב איך וויל, זאָגט ער, עס זאָל זיין פיין שבּפיין, זענען פארהאן, זאָגט ער, נאָר צוויי פיינע מענטשען אין האבנע : רב לייזער און רב יאָסי. אויף זיי קאָן מען, זאָגט ער, זאָגען : פיין, וואָס פיין הייסט !... „ווער, זאָג איך, איז, למשל, דער רב לייזער און ווער איז דער רב יאָסי ?” זאָגט ער מיר : „וואָס איז די נפקא־מינה ? און אז איך וועל אייך שוין זאָגען, וועט איהר דען וויסען ?” זאָג איך : „וואָס איז שייך ? יעדער מענטש האָט דאָך זיין כאראקטער”. זאָגט ער : „איהר זענט א מאָדנער איד — אלסדינג דארפט איהר וויסען ! רב לייזער איז א איד, וואָס מע רופט איהם לייזער, און רב יאָסי איז א איד, וואָס מע רופט איהם יאָסי. נו, אצינד איז אייך שוין גרינגער ?”...

בקיצור, איך בין אריבערגעגאנגען צו דעם רב לייזערען, וואָס מע רופט איהם לייזער, און צו דעם רב יאָסין, וואָס מע רופט איהם

ניט חושד, חאבֿנע איז אַ שטאָדט, זאָג איך, ניט פֿון קיין גזלנים און ניט פֿון קיין חאַפּערס; קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פּרעמדס, ניט מיינס... הערט ער מיך אויס און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעל: „יונגערמאַן, איהר קענט מיך ניט, און ווייסט מיך ניט, ווי אַזוי פֿאַרטרויט איהר מיר דאָס אַזאַ סומע געלט?“ זאָג איך צו איהם: „אַ גוטער נאָמען לאָזט זיך הערען, און מסתמא וועט איהר מיר דאָך, זאָג איך, אַרויסגעבען עפּיס אַ קוויטעל; עס איז דאָך געלט, אַזאַ סומע געלט, זאָג איך, פּרעמדס, ניט מיינס“... טהוט ער אַ שמייכעל און רופט זיך אָן צו מיר, אַז קיין קוויטעל האָט ער אויף זיין לעבען ניט געגעבען קיינעם... זאָג איך איהם: „לאָז זיין אָהן אַ קוויטעל“. זאָגט ער: ער וויל ניט. זאָג איך: „וואָס זשע טהוט מען?“ זאָגט ער: „ווי איהר פֿאַרשטעהט“. זאָג איך: „אפשר עדות?“ זאָגט ער: „מהכתיתי“. זאָג איך: „וועמען זאָל איך ברענגען?“ זאָגט ער: „וועמען איהר ווילט“. זאָג איך: „געפֿינט זיך ניט ביי אייך אין שטאָדט עפּיס אַ פּאָר פיינע מענטשען?“ זאָגט ער: „ביי אונז זענען אַלע פיינע מענ־טשען“. זאָג איך: „וויבאַלד אַזוי, טהו איך אַ שפּרונג און ברענג מיט זיך אַ פּאָר בעלי־בתים“. זאָגט ער: „שפּרינגט און ברענגט וועמען איהר ווילט“... און איך זעה, אַז עס פֿאַרדריסט איהם די מעשה. פֿאַרענטפֿער איך מיך פֿאַר איהם, אַז איך וואָלט עס געוויס ניט געטהאָן; לאָמיך עס, זאָג איך, פֿאַרמאָגען, וואָס איך וואָלט איהם געטרויט; נאָר אַזוי ווי, זאָג איך, דאָס געלט איז ניט מיין געלט, עס איז פֿריהער גאָט'ס און נאָכדעם פּרעמדס, מוז איך דאָך זיין פֿאָרזיכטיג. הא? ווי זאָגט איהר? דאַרף איך זיין פֿאָר־זיכטיג?... הערט ער מיך אויס מיט אַ שמייכעלע און שווייגט. פֿאַרשטעה איך, אַז שטאַרק צופֿריעדען איז ער ניט. נאָר איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז איך לויף־אַוועק ברענגען אַ פּאָר בעלי־בתים, מוז מען לויפֿען ברענגען אַ פּאָר בעלי־בתים. און איך לאָז מיך אַוועק צוריק אויף דער אַכסניה און איך נעם זיך ווידער צו מיין בעל־הבית, ביי איהם אויסטאַפּען, ווער זענען דאָ אין חאבֿנע פֿון

דער קוואַטערין צום קוואַטער, און מיינע צוויי אידען בשעת־מעשה האָבען געהאָלפען קוקען, זיך געגלעט די בערד און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, בשעת זי קוקט אויף פּוטער... און איך האָב מיך אָפּ־געזעגענט, נאָך אַ מאָל געבעטען, מע זאָל קיין פּאַראיבּעל ניט האָבען פאַר דער טרחה, חאַבנע איז טאַקי אַ שטאָדט ניט חלילה פון גזלנים אָדער חאַפּערס, און אַ גוטען שבת, און אַ סוף.

אויסגעלעדיגט די בוזעם־קעשענע, איז מיר אַראָפּ צעהן פּוד משא, און איך בין מיר מיט אַ פרייען קאָפּ געגאַנגען אין שוהל אריין, געהערט זעהר אַ שענעם חזן, וואָס ציקעלט זיך אפילו אַ ביסעל צו־פיעל און מאַכט משונה־מאָדנע קונצען מיט'ן האלז, טערעלייקעט דעם „לכה־דודי״, ווי אַ סאָלאָוויי, לאָזט־אויס דעם „מזמור־שיר־ליום־השבת״, ווי אַ זינגער, להבדיל, אין טהעאַטער, און זאָגט דעם „כגונא״ עכט אידיש, מיט אזוי פיעל „מאָראַל״, מיט אזא מין מתיקות, אַז עס גלוסט זיך הערען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אזא חזן, ווי אין חאַבנע, איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אזא קידוש מיט אזעלכע זמירות, ווי אין חאַבנע, איך האָב שוין לאַנג ניט געגעסען אזעלכע געפּעפּערטע פיש מיט אזעלכע געשמאַקע לאָקשען מיט אזא צימעס־פלייש, ווי אין חאַבנע, איך בין שוין לאַנג ניט אזוי געשלאָפען געשמאַק, ווי איך בין געשלאָפען יענע נאַכט שבת, און אויך דעם גאַנצען טאָג שבת בין איך געשלאָפען, ווי אַ קיסר! אויסגעשלאָפען זיך אויף אַלע זייטען, בין איך מיר גאַנץ פיין אויפגעשטאַנען, אַרויסגעגאַנגען אַ ביסעל אויפ'ן שפּאַציער, אָנקוקען חאַבנע, חאַבנער אידען מיט חאַבנער ווייבער, חאַבנער בחורים מיט חאַבנער מייד־לעך, וואָס געהען אָנגעטהאָן און אויסגעפּוצט נאָך „דער לעצטער מאָדע״; נאָכדעם האָב איך מיר גאַנץ פיין אָפּגעגעסען דעם קאַל־טען שלש־סעודות און גאַנץ פיין אָפּגעזונגען די שענע זמירות. אוועק אין שוהל אריין דאַוונען מעריב, געקומען, אָפּגעמאַכט גאַנץ פיין הבדלה, זיך צערעכענט גאַנץ פיין מיט דער בעל־הבית'טע אויף דער אכסניה, אָפּגעריסען, געוויינטליך, פונ'ם חשבון אַ פּאָר גילדען,

יאָסי, און האָב מיך באַקענט מיט זיי, גאַנץ שענע אידען מיט שענע בערד, זיך צערעדט מיט זיי פון דעם און פון יענעם, גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מען איז אַרויף אויף דעם, וואָס איך באַדאַרף, און האָב זיי גאַנץ פּשוט דערצעהלט די גאַנצע מעשׂה, אַזוי און אַזוי, אַז פאָהרען פאָהר איך צו אַ פּריין, פיהר מיט זיך געלט, האָב איך מורא, טאָמער אַ קשיא, חאַבּנע איז טאַקי אַ שטאָדט ניט חלילה פון גזלנים אָדער חאַפּערס, נאָר עס איז דאָך עפּיס געלט, קיין עין־הרע, אַזאַ סומע, פּרעמדס, ניט מיינס... לכן בעט איך זיי, אויב זיי ווילען פאַרדיענען אַ מצוה, זאָלען זיי זיך מטריח זיין מיט מיר אויף איין מינוט צום גביר פון חאַבּנע, נישט מעהר ווי זיין דערביי, בשעת איך געב איהם איבער דאָס געלט, ער זאָל דאָס באַהאַלטען ביי זיך איבער שבת. אויס־געהערט האָבען זיי מיך, אָט דער רב לייזער, וואָס מע רופט איהם לייזער, און דער רב יאָסי, וואָס מע רופט איהם יאָסי, מיט קאָפּ, זיך געגלעט בשעת־מעשה די בערד, איבערגעפרעגט ביי מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: פון וואַנען און וואוהין און וואָס און ווען, און האָבען זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען, און מיר זענען אַלע דריי זיך דורכגעגאַנגען צום גביר פון חאַבּנע, געבעטען, ער זאָל קיין פאַראיבעל ניט האָבען, חאַבּנע איז טאַקי אַ שטאָדט ניט חלילה פון גזלנים אָדער חאַפּערס... און איך האָב גאַנץ פיין אויפגעבונדען די קעשענעס, אַרויסגענומען און איבערגעצעהלט דאָס ביסעל אָרעמקייט, רעכט איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּיער און איבערגעגעבען דאָס דעם גביר פון חאַבּנע גלייך אין די הענט אַריין, ער זאָל דאָס באַהאַלטען ביי זיך אין דער אייזערנער שאַפע ביז איבער שבת, געבעטען נאָך אַ מאָל, ער זאָל קיין פאַראיבעל נישט האָבען, וואָס איך בין איהם מטריח, חאַבּנע איז טאַקי אַ שטאָדט ניט חלילה פון גזלנים אָדער חאַפּערס, עס איז דאָך אָבער געלט, קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פּרעמדס, ניט מיינס... און דער גביר פון חאַבּנע האָט גאַנץ פיין איבערגענומען ביי מיר דאָס פּעקעל פון האַנט צו האַנט, ווי מע נעמט איבער, למשל, אַ קינד אויף אַ ברית־מילה פון

„וואָס עס וועט זיין!" — טראַכט איך מיר, און טהו מיר אָן
א כּח און געה־צו צו איהם און רוף מיך אָן, אז איך רעכען, אם ירצה
השם, היינט, באַלד טאַקי, הייסט עס, פאָהרען אין וועג אריין,
האָב איך איהם געוואָלט בעטען מכּח... המ... הויבּט ער אויף
דעם פינגער מיט'ן קאָטעס גאַנץ הויך און מאַכט צו מיר הויך,
אויף א קול:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
אי־אי־אי־אי!
אי־אי־אי־אי!

„וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע
נאַכט און א גאַנצע וואָך! — אזוי טראַכט איך מיר. — דער מענטש
האָט זיך א ביסעל פאַרליעבּט אין אליהו'ן, ס'איז איהם גאָר ניט
אָפּצורייסען!"... בּקיצור, ער האָט געזונגען און געבּאָמקעט אזוי
לאַנג, ביז ער האָט אויפגעהערט צו זינגען און צו באָמקען. „א גוטע
וואָך — מאַכט ער צו מיר — א גוטע וואָך, זיצט". און מיר זעצען
זיך אוועק גאַנץ פיין ביידע בּיי'ם טיש, און ער איז מיך מכבּד מיט
א גאַנץ פיינעם פּאַפּיראָס, שאפט, מע זאָל אריינטראָגען צוויי
גלאָז טיי, מיר א גלאָז און איהם א גלאָז, און טהוט מיך א פרעג:
„יונגערמאַן, וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס?" — „וואָס זאָל
איך, זאָג איך, זאָגען? איך פאָהר היינט אוועק, זאָג איך, טאַקי
באַלד, הייסט עס, האָב איך אייך געוואָלט, זאָג איך, בּעטען די
עטליכע גראָשענס". — „וואָס פאַר גראָשענס?" — „די עטליכע
קערבּלעך", זאָג איך. — „וואָסערע קערבּלעך?" — „דאָס געלט, זאָג
איך, דאָס געלט מיינס". — „וואָסער געלט?" — „וואָס הייסט, זאָג
איך, וואָסער געלט? איהר ווייסט ניט, וואָס איך מיין? איך
מיין, זאָג איך, דאָס געלט, וואָס כ'האָב אייך געגעבּען באַהאַלטען
ביז איבּער שבּת". — „איהר, זאָגט ער, האָט מיר געגעבּען געלט?"...

און זיך געלאָזט גאַנץ פֿיין צום גביר פֿון חאַבנע נאָך די עטליכע גראָשענס.

געקומען צום גביר פֿון חאַבנע, האָב איך איהם געטראָפֿען אין זעהר א שענעם זיידענעם חאַלאַט מיט זיידענע קאָטעסען, געהט אַרום גאַנץ פֿיין איבער׳ן זאַל, דרעהט מיט די קאָטעסען פֿון איין פֿינגער אויפ׳ן אַנדערען, באַמקעט און זינגט מיט זעהר א שענער שטימע:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
במהרה, במהרה, במהרה בימינו!...

„מילא, יענער זינגט, טראַכט איך מיר, לאָז ער זינגען; ער וועט אויפהערען צו זינגען, וועל איך איהם דערמאָלט זאָגען". מיין גביר אָבער הערט ניט אויף צו זינגען, צו באַמקען און צו דרעהען מיט די קאָטעסען פֿון איין פֿינגער אויפ׳ן אַנדערען. איך הויב אָן צו זיצען אויף הייסע קויהלען, האָפּ זיך אויף אַלע מאָל און וויל צוגעהן צו איהם און זאָגען מכּח יענער מעשה, איז אָבער אוממעגליך: ער זינגט און באַמקעט און דרעהט מיט די קאָטעסען פֿון איין פֿינגער אויפ׳ן אַנדערען, און דאָס קול געהט אַלע מאָל העכער און העכער:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
אי־אי־אי־אי!
אי־אי־אי־אי!
במהרה, במהרה, במהרה בימינו!...
אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!...

„איך ווייס ניט, מאַכט ער צו מיר, וואָס איהר רעדט". — „האָט איהר, זאָג איך, ביי מיר קיין געלט ניט גענומען?" — „איך, זאָגט ער, ביי איך? ווייזט, זאָגט ער, איהר האָט עפּיס אויף פּאַפּיער?"... דאָ איז מיר געוואָרען שלעכט; אצינד פאַרשטעה איך שוין, פאַר וואָס ער האָט געזאָגט, אז ער חתמ'עט ניט קיין קוויטלעך!... „סטייטש, זאָג איך, נו, און די עדות, וואָס זענען דערביי געוועזן?" מאַכט ער צו מיר: „עדות? וואָסערע עדות?" — „ניט געוועזן, זאָג איך, דערביי רב לייזער און רב יאָסי?" — „וואָסער לייזער, וואָסער יאָסי?" — „סטייטש, זאָג איך, גאָט איז מיט אייך, אָט, זאָג איך, טהו איך אַ שפּרונג און ברענג זיי צו פיהרען!" — „שפּרינגט, מאַכט ער צו מיר, וואוהין איהר ווילט, אבי לאָזט מיך צו־רוה; איהר זענט מיר, זאָגט ער, ניט ביי אַלע געדאַנקען, יונגערמאַן!"...

און לויפענדיג אַזוי צו מיינע עדות, פליהט מיר דורך בשעת־מעשה אַ מחשבה: אפשר בין איך טאַקי ניט ביי אַלע געדאַנקען? אפשר איז דאָס גאָר אַ דמיון? אַ חלום? אפשר בין איך גאָר ניט אין חאַבנע? איך לויף, און די געדאַנקען לויפען, דער קאָפּ ווערט מיר שיער ניט צעשפּאַלטען אויף שטיקלעך. דער רוח האָט מיך געטראָגען קיין חאַבנע אויף שבת! וועה און ווינד, וואָס וועל איך טהון, אַ קלאָג, פאַרפינסטערט בין איך געוואָרען?!...

אַהין־אַהער, איך קום צו רב לייזערען, איך קום צו רב יאָסין, דערצעהל זיי דעם אומגליק, וואָס מיר האָט געשעהן: „קומט, זאָג איך, אידען בני רחמנים, קומט גיכער, האָט רחמנות, ס'איז אַ סומע געלט, זאָג איך, פרעמדס, ניט מיינס, ראַטעוועט מיך!"... און מיר קומען צו לויפען אַלע דריי צום גביר פון חאַבנע, געהט ער אונז אַקעגען מיט אַ מאָדנע שמייכעל און מאַכט צו מיינע צוויי שענע אידען בזה הלשון: „וואָס זאָגט איהר אויף דעם שלאַק? דער יונגערמאַן האָט זיך איינגערעדט אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז; ער זאָגט, אז ער האָט מיר כמו ווי נעגעבען געלט אַ גרויסע סומע אויף צו באַהאַלטען, און ווייזט אָן אויף אייך, אז איהר זענט דערביי

און בשעת־מעשה מאכט ער אזא פנים, גלייך ווי איך וואָלט איהם געזאָגט, למשל, אז זיין נאָז איז ניט זיינע, נאָר מיינע...

איהר קאָנט פארשטעהן, ווי אזוי מיר איז געוואָרען בשעת־מעשה אויף דער נשמה: א קשיא אויף א מעשה? חאבנע איז טאקי א שטאָדט, חלילה, ניט פון קיין גזלנים, ניט פון קיין חאפּערס... נאָר צוריק האָב איך מיך מיישב געווען: אפשר טרייבט ער קאטאָוועס? הויב איך אָן צו לאכען: „חא־חא, איהר זענט א רעכטער ליז, זאָג איך, איהר קאָנט גוט די מלאכה!“ מאכט ער צו מיר אָבער ערנסט: „וואָסער מלאכה?“ — „איהר טרייבט, זאָג איך, מיט מיר קאטאָוועס“. מאכט ער צו מיר שוין צו ערנסט: „יונגערמאן, איך בין ניט אייער גלייכען און טרייב ניט מיט אייך קיין קאטאָוועס! זאָגט, וואָס ווילט איהר?“...

דאָ האָב איך שוין דערפיהלט, אז דאָס פּנים ציטערט מיר, די אויגען פינטלען, די קנעבלעך הויבען זיך אָן צו טרייסלען, אָט פאל איך אום. נאָר איך געב מיך ניט ארויס. איך נעם עס אָן אליז פאר א שפּאס און טהו איהם א זאָג: „נו, געגנוג אייך שוין צו לצ׳עווען, כלעבען, גיט מיר אָפּ מיין געלט, לאָמיך פאָהרען“. מיין גביר פון חאבנע זיצט אקעגען מיר, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין, און איהר זאָלט זאָגען, ער זאָל דאָס אפילו א ריהר טהון מיט א ברעם, א פּינטעל טהון מיט איין אויג. גאָרניט, גלייך ווי איך וואָלט עפּיס געערדט פונ׳ם וועג, חלילה, פונ׳ם זינען. „יונגערמאן, מאכט ער צו מיר גאנץ געלאסען, איהר זענט זיך טועה, איהר האָט געטראָפען ניט אהין, וואו איהר דארפט“. טהוט עס מיך שוין מסתמא א טראָג־אויף און איך רוף מיך אָן צו איהם: „אויב איהר טרייבט ניט קיין קאטאָוועס, זאָג איך, פארשטעה איך אייך ניט, וואָס דאָס איז פאר א שפּיעל? איך האָב אייך געגעבען, זאָג איך, באהאלטען געלט, קיין עין־הרע, אזא סומע געלט, דאָס געלט איז ניט מיינס, ס׳איז פרעמד געלט“... און איך פיהל, אז די צונג פּלאָנטעט זיך, אין האלז שטיקט, אינ׳ם לינקען אויהער פּייפט, עס געהט מיר אָפּ, ווי מע זאָגט, א מינוט צום חלש׳ען.

איהר אייער געלט. איך האָב אייך ניט מעהר נאָר געוואָלט ווייזען, וואָס איז חאַבנע און ווער זענען איהרע שענע אירען"...

פון דעמאָלט־אָן פאָהר איך ניט קיין חאַבנע, און אז איך פאָהר קיין חאַבנע, פיהר איך ניט מיט קיין געלט, און אז איך פיהר געלט, האַלט איך ניט שבת, און אז איך האַלט שבת... ווייס איך שוין, וואָס איך האָב צו טהון...

און דער געלער יונגערמאַן מיט די ווייסע ברעמען, אז ער האָט געענדיגט צו דערצעהלען די מעשה, האָט ער זיך אָפּגערוקט מיט'ן בענקעל א ביסעל אויף א זייט און האָט גענומען אריינקוקען אונז איטליכען באַזונדער אין די אויגען אריין, צו זעהען, וואָס פאר א רושם זיין מעשה האָט אויף אונז געמאַכט. מיר אַלע זענען גע־בליבען, ווי פארשטומט. עס איז איבערגעריסען געוואָרען אונזער שמועס, אָפּגעהאַקט געוואָרען, ווי מיט א האַק־מעסער. נאָר איינער פון אונז (איך געדענק ניט ווער; דאַכט מיר, אז איך) האָט זיך איינגעשטעלט און האָט א פרעג געטהאָן ביי'ם געלען יונגענמאַן מיט די ווייסע ברעמען:

— אַקעגען וואָס, הייסט דאָס, האָט איהר אונז דערצעהלט די דאָזיגע מעשה?

— אַקעגען וואָס? — מאַכט ער ווי פארוואונדערט. — וואָס הייסט, אַקעגען וואָס? אַקעגען גאָרניט. ס'איז גלאַט אזוי זיך א מעשה, אין דער וועלט אריין. איך האָב מיך גראָד איצט דער־מאַנט, האָב איך אייך דערצעהלט.

נעוועזען. וואָס זאָגט איהר אויף אזא מין אָנשיקעניש?"... מיינעביידע עדות, די שענע אידען מיט די שענע בערד, שטעהען און קוקען אויפ'ן גביר, אויף מיר און איינס אויפ'ס אנדערע. „וואָס שווייגט איהר? — מאַכט צו זיי דער גביר. — האָט איהר געהערט אזא מין בלבול?" — „גאָט ברוך־הוא זאָל שומר ומציל זיין!" — מאַכען מיינע צוויי עדות, די שענע אידען מיט די שענע בערד, און קוקען זיך איבער איינס מיט דאָס אנדערע. „ער זאָגט, מאַכט ווייטער צו זיי דער גביר, אז ס'איז געוועזען מי יודע וואָס פאַר א סומע געלט, תרפ"ט אלפים, און אז איהר האָט אליין געזעהען, ווי ער האָט דאָס מיר איבערגעגעבען, איך זאָל דאָס באהאַלטען ביי זיך ביז איבער שבת. ווי געפעלט דאָס אייך? איך האָב מורא, צי דער יונגערמאַן איז, חלילה, ניט געריהרט?"... — „ניט אנדעריש, אז ... ער איז, חלילה, געריהרט"... רופען זיך אָפּ מיינע ביידע עדות, קוקען אויפ'ן גביר און איינס אויפ'ס אנדערע און גלעטען זיך די שענע בערד. איך וויל עפּיס זאָגען, שרייען — קאָן איך ניט! עס האָט זיך מיר צוגעקלעפּט די צונג צום גומען, געשטעלט זיך עפּיס פּאָפּעריק אין האַלז, ווי א ביין, פינסטער געוואָרען אין די אויגען... שטיל האָבען זיך מיינע צוויי שענע אידען, רב לייזער און רב יאָסי, אַרויסגערוקט פון שטוב, עפּיס מאָדנע געקוקט אויפ'ן גביר און איינס אויפ'ס אנדערע. זייערע פּנימ'ער זענען געוועזען בלאַס, ווי די לבנה, נאָר זיי האָבען געשיינט, און די אויגען האָבען ביי זיי געלויכטען, ווי ביי מענטשען, וואָס גאָט ברוך־הוא האָט זיי צוגעשיקט אויף א פולער וואָך ניט קיין שלעכט געשעפטעל...

. . . .

הערט איהר? גאָט ווייסט, וואָס מיט מיר וואָלט געוועזען, ווען דער האַבנער גביר זאָל ניט געוועזען צוגעהן צו מיר, אַרויפלעגען מיר די האַנט אויף די פּלייצעס, עפענען די שאַפע און א זאָג טהון צו מיר: „יונגערמאַן, עסט אייך ניט אָפּ דאָס האַרץ. דאָ האָט

ס'אַ ליגען!

דיאַלאָג אין גאַליציע.

געשריבען אין יאָהר 1906.

ס׳אַ ליגען!

— איהר פאָהרט, דאַכט מיר, קיין קאָלאָמעא?

— פון וואַנען ווייסט איהר, אז קיין קאָלאָמעא?

— איך האָב געהערט, איהר האָט גערעדט מיט׳ן קאָנדוקטאָר. איהר זענט טאַקי א קאָלאָמעאר, צי איהר פאָהרט נאָר קיין קאָלאָמעא?

— טאַקי א קאָלאָמעאר. וואָס איז דען?

— גאָרניט. גלאַט אזוי, איך פרעג. עפּים א היבשע שטאָדט קאָלאָמעא?

— וואָס איז שייך א היבשע שטאָדט? א שטאָדט, ווי אַלע שטעדט אין גאַליציע. א פיין שטעדטעל, זעהר א פיין שטעדטעל!...

— איך מיין, צי ס׳איז פאַרהאַן ביי אייך עפּים פיינע מענטשען, נגידים?

— פאַרהאַן אַלערליי: פאַרהאַן נגידים, פאַרהאַן קבצנים. געוויינטליך, מעהר קבצנים ווי נגידים.

— דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז. אויף איין נגיד — קיין עין־הרע, טויזענט קבצנים. ביי אייך אין קאָלאָמעא דאַרף זיין א נגיד פינקעלשטיין?

— פאַרהאַן א נגיד פינקעלשטיין. וואָס איז? איהר קענט איהם?

— קענען קען איך איהם ניט, נאָר איך האָב געהערט. הייסט ער ניט רב שעיה?

— איהר זאָגט „מע זאָגט", האָב איך געמיינט, מי יודע וואָס מע זאָגט! דער עיקר איז דאָך, אויב דער מענטש אַליין איז אַ מענטש. דאָס הייסט, איך מיין, צי איז ער, אָט דער רבֿ שעיה פינקעלשטיין, מיין איך, עפּיס אַ פיינער, אַ לייטישער מענטש? אָט דאָס מיין איך.

— וואָס איז שייך אַ לייטישער מענטש? אַ מענטש ווי אַלע מענטשען. אַ פיינער מענטש. למאַי זאָל איך זאָגען? אַ גאַנץ פיינער מענטש! מע שמועסט אפילו ביי אונז, אַז ער איז אַ ביסעל... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס איז אַ ליגען?

— אַלסדינגג, וואָס מע זאָגט אויף איהם, איז אַ ליגען; קאָלאָמעאַ איז אַזאַ שטאָדט, וואָס מע האָט ליעב רעדען איינס אויף דאָס אַנדערע; ווייל איך ניט נאָכזאָגען, וואָרום דאָס הייסט שוין לשון־הרע.

— וויבאַלד אַז איהר ווייסט, אַז ס'אַ ליגען, איז דאָך שוין אוים לשון־הרע.

— מע זאָגט, אַז ער איז... אַ ביסעל... אַ דרעהער.

— אַ דרעהער? יעדער איד איז אַ דרעהער. אַ איד דרעהט. איהר זענט דען נישט קיין דרעהער?

— אַ דרעהער צו אַ דרעהער איז נישט גלייך. אויף איהם זאָגט מען, פאַרשטעהט איהר מיך... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס זשע, אייגענטליך, זאָגט מען אויף איהם?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז ס'אַ ליגען!

— ווייל איך וויסען דעם ליגען, וואָס מע זאָגט.

— מע זאָגט, אַז ער האָט שוין דריי מאָל געשטעלט זיך. נאָר ס'אַ ליגען! איך ווייס נאָר פון איין מאָל.

— אָט דאָס איז גאָר? וואו האָט איהר געזעהען, אַ סוחר זאָל זיך ניט שטעלען? אַ סוחר האַנדעלט אַזוי לאַנג, ביז ער פאַרהאַנדעלט זיך. אַ סוחר, אַז ער שטאַרבט־אַוועק נישט גע־

— רב שעיה. וואָס איז דען?

— גאָרנישט. גלאַט אַזוי, איך פרעג. ער איז טאַקי אַזאַ גביר, ווי מע זאָגט, אָט דער רב שעיה?

— איך ווייס? זיין געלט האָב איך נישט געצעהלט. וואָס פרעגט איהר זיך אַזוי נאָך? איהר דאַרפט דאָס וויסען אַקעגען קרעדיט?

— ניין, גלאַט אַזוי. ער האָט, זאָגט מען, אַ טאָכטער.

— ער האָט דריי טעכטער. אפשר מכּח אַ שידוך? וויפּיעל, האָט מען אייך געזאָגט, גיט ער נדן דער טאָכטער?

— דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען נדן, פאַרשטעהט איהר מיך. מע שמועסט פון דער שטוב שמועסט מען: וואָס פאַר אַ שטוב איז בּיי דעם רב שעיה פינקעלשטיין? וואָס פאַר אַ הויז הייסט דאָס?

— וואָס זאָל זיין פאַר אַ הויז? אַ הויז, ווי אַלע הייזער. אַ אידיישע שטוב, אַ פיינע שטוב, אַ חסידישע, זעהר אַ פיינע שטוב! מע זאָגט אפילו, אַז מכּח אידישקייט איז בּיי איהם די לעצטע צייט... נאָר ס'אַ ליגען!

— וואָס איז אַ ליגען?

— וואָס מע זאָל ניט זאָגען, איז אַ ליגען. קאָלאָמעאַ איז, דאַרפט איהר וויסען, אַ שטאָדט פון סאַמע ליגנערס.

— איז טאַקי מהאי טעמא כּדאי צו וויסען, וואָס זאָגט מען, למשל, אויף זיין שטוב?

— מע זאָגט, אַז ס'איז שוין נישט דאָס, וואָס אַמאָל. למשל, אַמאָל פלעגט מען דאָרטען פסח האַלטען שמורה... ער אליין פלעגט גאָר פאָהרען צוויי מאָל אין יאָהר צום רבּי'ן. און היינט... היינט איז שוין ניט דאָס...

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס דען האָט איהר געוואָלט? מע זאָל שוין אַראָפּ־וואַרפען בּאָרד און פּאות און עסען חזיר בּפרהסיה?

— דער האָט אָבער אויף זיך געהאַט, זאָגט מען, דריי פּעקלעך.

— דריי פּעקלעך? דהיינו, וואָס נאָך פאַר פּעקלעך האָט ער, זאָגט מען, געהאַט אויף זיך?

— מיט אַ מיהל האָט ער, זאָגט מען, געהאַט צו טהון... נאָר דאָס איז שוין געווים אַ ליגען!

— איז זי אָפּגעברענט געוואָרען מן הסתם, האָט מען געזאָגט אויף איהם, אז דאָס האָט ער אליין געמאַכט „בורא מאורי האש”, מחמת די מיהל איז שוין געווען איין אַלטע, האָט ער זי גוט סעקורירט, בכדי ער זאָל קאָנען שטעלען נאָכדעם אַ נייע?

— פון וואַנען ווייסט איהר, אז ס'איז אזוי געווען די מעשה?

— ווייסען ווייס איך ניט, נאָר איך בין מיר משער, אז אזוי האָט געמוזט זיין די מעשה.

— אזוי, הייסט דאָס, שמועסט מען ביי אונז אין קאָלאָמעא, נאָר ס'אַ ליגען. איך קאָן אייך געהן שווערען, אז ס'אַ ליגען!

— עס אהרט מיך ניט, ס'זאָל זיין איין אמת. וואָס נאָך האָט ער געהאַט, זאָגט איהר, פאַר אַ פּעקעל אויף זיך?

— איך זאָג? די שטאָדט זאָגט. נאָר דאָס איז שוין גלאַט אַ פריטשעפּע, אַ בלבול, אַ ריינער בלבול.

— אַ בלבול? פאַלשע מינץ?

— נאָך ערגער.

— וואָס קאָן שוין זיין ערגער?

— אַ בזיון צו דערצעהלען וואָס קאָלאָמעא קאָן אויסטראַכמען! פּוסטע מענטשען... לעדיגגעהערס... און אפשר איז דאָס געווען איין אָנגעשטעלטע זאַך, מע זאָל קאָנען צאַפּען געלט? איהר ווייסט ניט? אַ קליין שטעדטעל, און אַ נגיד האָט שונאים...

— ער האָט געהאַט צו טהון אודאי מיט אַ דיענסט?...

— פון וואַנען ווייסט איהר? מע האָט אייך שוין דערצעהלט?

שטעלטערהייט, איז אַ סימן, אַז ער איז געשטאָרבן פאַר דער צייט. וואָס? ניט אַזוי?

— אַליץ הייסט ביי אייך געשטעלט? אויף איהם זאָגט מען, אַז ער האָט זיך מיאוס אָוועקגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט די ממתּקים און אַרויסגעשטעלט דער וועלט אַ פייג. איהר פאַרשטעהט?

— נישט קיין נאַרישער מענטש, אַפּנים. נו, און אויסער דעם גאָרניט?

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט? ער זאָל קוילען מענ־טשען? באַגעהן קרימינאַל? מע דערצעהלט אַפילו ביי אונז אויף איהם יאָ עפּיס זעהר ניט קיין שענע מעשה... נאָר ס'אַ ליגען!

— דהיינו, וואָס פאַר אַ מעשה?

— אַ מעשה מיט אַ פּריץ... אַ נעכטיגער טאָג!

— וואָס פאַר אַ מעשה מיט אַ פּריץ?...

— עפּיס אַ פּריץ דאָרטען... קוויטלעך... ווייס איך וואָס קאָלאָמעאַ קאָן אויסטראַכטען? ס'אַ ליגען! איך ווייס, אַז ס'אַ ליגען!

— אַז איהר ווייסט, אַז ס'אַ ליגען, וועט דאָך עס איהם ניט שאַדטען.

— ער האָט, זאָגט מען, געהאַנדעלט מיט אַ פּריץ, זעהר אַ רייכען פּריץ, געוועזן ביי'ם פּריץ אַ חשוב, אַ גרויסער חשוב. דערווייל איז דער פּריץ געשטאָרבען, האָט ער צוגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר קוויטלעך; איז געוואָרען אַ גוואַלד אין שטאָדט: פון וואַנען האָט זיך גענומען צו איהם קוויטלעך, אַז דער פּריץ האָט זינט ער לעבט ניט אונטערגעשריבען קיין פּאַפּיער?... קאָ־לאָמעאַ, דאַרפט איהר וויסען, איז אַ שטאָדט, וואָס גיט אַכטונג...

— נו?

— נו־נו! האָט ער געהאַט אויף זיך אַ פּעקעל...

— אָט דאָס איז גאָר? יעדער איד האָט אַ פּעקעל. איהר האָט אַמאָל געזעהען אַ אידען אָהן אַ פּעקעל?

איינע אַליין ביינאַכט איבער דער גאַס אין דער פינסטער מיט אַ יונגענמאַן, ווערט שוין אַ טאַרעראַם: וואָס האָט אַ מיידעל אַרומ־צוגעהן אין קאַלאָמעאַ ביינאַכט איינע אַליין מיט אַ פּראָוויזער?

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט? זי זאָל מיט איהם אַנט־לויפען אין מיטען יום־כפור קיין טשערנאָוויין, אַזוי ווי, מע זאָגט, די קלענערע האָט אָפּגעטהאָן אַ שפּיצעל?

— וואָס פאַר אַ שפּיצעל האָט דען אָפּגעטהאָן די קלענערע?

— נישט כדאי, גלעבען, גאָר נאָכדערצעהלען אַלע שטות'ע־רייען, וואָס געהען אַרום ביי אונז אין קאַלאָמעאַ. איך האָב פיינט נאָכדערצעהלען אַ ליגען!...

— איהר האָט שוין דערצעהלט אַזוי פיעל ליגענס, דער־צעהלט שוין דעם ליגען אויך.

— איך דערצעהל נישט מיינע ליגענס, רב איד, איך דערצעהל יענעמ'ס!... און איך פאַרשטעה גלאַט ניט, וואָס פרעגט איהר זיך אַזוי שטאַרק נאָך אויף איטליכען באַזונדער, ווי אַ פּראָ־קוראָר? איהר זענט, דאַכט מיר, אַ איד, וואָס האָט ליעב נאָר אויסטאַפּען, אויספאָרשען, אַרויסציהען ביי יענעם דאָס דם־התמצית פון די ביינער, און אַליין האָט איהר מורא אַרויסלאָזען אַ וואָרט... האָט קיין פאַראיבעל ניט, וואָס איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת, איהר זענט, שיינט מיר, אַ רוסישער איד, און די רוסישע האָבען אין זיך אַ מיאוסע טבע: זיי האָבען ליעב אַריינקריכען יענעם מיט די שטיוועל אין הארצען אריין... די רוסישע זענען, ווייזט אויס, נישט קיין קליינע פאַרעדערס... איבעריגענס, איז שוין באַלד קאַלאָמעאַ... צייט זיך נעמען צו די זאַכען... ז־יי־יי־ט זשע מוחל!

— דערצעהלט האָט מען מיר ניט, נאָר איך שטויס מיך שוין אָן. עס האָט איהם געקאָסט מסתמא א שענע פּאָר קרייצערס, אָט דער דאָזיגער בלבול?

— לאָמיר זיך ווינטשען דאָס ביידע פּאַרדיענען אַלע וואָך, איך בין אייך נישט קיין שונא, וואָס איהם האָט דאָס געקאָסט, חאָטש ער איז דרינען גאָט די נשמה שולדיג. א קליין שטעדטעל... אַ איד אַ נגיד... עס געהט איהם גוט... מע פאַרגינט איהם ניט... פשוט, מע פאַרגינט איהם ניט!...

— מעגליך. האָט ער עפּים פיינע קינדער, לייטישע? דריי טעכטער, האָט איהר, דאַכט זיך, געזאָגט?

— דריי. צוויי אויסגעגעבענע און איינע אַ מיידעל. פיינע קינדער, זעהר פיינע קינדער... אויף די עלטערע זאָגט מען אפילו, אז... נאָר ס'א ליגען!

— דהיינו, וואָס זאָגט מען אויף זיי?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז ס'אַ ליגען.

— איך ווייס, אַז ס'איז אַ ליגען. איך וויל אָבער וויסען דעם ליגען.

— אז איהר ועט ווע‍לען אויסהערען אַלע ליגענס, וואָס געהען ביי אונז אין קאָלאָמעא, וועט אייך ניט קלעקען קיין דריי טעג מיט דריי נעכט... אויף דער עלטערער זאָגט מען, אז זי געהט מיט די אייגענע האָר. קאָן איך אייך עדות זאָגען, אז ס'איז ליגען, וואָרום זי איז גאָר ניט אזוי געבילדעט, אַז זי זאָל טראָגען אייגענע האָר. און אויף דער צווייטער טאָכטער האָט מען גלאַט אויסגעטראַכט, אַז נאָך מיידעלווייז... נאָר וואָס קאָלאָמעא קאָן אויסטראַכטען! ס'אַ ליגען!

— כדאי צו הערען, וואָס מע קאָן ביי אייך אין קאָלאָמעא אויסטראַכטען?

— איך זאָג דאָך אייך, אז קאָלאָמעא איז אַ שטאָדט פון סאַמע ליגנערס, און פון באַרעדערס, און פון לאַנגע צינגער. איהר ווייסט נישט? אין אַ קליין שטעדטעל. אז אַ מיידעל שפּאַציערט

דריי אַלמנות

אַ ספור־המעשה פון איין אַלטען בחור א בעל־כעסן.

געשריבען אין יאָהר 1907.

דְרַייִ אַלְמָנוֹת

א.

אַלמנה נומער איינס

— איהר האָט א טעות, פּרייז מיינער. נישט אַלע אַלטע מוידען זענען אומגליקליך, נישט אַלע אַלטע בחורים זענען עגאָאיס־טען. אייך דאַכט זיך אויס, זיצענדיג אָט דאָ אין קאַבּינעט מיט א ציגאַר אין מויל און מיט א בּיכעל אין האַנט, אַז איהר ווייסט שוין אַלסדינגג, אַז איהר האָט שוין אריינגעדרונגען טיעף אין דער נשמה אריין, און עס איז אייך שוין פאַרענטפערט אַלע קשיות. און ווער שמועסט, אַז גאָט האָט אייך געהאָלפען, איהר האָט נאָך געפונען דאָס ריכטיגע וואָרט „פּסיכאָלאָגיע" — פּס! ווער איז צו אייך גלייך? א קלייניגקייט פּסי־כאָ־לאָ־גיע!... ווייסט איהר, וואָס איז די טייטש פּסיכאָלאָגיע? פּסיכאָלאָגיע איז פּעטרישקע. עס זעהט אויס שען, האָט א גוטען ריח, און אַז מע שיט דאָס ארויף אויף א געקעכטס, איז דאָס געשמאַק. געהט זשע אָבער קייט פּעטרישקע! איהר ווילט נישט? היינט וואָס דערצעהלט איהר מיר פּסיכאָלאָגיע? אַז איהר ווילט וויסען די אמת'ע פּסיכאָלאָגיע, זעצט מען זיך אוועק און מע הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס מע דער־צעהלט אייך, און ערשט נאָכדעם וועט איהר א ברירה האָבּען ארויס־צוזאָגען אייער מיינונג, פון וואַנען עס נעמט זיך אומגליק און וואו ליגט עגאָאיזם. אָט בּין איך איין אַלטער בחור, און איין אַלטער

איהר מיר ניט גלויבען, בין איך אויך ניט בדלות. איך דארף מיך פאַר אייך ניט אויסשטעלען. איך בין איהר געווען אזא פּאָר, אזוי ווי איהר זענט מיר אַ פּאָר. גאָרניט, גוטע פריינט, מע האָט זיך ליעב געהאַט. און וואָס איז דאָס חידוש? כ'בין נאָך געווען באַקאַנט מיט איהר מאַן. נישט נאָר באַקאַנט, נאָר באַפריינט. דאָס הייסט, איך זאָג אייך ניט, אז מיר זענען געווען פריינט. איך זאָג, אַז מיר זענען געווען באַפריינט. ס'איז גאָר צוויי זאַכען: מע קאָן זיין באַפריינט און ניט זיין קיין פריינט, און, פאַרקעהרט, מע קאָן זיין די נאָהעגטסטע פריינט און ניט זיין באַפריינט. אזוי מיין איך. אייער מיינונג פרעג איך ניט! אַלזאָ, זענען מיר מיט איהר מאַן געווען גוט באַפריינט, געשפּיעלט אַ פּרעפעראַנס, אַמאָל אַ שאַך. מע זאָגט, אַז איך בין אַ באַריהמטער שאַכמאַטיסט. איך שטעל מיך ניט אויס פאַר אייך! עס קאָן זיין, אז ס'איז דאָ גרע־סערע שפּיעלער פון מיר. איך זאָג אייך נאָר, וואָס יענער זאָגט... איז ער געווען, דער מאַן איהרער, אַ יונגערמאַן אַ געראָטענער, אַ מושלם, און דערצו טאַקי אַ קענער אויך, אַ שענער קענער. און דוקא איין אויטאָדידאַקט, פון זיך אַליין הייסט עס, אָהן גימנאַזיעס, אָהן אוניווערזיטעטען, אָהן דיפּלאָמען. נאַט אייך אַ האַרטען דרייער־פּאַר אַלע דיפּלאָמען. וואָס? איהר ווילט ניט? ווי איהר ווילט אייך. איך האָב פיינט איבערשפּאַרען יענעם! און איין עושר איז ער אויך געווען, אַ גרויסער עושר. חאָטש איך וויים ניט וועלכעס הייסט ביי אייך איין עושר? ביי אונז, אַ איד, אַז ער האָט זיך זיין שטוב מיט זיין בעל־הבתישקייט, מיט זיין פּאַטענט־נדעל אויף ארויסצופאָהרען אין שטאָדט, און נאָך גוטע געשעפטען דערצו, הייסט ער איין עושר. מיר טראַסקען ניט! מיר קנאַקען ניט! מיר פליהען ניט אין הימעל אַריין! מיר געהען פּאַוואָלי. אַלזאָ, האָט ער געהאַט געשעפטען און האָט גוט געלעבט. עס איז געווען אַ חיות אהין אריינצוגעהן! ווען איהר זאָלט ניט קומען, זענט איהר אַ ווילקאָמענער גאַסט. נישט ווי ביי אַנדערע, וואָס דעם ערשטען מאָל, אַז איהר קומט, ווייסט מען ניט, וואו מע זאָל אייך

בחור וועל איך שוין שטאַרבען. פאַר וואָס? אָ! זעהט איהר, וויבאַלד איהר פרעגט פאַר וואָס און ווילט מיך אויסהערען, איז דאָס די אמת'ע פּסיכאָלאָגיע! דער עיקר איז, איהר זאָלט מיך ניט איבערשלאָגען מיט קיין קשיות, ווי אַזוי און וואָס און ווען — איך האָב פיינט, אַז מע שלאָגט מיך איבער אין מיטען. אַ ביסעל, ווייסט איהר דאָך, בין איך אַ קאַפּריזנער פון תּמיד אָן, און די לעצטע צייט האָט זיך מיר נאָך צוגעוואָרפען נערוועז אויך... נישט חלילה משוגע, שרעקט אייך ניט! משוגע — דאָס פּאַסט פאַר אייך; איהר האָט אַ ווייב. איך טאָר נישט. איך דאַרף זיין קלאָר. איך דאַרף זיין געזונט. דאָס וועט איהר אַליין אויך צו־געבען. מיט איינעם וואָרט, קיין קשיות זאָלט איהר מיך ניט פרעגען. אַז איך וועל אייך האָבען דערצעהלט די גאַנצע מעשׂה און אייך וועט עפּיס זיין קשה, נישט גלאַטיג, דעמאָלט וועט איהר צו מיר האָבען טענות. נו? שוין? אַלזאָ, זעצט איהר זיך נאָר אַוועק אָט דאָ אויף מיין אָרט, און איך וועל מיך באַזעצען מחילה אין אייער וויעגשטוהל. איך האָב אויך ליעב, אַז ס'איז ווייך און באַקוועם, און אגב איז פאַר אייך בעסער אָט דאָ, איהר וועט ניט איינשלאָפען...

אַלזאָ, איך געה גלייך צו דער מעשׂה. איך האָב פיינט הקדמות, איבעריגע רעד. געהייסען האָט זי פאַיע, און גערופען האָט מען זי „די יונגע אַלמנה". פאַר וואָס? הויבט זיך אָן אַ מעשׂה, פאַר וואָס! וואָס פאַרשטעהט איהר ניט? מסתּמא, אַז מע האָט זי גערופען „די יונגע אַלמנה", איז דערפאַר, וואָס זי איז געוועזען אַ יונגע און איין אַלמנה. מאָהלט אייך, איך בין געוועזען יונגער פון איהר. אויף וויפיעל יונגער? וואָס מאַכט דאָס אייך אויס? איך זאָג אייך יונגער, איז יונגער. מיט איינעם וואָרט, עס האָבען זיך געפונען מענטשען, וואָס האָבען אַ צונג, און האָבען געזאָגט, באַשר איך בין אַ בחור און זי אַ יונגע אַלמנה, איהר פאַרשטעהט?... אַנדערע האָבען מיר זאָגאַר אָפּגעגעבען מזל־טוב, געוואונטשען, ס'זאָל זיין מיט גליק. איהר מעגט מיר גלויבען, און טאָמער ווילט

אַמפּערען צווישען זיך: דער האָט געזאָגט שניידען, דער האָט געזאָגט ניט שניידען! דערווייל איז דער חולה אויסגעגאַנגען. וואָס זאָלט איהר קלערען? איהר מעגט אייך איבערנעמען מיט אייערע דאָקטוירים! איך זאָל אייך אויסרעכענען אַ צעטעל, וויפיעל די לייט האָבען איבערגעפּעקעלט מענטשען אויף יענער וועלט, וואָלט איהר זיך געריסען ביי די האָר! מיינע איין אייגענע שוועסטער האָבען זיי גע'סמ'ט! וואָס מיינט איהר גע'סמ'ט? גענומען און איינגעגעבען איהר סם? איך בין דאָך ניט קיין משוגענער, איך זאָל אייך דערצעהלען אַזעלכע בבא־מעשיות! גע'סמ'ט הייסט — נישט געגעבען דאָס, וואָס מע דאַרף. זיי זאָלען איהר געווען געבען חינין צו דער צייט, וואָלט זי אפשר געלעבט... האָט קיין יסורים נישט, איך וויים וואו איך האַלט. אַלזאָ, האָבען מיר גע'פּטר'ט מיין פריינט פֿיני. מילא, וואָס זאָל איך אייך באַשרייבען דעם בראָך, וואָס דאָס איז געווען פאַר מיר? אַ ברודער, אַ טאַטע באַדאַרף אַזוי נישט באַנג טהון! אַ ווערטעלע פֿיני? אַ שטיק לעבען האָט מען ביי מיר אַוועקגענומען! הײנט דאָס רחמנות! דאָס אומגליק! דער צער פֿון דער אַלמנה! מיט אַ ברעקעל קינד אויף די הענט, אַ ראָזעטשקע, אַ גאָלד! דאָס איינציגע שטיקעל טרייסט אונזערס! ווען ניט דאָס קינד, וויים איך ניט, צי מיר וואָלטען דאָס איבערגעטראָגען, נישט זי, נישט איך! איך בין נישט קיין אידינע און נישט קיין מאַמע, איך זאָל מיך אַוועקזעצען לויבען אין טאָג אַריין אַ קינד. נאָר אַז איך זאָג אייך, אַז דאָס קינד איז געווען אַ זעלטען קינד, מעגט איהר מיר שוין גלויבען אויף נאמנות! דאָס איז געווען אַ בילד, איין אויסמיש פֿון צוויי בילד־שענע מענטשען. איך וויים ניט, ווער פֿון די צוויי איז געווען שענער: צי ער, צי זי? פֿיני איז געווען שען, פֿאַיע איז געווען רייצענד. אויגען האָט דאָס קינד גע'ירשנ'ט פֿונ'ם פאָטער; פֿיני האָט געהאַט בלויע אויגען. ליעב געהאַט האָבען מיר דאָס קינד בײדע, נאָר איך וויים ניט, ווער האָט דאָס ליעב געהאַט מעהר: זי, צי איך? איהר וועט זאָגען, ווי איז דאָס מעגליך — זי איז אַ

אוועקזועצען. דאָס אַנדערע מאָל — שוין אַ ביסעל קעלטער. דאָס דריטע מאָל נעמט מען אייך אויף אַזוי קאַלט, אַז איהר האָפּט אַ פאַרקיהלונג... איהר האָט נישט וואָס צו שמייכלען: איך מיין דערמיט, חלילה, נישט קיין באַקאַנטע... זענט איהר אַריינגעקומען אַהין, האָט מען אייך ניט אוועקגעלאָזט אָהן עסען און טרינקען, און באַגאַנגען האָט מען זיך מיט אייך, ווי מיט איין אייגענעם. וואָס דאַרפט איהר אַ סך? איהר זאָלט מיר הונדערט מאָל מוחל זיין — אַ קנעפּעל, אַז עס האָט זיך אָפּגעריסען ביי דער זשילעט, האָט דאָס געמוזט ווערען צוגענעהט אין דער מינוט! איהר לאַכט? ביי אייך איז דאָס אַ געלעכטער. אַ קנעפּעל? וואָס איז אַ קנעפּעל? אַ קנעפּעל, ליעבער פריינט, ביי אַ נאַש־בּראַט, ביי אַ בחור, איז אַ גרויסע זאַך! אַ גאַנצע וועלט! איבער אַ קנעפּעל האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַ מיאוס'ע מעשה: אַ בחור איז געקומען אָנ־קוקען אַ מיידעל, האָט מען איהם אָנגעוויזען מיט אַ געלעכטער, אַז עס פעהלט איהם אַ קנעפּעל, איז ער אוועק אַהיים און האָט זיך געהאַנגען... נאָר איך שטעל מיך ניט אָפּ דערויף: איך האָב פיינט מישען איינס אין'ם אַנדערען... און געלעבט האָבען זיי צווישען זיך, מאַן און ווייב, טאַקי נאָר ווי די טייבעלעך. אָפּגעגעבען זיך איינס דאָס אַנדערע כּבוד אַ סך מעהר, ווי אַ סך היינטיגע גאָר־גאָר פון די געהויבענע. איך מיין דאָ, חלילה, נישט אָנצוגרייפען קיינעם. און טאָמער מיינט איהר אַנדערש, אהרט מיך אויך נישט. איך נעה מיר צו מיין דערצעהלונג.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, אַז פיני, פּאַיע'ס מאַן, אַזוי האָט מען איהם גערופען, קומט צו פאָהרען אַהיים, לעגט זיך אוועק אויף פינף טעג, און אויפ'ן זעכסטען — ניטאָ פיני! בע! מע! וואָס? ווי אַזוי? פרעגט נישט! אַ קאַרבונקעל האָט ער געהאַט אויפ'ן האַלז, האָט מען איהם באַדאַרפט שניידען און מע האָט איהם ניט געשניטען. פאַר וואָס? פאַר שבת! ס'איז דאָך פאַרהאַן עפּיס דאָקטוירים אויף דער וועלט! צוויי דאָקטוירים האָב איך איהם געבראַכט צו פיהרען, האָבען זיי זיך גענומען

וואַכסען. איידער מע דערלעבט צו זעהן אַ קינד זיצען, שטעהן, געהן, לויפען, רעדען! און אַז עס זיצט שוין, עס שטעהט שוין, עס געהט שוין, עס לויפט שוין, עס רעדט שוין, זענט איהר שוין פאַרטיג? עס וואָלט געפּאַסט פאַר מיר, איך זאָל מיך אוועקזעצען אויסרעכענען אייך, ווי אַ אידינע: פּאָקעלעך, מאָזעלעך, צייהנ־דעלעך און אַזוי ווייטער. איך בין ניט קיין אידינע און איך וועל אייך מיט נאַרישקייטען ניט פאַרנעמען, קיין חכמות פונ'ם קינד וועל איך אייך ניט געהן דערצעהלען. ס'איז געוואַכסען און ס'איז אויסגעוואַכסען און אויפגעבליהט — „ווי אַ צערטליכע רויז", וואָלט איך געזאָגט, ווען איך זאָל מיך וועלען אויסדריקען אינ'ם לשון פון אייערע ראָמאַניסטען, וואָס האָבען אַזאַ ידיעה אין דעם אויפבליהען פון אַ רויז, ווי אַ טערק אין רבנן־קדיש. גרויסע בריות אויף צו זיצען מיט די פיס צום פייער און באַשרייבען די נאַטור, מיט'ן גרינעם וואַלד, מיט'ן רוישענדיגען ים, מיט די זאַמדיגע בערג, מיט'ן פאַראַיאָהריגען שניי, מיט די אָפּגעשלאָגענע הושענות, מיט די נעכטיגע טעג — אָנקוקען קאָן איך זיי ניט, אָט די באַשרייבאַכ־צען זייערע, וואָס שלאָגען צו דער גאַל! איך לייען זיי גאָר ניט! אַז איך נעם אַ בוך און דערזעה, אַז די זון האָט געשיינט, די לבנה האָט געשפּאַציערט, די לופט איז געווען דופטיג, די פויגעלעך האָבען געפּישטשעט, טהו איך אַ שליידער דאָס בוך אין דער ערד אריין! איהר לאַכט? איהר זאָגט, איך בין אַ משוגענער? בין איך אַ משוגענער! וואָס קאָן זיין מעהר?...

אַלזאָ, איז זי אויסגעוואַכסען, אָט די ראָזע, און דערצויגען געוואָרען מסתמא ווי עס געהער צו זיין, ווי עס פּאַסט אין אַזאַ אינטעליגענט הויז. אַ ביסעל האָט די מוטער אליין אכטונג גע־געבען אויף איהר בילדונג, אַ ביסעל האָב איך געגעבען השגחה, און נישט קיין ביסעל, נאָר אַ סך, מע קאָן זאָגען, כמעט די גאַנצע צייט האָב איך מיך אַוועקגעגעבען צום קינד, דאָס קינד זאָל האָבען דעם בעסטען לעהרער, דאָס קינד זאָל ניט פאַרשפּעטיגען אין גימנאַזיע, דאָס קינד זאָל שפּיעלען פּיאַנאָ, דאָס קינד זאָל געהן

מוטער, איך בין א פרעמדער? עס קעהר זיך גאָר נישט אָן. איהר דאַרפט אַריינקוקען א ביסעל טיעפער: מיין צוגעבונדען־זיין צו דער שטוב, דאָס רחמנות צו דער אַלמנה און דאָס הארץ צום אומ־שולדיג יתומה׳לע, די גרעאָטענקייט פונ׳ם קינד און דאָס, וואָס אליין בין איך עלענד ווי א בוים — דאָס אַלץ, אז איהר וועט נעמען צוזאַמען, וועט זיין אָט דאָס, וואָס איהר רופט אָן פּסיכאָלאָגיע. נישט קיין פּעטרישקע, נאָר די ריינע, די אמת׳ע פּסיכאָלאָגיע. און אפשר וועט איהר זאָגען, דערפאַר, ווייל איך האָב ליעב געהאַט די מאַמע? איך לייקען נישט אָפּ, איך האָב זי זעהר ליעב געהאַט. ווייסט איהר, ווי אזוי ליעב געהאַט? טאַקי אויסגעגאַנגען נאָך איהרע טריט און טאַקי א מיתה משונה איינגענומען! נאָר זי זאָל וויסען — דאָס לא! גאַנצע נעכט ניט שלאָפען, ליגען און טראַכטען, ווי אזוי זאָגט מען איהר? אויפּשטעהן אין דער פריה, שוין פאַרטיג אויף צו געהן זאָגען איהר: „זייט וויסען, פאַיע, אזוי און אזוי; און ווייטער — ווי איהר פאַרשטעהט". געקומען צו געהן — נישטאָ קיין ווערטער! איהר וועט זאָגען, איך בין א טרוס? זאָגט, וואָס אהרט מיך, אז איהר וועט זאָגען? איהר זאָלט אָבער נעמען א ביסעל טיעפער באַטראַכטען די לאַגע: פּיני איז געווען מיינער איין אמת׳ער פריינט, איך האָב איהם ליעב געהאַט מעהר ווי א ברודער. אי, די קשיא: פאַיע? איהר האָט דאָך נאָר־וואָס געזאָגט, אז איהר געהט אויס נאָך איהר? איז דער תירוץ: אדרבה, אָט ווייל איך האָב זי ליעב, ווייל איך געה־אויס נאָך איהר, ווייל איך בין נאָך איהר די כפרה, קאָן איך נישט! נאָר איך האָב מורא, אז איהר וועט מיך נישט פאַרשטעהן. איך זאָל אייך זאָגען פּסיכאָלאָגיע, וואָלט איהר פאַרשטאַנען, און אז מע דערצעהלט אייך פונ׳ם הארצען, דאָס וואָס איז אָהן קונצען, קומט דאָס אויס ווייט. נאָר וואָס קימערט דאָס מיך? דענקט אייך, ווי איהר ווילט! זאָך טהו מיר מיינס, איך דערצעהל ווייטער. דאָס קינד איז געוואַקסען. עס רעדט זיך אזוי „געוואַקסען". א קינד וואַקסט, א בוים וואַקסט, און א רעטאַך וואַקסט אויך. ס׳איז א חילוק פון וואַקסען ביז

אין די הענט אריין. זי האָט אפילו געוואָלט, איך זאָל צושטעהן ווי א שותף, האָב איך געזאָגט: לא! איך וועל מיינע הייזער ניט פארקויפען און דעם קאָפּ זיך ניט פארדרעהען. זאָגט זי: ס'איז ניט נויטיג די הייזער צו פארקויפען; איך קאָן אזוי זיין א שותף. נו, וואָס, מיינט איהר, האָב איך דערויף געענטפערט? איך האָב געענטפערט, אז דאָס אנדערע מאָל זאָל מען מיר אזעלכעס ניט פאָרלעגען, ווארום איך ווער פאַר אַזעלכע זאכען ברוגז. ער, עליו השלום, זאָג איך, האָט ניט פארדיענט, אז איך זאָל אייך הייסען באצאָהלען פאר מיין טרחה, זאָג איך, און פאַר מיין צייט, זאָג איך, דארף איך קיין געלט נישט נעמען. איך האָב גענוג, זאָג איך, צייט, זאָג איך, וואָס איך שלאָג מיך, זאָג איך, קאָפּ אין וואנט... אזוי זאָג איך צו איהר, צו דער אַלמנה, און זי שווייגט. אראָפּגעלאָזט די אויגען — און שא! אויב איהר זענט א מבין אויף א טשאַד, באדארפט איהר פארשטעהן, וואָס איך האָב מיט די ווערטער געמיינט... אי, פאר וואָס האָב איך איהר ניט געזאָגט גלייך? איהר זאָלט קיינמאָל נישט פרעגען, פאר וואָס! מסתמא איז ניט אויסגעקומען. איך קאָן אייך נאָר פארזיכערען, אז ס'איז געווען אזוי גרינג, ווי צו פאררויכערען אָט דעם פאפיראָס. איין וואָרט ווען איך זאָג איהר — איז דאָס א שידוך. נאָר אז איך האָב גענומען אויפ'ן קאָפּ: „סטייטש, פיני!... אזעלכע גוטע פריינט, ווי מיר זענען געוועזן!"... איך ווייס, וואָס איהר ווילט זאָגען. איהר ווילט זאָגען, אז מסתמא האָט דאָס צווישען אונז ניט אזוי מסוכן געברענט, ס'זאָל זיין אי־אי־אי. האָט איהר א גרויסען טעות. אז איך בין געוועזן נאָך איהר די כפרה — האָב איך אייך שוין געזאָגט, און אז זי נאָך מיר — דארף איך אייך ניט דערצעהלען קיין מעשיות, ווארום איהר וועט מיינען, אז... נאָר וואָס געהט מיך אָן, וואָס איהר וועט מיינען? איהר הייסט בעסער דערווייל געבען טיי, ווארום ס'איז מיר שוין טרוקען אין האלז.

אַלזאָ, ליעבער פריינד מיינער, ביי וואָס האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט. געדענקט איהר? ביי די געשעפטען. נו, געשעפטען!

טאַנצען — אומעטום בין געווען איך, איך אַליין. ווער דען? די געשעפטען אויך! אַז ניט, וואָלט מען איהר צעטראָגען די ביינער! מע האָט זי אַזוי אויך גענוג צענומען, אונזערע אידעלעך!... איך וויים, איהר זענט ברוגז, אַז מע זאָגט „אונזערע אידעלעך". ווי קאָן מען אַנדערש זאָגען, אַז ס'איז פּאָרט אַזאַ פאָלק? איהר מעגט מיך אָנרופען „אַנטיסעמיט", און ווי איהר ווילט. איך געה מיר מיט מיין גאַנג: אַזוי לאַנג קרענקען די אַנטיסעמיטען, ווי לאַנג זיי הויבען ניט אָן צו וויסען, וואָס אַ איד איז!... אויף אַ אידען פרעגט מ י ך!... איך אַליין האָב מיט זיי געהאַנדעלט ווינציג. איהר ווייסט דאָך. איך האָב מיר מיינע הייזער מיט מיינע קלייטען, וואָס טראָגען מיר אריין אַ גרויסען איינקונפט, און אַ סוף. האָב איך אויך פון דעסטוועגען צו זינגען און צו זאָגען אַלע יאָהר, אַז עס קומט צו מאַכען קאָנטראַקטען, רעמאָנ־טירען די הייזער, צונויפנעמען דירה־געלט. מאָהלט אייך, די גויים זענען אויך ניט בעסער. אַזאַ יאָהר אויף זיי! אָבער פון אַ אידען האָט מען געקאָנט דערוואַרטען, ער זאָל שטעהן חאָטש אַ ביסעלע העכער; פּאָרט, ווי זאָגט איהר, אתה בחרתנו!... איהר מיינט, אַז איהר מיט אייער „אתה בחרתנו", וואָס אַיהר זינגט איהם איין, טהוט איהר איהם אַ גרויסע טובה? עס הויבט זיך גאָר נישט אָן! וואָס? איהר קאָנט דאָס נישט ליידען? איך לאָז מיך מיט אייך נישט אריין אין קיין דיסקוסיעס. איהר זאָגט אַזוי, לאָז זיין אַזוי. יעדער מעג זיך האָבען זיין מיינונג. יענעמ'ס מיינונג קימערט מיך נישט. איך וויים מיר מיינס.

אַלזאָ, וואו האַלטען מיר? ביי „אונזערע אידעלעך". ווי־באַלד מיין פיני אַ״ז געשטאָרבען און פאַיע איז געבליבען איין אַלמנה, האָבען זיך מסתמא גענעבען אַ לאָז צו איהר שענע מענטשען, בעלי־טובות, עצה־געבערס, און מע האָט אָנגעהויבען ביי איהר צו־נעמען דאָס חדר, געוואָלט אויסמאַכען איין אויהער, ווי עס געהער צו זיין. האָב איך זיך אונטערגעחאַפּט באַצייטענס: „קינדערלעך — אַזאָס!" און איך האָב גענומען אַקאָרשט אַלע געשעפטען צו זיך

געזאָגט? הערסט דו! אָט דאָ שטעהען די אָכּסען אונטער'ן באַרג! און אָט דאָ הויבּט זיך אָן די אמת'ע פּסיכאָלאָגיע! א נייע סדרה געהט אצינד פאַר מיר. א סדרה, וואָס זי הייסט „ראָזע”!... איהר הערט נאָר צו מיט קאָפּ און פאַרלירט ניט קיין וואָרט, וואָרום דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטער ראָמאַן, פאַרשטעהט איהר מיך. דאָס איז א געשיכטע אַ לעבעדיגע, א צאַפּעלדיגע, ארויסגעריסען גלייך פון'ם האַרצען!...

איך ווייס ניט, עס ליגט עפּיס א כּח אין יעדער מוטער, אז זי זעהט, איהר קינד איז אַרויסגעוואַכּסען פון די קורצע קליידלעך, אַזוי גלוסט זיך איהר שוין זעהען איהר טעכטערעל פאַר'קנס'ט. א שטיק געזונט קומט איהר צו, אַז זי דערזעהט יונגעלייט דרעהען זיך אַרום איהר טאָכטער. יעדער בּחור איז ביי איהר א חתן. אַי, טאָמער איז דער בּחור א גאָרנישט מיט א נישט, מיט א שאַרלאַטאַן, מיט א קאָרטענשפּיעלער, מיט אַ־דער־שוואַרצער־יאָהר־ווייסט־וואָס? דאָס געהט איהר נישט אָן! מאָהלט אייך, קיין פּוסטע בּחורים מיט קיין שאַרלאַטאַנעס זענען צו אונז נישט געגאַנגען, וואָרום, ערשטענס, איז ראָזע געווען נישט פון די, וואָס קענען זיך מיט יעדען טענצער, וואָס קאָן זיך שעהן דרעהען, אויסבּויגען די האַנט, ווי אַ בּייגעל, שאַרען מיט'ן פיסעל און מאַכען א בּואי־בּשלום, א רעווערענסעל פון איין אמת'ען אָפיציער. דאָס האָט איהר אייך נומער איינס. און צווייטענס, וואו בּין איך? איך וועל דערלאָזען, אַז א פּייפער פון די פּייפערס זאָל זיך אָנריהרען, זאָל צוגעהן דריי טריט צו ראָזען? ! איך וואָלט איהם, דאַכט מיר, פריהער אַלע בּיינער איבּערגעבּראָכען! איש וואָלט איך פון איהם געמאַכט! איך בּין אַמאָל געווען מיט איהר אויף א באַל, אויף א אידישען באַל, אין קלוב, צווישען לויטער אריסטאָקראַטען, אָט די, וואָס איהר רופט אָן בּורזשואַזיע... איז צוגעגאַנגען צו אונז איינער א „פיינער יונג”, אויסגעבּויגען דעם עלענבּויגען האָט דאָס ווי א „קרענדעל”, איינ־געבּויגען דאָס קעפּעניו א בּיסעל אויף אַ זייט, און א שאַר געטהאָן מיט'ן פיסעניו, און א שמייכעל פון סאַמע האָניג האָט זיך צעגאָסען

איך וועל זיי האָבען צו געדענקען ווייל איך וועל לעבען. עקספּלאָ־אַטירט אַליין איז ווינציג; אַרומגעשטעקט מיט פעדערען! פרייהט זיך ניט! נישט מיך — זי! מיך שטעקט מען ניט ארום מיט פעדערען. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל איך לאָז מיך ניט. נאָר וואָס העלפט דאָ יאָ לאָזען זיך, ניט לאָזען זיך, אז מע האָט צו טהון מיט שווינדלערס, זשוליקעס, באַנדיטען, וואָס וועלען אייך פאַרדרעהען דעם גרעסטען? זיי האָבען זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, מע זאָל ביי אונז צונעמען דאָס ביסעל מינץ. מאָהלט אייך, נישט אזוי גיך נעמט מען צו ביי מיר געלט. זיי האָבען זיך, מאָהלט אייך, גענוג אָנגעמוטשעט, זיי האָבען ביי מיר, א רוח אין זייער זיידענ'ס טאַטען, געשפּיגען מיט בלוט, ביז זיי האָבען אויסגעמאַנטאַטשעט, אויסגעפּאָמפּעט ביי אונז — איהר ווילט ווייסען וויפיעל? וויפיעל זיי האָבען געקאָנט! א גליק, וואָס איך האָב מיך באַצייטענס ארומגעקוקט און האָב געזאָגט צו מיין אַלמנה: גענוג! עד כּאן אומרים בשבת הגדול! אָפּגעשניטען, ווי ווייט איך האָב געקאָנט, און ערשט ביי'ם אָפּשניידען, האָט מען איהר אָפּגעשניטען דעם קאָפּ, אָבער אזוי ווי עס געהער צו זיין. אי, ווי אזוי האָב איך דערלאָזט, וועט איהר פרעגען? איך וואָלט א בעלן זיין זעהען, ווי אזוי וואָלט זיך אזא חכם, ווי איהר, אויסגעדרעהט פון אזעלכע באַנדיטען! און אפשר וואָלט איהר עס געמאַכט בעסער. עס קאָן זיין. איך וועל מיך ניט שפּאַרען. דאָס איינציגע, וואָס מע קאָן אויף מיר זאָגען — איך בין נישט קיין סוחר. אומגליקליך בין איך! אבי ניט קיין באַנדיט! איהר מיינט, אז דאָס האָט מיך שוין גאָרנישט געקאָסט? נאָר איך דאַרף מיך פאַר אייך ניט אויספּיינען. איך וויל אייך נאָר דערצעהלען, ווי אזוי עס האָט זיך ביי מיר געקייטעלט, ווי אזוי אַלץ האָט געטריבען דערצו, אז די אַלמנה זאָל נישט פאַרבלייבען קיין אַלמנה, און איך זאָל נישט פאַרבלייבען קיין אַלטער בּחור. איין וואָרט, נישט מעהר ווי איין איינציג וואָרט, וואָלט איך באַדאַרפט זאָגען — און איך האָב עס ניט געזאָגט! פאַר וואָס איך האָב עס ניט

האָבען, אז פיש וואַכסען אויף א ווייכשעלבוים, האָט איהר אויך ביי זיי גע׳פּועל׳ט... איך, אז איך באַגעגען מיך מיט אזא מין נפש, ווילט זיך מיר זעהר אויסשמירען איהם מיט האָניג, און לאָזען די ביענען האָבען הנאה... ווי אזוי האָט געהייסען דער יונגערמאַן, ווילט איהר וויסען? למאי נפקא־מינה? לאָמיר זאָגען, אז ער האָט געהייסען שאַפּירא. איין עק! זענט איהר שוין צופריעדען? און געווען איז דאָס מענטשעל א בוכהאַלטער אין א בראָנפען־פאַבריק, און נישט נאָר א בוכהאַלטער, נאָר א גאַנצער בעל־הבית, און אז איהר ווילט, האָט ער אין געשעפט געהאַט מעהר דעה פון׳ם בעל־הבית, און א בעל־הבית, וואָס האָט ניט קיין צוטרויען צו זיינע מענטשען, איז ניט ווערטה צו זיין א בעל־הבית... איהר מעגט אייך האָבען וועגען דעם איין אַנדער מיינונג — איך פרעג אייך ניט!

אַלזאָ, איך בעט אייך, מע שטעלט מיר פאָר א יונגענמאַן, וואָס הייסט שאַפּירא, און איז א בוכהאַלטער, און א בעל־הבית, און איין עהרליך מענטשעל, און אין שאָך שפּיעלט ער אויסגעצייכענט, דאָס הייסט, ער שפּיעלט ניט ערגער פון מיר, איהר מעגט אייך קלערען, אז בעסער, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז איך שטעל מיך פאַר אייך ניט ארויס פאַר קיין שאָכשפּיעלער — היינט געהט זייט א נביא, אז דאָ פאַרקייטעלט זיך א ראָמאַן, און נאָך וואָס פאַר א ראָמאַן! א געפעהרליכער ראָמאַן! איך זאָל זיין אזא פערד און נישט ארויסזעהען דאָס באַלד פונם ערשטען אָפּצוג? שטעלט אייך פאָר, אז איך אליין מיט מיינע הענט האָב אונטערגעלעגט האָלץ אויפ׳ן פייער, געלויבט דעם יונגענמאַן אין טאָג אריין, געמאַכט פון איהם א גאַנצען צימעס! פאַרברענט זאָל ווערען דער שאָך און אָנצינדען זאָלען זיך אַלע שאָכשפּיעלער פון דער גאַנצער וועלט! איך האָב געשפּיעלט מיט איהם אין שאָך, און ער האָט געהאַט איין אַנדער זאַך אין דער מחשבה. איך האָב ביי איהם גענומען א „קעניגין", און ער האָט ביי מיר אוועקגענומען ראָזען! איך האָב איהם געגעבען א „מאַט" אין צעהן געגג, און ער האָט מיר געגעבען

ביי איהם אויפ'ן פּנים'על, און מיט אַ קוויטשעניו פון אַ מיידעלש קול'כעל האָט ער אַ זאָג געטהאָן... דער רוח ווייסט, וואָס ער האָט אַ זאָג געטהאָן. צום טאַנצען האָט ער זי איינגעלאַדען. נו־נו, האָט ער געחאַפּט פון מיר אַ טאַנץ! ער וועט מיך האָבען צו געדענקען! מיר האָבען זיך עס נאָכדעם אָנגעלאַכט פונ'ם שלים־מזל'דיגען קאַוואַ־ליער! פון דעמאָלט אָן האָבען שוין אַלע קאַוואַליערען געוואוסט, אַז מע וויל זיך באַקענען מיט ראָזען, דאַרף מען פריהער אָנקומען צו מיר, דורכגעהן אַ שטיק עקזאַמען, און ערשט נאָכדעם נעמען דעם וועג. זיי האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען „צערבער", אַ הונט, הייסט עס, וואָס ליגט ביי'ם איינטריט פון גן־עדן. בין איך בדלות! ווייסט איהר, ווער ס'איז דערפאַר געווען ברוגז? די מוטער! „איך טרייב, זאָגט זי, מענטשען פון שטוב". „וואָסערע מענטשען, זאָג איך, ס'איז הינט, זאָג איך, ניט קיין מענטשען!" איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, ביז ס'איז געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. וואָס מיינט איהר — מיר האָבען זיך צעקריעגט? אַ חכם זענט איהר טאַקי, נאָר היינטיגס מאָל האָט איהר דוקא ניט געטראָפען! איידער טרעפען, הערט בעסער, וואָס מע דערצעהלט אייך.

אַלזאָ, איך קום איינמאָל צו געהן צו מיין אַלמנה, טרעף איך אַ גאַסט, עפּיס אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג אָדער דרייסיג. פאַרהאַן אַזעלכע יונגעלייט, וואָס איהר וועט בשום אופן ניט טרעפען, וויפיעל זיי זענען אַלט. דער יונגערמאַן, למאי זאָל איך לייקענען, איז געווען אַ חנ'עוודיגער יונגערמאַן, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ מענטש מיט סימפּאַטיע, מיט אַ גוט פּנים, מיט גוטע אויגען — איהר קאָנט צו איהם נישט האָבען גאָרניט. געפעלען איז מיר דער בחור פונ'ם ערשטען קוק — ווייסט איהר פאַר וואָס? דערפאַר, ווייל איך האָב פיינט זיסע מענטשעלעך מיט צוקערדיגע פּנים'לעך, מיט האָניגדיגע שמייכעלעך. אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די נמאס'־דיגע נפשות, וואָס קוקען אייך פריינטליך אין די צייהן אריין און באָמקען אייך נאָך איטליכס וואָרט, וואָס איהר זאָגט, און זענען מיט אייך מסכים, אַז אים תמוז שיט אַ שניי, און טאָמער ווילט איהר

צו דערצעהלען. איך קאָן אײַך נאָר זאָגען, אַז איך האָב מיך באַגאַנגען מיט איהר נישט ווי אַ דזשענטעלמען, דאָס הייסט, איהר קאָנט דאָס אָנרופען גראָב, זעהר גראָב! איך האָב געהאַפּט דאָס היטעל און האָב געגעבען אַ האַק מיט דער טיר און אַרויס־געלאָפען, ווי אײַן אמת'ער משוגענער, און האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט, אַז מיין פוס זאָל איהר שוועל נישט אַריבערטרעטען וויל איך וועל לעבען!... נו, ווי מיינט איהר? איהר זענט דאָך עפּיס אַ שטיקעל חקרן. וואָס זאָגט עפּיס דערויף אײַער פּסיכאָלאָגיע? וואָס האָב איך באַדאַרפט ווייטער טהון? לויפען טרינקען זיך? צי קויפען אַ רעוואָלווער? אָדער הענגען זיך ערגיץ אויף אַ באַרענ־בוים? אַז איך האָב זיך ניט געטרונקען, ניט געשאָסען און ניט געהאַנגען — דאָס זעהט איהר, ברוך השם, אַרויס אַליין. און וואָס איז געווען ווייטער — דאָס קאָן איך באַשטעהן אָפּלעגען אויף איין אַנדעריש מאָל. דער גוטער יאָהר וועט אײַך ניט נעמען, אַז איהר וועט מיר אַ ביכעל אָפּוואַרטען. מע דאַרף געהן צו מיינע אַלמנות. זיי וואַרטען אויף מיר מיט'ן עסען.

עד כאן אלמנה נומער איינס.

א „מאַט" אין דריי געגג, וואָרום צום פּערטען גאַנג, דאָס הייסט, אַז ער איז געקומען צום פערטען מאָל, האָט מיך מיין אַלמנה אָפּגע־רופען אויף אַ זייט און מיט אַ מאָדנע פּייערעל אין די אויגען האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה טובה, אַז עס האָט זיך אָנגעקומען, און ס'איז אַ שידוך, און ראָזעטשקע איז אַ כּלה פֿאַר אָט דעם שאַפּיראָ, און זי איז אויפ'ן זיעבעטען הימעל, און מזל־טוב אייך און מיר און אונז ביידען !...

וואָס מיט מיר איז געוואָרען, אַז איך האָב דערהערט די ראָזיגע שענע בשורה, וויל איך אייך ניט דערצעהלען. איהר וועט זאָגען, אַז איך בין אַ גזלן, אַ מטורף, אַ משוגענער. זי, די אַלמנה הייסט עס, האָט אויך געזאָגט דאָס אייגענע. פריהער האָט זי געלאַכט, נאָכדעם האָט זי זיך צעשריען אויף מיר, און געענדיגט האָט זיך די געשיכטע מיט טרערען, מיט היסטעריקע, מיט אַלע גוטע זאַכען — איין אמת'ער קאָנפּליקט! עס האָט, פאַרשטעהט איהר מיך, אויס־געזעצט דער בלאָטער און ס'איז פאָרגעקומען צווישען אונז אַ האַרטער געשפּרעך, מיר האָבען זיך ניט געשאַנעוועט איינס דאָס אַנדערע, און מיר האָבען אין איין האַלבע שעה ארויסגעזאָגט ביידע אַזוי פיעל אמת, וויפיעל מיר האָבען נישט ארויסגערעדט אין אַלע צוואַנציג יאָהר פון אונזער באַקאַנטשאַפט! איך האָב איהר גאַנץ אָפען דערקלערט, אַז זי איז מיין מלאך־המות, אַז זי האָט מיך געקוילעט אָהן אַ מעסער, אַז זי האָט צוגענומען ביי מיר מיין איינציגע טרייסט, ארויסגעריסען מיין נשמה, ראָזען, און אַוועק־געגעבען איין אַנדערען. דערויף האָט זי מיר געענטפערט, אַז אויב עמיצער פון אונז ביידען איז אַ מלאך־המות — בין איך דאָס, ניט קיין אַנדערער, און אַז אויב עמיצער פון אונז ביידען האָט ארויס־געריסען ביי יענעם די נשמה — האָב איך דאָס געטהאָן מיט איהר נשמה, און נישט מיט אַ מאָל, נאָר פּאַוואָלינקע, אין פאַרלויף פון מעהר אַלס אכטצעהן יאָהר !... וואָס דאָס האָט באַדייט — דאַרף איך אייך נישט דערקלערען; דאָס פאַרשטעהט אפילו אַ נאַר אויך. און וואָס איך האָב איהר דערויף געזאָגט, בין איך אייך נישט מחויב

פּאַיע איז געבליבן אַ יונגע אַלמנה. איך בין געווען ביי איהר אַ בן־בית, אַ פריינט, אַ סעקרעטאַר און אַ ברודער, און בין געווען נאָך איהר די כּפּרה. נאָר זאָגען איהר האָב איך נישט געהאַט קיין מוטה. און אַזוי זענען אַוועק אַלע בעסטע יאָהרען. די טאָכטער איז אויסגעוואַכסען, די רויז האָט אויפגעבליהט, און איך האָב מיך פאַרלאָרען, איינגאַנצען פאַרלאָרען! האָט דער גוטער יאָהר אָנ־געטראָגען אַ בחור'על, אַ בוכהאַלטער שאַפּירא, וואָס שפּיעלט ניט שלעכט אין שאָך, און די ראָזע האָט זיך אין איהם פאַרקאָכט. האָב איך אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער הארץ צו דער מוטער, זיך צעקריעגט, געגעבען אַ זעץ מיט דער טיר און געשוואָרען, אַז מיין פוס זאָל דאָרט ניט זיין וויל איך וועל לעבען! — נו, זענט איהר צופריעדען?

אַצינד פאַרשטעה איך, אַז איהר זענט נייגיעריג צו וויסען נאָר איין זאַך: אויב איך האָב געהאַלטען וואָרט, אָדער ניט? נו, איהר זענט דאָך עפּיס, ווי אַזוי רופט איהר דאָס, אַ פּסיכאָלאָג? אדרבה, זאָגט איהר, צי האָב איך באַדאַרפט האַלטען וואָרט, צי ניין? איאָ, איהר שווייגט? ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל איהר ווייסט נישט!... אָט וואָס ס'איז געווען:

די גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָדט, ווי אַ גוטער משוגענער, אויסגעמאָסטען אַ מאָל דריי אַלע גאַסען אין דער לענג און אין דער ברייט, געקומען אהיים שוין מיט'ן טאָג גלייך, איבערגעקוקט אַלע מיינע פּאַפּיערען, אַ סך צעריסען, איך האָב פיינט אַלטע פּאַפּיערען, איינגעפּאַקט די זאַכען, אַוועקגע־שריבען בריעף צו אַ פּאָר באַקאַנטע, קיין פריינט, קיין קרובים, ברוך השם, האָב איך ניט, עלענד ווי אַ בוים, איבערגעלאָזט אַ פאַר־אָרדנונג איבער מיינע הייזער און קלייטען, און אַז איך האָב אָט דאָס אַלץ אָפּגעטהאָן, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעטעל, דעם קאָפּ אין די הענט, און געטראַכט און געטראַכט, און געטראַכט און געטראַכט — ביז ס'איז געוואָרען טאָג. האָב איך מיך גאַנצ־שען איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן זיך, און בין אַוועק צו מיין אַלמנה.

ב.

אַלמנה נומער צוויי

— פאר וואָס איך האָב אייך געלאָזט אזוי לאנג ווארטען ? — דערפאר, וואָס איך האָב געוואָלט. איך, אז איך דערצעהל עפּיס א זאך, דערצעהל איך דעמאָלט, ווען מיר ווילט זיך, נישט ווען א י ה ר ווילט... און אז איהר ווילט — דאָס זעהט מען ; אויף א געשיכטע, און א שענע דערצו, איז יעדער א בעלן. וואָרום וואָס אהרט דאָס מיך, למשל, אז איך זיץ מיר נאָכ'ן עסען אויף מיין שטוהל אין מיין צימער מיט א ציגאר אין מיין מויל, און איהר רייסט זיך איין דאָס געזונט, דערצעהלענדיג ? אי, דעם דער־צעהלער קאָסט עס אפשר בלוט — וואָס געהט עס אייך אָן ? אבי מע דערצעהלט אייך א שענע מעשה ! איך מיין נישט דוקא אייך, שרעקט אייך ניט ! איהר הערט נאָר מיט קאָפּ וואָס מע דער־צעהלט אייך. און חאָטש דאָס, וואָס איך דערצעהל אייך איצט, איז א גאנץ באזונדערע זאך, וואָס קעהר זיך מיט מיין פריהעריגער מעשה נישט אָן גאָרנישט, פון דעסטוועגען וואָלט איך וועלען, איהר זאָלט געדענקען, וואָס איך האָב אייך דעמאָלט דערצעהלט, ווייל א שטיקעל שייכות האָט דאָס דאָך, און ניט קיין שטיקעל, נאָר א שטיק ! און טאָמער האָט איהר עפּיס פארגעסען, וועל איך אייך דערמאנען. איך וועל אייך אין דריי ווערטער איבער'חזר'ען די פריהעריגע געשיכטע און וועל אייך געבען א קיצור־המעשה אויף איין פוס :

איך האָב געהאט א חבר פיני, האָט ער געהאט א פרוי פּאיע, האָבען זיי געהאט א קינד ראָזע. מיין חבר איז געשטאָרבען, און

ווער איז שולדיג אין דעם, ווען ניט איך אליין? איך אליין האָב זיי אויסגעלעהרענט, סאַי די מאַמע, סאַי די טאָכטער, אז טאָמער דאַרף מען עפּיס אין שטוב, זאָל געזאָגט ווערען מיר — און עס זאָל זיך איבערקעהרען די וועלט, מוז דאָס צוגעשטעלט ווערען, און ניט שפּעטער ווי אין צוויי שעה! מע דאַרף געלט — איז צו מיר. דעם דאָקטער — צו מיר. אַ קעכין באַשטעלען — צו מיר. אַ לעהרער אויף טאַנצען — צו מיר. אַ מלבּוש, אַ שוך, אַ שניידער, אַ קצב, אַ פעדער, אַ הושענה, אַ קליאַמקע — צו מיר, צו מיר און צו מיר! איהר מיינט, איך האָב זיי ניט געזאָגט: „וואָס וועט פון אייך ווערען? אַ האַנטשירקע, אַ שמאַטע וועט פון אייך ווערען!" אַזוי טענה איך צו זיי, און זיי לאַכען. אַלסדינגג איז ביי זיי אַ געלעכטער! דאָס גאַנצע לעבען איז אַ געלעכטער. פאַרהאַן אַזעלכע מענטשען אויף דער וועלט. נישט קיין סך, נאָר ס'איז פאַרהאַן. און ווענען דאַרף עס טרעפען? — מיך! ווער דאַרף זיך ניאַנטשען מיט פרעמדע קינדער? — איך! ווער דאַרף אויס־געריסען ווערען פאַר פרעמדע צרות? — איך! ווער דאַרף טאַנצען אויף פרעמדע חתונות? — איך! ווער דאַרף וויינען אויף פרעמדע קברים? — איך! איהר וועט פרעגען: ווער הייסט מיר? ווע! איך אייך דערויף ענטפערען אָט וואָס: ווער הייסט אייך לויפען אין פייער אַריין ראַטעווען אַ פרעמד קינד? ווער הייסט אייך שפּרינגען אין וואַסער אַריין, אַז יענער טרינקט זיך? ווער הייסט אייך קרימען זיך, אַז יענעם טהוט וועה? איהר וועט מיר זאָגען, אַז איהר לויפט ניט און שפּרינגט ניט און קרימט זיך ניט? זענט איהר אַ חיה! איך בין נישט קיין חיה; איך בין אַ מענטש. איך שטעל מיך ניט אַרויס פאַר איין אידעאַליסט; איך בין אַ פשוט'ער, אַ געוועהנליכער מענטש, און נאָך איין אַלטער בחור דערצו, חאָטש אייער פּסיכאָלאָגיע זאָגט, אַז איין אַלטער בחור איז איין עגאָאיסט. און אפשר איז דאָס גופא אויך אַ מין עגאָאיזם? וואָס? איהר האָט פיינט, זאָגט איהר, חקירה? פילאָזאָפיע? איך האָב עס אויך פיינט!

אָנגעקלונגען אין דער טיר, אַריינגעקומען, געהייסען געבען קאפע, ביז מיין אַלמנה וועט אויפשטעהן. מיין אַלמנה איז אויפגעשטאַנען, מיך דערזעהען, איז זי אַ ווײַלע געבליבען שטעהן, די אויגען זײַנען ביי איהר געוועזן ווי אונטערגעשוואָלען, דאָס פּנים בלאַס. אפּנים, זי איז אויך ניט געשלאָפען די נאַכט?... דאָס ערשטע, וואָס איך האָב איהר געזאָגט, איז געוועזן די דאָזיגע דריי געצעהלטע ווערטער:

— וואָס טהוט ראָזע?

אין די ווערטער קומט אָן מסתמא ראָזע אַליין. שוין ווי דער טאָג, ליכטיג ווי די זון און גוט ווי גאָט אַליין. דערזעהען מיך, איז זי געוואָרען אַ ביסעל רויטליך, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט געטהאָן מיט'ן הענטעל איבער'ן קאָפּ, פון'ם שטערן אַרויף, ווי מע גלעט אַ קליין קינד, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגען אַריין און האָט זיך צעלאַכט. ווי אַזוי, מיינט איהר, צעלאַכט? חלילה נישט אויף צו באַלעדיגען אייך, נאָר צו פאַר־גיפטען אייך אַזוי, אַז איהר זאָלט אויך אָנהויבען לאַכען, און אַלע זאָלען לאַכען, און די וועגט זאָלען לאַכען! יאָ, מיין ליעבער פריינד־לעבען, אָט אַזאַ מין כח האָט זי אין זיך, אָט די ראָזע, נאָך עד היום! איך וועל פאַר איהר געלעכטער נאָך איצט אַוועקגעבען אַלץ, וואָס איך האָב. דער חסרון איז, וואָס איצט לאַכט זי שוין מעהר נישט; זי איז נעבאָך אויף צרות, אַז אָך און וועה איז מיר, עס לאַכט זיך ניט! גאָר איך האָב פיינט, אַז מע האַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע. איך האָב ליעב, אַז מע הויבט אָן אַ זאַך, זאָל מען געהן כסדר. אַלזאָ, איך געה כסדר.

דעם טעם פון חתונה מאַכען אַ טאָכטער ווייסט איהר? ניין? איהר ווייסט ניט? זאָלט איהר טאַקי ניט וויסען! איך האָב דעם טעם פאַרזוכט, און גוט פאַרזוכט, האָטש אפילו אַ פרעמדע טאָכטער, נאָר פאַרזוכט האָב איך דאָס. איך וועל דאָס געדענקען לאַנג־לאַנג. וואָס האָב איך געזאָלט טהון, איך בעט אייך, אַז מיין אַלמנה, פאַיע הייסט עס, איז אַזאַ מענטש, וואָס איז געוואוינט געוואָרען, מע זאָל איהר אַריינטראָגען אין שטוב אַריין פון'ם גרייטען? און

אָט אַזוי זאָג איך צו מיר אַליין און באַגעגען זיך מיט פּאַיע׳ס אויגען, און עס רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ — פאַר רחמנות צו איהר... איהר הערט? רחמנות! שוין נישט מעהר, ווי רחמנות... פריהער, געדענק איך, איז געווען איין אַנדער געפיהל ביי מיר... איצט איז פאַרבליבען בלויז רחמנות... און וויבאַלד רחמנות, איז אויף מיר אפשר אויך אַ רחמנות? און אפּשר נאָך אַ גרעסערער? און ווער איז איהר שולדיג? למאי האָט זי געשוויגען ביז אהער? וואָס שווייגט זי איצט? וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז איך איהר מעג זאָגען, און זי מיר ניט?... בושה, וועט איהר זאָגען? מנהג העולם? די וועלט פיהרט זיך אַזוי? איך לאַך פון אייער וועלט! ביי מיר איז ניטאָ קיין אונטערשייד: „ער" זאָל זאָגען פריהער, „זי" זאָל זאָגען פריהער. מענטשען זענען מענטשען! אַז זי שווייגט, שווייג איך אויך! איהר ווילט דאָס אָנרופען עקשנות? אַמביציע? משוגעת? רופט דאָס וואָס איהר ווילט! איך האָב דאָך אייך געזאָגט שוין, אַז מיר איז דאָס אַלץ איינס... נישט מעהר, איך רעד מיר אויס פאַר אייך דאָס האַרץ און מיט אייך צוזאַמען וויל איך אַנאַליזירען, אויסגעפינען, וואו איז דאָ דער וואָרעם? אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר זענען מיט פּאַיען קיינמאָל נישט געווען פאַר זיך אַליין קיין צוויי מינוט? שטענדיג איז געווען אין מיטען אַ נפש, וואָס האָט פאַרנומען אינ־גאַנצען אונזער צייט, אונזערע געדאַנקען, אונזערע געפיהלען, אונ־זערע צרות און פאַרגעניגענס — אַלץ האָט געהערט צו יענעם, ניט צו אונז. פאַר זיך אַליין אַ מינוט אַ פרייע — דאָס, פע! דער רוח זאָל דאָס וויסען! מיר ביידע זענען ווי באַשאַפען געוואָרען ספּעציעל נאָר פון יענעמ׳ס וועגען! פריהער איז געווען פּיני. נאָכדעם האָט גאָט געהאָלפען אַ ראָזעטשקע. איצט האָט אונז דער אויבערשטער צוגעשיקט אַ נייעם נחת: איין איידעמעל אויף קעסט! מאָהלט אייך, עס איז שוין געווען דאָס רעכטע איידעמעל! אַזעלכע איידעמס מעגען זיך ווינטשען אַלע אידען. איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט פון די מענטשען, וואָס ווערען אַזוי גיך

אלזאָ, דאַרף מען חתונה מאַכען מיין אַלמנה'ס טעכטערל, ראָזען, און מע דאַרף זיך פאַרשטעלען פאַר אַ מחותּן. איהר האָט איין אַנדער ברירה? און איהר דאַרפט פאַרשטעהן, לויט איהר קענט מיך שוין אַ ביסעל מיט מיין קאַפּריז, ווי איך האָב דאָס ליעב! דאָס וואָרט „מחותּן" שלאָגט מיר צו דער גאַל! רופט מיך „מענטש", רופט מיך „לאָקיי", רופט מיך „משרת", רופט מיך „קנאַקניסעל" — אַבּי ניט „מחותּן"! זי אָבער, מיין אַלמנה הייסט עס, איז דוקא צופריעדען פונ'ם נייעם נאָמען. וואָס מע האָט זי געקרווינט: „מחותּנת'טע". אז מע זאָגט איהר „מחותּנת'טע", ווערט זי ברייטער ווי לענגער. „אָט באַלד ווערט איהר אַ שוויע־גער!" — אזוי זאָג איך צו איהר. קוועלט זי, ווי אַ באָקסער: „הלואי, זאָגט זי, ווי דערלעב איך דאָס שוין!"... אַ שענע שוויע־גער! איהר זאָלט זי געווען זעהען צו דער חתונה, אונטער דער טאָכטער'ס חופּה: אַ בילד! אַ פאַרשוין! אַ יוגענד! איהר וואָלט אין לעבען נישט זאָגען, אז ס'איז אַ טאָכטער מיט אַ מוטער, נאָר אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער! איך האָב מיך, הערט איהר, פאַרקוקט אויף איהר, שטעהענדיג מיט די קינדער אונטער דער חופּה, און האָב צו מיר אַליין געזאָגט:

— שוטה וואָס דו ביזט! עלענדער שטיין וואָס דו ביזט! אַצינד איז פאַר דיר אַ מאָמענט... איין וואָרט ווען דו זאָגסט, איין קוק ווען דו טהוסט, ווערסט דו אויס עלענדער שטיין... בּויעסט דיר דיין הויז... פלאַנצסט דיר דיין וויינגאָרטען... טרעטסט אריין אין דיין גן־עדן... לעבסט דיר דיין רוהיגען לעבען, צווישען אייגענע, ליעבע און געטרייע... שלאָג דיר ארויס פון קאָפּ ראָזען... ראָזע איז ניט פאַר דיר... ראָזע פּאַסט צו דיר, ווי אַ קינד... זיי ניט גענאַרט... קוק אויף דער מוטער! זאָג איהר דאָס וואָרט, דו ווילדע חיה וואָס דו ביזט!... איהר זאָלסט דו זאָגען, ניט קיינעם! וואָס ציהסט דו די נשמה? זעהסט דו דען ניט, ווי זי קוקט אויף דיר, מיט וועלכע אויגען?...

די מחותּנים, געשענקט דעם חתן אַ קאַסטען מיט זילבער און האָבען זיך אויסגעשטעלט ברייט און מילד, ווי די אמת'ע פילאַנטראָפּען. און איך האָב טאַקי ליעב אַ פילאַנטראָפּ, און נאָך אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, אַז ער קומט מיר אויף אַ שמחה און שטעלט זיך אַרוים מיט זיין פילאַנטראָפּיע, אַז אַלע זאָלען זעהען און זאָלען וויסען, אַז ער איז אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, וואָס ווייסט, ווי צו שעצען אַ „מענטשען״!... אַי, דער „מענטש״ האָט איהם אפשר געמאַכט אַ פאַרמעגען? און ווען נישט דער „מענטש״, וואָלט ער אפשר איצטער ניט געווען קיין בעל־הבית און קיין פילאַנטראָפּ?... אייער שמייכלען, וואָס איהר שמייכעלט, איז אומזיסט! מיין ליעבער פריינד, איך שטעל מיך ניט אַרוים פאַר קיין סאָציאַליסט. נאָר אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ האָב איך פיינט! וואָס קומט מיר דערפאַר? והראיה? אָט וועט איהר הערען, וואָס אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ קאָן. דאַכט זיך מיר, אַז גאָט העלפט, מע האָט אַ געשעפט, וואָס טראָגט־אריין שענע עטליכע טויזענטער אַ יאָהר, און אַ מענטשען האָט מען אַזעלכען, וואָס מע קאָן זיך אויף איהם פאַרלאָזען, קאָן מען שלאָפען רוהיג אין דער היים, און אפילו אוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד און לעבען אַ גוטען טאָג? איז דאָך אָבער „אונזערע אידעלעך״. איך ווייס, אַז איהר האָט פיינט, נאָר איך זאָג נאָך אַ מאָל „אונזערע אידעלעך״. ס'איז זיי קאַרג די וועלט! אַ איד האָט ליעב געשעפטען, פליהען, דרעהען, קנאַקען, טראַסקען — מע זאָל זעהען! מע זאָל הערען! וואָס טויג אייך, מיין שאַפּיראָ'ס בעלי־בתּים האָבען זיך נישט באַנוגענט מיט דעם, וואָס זיי האָבען אַזאַ גאָלדען געשעפט אין אַזעלכע זיכערע הענט. זיי זענען אַריין אין וועלדער און אין פעלדער, אין „טאָרגעס״ און אין טאַקסעס, אין ווייץ און אין קלייען, און אין הייזער האָט זיך זיי פאַרגלוסט אַריינקריכען, ס'איז געוואָרען אַ היץ אויף הייזער, הייזער האָבען געברענט און זיי האָבען געברענט, ביז זיי זענען פאַרברענט געוואָרען, אַריינגעשלעפּט אונזער שאַפּיראָן מיט וועכּ־סעלעך, פאַרחאַפּט וויפיעל ס'איז געווען מזומנים און אוועק קיין

נתפּעל און וואָס האָבען אַ טבע יענעם אָפּלויבען אין טאָג אַריין. איך וועל אייך נישט דערצעהלען קיין פּוסטע דבורים, פּזמונות, איבערטריבענע קאָמפּלימענטען וכדומה. איך וועל אייך נאָר זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ענגעל“ איז אַ באַלעדיגונג פאַר דעם דאָזיגען מענטשעל. געגנוג פאַר אייך? אויב ס׳איז דאָ אַ הימעל, אויב מלאָכים שוועבען דאָרט אַרום, און אויב די מלאָכים זענען ניט ערגער פון אָט דעם שאַפּירא, זאָג איך אייך, אַז ס׳איז כּדאי צו שטאַרבען און בעסער זיין מיט זיי, אַלס מיט אַלע איבעריגע צוויי־פיסיגע חיות, וואָס דרעהען זיך דאָ אַרום אונטער גאָט׳ס הימעל און פאַרפּאַסקודיגען די ערד. איהר וועט זאָגען, איך בין אַ מיזאַנ־טראָפּ, אַ מענטשענפיינט? איהר זאָלט האָבען פון אַ מענטשען דאָס, וואָס מיר האָבען געהאַט, אייך זאָלען מענטשען טהון דאָס, וואָס מע האָט אונז געטהאָן, וואָלט איהר געווען ניט אַ מיזאַנ־טראָפּ, נאָר אַ גזלן. איהר וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ מעסער אין מיטען גאַס און איהר וואָלט געקוילעט מענטשען, אַזוי ווי שאָף!... וואָס איז ביי אייך פאַר אַ מאָדע לאָזען אַ מענטשען רעדען שטונדען־לאַנג און נישט פרעגען, צי וויל יענער אַ גלאָז וואַסער? הייסט געבען טיי!

אַלזאָ, וואו האַלטען מיר? ביי אונזער נחת, ביי אונזער איידעמעל שאַפּירא.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גאַנצער פיהרער פון אַ גוראַלניע, אַ בראָנפען־פאַבריק, און ניט נאָר דער גאַנצער פיהרער, נאָר דער גאַנצער בעל־הבית איבער׳ן גאַנצען געשעפט. אַלין איז געווען ביי איהם אין די הענט, אויף זיין נאָמען. דאָס צוטרויען, וואָס זיי האָבען געהאַט צו איהם, איז אין לשער, און ליעב געהאַט האָבען זיי איהם, ווי אַ קינד. איהר קאָנט פאַרשטעהן, אַז אויף דער חתונה זענען זיינע בעלי־בתים, צוויי שותפים, גנבים (זיי זאָלען מיר מוחל זיין, זיי זענען שוין לאַנג אויף דער אמת׳ער וועלט אין אמעריקע), געווען

איך דענק, אַז עס איז אייך ניט וויכטיג, ווי אַזוי און מיט וואָס ער האָט זיך גע׳סמ׳ט, און וואו האָט ער גענומען סם? און וואָס עפּיס סם? און וואָס האָט ער געשריבען פאַר אַ בריעף צו מיר? און וואָס האָט ער מיר געזאָגט? און ווי אַזוי האָט ער זיך געזעגענט מיט ראָזען? און מיט דער מוטער, און מיט מיר? — דאָס אַלץ איז ניט מעהר ווי סענטימענטען, וואָס די ראָמאַניסטען באַנוצען זיך מיט זיי, אום אויסצוקוועטשען ביי׳ם נאַרישען לעזער אַ טרער. איך וויל אייך נאָר זאָגען אין דריי ווערטער: ניישט זיך האָט דער מענטש גע׳סמ׳ט — ער האָט גענומען און האָט אַוועק־גע׳סמ׳ט אונז אַלעמען! דער בראָך איז געווען אַזוי גרויס, דער שמערץ איז געוועזען אַזוי טיעף, דער וועהטיג איז געווען אַזוי גרויליך, אַז ביי אונז אַלע דריי האָט זיך ניט געפונען קיין איינציגע טרער! מיר זענען פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט, פאַרשטאַרבען געוואָרען, געפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד, און וואָלטען געווען די גליק־ליכסטע פון די גליקליכסטע, ווען איינער קומט און האקט אונז אַראָפּ אַלעמען די קעפּ מיט איין מעסער!... הערט איהר, איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט — אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די אַלע, וואָס קומען אייך טרייסטען חלילה ביי איין אומגליק. זייערע צוגעגרייטע כּלומרשט־טרויעריגע פּנימ׳ער, וואָס אויף יעדען שטעהט אויפגעשריבען: „אַ דאַנק גאָט, וואָס ניט איך”... זייערע הילצערנע רעד, וואָס קלעפּען זיך ניט, זייערע פאַלשע שבחים, זייער אוועקגעהן אומגעזעגענט מיט אַ מורקע אונטער דער נאָז... וואָס דאַרפט איהר מעהר? אפילו אָט דער איוב, וואָס ס׳איז אַ מנהג, אַז יעדער גראָבער יונג זאָל אין איהם אַריינקוקען, ווי אַ האָהן אין „בני־אָדם”, איז מיר נמאס! וואָס? אפּיקורסות, זאָגט איהר? דאָס הייסט ביי אייך אפּיקורסות? נו, און נעמען אונטערשטעלען אַ פּיסעל איין אומשולדיגען מענטשען, הייסען איהם חתמ׳ענען ווערסלען און אַליין אַוועק מיט געלט קיין אַמעריקע, און דעם „מענטשען” לאָזען, ער זאָל נעמען און אַוועק׳סמ׳ען אי זיך אַליין, אי נאָך דריי אומשולדיגע נפשות — דאָס וועט ביי אייך הייסען

אמעריקע, און ס'איז א סברה, אז זיי זענען דאָרטען, ווי מע זאָגט אויף דעם אמעריקאנער לשון, „אָלל־רייט", און איהם, שאפּיראָן הייסט עס, האָבען זיי געלאָזט זיצען ביז'ן האלז אין חובות, פאר־באָדען און פאר'חתמ'עט מיט וועכסלען פון אויבען ביז אראָפּ. ס'איז געווען א גרויסער סקאנדאל, און ס'איז דערגאנגען דערצו, אז מע האָט גאָרנישט געוואָלט קוקען, צי איז ער א „מענטש", צי איז ער א בעל־הבית — ער מוז צאָהלען די וועכסלען, און אזוי ווי ער האָט ניט מיט וואָס, איז ער באנקראָט, און אזוי ווי ער קאָן ניט באווייזען, אז דער באנקראָט האָט זיך צו זיי גענומען פון איין אומגליק, ווערט דאָס אָנגערופען ביי אונז, ווי איהר ווייסט, און אפשר ווייסט איהר ניט, „זלאָסטנע באנקראָט", דאָס הייסט: איין אָנזעצער א פארך, און א פארך איין אָנזעצער זעצט מען איין אין טורמע, וואָרום א פארך האָט די וועלט פיינט! איהר קאָנט אייך זיין צעהן מאָל איין אָנזעצער, צעהן מאָל איבער'חזר'ען דעם פּסוק, און אבי איהר מאכט דאָס אָפּ קיילעכיג, מיט'ן „כּבקרת", ווי עס געהער צו זיין, שטעלט איך־ אַרויס דער וועלט מחילה א פייג, און קויפט א הויז מיט א „מפטיר", און איהר ווערט א שענער מענטש, און איהר טהוט די גרעסטע שידוכים, און איהר זאָגט דעות אין שטאָדט, און איהר טרעט אויף קעפּ, און איהר שטופּט אייך צו די גרויסע, צו די למדן־ואו גדולים, וואָס פיהרען די גאנצע שטאָדט ביי דער נאָז, און עס דאכט זיך אייך, אז איהר זענט א גרויסער, און איהר שפּריצט, און איהר בלאָזט זיך, ווי איין אינדיק, און איהר דערקענט ניט קיין מענטשען, און איהר רעדט זיך איין, אז דער רוח חאפּט אייך אָקאָרשט ניט אוועק!... האָט קיין פאראיבעל ניט, איהר פארשטעהט דאָך, אז ניט אייך מיין איך, די וואנט מיין איך... וואָס נוצט אייך? מיין בחור, מיין שאפּיראָ, האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגען דעם בזיון, און אגב האָט איהם וועה געטהאָן דאָס הארץ אויף אָרעמע אלמנות און יתומים (זיינע בעלי־בתים האָבען ניט געשאנעוועט קיינעם, זיי האָבען גענומען וואו זיי האָבען געקאָנט) — ער האָט זיך גע'סמ'ט!...

אין אײַך אויך... וואָס? איהר ווילט מיר איינרעדען, אַז איהר גלויבט יאָ? — געזונטערהייט! איך האָב צו אײַך גאָרנישט ניט; אַבי איהר אַליין זאָלט זיין איבערצייגט, אַז איהר זענט ניט קיין צבוע'ק, קיין היפּאָקריט. הערט איהר, אידען, האָב איך פיינט היפּאָקריטען, טאַקי נאָר ווי אַ איד האָט פיינט חזיר! זייט אײַך פרום, ווי צעהן טויזענט רוחות, אַבי מיט איין אמת! טאָמער זשע זענט איהר גלאַט אַ גנב, אַ פאַרמאַסקירטער „וצדקתך", זענט איהר ניט פון מיינע לייט, און איך דאַרף אײַך אויף תשעה־נייענציג כפּרות. אָט אַזאַ מענטשעל בין איך מיר!

הכלל, וואָסער אַ סדרה געהט היינט? — פייגעלע! פון דער ערשטער מינוט, וואָס די פייגעלע האָט זיך באַוויזען אויף דער וועלט, האָט אַלץ ווי אויפגעלעבט, אַלע און אַלעם האָבען געשמיי־כעלט און געפרעהט זיך. אַלע פּנים'ער האָבען געשיינט. אַלעמען'ס אויגען האָבען אָנגעהויבען צו לייכטען און גלאַנצען. אינאיינעם מיט דעם קינד זענען מיר אַלע אויפ'ס ניי געבוירען געוואָרען. איך וועל אײַך זאָגען אַ שענס: ראָזע, וואָס סע האָט זיך נישט באַוויזען אויף איהר פּנים קיין שמייכעל שוין אַזאַ צייט, האָט פּלוצים אָנ־געהויבען ווידער צו לאַכען מיט איהר פריהעריגען מאָדנע געַ־לעכטער, וואָס פאַרגיפטעט אײַך און צווינגט אײַך, אַז איהר זאָלט אויך לאַכען, חאָטש עס ווילט זיך אײַך גאָר וויינען. אָט אַזאַ מין כּח האָט באַוויזען די קליינע פייגעלע, אַז זי האָט אויפגעעפענט איהרע קליינע אויגעלעך און האָט גענומען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ פונק פון פאַרשטאַנד באַטראַכטען אונז אַלע דריי. און ווער שמועסט, אַז אויף פייגעלע'ס ליפּעלעך האָט זיך באַוויזען דאָס ערשטע שמייכעלע, זענען ביידע אַלמנות שיער ניט משוגע געוואָרען פאַר ענטוזיאַזם און התפּעלות. זיי האָבען מיך באַגעגענט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איך האָב מיך פאַר זיי דערשראָקען:

— גוואַלד, וואו זענט איהר געוועזען פריהער מיט איין מינוט? אַזוי זענען אָנגעפאַלען אויף מיר ביידע אַלמנות.

ווי אזוי ? וואָס פאַר אַ נאָמען וועט איהר דעם געבען ? נישט אַפּיקורסות ? אַיאָ, ניין ? און פון גאָט אליין וועט איהר זאָגען, אז ס׳איז ניט קיין אומרעכט ? וואָרום ווי טאָר מען רעדען אויף גאָט ? טהוט אַלע זשע אַ קוק וואָס זאָגט דערויף איוב ? אָט דער זעלבער הייליגער איוב, וואָס ס׳איז אַ מנהג, איהר זאָלט אין איהם ארייננקוקען, ווי אַ האָהן אין „בני־אָדם” ? אַיאָ, איהר שווייגט ? איך שווייג אויך, וואָרום איהר קאָנט רעדען צעזעצטערהייט, וועט אייך קיינער ניט ענטפערען ! איהר וועט איבערקייען נאָך אַ מאָל די שוין לאַנג איבערגעקייטע ווערטער : „ה׳ נתן וה׳ לקח” — און דערביי וועט איהר בלייבען... וואָס זאָגט איהר ? פילאָזאָפירען הייסט קייען שטרוי ? איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

אַלזאָ, איך קעהר מיך אום צוריק צו מיין אַלמנה... וואָס זאָג איך אַלמנה ? צו מיינע צוויי אַלמנות ! ראָזע אויך איין אַלמנה ! חאַ־חאַ־חאַ ! עס איז אַזוי טרויעריג, עס איז אַזאַ באַלעדיגונג פון דער נאַטור, אז נאָר לאַכען דאַרף מען. ראָזע איין אַלמנה ! איהר זאָלט זי געזעהן זעהען : אַ קינד פון פופצעהן יאָהר קאָן ניט אויסזעהען יונגער. ראָזע איין אַלמנה ! איין אַלמנה אליין איז נאָך גאָרניט ! ראָזע — אַ מאַמע ! אַ מוטער פון אַ קינד ! אין אַ חדשים דריי נאָך שאַפּיראָ׳ס טויט האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון אַ באַשעפעניש, און די שטוב איז געוואָרען פול מיט דעם באַשעפענישעל. פייגעלע האָבען זיי דעם אַ נאָמען געגעבען — און אין שטוב האָט געוועלטיגט נאָר איין פייגעלע, און אלץ איז געווען נאָר צוליעב דער איינער פייגעלע, און וואו איהר זענט געשטאַנען, און וואו איהר זענט געזעסען, און וואָס איהר האָט ניט געטהאָן, האָט איהר געקאָנט הערען נאָר פייגעלע און פייגעלע און ווידער פייגעלע ! אויב מע זאָל וועלען זיין אַ מאמין און גלויבען אין „השגחה פרטית”, ווי איהר רופט דאָס אָן, וואָלט איך געזאָגט אויף דער פייגעלע, אז דאָס האָט גאָט באַלוינט אונז פאַר אונזערע גרויסע ליידען און האָט אונז געשיקט אַ טרייסט. איהר ווייסט אָבער, אז איך בין אַ קנאַפּער מאמין און איך בין שטאַרק מסופק

דער גאַנצער וועלט! און וויבאַלד אַז פייגעלע איז אַזאַ חכמה, קומט דאָך איהר, מע זאָל זי אַזוי לאַנג קושען, ביז דאָס קינד הויבּט אָן צו וויינען, און איך רייס עס אַרויס בּיי זיי פון די הענט און שטיל דאָס איין, וואָרום בּיי קיינעם שווייגט ניט אַזוי דאָס קינד, ווי בּיי מיר, און מע קאָן זאָגען, אַז קיינעמ׳ס האָר האָט פייגעלע ניט אַזוי ליעב, ווי מיינע האָר, און קיינעמ׳ס נאָז ווערט ניט אַזוי געריסען פון איהרע בּרעקלעך פינגערלעך, ווי מיין נאָז, און פיהלען אויף זיך די דאָזיגע בּרעקלעך פינגערלעך איז אַ גן־עדן! עס גלוסט זיך אויסקושען טויזענט מאָל איטליכס גליעד פון די דאָזיגע קליינ־טשינקע, גלאַטינקע, ווייסינקע און ווייכינקע פינגערלעך! איהר קוקט אויף מיר און איהר טראַכט זיך: „אָט דער מענטש האָט אַ ווייבּערשע נשמה; אַניט — וואָלט ער אַזוי ניט ליעב געהאַט קיין קינדער"... אָבּער איאָ, איך האָבּ געטראָפען, וואָס איהר טראַכט? ס׳איז אַזוי די מעשה: וואָס פאַר אַ נשמה איך האָבּ — ווייס איך ניט, נאָר אַז איך האָבּ ליעב קינדער — דאָס איז אַ פאַקט! וועמען דען זאָל מען ליעב האָבּען, אַז ניט קיין קליינע קינדער? אייערע גרויסע, ווילט איהר, זאָל איך ליעב האָבּען? אָט די גלאַטע מאָרדעס מיט די געפּאַקטע בּייכלעך, וואָס זייער גאַנץ לעבּען איז אַ געשמאַקער מיטאָג מיט אַ גוטען ציגאַר מיט אַ פּרעפערענסעל? צי אָט יענע שענע מענטשען, ווילט איהר, זאָל איך ליעב האָבּען, די וואָס קהל׳ען זיך און לעבּען פון דער קהל׳שער שיסעל און שרייען און ליאַרעמען און פּויקען איבּער דער גאַנצער וועלט, אַז זייער גאַנצער מיין איז טובת הכּלל?... אָדער איהר זענט אַ בּעלן, איך זאָל ליעב האָבּען אָט די יונגע צוציקעס, וואָס ווילען מתקן זיין די וועלט, רופען מיך „בּורזשוק" און ווילען מיך צווינגען, איך זאָל פאַרקויפען מיינע הייזער און צעטיילען זיך מיט זיי לשם עקספּראָ־פּריאַציע? אָדער איהר וועט מיר אפשר הייסען, איך זאָל ליעבּ האָבּען די גראָבּע ווייבּער, די פּרות־הבּשן, וואָס זייער איינציגער אידעאַל איז פרעסען, קליידער, בּריליאַנטען, טהעאַטער און געפעלען בּרעמדע מאַנסבּילען? צי גאָר די אונטערגעשאָרענע אַלטע מוידען,

— וואָס איז דען? וואָס האָט זיך געטראָפּען? — פרעג איך אַ דערשראָקענער און באַקום פון זיי איין ענטפער:

— סטייטש, פייגעלע האָט אָט־ערשט מיט אַנדערהאַלבען מינוט פריהער אַ לאַך געטהאָן! דעם ערשטען לאַך!

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך גאַנץ קאַלט, און אינ־ווענינג דאָס הארץ פרעהט זיך, געוועהנליך, ניט אַזוי אויף דעם, וואָס פייגעלע האָט אַ לאַך געטהאָן, ווי אויף דעם, וואָס מיינע צוויי אַלמנות זענען אַזוי ששון־ושמחה'דיג. נו, היינט קאָנט איהר שוין פאַרשטעהן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטהאָן ביי'ם ערשטען צייהנדעל! די ערשטע האָט דערפיהלט, נאַטירליך, די יונגערע אַלמנה, די מוטער. האָט זי צוגערופען די עלטערע אַלמנה, פּאַיען הייסט עס, און ביידע אַלמנות האָבען גענומען פּרובירען מיט אַ גלאָז, און אַז זיי האָבען דערהערט, אַז עס קלינגט אַ צייהנדעל, האָבען זיי געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז איך בין אריין פון צווייטען צימער ניט טוידט, ניט לעבעדיג.

— וואָס איז דאָ?

— אַ צייהנדעל!

— עס ווייזט זיך אייך אויס! — זאָג איך צו זיי בכּיון, עָס זאָל זיי אַ ביסעל רייצען. און ביידע אַלמנות נעמען מיין פינגער און טאַפּען־אָן ביי פייגעלען אין הייסען מיילכעל עפּיס אַ שאַרף שפּיציקעל, וואָס קאָן זיין, ס'איז אַ צייהנדעל.

— נו? — פרעגען זיי מיך ביידע און וואַרטען, איך זאָל זיי שוין אָפּגעבען אַ גרוס פונ'ם צייהנדעל. איך מאַך זיך תּמ'ע־וואַטע. איך האָב ליעב זיי צו רייצען. פרעג איך זיי איבער:

— וואָס נו?

— אָבער איאָ, אַ צייהנדעל?

— אַ צייהנדעל, וואָס דען זאָל דאָס זיין?

און דאָס פאַרשטעהט איהר דאָך, אַז וויבּאַלד אַ צייהנדעל, איז דאָך פייגעלע אַ חכמה, וואָס מע קריגט ניט די צווייטע אין

ערגיץ געשריבּען אין אַ ביכעל, ווייל איך ניט איבּערקייען יענעמ'ס ווערטער. איך האָבּ אייך שוין געזאָגט, אַז איך האָבּ פיינט זייערע בּאַשרייבּענישען פון דער נאַטור, וואָס זענען אַזוי עהנליך אויף דער נאַטור, ווי איך בּין עהנליך אויף אַ טערקישען פּאַשאַ. הכלל, ס'איז געווען אַ זומער־נאַכט, איינע פון די זעלטענע וואַרעמע, ליטערע, פּרעכטיגע נעכט, וואָס דער טריקענסטער מענטש אין דער וועלט ווערט פול מיט פּאָעזיע און עס בּענקט זיך איהם ערגיץ אַהין, ווייט, ער ווייסט אַליין ניט וואוהין. עס חאַפּט איהם אַרום פון אַלע זייטען אַ מאָדנער שטראָם פון רוח־הקודש, און ער זינקט אין אַ הייליגע שטילע רוהיגקייט, און ער פאַרקוקט זיך אין דער טיעפער בלויער יאַרמעלקע, וואָס מיר רופען דאָס הימעל, און ער פיהלט, אַז דער הימעל סוד'עט זיך עפּיס מיט דער ערד, פיהרען אַ שטילען שמועס צווישען זיך, אַ שמועס פון אייבּיגקייט, פון אומ־ענדליכקייט און פון דעם, וואָס מענטשען רופען גאָטהייט...

נו? וואָס וועט איהר זאָגען אויף מיין בּאַשרייבּען די נאַטור? ניט געפעלען? בּין איך אויסגעשטעלט! האָט צייט, איהר זענט נאָך ניט בּאַרטיג. איך האָבּ אייך פאַרגעסען דערצעהלען פון די זשוקעס — מאָדנע, שווערע, בּרוין־פאַרבּיגע זשוקעס, וואָס טראָגען זיך אין דער פינסטער, צעלאָזט די פליגעל, זשומען און הודען און טהוען זיך אַלע מאָל אַ זעץ אָן וואַנט אָדער אָן פענסטער, און טהוען אַ פאַל אַנידער אויף דער ערד מיט האַלבּ־צעלאָזטע פּאָלעס און ווערען אַנשוויגען. איהר זאָלט גאָר נישט האָבּען קיין יסורים — זיי וועלען אַ ביסעל אַרומפּויזען אויף דער ערד, זיך אויפהויבּען, צעלאָזען די פּאָלעס און וועלען זיך ווידער דרעהען אַרום דער שיין פון דעם ליכט מיט אַ זשומען און מיט אַ הודען, און ווידער געבּען זיך אַ זעץ אין פענסטער אַריין און אַ פאַל אַנידער אויף דער ערד... מיר זיצען אויפ'ן גאַניק, וואָס געהט אין גאָרטען אַריין, אַלע פיער: איך, און פּאַיע, און ראָזע, און פייגעלע. פייגעלע איז שוין אַ גרויסע; פיער יאָהר ווערט איהר ראש־חודש אלול, און רעדען רעדט זי ווי איין אַלטער. זי רעדט און פרעגט קשיות. טויזענטער

וואָס אַמאָל, אין מיינע יונגע יאָהרען, האָבּען זיי געהייסען „ניהיליסטקעס”, היינט הייסען זיי „עס־עסאָווקעס”, „עס־עראָווקעס”, „קאַדעטניצעס” וכדומה אַזעלכע שענע נעמען?... איהר זאָגט, ווייל איך בּין איין אַלטער בּחור, בּין איך אַ בּעל־כּעסן און אַ מיזאַנטראָפּ און מיר געפעלט ניט קיינער? זאָגט אייך — וואָס אַהרט מיך, וואָס איהר זאָגט? איך טהו מיר מיינס: איך דערצעהל. וואו זשע האַלט איך? בּיי'ם קינד, בּיי פּייגעלען, ווי מיר האָבּען דאָס ליעבּ געהאַט. דאָס גאַנצע לעבּען האָבּען מיר אַוועקגעשענקט דעם קינד, מיר אַלע דריי, דערפאַר, ווייל דאָס קינד האָט אונז פאַרזיסט די בּיטערקייט פונ'ם לעבּען, צוגעגעבּען אונז אַלעמען פרישע ענערגיע צו טראָגען דעם שווערען יאָך פּון דער נאַרישער פאַרדאָרבּענער וועלט. און פאַר מיר עקסטרע איז אין דעם קינד געווען אַ גאַנצער סוד. איהר וועט דעם סוד לייכט פאַרשטעהן, אויבּ איהר וועט זיך דערמאַנען, וואָס איז געווען פאַר מיר ראָזע. וואָס מעהר דאָס קינד האָט געוואַכסען, אַלץ מעהר האָט געבּליהט די האָפענונג בּיי מיר אין האַרצען, אַז מיין עלענד זאָל ענדליך פאַרשווינדען און איך זאָל אַמאָל אויך וויסען פון אַ לעבּען אויף דער וועלט... און ניט נאָר איך אַליין האָבּ זיך אַרומגעטראָגען מיט דער מחשבה — די זעלבּע האָפענונג האָט געלעבּט אויך בּיי פּאַיען אין האַרצען, און חאָטש מיר האָבּען דערפּון ניט גערעדט קיינמאָל, נאָר פאַר אונז אַלע דריי איז דאָס געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז עס וועט מוזען אַמאָל אַזוי זיין... איהר וועט אפשר פרעגען: ווי אַזוי קאָנען זיך דאָס מענטשען פאַרשטעהן אומגערעדט? איז אַ סימן, אַז איהר קענט פּסיכאָלאָגיע, נאָר ניט קיין מענטשען... למשל, אָט וועל איך אייך מאָהלען אַ בּילד, וועט איהר זעהען, ווי אַזוי מענטשען שמועסען זיך אויס כּמעט אָהן ווערטער, פאַרשטעהען זיך אויפ'ן וואונק. אָט האָט איהר אייך אַ בּילד:

אַ זומער־נאַכט. דער הימעל איז פאַרשמיסען מיט ווייסע מילך־פּאַפּען. איך האָבּ געוואָלט זאָגען: די שטערען בּלישטשען, פינקלען, שעמערירען. האָבּ איך מיך דערמאַנט, אַז אַזוי שטעהט

געחאַפּט פאַר אייך מיט דעם וואָרט „ליעבע" אומגעהרען. גלויבט מיר, אַז עס עקעלט מיך! ווייסט איהר, פאַר וואָס? דערפאַר, ווייל אייערע שרייבערס באַנוצען שוין צו אָפט דאָס דאָזיגע הייליגע וואָרט און מאַכען פון דעם שוין צו אַ וואָכעדיגען מאכל. דאָס וואָרט „ליעבע", אַז מע רעדט דאָס אַרויס אויף דער שפּראַך פון אייערע שרייבערס, איז אַ חלול־השם. דאָס וואָרט „ליעבע" דאַרף אַרויסגעגאָסען ווערען, ווי עס גיסט זיך אויס אַ תּפלה צו גאָט, אָדער עס דאַרף זיך אויסגיסען אין אַ ליעד אָהן ווערטער, אין אַ געזאַנג פון עכטער פּאָעזיע, עס מעג זיך זיין אָהן ריימען: לויפען־קויפען, חאַפּען־טאַפּען, יאָגען־שלאָגען, גראָזען־בלאָזען, וכדומה אַזעלכע גראַמען פון אייערע פּאָעטען, וואָס אַז איך לייען זיי אַמאָל, מאָהלט זיך מיר אויס, אַז איך שלינג אַרבעס און פאַרבייס מיט פּאַפּיער... דער משל מעג אייך ניט געפעלען, נאָר דרעהען מיט דער נאָז באַדאַרפט איהר ניט. איך ענדיג אייך שוין די געשיכטע מיט מיין אַלמנה נומער צוויי און איך מאַך דאָס בקיצור, וואָרום איך האָב פיינט, אַז מע געהניצט... זאָגט נאָר, איהר האָט אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם, עס זאָל אייך רייסען אַ צאָהן, וואָס איהר מוזט איהם אַרויסציהען, נאָר איהר לעגט דאָס אָפּ אויף מאָרגען, פון מאָרגען אויף איבערמאָרגען, ביז איהר נעמט אייך אָן מיט האַרץ און געהט צום דאָקטאָר; איהר קומט־צו צו דער טיר, איהר לייענט־איבער אויף זיין בלעטעל: „דענטיסט אַזעלכער און אַזעלכער, נעמט־צו פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8..." חאַפּט איהר אַ קוק אויפ'ן זייגער און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8? היינט וואָס האָב איך קיין צייט ניט?...

און איהר קעהרט זיך אום צוריק אַהיים און איהר רייסט זיך אויף די ווענט... אָט דאָס אייגענע איז געווען מיט מיר און מיט ראָזען. אַרויסגעגאַנגען בין איך פון דער היים אַלע אין דער פריה מיט אַ באַשטימטען געדאַנק, אַז היינט מוז דאָס געשעהן גאָר אָהן אַ שום הירוץ! פריהער וועל איך איבעררעדען מיט מיין אַלמנה

קשיות! פאַר וואָס איז הימעל — הימעל, און ערד — ערד? ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט? פאַר וואָס איז ביינאַכט נאַכט און בייטאָג טאָג? פאַר וואָס רופט די מאַמע די באַבעניו „מאַמע", און די באַבעניו רופט די מאַמע ניט „מאַמע", נאָר „ראָזע"? פאַר וואָס בין איך איהר אַ דיאַדיאַ — אַ דיאַדיאַ און ניט קיין פּאַפּאַ?... פאַר וואָס קוקט דער דיאַדיאַ אויף דער באַבעניו, און די באַבעניו קוקט אויף דער מאַמע, און פאַר וואָס איז די מאַמע אַזוי רויט געוואָרען?... איהר פאַרשטעהט דאָך שוין, אַז דאָס רופט ארויס ביי אונז אַלע דריי אַ געלעכטער. פרעגט פייגעלע, וואָס לאַכט מען, ווערט דער געלעכטער נאָך גרעסער, און ענדיגען ענדיגט ער זיך מיט דעם, וואָס מיר קוקען זיך איבער אַלע דריי, און אַלע דריי פאַרשטעהען מיר זיך גאַנץ גוט, וואָס דער קוק באַדייט. מע דאַרף שוין ניט קיין ווערטער. ווערטער זענען איבעריג. ווערטער זענען באַשאַפען געוואָרען נאָר פאַר פּלאַפּלערס, ווייבער און אַדוואָקאַטען. אָדער, ווי ביסמארק האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט: ווערטער זענען אונז געגעבען געוואָרען אום צו פאַרמאַסקירען אונזערע געדאַנקען. אָט באַגעהען זיך דאָך חיות און עופות און אַלע איבעריגע באַשעפענישען אָהן ווערטער! אָט וואַכסט דער בוים, אָט בליהט די בלום, אָט שפּראָצט אַ גרעזעל, האַלט זיך צו צו דער ערד, קושט זיך מיט'ן שטראַהל פון דער זון — וואו איז זייער שפּראַך? אויגען, מיין ליעבער פריינד, אויגען ביי מענטשען זענען אַ גרויסע זאַך! וואָס אַ מענטשענ'ס אויגען קאָנען אייך אמאָל זאָגען אין איין מינוט, וועט אייך דאָס מויל ניט אויסרעדען אין קיין טאָג! אונזער איבערקוקען זיך אין יענער נאַכט מיט מיינע צוויי אַלמנות איז געווען אַ בלעטעל, אַ קאַפּיטעל פון אונזער אַלעמענ'ס לעבענס־געשיכטע, אַ גאַנצע פּאָעמע, אויב איהר ווילט, אַ ליעד, אַ טרויעריג ליעד פון דריי פאַרלאָרענע לעבענס, פון דריי פאַרקריפּעלטע נשמות, וואָס פאַרשיידענע פאַרפּלאָנטענישען האָבען ניט דערלאָזט, זיי זאָלען טרינקען פון דעם קוואַל, וואָס הייסט גליק, זיי זאָלען גע־ניסען פון דעם פּאַנטאַן, וואָס הייסט ליעבע... איך האָב מיך ארויס־

מיר אונזער לעבען, פיהרען־אויף א נייע שטוב. און מע בויט פּלאַנען. יעדער ביי זיך אין הארצען, ווי אַזוי מע וועט לעבען אַלע צוזאַמען: דאָס יונגע פּאָר — פייגעלע מיט איהר באַשערטען, דאָס אַלטע פּאָר — איך מיט ראָזען, און די אַלמנה די באָבע (פּאַיע) וועט געוועלטיגען איבער אונז אַלעמען — דאָס וועט זיין אַ לעבען! די גאַנצע זאַך איז נאָר: ווי דערלעבט מען שוין? ווי דערלעבט מען שוין, אַז פייגעלע זאָל אויסוואַכסען, ווערען אַ מענטש און אויסקלייבען זיך איהר באַשערטען? נאָר אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. אַזוי, דאַכט זיך, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט? איך האָב פיינט שאַבלאָנע שפּריכווערטער. איהר האָט זיי ליעב? זעהר שען. איך פאַרגין אייך. אַלזאָ, אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך! פייגעלע איז אויסגעוואַכסען, געוואָרען אַ מענטש און האָט אויסגעקלייבען זיך איהר באַשערטען — און אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבען! אָט דאָ ערשט הויבט זיך אָן די רעכטע פּסיכאָלאָגיע, ווי איהר רופט דאָס אָן! איהר ווייסט? דאָס, וואָס איהר קוקט אויפ׳ן זייגער, איז איבעריג. איך וועל אייך סאַי ווי סאַי היינט מעהר ניט דערצעהלען. איך דאַרף געהן; מיינע אַלמנות וועלען נישט וויסען וואָס איבערצוטראַכטען. איך קאָן באַשטעהן, אַז אויב איהר האָט חשק אויסצוהערען די געשיכטע פון מיין „אַלמנה נומער דריי", זאָלט איהר זיך מטריח זיין צו מיר אהיים. אַניט — ווי איהר ווילט אייך! פאַר די פּאָלעס וועל איך אייך ניט שלעפּען. איהר וועט אַליין קומען... אַדיע!

עד כאן אלמנה נומער צוויי.

נומער איינס, מיט דער מוטער הייסט עס, אזוי און אזוי... וועט זי ווערען רויטליך, אראָפּלאָזען די אויגען און אַ זאָג טהון: „ביי מיר האָט איהר גע׳פּועל׳ט, רעדט איבּער מיט ראָזען"... זועל איך אוועקגעהן פון דער אלמנה נומער איינס צו דער אלמנה נומער צוויי און וועל איהר זאָגען: „הער נאָר אויס, ראָזע, ס׳איז אזוי און אזוי..." און איך חאַפּ דאָס היטעל און קום צו געהן צו מיינע צוויי אלמנות, לויפט מיר אקעגען פייגעלע, ווארפט זיך מיר אויף די הענט, חאַפּט מיך ארום ביי׳ם האַלז, קושט מיך אין די ברילען און בעט זיך ביי מיר, אז „היינטיגען טאָג, נאָר היינטיגען טאָג, זאָל איך זאָגען דער מאַמעניו און דער באַבעניו, מיך וועט מען פאָלגען, זי זאָל זיין פריי, ניט לערנען, ניט שפּיעלען, ניט טאַנצען, נאָר געהן מיט׳ן דיאַדיאַ אין זאָאָלאָגישען גאָרטען, מע האָט געבראַכט, זאָגט מען, צו פיהרען אזעלכע מאַלפּעס, אזעלכע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצען פאַר געלעכטער!"... נו, אדרבה, זייט אַ בּריה און נעמט ניט דאָס קינד, און געהט ניט מיט דעם אין זאָאָלאָגישען גאָרטען אָנקוקען די נייע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצען פאַר געלעכטער?...

— וואָס וועט זיין פונ׳ם קינד? — וואָרטשעט די אלמנה נומער איינס.

— ער מאַכט אַ תּל פונ׳ם קינד! — האַלט זי אונטער די אלמנה נומער צוויי. און דער דיאַדיאַ הערט זיי, די ביידע אלמנות, ווי דעם פּאַראַיאָהריגען שניי, נעמט דאָס קינד און געהט מיט דעם אין גאָרטען זיך באַקענען מיט די נייע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצען פאַר געלעכטער — און אָט אזוי, ווי איך דערצעהל אייך, אַלע מאָל אַ נייער תּירוץ. עס געהט־אוועק אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ יאָהר און אַ יאָהר, דאָס קינד וואַקסט, הויבּט־אָן פאַרשטעהן אזעלכע זאַכען, וואָס מע קאָן פון זיי ניט רעדען, און עס בּלייבּט ביי אונז אַלע דריי דער הסכּם, אַלץ אָהן ווערטער, אז לאָז דאָס קינד אונטערוואַכסען שוין. אז פייגעלע זאָל אויס־וואַכסען, ווערען אַ מענטש און אויסקלויבּען זיך איהר באַשערטען, דעמאָלט ווערען אונז אויפגעבונדען די הענט, דעמאָלט רעפאָרמירען

איך האָב געהאַט אַ חבר פיני, האָט ער געהאַט אַ פרוי פאַיע, האָבען זיי געהאַט אַ קינד ראָזע. איז מיין חבר פיני געשטאָרבען, און פאַיע איז געבליבען איין אַלמנה. און איך בין ביי איהר געווען אַ בן־בית. און זי איז מיר געווען צום הארצען, און איך איהר אויך. נאָר רעדען האָבען מיר דערפון ניט גערעדט. געהאַלטען זיך. און אַזוי זענען אַוועק די בעסטע יאָהרען. דערווייל איז איהר טעכטערל, ראָזע, אויסגעוואַכסען, און איך בין געווען נאָך איהר די כפרה. האָט זיך אונטערגעחאַפּט אַ בחור'על שאַפּיראָ, א גוטער בוכהאַלטער און אַ שענער שאַכשפּיעלער, און די ראָזע האָט זיך אין איהם פאַרבּרענט. האָב איך זיך צעקריעגט מיט דער מוטער און בין אַוועק מיט דעם געדאַנק, אַז ווייל איך וועל לעבען זאָל מיין פוס דאָרט ניט זיין! און איך האָב דאָס וואָרט ג י ש ט אויסגעהאַלטען און בין באַלד אויפ'ן צווייטען טאָג געקומען און בין געוואָרען דער זעלבער היימיישער, וואָס פריהער, און האָב מיך פאַר־שטעלט פאַר אַ מחותּן און האָב געפּראַוועט אַ חתונה צווישען דער ראָזע מיט דעם שאַפּיראָ, וואָס איז געווען דער גאַנצער בעל־הבית איבער זיינע פּרינציפּאַלען'ס געשעפטען, גע'חתמ'עט פאַר זיי וועכס־לען, און זיי האָבען זיך פאַרדרעהט און זענען אַוועק קיין אַמעריקע און איהם האָבען זיי געלאָזט מיט די חובות. האָט ער זיך גענומען דאָס לעבען — און ראָזע איז געבליבען איין אַלמנה. האָט איהר, אַלזאָ, צוויי אַלמנות. און פּונקט אַזוי ווי איהר מוטער פאַיע, די אַלמנה נומער איינס, איז געבליבען נאָך מיין חבר פיני'ס טוידט מיט אַ קליין קינד ראָזעטשקע, אַזוי איז איהר טאָכטער ראָזע, די אלמנה נומער צוויי, געבליבען נאָך שאַפּיראָ'ס טוידט מיט אַ קליין קינד פייגעלע, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען אין דריי חדשים אַרום נאָך שאַפּיראָ'ס טוידט, — און מיר אַלע דריי האָבען די פייגעלע ליעב געהאַט דאָס חיות מיט'ן לעבען, און מיר אַלע דריי, איך און פאַיע און ראָזע, האָבען זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען צום דאָזיגען קינד, ניט צייט געהאַט צו קלערען וועגען זיך און וועגען מיין ראָמאַן מיט דער אלמנה נומער צוויי, מיט ראָזען, וועלכער

ג.

אַלמנה נומער דריי

— גוט, וואָס איהר זענט געקומען צו מיר אין אַזאַ שעה, וואָס איך בין גראָד אין דער היים. דאָס הייסט, אין דער היים בין איך שטענדיג, נאָר פאַר מיר, ניט פאַר יענעם. יעדער מענטש האָט זיך זיינע געוואוינהייטען. למשל, איך בין געוואוינט, אַז איך עס, זאָל מיר זיצען אקעגען די קאַץ. אָהן דער קאַץ וועל איך ניט עסען. קיץ־קיץ־קיץ! וואָס זאָגט איהר אויף דער קאַץ? קלוג — אַ חכמה! זי וועט אייך אַליין ניט נעמען — עס מעג ליגען גאָלד! איהר זענט אַ מבין אויף איהר פעל? וואָס? איהר האָט פיינט אַ קאַץ? איין אַיינבילדונג פונ׳ם חדר! מע ווייסט די מעשיות! איהר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערען! ווי אַזוי טרינקט איהר טיי? מיט מילך? צי אַזוי? איך טרינק מיט מילך... אַ קאָטאַ! טפרום! אין דער ערד אַריין!... קיין זאַך האָט זי אַזוי ניט ליעב, ווי מילך. פוטער וועט שטעהן, וועט זי ניט טשעפּען, און דערזעהט זי מילך, מוז זי טהון אַ לעק...

איהר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט ניט פון הקדמות, נאָר דאָ מוז איך אייך זאָגען אַ הקדמה: איך האָב פיינט, אַז מע שמייכעלט. לאַכען קאָנט איהר וויפיעל איהר ווילט, נאָר ניט שמייכלען. גע־דענקט איהר זשע אַלסדינג, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט? טאָמער האָט איהר פאַרגעסען — זאָגט, שעמט זיך ניט; גרעסערע פון אונז, מאַכט זיך, פאַרגעסען אויך אַמאָל. איך וועל אייך מוזען, האָב איך מורא, איבער׳חזר׳ען אין קורצען נאָך אַ מאָל און געבען אייך איין אויסצוג, אַ קיצור המעשה:

יונגע צוציקעס; צי סטודענטלעך, צי ניט קיין סטודענטלעך — דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט דעם טאַטען זייערן! שוואַרצע העמדלעך טראָגען זיי, שערען שערען זיי זיך ניט, ווער זיי זענען — זאָגען זיי ניט, שאַרפע צינגלעך האָבען זיי, און קאַרל מאַרקס איז זייער גאָט — גיט משה רבינו, נאָר גאָט, גאָט אַליין! מילא, גאָט — לאָז זיין גאָט, דאָס לעבען וועל איך מיר דערפאַר נישט נעמען! ובפרט, אַז איך אַליין בין אויך ניט ווייט פונ'ם סאָציאַליסטישען אידעאַל, איך אַליין ווייס אויך, וואָס קאַפּיטאַל באַדייט, וואָס איז פּראָלעטאַריאַט, עקאָנאָמישער קאַמף, וכדומה אַזעלכע זאַכען, און אויב איהר ווילט וויסען, בין איך אַליין אויך... פרעהט זיך ניט, נישט קיין בונדיסט, חלילה, נאָר קיין הינקעדיגער שניידער אודאי נישט!

אַלזאָ, קומען זיי אריין צו אונז אַלע טאָג, אָט די דריי פאַר־שווינדלעך, וואָס איך זאָג אייך; איינער הייסט פינקעל, דער אַנדערער — באָמשטיין, דער דריטער גרוזעוויטש. און געהן געהט מען צו אונז, ווי צו זיך אַהיים, וואָרום מיינע צוויי אַלמנות, די באַבע און די מאַמע, האָבען אַ טבע, אַז עס קומט־אריין צו זיי אַ מענטש, ווייסען זיי ניט, וואו איהם אוועקצוזעצען, וואָלטען איהם אוועקגעגעבען די נשמה, ובפרט נאָך אַזעלכע דריי אַנטיקען, וואָס איינער פון זיי איז געווים אַ קאַנדידאַט פאַר פייגעלען. דאָס הייסט, קאַנדידאַטען זענען זיי אַלע דריי, נאָר קיין דריי חתנים קאָן זי דאָך ניט האָבען, עס מוז דאָך זיין איינער — היינט געה טרעף, ווער דער איינער איז, אַז רעדען רעדט מען נישט דערפון, חיות ניט זיכער! און פרעגען פרעגט מען אויך ניט — ביי וועמען וועט מען פרעגען? ביי דער מוטער? וואָס איז ביי זיי די מוטער? אַ יונגע פרוי מיט אַ שען פנים, און אַ סוף! ביי דער באַבע? וואָס איז פאַר זיי די באַבע? די באַבע איז פאַר זיי נישט מעהר, ווי אַ ווירטהין, וואָס דאַרף זעהן, עס זאָל זיין עסען און טרינקען, אַז זיי קומען צו געהן, און נישט נאָר עסען און טרינקען, נאָר פרעסען און זויפען... נו, און פון מיר שמועסט מען נישט, וואָרום וואָס בין איך ביי זיי?

האָט זיך דערוווייל פאַרצויגען ביז פייגעלע וועט אונטערוואַקסען און ווערען אַ מענטש. און אַז פייגעלע איז אונטערגעוואַקסען און געוואָרען אַ מענטש... איך וועל אייך בעטען, אַז איך דערצעהל אייך עפּיס, זאָלט איהר ניט קוקען אין קיין בוך אריין, ס'איז אַ מיאוס'ע טבע, און בעסער האָרכען וואָס מע דערצעהלט אייך, וואָרום דאָ פאַנגט זיך אָן אַ נייע געשיכטע.

וואָס איהר ווילט, קאָנט איהר אויף מיר זאָגען, נאָר קיין פאַנאַטיקער, קיין עקשן בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך בין תמיד געגאַנגען גלייך מיט דער צייט. איך בין קיינמאָל ניט אָפּ־געשטאַנען, צוריקגעצויגען, ווי אַנדערע, וואָס באַקלאָגען זיך אויפ'ן נייעם דור מיט זייערע נייע אידעען.

אָנקוקען קאָן איך ניט אָט די אַלטע חכמים מיט זייער אייביגער פּרעטענזיע: סטייטש, למאי זאָל דאָס איי וועלען לעהרנען אַ הוהן? ווער איז עלטער — דאָס איי, צי די הוהן?... בהמות וואָס איהר זענט! אדרבה, ווייל דאָס איי איז יונגער, איז דאָס בילכער! איז דאָס פעהיגער! איז דאָס קליגער! אודאי דאַרפען מיר, דער עלטערער דור, זיך גוט צוהערען, וואָס זיי, די יונגערע גענעראַציאָן, האָבען אונז צו זאָגען, וואָרום זיי זענען יונג, זיי זענען פריש, זיי לערנען, זיי פאָרשען, זיי זוכען, זיי געפינען, זיי טהוען-אויף. וואָס דען? אזוי ווי איהר, פאַרשימעלטע חכמים, וואָס איהר האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די אַלטע ספרים און ביכער און ווילט זיך ניט ריהרען פונ'ם אָרט?... אין כעס בין איך נאָר אויף זיי, אויף די יונגע, אויף די נייע, וואָס זיי לייקענען אונז אָפּ שוין גאָר אינ־גאַנצען, זענען אונז מבטל, מאַכען אונז צו קליינגעלט, זאָגען אויף אונז, אַז מיר זענען ניט נאָר בהמות אָדער פערד — מיר זענען קיין פערד אויך ניט, מיר זענען גאָרניט! מיר עקזיסטירען ניט! מיר זענען נישטאָ! נישטאָ, און אַ סוף!... שטעלט אייך פאָר, עס קומען־אריין צו אונז, צו מיינע צוויי אַלמנות מיין איך, און ניט צו מיינע אַלמנות, נאָר צו אונזער פייגעלע, צום אייניקעל, דריי

האָט דאָס געזאָגט אויפ׳ן באַרג סיני? וואָס איז דאָס געוואָרען פֿאַר אַ מין עבודה זרה ביי די היינטיגע יונגעלייט, אַ מין פֿאַנאַטיזם, אַ מין נייע חסידות — קאַרל מאַרקס איז דער רבי און מיר זענען זיינע חסידים? און אויסער קאַרל מאַרקס איז איין עק, אַ סוף, אויס וועלט? וואו איז קאַנט, וואו איז שפּינאָזאַ, וואו איז שאָפּענ־הויער, וואו זענען שעקספּיר, היינע, געטהע, שילער, ספּענסער און נאָך הונדערטער גרויסע מענטשען, וואָס האָבען אויך אַמאָל, כּלעבען, געזאָגט אַ קלוג וואָרט? נישט אַזוי קלוג, ווי קאַרל מאַרקס, אָבער קיין גאָר גרויסע נאַרישקייטען האָבען זיי דאָך אויך ניט געזאָגט! איך בין, דאַרף איך אייך זאָגען, פֿון די, וואָס לאָזען זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע און האָבען פֿיינט, אַז יענער פּאַררייסט די נאָז, און דערפֿאַר האָב איך ליעב צו טהון אַמאָל יענעם אויף צו־להכעיס. דו זאָגסט אַזוי, זאָג איך אַזוי. דו זאָגסט גאָר אַזוי, זאָג איך דוקא אַזוי — און טהו מיר עפּיס! איך האָב דערהערט איינמאָל פֿון זיי אַ שמועס, אַז גראַף טאָלסטאָי איז גאָרנישט. איך בין ניט פֿון גראַף טאָלסטאָי׳ס חסידים, איך זאָל איהם פֿאַרגעטערען מיט זיין פֿילאָזאָפֿיע און מיט זיין נייער תּורה פֿון יעזוס כּריסטוס, וואָס ער מאַכט פֿון איהם דאָס, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געוועזען; נאָר אַלס קינסטלער שטעהט ביי מיר טאָלסטאָי ניט נידעריגער פֿון שעקספּיר. אַי, טאָמער זענט איהר מיט מיר ניט מסכּים, עס איך מיר ניט אָפּ דאָס האָר. איהר ווייסט דאָך שוין מיין טבע... ברענג איך דאָך צו טראָגען אויף צו־להכעיס טאָלסטאָי׳ס אַ בוך און געב דאָס פֿייגעלען, זי זאָל האָבען וואָס צו לייענען. האָט איהר באַ־דאַרפֿט זעהען, מיט וואָס פֿאַר אַ גרימאַסע מיין פֿייגעלע האָט גע־געבען אַ שטוים־אַוועק דעם גראַף טאָלסטאָי! וואָס איז? ניט פֿינקעל, ניט באָמשטיין, ניט גרוזעוויטש האַלטען פֿון טאָלסטאָי.

בין איך שוין מסתּמא אַרויס פֿון די כּלים (אַז מע דאַרף, קאָן איך זיין אַ שייגעץ אויך!) און האָב זיי געמאַכט אַלע דריי מיט דער בלאָטע גלייך! איך האָב זיי געזאָגט, אַז קאַרל מאַרקס איז אַ מעאָריע, און אַ טעאָריע בייט זיך: היינט אַזאַ טעאָריע, מאָרגען

נאָך אַ שטוהל בײ׳ם טיש, און װײטער גאָרניט. זײ זאָלען דאָס אױסרעדען צו מיר אַ װאָרט! סײדען דאָס זאַלץ־מעסטעל בײ׳ם טיש, די צוקער־פּושקע, אַ שװעבעלע אמאָל, אי דאָס — אָהן אַ ביטע, אָהן אַ „פּאַזשאַלױסטאַ״, נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט איבער׳ן זשילעט, װי מע רעדט מיט אַ שטומען, אָדער אַ טראָג־אונטער צו אײך די ליפּען בשעת איהר פאַררױכערט אַ ציגאַר — און װײטער נישט אַ װאָרט! אמאָל מאַכט זיך, זײ קומען און טרעפען מיך אַלײן, זעצט מען זיך אװעק אַלע דרײ און מע שמועסט, אָדער מע צעלעגט זיך מיט די פּיס אויף די סאָפעס און מע שפּײט. זײ זאָלען דאָס אױסרעדען צו מיר אַ װאָרט, חאָטש אַזױ, פון אײדעלקײט װעגען. גאָרניט! גלײך װי איך בין ניטאָ! נו, און דאָס דאַרפט איהר װיסען, אַז איך צו זײ װעל אודאי נישט אָנהױבען צו רעדען פריהער, איך װעל מיך ניט אונטערלעגען, װי אַנדערע, מיט צװאַנציג טױזענט חניפה׳לעך און זיסע רעדעלעך און צוקערדיגע שמײכעלעך. עס איז נאָך נישט געבױרען געװאָרען יענער מענטש אויף דער װעלט, פאַר װעלכען איך זאָל אָנבױגען מײן קאָפּ, נישט מחמת איך בין אַ גדלן... און לאָמיר זאָגען — יאָ אַ גדלן, רופט דאָס אָן, װי אַזױ איהר װילט, אײער מײנונג קאָנט איהר האַלטען בײ זיך! נאָר איך האָב פײנט, אַז מע רעדט פון זיך. איך דערצעהל אײך פון די דרײ קלאָפּערס, װאָס פאַר מינים חיות דאָס זענען. אַז איך האָב מיך אײנמאָל אַרױסגעחאַפּט און אַ פרעג געטהאָן בײ זײ, װער פון זײ אַלע דרײ שפּיעלט אין שאָך, — האָט איהר באַדאַרפט אָנקוקען פּנים׳ער! האָט איהר באַדאַרפט הערען אַ געלעכטער! דאַכט זיך מיר, װאָס קאָן דאָ זײן פאַר אײן אומגליק, אַז מען איז טאַקי אַ סאָציאַליסט, און מע שפּיעלט פון דעסטװעגען אַ שאָך אויך? קאַרל מאַרקס, נישקשה, װעט קײן פאַראיבעל ניט האָבען! שמועסט אָבער מיט זײ — נײן! זײ אַלײן אַהרט מיך ניט. זײ האָב איך אין דער ערד! ברענען ברענט מיך אויף איהר, אויף אונזער פײגעלען, למאי לאַכט זי מיט זײ? פאַר װאָס זאָל בײ איהר זײן אַלסדינג, װאָס זײ זאָגען, קודש־קדשים, הײליג, גלײך װי גאָט אַלײן

וועלט פאַר זיך און ווערען „געוועזענע" — זאָל אייך גאָט היטען. טויזענט מאָל ערגער פון אַ געוועהנליכען בשר־ודם. וואָרום אַ געוועהנליכער בשר־ודם, אז ער וועט אייך אָפּדרעהען דעם קאָפּ, וועט ער זיך באַהאַלטען, און אַ „געוועזענער", אז ער וועט אייך באַשווינדלען, וועט ער אייך אויפווייזען על־פּי חקירה, אז אַ שווינדלער זענט איהר, ניט ער... נאָר למאי זאָלען מיר פאַרלירען צייט אויף פּוסטע פילאָזאָפיע? אונזער פייגעלע איז געוואָרען מאַדאַם גרוזעוויטש צו זיעבּעצעהן יאָהר, און איך וועל אייך ניט דולען מיט קיין לאַנגע ספּורים, וואָס פאַר אַ חתונה דאָס איז געווען, ווער האָט די חתונה געפּראַוועט, ווען האָט דאָס געקאָסט געלט, און וואָס פאַר אַ גדולה עס איז געווען ביי די אַלמנות אין שטוב. די מוטער ראָזע האָט דערלעבּט פיהרען צו דער חופּה איהר טרייסט, די באָבּע פּאַיע האָט דערלעבּט אַ נחת — חתונה געמאַכט איין אייניקעל. און איך, טפּש? וואָס איז מיט מיר געווען די שמחה אזוי גרויס? די מיזינקע אויסגעגעבּען?... מאָהלט אייך, די שמחה האָט לאַנג געדויערט — פון אסתּר־תּענית ביז פּורים! מע האָט אונזער גרוזעוויטשען אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דער חופּה געבּעטען אין חדר אריין גאָר פאַר אַ קליינינקייט: מע האָט געפונען אַ גאַנצען אוצר פון באָמבּעס און פון דינאַמיט, און אזוי ווי דער בחור איז געווען אַ כעמיקער, און אַ באַריהמטער כעמיקער דערצו, איז געפאַלען אויף איהם דער חשד, און אגב האָט מען געפונען אַ פּאָר בּריוולעך פון איהם, און וואָס טויג אייך גרויס, מע האָט איהם צוגענומען און אוועקגעפיהרט...

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבּען פאַר מיר אַ שטיקעל ארבּייט, אַ לויפעניש, אַ דרעהעניש, אַ שמירעניש, אַ דולעניש — נעכטיגע טעג! חאַפּט מען זיך אריין, און נאָך פאַר אזאַ מיאוס'ער מעשה — איז זייט געזונט און שרייבּט בּריוולעך! הייבּט צוזעהן דעם צער פון דעם יונגען צווייגעלע, משטיינס געזאָגט, פון זיעבּעצעהן יאָהר! און די יסורים פון דער מוטער ראָזע! און פון דער באָבּע פּאַיע! אַ גאָט'ס שטראָף. איין אויסגאָס האָט זיך גענומען אויף דער שטוב!

אזא טעאָריע; און גראַף טאָלסטאָי איז אַ גרויסער קינסטלער — און קונסט בלייבט אייביג.

נו־נו! האָט איהר באַדאַרפט זעהען, ווי מענטשען האָבען זיך עס אַ ביסעל צעפּלאַקערט! דעם סאַדעגורער צדיק ווען איהר זאָלט זאַטשעפּען, וואָלטען זיינע חסידים ניט באַדאַרפט אַזוי פייערען אויף אייך!...

וואָס טויג אייך, ווען עס מישען זיך ניט אריין מיינע צוויי אַלמנות, וואָלט געקאָנט ארויס צווישען אונז אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל! איך האָב אָבער ארויסגעזעהן נאָכדעם, אַז איך בין געוועזן אַ נאַר, וואָרום סוף־כל־סוף האָב איך דאָך געמוזט זיי איבערבעטען. ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל פייגעלע האָט אַזוי געוואָלט! און אַז פייגעלע וויל אַזוי, דאַרף זיין אַזוי, און לאָז זי מיר זאָגען היינטיגען טאָג, למשל, אַז זי וויל, איך זאָל די שטוב איבערטראָגען אויף איין אַנדער אָרט, איז עפּיס אַ תירוץ?

נישט נאָר באַצויבערט האָט מיך אָט דאָס מיידעל, נאָר גאַנץ איינפאַך פאַרקנעכטעט, מיין אייגענעם ווילען האָט זי געטוידט און האָט געמאַכט מיך פאַר אַ שקלאַף, פאַר איין אויטאָמאַט... נישט נאָר מיך — אונז אַלעמען האָט זי פאַרדרעהט דעם קאָפּ מיט דעם שענעם שידוך, וואָס זי האָט געטהאָן — גרוזעוויטש איז געוועזן איהר באַשערטער, אַ כעמיקער פון דריטען קורס, אַ בחור'על — קיין מעשה ניט, דאָס הייסט, ניט קיין אי־אי־אי — גאָרנישט! פאַרהאַן אַ סך ערגערע! ער איז געוועזן, ערשטענס, „אַ טאַטענ'ס אַ קינד". דאָס איז אַ גרויסע זאַך. איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, דאָס שפּיעלט אַ ראָלע. חאַפּט אייך נישט, איך זאָג נישט קיין יחוס. איך זאָג נאָר, אַז דער שורש האָט אויך אַ שטיקעל ווערטה; זייט איהר פון אַ גראָבען שורש, מעגט איהר זיין גע־בילדעט, ווי גאָט אַליין, בלייבט איהר אַלץ אַ גראָבער יונג. פון די איבעריגע מעלות זיינע רעד איך נישט. די חברה, מוז מען זאָגען דעם אמת, כל זמן זיי האַלטען זיך אין דער מראה, זענען זיי עהרליך און פיין און נאָבעל; קוים אָבער חאַפּען זיי זיך ארויס אויף דער

מיט איהר חתונה האָבען פאַר אָט דעם גרוזעוויטשען, מישא האָט ער געהייסען, — און ס'איז געוואָרען פול די שטוב מיט מישא! קיינער דאַרף ניט עסען, קיינער דאַרף ניט שלאָפען, קיינער דאַרף ניט לעבען. וואָס איז? מישא! מע האָט צוגענומען מישאַן! מע האָט איינגעזעצט מישאַן! מע וועט משפט'ען מישאַן! מע דאַרף ראַטעווען מישאַן! קאַלטע פּריפּאַרקעס — מע לאָזט ניט צו! נישט מיך, נישט זי, נישט קיינעם! איך האָב געזעהען, אַז דאָ שמעקט מיט „המצא מנוחה", אַז די גרינגסטע שטראָף, אויב ער וועט זיין אַ מוצלח, קאָן איהם אַריינפליהען אין די אייביגע קאַטאָרגע, אַז ניט, איז הענגען!... איך זעה, אייך איז ניט גוט דאָ צו זיצען, זעצט זיך אַוועק אָט דאָ, צום פענסטער; און אפשר האָב איך מיך אייך אַ ביסעל צוגעגעסען, איז אָהן איין אומגליק. איך טראָג איבער מעהר פון אייך. אייך איז גאָרניט; איהר וועט זיך אויסהערען די מעשה (איך ענדיג זי אייך שוין) און וועט זיך געהן אַהיים, און ביי מיר איז דאָס אַ באַמבע אויף אייביג!

וואו זשע האַלטען מיר? ביי הענגען... וואהרשיינליך, האָט איהר ניט איין מאָל געלעזען אויף די בלעטער, אַז היינט האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט צוויי מענטשען, נעכטען האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט דריי מענטשען (הענגען מענטשען און קוילען היהנער איז היינט געוואָרען אַלץ איין נייעס). און איהר בשעת־מעשה וואָס טהוט? אָדער איהר זיצט און וויעגט זיך און רויכערט זיך אַ געשמאַקען האַוואַנער ציגאַר, אָדער איהר טרינקט גאָר בעת-מעשה אַ גוטע גלאָז קאַווע מיט פרישע זעמעלעך מיט פּוטער. אי, דאָרטען הענגט אַ מענטש, עס וואַרפט זיך און עס צאַפּעלט זיך אין די לעצטע סעקונדען פון זיין אַגאָניע אייערער אַ באַקאַנטער, איין אייגענער, אַ היימישער, וואָס איהר האָט איהם ניט לאַנג געזעהען פול מיט לעבען, אַזוי ווי איהר אַצינד? אי, דאָרטען ליגט נאָך אַ וואָרעמער גוף, וואָס תּלינים האָבען מיט גוואַלד אַרויסגעריסען פון איהם די נשמה? אי, דאָרטען מוטשעט זיך אַ מענטש. ער וואָלט וועלען וואָס ניבער שטאַרבען, נאָר עס

היינט דאַרפט איהר וויסען, אַז די געשעפטען זענען אויך נישט פויגעלדיג, אין קעשענע האָט אָנגעהויבען טאָגען, איך האָב אָנ־געהויבען פּלוטעווען, מאַכען שווינדעל, פאַרזעצט מיינע הייזער, אונטערגעשמאָלצען די קאַסע; אויסגעגאַנגען דאָס געלט אויך, האָב איך פאַרקויפט אַ פּאָר קלייטלעך פון מיינע מאַיאָנטקעס... איך דערצעהל אייך ניט קיין חריפות פון זיך און שטעל מיך פאַר אייך ניט אויס! איך וויל אייך נאָר איבערגעבען אַ כאַראַקטע־ריסטיק פון מיינע אַלמנות, זיי זאָלען זיך דאָס אינטערעסירען אויף אָט אַזוי פיעל, פון וואַנען מע לעבט, פון וואָס מע לעבט און מיט וואָס וועט מען לעבען ווייטער? גאָרנישט, ס'איז ניט זייער עסק! איך דאַרף זאָרגען פאַר אַלץ. איך דאַרף טראָגען אַלץ אויפ'ן קאָפּ. איך דאַרף קריכען אין דער ערד אַריין! ווער הייסט מיר? איך וויים, ווער עס הייסט מיר? עס הייסט זיך אַליין! איך וואָלט וועלען זעהען אייך אויף מיין אָרט אין אַזאַ מין לאַגע צווישען מענטשען, וואָס איהר ווייסט ניט, ווער פון זיי איז מעהר בריליאַנט! איהר קאָנט אויף זיי קיינמאָל ניט האָבען קיין פאַראיבעל, קיינמאָל ניט טראָגען קיין שנאה, קיין פאַרדראָס; און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל יאָ עפּיס, עס פאַרקלויבט זיך אַ רוח אין האַרצען און איהר געהט אַוועק אַהיים אַיין אָנגעשטויסענער, — איז גענוג, איהר זאָלט קומען צו געהן און באַגעגענען זיך מיט זייער בליק, הערען פון זיי דאָס ערשטע וואָרט, — געהט אַלץ אַוועק מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך, און איהר פאַרגעסט אין איין אויגענבליק, צי איהר האָט ווען עפּיס געהאַט קעגען זיי, און איהר זענט גרייט פאַר זיי צו קריכען אין דער ערד אַריין. אָט אַזעלכע מינים באַשעפענישען זענען ראָס. נו, געהט טהוט עפּיס! און ווער שמועסט, אָט די פייגעלע? ראָס איז גאָר איין אָנשיקעניש פון זיין ליעבען נאָמען! עס איז גענוג, זי זאָל געבען איין קוק אויף אייך מיט איהרע שענע, טיעפע קירצזיכטיגע אויגען — זאָלט איהר שוין איינגעמען אַ מיתה משונה! האָט קיין פאַראיבעל ניט, איך זאָג עס ניט אייך, איך זאָג עס מיר אַליין, וואָרום זי האָט מיך גאָר משוגע געמאַכט

שוואונדען!... פון מיר רעד איך נישט. איך בין נישטאָ. דאָס הייסט, געהן געה איך אהין אַלע טאָג, זיץ־אוים מיט זיי גאַנצע נעכט, רעדען פון אַמאָליגע גליקליכע טעג, דערמאַנען זאַכען מיט מעשיות מיט געשיכטען פון מיין טייערען פריינט פיני, פון דעם גוטען עהרליכען שאַפּיראָ, פונ׳ם העלד מישאַ גרוזעוויטש, וואָס די ציימונגען האָבען נאָכדעם אויף איהם געשריבען, אַז אין זיין פאַך, כעמיע, איז ער געוועז אַ זשעני... און אַוועקגעהן געה איך אַוועק פון דאָרט אַלע מאָל מיט אַ צעוועהטיגט האַרץ, מיט אַ פאַרדראָס, און איך פרעג מיך אַליין: פאַר וואָס האָב איך פאַרשפּיעלט מיין לעבען אַזוי נאַריש? וואו הויבט זיך אָן מיין ערשטער פעהלער און ווען וועט זיין דער לעצטער? אַז ליעב האָב איך זיי אַלע דריי, און טייער זענען זיי מיר אַלע דריי, און יעדע פון די דריי האָט געקאָנט זיין מיינע, און אפשר נאָך איצט אויך... און איטליכער פון די דריי בין איך אי ליעב, אי איבעריג, אי נויטיג, אי אָנגעוואָרפען. און לאָס איך איין טאָג ניט קומען, טהוט זיך חושך, און לאָס איך זיצען איין איבעריגע האַלבע שעה, זענען זיי מיך משלח, פשוט הייסען מיר נעמען דעם וועג. טהוען נישט פון דאַנען אהין, זיי זאָלען מיך ניט פרעגען. לאָס איך זיי עפּיס פירהאַלטען, זאָגען זיי, אַז איך האָב ליעב אומעטום זיך אַריינמישען, — ווער איך אין כעס און לויף־אַוועק און פאַרשליס מיך מיט דער קאַיז און זאָג אָן דער דיענסט, אַז טאָמער וועט מען צו מיר קלינגען, זאָל זי זאָגען, אַז איך בין ניטאָ, אַז איך בין אַוועקגעפאָהרען, און נעם מיך צו מיין טאַגעבוך. איך פיהר אַ טאַגעבוך שוין זעכס־און־דרייסיג יאָהר, איין אינטערעסאַנטעס בוך; איהר קאָנט שוין זיכער זיין! פאַר מיר אַליין פיהר איך דאָס בוך, נישט פאַר קיינעם. אַזוי לאַנג קרענקט די ליטעראַטור אייערע, ווי לאַנג זי איז וועדטה צו האָבען אַזאַ בוך, ווי מיין טאַגעבוך! אייך, קאָן זיין, וועל איך דאָס אַמאָל ווייזען, קיין אַנדערען — פאַר קיין געלט נישט... און וואָס טויג אייך, עס געהט ניט אַוועק קיין האַלבע שעה, קלאַפּט מען מיר אָן אין טיר. „ווער איז עס?" — „דאָס מיידעל פון די אַלמנות איז

שטאַרבט זיך ניט, וואָרום דער תּלין האָט ניט גוט אויפגעצויגען דעם שטריק, אָדער ער האָט זיך גאָר אָפּגעריסען און אַראָפּגעפאַלען צווישען טוידט און לעבען, און ער בעט זיך נעבאַך ביי די היני־ריכטער מיט אַ קוק פון זיינע האַלב־אָפּגעשטאָרבענע אויגען, מע זאָל איהם טהון זיין רעכט וואָס גיכער?... וואָס? איהר קאָנט ניט ליידען, אַז מע רעדט דערפון? איחר זענט אַ מפונק? איך בין אַזאַ מפונק, ווי איהר. און שטעלט אייך פאָר, אַז איך בין אַליין געקראָכען אומעטום, געוואוסט די מינוט, די רגע, וואָס מע וועט איהם הינריכטען, און געלייענט נאָכדעם אין די צייטונגען די באַשרייבונג, ווי אַזוי איינער פון די דריי (געהאַנגען האָט מען זיי אַלע דריי) האָט זיך לאַנג געראַנגעלט מיט'ן טוידט, מחמת ער איז געווען אַ שווערער (דאָס איז געווען באָמשטיין), האָט מען איהם צוויי מאָל געמוזט הענגען... אַזוי האָט מען געשריבען נאָכדעם אין די צייטונגען, און מיר האָבען עס געלייענט, דאָס הייסט, ניט מיר אַלע, געלייענט האָבען דאָס נאָר איך און ראָזע: פון דער באַבע מיט'ן אייניקעל האָבען מיר די בלעטער באַהאַלטען — און אַזוי האָט זיך די שטוב באַרייכט מיט נאָך אַ יונגער אַלמנה, אַלמנה נומער דריי!... און אַ טרויער האָט זיך געלעגט אויף דער שטוב, אַ שטילער, אַ טוידטער טרויער, אַזאַ טרויער, וואָס עס עקזיסטירט ניט פאַר איהם ניט קיין פאַרב, ניט קיין ווערטער; אַזאַ טרויער, וואָס באַשרייבען איהם טאָר מען ניט, וואָרום באַשרייבען איהם הייסט פּראָפאַנירען; אַזאַ טרויער, וואָס ווען אַ שרייבער פון אייערע שרייבערס ריהרט זיך צו צו דעם, וואָלט איך איהם איבער־געבראָכען די פינגער!... אַזאַ טרויער, וואָס מע דאַרף ניט, מע קאָן ניט און מע טאָר ניט פון איהם רעדען... אַלץ לעבט נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין די עראינערונגען. דריי אַלמנות — דריי לעבענס. נישט קיין גאַנצע לעבענס, נאָר האַלבע לעבענס, און נישט קיין האַלבע אויך, נאָר שטיקלעך לעבענס, אָנפאַנגען פון לעבען. איטליכס פון די דריי לעבענס האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי גוט, אַזוי פּאָעטיש, אַ שיין געטהאָן אויף אַ מינוט — און פאַר־

פון דער ריוויערא

געשריבען אין יאהר 1909.

גענקומען אייך רופען צום מיטאָג. וואָס זאָל מען איהר זאָגען?" — „זאָגט, אז איך קום באַלד צו געהן".

נו? וואָס וועט איהר עפּיס איצטער זאָגען, מיין ליעבער פריץ? וואָס הערט זיך עפּיס מיט אייער פּסיכאָלאָגיע?... איהר חאַפּט זיך געהן? קומט, איך געה אויך מיט אייך. איך דאַרף זיין ביי מיינע דריי אַלמנות. איין מאָמענט נאָר, איך וועל אָנ־זאָגען, מע זאָל דאָ געבען דער קאַץ עסען, וואָרום איך קאָן מיך דאָרט פאַרזיצען ביז טאָג אויך אַמאָל. מיר שפּיעלען אין „יעראַלאַש". אַמאָל אין פּרעפערענס. אין געלט שפּיעלען מיר. און איהר זאָלט זעהען, ווי יעדער וויל געווינען! און אז מע מאַכט אַ שלעכטען גאַנג, לעגט מען נישט קיין כבוד, ניט זיי אויף מיר, נישט איך אויף זיי. ביי מיר, אז עמיצער מאַכט אַ שלעכטען גאַנג אין קאָרטען, בין איך קאַפּאַבעל יענעם דורס זיין, צערייסען! וואָס באַדייט, למשל, אייער שמייכעל? איך וויים, גלויבט מיר, וואָס איהר טראַכט אַצינד. איך קען אייך דורך און דורך, און לאַך פון אייער באַבע! איהר טראַכט אַצינד אויף מיר: „איין אַלטער בחור, אַ בעל־כּעסן"...

עד כּאן אַלע דריי אַלמנות.

פֿון דער ריוויעראַ

— וואָס איז אַזעלכעס „ריוויעראַ״ — יאָלט איהר מיך ניט פֿרעגען. אַזוי ווי איך האָב פֿון דעם קיינמאָל ניט געוואוסט, אַזוי זאָלט איהר דערפֿון ניט וויסען. און הלואי וואָלט איך אויך דערפֿון ניט געוואוסט. קורץ, איהר ווילט וויסען, וואָס הייסט „ריוויעראַ״? וועל איך אייך זאָגען אין דריי ווערטער: „זשיד, דאוואַי הראָשי!״ ריוויעראַ — דאָס איז אַזאַ מין ערטעל אין איטאַליע, וואָס דאָקטוירים האָבען אויסגעטראַכט צו פֿרעסען געלט בײ׳ם עולם. דער הימעל איז דאָרטען שטענדיג לויטער. דער אייגענער הימעל, וואָס בײַ אונז. די זון אויך די אייגענע. נאָר דער ים דעקוטשעט — סכּנות! ער וואַרפֿט זיך, ער רוישט, דולט אַ ספּאָדיק — און איהר האַלט אין איין צאָהלען געלט. פֿאַר וואָס געלט? פֿאַר גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אָט דערפֿאַר אָ, וואָס דו בּיזט אַ בּהמה און האָסט זיך געלאָזט איינרעדען „ריוויעראַ״ — צאָהל געלט. און איהר צאָהלט. וואָרום, אדרבּה, זייט אַ בּריה און צאָהלט ניט! איהר מיינט, מע קריעגט זיך מיט אייך? זידלערײַ? בּזיונות? חלילה! דוקא מיט גוטען. קושענדיג נעמט מען צו בּײַ אייך די נשמה. איין מעלה האָט זי יאָ, די דאָזיגע „ריוויעראַ״ — דעם אמת קאָן מען ניט אָפּלייקענען — ס׳איז דאָרט וואַרעם. און אַז ס׳איז וואַרעם, זאָגט מען, הוסט זיך ווינציגער. און וואַרעם איז דאָרט שטענדיג, אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר. סײַ זומער, סײַ ווינטער. איהר מיינט, וואָס איז דער שכל? אַ

קוקט ער אויף מיר דורך די ברילען, האלט די הענט אין די קעשענעס און מאכט צו מיר: „דאס וועט זיין שפעטער". טראכט איך מיר: „גע'פועל'ט. ווילסט שפעטער, איז שפעטער"... איך קום צו געהן מארגען — ווידער א מאל דאס אייגענע: אויסגעהערט, אויסגעפרעגט, אויסגעטאפט און אויסגעקלאפט — הייסט ער מיר קומען איבערמארגען, וועט ער מיר אריינשפריצען. פרעג איך איהם: „האט קיין פאראיבעל ניט, הערר דאקטער, וואס קומט אייך?" זאגט ער: „שפעטער". שפעטער, איז שפעטער. קום איך צו געהן איבערמארגען, שפריצט ער מיר אריין און הייסט מיר קומען מארגען, וועט ער מיר מאכען מאסאזש. קום איך צו געהן מארגען, ער זאל מיר מאכען מאסאזש, מאכט ער מיר מאסאזש, דאס הייסט, ער רייבט מיר איין דאס נעכטיגע אריינשפריצעכטס, אזוי דארף מען פארשטעהן, און הייסט מיר קומען מארגען, וועט ער מיר ווידער א מאל אריינשפריצען. פרעג איך איהם: „וואס קומט אייך?" זאגט ער: „שפעטער". שפעטער, איז שפעטער. אלע מאל די אייגענע חכמה, א טאג איבער א טאג: איין טאג אריינגעשפריצט, דעם אנדערען טאג איינגעריבען דאס אריינשפריצעכטס. איז מיר באלד ניט געפעלען דער שווינדעל. ממה־נפשך, ווילסט דו מיך שמייסען מיט צוויי ריטער — שמייס. צו וואס דארפסט דו נאך ציהען? וואו שטעהט דאס, אז אויף אריינשפריצען דארף מען א באזונדערען טאג און אויף איינרייבען דאס אריינשפריצעכטס ווידער א באזונדערען טאג? דאכט זיך מיר, אז ס'איז גלייכער ביידע זאכען אינאיינעם. דער שכל איז דאך מתחייב: אט האב איך דיר אריינגעשפריצט, אט האב איך דיר עס איינגעריבען. אלא וואס דען? צערעמאניע? דארפען מיר לערנען דעם פשט, אז דו ווילסט צאפען? צאפ! אי, אפשר צאפט זיך גאר נישט? טאמער איז נישטא פון וואנען? דו קענסט מיך? דו ווייסט מיך? ביזט געוועזען ביי מיר אין קעשענע? האסט געצעהלט מיין געלט?...

כך הוה. ס'איז אוועקגעגאנגען א חודש, שיקט ער מיר אריין דורך דער פאסט א רעכענונג. איז מיר פינסטער געווארען אין די

פּראָסטער שכל: די זון וואַרעמט, איז וואַרעם. בכן, איז וואָס? אַז מע הייצט גוט אויס, איז ביי אונז אויך ניט קאַלט. זאָגען זיי אָבער — „לופט". אמת, די לופט איז ניט קיין שלעכטע לופט. סע שמעקט ניט שלעכט. ווי מיט בשמים. ניט די לופט שמעקט, די מאַראַנצען שמעקען. עס וואַכסען דאָרט מאַראַנצען. ווייס איך ניט, צי מע דאַרף פאָהרען צוליעב דעם אזש אהין. לופט איז, דאַכט זיך, פאַרהאַן אומעטום. און מאַראַנצען קאָן מען קויפען ביי אונז אויך. זאָגען אָבער די דאָקטוירים, אַז לופט צו לופט איז ניט גלייך. די לופט, זאָגען זיי, וואָס שמעקט מיט בשמים, היילט. אַזוי זאָגען זיי, די דאָקטוירים הייסט עס. נאָר מאַלע וואָס דאָקטוירים זאָגען! למאי זיי זאָגען, אַז דער ים, וואָס אויף דער „ריוויערא", ציהט אַרויס אַלע שלאַפקייטען? איך וועל אייך ניט זאָגען, אפשר ציהט ער ביי עמיצען אַרויס שלאַפקייטען. ביי מיר ווייס איך, אַז ער האָט אַרויסגעצויגען וואו איך האָב געהאַט ערגיץ אַ גראָשען, אָט דער דאָזיגער ים! און ניט אַזוי דער ים, ווי די דאָקטוירים. מיר האָט גאָט צוגעשיקט אויף דער „ריוויערא" אַ דאָקטער, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — נו־נו! דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו אַ גאַנץ ליעבליכער מענטש, דוקא אַ איד, און נאָך וואָסער אַ איד! רעדט אידיש, ווי איך מיט אייך, און אַזוי־זים, אַזוי קוגעלדיג, שטרודעלדיג, צימעסדיג — גאָר אַ מחיה. נאָר געלט קאָן עס צאַפּען, אוי צאַפּט דאָס! מאָהלט אייך, וואָס ביי מיר וועט מען שוין אָנצאַפּען! געטראָפען דעם אָרט! איך האָב מיך מיישב געווען, הערט איהר, און האָב מיך געלאָזט פיהרען ביז דער לעצטער מינוט. איך האָב באַלד אַרויסגעזעהען, מיט וועמען איך האָב צו טהון. נאָר איך האָב מיך געמאַכט ניט־וויסענדיג. ווילסט צאַפּען — צאַפּ. תחילת הערט ער מיך אויס, פרעגט מיך אויס, טאַפּט מיך אויס מיט העמערלעך און מיט קלעפּערלעך, מיט טרייבלעך און מיט רעהרלעך, און הייסט מיר קומען מאָרגען. פרעג איך איהם: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, הערר דאָקטער, איך ווייס ניט די היגע מנהגים; וואָס קומט אייך פאַר'ן וויזיט?"

ווייסט וואָס. נישט געוואָלט לערנען — אַ נייִשט אַ לעק. אַ שלעכט קינד. גע׳הרג׳עט, גע׳ממית׳ט, געוואָלט אַרויסשלאָגען דעם עקשן — איז ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. אַ שלעכט קינד. וואָס טהוט מען? זאָגט צו מיר מיינע: „מאַך איהם פאַר אַ בעל־מלאכה". „אַ בעל־מלאכה? משוגע מיינע שונאים!" „וואָס זשע! אַז דו וועסט איהם דער׳הרג׳ענען, וועט זיין בעסער?" אהין־אַהער, איך זעה — זי איז גערעכט. געה איך און געב איהם אָפּ צו אַ בעל־מלאכה, צום בעסטען שניידער, און באַדינג מיך מיט איהם אויף דריי יאָהר פאַר דריי הונדערטער: „נאַט אייך איהם, דעם תכשיט, און מאַכט מיר איהם פאַר אַ בעל־מלאכה"... און כ׳האָב מיך צע־שריבען, מיט׳ן דאָזיגען שניידער, בפירוש, אַז אין אַ משך פון דריי יאָהר דאַרף ער איהם מאַכען פאַר אַ פאַרטיגען בעל־מלאכה, און איך דאַרף איהם אייִנצאָהלען דערפאַר דריי הונדערטער. אַוועק־געגאַנגען דאָס ערשטע יאָהר — מיין שניידער איז געקומען, אָפּ־גענומען דעם ערשטען הונדערטער, זיך צעשריבען. פיין. אַוועק־געגאַנגען דאָס אַנדערע יאָהר — מיין שניידער איז געקומען, אָפּ־גענומען דעם אַנדערען הונדערטער, זיך צעשריבען. פיין. אַוועק־געגאַנגען דאָס דריטע יאָהר — מיין שניידער איז ניטאָ. איך וואַרט אַ וואָך. איך וואַרט צוויי — ניטאָ. וואָס איז די מעשה? געה איך אַוועק צו מיין שניידער: „רב חייט, פאַר וואָס זענט איהר נישט געקומען, זאָג איך, נאָכ׳ן דריטען הונדערטער?" מאַכט ער צו מיר: „עס קומט מיר ניט". „וואָס איז דער שכל?" „דער שכל, זאָגט ער, איז אַ פּראָסטער שכל. אונזער שניידעריי, זאָגט ער, באַשטעהט פון דריי פונקטען: אַ שניידער, זאָגט ער, דאַרף קאָנען, ע ר ש ט ע נ ס, די מלאכה. צ ו ו י י ט ע נ ס, דאַרף ער, זאָגט ער, קאָנען אַרונטערנעמען אַמאָל אַ שטיקעל יתור, אַז עס בלייבט איבער. ווילט איהר דאָס, זאָגט ער, אָנרופען גנבה, רופט דאָס אָן, ווי איהר ווילט. און, ד ר י ט ע נ ס, זאָגט ער, דאַרף אַ שניידער קאָנען אויסטרינקען, נעמען, הייסט עס, אַמאָל אונטער אַ יום־טוב, אַ ביסעל בראָנפען. איז אויף צוויי פונקטען

אויגען. פֿאַר יעדען אַריינשפּריצעכטס הייסט ער זיך באַצאָהלען צעהן פֿראַנקען — דאָרט צאַפּט מען געלט אויף די פֿראַנקען — און פֿאַר יעדען איינרייבען דאָס אַריינשפּריצעכטס — פֿינף פֿראַנקען. נישקשה פֿון אַ רעכענונג! פֿון אַזאַ מין קוראַציע קאָן מען טאַקי געהן אין גאָלד! האָב איך מיך מיישב געווען — וואָס טהוט מען? זיך דינגען מיט איהם? דאָס וועל איך צייט האָבען שפּעטער. אַז מאָנען מאָנט ער ניט, דער חכם, היינט צו וואָס זאָל איך מיך חאַפּען? געה איך צו איהם, ווי איך בין געגאַנגען, אַ טאָג איבער אַ טאָג, און ער שפּריצט. איך געה, און ער שפּריצט. און אָט אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט, איז פּורים. צייט קלערען מכּח פֿאָהרען אַהיים. ובפֿרט, אַז אין געזונט, דאַנק גאָט, פֿיהל איך מיך אויך נישקשה'דיג, גאַנץ נישקשה'דיג. מע קאָן זאָגען — למאי זאָל איך לייקענען? — הלואי ווייטער ניט ערגער; בעסער האָט קיין שיעור ניט. דאַרף מען, הייסט עס, אַפּנים, זיך אָפּגעזעגענען מיט'ן קלוגען דאָקטער און פֿאָהרען אַהיים! קום איך צו געהן צום דאָקטער: „אַזוי און אַזוי, הערר דאָקטער, איך פֿאָהר אַהיים". זאָגט ער: „געזונטערהייט". זאָג איך: „נו? און מכּח דער רעכענונג? מע דאַרף דאָך צעצאָהלען זיך מיט אַייך אויך, צי ניין?"... קוקט ער אויף מיר דורך די ברילען, האַלט די הענט אין די קעשענעס און מאַכט צו מיר: „נו?" ווי איינער רעדט: אין וועמען איז דען די מניעה? רוף איך מיך אָן צו איהם: „האָט קיין פֿאַראיבעל ניט, הערר דאָקטער. איידער מיר וועלען זיך מיט אַייך צערעכענען, וואָלט איך אַייך דערצעהלען פֿריהער אַ מעשה, אויב איהר האָט צייט"... מאַכט ער צו מיר: „קיין צייט האָב איך ניט, נאָר אויב נישט קיין לאַנגע, דערצעהלט". זעץ איך מיך אַוועק און דערצעהל איהם די מעשה:

„ווי איהר זעהט מיך, זאָג איך, בין איך אַ איד, דאַנק גאָט, אַזוי זיך. און קינדער, דאַנק גאָט, האָב איך אויך, פֿינף זאָלען געזונט זיין. פֿינף זיהן. זענען פֿיער פֿון זיי דווקא וואוילע קינדער, געראָטענע, נאָר איינער, ניט פֿאַר אַייך געדאַכט, — אַ דער רוח

גיטעל פורישקעוויטש

א מעשה, ווי אזוי א אידינע איין אלמנה, וואס הייסט גיטעל און האנדעלט מיט וויסאצקי׳ס טיי, האט נאך דריי יאהר שווערע ארבייט אין דער דריטער דומע סוף־כל־סוף ארויסגעראטעוועט איהר בן־יחיד פון דיענסט, אוועקגעגעבען א גאנצע פריסוטססטוויע פאר־סוד, און דעריבער באקומען אין שטאדט דעם נאמען פורישקעוויטש.
דערצעהלט אין איין אטעם טאקי פון איהר אליין.

געשריבען אין יאָהר 1911.

אײַער זוהן, זאָגט ער, אַ פּאַרטיגער בעל־מלאכה. דאָס הייסט, ער איז נישקשה פון אַ גנב, און מיט אַ ביסעל בראָנפען וועט ער זיך, זאָגט ער, אויסגלייכען מיט אַלע שכורים. נאָר אַ בעל־מלאכה — דאָס, זאָגט ער, וועט ער ניט זיין ווייל ער וועט לעבען. הייסט פאַר וואָס קומט מיר אַ הונדערטער?"...

אויסגעהערט די מעשה, מאַכט צו מיר דער דאָקטער: „אָקעגען וואָס זשע, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רעד?" „אָקעגען דעם, זאָג איך, וואָס אײַער מלאכה, זאָג איך, דאָקטאָריע הייסט עס, באַשטעהט, ווי יעדע מלאכה, פון דריי פּונקטען: מע דאַרף זיין, ערשטענס, אַ גוטער דאָקטער. צווייטענס, דאַרף מען זיין אַ מענטש מיט יושר. און, דריטענס, זאָג איך, דאַרף אַ דאָקטער קאָנען מאַכען געלט. וועלכער פּונקט פון די ערשטע צוויי פּונקטען עס וועגט ביי אייך אריבער — דאָס, זאָג איך, וויים איך ניט. נאָר וואָס פאַר אַ דאָקטער איהר זענט, זאָג איך, אויף חשבונות מאַכען — אויף מיר אַזאַ יאָהר. און איצטער, זאָג איך, אייער סחורה, מיין געלט — לאָמיר זיך דינגען"...

פאַרשטעהט זיך, אַזוי פיעל מכות אונזערע שונאים, וויפיעל איך האָב אָפּגעריסען ביי איהם מעהר פון צוויי דריטעל. נאָר, גלויבט מיר, ס'איז דאָס אויך ניט ווערטה, וואָרום איך זאָל גלאַט זיצען אין דער היים און גאָרנישט טהון, און ס'זאָל מיר זיין באַ־ שערט, וואָלט איך סאַי ווי סאַי געזונט געוואָרען — הייסט וואָס איז מיר די „ריוויערא"?

גיטעל פורישקעוויטש

— זעהט נאָר, ווי מע האָט זיך עס צונויפגעקליבען, ווי אויף א בייז וואונדער! צעגעהט אייך, אידען, ווי זאַלץ אין וואַסער. כ׳עוועט נישט באַווייזען קיין קאָמעדיעס און מע וועט נישט דער־צעהלען קיין בבא־מעשיות, אויפ׳ן הימעל א יאַריד. מע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז פאַרהאַן עפּיס איינער א שלום־ליכעם, וואָס שרייבט. אָט דאָס זענט איהר אַליין טאַקי אָט דער שלום־ליכעם, וואָס שרייבט? שרייבט זשע טאַקי, די האַנט זאָל אייך גאָר נישט וועה טהון שרייבענדיג. די גאַנצע שטאָדט זאָלט איהר באַשרייבען, פון אויבען ביז אַראָפּ. נישקשה, זיי האָבען עס כשר פאַרדיענט. און דערהויפּט — די נגידים, די מיוחסים פון גאָט, וואָס האָבען זיך אַיינגערעדט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען פון זייערטוועגען. מיר דאַרפען האָרעווען און פאַרשוואַרצט ווערען, און זיי ווילען זיך אויסקויפען פאַר געלט פון אלע צרות און פון אַלע גזירות, און נאָך מאַכען חוזק פון א אידינע איין אַלמנה, וואָס לעבט פון וויסאָצקי׳ס טיי. איך שטעל־צו וויסאָצקי׳ס טיי שטעל איך צו אין אַלע בעל־הבתּישע הייזער אויף אויסצאָהלען, און דערפון ציה איך מיר מיין שטיקעל ברויט מיט מיין קינד, איין שמיקעל בן־יחיד, וואָס מע האָט דאָס געוואָלט ביי מיר אַוועקנעמען פאַר פרעמדע זינד. איהר מעגט דאָס האָרכען, וואָס עס קאָן זיך פאַר־לויפען אויף דער וועלט. מיר דאַכט, אַז זינט די וועלט איז א וועלט, האָט זיך נאָך נישט געטראָפען, אַז מע זאָל צונעמען איין־

מוח. בין איך געגאַנגען און האָב איהם צוגענומען פונ׳ם שוסטער און אָפּגעגעבען איהם צו איין אײנבינדער אַ שלים־מזל, וואָס זיצט אָהן פּרנסה, קוקט נישט אָן קיין שטיקעל אַרבּייט אין די אויגען. האָב איך איהם אָפּגענומען פונ׳ם אײנבינדער דעם שלים־מזל און אָפּגעגעבען איהם צו אַ זייגערמאַכער, נאָך אַ גרעסערען שלים־מזל, וואָס נישט ער פאַרריכט זייגערס, נאָר ער מאַכט זיי קאַלי. אַזוי זאָגען אַלע אין שטאָדט. וואָס זשע דאַרף איך, אַז ער זאָל מיר מאַכען מיין זוהן פאַר אַ קאַליקע? האָב איך איהם אָפּגענומען פונ׳ם זייגערמאַכער און האָב איהם אָפּגעגעבען צו אַ שמוקלער, ער זאָל איהם לעהרנען דרעהען, שמוקלעריי הייסט עס, און איך האָב מיך מיט איהם צעשריבען, מיט׳ן שמוקלער הייסט עס, אויף צוויי יאָהר, דאָס הייסט, צוויי יאָהר דאַרף ער איהם דרעהען אומזיסט, און אויפ׳ן דריטען יאָהר, אַז ער וועט שוין קאָנען גוט דרעהען, וועט ער שוין עפּיס פאַרדיענען אויך. און גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָב אָנגעטראָפען אויף אַ רעכטען בעל־מלאכה, וואָס האָט אפילו ליעב דעם טרונק, דערפאַר האָט ער אָבער אויסגעלעהרענט מיין זוהן דרעהען אין אַ סך וויינציגער, ווי איך רעד מיט אייך. די אַרבּייט האָט איהם פאָליובּעט, און מיין משה איז אין איין האַלב יאָהר געוואָרען אַ פאָלנע שמוקלער. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, אַז ער דאַרף איהם דרעהען אומזיסט צוויי יאָהר דורכ־אַנאַנד? צעשריבען זיך — איז פאַרפאַלען. גאָט האָט מיר געהאָלפען, די צוויי יאָהר זענען אויך איבערגעלאָפען. מאָהלט אייך, עס רעדט זיך אַזוי: איבערגעלאָפען! אַז איך האָב איבערגעלעבּט די צייט, בין איך גלאַט איין אײזערנע; און אַז איך בין שוין איבּערגעקומען, זענט איהר שוין פאַרטיג? דאַרף מען ערשט געהן קריגען איהם ערגיץ אַ שטעלע, אָדער זוכען אַרבּייט, שמוקלעריי — וואו זשע האָט איהר אַרבּייט? אַ שכור האָט פאַרלוירען, אַ ניכ־טערער האָט געפונען? און דאָ בין איך איין מענטש אַליין, מיט׳ן פונט טיי איבּער די הייזער, און די קאָנקורענציע איז גרויס, און איין אָנזעץ האָב איך אויך געהאַט. אַ איד אַ בעל־הבית האָט אָנ־

און־איינציגען בן־יחיד, אַ קאַרמאַק אויף די עלטערע יאָהרען, ביי אַ מאַמע איין אַלמנה, וואָס פריהער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי קאָן זי זיך באַריהמען, אַז זי לעבט אויף דער וועלט. אַלץ הייסט געלעבט. גוט געשטאָרבען הייסט אויך געלעבט. וואָרום וואָס האָט מען פון'ם פּונט טיי, משטיינס געזאָגט, ביי היינטיגע קאָנ־קורענציעס, אַז וואו ערגיץ אַ איד איין אָרעמאַן, טראָגט ער ארום איבער די הייזער טיי צו פאַרקויפען. דאַרף מען זיך שמייסען. אַז יענער וואַרפט־אַראָפּ צעהן, וואַרף איך אַראָפּ פופצעהן, און אַז יענער וואַרפט פופצעהן, וואַרף איך צוואַנציג. ביז וואַנעט איז דער שיעור צו וואַרפען? איך בין דאָך נישט וויסאָצקי! ביטער ווי דער טוידט, וואָס זאָלט איהר קלערען? דער גאַנצער ארויס־קוק מיינער איז מיין קאָרמאַק אויף דער עלטער, מיין משה. איך פאַרמאָג איין שטיקעל בן־יחיד, פון מיין מאַן אַ ירושה, משטיינס געזאָגט. אפילו זעהר אַ וואויל קינד, איך קאָן מיך נישט באַקלאָגען. אַ געזונטער, אַ שענער, אַ גלאַטער, מיט אַלע מעלות, נאָר לערנען האָט ער נישט געוואָלט. ווי אַזוי, מיינט איהר, נישט געוואָלט? חאָטש האַק איהם, חאָטש בראָק איהם. וואָס וועט זיין, זאָג איך, דער תכלית, משה, אַז לערנען נישט, שרייבען נישט, ראַווענען אויך נישט, — קומט דיר אוים צו זיין נאָר אַ הינטשלעגער! ענטפערט די וואַנט? בין איך געגאַנגען און האָב איהם אוועק־געגעבען פאַר אַ בעל־מלאכה, צו אַ שניידער, און אָפּגערעדט מיט'ן שניידער בפירוש, אַז ער זאָל איהם לעהרנען שניידעריי. איז אַזוי ווי איהר קוקט־אָן אַ נאָדעל־פאָדעם, אַזוי האָט ער אָנגעקוקט ביי איהם אַ נאָדעל־פאָדעם. טאָג ווי נאַכט ארומגעטראָגען זיך מיט'ן קינד, אָדער געהאָלפען דער שניידערין שיילען קאַרטאָפּלים, אָדער ארויסגעטראָגען די פּאָמוניצע. אָנוואַרעמען דאָס פרעסעל — דאָס איז שוין געווען אַ זכיה. בין איך געגאַנגען און האָב איהם אָפּ־גענומען פון'ם שניידער און אוועקגעגעבען צו אַ שוסטער. האָב איך אָנגעטראָפען אויף אַ רוצח, אַ גזלן, וואָס טאָמער עפּיס נישט אַזוי, קאָן ער אייך וואַרפען אַ האַמער אין קאָפּ און צעשלאָגען דעם

עין־הרע, דוקא אַ יונג מיט ביינער, אָהן אַ ברעקעל חסרון. מע קאָן זאָגען, אַ גבר. דאָס הייסט, דעם נגיד'ס איינִיקלעך זענען אויך נישט קראַנק צו געהן דיענען, נאָר זיי בראַקעוועט דער דאָקטער. דערזעהט ער אַ נגיד'ס אַ קינד — איז „נע גאָדים", און טהו איהם עפּיס! וועל איך שווייגען? בין איך אַוועק באַצייטענס צום פּרינצעדראַטעל און זאָג צו איהם אַזוי: „אדוני פּריץ, דעם נגיד'ס צוויי שטיקלעך סחורה האָט מען שוין ארויסגעבראַקעוועט; טאָמער חלילה בראַקעוועט מען ווייטער, קאָן עס דערגרעהן צו מיין משה'ן, און מיין משה איז ביי מיר, זאָג איך, איין־און־איינציגער קאָרמאַק אויף דער עלטער"... ווערט ער מלא רציחה און הייסט, מע זאָל מיך ארויסוואַרפען פון דער פּריסוטסטוועו. און כּך הוה. איידער מע האָט נאָך אַריינגעפיהרט דאָס דריטע שטיקעל סחורה פון'ם נגיד, האָט דער דאָקטער שוין געזאָגט „נע גאָדים", און מע האָט שוין אַריינגעפיהרט מיין משה'ן, און מע האָט איהם שוין אָפּגעגעבען, און ער האָט שוין אָפּגעשוואָרען, און מע האָט איהם שוין געזאָגט נאַ־ליעוואָ־נאַ־פּראַוואָ, אַ שלאַק האָט מיך געטראָפען, אין חאַרקעווער גובערניע, און אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע — וועל איך שווייגען? בין איך אַוועק צום פּרינצעדראַטעל און האָב איהם אָפּגעשפּיעלט אַ פּריהמאָרגען: נגיד'ישע קינדער וועסט דו בראַקעווען, און איין שטיקעל בן־יחיד פון אַ מאַמע איין אַלמנה, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי — וואו איז סאָוועסט? וואו איז גאָט? הייסט ער דאָך מסתמא, מע זאָל ארויסוואַרפען די זשידאָווקע. איז אָבער די זשידאָווקע נישט פויל אויף דער פּען און פאָהרט־אַוועק אין דער גובערניע אריין גלייך צום גובערנאַטער, און אַ פאַל צו די פיס: אדוני פּריץ, אַזוי און אַזוי: דריי איינִיקלעך דעם נגיד'ס האָט מען פאַרבראַקעוועט, און מיין משה'ן, איין שטיקעל בן־יחיד ביי איין אָרעמער אַלמנה, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, אויף די עלטערע יאָהרען אַ קאָרמאַק — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? הערט ער מיך אויס, דער גובערנאַטער, און זאָגט מיר, איך זאָל עס איהם דערלאַנגען אויף פּאַפּיער.

גענומען בײַ מיר דרײַ מיט א האַלב פּונט טײ אויף אויסצאָהלען און האָט אין איין נאַכט עוקר געווען, אַוועק, זאָגט מען, קיין אַמעריקע — א חלירע וואָלט איך זיך אויף איהם גיכער געריכט! איך האָב דעמאָלט געמיינט, אז די גאַנצע וועלט איז אויף מיר געפאַלען. א קלייניגקייט — דרײַ מיט א האַלב פונט טײ אויף צוויי רובעל מיט צוואַנציג? און מע מוז עס האַלטען אין זיך, וואָרום טאָמער ווערט געוואָהר וויסאָצקי, אז איך האָב איין איינ־פאַל, קאָן עס מיר זײַן א סגולה צו קרעדיט. וואָס זשע טהוט גאָט? זאָגט ער: „גיטעל, דו ווײַנסט? וואַרט־אויס, דו וועסט ערשט ווײַנען. אָט געהט אויף דיר א פריזיוו”... וואָס פריזיוו? ווער פריזיוו? איין שטיקעל בן־יחיד בײַ א מאַמע איין אַלמנה, וואָס פריהער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי — וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אין דער וועלט? וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? נאָר געה שרייַ חי וקיים! אז ס'איז באַשערט צרות, באַ־דאַרף מײַן משה שטעהן אקוראַט אין איין יאָהר מיט אונזער נגיד'ס דרײַ אייניקלעך, פון דרײַ טעכטער, דרײַ מכּות זאָל זיך זײַ זעצען יעדען באַזונדער אויף אַזאַ איין אָרט — זײַ זאָלען נישט קאָנען ניט שטעהן, ניט געהן, ניט ליגען, ניט זיצען. מע האָט מיר אָבער געזאָגט: „גיטעל, זעהט נאָר, אייער משה זאָל נישט זײַן א קרבן פאַר אונזער נגיד'ס אייניקלעך”. חאַ־חאַ, וואָס הייסט? מיינער איז א בן־יחיד, איין־און־איינציגער קאָרמאַק בײַ איין אָרעמער אַלמנה, וואָס פריהער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי, און יענער איז א נגיד, א גביר, איין אַדיר, א מיליאָנטשיק — סײַדען ס'איז חלילה נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט! נאָר רער כּח פון געלט — מע האָט גענומען אַרײַנפיהרען אײַנציגווײַז דעם נגיד'ס אייניקלעך, פריהער איינעם — „נע גאָדים”. דערנאָך דעם אַנדערען — „נע גאָדים”. איז מיר געוואָרען גוט, וואָס זאָלט איהר קלערען? וואָרום טאָמער חלילה זאָגט מען דעם דריטען אויך „נע גאָדים” — איז דעמאָלט אַז אָך און וויעה צו מײַן משה'ן! און, ווי אויף צו־להכעיס, איז, צו מײַנע גרויסע צרות, מײַן משה, קיין

פריסוטסטוועס און מיט טשינאָווניקעס, האָב איך אָנגעהויבען זיי אריינטראָגען וויסאָצקי'ס טיי אין שטוב אריין, געבען אויף אויסצאָהלען — און פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, איך האָב מיר פאַרדיענט נישט נאָר מיין ביטער אויסקומעניש, איך האָב שוין געהאַט צו שיקען מיין משה'ן אין פאָלק אריין אויך, אמאָל אַ קערבעל, אמאָל צוויי. איין זאַך איז נאָר געווען ביטער: פראַוואָזשיטעלסטווע! ווען איך האָב אַ פראַוואָזשיטעלסטווע אין פּיטערבאַרג, וואָלט איך גאָר געווען אַ קייסעריני. נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַט צרות, נישט קיין פראַוואָזשיטעלסטווע, איז טאַקי געווען ביטער, ווי דער טוידט. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, מע זאָל מיך אַרויסשיקען פון פּיטערבאַרג, טאַקי פּאָ עטאַפּו, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. האָט מיר דער אויבערשטער צוגעשיקט איינע אַ מאַדאַם, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, זאָל איהר גאָט געבען לאַנגע יאָהר, רבונו של עולם. עפּיס טאַקי נאָר אַ מלאך, נישט קיין מענטש. אַ חוץ וואָס זי האָט מיך אויסגעלייזט פון אַלע צרות, האָט זי מיך נאָך באַקענט מיט פאַרגאַמענטען. מסתמא האָט איהר געהערט פון איהם? אין דער דומע איז ער געווען פון די, וואָס רעדען. אַ מענטש אָהן אַ גאַל, און אַ פאַרשוין — ער זאָל נאָר האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן. וואָס דער האָט זיך אַוועקגעלעגט פאַר מיר! מיר געגעבען אַ בריעף און נאָך אַ בריעף, אַלין צו אַזעלכע מענטשען, וואָס מע דאַרף האָבען אַ זכיה איידער מע טרעט גאָר צו צו זיי. האָבען זיי מיך אויסגעהערט און אָפּגעשיקט איינער צום אַנדערען, דער אַנדערער צום דריטען, אַלע מאָל העכער און העכער, ביז אין דער דומע אַריין. און איך האָב אָנגעהויבען געהן אין דער דומע אַריין כמעט אַלע טאָג, און אמאָל — צוויי מאָל אַ טאָג, אויסגעהערט אַלסדינג, וואָס מע רעדט אין דער דומע. און רעדען רעדען דאָרטען אַלע, נאָר שענער פון אַלע — אָט דער פאַרגאַמענט. ער, אַז ער פלעגט זיך אַוועקשטעלען רעדען, זאָג איך אייך, אַז אַ וואַנט קאָן עס נעמען, אַ שטיין קאָן צעגאָסען ווערען. אַ קליינינגקייט פאַרגאַמענט! דערפאַר האָט ער געהאַט שונאים אין דער דומע, וואָס

זאָג איך: אדוני פריץ! וואָס דאַרפסט דו פּאַפּיערען? אָט הערסט דו פון מיר קלאָרע דבורים; נעם, שיק, דערפרעג זיך, וועסט דו זעהן, אַז אַליז, וואָס איך זאָג דיר, איז תּורת אמת. זאָגט ער צו מיר נאָך אַ מאָל: „אויף פּאַפּיער, אויף פּאַפּיער". זאָג איך איהם: פּריצ׳וניו! איך בּין נישט קיין אידינע פון פּאַפּיערען און מיט מסירות פּאַרנעם איך זיך נישט; איך דערצעהל דיר נאָר, וואָס מיר טהוט וועה. נגידים בּראַקעוועט מען, און אָרעמע בּני־יחידים נעמט מען צו — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? זאָגט ער: „גוואַלד, וואָס וויל פון מיר די אידינע?" זאָג איך: זי וויל, מע זאָל דערגעהן דעם אמת און איהר אומקעהרען דעם קאָרמאַק, ווייטער גאָרנישט. הימעל און ערד האָבּען געשוואָרען, אַז דער אמת מוז אַרויף, ווי בּוימעהל אויפ׳ן וואַסער. ווערט ער שוין אין כּעס, דער גובּערנאַטער, און הייסט אַרויסוואַרפען די זשידאָווקע. פוילט זיך נישט די זשידאָווקע און פאַרקויפט־אויס וואָס זי האָט, און לאָזט זיך אַוועק זוכען דעם אמת גלייך קיין פּייטערבּאַרג. אין פּייטערבּאַרג איז פאַרהאַן אַ מיניסטער וואָיעניך דיעל מיט אַ מיניסטער וונוטרעניך דיעל מיט אַ סינאָד. און אַז מע וועט דאַרפען צום קייסער, וועל איך נישט טרעפען? מיט׳ן אמת קאָן איך קומען אפילו פאַר גאָט. און כּך הוה. געקומען קײַן פּייטערבּאַרג, האָט זיך אָנגעהויבּען אַ חתונה מיט אַ פּראַוואָ־זשיטעלסטווע, מיט אַ טרייבּעניש. זאָג איך, אַז פאַר אַרויסטרייבּען האָבּ איך קיין מורא נישט; מורא האָבּ איך נאָר פאַר גאָט, זאָג איך, און פאַר׳ן קייסער, און ווייטער פאַר קיינעם נישט, וואָרום איך געה, זאָג איך, פאַר׳ן אמת. און דערווייל עסען דאַרף מען אויך, מע קאָן די נשמה ניט אויסשפּייען. וואָס טהוט מען? צו קיין נדבות בּין איך נישט געוועהנט געוואָרען. בּין איך געפאַלען אויף איין עצה. פּייטערבּאַרג איז דאָך נישט קיין דאָרף, פאַרהאַן, בּרוך־השם, אידען אומעטום, און וויסאָצקי׳ס טיי קען מען אין פּייטער־בּאַרג אויך, אפשר נאָך מעהר ווי אומעטום. אַלע טשינאָווניקעס טרינקען וויסאָצקי׳ס טיי. און אַזוי ווי איך האָבּ צו טהון מיט

האָב איך אַזוי פיעל טרערען נישט פאַרגאָסען, ווי יענעם טאָג, וואָס מע האָט מיר געזאָגט, אַז פאַרגאַמענט איז געשטאָרבען. איין איינציגער טאַטע דאַרף אַזוי נישט באַנג טהון. איך קאָן אייך זאָגען, אַז זינט דער פאַרגאַמענט איז אַוועקגעשטאָרבען, איז מיר נמאס ומאוס געוואָרען אָט דאָס פּייטערבאַרג מיט דער דומע מיט דער גאַנצער וועלט. ווען פאַרגאַמענט זאָל זיין, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זענען אויך זעהר וואוילע מענטשען, למאי זאָל איך זאָגען? נאָר נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זענען נישט פאַרגאַמענט. איך קום צו געהן צו נוסעלאָוויטשען אָדער צו פרידמאַנען מיט אַ געוויין, זאָגען זיי מיר, אַז זיי קאָנען מיר גאָרנישט העלפען, זיי קאָנען נישט געהן קעגען זאַקאָן. זאָג איך: וואו איז דאָ אַזאַ זאַקאָן, אַז אַ נגיד, אַ גביר, איין אַדיר, אַ מיליאָנטשיק — זאָל מען זיינע דריי ממזרים אַרויסבראַקעווען איינס נאָך דאָס אַנדערע, און פאַר זיי זאָל דיענען איין־און־איינציגער בן־יחיד, אַ קאָרמאַק פון איין אָרעמער אַלמנה, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי? אדרבה, זאָג איך, ווייזט מיר, זאָג איך, אָט דעם זאַקאָן! אַ דומע, זאָג איך, מיט קיין עין־הרע אַזוי פיעל מענטשען, און אַלע, זאָג איך, רעדען, און אַלע שרייען, זאָג איך, און אַלע זידלען זיך, — פאַר וואָס, זאָג איך, זאָל זיך נישט געפינען חאָטש איינער, זאָג איך, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר איין אָרעמער אַלמנה, זאָג איך, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי? איאָ, איהר שטומט? מע באַדאַרף, זאָג איך, האָבען צו אייך אַ פורישקעוויטש, איין אייגענעם, אַ אידישען פורישקעוויטש, וואָלט ער געלעהרענט, זאָג איך, מיט זיי בלק! שוין באַלד דריי יאָהר, זאָג איך, אַז איך בין אין פּייטערבאַרג און דרעה מיך אַרום דער דומע, האָט דען עמיצער, זאָג איך, געפּרובט אפילו אַ מויל עפענען וועגען אַזאַ רציחה, מע זאָל צונעמען ביי איין אָרעמער מאַמע, וואָס פריהער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, איהר איין־און־איינציג שטיקעל אָנשפּאַרעניש, איהר קאָרמאַק אויף דער עלטער? סך־הכל האָט זיך געטראָפען נאָר איין מאָל דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איינער, עפּיס

זאָל איך אייך זאָגן? און שטיגוטערעס! און שרייערס! ווי די הינט — אַזוי פּלעגן זיי איהם באַפאַלען און מאַכען אַזעלכע סקאַנדאַלען, אַז איך פּלעג קוים איינזיצען פון אויבען (מיין אָרט איז געווען אין דער דומע תּמיד פון אויבען). אַז איך דערמאַן מיך אָן דעם פּאַרגאַמענטען, שטעלען זיך מיר טרערען אין די אויגען. וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ דימענט, וואָס פאַר אַ בּאַרליאַנט דאָס איז געווען! אַז מע שמועסט אַ מלאך — איז דאָך נישט שייך צו זאָגען. אַלע געשעפטען און אַלע געסט פלעגט ער אַוועקוואַרפען און מיך אויסהערען און אויספרעגען, וואָס שרייבּט מיר מיין משה. וואָס זאָל ער מיר שרייבען? מיין משה שרייבּט מיר, אַז עס געהט איהם, דאַנק גאָט, אין דער סלוזשבּע גאָר ניט שלעכט. נאַטשאַלסטווע איז פון איהם זעהר צופריעדען, נאָר ער האָט צרות פון דעם פּידפּעבּעל. דער גוי טהוט איהם צום טוידט, ער זאָל איהם לייהען געלט. שווערט איהם משה, אַז ער האָט נישט. גלויבּט ער איהם נישט. ער זאָגט, אַז אַלע אידען האָבען געלט, האָבען זאָל ער קדחת מיט פּרעה'ס מכּות. נאַט אייך אַ פּידפּעבּעל! לאַכט ער, פּאַרגאַמענט הייסט עס. ער פלעגט ליעב האָבען צו לאַכען און טרייבען קאַטאָוועס. איך קום איינמאָל צו געהן צו איהם, בּעט ער מיך זיצען און פרעגט מיך, ווי זיין שטייגער איז, ווי געהט עס מיר אין פּייטערבּאַרג? זאָג איך איהם: „אויף אַלע משומדים געזאָגט געוואָרען". צעלאַכט ער זיך און פאַלט שיער נישט אַראָפּ פון'ם בּענקעל: „איהר ווייסט, זאָגט ער, אפּנים, נאָך נישט, אַז איך אַליין בּין אויך אַ משומד?" „אַזעלכע משומדים, ווי איהר, זאָג איך, מעגען זיין אַ סך. און וויפיעל ס'איז דאָ, זאָג איך, משומדים אויף דער וועלט, מעגען זיי שוין אַלע, זאָג איך, זיין די כּפּרה פאַר אייער מינדסטען נאָגעל!" לאַכט ער נאָך מעהר. געהט ריכט זיך, אַז אַזאַ מענטש ווערט נעמען און וועט געבּען אַ שטאַרבּ־אַוועק! און אַזוי פּלוצים! וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיין ליעבּער פריינט? מע טאָר עס נישט אַרויסרעדען, נאָר מיר דאַכט, אַז ווען מיין מאַן עליו השלום איז געלעגען אויף דער ערד,

— א משה? ! . . . .

. . . .

וואס איז געווען, ווילט איהר וויסען? גארנישט. מע האט מיך משלח געווען מיט כבוד פון דער דומע ארויס און נאך אפּגעפיהרט אין טשאסטו און געוואלט ארויסשיקען מיט'ן עטאפּ, אזוי ווי גאט האט געבאטען. האב איך זיי געזאגט, זאג איך, אז פאר ארויסשיקען האב איך קיין מורא נישט. איך האב מורא נאר פאר גאט און פאר'ן קייסער, ווייטער פאר קיינעם נישט. ווארום איך געה פאר'ן אמת. איך האב א חלק אין דער דומע, האב איך זיי געזאגט, גלייך מיט אייך. איהר, זאג איך, רעדט וועגען וואַיענסקי פּאווינאסט נאר מיט דער צונג, זאג איך, און מיין זוהן, זאג איך, דיענט טאקי דעם קייסער, חאטש ער איז א בן־יחיד. הכלל, זיי האבען זיך פון מיר נישט גענארט. זייער גליק, וואס איך בין נישט פארבליבען איבער פסח אין פּייטערבארג, בעת עס האט זיך אנגעהויבען אין דער דומע דאס קאכעניש מיט'ן בלוט, אז אידען נוצען בלוט אויף פסח. איך וואלט זיי באוויזען, ווער סע פארגיסט בלוט: מיר, צי זיי? איז אבער, אויף זייער טרפה'־נער הצלחה, בין איך אויף פסח אוועקגעפאהרען אהיים, ווארום מע האט מיר געגעבען צו וויסען פונ'ם מיניסטער וואיעניך דיעל, אז מיין משה'ן האט מען פון פאלק אומגעקעהרט אהיים, און עס איז א סברה, אז דער פרינצעדאטעל מיט'ן דאקטער מיט דער גאנצער פריסוטססטווע וועלען האבען א וויסטען סוף. זיי זענען אלע פאר־סוד. ווארום ס'איז געווען א רעוויזיע און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ס'איז ביי זיי געווען א פאבריקע פון ווייסע בילעטען; אידען און קריסטען — ווער עס האט געהאט גאט אין הארצען און א קערבעל אין קעשענע — דער איז „נע גאדים", און ארעמע לייט נעבאך, בני־יחידים, איין־און־איינציגע, האבען באַדארפט געהן דיענען. איצט איז שוין איין עק, אוים מיוחסים! עס האבען זיך אויסגעלאזט ביי אונז די פריהעריגע גליקען מיט'ן

אַ בעסאַראַבער פּריץ, איז אַרוים מיט אַ רעדעניש וועגן וואָיענסקי פּאָווינאָסט. דערהערט „וואָיענסקי פּאָווינאָסט", האָב איך מיך שוין דערפרעהט. אָ, האָב איך מיר געקלערט, דאַנקען גאָט! קוים מיט צרות אַרויף אויפ׳ן אמת. שוין לאַנג צייט געווען. וואָס זשע? אַז זיי רעדען אַזעלכע פּוסטע זאַכען, וואָס סע שלאָגט צו דער גאַל! דאָס האָט אַודאי אָנגעאַרבייט, טראַכט איך מיר, מיין גוואַלדעווען מיט מיין דערשלאָגען זיך צו די מיניסטאָרען, מיניסטער וואָיעניך דיעל און מיניסטער וונוטרעניך דיעל. צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? אַ נעכטיגער טאָג! הערט איין איינפאַל: „מע באַדאַרף, זאָגט ער, איינפיהרען אויף אידען אַ באַזונדער וואָיענסקי פּאָווי־נאָסט, דורך געלט". איהר הערט? „אידען, זאָגט ער, זאָלען זיך מעגען אויסקויפען פאַר געלט. ווילסט נישט דיענען, גיב געלט"... הייסט דאָך עס, וויבאַלד אַזוי, אַ ישועה ווידער אַ מאָל פאַר די נגידים, אַ חלירע זאָל אויף זיי קומען? און דיענען ווען, הייסט דאָס, טאַקי ווידער אַ מאָל קבצנים, און בני־יחידים דערצו? וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? כך הוה. דער אויבערשטער האָט געטהאָן אַ נס, עס איז געוואָרען אין דער דומע אַזאַ טומעל מיט אַזאַ געפּילדער, אַז מע האָט געקאָנט מיינען, מענטשען זענען נאָר משוגע געוואָרען. מעהר פון אַלע האָט געאַרבייט, געוויינטליך, פּורישקעוויטש. אָט דער רשע מרושע, ימח שמו זאָל ער ווערען, האָט געוואָלט אויפווייזען מיט ראיות און מיט עדות, אַז אידען דיענען נישט. לחלוטין נישט. נישטאָ איין איד, זאָגט ער, אין דער סלוזשבע. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגען. עס האָט מיך גענעבען אַ בראָט ביי'ם האַרצען און אַ טראָג־אויף: סטייטש, מיין איין־און־איינציגער קאָרמאַק דיענט שוין העכער דריי יאָהר און האָט שוין גאָר אַ נאַגראַדע, קומט צו געהן אַ האָהן אַ פּורישקעוויטש און זאָגט פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אַלע מיניסטאָרען אַזעלכע ווערטער! זאָל איך שווייגען? רוף איך מיך אָן פון אויבען, פון דער גאַלעריי הייסט עס, און דוקא הויך אויף דער גאַנצער דומע:

דאָקטוירים

דיאַלאָג.

געשריבען אין יאָהר 1912.

הפקרות. אַלע װעלען שױן בײ אונז זײן גלײך. נו, פרעג איך אײַך, איהר זענט דאָך אַ מענטש, װאָס איהר שרײַבט, — אַדרבה, זאָגט שױן איהר אַלײן, קומט מיר נישט, מע זאָל פון מיר לאַכען, חוזק מאַכען, אַז װאו צװײ זאָל איך זײן אַ דריטע? מילא, איהר װילט לאַכען, לאַכט צעזעצטערהײט; פאַר װאָס קומט מיר נאָך דער נאָמען פורישקעװיטש, זײן זאָל ער פאַר מיר די כפרה? „גיטעל פורישקעװיטש" רופען זײ מיך — זײ זאָלען חאָטש זאָגען „להבדיל"! אַ שטאָדט פון סאַמע לצים, פוסטע קעפּ, לעדיגגעהערס. נו, האָבען זײ נישט פאַרדיענט, מע זאָל זײ באַשרײבען פון קלײן ביז גרױס און פון קאָפּ ביז פיס? באַשרײבט זײ טאַקי, פּאַני שלום-לײכעם. באַשרײבט זײ אַזױ, אַז די גאַנצע װעלט זאָל פון זײ װיסען. באַ-שרײבט זײ אַזױ, אַז ס'זאָל נישט בלײבען פון זײ אײנער נישט קײן באַשריבענער!

דאָקטוירים

— ווייסט איהר ניט, פעטער, וואו זיצט דאָ ערגיץ דער דאָקטער פיינפינקעלקרויט?

— הא? ווי אזוי האָט איהר איהם אָנגערופען? פיינ־פינפיינ...

— פיינפינקעלקרויט.

— פיינפינקעלקרויט? אזוי זשע רעדט. פיינפינקעלקרויט... עפּיס אַ קענטליכער נאָמען... וואָס זשע, איהר דאַרפט טאַקי דוקא צו־נ־איהם, נעפּרעמענע? צי ס'איז נישקשה איין אַנדער דאָקטער אויך? פאַרהאַן בּיי אונז, קיין עין־הרע, גענוג די דאָזיגע סחורה. אָט דאָ אַקעגען זיצט אויך אַ דאָקטער, צוויי דאָקטוירים; איינער איין אמת'ער דאָקטער, און דער אַנדערער אַ צייהן־דאָקטער. און טאַקי בּאַלד די דריטע שטוב, אָט דאָרט, זיצט אויך אַ דאָקטער, אַ גאַנץ פיינער דאָקטער, אפילו נאָך גאָר אַ יונגעטשקער דאָקטער, נישט לאַנג פון דער פאַבּריקע, נאָר נישקשה, ער האָט שוין אַ היבּשע פּראַקטיקע. עס האָבּען בּיי אונז אַלע דאָקטוירים שען פּראַקטיקע, וואָרום דער עולם, פאַרשטעהט איהר מיך, קיין עין־הרע, קרענקט... ווי אַזוי, האָט איהר געזאָגט, רופט מען איהם, דעם דאָקטער אייערען? פינפיינפינ...

— פיינפינקעלקרויט. איך דאַרף צו איהם האָבּען ניט מכּח זיך...

אז ניט היילען זיך, און ניט קיין ווייב, און ניט קיין פּריזיוו, איז מסתמא א שידוך... אויב אזוי, דארפט איהר אייער... ווי אזוי הייסט ער דאָרט... אויף טישטשע כּפרות. איך וועל אייך אָנ־ווייזען א סך א בעסערען דאָקטער. עס ווענדט זיך, בּיי וואָס יענער האלט? וויפיעל גיט מען?... וואָרום, געוויינטליך, וואָס מעהר פּראקטיקע, אלץ מעהר נדן. און אפילו גאָר אָהן פּראַקטיקע, וועט איהר אויך דארפען באצאָהלען, וואָרום היינטיגע צייטען א ליאדרע סטודענטעל, אבי ער איז נאָר אין אוניווערסיטעט, וועט איהר איהם שוין ווינציגער ווי פאר פינף־זעכּס טויזענט קארבּען נישט קויפען. היינט בּפרט א פארטיגער דאָקטער, ער מעג זיין א שמאַטע שבשמאטע! איהר זאָגט מיר אקוראט, וואָס מיינט יענער?

— ניין, וויים איך וואָס — ניט דאָס!... איהר האָט גאָר אינגאנצען א טעות...

— למאי זאָלט איהר וועלען איבערשפּארען? איהר הערט וואָס איך זאָג אייך. אויב יענער קאָן גוט באצאָהלען, איז דאָס פאר איהם אָנגעמאָסטען. דאָס איז שוין איין מאָל א דאָקטער. א פּראָפעסער! ער איז אויף אלסדינג: אויף בּייכער, און אויף נערוועז, און אויף צייהן, און אויף קינדער, און אויף אָפּעראציעס, און ווייבער האלטען פון איהם גאָר איין עולם ומלואו, וואָרום ער איז טאַקי זעהר א פיינער יונגאטש, פארשטעהט איהר מיך, א הויכער, א „מאושטשינע"! און דערצו איז ער נאָך א ציוניסט אויך, און א פּיסק האָט ער — אש־להבה! אז מע שמועסט א צאצקע א דאָקטער, איז דאָך ניט שייך!

— ניין! איך זאָג דאָך אייך, אז איך דארף גאָר...

— האָ? אזוי זשע רעדט! וואָס זשע דערצעהלט איהר מעשיות? איהר זעהט אָן דאָרט א וויים מויערעל?

— נו? איז דאָרט זיצט פיינפינקעלקרויט?

— דאָרט זיצט ניט פיינפינקעלקרויט, דאָרט זיצט מאיר טאָלאָטשינאָוו'ס. א איד א גביר. געוועזן אַמאָל א קבצן הגדול

— נאָר צוליעב אייער ווייב ? טאָ געהט גלייך אהין — זעהט איהר ? דאָרט זיצט א ווייבערשער דאָקטער. דאָס הייסט, א דאָקטער איין אקושאָר. מע זאָגט, א בריה א דאָקטער, און נאָר אויף די חולאת׳ען... אז מע שמועסט א ספּעציאַליסט, איז דאָך ניט שייך ! ס׳איז שוין היינט אזוי איינגעפיהרט אומעטום, אז אויף יעדער ספּעציאַלנאָסט איז אַ באַזונדערער דאָקטער : אויף בייכער א דאָקטער, אויף לונג־און־לעבערס א דאָקטער, אויף אויגען א דאָקטער, אויף נערוועןן א דאָקטער, אויף קינדער א דאָקטער... היינט דאָס היילען, וואָס מע היילט אצינד, איז אויך נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל האָט מען געוואוסט רפואות, רעצעפּטען, פּילען, פּראָשקעס, ביטערע קרייטער ; היינט איז געוואָרען א מאָדע מאַשינעס מיט רייבעניש, מיט מאַסאַזש, מיט בעדער, פּשוט׳ע בעדער — די דאָקטוירים אליין זענען היינט געוואָרען בעדערס, און ס׳איז גאָר א סברה, אז היינט איז עס דאָס בעסטע געשעפט... אויף וואָס פאר א ספּעציאַלנאָסט איז ער, דער דאָקטער, וואָס איהר פרעגט זיך נאָך אויף איהם ? וואָס איז ער ? א איד ?

— א איד. וואָס דען ? א גוי ? איהר הערט דאָך נאָנ׳ן נאָמען... פיינפינקעלקרויט...

— פיינפינקעלקרויט, האָט איהר געזאָגט ? נו־יאָ, פאַר־שטעהט זיך, א איד. וויבאַלד אז פיינפינקעלקרויט, איז א איד. ביי אונז זענען אַלע צום מיינסטען אידישע דאָקטוירים. חאָטש אפילו א איד, אייגענטליך, האָט ליעב א גויישען דאָקטער ; א איד האָט ליעב א גויישען אדוואָקאט, א גויישע קלייט און א גויישען לעהרער... א איד איז די כפרה נאָך א גוי... איז ווי אזוי, האָט איהר געזאָגט, רופט מען איהם, דעם דאָקטער אייערען ? פייפער ?

— ניט פייפער, נאָר פיינפינקעלקרויט... איך דארף צו איהם האָבען מכח עפּיס אנדערש...

— אהא ! מכח׳ן פּריזיוו מסתמא ? איין עצה האַלטען ? איך פאַרשטעה שוין !... וואָס ? ניין ?... צי אפשר גאָר מכח א שידוך ? איאָ, איך האָב געטראָפען ? הערסט דו ! וואָס דען ?

קיין דאָקטער, איך דאַרף ניט קיין פּריזיוו, איך דאַרף ניט קיין שידוך, איך דאַרף ניט קיין ספּעציאַליסט — איך בין ניט מעהר ווי א פּריקאַזטשיק. איך דאַרף האָבען צום דאָקטער פיינפינקעלקרויט גאָר מכּה עפּים אַנדערש: סע קומט אונז פון איהם פאַר'ן גאַנצען ווינטער פאַר האַלץ...

— פאַר האָלץ ? !... אַלע בייזע וויסטע חלומות ! געזעהען א ביסעל ! דערטאַפּט א ווילד־פרעמדען אידען און דרעהט איהם א ספּאָדיק : פיינפינקעלקרויט ! אפשר האָט יענער קיין צייט ניט ? אפשר לויפט גאָר יענער זוכען, וואו פאַרדיענט מען א קערבעל — ס'איז ערב שבת ? איך האָב אָבער באַלד דערקענט, הערט איהר, אַז איהר דאַרפט זיין א איד פון האָלץ, גאָט זאָל מיך אזוי באַגליקען אויף דער עלטער ! אָט די הילצערנע אידען — טפו !...

הגבור והנורא; אצינד, חוץ זיין שאָדען, אויף אונז ביידען געזאָגט געוואָרען. האָט ער אַ טעבטערעל, איז זי מיאוס ווי דער טוידט. נאָר אז גאָט העלפט, ס'איז דאָ מיט וואָס, פאַרשמירט מען דאָס פּנים מיט אַ צעהן־פופצעהן טויזענט קאַרבען און מע פאַרגינט זיך איהר אראָפּברענגען אַ חתן אַ דאָקטער אַזש פון סאַמע קיעוו. דאָס הייסט, געענדיגט האָט ער אין קיעוו, אַליין איז ער גאָר איין אומאַנער פון אומאַן...

— אקעגען וואָס דערצעהלט איהר עס מיר?

— אקעגען דעם, וואָס איהר פרעגט זיך נאָך אויף...

— אויפ'ן דאָקטער פיינפינקעלקרויט? דאָס פרעג איך ניט, ווייל איך דאַרף אַ שידוך טהון מיט אַ דאָקטער, נאָר ווייל דער דאָקטער פיינפינקעלקרויט איז...

— האָט איהר דאָך באַלד געקאָנט זאָגען! און איך האָב געמיינט, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַ שידוך! הערט זשע אויס, אז ס'איז יאָ אַזוי, גיט אַהער דאָס אייהער... האָב איך אַ ספּעציאַליסט — נאָר־וואָס פון דער נאָדעל אַרויס... ניט לאַנג געעפענט אַ קאַבינעט... ער האָט געחאַפּט עטליכע טויזענט קאַרבען ירושה, האָט ער זיך מיישב געווען און האָט דאָס גאַנצע געלט אריינגעבראָקט אין אַ מאַשין, אַליין געפאָהרען קיין אויסלאַנד נאָך דער מאַשין. קיין פראַקטיקע דערווייל האָט ער נאָך ניט, נאָר איך זאָל שוין האָבען אַזאַ דאגה מיט וואו נעמט מען אויף שבת, ווי איך האָב אַ דאגה מיט זיין פראַקטיקע! זאָרגט זיך ניט, ער וועט האָבען די בעסטע פראַקטיקע, אָט וועט איהר זעהען, וואָרום די דאָקטוירים, וואָס אויף די דאָזיגע שלאַפקייטען, האָבען אַלע די שענסטע פראַקטיקע! ספּעציאַליסטען!... זעת־נאָר, וואָס חאַפּט איהר זיך אַזוי? וואָס אנטלויפט איהר? שטעהט אַ ווייַלע! איך האָב אייך נאָך ניט געקאָנטשעט. איך האָב נאָך אַ פּאָר דאָקטוירים...

— אָבער, אין גאָטעס ווילען! לאָזט מיך צו־רוה מיט אייערע דאָקטוירים! וואָס האָט איהר זיך אָנגעקלעפּט? איך דאַרף ניט

מיסטער גרין
האָט אַ דזשאַב

דערצעהלט פון איהם אליין, און איבערגעגעבען מיט זיין לשון.

נעשריבען אין יאָהר 1915.

מיסטער גרין האָט אַ דזשאַב

— האַו דו יו דו, מיסטער שלום־עליכם! איך ווייס ניט, אויב איהר קענט מיך?... איך קעהר מיך אָן מיט אייך שטיקלעך אייגענע, שני־שבשלישים... דאָס הייסט, ניט מיט אייך, נאָר מיט אייער טביה דעם מילכיגען און מיט זיין קרוב מנחם־מענדעל פון יעהופּעץ... אַהאַ! איאַ, ס'איז אייך אינטערעסאַנט? איהר האָט זיך אַזש אָפּגעשטעלט? — שטעהט זשע טאַקי אַ ווײַלעטשקע אָט דאָ מיט מיר אויפ'ן סיידוואָק, וועלען מיר אַ ביסעל שמועסען פון דעם אַמעריטשקע, וואָס פאַר אַ גאָלדענע מדינה דאָס איז. און ניט אַזוי פון אַמעריקע, ווי פון איהרע ביזנעס, ווי מע ווערט אויסגעריסען אין עושר און אין כבוד, ביז גאָט שיקט צו דעם רעכטען דזשאַב, און אַז גאָט העלפט, אַז מע שלאָגט זיך ארויף אויף דעם רעכטען דזשאַב, איז דאָ אַ האָפענונג, מע זאָל מיט דער צייט זיך אַרויפאַרבייטען, ווערען גוט־אָפ, אויסוואַכסען אַ דזשייקאָב שיף, אַ נייטען שטראַוס, אָדער חאָטש אַ הערריי פישעל — מיט איינעם וואָרט: זיין אָללרייט... איך קאָן אויף זיך נאָך לעת־עתה ניט זאָגען, אַז איך בין אָללרייט, נאָר אַ דזשאַב, געלויבט דער אויבערשטער, האָב איך שוין, און דער גאַנצער אַנטיק פונ'ם דאָזיגען דזשאַב איז, וואָס איך בין עס אַליין דערגאַנגען, אַליין מיט מיין אייגענעם שכל... נאָר איך זעה, אַז איהר ווילט וויסען, איהר געהט אויס — ווער איז דער פּאַרשוין, וואָס רעדט צו אייך? אַז איך וועל אייך זאָגען, אַז דאָס רעדט מיסטער גרין, וועט איהר זיך

ראַווענט, רופט זיך אָן איינער: „און ווער וועט אונז געבען אַ בלאָז?״ רוף איך מיך אָן: „אַ בלאָז? לאָזט מיך״... וועט איהר פרעגען, ווי קומט צו מיר אַ בלאָז? איז די מעשה אַזוי. קיין בעל־תוקע בין איך אין דער היים טאַקי ניט געווען. מיין טאַטע אויך ניט. מיין טאַטעג׳ס טאַטע אויך ניט. נאָר יונגלעך שקצים, אַז ס׳איז געקומען ראש־חודש אלול און מע האָט דערטאַפּט אַ שופר, האָט מען מעשה ספּאָרט געבלאָזען און געבלאָזען אַזוי לאַנג, ביז דער שמש האָט אונז אָפּגעגאָסען מיט וואַסער און אַרויס־געטריבען פון שוהל. — בקיצור, איך קען די מלאכה, און ווי זאָגט איהר: אַז מע שמועסט, אַז ער יכול׳ט, איז דאָך ניט שייך... וואָס טויג אייך, איך האָב געגעבען אַ נעם דעם שופר אין האַנט און האָב זיי געגעבען אַ בלאָז „תקיעה־שברים־תרועה״, און אויסגעלאָזט האָב איך זיי מיט אַ „תקיעה גדולה״ בלא גוזמא פון דאַנען ביז ברוקלין־ברידזש! דערהערט אַזאַ בלאָז, רופען זיי זיך אָן צו מיר: „פון וואַנען איז אַ יונגערמאַן?״ זאָג איך: „וואָס איז די נפקא־מינה?״ זאָגען זיי: „טאָמער וואָלט איהר זיך באַשטעלט ביי אונז פאַר אַ בלאָזער אויף ימים נוראים? אונזער בעל־תוקע איז געשטאָרבען״. „איך זאָל קאָנען, זאָג איך, מאַכען דערפון אַ לעבען, איז מהכתיתי״... „מאַכען אַ לעבען פון בלאָזען אליין, זאָגען זיי, איז שווערליך. סיידען איהר זאָלט דערצו נאָך עפּיס טהון״... „דהיינו, זאָג איך, וואָס נאָך זאָל איך טהון? זיין דערצו אַ דרייוווער? אַ גאַבעטשמען, אָדער אַ סטריט־קלינער?״ זאָגען זיי: „וויבאַלד איהר זענט אַ בלאָזער, אַ בעל־תוקע הייסט עס, קאָן מען פון אייך אַזעלכע גראָבע ארבייט ניט פאַרלאַנגען. דאָס איינציגע, זאָגען זיי, וואָס מיר קאָנען אייך געבען, איז נאָר אַ טשענס, איהר זאָלט קאָנען, זאָגען זיי, בלאָזען נאָך אין אַ שוהל״... איז דאָס מיר אַריין אין נאָז אַריין און איך טראַכט מיר: אַז איך האָב אַ טשענס צו בלאָזען נאָך אין אַ שוהל, קאָן איך דאָך האָבען אַ טשענס צו בלאָזען נאָך אין צוויי שוהלען. און פאַר וואָס ניט אין דריי שוהלען?... און איך בין אוועק דאַונטאַון פון איין שוהל

טראַכטעט: גרין? געל? בלוי? — ס'איז אַזוי גוט ווי גאָר־נישט... דאָ הײַס איך גרין, דאָרט האָב איך געהייסען גרינבערג. פון וואַנען? פון אַדעס? — פון אַדעס... פון יעהופּעץ? — פון יעהופּעץ... פון כּתרילעווקע, פון טעפּליק, שפּאָלע, אומאַן, באַר־דיטשעוו — בקיצור, פון י ע נ ע מקומות... און געהאַנדעלט האָט מען, ווי אַלע אידען האַנדלען. געדרעהט, געמעקלערט, ביז ס'איז געקומען דאָס גוטע שטיקעל צייט און מען איז אַרויסגעטריבען געוואָרען און מען איז מגולגל געוואָרען אַהערצוצו, אין קאָלומבוס'עס מדינה. און מע האָט אַזוי לאַנג געגעסען, ביז מע האָט אויפגעגעסען פון זיך דאָס לעצטע שטיקעל העמד, האָט מען אָנגעהויבען פאַר־שוואַרצט ווערען גאָר אויף איין אַנדער אופן און מע האָט געטהאָן כּל עבודת־פּרך — ס'איז נישט געגאַנגען! ביז ס'איז געקומען ראש־חודש אלול. און אַז ס'איז געקומען ראש־חודש אלול, האָב איך דערזעהן אין די פּייפּערס, ווי מע אַדווערטייזט חזנים, שוהלען, מנינים. אין די סטאָרס, האָב איך דערזעהן, שטעלט מען אַרויס סידורים, מחזורים, שופרות, טליתים, און דער עולם, האָב איך דערזעהן, הויבט־אָן צו־שמייכלען זיך צום רבונו־של־עולם, חנפה'נען גאָט צוליעב ביזנעס — האָב איך מיך מיישב געווען און זאָג צו זיך אַליין: „מיסטער גרין! ביז וואַנען וועסט דו זיין אַ גרינער? טהו אויך אַ לעק פונ'ם ראש־חודש אלול און פון די עשרת ימי־תשובה!"... נאָר ס'איז גרינג צו זאָגען טהון אַ לעק, אַז סע לעקט זיך... צו וואָס קאָן איך מיך נעמען? זיך שטעלען פאַר אַ חזן? — בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין שוסטער... פאַר אַ שוחט? — מיין טאַטע איז קיינמאָל ניט געווען קיין בעל־עגלה... קיין רעווערענד וועל איך דאָך אודאי ניט זיין, וואָרום איך קען עברי און פאַרשטעה פּירוש־המלות... סיידען אַ בוטשער אויף סטריקטלי כּשר? — האָב איך אין דער היים נישט געהאַנדעלט מיט גנבה'שע פערד... פאַרטיעפט, ווי אייער טביה זאָגט, אין די דאָזיגע מחשבות און געדאַנקען, בין איך אַריין אין אַ מקום קדוש... ראש־חודש אלול, דער עולם דאַווענט, מע זאָגט „לדוד אורי"... מע האָט אַפּגע־

נעווערמיין, געזונטערהייט! איכ'ל אייך נאָך זאָגען אַ דאַנק. וואָרום פאַר מיר וועט דאָס זיין איין אַדווערטייזמענט... פאַר־קעהרט, איכ'ל אייך נאָך בעטען, איהר זאָלט אַרויסשטעלען מיין אַדרעס: מיסטער גרין, טשעררי סטריט, ניו יאָרק סיטי, פּליעז... איך האָף, מיר'ן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען אַפּטאַון. דערווייל זייט מיר גוד באַי!

אין דער אנדערער, פון איין מנין אינ'ם אנדערען, אומעטום געמאכט פראבעס, באוויזען מיין קונסט אין תקיעה־שברים־תרועה, געהאט דעם גרעסטען סוקסעס, ווארום איך, אז איך בלאז, לויפט מען זיך צונויף פון אלע שוהלען. מיך האבען געהערט בלאזען דזשאדזשעס, קאנגרעסמענס, אסעמבלימענס, און אלע האבען געזאגט: וואנדער־פול! איהר קאנט פארשטעהן, אז דעם ערשטען יאהר האב איך געהאט נאר איין שוהל מיט צוויי מנינים. דאס צווייטע יאהר — דריי שוהלען מיט פינף מנינים. היינטיגס יאהר שניידט זיך מיר, אז דער אויבערשטער וועט וועלען, ביז א דאזען מנינים, און איך וועל קאנען מאכען א שענע פאר טאלער. אי, ווי אזוי קאן איין מענטש אטענדען צו אזוי פיעל ביזנעס? — דאס זאלט איהר ניט פרעגען; ס'איז אמעריקע, און אין דעם לאנד העלפט מען זיך שוין אויס. אין איין ארט איז ביי מיר די תקיעות פריהער, אינ'ם אנדערען ארט א ביסעל שפעטער, אינ'ם דריטען נאך שפעטער. איך טריי מיין בעסט, אז דאס פובליקום זאל זיין סאטיספייט, ביקאז אז טאמער לאז איך דורך די צייט, פארליר איך דאך מיין דזשאב מיט מיין רעפוטיישאן. איהר וואונדערט זיך, מיסטער שלום־עליכם, וואס איך יוז מעהר איינגעלשע ווערטער ווי אידי־שע? — דאס איז איבער די קינדער. זיי זענען שוין ביי מיר אמת'ע אמעריקאנער און ווילען שוין ניט רעדען קיין ווארט אידיש! איהר זאלט אנקוקען מיינע באיעס, וועט איהר אין לעבען נישט זאגען, אז דאס זענען אידישע קינדער. און מיך אליין, אז איהר וועט באגעגענען נאך ימים נוראים, וועט איהר מיך אויך ניט דער־קענען. ביי מיר, אז עס קומט א קורצע צייט פאר ראש־חודש אלול, ווארף איך אראפ מיין סוט, פארלאז מיר א באַרד, באקום א „היימיש" אויסזעהן, און ווי נאר עס געהען אוועק די ימים נוראים, נעם איך א שייוו, טהו אן מיין העט און ווער מיר צוריק א דזשענ־טעלמען — וואס טהוט מען ניט אין אמעריקע צוליעב ביזנעס?... איך זעה אין אייך, מיסטער, איהר האט חשק מיך צו באשרייבען אין פייפער, איהר האט שוין ארויסגענומען דאס ביכעלע אפילו, —

אַ מעשה מיט
אַ גרינהאָרן

מיסטער באַראַבאַן, ביזנעס־בראָקער, דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט אָנגעלעהרענט אַ גרינהאָרן, וואָס האָט געהייראַט צוליעב ביזנעס. איבערדערצעהלט מיט זיין לשון.

געשריבען אין יאָהר 1916.

אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן

— איהר זאָגט: אמעריקע איז א לאנד פון ביזנעס — געווערמיינד. עס דארף אזוי צו זיין. נאָר אפּטעראָל געהן הייראַטען און פארקויפען זיך צוליעב ביזנעס — דאָס איז שוין, עקסקיוז מי, א חזיר'יי. איך פרעדיג ניט קיין מאָראל, נאָר איך זאָג אייך, ס'אַ פעקט, אז נייען און נייענציג פּראָצענט גרינהאָרנס הייראַטען ביי אונז צוליעב ביזנעס — פארדריסט דאָס מיך, און אז איך דערטאַפּ אזא גרינהאָרן, וועט ער שוין פון מיר טרוקען נישט ארויס. ליוו איט טו מי, וועל איך אייך דערצעהלען א שענס!

זיץ איך מיר איינמאָל אין מיין אָפּיס און מייל די פּאָסט, קומט אַריין צו מיר א גרינהאָרן, נאָך גאָר א באָי. און מיט איהם א ווייבעלע — וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — בלוט און מילך. שען ווי דער טאָג און פריש ווי איין עפּעלע, נאָר־וואָס פונ'ם בוים. אריינגעקומען, רופט ער זיך אָן צו מיר: „האו דו יו דו! זענט איהר דאָס מיסטער בּראַבּאַן דער ביזנעס־בּראָקער?" „סידאַן! וואָס'ט איהר זאָגען גוטס?" עפענט ער מיר אויף זיין הארץ און דערצעהלט מיר א גאנצע געשיכטע, סאָ ענד סאָ, אזוי ווי ער איז א באָי ערשט צעהן יאָהר אין לאנד, א ני־פּענטס־מייקער ביי טרייד, און אין איהם האט זיך פארליעבט אָט דאָס ווייבעלע, געווען א מיידעל איין ארבייטאָרין, וואָס פארמאָגט טויזענט דאָלער אין קעש, האָט ער מיט איהר חתונה געהאט און זוכט א ביזנעס, זיי זאָלען קאָנען מאכען א לעבען און פארשפּאָרען ארבייטען אין שאַפּ, וואָרום

געהט געזונט און קומט צו מיר אין דריי טעג אַרום, ווייל איצט האָב איך קיין צייט ניט — און גוד־באַי!״

און אליין בין איך אוועק צו מיין לאָנדרימען און געב איהם אַפּ מזל־טוב: גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ העכט, אַ גרינהאָרן, און אַז ער האָט איצט אַ טשענס, אויב ער איז אַ מענטש, פּטור צו ווערען פון דער לאָנדרי אין גלייכען געלט, זאָל ער וויסען וואָס ער האָט צו טהון, און אַזוי ווייטער... האָט דער גנב פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין, און זאָגט צו מיר: „ברענגט איהם נאָר, דעם העכט, וועט שוין זיין אָללרייט״... אין דריי טאָג אַרום — מיין גרינהאָרן איז דאָ, געבראַכט אַ דעפּאָזיט, אַוועקגעשטעלט זיך מיט'ן ווייבעלע אויף אַ וואָך טרייען, ווי דער שטייגער איז, און מיין לאָנדרימען האָט שוין מסתמא געזעהען, אַז די וואָך פון טרייען זאָל זיין אָללרייט, און נאָך מיט אַ שמיצעל אויף יענער זייט אָלל־רייט — און מע האָט געסעטעלט די ביזנעס. דער גרינהאָרן האָט אָפּגעצעהלט די פּאָר דאָלער, דער לאָנדרימען האָט איהם איבער־געגעבען די ביכער מיט די שליסעל, איך האָב אָפּגענומען מיין רח״ש דוקא פון ביידע צדדים, און אַזוי ווייטער — מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער ווייסט וואָס ער האָט צו טהון — און, ווי זאָגט איהר, פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ. איאָ? אַזוי זאָגט א י ה ר. ביי מיר הויבט זיך די קאָמעדיע ערשט אָן. וואָרום אַז ס'איז אַלסדינג שוין געוועזען פאַרטיג אַרום און אַרום, האָט זיך ערשט צעברענט אין מיר אַ פייער אויף דעם גרינהאָרן, פאַר וואָס קומט איהם, דעם ממזר, איין אָפּגעשיילט אייעלע גלייך אין מויל אריין, אַזאַ ווייבעלע, טויזענט דאָלער אין קעש און אַ פאַרטיגע ביזנעס אָהן קאָפּוועהטיג? ־יע דאַרף ביי איהם די לאָנדרי אָפּהאַנדלען פאַר האַלב געלט אין אוועקגעבען זי צוריק צום פריהעריגען לאָנדרימען. ווי אַזוי? דערויף בין איך דאָך מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער, ביי מיר

ער האָט, ניט פאַר אייך געדאַכט, א רעמאַטיז, ביי איהם בלייבּ עס, און אזוי ווייטער. קוק איך אויפ׳ן ווייבעלע און זאָג צו איהם: „אין וואָס פאַר א ביזנעס וואָלט איהר געגאַנגען?" ענטפערט ער מיר: „ער וואָלט געעפענט א סטיישיאָנערי". און ער גיט מיר צו פאַרשטעהן, אז אין א סטיישיאָנערי וואָלט „זי" איהם אויך געקאָנט קומען צו הילף. איהר פאַרשטעהט א גרינהאָרן? ניט גענוג ער האָט דערטאַפּט א פּרי, איין אתרוג׳על אויף צו מאַכען שהחיינו, און ניט גענוג זי ברענגט איהם טויזענט דאָלער אין קעש, איז ער נאָך א בעלן, זי זאָל איהם אַרבּייטען און ער וועט זיך זיצען מיט זיינע חברים, שפּיעלען אין פּינאַקעל און אזוי ווייטער — איך קען מיינע לייט! טראַכט איך מיר: א מכּה וועסט דו ביי מיר האָבּען א סטיישיאָנערי! איך קאָן באַשטעהן, דו זאָלסט ביי מיר ליגען, ווי א הונט, אין א לאָנדרי. וועסט ביי מיר ווערען א לאָנדרי־מען! וואָס איז מיר עפּיס איינגעפאַלען א לאָנדרי? ווייל איך האָבּ גראָד געהאַט אויף דער האַנט א לאָנדרי צו פאַרקויפען. און איך רוף מיך אָן צו מיין גרינהאָרן: „צו וואָס טויג דיר, זאָג איך, זיך באַדערען מיט א סטיישיאָנערי־סטאָר אכצעהן שטונדען אין מעת־לעת, אַרויסקוקען, טאָמער וועט דורכלויפען א סקוהל־באָי און חאַפּען קענדי פאַר א פּעני און אזוי ווייטער? אמעהר, ליוו איט טו מי — איכ׳ל דיר געבּען א שענערע ביזנעס, א לאָנדרי אין די בראָנקס, וועסט דו אַרבּייטען רעגעלע שטונדען און לעבּען, ווי א קייסער! און איך נעם א פּענסיל און טהו איהם א רעכען־אויס, אז נאָך אַלע עקספּענסעס — רענט און שוירטאַיירענער און פעמילי־איירענער און דעליווערי־באָי און לאָנדרי־ביל און אזוי ווייטער, בלייבּט איהם איבּער ריינע עטליכע און דרייסיג דאָלער א וואָך — דאַרף מען בעסער? „וואָס וועט דאָס קאָסטען?" זאָג איך: „טויזענט דאָלער איז דאָס א באַרגיין, נאָר ליוו איט טו מי — איכ׳ל עס אייך מאַכען פאַר אַכט הונדערט. איהר׳ט, זאָג איך, דאַרפען נאָר אָפּצאָהלען די פאָר דאָלער, פאַרבּינדען די אויגען, נעמען די שליסעל — און איהר זענט אָללרייט. דערווייל, זאָג איך,

ווייל זענען איבערגעלאָפֿען די דריי טעג — מיין גרינהאָרן איז דאָ מיט'ן ווייבעלע. דאָס ווייבעלע האָט זיך אַ ביסעל אויסגעבלייכט, נאָר זי איז נאָך אַלץ שען, ווי די זון. „וואָס הערט זיך?" „וואָס זאָל זיך הערען, זאָג איך, איהר דאַרפֿט, זאָג איך, דאַנקען גאָט, איך האָב קוים־קוים געפֿונען אַ בעלן אויף אייער לאָנדרי. נאָר וואָס דען? איהר'ט מוזען, זאָג איך, פֿאַרלירען געלט". „וויפֿיעל?" „פֿרעגט ניט, זאָג איך, וויפֿיעל איהר פֿאַרלירט, פֿרעגט וויפֿיעל איהר געווינט. וואָרום וויפֿיעל, זאָג איך, איהר זאָלט ניט נעמען, איז דאָס ווי געפֿונען. איהר שפּיעלט זיך, זאָג איך, מיט אַמעריקאַנער קאָנקורענטען? זיי קאָנען אייך, זאָג איך, אַריינטרייבען אין אַזעלכע עקספּענסעס, אַז איהר זאָלט דאַרפֿען, זאָג איך, אויפֿחאַפּען זיך אין מיטען ביינאַכט און אַנטלויפֿען אין איין העמד!"... וואָס טויג אייך, איך האָב אויף זיי אָנגעוואָרפֿען אַזאַ שרעק, אַז זיי האָבען אָפּגענומען האַלב וויפֿיעל זיי האָבען אַריינגעלעגט און האָבען נאָך אָפּגעצאָהלט מיר רח"ש אויך, וואָרום איך בין דאָך ניט מחויב זיך באַדרעען אומזיסט, און — אויס לאָנדרי!... נאָר האָט צייט, איהר זענט נאָך ניט פֿאַרטיג. אויב איהר האַלט קאָפּ, דאַרפֿט איהר געדענקען, אַז איך האָב געהאַט אַריינגעצימבעלט צעהן דאָלער איין אויפֿגאָב דעם איידזשענט פֿאַר אַ סטאָר און אויסגעהאַנגען אַ סיין אויף אַ לאָנדרי. פֿרעגט זיך אַ קשיא: למאַי זאָל איך לאָזען צעהן דאָלער גלאַט אויפ'ן ווינט, מיר ניט, דיר ניט? ביי מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער איז דען גנבה'ש געלט, צי וואָס? איז איין מאָל אַוועק. צווייטענס, ברענט מיך נאָך אַלץ אויף דעם גרינהאָרן און עס פּאָרקעט מיך: דער ממזר האָט נאָך עטליכע הונדערט דאָלער אין פּאַקעט און אַ ווייבעלע ביי דער זייט — גין־גאָלד! פֿאַר וואָס קומט דאָס איהם? מיסטער באַראַבאַן, דער גרעסטער ביזנעס־בראָקער פֿון דער איסט־סייד, באַדאַרף האָבען אַ ווייב, עקסקיוז מי, אַ פּאַרזעהעניש און נאָך אַ קסאַנטיפּע דערצו, און דער גרינהאָרן — דאַרף איהם גאָט צושיקען אַזאַ צאַצקע, יו נאָו, אַ מזוזה'לע — אויסקרענקען זאָל ער

איז נישטאָ אַ זאַך, וואָס איך זאָל ניט קאָנען דורכפיהרען! בין איך אַוועק אַקוראַט אַקעגען דער לאָנדרי אויפ'ן קאָרנער פון דער צווייטער סטריט און האָב אָפּגעדונגען בײ'ם איידזשענט אַ רומקע, אַריינגעפּידעלט איהם אַ צעהן־דאָלער־ביל איין אויפגאָב און האָב אויסגעהאַנגען אַ סיין אויף דער ווינדע:

„אָ ט ד אָ ע פּ ע נ ט ז י ך אַ ל אָ נ ד ר י".

אודאי געהט ניט אַוועק קיין טאָג צייט — מיין גרינהאָרן איז דאָ מיט אַ צעיושעטען קאָפּ: סטייטיש! ער איז אַ געקוילעטער! „וואַט איז די טראָבעל?" דערצעהלט ער מיר פונ'ם אומגליק, עפּיס אַ שווארץ יאָהר האָט אָפּגעדונגען אַקוראַט אַקעגען איהם אַ סטאָר און עפּענט אַ לאָנדרי! „וואָס זשע ווילסט דו, גרינהאָרן?" וויל ער, איך זאָל איהם געפינען אַ קונה אויף דער לאָנדרי, וועט ער מיך באַדאַנקען אויפ'ן שענסטען אַרט און וועט אייביג גאָט בעטען פאַר מיר, און אַזוי ווייטער. באַרוהיג איך איהם און זאָג איהם, אַז ניט אַזוי גרינג געפינט מען אַ קונה. נאָר ער זאָל זיך פאַרלאָזען אויף מיר, איכ'ל טרייען מיין בעסט. דערווייל זאָל ער געהן אהיים און קומען אין דריי טעג אַרום, מחמת איך בין פאַרוואָרפען מיט ביזנעס, און אַזוי ווייטער — און גוד באַי!

און אַליין האָב איך געשיקט רופען מיין אַלטען לאָנדרימען און דערצעהל איהם סאָ ענד סאָ: אַצינד האָסט דו אַ טשענס אַוועקצו'קניה'ן צוריק בײ'ם גרינהאָרן דיין לאָנדרי פאַר האַלב געלט. זאָגט ער: „ווי אַזוי וועט איהר עס מאַכען?" זאָג איך: „וואָס געהט'ס אייך אָן? ליוו איט טו מי — דערויף בין איך דאָך עפּיס מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער". זאָגט ער: „אָלל־רייט". זאָג איך: „וועל איך האָבען דערפאַר מיין קאָמישען?" זאָגט ער: „אָללרייט". זאָג איך: „איך מוז האָבען דערפאַר אַ הונדערטער". זאָגט ער: „אָללרייט". און אַזוי ווייטער. דער־

איך ביליגער, און איך מאַך איהם אין דריי וואָכען צייט צו מופען — זאָל מיין נאָמען ניט הייסען בּאראבּאַן! וואָס טויג אייך, איך האָבּ זיי אַזוי צעשרויפּט, אַז דער גרינהאָרן איז מיר שיער ניט ארויפּ־געפּאַלען קושען, און דאָס שענע ווייבּעלע זיינס האָט זיך צערויטעלט און איז געוואָרען נאָך שענער, ווי געווען. און דעם זעלבּען טאָג נאָך האָבּ איך געזענט פון זייערטוועגען די סטאָרקע, און ס'איז גיך פארטיג געוואָרען בּיי מיר אַ נייע לאָנדרי מיט אַ סיין און מיט טישען און מיט האַק און פּאַק, און מיין פּאָר פּאָלק האָט זיך גע־נומען צו דער ארבּייט, און ס'איז אַוועק צווישען זיי און צווישען אַלטען לאָנדרימען אַ פלאַמפּייעריגע קאָנקורענציע. מע האָט זיך געשמיסען מיט די פּרייזען, ווי ווייט מע האָט געקאָנט. האָט יענער געשטעלט פיער און צוואַנציג סענט אַ דאָזען פלעט, האָבּען זיי געשטעלט אַכצעהן, און נאָך צוגעגעבּען אַ „ספּרעד" אומזיסט. האָט יענער ארונטערגעלאָזט אויף אַכט סענט העמדער, האָבּען זיי אַראָפּגעשמיסען אויף אַ פעני און אַ האַלבּ קאַללערס, האָט יענער שוין געמוזט אראָפּשמייסען אויף אַ פּעני, און אַזוי ווייטער. דער שפּיץ איז — מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשמיסען, בּיז דער גרינהאָרן האָט זיך אָפּגעשאָקעלט פון די פּאָר דאָלער און געבּליבּען אָהן אַ פּעני, נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָהלען רענט. האָט ער צוגעמאַכט די לאָנדרי, אַרויס בּשן ועין, ווי שטעהט אין פסוק: בּ ש ק א פּ ע יבוא, בּ ש ק א פּ ע יצא. און איצט רוהט ער זיך בּיי מיר אָפּ אין לודלאָוו־סטריט־דזשייל — דאָס האָבּ איך אויסגעזוכט פאַר זיין ווייבּעלע אַ לאָיער, וואָס מאָנט בּיי איהם פון איהרטוועגען דריי זאַכען: 1) איהר געלט, די טויזענט דאָלער נדן; 2) אַ גט; און 3) בּיז זי וועט אַמאָל בּאַקומען פון איהם דעם גט, זאָל ער זי סופּאָרטען לויט די געזעצען פון לאַנד — אַ רוח אין זיין טאַטענ'ס טאַטען אריין, דעם גרינהאָרן!...

עס! פויל איך זיך ניט און שרייב איהם אוועק א פּאָסטעלקארד, ער זאָל קומען צו מיר אויף איין אפּאָינטמענט אין דער און דער שעה, איך האָב צו איהם א ביזנעס. לאָזט ער זיך ניט בעטען און קומט צו געהן אין דער אָפּגעשטעלטער צייט, און דוקא מיט איהר, מיט׳ן ווייבעלע. באַזעץ איך זיי, מיינע ליעבע געסט, און דער־צעהל זיי א מעשה, סאָ ענד סאָ: „איהר קענט ניט די אמעריקאנער בלאָפערס! איהר זאָלט וויסען, וואָס פאַר א טריק דער גנב, דער אַלטער לאָנדרימען, האָט אייך אָפּגעטהאָן — אזש די האָר שטעלען זיך קאפּויר!"... „דהיינו?" „דהיינו, זאָג איך, דאָס האָט ער, זאָג איך, אָפּגעדונגען די סטאָר אקעגען אייך און האָט אויסגעהאַנגען א סיין אויף א לאָנדרי, בכדי, זאָג איך, איהר זאָלט זיך דערשרעקען און איהם אָפּטרעטען פאַר האַלב געלט צוריק זיין לאָנדרי". דער־הערט אזא מעשה, האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק געגומען איבערקוקען, געוואָרען אָנגעצונדען, און איבערהויפּט דאָס ווייבעלע. די אויגען האָבען איהר געברענט, ווי צוויי קויהל פייער. „ס'איז א יושר, זאָג איך, איהר זאָלט זיך מיט איהם אָפּרעכענען, מיט׳ן גנב, ער זאָל אייך האָבען צו געדענקען!" „מיט וואָס קאָנען מיר זיך מיט איהם רעכענען?" „ליוו איט טו מי, זאָג איך, איכ׳ל איהם שוין צו־רעכט מאכען, דעם פויגעל, אז ער וועט ביי מיר, זאָג איך, קיין תחית־המתים ניט אויפשטעהן, און אייך, זאָג איך, וועט דערפון ארויסקומען א טובה; איהר׳ט, זאָג איך, האָבען א ביזנעס נאָך בעסער, ווי פריהער!" קוקען זיי אויף מיר, ווי די טייבעלעך, ווי איינער רעדט: פון אייער מויל אין גאָט׳ס אויהערען, און לאַנג לעבען זאָלט איהר, און אזוי ווייטער! און איך נעם און לעג זיי פאָר א פּלאַן: דאַרפען זיי קויפען פרעמדע ביזנעס און צאָהלען יענעם פאר דער פירמע אין טאָג אריין? אמעהר, געה איך שוין צום אייגענעם לענדלאָרד און דינג זיי אָפּ די סטאָרקע, וואָס דער גנב האָט געוואָלט דינגען, און איך פיקס זיי איין פאר אזעלכע דריי־פיער הונדערט דאָלער א לאָנדרי אקוראט אקעגען זיין לאָנדרי און שטעל זיך אוועק מיט איהם קאָנקורירען. וויפיעל ער נעמט, נעם

ני־פענטס־מייקער — הויזעז־שניידער. נעווערמיין — עס מאכט ניט אויס. נעם איך א שייוו — גאל־אפ די בארד.

סא ענד סא — אזוי און אזוי. סאטיספייט — צופריעדעז. סוט — רעקעל. סופארטעז — אויסהאלטעז. סטאר — קלייט. סטיישיאנערי — א קלייט פון שרייב־געצייג. סטריט — גאס. סטריט־קלינער — גאסענקעהרער. סטריקטלי — שטרענג. סידאז — זיצט. סיין — שילד. סיידוואק — טראטואר. ספארט — וואוילער יונג. ספרעד — ליילאך. סקוהל־באי — חדר־יונגעל.

עקסקיוז מי — האט קיין פאראיבעל ניט. עקספענסעס — הוצאות.

פאסטעלקארד — פאסט־קארטע. פאקעט — קעשענע. פינאקעל — אזא קארטענשפיעל. פייפערס — גאזעטעז. פליעז — זייט אזוי גוט. פלעט — וויים־גרעט. פעמיליאיירענער — פאמיליענוועש־פרעסער. פעני — א גראשעז. פענסיל — בלייפעז. פעקט — פאקט.

קאללערס — קאלנערס. קאמישעז — מעקלעריי־געלט. קאנגרעסמענס, אסעמבלימענס — פארלאמענט־דעפוטאטעז. קארנער פון סטריט — גאס־ווינקעל. קענדי — צוקערקעס. קעש — מזומן.

רומקע — חדר'על. רעגעלע — געוואוינליכע. רעווערענד — רב. רענט — דירה־געלט. רענטעז — דינגעז א דירה. רעפוטיישאז — רעפוטאציע.

שאפ — פאבריק. שווירטאיירענער — העמדער־פרעסער.

די פאַרענגלישטע ווערטער אין די לעצטע צוויי מאָנאָלאָגען.

אדוועטרטייזמענט — רעקלאמע. אטענדען צו ביזנעס — טהון געשעפטען. איידזשענט — אגענט. איך טריי מיין בעסט — איך טהו אלץ וואס מעגליך. איסט־סייד — מזרח ניו־יארק (דאס אידישע געטא). איינפיקסען — איינ־ריכטען. אלל־ראיט — זעהר וואויל. אפאינטמענט — א באגעגניש. אפטאון — דער הויכער טייל פון ניו־יארק. אפטעראל — נאך אלעמען.

באדערען — דולען א קאפ. באיעס — יונגלעך. בארגיין — א מציאה. בוטשער — קצב. ביזנעס — געשעפט. ביזנעס־בראקער — מעקלער. ביקאז — ווארום. בלאפערס — ליגנערס. ברוקלין־ברידזש — די בריק, וואס פאראייניגט ברוקלין מיט ניו־יארק. בראנקס — א געגענד אין ניו־יארק.

גאבעטישמען — מיסט־מאן. גוד באי — א גוטען טאג. גוט־אפ — פאר־מעגליך. געסעטעלט די ביזנעס — אפגעמאכט דאס געשעפט. גרינהארן — א פרעמדער, א ניט־געניטער אין אמעריקאנער לעבען.

דאונטאון — דער נידעריגער טייל פון ניו־יארק. דאזען — א טוץ. דזשאב — באשעפטיגונג. דזשאדזשעס — ריכטער. דעליווערי־באי — שיק־יונגעל. דעפאזיט — אדערויף. דרייווער — פערד־שמייסער.

האו־דו־יו־דו — וואס מאכט איהר? העט — הוט.

וואט איז די טראבעל — וואס איז געשעהען? וואנדערפול — וואונ־דערבאר. ווינדע — פענסטער.

טרייד — ארבייט. טרייען — פרובען. טריק — א שפיצעל. טשענס — א שאנס, א מעגליכקייט.

יו נאו — פארשטעהט איהר מיך. יוז — באנוצען.

לאנדרי — וועשעריי. לאנדריי־ביל — וועשעריי־הוצאות. לאנדרימען — וועשער. לודלאו־סטריט־דזשייל — א געפענגעניש אין ניו־יארק אויף לודלאו־גאס. ליוו איט טו מי — לאזט דאס איבער צו מיר.

מופען — זיך איבערקלויבען. מייל די פאסט — שיק ארוים בריעף.

שלום עליכם

אידישע שרייבער

אינהאַלט

שלום-עליכם ! 7
ווי שען איז דער בוים ! 19
אויטאָ-דאַ-פע 29
מיין בעקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי 41
מ. מ. וואַרשאַווסקי און זיינע ליעדער 51
אַ וואָך מיט י. ל. פרץ 69
וועגען פרישמאַן'ס יובילעאום 79
פרישמאַן צו-גאַסט ביי שלום-עליכם 89
מיין בעקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק 99
פיער זענען מיר געזעסן 09

Copyright 1918 by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

דיאלאָג.

געשריבען אין יאָהר 1902.

שלום־עליכם!

— שלום־עליכם!

— עליכם־שלום!

— פון וואנען פאָהרט מען?

— פון ווארשאָ.

— וואָס איז אייער געשעפט?

— איך בין א אידישע צייטונג.

— מה שמכם?

— אידישע פאָלקסצייטונג. און איהר, פון וואנען זענט איהר?

— פון וואנען זאָל איך זיין? פון יעהופּעץ.

— וואָס איז אייער געשעפט?

— וואָס זאָל זיין מיין געשעפט? איך בין א אידישאו׳ שרייבער.

— מה שמכם?

— שלום־עליכם.

— שלום־עליכם? קומט דאָך אייך שלום־עליכם.

— עליכם ועל בניכם.

— וואָס־זשע מאַכט איהר עפּיס, פּאני שלום־עליכם?

— וואָס זאָלען מיר מאַכען? מע שרייבט.

— וואָס שרייבט מען?

מאַכען אויף זיין בוך... איהר שפּיעלט זיך מיט אַ אידישען מחבר? אַ אידישער מחבר איז אַ בעוואָהרענטער מענש.

— וואָס הייסט, ער איז אַ בעוואָהרענטער מענש?

— ער איז בעוואָהרענט פון ביידע וועלטען: פון עולם הזה און פון עולם הבא; ער איז בעוואָהרענט פון ברויט און פון געזונד, פון גוטע פריינד, פון ווייב און קינדער און פון לייב און לעבען...

— מיר דאַכט, פּאַני שלום־עליכם, איהר רעדט שוין מיט דער גאַל, איהר פערקריכט שוין אהין, ווי יענער, וואָס אין יענעם „דור“?... נישט גוט אַזוי. נישט שען פאַר אַ אידישען שרייבער, וואָס שרייבט פאַר'ן פאָלק, ער זאָל אַזוי ליאַפּען אויף אידען. אַ איד איז מחויב אָננעמען אַלסדינג פאַר ליעב און זאָגען דריי מאָל אַ טאָג...

— גם זו לטובה?

— אודאי גם זו לטובה! וואָרום וואָס וואָלט געווען, איהר זאָלט דאָס אויך ניט האָבען? וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען מיר געהאַט צווישען די פעלקער, מיר זאָלען די איין־און־איינציגע קאַפּאָטע אויך אַראָפּוואַרפען פון זיך? מיר האָבען דען עפּיס איין אַנדער מלבוש, אַחוץ אונזער ליטעראַטור, מיט וואָס צו בעווייזען זיך פאַר דער וועלט?

— איהר זענט אפשר גערעכט.

— וואָס הייסט אפשר? געוויס! נאָר לאָמיר רעדען פון עפּיס פּריוויליכערס.

— ווען האָב איך יאָהרצייט?

— נישט דאָס. איך האָב צו אייך אַ שטיקעל...

— אַ שטיקעל בקשה? מסתמא עמיצען בעשרייבען אויף די גאַזעטען?

— חס ושלום! איך האָב צו אייך אַ שטיקעל געשעפֿט.

— וואָס זאָל מען שרייבען? וואָס מע זעהט, דאָס שרייבט מען.

— וואָס האָט איהר פון אייער שרייבען, וואָס איהר שרייבט?

— וואָס זאָל מען האָבען? צרות האָט מען, בויכוועהטיג, האַרצקלעהמעניש, בזיונות, יסורים, אנגסטען, גריזאָטע...

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איהר געוואָלט?

— איך מיין...

— כבוד? אָהן א שיעור און אָהן איין ערך! קיין שרייבער אויף דער וועלט האָט ניט אַזוי פיעל כבוד, וויפיעל א אידישער מחבר. א קלייניגקייט ביי אידען א שרייבער, א מענש וואָס שרייבט?

— איהר מיינט דאָס ערנסט?

— וואָס דען, אין שפּאַס? קוקט זיך צו, וואָס סע טהוט זיך אָפּ אויף אונזערע יובילעיען: ווינשעוואַניעס מיט „אַטקריטקעס“ פון פערעהרער, פון הייסע חסידים און גלאַט פון געטרייע לעזער שיטען זיך פון אַלע עקען וועלט: פון כתרילעווקע, פון טונעיאַ־דעווקע, פון טעטרעוועץ, פון שלש־סעודות׳שאָק, פון גאַלאַגאַנישאָק און פון סטרישטש — און פון וואַנען ניט? היינט די קאָרעספּאָנ־דענציעס, וואָס דער יובילאַר אַליין שרייבט אריין אין די בלעטער! היינט די סעודות, די באַנקעטען, די טאָסטען — הינט טראָגען גאַנצע קעפּ! היינט די סטיפּענדיעס, די צדקה, וואָס סע ווערד בשעת מעשה צעטהיילט אין ארץ־ישראל לטובת הפּועלים!... איהר שפּיעלט זיך מיט׳ן כבוד פון א אידישען מחבר?

— ניין, ניט דאָס מיין איך; איך מיין...

— פּרנסה? מיט׳ן פולען מויל, אבי ער האָט צייט און קאָן נאָך זיין דערצו א מלמד, א קרעמער, א מעקלער, א שדכן, אָדער אַזוי א איד א מקבל, וואָס קאָן גערן איבער די הייזער צונויפ־

ווער זאָגט דען מאַרשעלאָק, פּורים־שפּיעלער, פּאַיאַץ, פּערשלעפּטע קרענק? איך האָב נאָר געוואָלט, איהר זאָלט שרייבען אַזוי, אַז ס'זאָל זיין מיט אַ שפּיצעל און מיט אַ וויצעל, מיט אַ גלעט און מיט אַ שטאָך, מיט איינעם וואָרט — דער עולם זאָל האָבען הנאה...

— און זאָגען: „אַ רוח אין זיין טאַטען אריין, אָט דעם שלום־עליכם'ען! אַ האַנט — זי זאָל איהם נאָר אָפּדאַרען! אַ צונג — זי זאָל איהם נאָר אָפּנעמען!"...

— היינט וויל איך, איהר זאָלט זיך אַביסעל אויס'טענה'ען מיט אונזערע אידען, און דוקא אויף זייער גלות־שפּראַך, אויף „מאַמע־לשון". איהר זאָלט זיי זאָגען, אַז איהר זענט טאַקי אַזעל־בע און אַזעלכע, איהר זענט אָבער אַזעלכע און אַזעלכע!... דאָס הייסט, איהר זאָלט זיי בעגראָבען — נאָר איידעל, פיין, לייטיש... איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל מיט זיי שפּיעלען אין יענעם שפּיעל, וואָס מע רופט דאָס „קעצעלע־מייזעלע"?... מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אַבי...

— אַבי וואָס?

— אַבי גאָר ניט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב פיינט האַלבע ווערטער. זאָגט, וואָס קוועטשט אייך?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז עס קוועטשט מיך? עס הויבט מיך ניט אָן צו קוועטשען. הכלל, וואָס ווילט איהר נאָך?

— היינט וויל איך, איהר זאָלט זיי געבען בילדער.

— זיי זאָלען געהניצען?

— דערצעהלען מעשיות...

— זיי זאָלען קאָנען גרינגער אנשלאָפען ווערען?

— מכח א שדוך?

— ניין... און אפשר יאָ, מכח א שדוך.

— ווער איז דער חתן? פון וואַנען איז די כלה?

— דער חתן איז אין יעהופּעץ, די כלה איז פון וואַרשאָ.

— אביסעל א ווייטער שדוך. ווי אַזוי רופט מען זיי?

— די כלה הייסט אידישע פאָלקסצייטונג, און דער חתן — שלום־עליכם. געפעלט אייך דער פּלאַן?

— מהכתיתי, אבי...

— אבי וואָס?

— אבי גאָר ניט.

— האַלבע ווערטער האָב איך פיינט. זאָגט, וואָס קוועטשט אייך?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז עס קוועטשט מיך? עס הויבט מיך ניט אָן צו קוועטשען! הכלל, וואָס זשע ווילט איהר?

— וויל איך, אַזוי ווי איך בין א אידישע גאַזעט, און איהר זענט א אידישער שרייבער, זאָלט איהר שרייבען, און איך וועל דרוקען.

— וואָס זאָל איך שרייבען?

— פעליעטאָנען... אויף צו לאַכען.

— לאַכען? עס גלוסט זיך וויינען...

— איהר מעגט אייך וויינען, אבי דער עולם זאָל לאַכען. איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל מיך פערשטעלען פאַר א מאַרשעלאָק, א פּורים־שפּיעלער, א פּאַיאַץ, א פערשלעפּטע קרענק, בכדי פריילי‌ך מאַכען דעם עולם...

— אָ! אָט דאָס הויבט זיך אָן מיט א אידישען מחבר!

סע קאָסט געזונד, דאָס וואָס סע מאַכט אַלט פאַר דער צייט, געקנייטשט דאָס פּנים, גרוי די האָר — אָט דאָס ווילט איהר? מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אבי...

— אבי וואָס?

— אבי גאָר ניט.

— ווידער האַלבע ווערטער? אַמעהר זאָגט, וואָס קוועטשט איך?

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז סע קוועטשט מיך? עס הויבט מיך ניט אָן צו קוועטשען! הכלל, וואָס נאָך ווילט איהר?

— איך וויל, איהר זאָלט זיך מטריח זיין האָטש איין מאָל אין חודש דורכקוקען די אַלע ביכער און ביכלעך, וואָס די שרייבערס שרייבען...

— מאַכען קאַלי פּאַפּיער...

— די דרוקער דרוקען...

— אַז מע שמירט, פאָהרט מען; אַז מע צאָהלט, דרוקט מען...

— די בוכהענדלער קויפען...

— בייטען ספרים אויף ספרים, „שילאָ נאַ שווייקאַ“...

— און דער עולם לייענט...

— אַ ברירה האָט ער? מע גיט נישט דער בהמה קיין סלייען, קייעט זי שטרוי...

— זאָלט איהר זיך מטריח זיין אָט דאָס אַלסדינג דורכקוקען, איבערלייענען און איבערגעבען נאָכדעם אין קורצען דעם לייענער, איהם רעכט צעקייען, וועלכעס איז גוט און וועלכעס טויג אויף כפרות...

— אַ רחמנות אויף'ן מאָגען...

— מיט איינעם וואָרט — איהר זאָלט שרייבען קריטיק.

— שרייבען אַ גרויסען ראָמאַן, אַ ראָמאַן מיט אַ ליעבע, מיט ריהרענדיגע סצענעס, ס'זאָל פערכאַפּען דעם אָטהעם, מיט איינעם וואָרט — ס'זאָל זיין אַ „ראָמאַן"...

— אין זעכס טייל מיט אַ פּראָלאָג און מיט איין עפּילאָג, אַ־לאַ שמ"ר? משונה־ווילדע אומגעלומפּערטע סצענעס, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, למשל: אַ מלמד פון נעסוויזש זאָל ראָמאַנסירען מיט אַ דיענסטמיידעל רבקה; ער זאָל שרייבען הייסע בריוולעך, און זי זאָל זינגען זיסע ליעדלעך; נאָכדעם זאָל ער אוועקפאָהרען קיין פּאַריז און אין נייען חדשים ארום קומען צוריק אַ באַראָן, אַ מיליאָנער, און טרעפען זיין געליעבטע אין קיך ביי אפרים שקאָנטיסט, אַ מערדער, אַ באַנדיט, און דאָרטען זאָל זיין צווישען זיי אַ דועל; וויל איהם אפרים דער שקאָנטיסט צע־שפּאַלטען אויף צווייען, לויפט אוועק דער נעסוויזשער באַראָן צום גובערנאַטאָר און כאַפּט איהם אויף פונ'ם שלאָף און ברענגט איהם צו פיהרען מיט דריי זשאַנדאַרען; דערזעהען אַזאַ מעשה, כאַפּט דער שקאָנטיסט אַ מעסער און שטעכט זיך, און רבקה די מויד פאַלט אין אָהנמאַכט און זינגט בשעת מעשה אויף דייטש אַזאַ „טראָווערדיג" ליעד, אַז אַ שטיין קאָן אויך צעגאָסען ווערען...

— שוין? האָט איהר שוין געענדיגט? מע בעדאַרף ניט קיין נעסוויזשער מלמדים זאָלען פאָהרען קיין פּאַריז, גובערנאַ־טאָרען זאָל מען אויפכאַפּען פונ'ם שלאָף, שקאָנטיסטען זאָלען זיך שטעכען און דיענסטמיידלעך זאָלען זינגען אויף דייטש „טראָ־ווערדיגע" ליעדער אין קיך. איך פערלאַנג פון אייך, איהר זאָלט געבען אַ ראָמאַן, נאָר אַ אידישען ראָמאַן, אַ פערליעבעניש, נאָר אַ אידיש פערליעבעניש. איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל אייך שרייבען פונ'ם לעבען, פונ'ם אמת'ען אידישען לעבען; איהר ווילט, איך זאָל אייך טאַקי שרייבען מיט נערווען, מיט בלוט, טאַקי טיעף־טיעף פונ'ם האַרצען, דאָס וואָס

— וואָס דען? געזונד?

— ווער רעדט פון געזונד?

— וואָס זשע דען זאָגט איהר „אבי"?

— אבי מע זאָל לייענען!...

— משטיינס געזאָגט! בין איך מיר אויך אַ בהמה און פּגר אויך אין דער טשערעדע...

— נאָר וואָס דען? איך וועל איך בעטען, ס'זאָל זיין שטיל...

— וואָס בעדאַרף מען שרייען?

— און אָהן פּייער...

— און אויך אָהן וואַסער...

— און אָהן כעס...

— כעס איז עבודה־זרה...

— אייער קריטיק זאָל זיין אי לעבעדיג, אי נוצליך, אי ערנסט, אי וויצליך... איהר פערשטעהט, צי ניין?

— איך פערשטעה, פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן? איהר ווילט, איך זאָל פון די שמאַטעס, וואָס מע פערפּלייצט מיט זיי אונזער ליטעראַטור־מאַרק, מאַכען אַ גאַנצען צימעס. גריבלען זיך אין אַ קופּע מיסט און אויסזוכען אמאָל אַ פּערעל — אַ גרינגע ארבייט, מע קאָן פון איהר בלוי בעשטעהן, זעהר געזונד סאַי פאַר'ן גוף, סאַי פאַר דער נשמה. נו, מהכתיתי, פאַר וואָס ניט? אֲיך בין גרייט, אבי נאָר...

— אבי נאָר וואָס?

— אבי גאָר ניט.

— פע, פאַני שלום־עליכם! איך האָב אייך שוין וויפיעל מאָל געזאָגט, אז איך האָב פיינט האַלבע ווערטער; מיט מיר בעדאַרפט איהר רעדען פּראָסט; זאָגט, וואָס בעדייט דער „אבי“?... געלד?

— ווער רעדט פון געלד?

— וואָס דען? כבוד?

— ווער רעדט פון כבוד?

ווי שען איז דער בוים!

איין עפּיזאָד מיט בארען, דערצעהלט לכבוד דעם זיידען ר ב מ ע נ ד ע ל י צו זיין פינף־און־זיעבעציגסטען געבורטסטאָג, פון זיין ערשטען אייניקעל.

געשריבען אין יאָהר 1910.

ווי שען איז דער בוים!

אײן עפּיזאָד מיט באַרען, דערצעהלט לכבוד דעם זיידען רב מענדעלי, צו זיין פינף־און־זיעבעציגסטען געבורטסטאַג, פון זיין ערשטען אייניקעל*

אויב איהר ווילט זיך בעקענען מיט'ן זיידען נאָהענט, אויב איהר ווילט מיט איהם פערברענגען אַ שעה אין פערגעניגען, אויב איהר ווילט באמת הנאה האָבען, עפּיס נאַשען פונ'ם זיידען, — איז ניט אין אַ געזעלשאַפט, ניט אויף באַנקעטען, בעת מע הילט אַ קאָפּ מיט טאָסטען און מע שטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטען און מיט הידדס.

אמת, ער וועט זיך אין אַ געזעלשאַפט ניט פערלירען. ער וועט זיך ניט בעהאַלטען אין אַ ווינקעלע און וועט זיך ניט שעמען פאַר קיינעם. ער וועט אייך אָפּענטפערען אויף אַלע אייערע טאָסטען און אויף אַלע רעדענישען, יעדען בעזונדער, און דוקא קלוג, און דוקא טיעף, און דוקא וויציג, און דאָס פּנים וועט איהם לייכטען, ווי אַ מנורה, און איהר וועט זיך פיהלען מיט איהם יום־טוב'דיג, ווי מע קאָן זיך נאָר פיהלען מיט איין אמת'ען תלמיד־חכם. דאָס וועט אָבער זיין, רבותי, מעהר נישט אַז רב מענדעלי מוכר־ספרים. דאָס וועט ניט זיין „דער זיידע".

---

* איך בין דא מוסר מודעה פאר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס האָב איך געקרוינט רב מענדעלי מוכר־ספרים מיט'ן נאָמען „זיידע". דאָס איז געווען מיט אַ פיערטעל יאָהרהונדערט צוריק. איך בין דעמאָלט געוועזן נאָך גאָר אַ קונדס און אַ „פּאַרשייטער אייניקעל", ווי דער זיידע האָט מיך אָנגערופען אין איינעם פון זיינע בריעף צו מיר. פון דעמאָלט אַז איז אַוועק אַ גאַנג: זיידע! זיידעניו! — דער זיידע האָט דערלעבט, ברוך־השם, אייניקלעך אַ גאַנצען דור — כן ירבו וכן יפרצו!

שלום־עליכם.

ניין. דער מענדעלי מוכר־ספרים אינ'ם לעבען איז ניט דער מענ־דעלי מוכר־ספרים, וואָס אין בוך. מענדעלי מוכר־ספרים אין לעבען איז אליין א בוך.

פון דעם דאָזיגען בוך ריים איך אוים אַ בלעטעל און געב עס דיר, פריינד לעזער, היינט, צום פינף־און־זיעבעציג־יאָהריגען יובילעאום פון אונזער זיידען, לכבוד אונזער אַלעמענס יום־טוב, דעם יום־טוב פון דער אידישער ליטעראַטור.

בימים ההם — אין יענער צייט, ואני באדעסא — בין איך געזעסען אין אַדעס אויף אַ דאַטשע, ווייט הינטער דער שטאָדט, ביי'ם ברעג פונ'ם שוואַרצען ים, אויפ'ן „פאָנטאַן". יאָהרען זענען געווען גוטע (טאָלמאַטשאָוו איז נאָך דעמאָלט ניט געווען בעל־הבית...) — גוטע, גוטע יאָהרען! עס איז אָפּגעגאַנגען נאָר געסט, ליעבע גוטע געסט. און גאָט האָט מיר געהאָלפען. איך האָב געהאַט אַ גאַסט — דער זיידע איז צו מיר געקומען פון שטאָדט. געקומען צו־גאַסט. דער זיידע מענדעלי מיט זיין נושא־כלים, דעם פליגעל־אַדיוטאַנט, י. ח. רבניצקי.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען דעם זיידען מענדעלי אין אַדעס אָהן רבניצקי'ן — פונקט ווי עס איז שווער אייך פאָרצו־שטעלען זיך, למשל, אַ לולב אָהן אַ הדס, אָדער אַ שטאָדט אָהן אַ „קאַזיאָנע ראַבינער", אָדער אַ וואַרשעווער דאָזאָר אָהן אַ זוהן אַ משומד, אָדער אַ רוסישען פאַרלאַמענט אָהן אַ פורישקעוויטשען... לאָז מיר הונדערט מאָל מוחל זיין מיין פריינד און מיין חבר רבניצקי פאַר דעם דאָזיגען פערגלייכען. איך האָב נישט געמיינט איהם, חלילה, פוגע בכבוד זיין. וואָס האָב איך צו איהם? נאָר — איהר ווייסט דאָך — אַ שרייבער אַז ער האַלט אין פערגלייכען, מאַכען פאַראַלעלען, חאַפּט ער וואָס עס קומט איהם פריהער אויפ'ן זינען.

בקיצור, איך האָב געהאַט געסט: דעם זיידען מענדעלי און רבניצקי'ן. אויסגעבאָדען זיך אינ'ם שוואַרצען ים, וואו דער זיידע

„דעם זיידען“ אויב איהר ווילט קענען, געהט מיט איהם, זייט מוחל, ארויס העט־ווייט הינטער דער שטאָדט ארויס, דאָרט אויף דער פרייער לופט, אונטער דער הימעל־יאַרמעלקע, דאָרט וואו עס וואַכסט אַ בוים, וואו עס שפּראָצט אַ גרעזעל, וואו עס פּיטערט זיך אַ קעלבעל, וואו עס גריינט אַ וואַלד, וואו עס דרעהט זיך אַ מיהל, וואו עס לויפט אַ קליינע וואו עס קוקעט אַ פויגעל, וואו עס שפּרינגט אַ וועווריקעל, וואו עס פלאַטערט אַ פערחעל, וואו עס שמוצערען היישעריגען, וואו פליעגעלעך האָבען זיך צונויפגענומען אַ גאַנצע חאַליאַסטרע און זשומען, און וויעגען זיך, און ווידמענען זיך, און זאָגען שירה, געבען־אָפּ אַ לויבעניש צו גאָט — אהין, אהין זאָלט איהר איהם נעמען, וועט איהר זיך ראָרטען ערשט בעקענען מיט'ן „זיידען“, וועט איהר דאָרטען ערשט געוואָהר ווערען אקוראַט, ווער דער „זיידע“ איז.

איהר וועט זעהען פאַר זיך אין איין צייט אי אַ טיעפען דענקער, אי אַ מאָדנעם קינסטלער, אי אַ קינד פון דער נאַטור. און ער וועט זיך אַוועקזעצען מיט אייך אויף גאָט'ס ערד, אויף דער גרינער שמעקענדיגער קאָלדרע, וואָס איז בעשפּרענקעלט און בעצוויקעלט מיט אַלערליי קוויטלעך. און ער וועט, קוקענדיג אין בלויען הימעל אריין, אייך אַרויסזאָגען אַ טיעפען געדאַנק, און ער וועט אייך אָפּמאָהלען אַ לעבעדיג בילד, און ער וועט אייך דערצעהלען אַ שענע מעשה פון אמאָל, און ער וועט אייך זאָגען אַ קלוגען, שאַרפען, אַ אידישען וויץ, און ער וועט זיך צעלאַכען הילכיג אויף אַ קול, און ער וועט אייך מאַכען צו גלייכער צייט דענקענדיג און לאַכענדיג און פריילין, און איהר וועט זיך פיהלען אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, און עס וועט אייך באַנג טהון, פאַר וואָס איהר האָט דאָס פריהער ניט געוואוסט, און איהר וועט חרטה האָבען, פאַר וואָס איהר האָט ניט פערהאַפּט מיט זיך קיין בלייששטיפטעל אויף צו פערשרייבען ביי זיך די דאָזיגע טיעפע געדאַנקען, מיט די דאָזיגע לעבעדיגע בילדער, מיט די דאָזיגע שענע מעשיות פון אמאָל, מיט די דאָזיגע שאַרפע קלוגע אידישע וויצען.

ווי וועט זיך ניט געפינען א בעל־הבית, א סטרוזש, א גערטנער — פּאַר געלד וועלען מיר שוין קריגען באַרען.

און כך הוה. מיר האָבען געפונען א טויער. אויפ'ן טויער א בלעטעל. אויפ'ן בלעטעל — אָנגעשריבען מיט גאָלדענע אותיות: „אַנאַטראַ". ווייסען מיר, הייסט עס, אַז אנאַטראַ — דאָס איז דער בעל־הבית פונ'ם גאָרטען.

געהערט האָבען מיר, אַז אַנאַטראַ איז א גרעק, און א פּיעל־פאַכער מיליאָנער, און א רשע. נאָר צי ער פערקויפט באַרען — דאָס איז קיינער ניט מחויב צו ווייסען. עס קאָן זיין, אַז ניין, און עס קאָן זיין, אַז יאָ. ער מעג זיך זיין א פּיעלפאַכער מיליאָ־נער, און די באַרען פונ'ם גאָרטען זאָל ער דוקא פערקויפען. דער שכל איז דאָך מחייב: צו וואָס דאַרף עס איין מענש אזוי פּיעל באַרען?...

אָט אַזוי טראַכטענדיג, טרעטען מיר אַריין פּאַוואָלינקע אין א מחיה'דיגען גאָרטען, שפּאַציערען איבער אויסגעפּוצטע סטעזש־קעס, געפּלאַסטערט מיט קליינע ים־שטיינדלעך און בעציערט פון ביידע זייטען מיט אונטערגעשוירענע ביימלעך, אונטער וועלכע עס קוקען אַרויס שמעקענדיגע בלומען, וואָס שמייכלען צו אונז און גריסען אונז גאָר פריינדליך: „ברוכים הבאים! סקאָצעל קומט! ווילקאָמען!"... און מיר געהען ווייטער און ווייטער. פּלוצים... פון וואַנען האָט זיך גענומען, מיט איין אימפּעט און מיט א הוק, און גלייך אויף אונז — א הונד. אָבער א הונד! א קאַלב, ניט קיין הונד. א לייב. א לעמפּערט! א געלע גלאַנ־צענדיגע פעל. לאַפּעס ווייכע, קיילעכיגע, ווי ביי א טיגער. א מאָרדע א שוואַרצע, א נאַסע, נאָר א חנ'עוודיגע. ציינער ווייסע, שאַרפע. אויגען רויטע, פייעריגע, ווי ביי א גזלן. א פּאַרשוין א הונד, נאָר א הונד.

איך ווייס ניט, ווי אזוי איהר, נאָר איך — איך בין מיך מודה, וואָס האָב איך מיך דאָ צו שעמען? — איך האָב פּאַר א

האָט אונז בעוויזען, וואָס הייסט שווימען צו זעכציג יאָהר און וואָס הייסט מאַכען קונצען אויפ׳ן וואַסער, האָבען מיר גענומען די פיס אין די הענד און געמאַכט אַ שפּאַציער פונ׳ם קליינעם פּאָנטאָן אויפ׳ן גרויסען און פונ׳ם גרויסען פּאָנטאָן נאָך ווייטער — און בעת מעשה האָט אונז דער זיידע דערצעהלט מעשיות מיט מעשיות, און מיר האָבען געהערט און געוואונדערט זיך און געקוואָלען און געקליבען נחת, ווי אמת׳ע גוטע געטרייע אייניקלעך. פּלוצים שטעלט זיך דער זיידע אָפּ:

— מה נאה אילן זה — וואָס זאָגט איהר אויף דעם בוים?

מיר הויבען אויף די אויגען — אַ בוים, שוין איין מאָל אַ בוים! ניט אַזוי דער בוים, ווי די באַרען. אַי, באַרען! בער־האַמאָטען! קיילעכיגע, געלע, פעטע זיסע, גלאַטע, ווייכע, הענגען־אַראָפּ אויף גראָבע צוגעברוימטע שטעקעלעך, שיקען־אַרויס פון זיך אַ ריח־ניחוח, קוקען אויף אונז פריינדליך, ווינקען צו אונז, בעטען זיך: „פּערדיענט אַ מצוה, אידישע קינדער, מאַכט אויף אונז שהחינו“... און הינטער דעם בוים — נאָך אַ בוים, און נאָך אַ בוים, און אַלע אָפּגעשאָטען מיט באַרען. אַ ים מיט באַרען!

אָהן ווערטער האָט דער זיידע אַוועקגעשטעלט אויף אונז זיינע שאַרפע קלוגע אויגען דורך די גלאַנצענדיגע ברילען און מיט אַ מעפיסטאָפעל־שמייכעל אויף די דינע בעזילבערטע ליפען האָט ער אונז דורכגענומען דורך און דורך, ווי איינער רעדט: „קינ־דערלעך, איך זעה — איהר זענט בעלנים אויף די דאָזיגע באַ־רען?“... און גלייך ווי מיר וואָלטען זיך אויפגערעדט פון פריהער אַלע דריי, איז געבליבען ביי אונז דער הסכם, אז מיר געהען אין גאָרטען אריין נאָך באַרען.

אידען האָבען פיינט לאַנג טראַכטען: וואָס באַרען? וועמעס באַרען? — דאָס האָבען מיר געלאָזט פריי. מסתמא וועט זיך עס מיט דער צייט פערענטפערען. דער עיקר איז: געפינען אַ טויער, אַ גאַנג אין גאָרטען אריין, און דאָרט

הקיצור, מירביידע, איך און מיין חבר רבניצקי, אז מיר האָבען דערזעהען דאָס בעשעפעניש מיט'ן אָפענעם מויל גלייך אויף אונז, האָבען זיך אונזערע נשמות אָפּגעטיילט פונ'ם גוף. אונזער ערשטער געדאַנק איז געווען: לויפען! ס'איז אָבער גוט צו לויפען, אז ס'איז דאָ פיס. וואָס וועט איהר טהון, אז די פיס האָט מען ביי אייך אונטערגעהאַקט אַקוראַט ביי די קנעכלעך, און דאָס האַרץ הענגט ביי אייך אויף אַ פאָדעם, און די האָר שטעהען קאַפּויר, און די אויגען — אָט־אָט שפּרינגען זיי אייך ארויס פון שטערן? ליעבער פריינד, איהר האָט אונז ניט וואָס צו מקנא זיין. וואו מיר האָבען ערגיץ אַ שונא, רבונו של עולם, זאָל ער איבערגעהן אויף דעם שטאַנד, אין וועלכען מיר ביידע האָבען זיך געפונען אין יענער מינוט.

און דער זיידע? — יענעם מאָמענט וועל איך קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערגעסען. ווי נאָר דער כלב האָט געעפענט דאָס מויל און אַ וואָרף געגעבען זיך אויף די אומגעבעטענע געסט, אַזוי האָט דער זיידע צונויפגעלעגט די הענד אויפ'ן האַרצען, צונויפ־גענומען די ליפּען מיט אַ שמייכעלע, אַריינגעקוקט אַ ווײַלע דעם הונד גלייך אין די אויגען אַריין און אויסגעשאָסען אַ געלעכטער מיט אַ הילך — איך מעג שווערען, אז דער כלב האָט פערשטאַנען דאָס געלעכטער. און ניט נאָר פערשטאַנען — ער האָט זיך גע־פונען ווי בעלעדיגט. אַקעגען אַ האַלבע מינוט זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע און געקוקט זיך גלייך אין די אויגען אַריין. און אפשר נאָך ווינציגער ווי אַ האַלבע מינוט. נאָר ביי מיר האָט זיך עס געצויגען אַיין אייביגקייט. דאָס איז געווען אַ שווערער, אַ קריטישער מאָמענט. אַ מענש און אַ חיה האָבען זיך בעגעגענט און געמאָסטען איינס דאָס אַנדערע מיט'ן קוק, ווער וועט וועמען גובר זיין... נאָכדעם איז דעם הונד, אַפּנים, נמאס געוואָרען די גאַנצע מעשה, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פייערינגע גזלנ'ישע אויגען זיינע, האָט געגעבען אַ געהניץ מיט'ן גאַנצען מויל, זיך בעלעקט און אויסגעצויגען, אויסגעטרייסעלט

הונד מורא... שייך זאָגען מורא? דאָס וואָרט „מורא“ איז צו שוואַך אויף אַרויסצוגעבען אייך דאָס געפיהל, וואָס רופט אַרויס ביי מיר אַ הונד. אַלע חיות אויף דער וועלט האָב איך ליעב, ליעב, גאָר אָהן אַ שום אויסנאַהמע. אַ הונד האָב איך אויך ניט פיינד. נאָר וואָס דען? איך בין מיט איהם ניט זיכער. איך, אַז איך קום אין אַ שטוב אַריין און דערזעה אַ הונד (ביי אַ כריסט, געוועהנליך, וואָרום ביי אַ אידען איז ניטאָ קיין הונד, און אויב ס׳איז דאָ ביי אידען אַ הונד, איז דאָס ניט קיין הונד), אַזוי הער איך שוין ניט, וואָס מע רעדט צו מיר. מיינע געדאַנקען זענען דאָרטען, אַרום הונד... אַז ער געהט צו מיר צו נאָהענט און שמעקט מיך אַרום און לאַשטשעט זיך און דרעהט מיט׳ן עק, איז מהכתיתי, זעהר פיין, מחותנים — אַבי טשעפּע מיך ניט. זאָלסט נאָר ניט אַרויפלעגען אויף מיר די קאַלטע לאַפּע דיינע און ניט שטופּען מיר די נאַסע מאָרדע אין פּנים אַריין. איך האָב דיך ליעב, פערשטעהסט דו מיך, נאָר פון דער ווייטען...

פאַר מיין חבר רבניצקי׳ן וועל איך אייך ניט זאָגען. אפשר האָט ער מורא פאַר אַ הונד נאָך מעהר פון מיר? ער וויל מיך איינרעדען אפילו, אַז ער האָט ניט אַזוי מורא. וואָס איז די מורא? ער האָט דען ניט קיין שירעם? נאָך אַ מין שירעם!... איך האָב אייך גאָר פערגעסען זאָגען, אַז מיין פריינד רבניצקי געהט נישט אַרויס מפתח ביתו אָהן אַ שירעם, סאַי זומער, סאַי ווינטער. אַז איהר וועט זיין אין אַדעס און וועט בעגעגענען אין גאַס אַ אידען מיט אַ רויט שיינענדיג פּנים, מיט גוטע, אַ ביסעל פערזאָרגטע אויגען, מיט אַ פערטראַכטען ווייסען שטערן און מיט אַ שירעם אונטער׳ן אָרעם, חאָטש אין דרויסען איז ווינטער און דער פראָסט ברענט, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז ער, רבניצקי הייסט עס. איך ווייס דעם סוד פונ׳ם שירעם: ס׳איז פאַר אַ הונד. אַי, די קשיא: פאַר אַ הונד איז גאָר גוט אַ שטעקען? — האָט נאָר נישט קיין טבע פרעגען קשיות.

אויטאָ־דאַ־פע

עראינערונגען לכבוד דעם ליטעראַרישען יום־טוב פונ'ם זיידען מענדעלי מוכר־ספרים, געשריבען פון זיין ערשטען איינִיקעל.

געשריבען אין יאָהר 1910.

די געלע גלאַנצענדיגע פעל, זיך אויסגעקערעוועט צו אונז, גאָר אָהן א שום דרך־ארץ, מיט'ן הינטען, און שמעקענדיג מיט דער נאָז זיינע אייגענע טריט, האָט ער זיך געלאָזט געהן זיין וועג.

יענעם טאָג האָבען מיר געגעסען באַרען. נישט קיין שלעכטע באַרען. נאָר דאָס זענען געווען באַרען, וואָס מיין ווייב האָט גע־בראַכט צו פיהרען פון שטאָדט.

אויטאָ־דאַ־פע

עראינערונגען לכבוד דעם ליטעראַרישען יום־טוב פונ׳ם זיידען „מענדעלי מוכר־ספרים״, געשריבען פון זיין ערשטען אייניקעל. *

דער בנוהג־שבעולם איז, אַז סע שטאַרבט — ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט — אַ גרויסער מענש, בעקומט מען איהם ליעב און מע הויבט אָן נאָכזאָגען שבחים נאָך זיין בעט, און מע הויבט זיך אָן דערמאַנען און נאָכדערצעהלען פון איהם מעשיות, עפּיזאָדען, אַנעקדאָטען, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטען — אַלץ גיט אַהער, אַלץ איז אַ סחורה, אַלץ ווערד פערצוקערט. איך נעם מיר די שטאַרקייט צו זאָגען, אַז ס׳איז אַ נאַרישער מנהג, און אויב איהר ווילט — טאַקי אַ שטיקעל עולה אויך. אַ קונץ נאָכ׳ן טויט דערצעהלען שבחים? פאַר וואָס זאָל דער בעטרעפענדער אַליין אויך ניט געניסען פונ׳ם כבוד? פאַר וואָס זאָל ער אַליין ניט זעהן און ניט הערען די אַלע שבחים מיט די מעשיות, וואָס מע דערצעהלט זיך אָן פון איהם, מיט די עפּיזאָדען, אַנעקדאָטען, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטען? אדרבה, איך געה נאָך ווייטער: איך זאָג גאָר, אַז ס׳איז מעהר יושר פאַר׳ן לעבען אַלס נאָכ׳ן טויט צו איבערגעבען אַזעלכע זאַכען, וואָרום טאָמער

---

* איך האָב שוין איין מאָל מוסר מודעה געווען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב אַנגערופען מענדעלי מוכר־ספרים מיט׳ן נאָמען „זיידע״, און ער מיך — „אייניקעל״. פון דעמאָלט אַן זענען מיט גאָט׳ס הילף אויסגעוואַכסען, קיין עין הרע, אַ גאַנצער דור מיט „אייניקלעך״ — כן ירבו!

שלום־עליכם.

פון דער דאַטשע „מאַנדראַזשי" — און לאָז דער זיידע זיך דער־מאָנען, ואין החי יכול להכחיש את החי!...

אין יענער צייט — אַ יאָהר צוואַנציג דאַרף שוין זיין אין דעם — בין איך געווען אונטער'ן איינפלוס פונ'ם זיידען און גע־שריבען אַ גרויסעס אַלעגאָרישעס ווערק, טאַקי אַ ראָמאַן, נאָר מיט אַ פערשטעלעניש, כמו ווי להבדיל אַ מין „קליאַטשע". און מחמת מיר האָט זיך געגלוסט געבען איין אַלעגאָריע, דאָס הייסט, איך האָב געהאַלטען פאַר די אויגען ניט דאָס ווירקליכע לעבען, נאָר די „כנסת ישראל", בין איך מסתמא פערקראָכען אין אלף השישי אריין. און, ווי געוועהנליך, בין איך געווען פערליעבט אין דעם ראָזיגען ווערק, ווי אַ חתן אין זיין כלה אין די געצעהלטע טעג פאַר דער חופה, געהאַלטען, אַז דערמיט ענדיגט זיך שוין די גאַנצע וועלט! און עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט בעווייזען פאַר עמיצען מיין געליעבטע כלה, מיין איך — מיין נייעס ווערק. וועמען זשע בעווייזט מען אַזאַ אבן טוב, אַז ניט פאַר'ן זיידען? סטייטש, איך האָב אַזאַ מבוא: סך הכל איין האַלבע שעה פון אדעס, און דאָרט זיצט דער זיידע מענדעלי — ווי זאָגט מען: אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל... נאָר וואָס דען? ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? טראָגען דעם ראָמאַן צום זיידען — צו אַ גרויס פעקעל. מטריח זיין דעם זיידען צו זיך — עפּיס נישט קיין דרך־ארץ. פאַלט אַ איד אויף אַ המצאה: זומער־לעבען, הייסע טעג, מע בעדאַרף פערבעטען צו זיך אויף דער דאַטשע דעם זיידען — געניסען לופט, זיך אָפּבאָדען אין ים, און אַביסעל שמועסען. איז אָבער אראָפּברענגען דעם זיידען ניט אַזוי גרינג. מע בעדאַרף האָ־בען אַ שעת־הכושר. גאָט האָט מיר געהאָלפען, עס האָט זיך גע־פונען אַ שעת־הכושר — אראָפּגעבראַכט דעם זיידען. אַ גאַסט אויף אַ גאַנצען מעת־לעת.

די מצוה פון „הכנסת־אורחים" איז, נאָך מיין נאַרישען שכל, מעהר לוקסוס ווי מצוה, און אויב עס וואָלט מיר זיין ערלויבט צו

חלילה — לא יעלה ולא יבוא — עס מאַכט זיך אַמאָל, איינער איז מגזם, דערצעהלט אויף איהם אַזעלכעס, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, קאָן ער אַרויסטרעטען אין דער עפענטליכקייט. ואין החי יכול להכחיש את החי, און זאָגען: „זייט זשע מוחל, רב איד, איהר האָט, דאַכט זיך, אויסגעטראַכט אויף מיר, מחילה, אַ גרויסען ליגען"...

אויף איינעם אַ ליץ דערצעהלט מען, אַז ער האָט זיך אַוועק־געלאָזט למדינת הים, אין אַ ווייטען וועג אַריין, און האָט אַרויס־געלאָזט אַ קלאַנג, אַז דאָס שיף איז אונטערגעגאַנגען און ער איז דערטרונקען געוואָרען. לאחר זמן קומט ער צו פאָהרען אַהיים און טרעפט מסתמא איין איבערקעהרעניש: דאָס ווייב האָט צו־גענומען איין אַנדערער, די שטוב האָט מען פערקויפט, מיט זיין גוטס האָבען זיך צעטהיילט זיינע גוטע פריינד — אַ חורבן! ער געהט אַרום פון שמוני'ן צו בוני'ן: „האָט איהר געהערט איין אומגליק, אַזאַ־נ־אומגליק?" „צו וואָס האָט דאָס אייך געטויגט?" „איך האָב געוואָלט הערען, וואָס וועט די וועלט זאָגען"...

אַ יובילעאום — דאָס האָבען שוין אַ סך חכמים געזאָגט — איז געגליכען, להבדיל, צו אַ לויה. בדידי הוה עובדא — איך אַליין האָב איבערגעלעבט פאַר אַ פּאָר יאָהרען אַזאַ מין „לויה", זיך אָנגעהערט אויף זיך אַזעלכע שבחים, וואָס זענען מיר קיינמאָל ניט געקומען אין חלום. איין עבירה נאָר, וואָס דער עולם האָט זיך פערגעסען און גיך אַנשוויגען געוואָרען... און מחמת איך וויים דעם טעם פון „יובילעאום", ווילט זיך מיר מהנה זיין דעם „זיידען", און דעם זיידענ'ס פיעלע פריינד און פערעהרער, חאָטש מיט איינעם פון די פיעלע, פיעלע עפּיזאָדען, וואָס איך האָב וועגען דעם זיידען צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

די מעשה האָט זיך געטראָפען אין אַדעס, ביי'ם ברעג פונ'ם שווארצען ים, אויפ'ן גרויסען פאָנטאַן, זומער אויף אַ דאַטשע — מיט אַלע סימנים, און דער בעסטער סימן וועט זיין דער נאָמען

זיך יונגער און פרישער און לעבעדיגער, און איהר פערגעסט מיט איהם, וואו די צייט קומט אהין, וואו דער טאָג געהט אַוועק.

נאָר „שפּיעל, זאָגט מען, דעם חתן וויינענדיגס, ער האָט זיך ויינס אין זינען". ווי גליקליך איך בין ניט געווען מיט'ן טהייערען גאַסט, ווי געשווינד די צייט איז נישט געלאָפען, איז מיר מיין ראָמאַן נישט ארויס פון זינען אפילו אויף איין מינוט. נאָר ווי טרעט מען צו צום עסק? ווי אזוי נעמט מען גלאַט אָט אזוי און מע טהוט א זאָג: „זיידע, איך וועל אייך לייענען מיין ראָ־מאַן?" — האָט אָבער גאָט געטהאָן א נס. דער זיידע אליין האָט מיך א פרעג געגעבען, אויף דער נאכט איז דאָס געווען, נאָכ'ן עסען: „וואָס הערט זיך? וואָס שרייבט מען עפּיס נייעס?" איך האָב דערפיהלט, ווי דאָס הארץ האָט מיר אָנגעהויבען קלאָפּען „טיק־טיק־טאק". דאנקען גאָט, געקומען די מינוט. און איך האָב מיך אָנגעכאפּט מיט ביידע הענד, ארויסגעצויגען מיין ליעבלינג פון שופלאָד, וואו ס'איז געלעגען צונויפגעקאטשעט, ווי א הייליגע שריפט, איבערגעבונדען מיט א רויטען פאָדעם־זייד — איך בין שוין גרייט געווען צוטרעטען צום עסק, שוין געוואָלט אָנהויבען לייענען, — אָן מיר איז, הייסט עס, ניט געווען קיין שום מניעה, — האָט זיך אָבער דער זיידע אָנגענומען ביי דער האנד: „איצט? ניין. איצט בעדארף מען געהן מקבל פנים זיין די לבנה, וואָס געהט אויף פונ'ם ים".

שען איז דער ים, אז ער צעשפּיעלט זיך מיט אלע זיינע וועלען ביי טאָג אויף דער שיין פון דער גינגאָלדענער זון. שען איז ער ביי'ם אונטערגאנג פון דעם רויט־פייעריגען קוגעל, וואָס לאָזט זיך אראָפּ, פאלט אריין אין אָפּגרונד אריין, און אלץ ווערד ווי מיט פייער בעגאָסען. אין א פורפור־מאנטעל ווערד איינגע־וויקעלט דער עק הימעל, און א קיהלע שטילקייט לאָזט זיך אראָפּ און געוועלטיגט און הערשט אויף דער ערד. טויזענד מאָל שענער איז אָבער דער ים ביינאכט, ווען עס שניידט זיך אויס און בעווייזט זיך אויפ'ן הימעל דאָס ווייסע בלאַט פון דער זילבע־נער לבנה

רעדען נאָך מעהר עפּענטליך, וואָלט איך זאָגען, אז ניט דערמיט אַליין איז אברהם אָבינו געווען אַזוי גרויס, וואָס ער איז געווען א מכניס־אורח, וואָרום וואָס קאָן זיין מעהר אנגענעהם ווי אויפ־נעמען געסט?

נאָר אויב אויפנעמען געסט בכלל איז א פערגעניגען, איז האָבען פאַר א גאַסט דעם זיידען רב מענדעלי — א יום־טוב. מענדעלי מוכר־ספרים אין א געזעלשאַפט איז אַזוי פיעל אָריגינעל, אייגענאַרטיג, ווי מענדעלי מוכר־ספרים אין דער ליטעראַטור, און אויב איהר ווילט, איז ער אין לעבען נאָך מעהר בולט, ווי אין בוך. אין דער צייט ווען אז מיר בעגעגענען זיך מיט אַנדערע שריפט־שטעלער, טרעפט זיך אַמאָל, אז מיר האָבען דערנאָך חרטה, למאי מיר האָבען זיי געזעהן אַזוי נאָהענט, איז דער זיידע מענדעלי פּונקט דער היפּך: ער איבערטרעפט אין א פּערזענליכען בעגעגע־ניש אַלסדינג, וואָס איהר האָט אייך פאָרגעשטעלט פריהער אין אייער פאַנטאַזיע. נאַטירליך, ער איז ניט מיט הערנער — נאָר איהר דערזעהט פאַר זיך א פּאַרשוין איין אויסערגעוועהנליכען. דאָס איז ניט נאָר אַ זקן שקנה חכמה, דער אמת׳ער טיפּ פון דעם אידישען תלמיד־חכם; דאָס איז א מענש, וואָס איז פול מִיט לעבען, מיט בעוועגונג, וואָס דאָס לעבען טריפט ביי איהם אין אַלע אָדערען, קוקט־אַרויס פון דעם שאַרפען בליק פון די קלוגע אויגען, פון די טיעפע קנייטשען פון דעם הויכען שטערן, פונ׳ם יונגען שמייכעל וואָס אויף די דינע ליפּען, און איהר פרעגט זיך: „אָט דאָס איז מענדעלי מוכר־ספרים?“... ביי מעהר נאָהענטע, אינטימע בעקאַנטשאַפט דערזעהט איהר פאַר זיך א אידען א קינד, א זקן א קונדס, וואָס וועט אייך בעווייזען וואָס הייסט מוסקולען, וואָס הייסט געהן גלייך ווי א סטרונע, וואָס הייסט קאָנען שפּאַנען, קאָנען לויפען, קאָנען שפּיעלען זיך מיט קינדער — און איהר וועט פרעגען ביי זיך: „אָט דאָס איז א אידישער מחבר, וואָס מע פייערט זיין פינף־און־זיעבעציג־יאָהריגען יובילעאום?“ אין דער געזעלשאַפט פון אזא גאַסט הויבט איהר אַליין אויך אָן פיהלען

איהם אריבערגעיאָגט. ער איז דאָך עפּיס נישט קיין מאַן־דהוא, עפּיס אַ מענדעלי מוכר־ספרים! אַ קליינינגקייט?! קומט אַ יונגעל, אַ שנעק, אַ שלום־עליכם, און שרייבט אָן אַ בוך, וואָס שטעלט אוועק אַזאַ ריעז אויף אַ זייט, לאָזט איהם איבער הינטער זיך, — נעבאַך, נעבאַך!...

יענע נאַכט איז דער זיידע אויך ניט געשלאָפען, נאָר ניט איבער מיין ראָמאַן — איבער איין אַנדער מעשה: דאָס חדר, וואו מיר האָבען בעלעגט דעם גאַסט, איז געווען דאָס צווייטע פון׳ם קינדער־צימער, האָט דאָס קינד (דאָס „קינד“ איז שוין איצ־טער אַ סטודענט) אַ גאַנצע נאַכט געשריען אויף צייהנדלעך, קיין אויג איהם נישט געלאָזט צומאַכען! — „וואָס איז דאָס ביי אייך דאָרט פאַר אַ מין שרייער? — האָט זיך דער זיידע פאַר אונז געקלאָגט אויף מאָרגען אין דער פריה. — און איך וואָלט וועלען וויסען, וואו נעמט זיך צו אַ קינד אַזוי פיעל כח, קיין עין־הרע ניט?“...

נאָך אַ ביסעל ווערטלען זיך איבער׳ן „שרייער“ און נאָך טיי טרינקען, האָט מיר דער זיידע אַ וואונק געגעבען:

— נו?...

פון אַלע „נו׳ען“ איז דאָס געווען דער סאַמע בעסטער, סאַמע זיסטער „נו“. אַ גן־עדן־באַלזאַם איז זיך צעגאַנגען אין אַלע מיינע גליעדער, און איך האָב גענומען דעם זיידען און האָב מיך בעזעצט מיט איהם ביי זיך אין קאַבינעט, צוגעמאַכט דאָס פענסטער, פער־שלאָסען די טירען, ארויסגעצויגען די הייליגע שריפט פון שופלאָד, אויפגעבונדען דעם רויטען פאַדעם־זייד און...

— איך וועל מיך אַוועקזעצען — זאָגט צו מיר דער זיידע — אָט דאָ ביי׳ם פענסטער אַקעגען אייך, און איהר זעצט אייך אַוועק אהער צו מיין לינקען אויער, איך זאָל אייך קאָנען בעסער האָרכען. נאָר פריהער דערצעהלט מיר, וואָס האָט איהר געוואָלט?

און בעוווייסט און בעזילבערט און בעגיסט מיט ווייסען חן און מיט זילבערנעם נאַכט־כשוף די שטילע וואַסערען פון בערוהיגטען ים, וואָס קוים־קוים וואָס ער ציטערט און שפּיעגעלט אָפּ אין זיך די אלפי אלפים ורבוא רבבות פינקעלדיגע שטערען. ניין, דער זיידע איז גערעכט. ניט איצט איז די צייט צו לייענען ראָמאַנען. עס גלוסט זיך אפילו ניט געהן אין שטוב אריין שלאָפען. איין עבירה, איין עבירה אזא נאַכט! מיר פּיקט אָבער אין קאָפּ אלץ דער ראָמאַן, אלץ דער ראָמאַן! פון וואָס מע זאָל ניט רעדען, איך קום אויף מיינעם. איך וויל איהם חאָטש איבערגעבען די אידעע, איהם בעקענען מיט'ן אינהאַלט. „צו וואָס? — זאָגט דער זיידע. — אותיות מחכימות. מאָרגען אין דער פריה וועלען מיר זיך אוועקזעצען אינצווייען און איבערלייענען דעם ראָמאַן פון טאָוועל ביז טאָוועל". אך, ווי גוט! אך, ווי גוט!

יענע נאַכט איז קיין שלאָף ניט געקומען אויף מיינע אויגען. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וואָס וועט זיין, למשל, אז איך וועל איהם שוין האָבען געהאַט איבערגעלייענט מיין ווערק אינגאַנצען? וואָס וועט זאָגען דער זיידע? „איך בין ענטציקט"? „איך בין נתפּעל"? „איך בין איבערראַשט"? ניין. ער איז ניט אזעלכער, וואָס זאָל זיך צעגיסען אין סענטימענטען, צוקערדיגע ווערטער („לאַקריץ" הייסט דאָס אויף זיין לשון). עס וועט זיין געגנוג פון זיין זייט, אז ער וועט אַרויפלעגען אויף מיר זיין האַנד: „נו? יישר כח! שרייבט, שרייבט אַ סך אזעלכע ווערק, און לאָז דער זיידע האָבען נחת פון זיין אייניקעל"...

און אפשר קאָן זיין, אז ער וועט גאָר ניט זאָגען. לחלוטין גאָרנישט. ער וועט ניט האָבען קיין ווערטער. און דאָס שווייגען זיינס וועט זיין פאַר מיר אויך גאַנץ געגנוג. אַ „זיידע", וואָס דער „אייניקעל" האָט איהם אַריבערגעיאָגט (איך בין זיך מודה, אַז דער געדאַנק איז אויך געווען), וואָס האָט ער צו זאָגען?... אביסעל האָט מיר ווזה געטהאָן דאָס האַרץ אויפ'ן זיידען, וואָס איך האָב

געוואָלט זעהן, ווי ווייט ער איז אַנטציקט, איז אָבער שווער געווען צו זעהן אויף זיין פּנים וואָס ער טראַכט. אַ מענש, אַז ער זיצט מיט צוגעמאַכטע אויגען, ווייסט איהר קיינמאָל ניט טרעפען, וואָס ער טראַכט. פּלוצים עפענט ער אויף די אויגען, נעמט מיך אָן ביי דער האַנד, קוקט אויף מיר אַריבער די ברילען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד:

— הערט זשע, איך מוז אייך איבערשלאָגען אין מיטען דער מעשה. ווי מיינט איהר, קאָכט זיך שוין ביי אייך וואַרמעס אין קיך?

— וואַרמעס? געוויס. איהר זענט אפשר הונגעריג? וועל איך הייסען עפּיס געבען.

— הונגעריג? חס ושלום! איך וויל נאָר וויסען, אויב עס הייצט זיך דאָרט ביי אייך אין אויווען?

— געוויס הייצט זיך אין אויוועו.

— אויב עס הייצט זיך, טאָ נעמט און וואַרפט אריין, זייט מוחל, אָט דאָס גאַנצע העפט אין אויוועו אַריין און פערברענט דאָס אויפ'ן פייער, ווארום דאָס איז ניט אייער זשאַנר. דאָס איז... דאָס איז — פּע!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבען נאָך דעם ניט איין מאָל געזעהען זיך מיט'ן זיידען, אסך מאָל גערעדט וועגען שרייבען, וועגען דעם, וועלכעס איז מיין זשאַנר און וועלכעס איז ניט מיין זשאַנר, — נאָר וועגען יענער מעשה מיט'ן „פּע“ און מיט'ן „אויטאָ־דאַ־פּע“ האָבען מיר קיינמאָל, קיינמאָל נישט גערעדט מעהר, קיינמאָל נישט מזכיר געווען אפילו. און דעריבער איז מיר ניט אויסגעקומען עד היום הזה ארויסצוזאָגען דעם זיידען זאָל לעבען, וויפיעל איך בין איהם דאנקבאר! אך, וואָלט מען בעראָרפט האָבען, עס זאָל זיך אָפּט

וואָס איך האָב געוואָלט ? — דאָס איז געווען פאַר מיר ווי אָפּגעגאָסן מיט איין עמער וואַסער. וואָס איז שייך ?...

— אַ שרייבער, אַז ער זעצט זיך אַוועק שרייבען אַ בוך, — גיט מיר דער זיידע צו פערשטעהן — בעדאַרף זיך פריהער פרעגען : „וואָס וויל איך ?“

איך בין מיך מודה : פאַר מיר איז דאָס געווען דאָס אמת'ע אַמעריקאַ אויפגעדעקט. שוין אַ יאָהר פינף אַז איך שרייב, שוין אָנגעשריבען, ברוך השם, אַזוי פיעל זאַכען, און נאָך איין מאָל ניט געפרעגט ביי זיך : וואָס וויל איך ? וואָס קאָן אַ שרייבער וועלען ? אַ שרייבער וויל שרייבען, וואָרום ער זאָל ניט וועלען שרייבען, וואָלט ער דאָך קיין שרייבער ניט געווען... אויסגעדרעהט האָב איך מיך פון זיינע הענד מיט אַ תירוץ, אַז ווייל דאָס, וואָס איך וויל איהם לייענען, איז איין אַלעגאָריע, וואָס טראָגט אין זיך אַ פערבאָרגענעם געדאַנק, וויל איך זעהן, צי וועט ער חאַפּען אַליין דעם געדאַנק, איידער איך וועל האָבען געענדיגט דאָס גאַנצע ווערק. און איך האָב גענומען לייענען, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ניט איך לייען, נאָר איין אַנדערער לייענט. איך האָב נישט דערקענט מיין קול — און דאָס האָט מיך געמאַכט אויפגערעגט, נערוועז. נאָר דאָס אַליין וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה — האָט זיך סאַמע אין רעכטען פייער צעשריען מיין קדיש דער שרייער, חאָטש טהו זיך אָן אַ מעשה ! אוי, וואָלט איך איהם בעוויזען אַ שרייען ! איך בין גרייט געווען אַלע מינוט זיך אויפהויבען, אַריינלויפען צום שרייער אין צימער אריין, איהם פערשטאָפּען דאָס מויל מיט וואַטע. האָט מיך אָבער דער זיידע ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנד, די אויגען האָט ער געהאַלטען צו — דאָס איז אַ סימן, אַז ער הערט מיט קאָפּ — און געהייסען מיר, איך זאָל גאָרניט קוקען אויף קיין זאַך, איך זאָל נאָר לייענען.

וויפיעל איך האָב אַזוי געלייענט — ווייס איך ניט. אויפ'ן זייגער האָב איך ניט געקוקט. איך האָב געקוקט נאָר אויפ'ן זיידען,

מײן בעקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי

געשריבען אין יאָהר 1910.

הייצען ביי אונז אין אויוועז אין דער צייט, ווען מיר האַלטען ביי'ם פערענדיגען אַ בוך, וואָס אונז ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין גאָרניט זיין...

נערווי (איטאַליע), ז' חנוכה, התרע"א.

מיין בעקאַנטשאַפט מיט א. ל. לעווינסקי

אונזער ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דעם אזוי פריה אָפּגע־שטאָרבענעם לעווינסקי איז געווען, נאַטירליך, א ליטעראַרישע, און אָנגעהויבען האָט זיך עס מיט א יאָהר צוואַנציג צוריק, אין דער צייט פון מיין „יודישע פאָלקסביבליאָטהעק“. אויף די בלע־טער פונ׳ם „המליץ“ (עליו השלום) האָבען מיר זיך בעגעגענט, ביידע אָנגעוואָפענט מיט שטאָהלענע פעדערען און מיט איין אָר־סענאַל פון מליצות, און האָבען מלחמה געהאַלטען אויף עטליכע נומערען „המליץ“, נישט געפאַלען, חלילה, און נישט אונטערגע־געבען זיך איינער דעם אַנדערען, און אָהן א טראָפּען בלוט — ווי די אמת׳ע גבורי ישראל.

דעם ערשטען פּלוצליכען סטראַטעגישען אָנפאַל האָט ער גע־מאַכט אויף מיר. ער איז ארויס מיט א „מאמר“: „סטייטש, שלום־עליכם וויל אָפּ׳שמד׳ען אלע בעסטע העברעער, מאַכען זיי פאַר זשאַרגאָניסטען! שלום־עליכם צאָהלט אין טאָג אריין! צוואַנ־ציג קאָפּיקעס אַ שורה זשאַרגאָן! שמע ישראל!!“ און גע׳חתמ׳עט איז געווען: א. ל. לעווינסקי פון גאָרנאָסטאַיעווקע.

בין איך אָבער אויך ניט קיין מלופים־קינד, האָב איך געגעבען א נעם ארויס מיינע מליצה׳דיגע קוילען מיט מיינע העברעאישע פּיילען, איינגעטונקען (אין גיפט? חלילה!) אין טינט און — היידא מיט א „מאמר“ קעגען דעם לעווינסקי׳ן פון גאָרנאָסטאַ־יעווקע. פערשטעהט זיך, אז מעהר פון אלע האָט בעקומען פון מיר א פאָרציע גאָרנאָסטאַיעווקע. ביי יעדען זאַץ און ביי יעדער

איהם. נישט געווען דאָס מאָל, וואָס ער זאָל זיין אין „מיין" שטאָדט (אין קיעוו) און ניט זיין ביי מיר און ביי מיין גאנץ הויזגעזינד אַ ליעבער, אַ גוטער, אַ וואַרעמער גאַסט. איך קאָן ניט אָנווייזען פינקטליך — ווען, פון וואָסער אַ מאָמענט, עס האָט זיך פערבונדען אונזער גוטפריינדשאַפט. איך וויים נאָר, אַז דאָס איז געווען אַ ליעבשאַפט אַ לאַנגאָנענדיגע, איין אַלטע ליעבשאַפט! זיין געטריישאַפט צו מיר (און מסתמא דאָס זעלבע צו יעדען פון זיינע אינטימע פריינד) איז געווען כמעט אַ איבער־נאַטירליכע. איך וועל געווים זיין אַ חוטא פאַר'ן רבונו־של־עולם, אויב איך וועל זאָגען, אַז איך האָב אויף גאָט'ס וועלטעל מעהר שונאים ווי גוטע פריינד. אָבער אַזאַ גוטען פריינד, ווי לעווינסקי, וויים איך ניט, אויב איך האָב ווען געהאַט, און גאָט וויים, אויב איך וועל איהם האָבען. איך זאָל, למשל, וועלען זאָגען, אַז לע־ווינסקי איז מיר געווען געטריי, ווי אַ ברודער, וואָלט דאָס געווען ניט נאָר באַנאַל — דאָס וואָלט זיין אַ בעלעדיגונג, אַ פּראָפּאַנאַציע פאַר'ן געשטאָרבענעם. און איך האָב זעהר מורא, אַז דאָס זעלבע, וואָס איהר הערט פון מיין מויל, קאָנט איהר הערען, ווי געזאָגט, פון יעדען איינציגען פון אונזער ענגען קרייז, פון אונזער ליטע־ראַריש קלייזעל. אַ גוטען פריינד, זאָגט די וועלט, דערקענט מען אין איין „עת־צרה". מע בעדאַרף לייענען לעווינסקי'ס בריעף צו מיר קיין אויסלאַנד אינ'ם בעריהמטען יאָהר 1905, בעת איך האָב פערלאָזט דאָס „פאָטערלאַנד" און בין אַוועק מיט'ן וואַנדערשטעקען קיין אַמעריקאַ.

„איך האָב צו אַמעריקאַ גאָר ניט, — אַזוי אונגעפעהר שרייבט צו מיר לעווינסקי קיין לעמבערג — נאָר איך פערגין ניט אַמעריקאַ „אונזער שלום־עליכם'ן!" „דו פאָהרסט אַוועק פון אונז, — שרייבט ער ווייטער — נאָר געדענקען זאָלסט דו, — מאַלע וואָס סע מאַכט זיך — אַז ס'איז דאָ אַ שטאָדט אדעס, און דאָרטען האָסט דו פריינד, וואָס ליעבען דיך און וואָס וועלען דיך קיינמאָל ניט פערלאָזען!"... און זיין גדולה, זיין פרייד ביי מיין צוריק־

פּראָזע איז געווען מיט אַ ביטערער איראָניע: „הסופר מגאָרנאָ־סטאַיעווקע״. מיר צו הילף איז גיך אונטערגעקומען נאָך אַ גבור פון די גבורי־ישראל און גענומען בויקערען דעם גאָרנאָסטאַיעווקער אַנטיזשאַרגאָניסט פון הינטען און פון פאָרענט און פון אַלע זייטען. דער נאָמען פון דעם דאָזיגען גבור איז י. ח. רבניצקי. דער גאָרנאָ־סטאַיעווקער קונדס, אַפּנים, האָט זיך אָבער ווינציג־וואָס איבער־געשראָקען פאַר אונזביידען און האָט גענומען שניידען אַ „מאמר״ נאָך אַ „מאמר״, און אַלע מאָל מיט מעהר פייער. און מערק־ווירדיג! וואָס שאַרפער דער דאָזיגער פייעריגער אַנטיזשאַרגאָ־ניסט איז אַרויסגעטראָטען קעגען אונז, מעהר היימישער איז ער אונז געוואָרען. עפּיס האָבען מיר אַלע געפיהלט, אַז דער „שונא״ טראָגט אויף זיך אַ פּעל פון אַ טיגער און דאַרף זיין דערצו אַ גוט ברודערעל, „משלנו״...

און כך הוה. דאָס איבעריגע דאַרף איך ניט דערצעהלען. אַלע ווייסען, וואָס פאַר אַ מין „שונא״, וואָס פאַר אַ מין „אַנטי״ א. ל. לעווינסקי איז געווען בכלל, ובפרט צו דער ליטעראַטור פונ׳ם אידישען פאָלק, וועלכע איז איהם געווען נישט ווינציגער טייער ווי זיינע אייגענע קינדער. מיט אַ ברייט שמייכעל איבער׳ן ברייטען פּנים האָט ער מיך דאָס ערשטע מאָל בעגעגענט אין אָדעס. דאָס האָט בעדאַרפט צו זיין אונגעפעהר מיט אַ יאָהר צוועלף צוריק. איהם האָט מיר פאָרגעשטעלט, אויב איך האָב קיין טעות, דער „אבי אבות הגוטברודערלעך״, וואָס זיין נאָמען איז לובאַרסקי, נאָר מעהר בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „אונזער אברהם אליהו״, וואָרום אברהם אליהו איז היימליכער אַלס לובאַרסקי... דעמאָלט איז לעווינסקי שוין נישט מעהר געווען אַ לעווינסקי פון גאָרנאָ־סטאַיעווקע, נאָר „א. ל. לעווינסקי״, „רבי קרוב״ — און אַך, וואָס מירביידע האָבען זיך אָנגעלאַכט, דערמאָנענדיג זיך אַן אונזער דועל אויף די בלעטער פונ׳ם „המליץ״! עס האָט זיך מיר אויס־געדאַכט, אַז מיר זענען מיט איהם בעקאַנט שוין פון מי יודע ווען, און עפּיס אַ מאָדנע ווייבע וואַרעמקייט האָט זיך געפיהלט נעבען

קיין נערווי, קיין סאַנטבלאַזיען און קיין לוגאַנאָ אָטעמען מיט אַזוי פיעל איבערגעבענהייט, וואָס נאָר אַ פּאָטער צו אַ ליעבען קראַנקען קינד איז פעהיג אַזוי צו שרייבען. איטליכס בריוועל הויבט זיך אָן מיט אַ „חביבי יקירי!" און לאָזט זיך אויס: „והעיקר כל העיקרים היה בריא, היה בריא וחזק! * נאָך גאָר ניט לאַנג, היינ־טיגען ערב סוכות איז דאָס געווען, ווען דער מלאך־המות איז שוין נעשטאַנען הינטער זיינע פּלייציס, שרייבט ער צו מיר פאָלגענדעס (ווייל דאָס איז איינס פון זיינע לעצטע בריוולעך, אויב ניט דאָס לעצטע שבלעצטע, געב איך עס איבער דאָ כמעט אינגאַנצען, ככתב וכלשונו ממש):

„. . . ראשית כל ולפני כל: גמר חתימה טובה וכו׳ . . . אלא בחפצי אשר לגמר חתימה טובה עוד יוסיפו לך מלתא זוטרתא: שתזכה בגורל הגדול 200,000. חושב אנכי, אשר לגבי דקודשא בריך הוא, כמו להבדיל אצל בראָדצקי מיעהופיץ, אינו ולא כלום, ולגבי יהודי כמוך יהיה זה ענין. ומה דעתך? וזאת עוד, אשר באם יעלה הדבר בידי להיות בחוץ לארץ בחודש הבא, אשתדל להתראות עמך, אם רק תהיה עדיין בלוגאַנאָ. ואנחנו, חביבי, חכינו ממך „מאומה" לגליון של ראש־השנה או לכל הפחות לסוכות, ואתה, גזלן, החשית. צרה עינך באדעסא שלנו. ומה יהיה גורל „גוטמאָרגנו" אינני יודע; אפשר שיגוע בלא עתו מחסרון כיס או מחסרון דם... ואתה מתרחק ממנו. וכאשר יבנה המקדש תצטרך להביא חטאת שמנה! והעיקר מה שבדעתי עכשיו לכתוב לך הוא בדבר „הפתגמים" שלך. כמו שאתה רואה קבצתי לאחד אחד את כל הגלייכווערטלעך וסתם ווערטלעך שלך ובדעתי להדפיס אותם בחוברת אחת יפה מאד, עם הקדמה שלי או של אחד מאנשי שלומנו, הקדמה קצרה אבל מפורשת ומבוארת, ולמכור אותה במחיר נמוך מאד. ואתה, יקירי, נקבה שכרך, כמה שתמצא לנכון, באשר

* דער עיקר פון אלע עיקרים — זיי געזונד, זיי געזונד און שטארק.

קומען „אהיים“? דאָס האָט ער מיך אויסגעשריבען נאָך פון דער שווייץ קיין אָדעס אויפ׳ן ליטעראַרישען אָבענד לטובת האלמנה שטיינבערג מיט אַ גאַנץ בינטעל שרייבערס. אַך! ווער עס האָט ניט געזעהען לעווינסקי׳ן אין יענער צייט, דער האָט גאָר קיין שענס ניט געזעהען. איך לאָז דאָס איבער פאַר מיינע קאָלעגען: ביאַליק, פרוג, רבניצקי, שלום אַש און דער זיידע רב מענדעלי זאָל מאריך ימים זיין. זיי וועלען דאָס בעסער בעשרייבען. איך וויל ברענגען דאָ מעהר נישט אַז איין עפּיזאָד.

דעם גאַנצען טאָג האָט מען לעווינסקי׳ן אין ערגיץ נישט געקאָנט געפינען. אויסגעזוכט גאַנץ אָדעס — ניטאָ לעווינסקי! וואו איז לעווינסקי? ער איז פערנומען מיט׳ן קאָנצערט לטובת האלמנה שטיינבערג. מיר, די אויבען אויסגערעכענטע, דארפען זיך אָבער זעהר נויטיג מיט איהם זעהען. איז געבליבען, מיר זאָלען זיך מטריח זיין צו איהם אַלע, בנערינו ובזקנינו, אויף דער דאַטשע. דאַכט זיך, אויפ׳ן „פאָנטאַן“. געקומען אויפ׳ן פאָנ־טאַן — אַ נעכטיגער טאָג. שוין באַלד נאַכט — נישטאָ לעווינ־סקי! דאָס ווייב קלאָגט זיך; ער האָט נאָך בעדאַרפט קומען צו וואַרעמעס. ערשט אַרום נאָך מעריב־צייט — ער איז דאָ. אַ פערטראָגענער, אַ פערטראַסקעטער, איין אויסגעמאַטערטער, אַ פערשוויצטער. אַלץ מיט׳ן קאָנצערט געווען פער׳עסק׳ט: „פּראָ־גראַם... טאָלמאַטשאָוו... אווינאָוויצקי“... „גוט. האָסט עפּיס געגעסען?“ „האַ? ניין, גאָר פאַרגעסען!“

ער האָט פערגעסען עסען! — אַ וואונדער אביסעל, אז אזא מענש האַפּט אַ אינפלוענצא און שטאַרבט אוועק פלוצים אין מיטען דרינען?

נאָך מעהר בולט קומט אַרויס ביי מיר לעווינסקי׳ס פיזיאָ־נאָמיע אין זיינע פיעלע צעהנדליגער בריעף בשעת מיין קראַנק ווערען. זיינע העכסט פריינדליכע, ריהרענדיגע בריעף צו מיר

און דער עיקר, וואָס איך וויל דיר אצינד שרייבען, איז וועגען דיינע „שפריכווערטער“.* ווי דו זעהסט, האָב איך צונויפגעזאַמעלט איינס צו איינס אַלע דיינע גלייכווערטלעך און גלאַט ווערטלעך און איך האָב בדעה זיי לאָזען דרוקען אין אַ זעהר שענעם ביכעל, מיט אַ הקדמה פון מיר אָדער פון איינעם פון אונזערע לייט, אַ קורצע הקדמה, נאָר אַ איין אויספיהרליכע, און פערקויפען עס פאַר זעהר אַ נידעריגען פּרייז. און דו, מיין טהייערער, בעשטים דיין לוין, וויפיעל דו וועסט געפינען פאַר נויטיג, ווייל איך וויל דאָס אָוועקקויפען, אויב ניט אויף אייביג, איז אויף צוואַנציג יאָהר (!?), אָדער אויף אַביסעל וועניגער פון דעם... אָט דאָס איז, מיין טייערער פריינד, וואָס איך האָב געפונען פאַר נויטיג דיר צו שרייבען אצינד. דאָס העפט גופא שיק איך דיר מאָרגען. און נייעס, מיין טייערער, איז ביי אונז גאָר וועניג...]

שפּעטער מיט אַ טאָג צוויי־דריי האָב איך ערהאַלטען פון איהם דאָס העפטעל. אין דעם זעלבען טאָג האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז לעווינסקי איז געפעהרליך קראַנק. אויף מיין אָנפראַג־דעפּעשע: וואָס מאַכט לעווינסקי? האָב איך בעקומען פון מיינע פריינד פון אַדעס אַ קורצע תשובה:

דאָראָגאָי לעווינסקי סקאָנטשאַלסיאַ.

סך הכל דריי ווערטער, נאָר די דריי ווערטער האָבען צוגענומען דריי יאָהר פון מיינע נישט פיעלע יאָהרען, וואָס מיר איז נאָך געבליבען זיך נאַריש צו מאַכען אויף דער דאָזיגער נאַרישער וועלט...

ביי'ם סוף פון מיינע פערביילויפענדיגע רשימות גלוסט זיך

---

* א. ל. לעווינסקי האָט זיך אַ געוויסע צייט אָפּגעגעבען מיט'ן צונויפזאַמלען אַלע שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך פון שלום־עליכם'ס ווערק — סאַי די אָריגינעלע, שלום־עליכם'דיגע, סאַי די פאָלקס־ווערטלעך, וואָס שלום־עליכם האָט בעאַרבייט אויף זיין שטייגער — און האָט דאָס געוואָלט אַרויסגעבען אין אַ בעזונדער ביכעל. — דאָס מאַנוסקריפּט מיט די ווערטלעך געפינט זיך ביי שלום־עליכם'ס פאַמיליע צווישען שלום־עליכם'ס נאָכגעבליבענע שריפטען.

חפץ אנכי לקנות אותה, אם לא לצמיתות, אבל לעשרים שנה (?!) או פחות מעט... זהו, ידידי היקר, מה שמצאתי נחוץ לכתוב לך עתה. את המחברת גופא אנכי שולח לך מחר. וחדשות, יקירי, אצלנו רק מעט. רבניצקי איז נאָך געל ווי געווען, ווערט אפילו אביסעלע גרויליך, אָבער נאָך אַלץ געל, און שווייגט. ביאַליק איז נאָך אַלץ ביאַליק, דאָס הייסט, ער שרייבט וו י נ צ י ג ע ר שירים און לאַכט פ י ע ל, און דער „זיידע" זיצט נאָך אין ווילנא... וכו'

בכל הברכות שלך

א. ל. לעווינסקי."

[פ ו ן ד י אַ ר ו י ס ג ע ב ע ר: מיר גיבען דאָ פאַר די לעזער די איבערזעצונג פון דעם בריעף אויף אידיש: ערשטענס און פריהער פון אַלץ — אַ גמר חתימה טובה... נאָר איך וויל, אַז צו דעם „גמר חתימה טובה" זאָל מען דיר צולעגען נאָך עפּיס אַ קליינינקייט: דו זאָלסט אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס פון צוויי הונדערט טויזענד. איך מיין, אַז ביי דעם אויבערשטען, ווי, להבדיל, ביי בראָדסקי'ן, איז דאָס פון די קליינע זאַכען; ביי אַזאַ אידען אָבער ווי דו וועט דאָס זיין אַ ענין. ווי מיינסט דו? און ווייטער — אויב מיר וועט זיך איינגעבען צו זיין נעכסטען מאָנאַט אין אויסלאַנד, וועל איך זיך סטאַרען צו זעהען מיט דיר, אויב דו וועסט נאָך דעמאָלט זיין אין לוגאַנאָ. און מיר, מיין טייערער, האָבען ערוואַרט פון דיר „עפּיס" פאַר'ן ראש־השנה־נומער, אָדער, לכל הפחות, אויף סוכות, און דו, גזלן, האָסט געשוויגען. דו פערגינסט ניט אונזער אַדעם. און וואָס וועט זיין מיט אונזער „גוט־מאָרגען"* וויים איך ניט. אפשר וועט ער אַוועקשטאַרבען פאַר דער צייט פון געלד־מאַנגעל, אָדער פון בלוט־מאַנגעל... און דו דערווייטערסט זיך פון איהם. אַז דער בית־המקדש וועט אויפּ־געבויט ווערען, וועסט דו דאַרפען ברענגען אַ פעטען „קרבן־חטאת"!

---

* אַ טעגליכע צייטונג אין אַדעס, פון וועלכער דער פערשטאַרבענער לעווינסקי איז געווען דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער.

מ. מ. וואַרשאַווסקי און זיינע ליעדער

געשריבען אין יאָהרען 1900—1914.

מיר פֿאַרשטעלען אין זכרון לעווינסקי׳ס פּאָרטרעט מיט קורצע שטריכען, ווייל איך שרייב דאָס זעהר בחפּזון׳דיג און נאָך ליגענדיג דערצו: אַ גרויסער איד, אַ ברייטער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ ברייט שמייכעל אויפ׳ן ברייטען פּנים און מיט ברייטע הענד, וואָס וואָלטען וועלען אַרומנעמען דאָס גאַנצע בינטעל אידישע שרייבערס מיט׳ן גאַנצען אידישען פֿאָלק און אַריבערהאַפּען זיך אויף אַ ווײַלע קיין ארץ־ישראל — אינ׳ם אידישען לאַנד — און דאָרטען געבען אַ לעב־אונטער, אָבער טאַקי וואָס לעבען הייסט, דהיינו: אַ גלעזעל כרמל־וויין, אַ גרויסען העברעאישען זשורנאַל, אַ גרויסע אידישע אַקאַדעמיע, אַ שפּאַציער מיט אידישע טעכטער אויפ׳ן הר־הכרמל, און אַ פֿאָהר אויף די אייגענע אידישע באַהנען, אומעדום מיט אייגענע אידישע בופעטען, מיט אידישע קיאָסקען, וואו עס פערקויפט זיך כל ספרי מענדעלי מוכר ספרים מיט כל שירי ביאַליק — חי געלעבט, אָדנים סלאָוואָם!...

„אָדנים סלאָוואָם" — דאָס איז געווען לעווינסקי׳ס פּלוג־וואָרט, מיט וועלכען ער פֿלעגט אויסלאָזען יעדען שמועס און מיט וועלכען עס גלוסט זיך מיר פֿערענדיגען אויף די דאָזיגע שורות.

נערווי (איטאַליע), ו׳ מרחשון, התרע״א.

די אנמערקונגען אין דעם דאזיגען ארטיקעל, ווי אויך די איבערזעצונג פון׳ם העברעאישען בריעף, זענען געמאכט פון די ארויסגעבער.

מ. מ. וואַרשאַווסקי און זיינע ליעדער

א.

אַ פּאָר ווערטער צו וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער.

וואונדערבאר איז די געשיכטע פון אונזער פאָלק ישראל. וואונדערליך איז אונזער אידישע ליטעראטור. נאָר נאָך מעהר וואונדערליך איז די ביאָגראפיע פון אונזערע שרייבער, פּאָעטען און משוררים. אייגענטליך, איז ביי אונז, אידען, נישטאָ קיין שרייבער, ווי ביי לייטען, דאָס הייסט, נישטאָ ביי אונז אַזעלכע, וואָס זאָלען זיך אָפּגעבען נאָר מיט שרייבעריי אליין; מע קאָן זאָגען, אַז ביי אונז איז כמעט נישטאָ קיין איינציגער שרייבער, וואָס זאָל לעבען פון דער פען. ביי אונז שרייבט יעדער ווער עס וויל, ניט דער וואָס קען, וואָרום דער וואָס קען — יענער קאָן ניט שרייבען, מחמת ער איז פערטראָגען גאָר אין עפּיס אַנדערש, אין דאגות־פּרנסה, ער זוכט אַ שטיקעל ברויט... דעריבער וואלנערען זיך ביי אונז אָפּטמאָל טאלאנטען, וואָס געהען לאיבוד, ווערען פערפאלען. מע בעדארף נישט מיינען פון דעסטוועגען, אַז ביי אונז שרייבט מען חלילה ווינציגער, ווי ביי אלע אַנדערע פעלקער; אדרבה, צווישען אידען געפינט איהר אַ סך, אַ סך אַזעלכע, וואָס שרייבען און הערען ניט אויף צו שרייבען, פערגיסען טייכען טינט, פיהרען־איבער פּאַפּיער און פּענעס אומברחמנות, און דרוקען ביכער און ביכלעך איז די טויזענדער. נאָר

אין זיי שפּיגעלט זיך אָפּ, ווי אין אַ לויטער וואַסער, דאָס גאַנצע לעבען פון׳ם אידישען פאָלק מיט אַלע אידישע פריידען און ליידען, אידישע צרות, דער אידישער דלות, אידישע טרערען... וואַר־שאַווסקי׳ס ליעדער זענען נישט נאָר קינות, קלאָגליעדער אַליין; אדרבה, מעהרסטענטהייל פון זיי זענען דוקא פריילִיכע, לעבעדיגע ליעדער, וואָס אפילו אַז זיי הויבען זיך אָן טרויעריג, מיט איין אומעטיגען מאָטיוו, לאָזען זיי זיך אָפּטמאָל אויס מיט אַ גע־לעכטער:

אַז מע צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מע מוטשעט מיך פאַמעליך,
לאַך איך מיך גוט פון מיינע שונאים אויס
און געה מיר גאָר אַ פריילִיך!...

נאָר אַז אָך און וועה איז צום געלעכטער! אין דער גאַנצער פריילִיכקייט הערט זיך אַ געוויין, אין זיין געלעכטער הערט מען טרערען... נאָר וואַרשאַווסקי׳ס העלדען האָבען פיינט בעקלאָגען זיך:

ווי פאַר׳ן עמוד
זינגען זיי תמיד...

זיי זענען, צום מיינסטען, טאַקי גרויסע אָרעמע לייט, נעבאך קבצנים, נאָר פריילִיכע קבצנים:

חאָטש איך בין מיר אָרעם אידעל
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שמחת־תורה זינג איך אַ ליעדעל
און מאַך אַ גוטע כוסה אויך!...

זיי זענען, צום מיינסטען, גרויסע בעלי־בטחון, זיי גלויבען אין גאָט און זענען מקבל באהבה אויף זיך אַלע צרות, סאַי די וואָס פון׳ם אויבערשטען, סאַי די וואָס פון מענשען, סאַי פון פרעמדע, סאַי פון אייגענע... זעלטען חאַפּט זיך אַרויס ביי איהם אַ קלאָג, אַז:

נישט פון דעם מין שרייבער ווײל איך רעדען אצינד. איך רעד פון די אמת'ע טאלאנטען, וואס ליגען אין דער פערבארגעניש, וואס יאגען ניט ארויסבעווייזען זיך אויף דער אידישער וועלט און וואס מע בעדארף זיי זוכען און געפינען.

איינער פון די דאזיגע טאלאנטען איז דער פערפאסער פון „אידישע פאלקס־ליעדער", מ. מ. ווארשאווסקי. דאס איז א נייער פארשוין, א גאסט אין אונזער פאלקסליטעראטור, און פערדיענט, מע זאל זאגען איבער איהם און איבער זיינע ליעדער עטליכע ווערטער.

מ. מ. ווארשאווסקי איז, ווי דאס רוב פון אונזערע שרייבער, א מענש א פערנומענער (ער איז א יוריסט), וואס האט נישט קיין צייט אפצוגעבען זיך מיט ליטעראטור; נאר אז ער האט א פרייע מינוט, זינגט ער זיך א אידיש ליעדעל, זיין אייגענע ארבייט, מיט א אידישער מעלאדיע, וואס ווערד ביי איהם בעשאפען אינאיינעם מיט די ווערטער. ער האט נישט אין זינען געהאט ארויסגעבען זיינע אידישע ליעדער פאר'ן פאלק, און אפילו אנשרייבען זיי אויף פאפיער, ביז עס האט זיך געמאכט, אז גאר אומגעריכט, צוריק מיט א יאהר דריי־פיער, האבען אייניגע פון זיינע בעקאנטע (און איך אויך בתוכם) דערהערט איהם זינגען און שפיעלען זיינע אידישע ליעדער — און מיר זענען אלע געווען אנטציסט. מיר האבען דערהערט א ניי מין געזאנג, מיר האבען דערפיהלט א פריש מין געשמאק, א בעזונדער מין זיסקייט, סאי אין די ווערטער, סאי אין דער מעלאדיע, און מיר האבען זיך צוגעזעצט צו איהם, ער זאל זיי ארויפשרייבען אויף פאפיער. — און פון יענער צייט אן קאן מען שוין הערען ווארשאווסקי'ס ליעדער זינגען אין א סך אידישע הייזער דא אין קיעוו, און אויך אין אנדערע שטעדט, וואס אין אונזער געגענד. מע זאל פערשטעהן אקוראט ווארשאווסקי'ס ליעדער, מוז מען זיי הערען זינגען, ווארום דאס זענען נישט גלאט אזוי שירים, וואס גראמען זיך — שטראם־גראם; דאס זענען ליעדער, און ליעדער פאר'ן פאלק: דאס זענען אזעלכע ליעדער, וואס

די הענד שוין אויפגעבונדען,
צעבראָכען ליגט די קייט...
דער גלות אי, פערשוואונדען,
פערשוואונדען צער און לייד!...

וויבאַלד אַזוי, איז ער דאָך גערעכט, אַז ער זינגט:

וואָס זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיג זיין?
ס'איז איין עבירה, כלעבען, אַ גרויסע —
אַמעהר, טראָגט אַריין איין עמער וויין,
לאָמיר מאַכען בעסער אַ כוסה! —
זיך מוטשען און זינגען ליעדער,
פליעסקעט, פליעסקעט, ברידער!...

— וואָס נאָך פאַר אַ סוד ליגט אין וואַרשאַווסקי'ס ליעדער? — וואָס זיי זענען פראָסט און עכט אידיש, נישט גע'מלאָכה'ט — און דאָס איז אמת'ע פּאָעזיע. ווען פון אונז איז נישט בעקאַנט דאָס בילד פונ'ם אידישען חדר:

אויפ'ן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערעל
און אין שטוב איז היים,
און דער רבי לעהרענט קליינע קינדערלעך
דעם אלף־בית...

אָדער ווי געפעלען אייך, אשטייגער, „שרה און רבקה", די צוויי שוועסטער פון „ראחמעסטריווקע"? און דאָס בריוועל פון אמעריקא, וואָס אַ זוהן שרייבט צו זיין מאַמע און גיט איהר אָפּ אַ גרוס פון יעדען בעזונדער: פון לאה'ניון און פון דבורה'לען, וואָס ווייזט מיט'ן גרויסען פינגער אויף דער באַבעניו'ס פאַטרעט:

און מיין שענער יונג מיין סאַני
אַרבייט, גאָלדענע האָט ער הענט!
משה'לע זאָגט שוין „מודה אני",
רחל'ען וואָלסט דו ניט דערקענט...

בײַ יעדען איז אַ יום־טוב דאָס שטיקעלע לעבען —
בײַ מיר איז דאָס לעבען שוואַרץ ווי די ערד...

זעלטען־זעלטען האַפּט זיך אַרויס בײַ איהם אַ געוויין: „עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט!“... פערקעהרט, בײַ יעדען אומגליק, בײַ יעדער צרה שלא תבוא, פערענטפערט ער דעם רבונו־של־עולם און זאָגט דעם געוויסען „גם זו לטובה“:

איך בין קראַנק, איך שפּײַ מיט בלוט,
אין בקור־חולים נעמט מען מיך ניט...
איך שטאַרב, איך געה־אויס, ווי אַ לעכט, —
שאַ! ברידער, גאָט איז גערעכט...

ער רעדט זיך אויס דאָס הארץ, אַז אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, איז געוועזען אַ סך — אַ סך ערגער, און ער טראָגט נישט קיין שנאה, קיין פערדראָס אויף זײַנע שונאים; אדרבה, ער וואָלט טרינקען מיט זיי „ברודערשאַפט“:

טהײַערע מלכה,
געזונד זאָלסט דו זײַן!
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיגען ווײַן? —
— — — — — — — —
איך וואָלט טרינקען פאַר מײַנע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אויס!
— — — — — — — —

וואַרשאַווסקי׳ס העלד איז אַ גרויסער מאמין, און **האָטש די** נאַכט איז לאַנג, האָטש די נאַכט איז פינסטער, גלויבט ער פון דעסטוועגען, אַז אָט־אָט געהט־אויף די זון אין ציון; ער זעהט איהר שײַן פון דער ווײַטען, ער הערט הימעלשע געזאַנגען פון פייגעל, וואָס פליהען דאָ און דאָרט:

ב.

די געשיכטע פון וואַרשאַווסקי׳ס לידער.

(צו דער צווייטער אויפלאגע).

דאָס איז געווען מיט א יאָהר פיערצעהן־פופצעהן צוריק. אין א געשפרעך מיט א געשוואוירענעם אדוואָקאט אין קיעוו (מ. מ—ר) דערצעהלט מיר דער דאָזיגער אדוואָקאט א מעשה, אז יענע וואָך איז ער געפאָהרען מיט זיינעם א קאָלעגא, אויך א געשוואוירענער אדוואָקאט, מ. מ. ווארשאווסקי, פון קיעוו קיין וואסילקאָוו אין געריכט אריין, האָט איהם אָט דער ווארשאווסקי דעם גאנצען וועג געזונגען אידישע לידלעך אין „זשארגאָן“, נאָר אזעלכע, וואָס צעגעהען זיך ממש אין אלע איברים. בעזונדער איז איהם פערבליבען אין טעם א לידעל, וואָס הויבט זיך אז מיט די ווערטער:

„אוי, מאכט חאנצי בולקעס!
אוי, באַקט זי בייגעל!“...

— וועמענ׳ס לידלעך זענען דאָס? וואו קריגט מען זיי און וואו זענען זיי געדרוקט?

— זיינע אייגענע לידלעך, אין ערגיץ ניט געדרוקט. ער אליין מאכט די לידער, ער אליין בעשאפט די מוזיק צו זיי און ער אליין זינגט זיי — אלסדינג אליין.

— סטייטש, וואָס־זשע שווייגט איהר? גיט איהם אהערצוצו, אָט דעם פויגעל!

און ס׳איז געבליבען, אז אין א פרייען טאָג ברענגט ער מיר איהם צו פיהרען.

אָט אזוי זינגען זיך אידישע, באמת אידישע פאָלקסליעדער! אויף די שפראַך פון וואַרשאַווסקי'ס ליעדער איז די אמת'ע פאָלקס־שפראַך, א פראָסטע אידישע קאַפּאָטע, נישט געקינצעלט, נישט פערדייטשערט פונקט אזוי ווי מע רעדט ביי אונז אין אונזער געגענד.* איך בין רעכט איבערציייגט, אַז עס וועט גאָר נישט לאַנג געדויערען און וואַרשאַווסקי'ס „אידישע פאָלקסליעדער" וועלען ווערען ביי אונז באמת פאָלקסליעדער, וואָס מע וועט זיי קאָנען הערען זינגען אומעדום, אין יעדער אידישער שטוב, דאָרט וואו מע הערט נאָך אמאָל א אידיש וואָרט, דאָרט וואו מע שעמט זיך נישט מיט אונזער אָרעמער אידישער פאָלקסשפראַך, וואָס מע רופט זי „זשאַרגאָן"...

אויגוסט 1900, קיעוו.

* מיר בעטען ביי די, וואָס די אויסשפראַך איז ביי זיי א ליטווישע, זיי זאָלען מוחל זיין וואַרשאַווסקי'ן די גראַמען: „וואונדער — קינדער, מוטער — ביטער, בלוט — גיט, צו — פריה, זים — פוס", וכדומה אזעלכע פערזען, וואָס פאַר'ן ליטווישען לעזער קומען זיי אויס פריקרע. דערפאַר זענען מיר מוחל די ליטווישע שרייבער זייערע גראַמען: „שונאים — פנים", ווייל „פנים" לייענט זיך ביי זיי ווי ביי אונז „שונאים", אדער די גראַמען: „אויך — ניך", ווייל „אויך" לייענט זיך ביי זיי „עך" און „גיך" — „געך"... אויף די מאָס פון די פערזען איז ביי וואַרשאַווסקי'ן נישט אויסגעהאַלטען אומעדום גלייך, ווייל ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז אין ליעדער איז נישט די מאָס דער עיקר: ער בויעט זיינע ליעדער אויף דער אַרט, ווי עס האָט געשריבען גאָלדפאַדען, וועלכען ער שעצט גאַנץ הויך אַלס פאָלקסדיכטער און האַלט זיין שרייבען פאַר א מוסטער ביי'ם צונויפלעגען פאָלקסליעדער אין זשאַרגאָן.

אפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען. מע קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר אַ נייגיעריגקייט איך האָב אַרויסגע־קוקט אויף וואַרשאַווסקי׳ן מיט זיינע לידעלעך.

די עטליכע טעג זענען אַריבער — מע האָט מיר געבראַכט דעם פויגעל.

אַ מענש פון אַריבער פופציג, קורצען וואוכס מיט קורצזיכ־טיגע, נאָר שמייכלענדיגע און אַ סך רעדענדיגע אויגען, גוט געפּאַקט, איין אָפּגעטראָגען רעקעל מיט אַ ביסעל אויסגעריבענע עלענ־בויגענס, איין אַלטגעזעסענער שניפּס, אַ גיך געגנגעל, אַ שען קול און אַ שטאַרק הילכיגער געלעכטער — אָט דאָס איז וואַרשאַווסקי׳ס פּאָרטרעט.

דער גאַסט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען, זיך אַוועק־געזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אַליין אַקאָמ־פּאַנירען זיינע שענע לידער מיט אַזוי פיעל הומאָר און געפיהל און מיט אַזאַ שענער, האַרציגער שטימע, אַז איך האָב איהם פּשוט אַרומגעחאַפּט קושען:

— גזלן! פאַר וואָס לאָזט איהר ניט אָפּדרוקען די דאָזיגע לידער? ווען איך זאָל ניט וויסען, אַז דאָס זענען אַייערע אייגענע, וואָלט איך געמעגט שווערען, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פון מיין מאַמען!

אַזוי פיעל פאָלקסטהימליכקייט האָט זיך געפונען אין די ווער־טער און אַזוי פיעל פּראָסטקייט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאַנק פון לאָזען דרוקען די לידער איז אָבער געווען פון וואַרשאַווסקי׳ן אַזוי ווייט, אַז ער האָט גאָרניט געוואָלט הערען דערפון. און דערצו האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז חאָטש ער האָט אַמאָל געשטודירט אין דער ראַבינער־שולע (אין זשיטאָמיר), האָט ער אידישקייט געלערנט אַזוי ווינציג און פערגעסען אַזוי

דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז מיר געווען בעקאַנט פון לאַנג אין קיעוו. דאָס איז געווען אַ געשוואוירענער אַדוואָקאַט, אַ טיפּ פון יענעם מין געשוואוירענע אַדוואָקאַטען, וואָס האָפען ניט קיין שטערען, קנאַקען ניט, לאָזען זיך ניט הערען אויף דער וועלט, זיצען זיך שטיל אין זייער קאַבינעט, קוקען לאַנג־לאַנג אַרוים אויף אַ קליענט, נאָר אַז דער קליענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אַז ער האָט געטראָפען ניט צו קיין אַדוואָקאַט, וואָס קוקט איהם אין דער האַנד אַריין און שאַצט איהם די קעשענע, נאָר צו אַ פריינד, צו אַ ברודער, וואָס וועט איהם אויסהערען ווי אַ פריינד און בעהאַנדלען ווי אַ ברודער.

פערשטעהט זיך, אַז אַזעלכע מענשען פּלאָגען זיך זייער גאַנץ לעבען, פיהרען אַ ביטערע מלחמה, קומען קוים־קוים אויס מיט'ן שטיקעל ברויט און ווערען געעלטערט פאַר דער צייט.

אויף וואַרשאַווסקי'ן איז דאָס אָבער געווען שווער צו דער־קענען. דאָס איז געווען אַ פאַרשוין אַ לעבעדיגער, איין אמת'ער כתריליק — איין אָרעמס און אַ פריילינכם, און צווישען חברה געשוואוירענע אַדוואָקאַטען — די נשמה. קיין אָבענד, קיין יום־טוב, קיין קערמעשעל איז זיך ניט בעגאַנגען אָהן מאַרק מאַרקאָ־וויטשען. וואָרום מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי האָט געהאַט אַ בעזונדערען טאַלאַנט אויף צו פריילין מאַכען דעם עולם מיט זיינע אויסגעצייכענטע הומאָריסטישע עקספּראָמטען אין ריימען, וואָס ער האָט אייך געקאָנט, ווען איהר ווילט, צוטראַכטען צו יעדען איינציגען נאָמען, און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערען אייך אַ מענשען אין דריי־פיער ווערטער.

קופּערוויק מיט זיינע גלענצענדע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זיינע עקספּראָמטען־קופּלעטען האָבען גע'שמ'ט אין שטאָדט, און ביידע זענען געווען געליעבט אין אַלע אינטעליגענטישע קרייזען פון קיעווער ראַיאָן. נאָר אַז דער זעלביגער וואַרשאַווסקי קאָן אויך אידישע ליעדלעך מאַכען אין „זשאַרגאָן" — דאָס איז מיר

האָבען שוין בעצייטענס, אויף קרעדיט, געשענקט אַ שמייכעל, אין ס'איז אַרויס אויף דער סצענע כתרילעווקע, און דער עולם האָט זיך געפיהלט גאַנץ יום־טוב'דיג.

נאָר דער אמת'ער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבען ערשט דער־מאָלט, אַז וואַרשאַווסקי האָט זיך אוועקגעזעצט ביי'ם ראָיאַל. באַלד נאָך די ערשטע צוויי־דריי ליעדער האָבען אָנגעהויבען פליהען בעשטעלונגען פון אַלע זייטען, ווי פון געבעטענע בעלי־בתים אויף אַ חתונה:

— „טייערע מאַמע“!

— „אַ גוט מאָרגען, יענקעלע“!

— „תנחום דער טרובאַטש“!

— „די מיזינקע“! „די מיזינקע“!

— „שמחת־תורה“! „שמחת־תורה“!

און דער גוטער וואַרשאַווסקי, וואָס האָט ניט געוואוסט וואָס הייסט אָפּזאָגען, אַז יענער וויל, האָט אויסגעהערט אַלע בעלי־בתים און מיט פערגעניגען געגעבען יעדען בעל־הבית, וואָס ער פערלאַנגט, נעבאָך גוט געשוויצט, גלייך ווי מע וואָלט איהם גע־צאָהלט דערפאַר מי יודע וויפיעל!

נישט איין מאָל, געהענדיג פון די אסיפות ביינאַכט צו־פוס (אויף צו בעשטעלען פאַר די אומזיסטע „אַרטיסטען“ אַ פאַיעטאָן — דערויף איז קיינער ניט געפאַלען), האָט ער מיר מיט זיין הילכיגען גוטמוטהיגען געלעכטער איבערגעגעבען און בעוויזען, אַז דאָס העמד איז אויף איהם „פיטש־נאַס“.

— חאָטש אויסצודרעהען, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין, חאַ־חאַ־חאַ!

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ער זאָל שוין אַמאָל דערלעבען נחת אויך. עס איז אַרויס מיט גאָט'ס הילף דער באַנד מיט ליעדער (לערך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק), געדרוקט אין קיעוו

פיעל, אז ס'איז איהם שווער אפילו אָנצושרייבען זיינע ליעדער אויף פּאַפּיער.

קעגען דעם האָט זיך אָבער געפונען א מיטעל — און מיר האָבען איהם גענומען אטאקירען פון אַלע זייטען אזוי לאַנג, ביז מע האָט ביי איהם גע'פּועל'ט, ער זאָל מיר דיקטירען דעם טעקסט, און פאר א מוזיקער — די נאָטען, און דער ערשטער באנד וואר־שאווסקי'ס ליעדער איז למזל צונויפגעשטעלט געוואָרען, און מע האָט זיך גענומען זיי ארויסגעבען על חשבון החברה פון קיעוו.

יענע צייט איז געווען די צייט פון „ציוניזם": ציוניסטישע אָבענדען, פערזאַמלונגען און דיסקוסיעס. און אזוי ווי די פער־זאמלונגען זענען בעשטאַנען פון סאַמע הייסע דעבאַטען און טרו־קענע — אָפּטמאָל אַביסעל צו טרוקענע — רעדעס, האָט מען זיך שטאַרק גענויטיגט אין א פערבייסעכטס, אין א מין קאָמפּאָט — „פּאור לאַ באָן באוש", ווי דער פראַנצויז דריקט זיך אויס.

דער דאָזיגער קאָמפּאָט איז געווען די ערשטע צייט שלום־עליכם'ס „מעשיות", און דערנאָך איז צוגעקומען אויך ווארשאוו־סקי'ס ליעדער.

ס'איז כמעט ניט אוועקגעגאַנגען איין אָבענד, איין ציוניס־טישע פערזאַמלונג, מע זאָל אונז ניט שלעפּען פון „קרעשטשאַטיק" אויף „פּאָדאָל" און פון „פּאָדאָל" אויף „קרעשטשאַטיק". איך האָב געמוזט עפּיס פאָרלייענען, און ווארשאַווסקי האָט געמוזט עפּיס זינגען — און ניט „עפּיס" זינגען, נאָר טאַקי א סך זינגען! אַלסדינג, וויפיעל ער האָט פערמאָגט, האָט ער געמוזט אויסזינגען, גאָר אָהן א שום תירוץ, — חאָטש נישט מיין לייענען, נישט ווארשאַווסקי'ס געזאַנג האָבען זיך אָנגעקעהרט מיט'ן ציוניזם. ס'איז שוין אָבער געוואָרען אזא רגילות — פערפאַלען! אָנגערעדט זיך ווי די פּויקען און אָנגעגעסען זיך מיט דעבאַטען, האָט מען אוועק־געשטעלט א טישעל, צונויפגערוקט די בענקלעך, אוועקגעזעצט שלום־עליכמ'ען אויבענאָן, און די ערנסטע פער'עסק'טע פּנים'ער

און מע האָט געמאַכט אַ כוסה, און מע האָט געהויבען אַ טאָסט, און מע האָט גערעדט אַ רעדעניש, און מע האָט געלויבט דעם מחבר אין טאָג אַריין, געבענשט איהם מיט'ן נאָמען: „דער אידי־שער בעראַנזשע", און מע האָט געחאַפּט אַ רקוד'על מיט'ן בעל־היובל און מיט'ן בעל־הבית, און מע האָט געטאַנצט און מע האָט געזונגען — חי־געלעבט!

ווי נאָר ס'איז אויסגעקויפט געוואָרען דאָס ביכעל, איז דער נאָמען פון וואַרשאַווסקי'ס לידער גיך געוואָרען מפורסם נישט נאָר אין קיעוו און אַרום קיעוו, נאָר ווייט־ווייט איבער'ן גאַנצען לאַנד איז כמעט נישט געווען די אידישע שטוב, וואו מע זאָל ניט וויסען צו זינגען דעם „אלף־בית". און דער קול, אַז דער פּער־פאַסער אַליין זינגט זיינע לידער פאַר'ן עולם אין קיעוו, האָט דערגרייכט אויך אין אַנדערע שטעדט, און מיר האָבען ביידע אָנ־געהויבען בעקומען זעהר פריינדליכע איינלאַדונגען פון אַ סך גרויסע און קליינע שטעדט, מיר זאָלען קומען לוסטיג מאַכען דעם עולם — איך מיט מיינע „מעשיות", וואַרשאַווסקי מיט זיינע „ליעדלעך"... אַז דאָס לעבען איז ליעב, איז די וועלט הפקר!

דאָס איז געווען די גליקליכסטע צייט, קאָן מען זאָגען, דער כאַמע פריהלינג פון וואַרשאַווסקי'ס לעבען. איך געדענק אַזוי ווי היינט דעם חשבון, וואָס ער האָט מיר געמאַכט פון אונזער ער־שטען טורנע איבער'ן לאַנד.

— צו למ"ד אלפים! — האָט ער מיר געזאָגט מיט זיין הילכיגען געלעכטער. — צו למ"ד אלפים דאַרף אונז איבערבלייבען ריינע, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין!

— און דערנאָך וועלען מיר אַריבערשווימען דעם ים — האָט ער גענומען פאַנטאַזירען ווייטער — און מאַכען אַ רייזע איבער אַמעריקאַ, און דאָרטען וועלען מיר איבערקעהרען די וועלט!...

נאָר דער וועלט איז, אַפּנים, בעשערט געווען, זי זאָל ניט איבערגעקעהרט ווערען. וואָרום פון אונזער גאַנצער נסיעה און

בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטען. און מחמת די ליעדער זענען שוין געווען בעקאַנט פון אַ סך פריהער, האָט מען די ערשטע טויזענד ביכלעך צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, נישט איבערגעלאָזט אפילו אויף אַ רפואה.

מאָהלט אייך, קיין גרויסע גליקען האָט דער מחבר ביי דעם געשעפט ניט געקאַנט מאַכען. ער איז געווען גליקליך, וואָס זיינע פריינד האָבען געדעקט די קאָסטען. אַ בעלן אויף אַרויסצוגעבען די צווייטע אויפלאַגע האָט זיך עפּיס ניט געפונען. אַ קונה, וואָס זאָל בעצאָהלען דערפאַר דעם „מחבר“ עטליכע הונדערטער במזומן — אודאי ניט (פאַר זשאַרגאָנישע ליעדלעך מזומן געלד?). אליין אַרויסגעבען דאָס ביכעל — האָט וואַרשאַווסקי ניט פערמאָגט קיינמאָל אַזאַ גרויסען קאַפּיטאַל. סיידען מיט דער צייט, אַז דער אויבערשטער וועט רחמנות האָבען?... גאָט, אַז ער וויל, קאָן ער!...

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט כבוד — אַ יובילייַ!

איך מאַך ניט קיין שפּאַס: מיר האָבען איהם געפּראַוועט אַ יובילייַ.

אַזוי האָט דאָס טאַקי געהייסען: „דער אַנדערהאַלבען־יאָהריגער יובל פון וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער“.

דאָס האָט בעדאַרפט הייסען: אַזוי ווי אַנדערהאַלבען יאָהר האָבען זיך וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטען געדרוקט און זענען מיט גאָט׳ס הילף אין אַ גוטער שעה אַרויס פון דרוק — איז אַ גוט יום־טוב אייך, אידען!

דעם יובל האָט מען „געפייערט“ טאַקי ביי מיר אין שטוב. פורים איז דאָס געווען (אויב איך האָב קיין טעות ניט), נאָך דער סעודה.

אַ יום־טוב איז דאָס געווען דוקא אַ פריילּיכער, מיט טאָסטען און מיט רעדעס.

סאַמע אין מיטען יום־טוב האָבען זיך אַריינגעריסען אַ בינטעל קיעווער סטודענטען, יונגע לייט וואַרעמע, היציגע, אידיש בלוט.

רובעל אַ יאָהר געהאַלט, מיט אַ דירה, מיט אַלעם גרייטען, מיט אַ פּאַיעטאָן און מיט פּערד — אז מע שמועסט פון כל טוב!

וואָס טהוט גאָט? זאָגט ער, אַז אָנשטענדיגע און עהרליכע לייט דאַרף ער אַליין האָבען. און וואַרשאַווסקי לעגט זיך אַוועק, מוטשעט זיך פריהער אָפּ העכער אַ יאָהר אין אונמענשליכע ליידען — און דער אידישער בעראַנזשע שטאַרבט אַוועק עלענד און פערגעסען פון דער גאַנצער וועלט און לאָזט איבער אַ פאַמיליע אָהן שום מיטלען צום לעבען.

— —

וואַרשאַווסקי איז געשטאָרבען, און זיינע ליעדער האָבען אָנגעהויבען ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פּאָפּולער אינ'ם אידישען פאָלק, ביי אונז, אין דער „טשערטאַ“, און אויך ווייט-ווייט, הינטער דער „טשערטאַ“. נישט נאָר ביי אונז, נאָר אין אויסלאַנד, אין אַמעריקא און נאָך ווייטער פון אַמריקא אויך.

אויף אַלע אידישע קאָנצערטען טרעטען-אַרוים קינסטלער, וואָס זינגען אויסגעצייכענט וואַרשאַווסקי'ס ליעדער, נאָר דער אַנטיק דערביי איז, וואָס ביי די ליעדער און אויף די אַפישען ווערד זעהר זעלטען (כמעט קיינמאָל ניט) דערמאַנט דער נאָמען וואַרשאַווסקי.

נאָך מעהר: נישט לאַנג איז מיינער אַ חבר, אַ אידישער שרייבער פון וואַרשאַ, געווען אין אדעס אויף אַ אידישען קאָנצערט און איז נתפּעל געוואָרען, ווי אַזוי איי ארטיסטין האָט געזונגען אַ אידיש „פאָלקסליעד“:

שטאַרקער! שטאַרקער!
רייסט די סטרונעס, רייסט אויף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבען!“

ביי דעם אידישען שרייבער איז וואַרשאַווסקי'ס ליעד אַ „פאָלקסליעד“. און דער נאָמען וואַרשאַווסקי איז ניט דערמאַנט ביי איהם!

נאָך אַלע איינלאַדונגען זענען מיר דערוויילע געווען נאָר אין צוויי סאַמע נאָהענטע שטעדט: אין ביעלאָצערקאָוו און באַרדיטשעוו — און וועה־וועה, וואָס ס'האָט זיך געטהאָן! עס האָבען געשוויצט די ווענד! עס האָט געקאָפּעט פון דער סטעליע! אַ דערשטיקעניש!

אמת, צו למ"ד אלפים איז נאָך געווען גענוג ווייט („למד" איז געווען, נאָר די „אלפים" האָבען געפעהלט). מיר האָבען אָבער נעהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונז איין אָבענד אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און פון דאָרטען האָבען מיר בעדאַרפט פערפאָהרען קיין אדעס, און ווייטער, און נאָך ווייטער. האָט זיך גאָט אריינגעמישט און ס'האָט זיך געטראָפען אַ מעשה:

געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געפונען אַ דעפּעש בסך־הכל פון דריי ווערטער:

„וואַרשאַווסקי געפעהרליך קראַנק"...

און ווען טרעפט זיך אַזאַ זאַך? וועט איהר האָרכען, ס'איז כדאי צו וויסען.

כל ימיו האָט זיך וואַרשאַווסקי נעבאַך געראַנגעלט מיט'ן דלות, ווי איין אמת'ער העלד, חלילה ניט ארויסבעוויזען קיינעם, אַז ער און זיין פאַמיליע (אַ ווייב און אַ טאָכטער) ליידען נויט. נאָר גראָד אויף דער עלטער, שוין צו עטליכע און פופציג יאָהר, געפעלט עפּיס איין אייזען־קאָמפּאַניע פון דאָנער באַססיין, חלילה ניט קיין אידען, נאָר בעלגיער, כריסטען, מע זאָל אראָפּברענגען צו זיך אין דער קאַנטאָר, אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אַלס פּראָקוריסט, איין אָנשטענדיגען, איין אָרענטליכען יוריסט פון קיעוו, ער מעג זיין אַ איד. און וואו קאָן מען קריגען אַ מעהר אָנשטענדיגען און מעהר אָרענטליכען מאַן, ווי מ. מ. וואַרשאַווסקי?

און אָט אַזוי איז אונזער וואַרשאַווסקי פלוצים מיט אַ מאָל נתגדל געוואָרען, בעקומען אַ שטעלע פון שענע עטליכע טויזענד

אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ

געשריבען אין יאָהר 1915.

ווער ווייסט? אפשר איז דאָס א מעלה? אפשר איז דאָס א אידעאַל, וואָס יעדער פּערפאַסער מעג זיך ווינשען אַזא פּאָפּולאַ־ריטעט צו דערגרייכען?

מע זאָגט, אַז דאָס ליעד „לאָרעליי“, וואָס אַלע קענען, ווייסען ניט אַלע, אַז דער מחבר פון דעם איז היינע.

דער נאָמען פון יענעם פראַנצויז, וואָס האָט בעשאַפען די „מאַרסעליעזאַ“, ווייסט אודאי איינער פון טויזענד, אָדער פון צעהנטויזענד, אַז ער איז רוזשע דע־ליל.

אָדער א סך ציוניסטען ווייסען נפתלי הערץ אימבער, דעם, וואָס האָט געמאַכט דעם „עוד לא אבדה תקותנו“?

בעת איך האָב געשריבען מיין הקדמה צו דער ערשטער אויפ־לאַגע פון וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער, האָט זיך מיר פערוואָלט זאָגען נביאות, אַז ס׳וועט ניט נעמען קיין סך צייט און וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער וועלען ווערען עכטע פאָלקס־מאָטיווען, געזונגען פון פאָלק בכל תפוצות ישראל.

איך האָב ניט געוואוסט, אַז מיין נביאות וועט גרייכען אַזוי וויים, אַז די דאָזיגע ליעדער וועלען ווערען אַזוי פאָלקסטהימליך, אַז זיי וועלען טאַקי קענען אַלע, לאַנג־לאַנג, כל זמן עס וועט גע־זונגען ווערען א אידיש ליעד, נאָר דעם פערפאַסער וועלען ניט אַלע קענען, און דער נאָמען וואַרשאַווסקי וועט פערגעסען ווערען, גלייך ווי ס׳איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט קיין וואַרשאַווסקי ניט געוועזען...

נערווי, 20טען פעברואר, 1914.

אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ

פאַראַיאָהרען פּסח איז דאָס געווען.

נאָך אַ שווערער שלאַפקייט און נאָך אַ לאַנגער קוראַציע אין די ווארעמע לענדער, בין איך געקומען קיין ווארשא. אַ סך פריינד און גוטע פריינד האָבען מיך אָפּגעוואַרט אויפ'ן באַהנהויף, און צווישען אַלע פּרץ און דינעזאָהן.

ווער עס האָט געקענט פּרצ'ען, האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלען פּרצ'ען אָהן דינעזאָהנ'ען. אַ ריהרענדע חבר'שאַפט! אַ מאָדנע ליעבשאַפט! און ניט פון נעכטען איז דאָס געווען, און ניט פון פאַראַיאָהרען. נאָך מיט אַכט און צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז איך האָב געהאַלטען ביי אַרויסגעבען מיין ערשטעס יאָהרבוך „די אידישע פאָלקסביבליאָטהעק" און פּרץ האָט מיר צוגעשיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש", איז תיכף נאָך פּרצ'עס בריעף אָנגעלאָפען אַ בריוועל פון ווארשא, פון דינעזאָהן, וואו ער פרעגט זיך נאָך אויף דעם „אויפגעהענגען שטערן", און אַז איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך בין פון דער באַלאַדע ענטציקט און אַז דער אויטאָר שיינט צו זיין אַ גרויסער טאַלאַנט, איז קיין מעהר גליקליכער פון דעם דינעזאָהן אויף דער וועלט ניט געווען. ער, דינעזאָהן, ניט פּרץ, האָט מיר שוין צוגעשיקט נאָכדעם אַ גאַנצע „טעטראַד" מיט קליינע ערצעהלונגען פון י. ל. פּרץ, פון וועלכע ס'איז גרינג געווען אויסצוקלויבען און אָפּצודרוקען אַזעלכע זאַכען, ווי דער „חעלעמער מלמד", „ווענוס און שולמית" און דעסגלייכען. פון דעמאָלט אָן און ווייטער איז אַלץ, וואָס פּרץ האָט אַרויסגע־וואָרפען (איך וועל שפּעטער זאָגען פאַר וואָס איך בענוץ דאָס וואָרט „אַרויסגעוואָרפען"), איז דאָס געגאַנגען דורך דינעזאָהנ'ס הענד.

אַז דינעזאָהן איז געווען זיין ביזנעס־סעקרעטער, ווי עס הייסט ביי אייך, אָדער פינאַנז־מיניסטער, ווי מיר האָבען איהם, בדרך

זאָל איך דיר אָבער שרייבען? איך לעז אַלץ וואָס דו שרייבסט, אפילו וועגען אונזער בעקאַנטען פּ... איך לעז און בעוואונדער... און וואָלט זעהר געוואָלט, דו זאָלסט געזונד ווערען. זיי געזונד!

דיין, י. ל. פּרץ“.

„וואָס זאָגט איהר, אפשר ניט אַ גבורה פון אַ אידען? גאַנצע זעכס אַ האַלב שורות אויפשרייבען, שוין מיט דער אונטערשריפט! און גלויבט מיר, ליעבער שלום עליכם, ווער עס קען פּרצ'ען ווייסט, אַז דאָס איז באמת זיך אָנגעטהאָן אַ כח פון זיין זייט. געדענקט זשע, זעהט וואָס גיכער פאַלקאָם געזונד צו ווערען. האָפט און ווילט אין גיכען צו אונז אין ווארשא צו קומען. עס האַלט ביי'ם געבוירען ווערען ביי מיר אַ פּלאַן. מיר, דאָס איז טייטש: איהר, פּרץ און איך, זאָלען מיר פאָהרען קיין ארץ־ישראל, אַ קוק טהון, אַ טראַכט טהון און אַ דערצעהל טהון פון דאָרט אַלץ, וואָס מיר וועלען מיט אונזערע אויגען דאָרט זעהען בחוש און מיט'ן הארצען דורכפיהלען, טרעטענדיג אויף די ערד, פון וועלכער מיר שטאַמען, אין וועלכער עס זענען בעהאַלטען אַלע אונזערע גייסטיגע וואָרצלען, און צו וועלכער אונזערע תפילות און האָפנונגען זענען געווענדט.

איך בעט אייך, ווערט באַלד געזונד! חוץ אַלץ וויל איך גלאַט אַזוי אויך ניט, איהר זאָלט קראַנק זיין — טאָ זייט־זשע בעסער געזונד, חאָטש מיר און פּרצ'ען צוליעב. אונז טהוט וועה, אַז איהר שרייט נעבאַך פון יסורים. אונז קלעהמט דאָס הארץ, אַז מיר דערמאַנען זיך, ווי איהר פיהלט אייך אצינד, דעריבער ווילען מיר, דעריבער בעטען מיר אייך, טהוט אונז צוליעב און ווערט טאַקי באַלד באמת געזונד און שטאַרק.

דאָס הארץ אונזערס בעט אויך גאָט אַ רפואה שלמה פאַר אייך, פאַר אייער פרוי און ליעבע טהייערע קינדער. צום גיכען זעהען זיך געזונדערהייט,

אייער י. דינעזאָהן.“

ליצנות, גערופען — פון דעם איז אָפּגערעדט, וואָרום אין געלד־זאַכען איז פּרץ געווען, לויט דינעזאָהנ׳ס אָפּשאַצונג, ערגער פון אַ קינד, אַ קינד, וואָס דאַרף האָבען אַ מאַמע. און אין דינעזאָהנ׳ען האָט פּרץ געפונען אַ מאַמע, אַ געטרייע, איבערגעגעבענע מאַמע, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר־נפש זיין פאַר איהם אַלע מינוט. און גאָט זאָל אייך היטען זאָגען אַ שלעכט וואָרט וועגען פּרצ׳ען אין דינעזאָהנ׳ס געגענוואַרט! און ניט נאָר זאָגען — טראַכטען שלעכטס וועגען פּרצ׳ען האָט שוין געהייסען אַ בעלעדיגונג, אַ פערשוועכונג. די וואַרשאַווער לצים אפילו האָבען זיך געוויצעלט איבער דעם, און דינעזאָהן האָט געוואוסט, אַז לצים וויצלען זיך, און האָט זיך געמאַכט דערפון: „דערוויף זענען זיי לצים, זיי זאָלען זיך וויצלען". ער האָט געטהאָן זיין זאַך באמונה, נישט געלאָזט קיין שטויב זאָל אויף איהם פאַלען. און טאָמער האָט ער געזעהען ביי עמיצען אַ שענס, און טאָמער האָט איהר איהם דערצעהלט עפּיס אַ גוטע זאַך, האָט ער זיך באַלד דערמאַנט, אַז ביי פּרצ׳ען איז אַ סך בעסער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בשעת פּרץ איז פערגאַנגען מיט אַ נייער זאַך, האָט מען דאָס געקאָנט אַרויסזעהן אויף דינעזאָהנ׳ס פּנים, און אַז פּרץ האָט די נייע זאַך אָנגעשריבען, האָט דינעזאָהנ׳ס פּנים געשיינט ווי די זון.

די בעסטע אילוסטראַציע דערצו איז אַ בריעף פון פאַר־צוויי־יאָהרען. די ערשטע העלפט איז פון י. ל. פּרץ, די אַנדערע העלפט פון יעקב דינעזאָהן, וואָס קוועלט אָן פון זיין ליעבען, טייערען פּרץ, און, ווי אַ פערליעבטע מוטער, האָט ער איבערגעצעהלט אפילו די שורות — גאַנצע זעכס שורות מיט אַ האַלבע — „אַ גבורה פון אַ אידען!"...

אָט האָט איהר דעם בריעף:

„12—1, 1913.

„ליעבער, ליעבער שלום־עליכם,

איך בין בטבע אַ פיינד פון בריעף־שרייבען. אָבער דיין צושריפט צו דינעזאָהנ׳ס בריעף האָט מיך שרעקליך גערירט. וואָס

פּאָעזיע״, אַזוי אַז יענער האָט נישט געוואוסט וואו אַ טהיר עפענט זיך. און צוריק, האָט ער אָנגעשמעקט, אַז ס׳איז דאָ אַ טאַלאַנט — האָט ער איהם אויפגעהויבען ביז צום ,,הימעל און האָט אָנגעזאָגט דורך דינעזאָהנען אַ בשורה אין שטאָדט, אַז ס׳איז געבוירען געוואָרען ביי אידען אַ שעקספּיער, אַ ישעיה הנביא, אַ משיח! משיח!... איך מיין, אַז איך האָב קיין טעות ניט, אַז דאָס ערשטע ווערק, וואָס שלום אש האָט אָנגעשריבען, איז דורכגעגאַנגען פערביי פּרצ׳עס אויגען, און אַז פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אויף שלום אש, אַז ער איז ש ל ו ם א ש...

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט אַנדערע, מיט די יונגערע. און פערשטעהט זיך, אַז ער האָט אָפטמאָל געהאַט אַ מיאוס׳ען טעות אויך. נישט אַלע פּורים איז יום טוב, און נישט אַלע תמיד ווערד געבוירען אַ שלום אש. פּרץ האָט זיך אָבער ווינציג־וואָס געקימערט פון אַזעלכע זאַכען — אויסגעלאַכט זיך און פערגעסען. פּרץ איז בכלל געווען אַ נאַטור, וואָס האָט פיינט געהאַט קליינ־ליכקייטען. אַ ברייט וואַרעם האַרץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענש אַ ריעז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דער עיקר — אַ פּקח, מיט אויגען פון אַ תלמיד־חכם, טיעפע, בליצענדיגע, גרויסע אויגען, אַ ברייטער בליצענדיגער קוק און אַ מויל, וואָס פּערעלט, געדאַנקען, וואָס ברויזען, זעצען ווי פון אַ קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שענע און אַזעלכע געפּליגעלטע, אַז ס׳איז נאָר געווען אַ וואונדער, פון וואַנען נעמען זיך צו אונזער אַזוי־גערופענער „אָרעמער שפּראַך״ אַזוי פיעל פיינע קיילעכיגע פּערעלדיגע ווערטער?

איך האָב געקענט פּרצ׳ען אַ סך מיט יאָהרען, נאָר איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אַזוי פריש און בליהענד און גלענצענד, ווי פאַר־אַ־יאָהרען פּסח, אין דער וואָך, וואָס מיר האָבען פערבראַכט אינאיינעם. גלייך ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אונזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו מיר בעזונדערס צוגעלאָזט, גענומען אַ בעזונדערען אינטערעס אין מיר און אַנט־

ווי איהר זעהט פונ׳ם בריעף, איז נאָר איין וואונש געווען ביי זיי ביידע — איך זאָל זיין געזונד. דאָס פאָהרען מיט זיי אין דרייען אין ארץ־ישראל — דאָס, דאַרף מען פערשטעהן, איז נעווען מעהר ניט אַז אַ לעקאכעל, ווי מע זאָגט צו אַ קראַנק קינד. דער עיקר — איך זאָל געזונד ווערען — „חאָטש מיר און פרצ׳ען צוליעב"... און איך האָב זיי צוליעב געטהאָן — און בין געזונד געוואָרען און געקומען צו פאָהרען אויף די אַנדערע טעג פסח קיין וואַרשאַ און אריינגעפאַלען אין די ברייטע געזונדע אָרעמס פון דעם ריעז י. ל. פרץ און אין די קליינע דאַרע הענטלעך פונ׳ם קליינ־טשיקען גוטינקען אייביג־פערליעבטען יעקב דינעזאָהן — און מיט די צוויי האָבען מיר זיך שוין ניט געשיידט אַ וואָך כסדר. ווי אַרום אַ ציטעריג קינד, זענען זיי די גאַנצע צייט ארומגעגאַנגען אַרום מיר, געהיט, איך זאָל מיך, חס ושלום, ניט פערקיהלען. אַזוי ווייט, אַז אויפ׳ן רעספעפשאָן, וואָס דער „הזמיר" האָט מיר געגעבען (פרץ איז געווען דער פרעזידענט פון „הזמיר"), האָט פרץ ניט געלאָזט מיך זיצען מעהר ווי עטליכע מינוט, חאָטש ער אַליין איז געווען דער רעדנער פון מיין כבוד וועגען, — און וועל־כער רעדנער וויל עס ניט, מע זאָל איהם הערען?... ס׳איז אָבער געווען ענג און היים, „און דער איז ביי אונז אַ ציטעריגער, איין אָפגעשריגענער" — אַזוי האָט גע׳טענה׳ט פרץ, אָנווייזענדיג אויף מיר מיט אמת׳ער ליעב־שאַפט פון איין עלטערען ברודער.

איך שטרייך־אונטער די דאָזיגע ווערטער מיט אַ בעזונדער כונה, ווייל ווער עס האָט געקענט פרצ׳ען פערזענליך, דער ווייסט, אַז ער איז געווען ווייט פון סענטימענטען, פונקט דער היפך פון זיין מאַמע דינעזאָהן, וועלכער איז אַ מאַמע צו אַלע שריפטשטעלער, צו די עלטערע ווי צו די אינגערע. פרץ איז געווען צייטענווייז קאַלט ווי אייז, שטרענג ווי אַ רבי און שניידענד ווי אַ מעסער. „שטיוועל פוצען!" — האָט ער געקאָנט געבען אַ שנייד־אָפּ אַ יונג אַ גראַמענמאַכער, וואָס איז געקומען צו איהם מיט אַ „בינטעל

דאָס, מיר און דינעזאָהנען אויף־צו־להכעיס, איבעראַרבייטען נאָך א מאָל, ביז עס וועט אַרויס א כלי שלמה. און תוך־כדי־דבור איז ער אַריבערגעשפּרונגען אויף מיר און אויף מיינע אַרבייט מיט אַזוי פיעל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט פון זיינע אייגענע אַרבייט, און מיט פרייד גערעדט וועגען מיין ערפאָלג, גלייך ווי וועגען זיין אייגענעם ערפאָלג.

איך וויל דענקען, אַז דעם אייגענעם אינטערעס האָט פּרץ געהאַט אין אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע זענען געווען נאָהענט צו זיין האַרצען. און עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין, וואָרום אויב מיר, שריפטשטעלער, זענען א משפחה, וואָס בעשטעהט פון טאַטע און מאַמע, שוועסטער און ברידער, פאַר וואָס זאָלען מיר זיין ערגער פון אַלע אַנדערע משפחות? וואו שטעהט עס, אַז מיר, שריפטשטעלער, בעדאַרפען זיין ענגהערציג, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי אויף „קאָנקורענטען" פון פערשיעדענע לאַגערען?... אָט האָט איהר נאָך א בריעף פון פּרץ'ען, פון וועלכען ס'איז צו זעהן, ווי א שריפטשטעלער אינטערעסירט זיך מיט די ווערק פון א צווייטען און וויל, אַז יענעמ'ס שריפטען זאָלען ערשיינען וואָס שענער (עס האָט זיך אונטערהאַנדעלט וועגען איין אויסגאַבע פון אַלע מיינע ווערק אין אילוסטראַציעס):

„ליעבער שלום־עליכם,

איך האָב געהערט, אַז איהר ווילט אַרויסגעבען אייערע זאַכען אילוסטרירט, און אַז מען פּראָפּייניערט אייך דעם יונגען קראַטקע צו דער אַרבייט. און אַזוי ווי איך וואָלט זעהר געוואָלט זעהן אייערע זאַכען אילוסטרירט און האָב דערביי אמונה אינ'ם טאַלאַנט פון יונגען קראַטקע, על כן שרייב איך אייך מיין דעה און עצה, אַז איהר זאָלט מיט קראַטקע ענדיגען.

אייער י. ל. פּרץ."

מע דאַרף נישט פערגעסען, אַז פּרץ האָט צו יענער צייט אַליין געהאַט אַזעלכע צוועלף בענדער פון זיינע ווערק, און דאָך

פלעקט פאַר מיר זיין האַרץ, די קדשי־קדשים פון זיין נשמה, געַ־רעדט פון נייע שאַפונגען... וואָס מיך האָט איבערראַשט — איז די גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעהערט מיין קריטיק איבער זיינע מיסטישע פּאָעמען אין דער לעצטער צייט. איך האָב איהם גאַנץ אויפריכטיג אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגען דער „גאָלדענער קייט“; איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך וועל אוועקגעבען צעהן „גאָלדענע קייטען“ פאַר איין ומעשה׳לע פון זיינע „פאָלקסטהימליכע געשיכטען“. האָט ער זיך אויפגעחאַפּט מיט אַ געשמאַקען הילכיגען געלעכטער: „חאַ־חאַ־חאַ — דינעזאָהן זאָגט אויך דאָס אייגענע!“

דאָס איז די „גאָלדענע קייט“, וועלכע פּרץ האָט עטליכע מאָל איבערגעניצעוועט — גאָרנישט פּרצ׳עס טבע. פּרץ האָט פיינט געהאַט, ווי, למשל, דער זיידע מענדעלי, זאָל מאַריך ימים זיין, אַז ער שרייבט־אָן אַ זאַך, צאַצקעט ער זיך מיט דעם, פיילט דאָס און פּוצט דאָס איבער עטליכע מאָל, איידער ער לאָזט דאָס אַרויס פון האַנד, און אַז ער לאָזט דאָס אַרויס, ציטערט ער איבער דעם, ווי איבער אַ טייער קינד, שפּיעגעלט זיך אין דעם, זוכט חסרונות, גלעט דאָס אויס נאָך אַ מאָל — אַזוי שאַפט דער זיידע מענדעלי און אַזוי שאַפען אייניגע פון זיינע אייניקלעך... נאָר ניט אַזוי האָט געשאַפען פּרץ. מיט איין אונגעהייערער שנעליגקייט, אבי ס׳איז איהם נאָר געקומען דער רוח־הקודש, האָט ער אַרויסגעוואָרפען איין נאָוועלע נאָך דער אַנדערער, און צום ערשטען זענען זיי, פערשטעהט זיך, דורכגעלייענט געוואָרען פאַר יעקב דינעזאָהן, און יעקב דינעזאָהן האָט געפונען, אַז אַזעלכעס איז גאָך נישט דאַ געוועזען. דאָס האָט ער שוין פערשפּאַרט זאָגען. דאָס האָט מען שוין געקאָנט זעהן אין זיינע אויגען.

גאָרנישט קוקענדיג דערויף, וואָס איך האָב מיך אַזוי וואָכעדיג אויסגעדריקט וועגען זיין ליעבלינג די „גאָלדענע קייט“, האָט זיך פּרץ גאַנץ אָפענהערציג מודה געוועזן פאַר מיר, אַז ער האַלט, אַז דאָס איז די בעסטע פון אַלע זיינע שאַפונגען, און אַז ער וועט

ווענען פרישמאַן'ס יובילעאום

געשריבען אין יאָהר 1913.

האָט איהם געפּרעהט צו זעהן דעם ערפאָלג פון זיין חבר'ס ווערק, און מיט'ן גאַנצען הארצען געוואונשט, אז דער ערפאָלג זאָל זיין נאָך בעסער, גאָר נישט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ... „דיין ערפאָלג איז אונזער אַלעמענ'ס שטאָלץ" — האָט ער צו מיר געזאָגט אין א מינוט פון השתפכות־הנפש. אין אַזעלכע מינוטען האָט פּרץ ליעב געהאַט, ווי איהר זעהט פון זיין ערשטען בריעף, אריבערצו־געהן פון „איהר" אויף „דו". דאָס זענען געווען די בעסטע מינוטען ביי פּרצ'ען...

די וואָך פון פסח איז אוועקגעגאַנגען, ווי עס געהען אוועק אַלע וואָכען פון א גאַנץ יאָהר, און טאַקי ווידער א מאָל, ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, איז פּרץ נישט אָפּגעטראָטען פון מיר און צוזאַמען מיט דינעזאָהנען האָבען מיר אויסגעמאָסטען ווארשא אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך אינדרייען געפאָטאָגראַפירט, גע'חלומ'ט פון אידיש טהעאַטער, פון ליטעראַטור, געבויעט פּלענער און לופט־שלעסער, ווי גאָר אין די יונגע יאָהרען — ווער האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגען, אז דאָס וועט זיין ביי מיר די לעצטע וואָך מיט פּרצ'ען?...

יוגעון פרישמאַנ'ס יובילעאום

—

מע זיצט זיך אין דעם שענעם פרייען שווייצערלאַנד, אונטער די בלויע הימלען, אויף די הויכע מיט שניי־בעדעקטע אַלפּענבערג, ווייט פון דער ליעבער היים, אָפּגעריסען פון אייגענע און פון היימישע, און מע הערט נישט אַ אידיש וואָרט. נאָר דער גוטער גאָט פערלאָזט נישט און גוטע מענשען פערגעסען נישט און שיקען צו צייטונגען פון גאָר דער וועלט און פון כל המינים; לייענט מען זיך אָן און מע הערט זיך אָן צרות פון דער היים, צרות צרורות אויף אידען, מיט גזירות רעות, מיט רדיפות, מיט אַנגסטען, מיט באַיקאָט, מיט געוויינען, וועלכע קיינער וויל ניט הערען, מיט טרערען, וועלכע קיינער וויל ניט זעהען — און פּלוצים לייען איך אַ נייעס: אַ יובילעאום! אין וואַרשא, ווי אויך אין אַנדערע שטעדט, קלויבט מען זיך צו פייערען אַ יובילעאום פון איינעם פון אונזערע גרעסטע און פון אונזערע בעסטע און פון אונזערע שענסטע — פון דוד פרישמאַן — און עס ווערד אויף אַ ווײַלע ליכטיג אין די אויגען, פריי אויף דער נשמה, גרינג אויפ'ן האַרצען.

און אָט פאַר וואָס: מיר זענען דאָך עפּיס אידען אויף דער וועלט, און אידען זענען דאָך עפּיס אַנדערש פון אַלע פעלקער. אַלסדינג, וואָס אַלע פעלקער האָבען, האָבען מיר, ברוך־השם, ניט. האָבען מיר נישט קיין באָדען, קאָנען מיר ניט שטעלען קיין דענק־מאָלען אונזערע גדולים. נישטאָ וואו. האָבען מיר נישט קיין מעצענאַטען, קיין ליעבהאָבער מיט פולע קעשענים, קיין אייגענע נאָבעלס, קאָנען מיר נישט אַרויסקוקען, אַז עמיצער פון אונזערע בעסטע זאָל בעעהרט ווערען אַמאָל מיט אַ בכבוד'ען פּרייז. האָבען

וועלט שטעהט, שטאַרק איבערטריבען, אַז פלוני בן פלוני איז געווען אַזוינער און אַזוינער... אָט דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, די בעדייטונג פון אַ יובילעאום. און אויב עמיצער פון אונזערע בעריהמטע האָט פערדיענט אַ יובילעאום, האָט דאָס אַם מעהרסטען און אַם כשר׳סטען פערדיענט — דוד פרישמאַן.

דוד פרישמאַן איז איין אָריגינעלע פערזענליכקייט אין אונזער ליטעראַטור. אָריגינעל איז ער דערמיט, וואָס אומעדום און אַלע מאָל, אין יעדער עפּאָכע, ווען ער האָט זיך בעוויזען, האָט ער זיך בעוויזען מיט עפּיס אַזעלכעס, וואָס איז ניי און אייגענאַרטיג און וואָס מאַכט אַ רושם און וואָס טראָגט אויף זיך, וואָלט איך זאָגען, דאָס שטעמפּעל „פרישמאַן”. שוין דער ערשטער ארויסטריט זיינער אין דער העברעאישער ליטעראַטור, גאָר אין דער יוגענד, אַלס קריטיקער מיט זיין „תהו ובהו“, איז געווען אַ דונער־קלאַפּ פאַר אַ גאַנצען דור פון מחברים. דאָס איז ניט געווען קיין געוועהנליכע בעל־הבתישע קריטיק, ווי עס פלעגט זיך פיהרען פאַרצייטען, נאָר אַ קאַנאָנאַדע פון אַ יונגען לעבעדיגען אָפיצער, וואָס האָט אָנגעגורט די לענדען און האָט זיך ארויסגעריסען מלחמה־האַלטען מיט שוואַבינקע, קליינינקע, נישט בעוואָפּענטע מענשעלעך, וואָס זענען געפאַלען תחת חרב, ממש ווי די פליעגען געבאַך, — עס איז געווען אַ גאָט׳ס רחמנות צו קוקען.

פערשטעהט זיך, אַז פרישמאַן, וועלכער צעהלט שוין איצט מסתמא ניט איין גרויע האָר, קוקט איצט אודאי מיט אַ פערביסען שמייכעל אויף דעם דאָזיגען ביכעלע, ווי אויף אַ פּראָדוקט פון די יונגע יאָהרען, ווי אויף אַ קונדס׳עריי. דאָס דאָזיגע קונדס׳ערייאָבער — איך זאָג עס נאָך מיין אייגענעם ערפאַהרען — האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק נישט נאָר אויף די מחברים, נאָר אויך אויף דעם „קהל הקוראים”, און געהאַט אַ בעזונדערע ווירקונג אויף אונז, דעמאָלט נאָך גאָר יונגע, קינפטיגע שרייבער.

די דאָזיגע ווירקונג האָט פרישמאַן נישט אויפגעהערט צו פערשפּרייטען אויך שפּעטער איבער׳ן יונגען דור מיט זיין אויסגע־

מיר נישט קיין אַקאַדעמיע פון אונשטערבליכע, קאָנען מיר נישט ערוואַרטען, אַז עמיצער זאָל ביי אונז פּרעטענדירען אויף אונ־שטערבליכקייט. דאָס איינציגע, וואָס ביי אונז איז נאָך דאָ, איז — אַ יובילעאום. אַ יובילעאום איז, להבדיל, אַ מפטיר. נישטאָ קיין אַנדערע כבודים פאַר אידען. נישטאָ קיין עמטליכע אויסצייכע־נישען, קיין אַרויפשטייגענישען, קיין אויפהויבענישען, קיין מע־דאַליען, קיין אייבלען — איז פערבליבען ביי אונז מפטיר אין שוהל, אָדער דער ערשטער פּסוק פון „אתה הראית", אָדער סנדקאָ אויף אַ ברית, און פאַר אונז אידישע שריפטשטעלער — אַ יובי־לעאום. עס קאָן זיין, אַז פילאָזאָפיש גענומען, אויפ'ן שטייגער פון קהלת, איז אַלסדינג בלאָטע שבבלאָטע, נאָר כל־זמן אַ מענש לעבט — און לעבט נישט צוליעב דעם, וואָס ער עסט און וועט נאָך עסען און עסען, — איז אונזער חוב, מיט וואָס מיר קאָנען און ווי ווייט מיר קאָנען, אַרויסבעווייזען אזא מענשען, און דוקא ביי זיין לעבען, נישט נאָכ'ן טוידט, אַז מיר אָנערקענען, אַז ער האָט געלעבט ניט אומזיסט. און אַרויסבעווייזען קאָנען מיר עס נאָר — דורך אַ יובילעאום.

דאָס איז, וואָס ס'איז שייך צום יובילאַר אַליין. אַ יובילעאום האָט אָבער נאָך אַ בעדייטונג פאַר אונז גופא, אפשר נאָך מעהר ווי פאַר'ן בעל־היובל. איך רעד ניט פון חברים שריפטשטעלער (קנאת סופרים תרבה חכמה), איך רעד פון גרויסען פּובליקום. פונ'ם לעזער רעד איך. אַז מיר פייערען עמיצענ'ס אַ יובילעאום, עפענען מיר אויף זיין ספר־הזכרונות, פיהרען־אונטער אַ סך־הכל צו אַלס־דינג, וואָס ער האָט געטהאָן, גערעדט אָדער געשריבען, צעגליע־דערען עס און שאַצען עס אָפּ נאָך אונזער אויג און פערשטאַנד, און דערמיט בעקאַנען מיר אַ וועלט נישט נאָר מיט די ווערק פון דעם און דעם שריפטשטעלער אַליין, נאָר מיט זיין פיזיאָנאָמיע אַלס מענש און אַלס שרייבער, נישט וואַרטענדיג ביז ער וועט אַמאָל צומאַכען איין אויג און מיר וועלען זיך צעגיסען דערנאָך אין הספדים און נעקראָלאָגען, וועלכע זענען שטענדיג, פון זינט די

געוועזן פרישמאַנ׳ען דעם העברעאיסט, אַרויפגעפיהרט, ער זאָל איינטונקען די פעדער אין אונזער אידיש טינטורעל און פּרובען געבען אַ שרייב, ווי מע האָט דאָס נאָך דעמאָלט גערופען, „אויף זשאַרגאָן“. און פרישמאַן האָט אַיינגעטונקט די פעדער און געגעבען אַ שרייב „אויף זשאַרגאָן“ — און ס׳איז אַרויס די בעריהמטע פּאָעמאַ „אופיר“ (אינ׳ם ערשטען בוך פון דער „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, אַרויסגעגעבען פון מיר אין קיעוו אין די יאָהרען 1887 און 1888). אָנגעהויבען שרייבען אויף אידיש, איז פרישמאַן צוגעטראָטען צו דעם נישט ווי יענע מיוחסים די העברעאישע שרייבערס, וואָס האָבען געטהאָן דער וועלט אַ טובה און האָבען זיך אַ ר אָ פּ ג ע ל אָ ז ט צו דער שפחה, צו דער דיענסט־מויד (ווי די מיינסטע פון זיי האָבען דעמאָלט אָנגערופען דעם „זשאַרגאָן“), נאָר ווי אַיין אמת׳ער אַריסטאָקראַט האָט ער צוגעצויגען צו זיך דאָס פאָלק און גענומען רעדען מיט איהם אַ פיין, נאָר אַ פערשטענדליך, אידיש, אַ ריינע, איינפאַכע, נאָר אַ פערעלדיגע שפּראַך.

פון דעמאָלט אָן איז אָפּגעלאָפען אַ סך וואַסערען. דער „זשאַרגאָן“ איז געוואָרען אויס זשאַרגאָן, נאָר „אידיש“, און ס׳איז אויסגעוואַכסען אַ אידישע ליטעראַטור, אין וועלכער פרישמאַן פערנעמט, דאַנקען גאָט, זעהר אַ בכבוד׳יג אָרט, גאַנץ אויבען־אָן, אַלס דיכטער, קריטיקער, אַלס זשורנאַליסט און אַלס פעליעטאָניסט, — נאָר פון יענעם מין פעליעטאָניסט, וואָס יעדער זשורנאַל האַלט זיי לכבוד שבת און לכבוד יום־טוב. וואָרום פרישמאַן אַלס פעליעטאָניסט איז נישט דער ליץ, דער פלוידערזאַק, וואָס קומט אַלע טאָג אַ קיצעל טהון דעם עולם. פרישמאַנ׳ס פעליעטאָן איז דער פּראָדוקט פונ׳ם אייראָפּעאישען געשמאַק, פון דער אייראָפּעאישער עסטעטיק, דורכגעזייט דורך אידישען געלעכטער און אידישע טרערען — דער עכטער אידישער הומאָר. פרישמאַנ׳ס וויטץ איז ווייט פון בית־המדרש, נאָר עכט אידיש, טיעף, שאַרף און שטעכעדיג. נאָר פיין; בייסענדיג, נאָר איידעל; שניידענדיג. נאָ־ מיט כבוד...

צייכענטער געשליפענער שפראך, איך וואָלט זאָגען, פרישמאַנ׳ס העברעאישער שפראַך. פרישמאַנ׳ס העברעאישע שפראך איז איין אייגענטימליך העברעאיש. די „נאַטור־געשיכטע״ פון בערנשטיין, למשל, אין פרישמאַנ׳ס איבערזעצונג, איז א מייסטערווערק, אויף וועלכע א סך יונגע־לייט האָבען זיך געלערענט — אויסער וויסענ־שאַפט — שרייבען העברעאיש. א גאַנצע רייהע פון פרישמאַנ׳ס פעליעטאָנען אין דעם העברעאישען „היום״ און אין אַנדערע העב־רעאישע צייטונגען האָבען בעשאַפען א בעזונדערען סטיל, פריש־מאַנ׳ס סטיל. און נישט נאָר אין דער שפראך און אינ׳ם סטיל איז פרישמאַן געווען ניי. ער איז געוועזן ניי אויך אינ׳ם שאַפען. מיט זיינע „אותיות פורחות״ האָט ער געוויזען א נייעם דרך, אַז מע דאַרף ניט שרייבען דוקא קיין לאַנגע מעשיות, וואָס זאָלען זיך ציהען ווי דער גלות, און אַז מע קאָן אין קורצינקע, גאָר קור־צינקע מעשה׳לעך און נאָוועלען זאָגען אמאָל מעהר, ווי אין א גרויסער לאַנגווייליגער געשיכטע. און אויב פרישמאַנ׳ס פראָזע איז ניי, אייגענאַרטיג, אויסגעפיינט און אָפּגעקירצט, איז זיין פּאָעזיע אויסגעהאַקט פון שטיין, פון איידעלשטיינער, געפיילט און געשליפען מייסטעריש. עפּיס פיהלט זיך א געניטע האַנד פון א געניטען מייסטער נאָך גאָר אין די ערשטע זיינע דיכטונגען. און מיר דאַכט, אַז פרישמאַן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעזאָגט זיך פון די י״א תנועות און אַריינגעטראָגען די נייע מעטריק אין דער פּאָעזיע פון אונזער ליטעראַטור. (דער גרויסער ביאַליק איז אודאי נאָך דעמאָלט געווען אין דער ישיבה און נאָך געשלייפט זיך דעם קאָפּ איבער א שטיקעל מהרש״א).

אָט די אַלע אייגענשאַפטען, די פיינקייט פון דער שפראך, די אָריגינאַליטעט פונ׳ם סטיל, הן אין פּראָזע והן אין פּאָעזיע, האָט פרישמאַן אַריבערגעטראָגען פון דער העברעאישער אין אונזער אידישער פאָלקס־ליטעראַטור, אין אונזער אידיש לשון. און דאָס איז געווען מיט א יאָהר פינף־און־צוואַנציג צוריק, און איך האָב מורא, אויב נישט איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט מטמא

שטעלער, ווי פרישמאַן, און אין דעם פערדיענסט האָט פרישמאַן אויב נישט דעם גרעסטען חלק. איך בין איבערצייגט, אַז ניט נאָר אין די גרויסע צענטרען, נאָר אין אַלע אידישע שטעדט און שטעדטלעך, וואו אַ אידיש וואָרט ווערד געלייענט און אָפּגעשאַצט, וועט פרישמאַנ׳ס יובילעאום אַרויסרופען אַ גרויסען אינטערעס און וועט איבערגעהן אומעדום פייערליך און גלענצענד, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מיר לעבען איבער אַ שטיקעל ביטערע צייט. איך בין איבערצייגט, אַז די אינטעליגענץ און דאָס פאָלק וועלען זעהען דעם טאָג פונ׳ם דאָזיגען יובילעאום אויסצייכענען אויפ׳ן פיינסטען אַרט, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ פערדיענטען און בעליעבטען יובילאַר, ווי דוד פרישמאַן. איך בין איבערצייגט אויך אין דעם, אַז דער גרויסער סקעפּטיקער, דער בעל־היובל אַליין, שמייכעלט דאָרט ערגיץ אין דער שטיל, מאַכט זיך דערפון: „אידישע יובילעאומס.... אידישער כבוד“... הערט איהם ניט! נעמט איהם, דעם חתן דנן, זעצט איהם אַוועק אויבען־אָן, און פייערט איהם אַ יובילעאום, אַ גרויסאַרטיגען, אַ וואַרעמען יובילעאום, ווי ער האָט דאָס כשר פערדיענט! פייערט איהם אַ יובילעאום, ס׳זאָל רעש׳ען, ס׳זאָל זיך לאָזען הערען אויף דער וועלט און ס׳זאָל זיין אַ כבוד סאַי פאַר׳ן שריפטשטעלער, סאַי פאַר די לעזער!

לאזאנא (שווייץ), ערב 1913.

פרישמאַנ׳ס אַ פעליעטאָן לכבוד שבת איז אַליין אַ שטיק שבת, פרישמאַנ׳ס אַ ליעד איז אַ „זמר לכבוד יום־טוב״. אַלסדינג איז דורכגעוועבט מיט אידישער פילאָזאָפיע. אַלסדינג איז דורכגעקנעטען מיט אידישע טרערען און מיט אידישען געלעכטער, און אויף אַלץ שוועבט דער אידישער גייסט. אַלץ איז עכט נאַציאָנאַליסטיש, און אַלץ איז שטענדיג אייגענאַרטיג, טיפּיש, איך וואָלט געזאָגט פרישמאַניש. פרישמאַן איז פון דעם מין פעליעטאָניסטען, וואָס אַז איהר בעקומט דאָס ערב־שבת׳דיגע בלאַט, קעהרט איהר איבער די ערשטע זייט, חאַפּט אַ קוק פון אונטען אויף דער צווייטער זייט, אויף דער דריטער זייט, דערזעהט איהר איין אונטערשריפט: ד. פרישמאַן — ווייסט איהר שוין פריהער, אַז איהר וועט דאָרטען געפינען אי דעם וויטץ, אי דאָס לעצטע וואָרט פון דער צייט, אי דעם אידישען קרעכץ, אי דעם אידישען איינפאַל, — און דאָס אַלסדינג אין דער אייגענאַרטיגער פרישמאַנ׳ס לייכטער, גלאַטער, פיינער שפּראַך, וואָס לייענט זיך ווי אַ וואַסער. איהר זענט זיכער, אַז איהר וועט דאָרטען געפינען וואָס צום דענקען און וואָס צום לאַכען, און חאָטש דאָס וועט זיך בייסען און חאָטש דאָס וועט אייך אפשר אָנריהרען, אַלס מענש און אַלס איד, סאַמע דאָרט, וואו סע טהוט וועה, נאָר איהר וועט הנאה האָבען און איהר וועט וועלען לייענען נאָך און נאָך. אָט דאָס איז דוד פרישמאַן. אָט דאָס איז דער כח פון דעם, וואָס איז צו גלייכער צייט אַ טאַלענט און אַ דיכטער און אַ עסטעט און אַ הומאָריסט, אַ אייראָפּעאיש געבילדעטער מאַן און דערצו נאָך אַ תלמיד־חכם, פאַר וועלכען אַ איד האָט פון תמיד אָן דרך־ארץ.

איך בין איבערצייגט, אַז פרישמאַנ׳ס יובילעאום וועט זיין אַ יום־טוב נישט נאָר פאַר דער אינטעליגענץ, נאָר אויך פאַר די ברייטע מאַסען פון אונזער פאָלק, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען צו אונטערשיידען פון אַ שרייבער צו אַ שרייבער, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבען אויסאַרבייטען אַ ליטעראַרישער געשמאַק — און דאָס איז דער פערדיענסט פון אַזעלכע שריפט־

פרישמאַן צו־גאַסט ביי שלום־עליכם

א פּאר עפּיזאָדלעך.

גערשריבען אין יאָהר 1914.

פרישמאַן צו־גאַסט בײַ שלום־עליכם

דאָס איז געווען שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג: מיר ביידע, ניט איך, ניט פרישמאַן, האָבען נאָך אפילו נישט גע׳חלומ׳ט פון יובי־לעאומס...

פערזענליך האָבען מיר זיך נישט געקענט. נאָר גוטע פריינד זענען מיר געווען, אוהבים נאמנים, געשריבען זיך איינס דאָס אַנדערע בריוולעך, „ידידי־יקירי־בריוולעך״, און געצויגען, געצויגען איינס צו דאָס אַנדערע, ווי ס׳איז גאַנץ נאַטירליך ביי יונגע שרייבערס.

נאָר ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער, אז מען איז צעריסען — איינער אין קיעוו, דער אַנדערער אין וואַרשאָ — א פאָלג מיך א גאַנג!

נאָר ס׳איז א תירוץ? — אוהבים נאמנים!...

בקיצור — פרישמאַן איז געקומען קיין קיעוו צו־גאַסט צו שלום־עליכמ׳ען.

געקומען פרישמאַן!

פערשטעהט זיך, אַרויסגעפאָהרען אויפ׳ן וואָקזאַל בעגעגענען פרישמאַנען, געבראַכט פרישמאַנען גלייך צו זיך אַהיים, איהם אָפּגעטראָטען א גאַנצען אַפּאַרטאַמענט — גוטע צייטען געווען, זיי וועלען זיך שוין ניט אומקעהרען מעהר...

דאָרט זענען געווען: משה אהרן שאַצקעס, יהל״ל, יצחק יעקב ווייסבערג, דובזעוויטש, דאַרעווסקי — און נאָך גאָר־גאָר קליינינטשקע.

דער גרעסטער טייל פון זיי פלעגן זיין ביי מיר אָפטע געסט, און פון זיי האָט זיך עס פרישמאַן דווקא געוואָלט אויסבעהאַלטען.

וואָס זשע טהוט גאָט? — טראָגט עס אָן איינעם פון זיי צו מיר אַקוראַט דעמאָלט, ווען פרישמאַן זיצט, און עס ווערד אַ שמועס — געוויינטליך, וועגען ליטעראַטור, און, געוויינטליך, וועגען קריטיקער, „אונזערע קריטיקער״; און אונזערע קריטיקער — דאָס איז געווען פרישמאַן, און נאָך אַ מאָל פרישמאַן, און ווידער אַ מאָל פרישמאַן.

איך געדענק שוין ניט אַקוראַט, צי פרישמאַן האָט שטאַרק אָנגעריהרט ערגיץ אין אַ פעליעטאָן אָט דעם נפש, צי ניט שטאַרק, צי גלאַט אין אַ בריעף איהם אָנגעריהרט דעם כבוד, — נאָר וואָס דער פאַרשוין האָט אויסגערעדט אויף דעם פרישמאַנען! אַש האָט ער פון איהם געמאַכט! עפר ואפר! מיט דער בלאָטע גלייך! גאָר ניט שייך צו זאָגען! פרישמאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף פרישמאַנען, און יענער האָט ניט אויפגעהערט צו שיטען פעך און שוועבעל אויף פרישמאַנען!

נאָך מעהר קונץ: מיר דאַכט, אַז אָט דער איד האָט מיט אַ קורצער צייט פריהער פאַר דעם, אָדער אין דער זעלביגער צייט טאַקי, געהאַט געשריבען צום זעלביגען פרישמאַנען „לכבוד־בריוור־לעך״ מיט אַזעלכע טיטלען און מיט אַזוינע קאָמפּלימענטען, אַז ביי׳ם גרעסטען עניו קאָן זיך דער קאָפּ פערדרעהען!... די גע־לעכטערען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין קיעוו נאָכדעם, ווי דער נפש איז אַוועק, האָט מען בעדאַרפט הערען, מיין איך, אין וואַרשאָ!

נאָר איך האָב מורא, אַז נאָך אַזאַ שוויץ־באָד איז דאָס געווען פרישמאַן׳ס לעצטער „אינקאָגניטאָ״...

ווי אזוי מע האָט פערבראַכט די צייט — בעדאַרפט איהר גישט פרעגען.ביידע געווען יונג, ביידע פריש, ביידע פריילין און ביידען האָט געשפּאַרט — לאַכען האָט זיך געוואָלט, לאַכען!

איך וועל ניט דערצעהלען פון די געלעכטערען, וואָס זענען געווען אין שטוב, אין גאַס, אין טהעאַטער. דאָס זענען געווען אָפּ־שניצלעך פון צוויי קונדסים, וואָס האָבען זיך לאַנג־לאַנג געצויגען איינס צו דאָס אַנדערע, און גאָט האָט זיי געהאָלפען — חברה האָבען זיך „צונויפגעסקאָמפּאַניעט". ער האָט געשריבען פּאַראָ־דיעס אויף זיך אַליין אינ׳ם געשטאַלט פון „אופיר":

„גאָלד און זילבער און באַרליאַנטען" — און מע האָט געלאַכט.
מען איז געגאַנגען אין גאַס און מע האָט געקאָפּירט בעקאַנטע פאַרשוינען — געוויינטליך, ליטעראַטען — און מע האָט געלאַכט.

מען איז געקומען אין טהעאַטער, אין דער אָפּערא, גאַנץ אויבען־אָן אין אַ לאָזשע־בענואַר, האָט זיך דער גאַסט אוועקגע־זעצט דוקא מיט׳ן פּנים צו דער טיר און אָפּגעזעסען אַזוי אַלע פיער אַקטען — און מע האָט געלאַכט.

געווען גוטע יאָהרען — זיי וועלען זיך שוין ניט אומקעהרען מעהר, און ניט פון דעם וויל איך אייך דערצעהלען.

איך וועל אייך דערצעהלען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדלעך פון יענער צייט.

עפּיזאָדעל נומער איינס.

ווי באַלד פרישמאַן איז געקומען, נאָך אויפ׳ן וואָקזאַל, האָט ער אויסגענומען מיט מיר אַ תנאי: אינקאָגניטאָ — די „חכמי קיעוו" דאַרפען נישט וויסען, אַז ער איז פרישמאַן.

די „חכמי קיעוו" — דאָס איז געווען אַ בינטעל אידישע שריי־בער, צווישען זיי גאַנץ בעריהמטע; צווישען זיי אויך גאַנץ קליי־ניטשקע.

דאָס איז געווען אַ ראָמאַן „אין דריי ט·ילען", אויפ'ן שניט פון שמ"ר, בעזאַלצען מיט הומאָר און בעפעפערט מיט „סאַטי־ריקאָ"...

נאָר דער גאַנצער אַנטיק האָט געשטעקט אין דעם, ווי אַזוי דער מחבר האָט געלייענט זיין ווערק, ווי אַזוי ער האָט בעטאָנט, געקוועטשט, בע'טעמ'ט איטליכס וואָרט בעזונדער, געמאַכט מיט די הענד און מיט אַלע איברים, אָנגעקוואָלען, געשעפּט תענוג, ממש געוואַכסען פאַר נחת, אַליין געלעקט פון זיך די פינגער, ווי אַזוי אַ מענש קאָן נעמען און אַזעלכעס אָנשרייבען מיט אַ פּראָס־טער פען, מיט שווארצער טינט אויף וויס פּאַפּיער!...

בעדאַרף מען אייך נאָך דערצעהלען, וואָס פון אונז ביידען איז געוואָרען, אַז מיר האָבען נאָך די ערשטע עטליכע פראַזען געגעבען אַ קוק איינס אויף דאָס אַנדערע? ברוין און בלוי און אַלערליי קאָלירען — נאָך אַ מינוט, און מיר וואָלטען געווען אָדער דערשטיקט געוואָרען אויפ'ן אָרט, אָדער געפּלאַצט אויף שטיק־שטיקלעך!

אַ גליק, וואָס דער געלעכטער, וועלכען מיר האָבען אַ היבשע צייט געהאַלטען פערשטיקט אין זיך, האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג דורך דער נאָז און איז אַרויס לאויר העולם.

דער ערשטער האָט געפּלאַצט פרישמאַן — און אוי־וועה! ווי איך האָב געציטערט פאַר איהם, טאָמער דערזעהט דער מחבר, אַ קשיא אויף אַ מעשה, און חאַפּט אַ „טעטראַד" פון זיינע „טעט־ראַדען" און גיט איהם איבער'ן קאָפּ און פּלעט פרישמאַנ'ען דעם מח! אַ גראָשען איז ביי מיר ניט ווערטה געווען דעמאָלט פריש־מאַנ'ס לעבען!

און שטעלט אייך פאָר אַ הצלחה פון אַ מענשען! — דער מחבר האָט אונז דערזעהען לאַכען, האָט ער זיך אַליין אויך צע־לאַכט!

עפיזאָדעל נומער צוויי.

„מחברים" פלעגען אָפט, זעהר אָפט קומען צו מיר אין שטוב.

איך רעד פון דעם מין „מחברים", וואָס שרייבען און שרייבען און קיינער דרוקט זיי ניט.

איינער אזא מחבר האָט זיך מיר אמאָל געקלאָגט אויף צעדערבוים'ען: „וואָס איז דאָס פאר א מין רעדאַקטאָר, אָט דער צעדערבוים? וואָס איך שרייב איהם און שרייב, און ער דרוקט ניט! איך שרייב — און ער דרוקט ניט!"...

א ראָמאַן האָט ער געבראַכט צו פיהרען. פון א קליין שטעדטעל אין פאָלטאַווער גובערניע, און וויל צוויי זאכען: ערשטענס, מיר ביידע, איך און פרישמאַן, זאָלען איהם איבערלייענען פון אָנהויב ביז'ן סוף.

דאָס הייסט, ניט חלילה מיר זאָלען לייענען. ניין! לייענען וועט ער, און מיר'ן איהם האָרכען.

איז איין מאָל אוועק. והשנית — מיר זאָלען איהם דרוקען. דאָס הייסט, ניט דעם מחבר — דעם ראָמאַן זאָלען מיר דרוקען.

ווי אזוי מיר ווילען — אין א צייטונג, א זשורנאַל, א בוך — ס'אהרט איהם ניט וואו, אבי דרוקען.

ער וויל זעהר, אז זיין ראָמאַן זאָל זיין געדרוקט.

הכלל, וואָס טהוט מען דאָ? דאַרף מען זיך אוועקזעצען, הייסט עס, און האָרכען, ווי ער וועט לייענען.

פעררויכערט צו ציגאַרען, אוועקגעזעצט זיך גאַנץ בעקוועם אין וויעג־שטוהלען, דעם מחבר — אויבען־אָן ביי'ם טיש מיט'ן פּעקעל כתבים — א היבש פּעקעל: דריי גרויסע גראָבע געדיכטע „טעטראַדען", ביכער!

ניין, איך וועל אייך ניט דערצעהלען וואָס דער מחבר האָט אונז געלייענט.

וויל דער יונגערמאַן בשום אופן ניט זאָגן וויפיעל.

— וויפיעל איהר'ט זאָגען, אזוי וועט זיין גוט.

איז געבליבען ביי אונז, אז צוויי הונדערט רובעל דער פונט.

— גענוג ?

דער יונגערמאַן, וואָס איז שוין בלאו הכי געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל, האָט א זאָג געגעבען :

— עס מעג זיין הונדערט רובעל א פונט, איז אויך גענוג.

האָט זיך אָבער פרישמאַן אוועקגעשטעלט איין מאָל פאר אַלע מאָל : צוויי הונדערט רובעל — ס'איז ווערטה מעהר !

דער מחבר אונזערער איז שיער ניט צעשמאָלצען געוואָרען פאר תענוג :

— שאַ ! מילא ! אז איהר האָט זיך איינגעשפּארט צוויי הונדערט, זאָל זיין צוויי הונדערט.

— וויפיעל זשע, הייסט עס, האַפּט דאָס אוים אַרום און אַרום ?

און פרישמאַן האָט אָנגעזאָגטעלט די נאָז מיט'ן פּענסנע מיט גרויס מאַטערניש (עס האַלט זיך ניט אויף פרישמאַנ'ס נאָז קיין פּענסנע !), און אַלע דריי האָבען גענומען אַריינקוקען אין חשבון אריין — עס טרעפט אָן אַקוראַט 750 רובעל, ווי א גראָשען א בייגעל !

דער יונגערמאַן האָט זיך שוין גענומען גלעטען דאָס בערדעל און וואַרטען.

מיר האָבען אויך געוואַרט.

— נו ?...

— נו־נו ?...

— אדרבה ?...

אדרבה ואדרבה ?...

ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אויף אונז געווירקט די זאַלץ פון זיין הומאָר און דער פעפער פון זיין „סאַטיריקאַ".

פּלוצים האַפּט זיך אויף פרישמאַן:

— געננג!

מע דאַרף ניט לייענען מעהר. ס'איז אַזוי גוט, אַז מע פער־שפּאָרט שוין גאָר לייענען ווייטער.

— אַלזאָ, יונגערמאַן, וואָס ווילט איהר?

— איך וויל, מיין ראָמאַן זאָל זיין געדרוקט, און ווייטער נאָר נישט... און געלט — איז וויפיעל איהר וועט זאָגען...

דערזעהען, אַז דער יונגערמאַן בענוגענט זיך ניט מיט כבוד אַליין — ער וויל נאָך געלד אויך, האָט אונז אָנגענומען אַ חשק, נעמען דעם יונגענמאַן צו דער אַרבייט.

תחילת — דאָס איז געווען פרישמאַנ'ס איינפאַל (איין איינ־פאַל פון אַ גאון!) — בעדאַרף מען וויסען די ווערטה פונ'ם ווערק — און דאָס לאָזט זיך ניט אָפּשאַצען, סיידען מע זאָל וויסען די וואָג, וויפיעל עס וועגט.

און דאָס איז ניט שווער צו דערגעהן. מע נעמט און מע לעגט דאָס אַוועק אויף אַ וואָג, דאָס הייסט (און דאָס איז אויך געווען פרישמאַנ'ס זשעניאַלער איינפאַל!), מע לעגט אַוועק אויף איין שאָל דאָס ווערק און אויף דער אַנדערער לעגט מען אַוועק גע־וויכט, וועט מען דעמאָלט וויסען אַקוראַט.

און מע האָט זיך ניט געפוילט און מען איז געגאַנגען אין אַ קלייט, וואו ס'איז דאָ אַ וואָג, און מע האָט אָפּגעוועגען דאָס ווערק: דריי פונט מיט דריי פערטעל — קיין עין הרע ניט!

אצינד איז געבליבען נאָר איין זאַך: דער מקח?

— מה יקר? ווי טייער זאָל מען רעכענען אַ פונט?

מיין בעקאַנטשאַפט מיט ח. נ. ביאַליק

נעשריבען אין יאָהר 1916.

און אַט דאָ האָט זיך אַרויסבעוויזען דער גאַנצער טעות: דער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז מיר דאַרפען איהם צאָהלען צוויי הונדערטער פאַר אַ פונט, און מיר האָבען געמיינט, אַז דער יונגערמאַן זאָל אונז צאָהלען די צוויי הונדערטער אַ פונט!

איז דער יונגערמאַן געפאַלען אויף אַ המצאה:

— ווייסט איהר גאָר וואָס? איכ'ל אייך ניט צאָהלען, איהר'ט מיר ניט צאָהלען — נאַט אייך מיין ווערק און דרוקט עס אָפּעט!

האָבען מיר זיך אָבער אַוועקגעשטעלט: ניין! דאָס וועט ניט געהן! פון זינט די וועלט שטעהט איז אַ מנהג, אַז פאַר אַ ווערק אָדער מע צאָהלט דעם מחבר, אָדער דער מחבר צאָהלט — אַנדערש געהט עס ניט!

פונ'ם געשעפט איז ניט געוואָרען גאָר נישט ניט.

נאַרישע, יונגעלשע, נאָר גוטע, גליקליכע יאָהרען — זיי וועלען זיך שוין ניט אומקעהרען מעהר!...

נערווי, 1 מאַרט, 1914.

מיין בעקאנטשאפט מיט
ח. נ. ביאליק

א.

יאהרען־לאנג בין איך געשטאנען אין פערבינדונג מיט ביא־ליקען און ניט זוכה געווען פערזענליך זיך צו בעקענען מיט'ן גרעסטען פון אונזערע פאעטען, ווייל מיר זענען געווען ווייט איינס פון דאס אנדערע. ער האט געוואהנט אין אדעס און איך — אין קיעוו. דערנאך זענען געקומען די גלות־יאהרען פון נאך דער רוסישער קאנסטיטוציע. האט דאס מיך פערוואָרפען קיין אויסלאנד — שווייץ — און פון דארטען, איבער'ן אטלאנ־טישען ים, קיין אמעריקא, און אט אזוי האב איך שוין כמעט אינגאנצען אויפגעגעבען מיין האפנונג צו בעגעגנען זיך ווען ס'ניט איז מיט'ן ריעז פון די ריעזען. וואס טהוט גאט? פאהרען זיך צונויף די ציוניסטען אויפ'ן קאנגרעס אינ'ם יאהר 1907 אין האאג, און די אמעריקאנער ציוניסטען קלויבען מיך אויס פאר א דעלעגאט, און איך קום צו פאהרען קיין האאג, אין האלאנד.

ערב קאנגרעס איז א קאנפערענץ פון העברעאיסטען. איך קום אריין. דער זאל איז פול. דער טשערמאן איז א. ל. לעווינ־סקי. קלאפט מיט'ן האמער אין טיש. דער עולם איז אויפגע־רעגט. און מעהר פון אלע אנדערע קאכט זיך עפיס א יונגער־מאנטשיק. ווייזט אויס, א „בורזשוק”; ביי אונז אין דערהיים הייסט ער א „קופטשיק”. איך בעטראכט דעם יונגענמאנטשיק

מיר שעה׳ן־לאַנג שפּאַציערט און געפיהרט אינטימע געשפּרעכען. עפּיס גלייך ווי מיר וואָלטען געווען בעקאַנט פון יאָהרען און יאָהרען, עפּיס גלייך ווי מיר האָבען זיך אין אונזער ווייטער קינדהייט צעשיידט און איצטער ווידער אַ מאָל צונויפגעקומען זיך. איטליכער פון אונז האָט געהאַט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען פון דער פערגאַנגענהייט און פאַנטאַזיערען פון דער צוקונפט — און די צייט איז אַזוי קורץ! ביאַליק האָט מיר דאָס וואָרט געגעבען, אַז אויפ׳ן צוריק־וועגס שטעלט ער זיך אָפּ ביי מיר אין גענף, וואָס אין דער שווייץ. און ער האָט געהאַלטען וואָרט. נאָך אַ קורצער נסיעה איבער איטאַליע איז ער אויף ראש־השנה אַראָפּגעפאָהרען צו מיר קיין גענף.

ג.

אין יענער צייט האָט אָפּגערעכט גלות אין דער שווייץ אויך דער זיידע, מענדעלי מוכר־ספרים, און אויך בן־עמי, וועלכער איז אַ תושב אין גענף עד היום הזה. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז יעדער פון אונז דריי האָט געוואָלט דעם כבוד און דעם פערגעניגען צו האָבען ביי זיך דעם גרויסען גאַסט. נאָר אַזוי ווי די אידעע איז געווען מיינע, דעריבער איז דער גאַסט פערפאָהרען גלייך צו מיר. פאַר מיינע קאָלעגען האָב איך עס געהאַלטען דערווייל בסוד, געוואָלט זיי מאַכען אַ סורפּריז. אויף מאָרגען, ראש־השנה אין דער פריה, האָב איך גענומען דעם גאַסט און בין מיט איהם אַוועק אין שוהל אריין. דאָרט זענען שוין געווען דער זיידע און בן־עמי. דער זיידע האָט איהם אָפּגעגעבען אַ ברייטען שלום־עליכם. בן־עמי ניט. דער איז געווען אש־להבה, פאַר וואָס ער איז פערפאָהרען צו מיר, ניט צו איהם, צו בן־עמי׳ן. ווער עס קען בן־עמי׳ן, דער וועט פערשטעהן זיין אייפערזיכטיגקייט... אַז ס׳איז געקומען צו „אויסנעהמענעס” און מיר זענען אַרויס פון שוהל אויפ׳ן הויף, האָט זיך בן־עמי ניט געקאָנט איינהאַלטען

און בעשלים, אַז דאָס מוז זיין מסתמא אָדער אַ יונגערמאַן אַ משכיל, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון קעסט, אָדער איין אײדעם, וואָס זיצט נאָך אויף קעסט. און ווייל ער איז אַ משכיל און זיין שווערער איז אַ איד אַ בעל־הבית, האָבען די ציוניסטען פון זיין שטעדטעל איהם אויסגעקליבען פאַר אַ דעלעגאַט, וואָס פאָהרט מסתמא אויף זיינע אייגענע הוצאות קיין האַאַג. און איך מיין, אַז איך האָב קיין טעות ניט, וואָרום איך בין דאָך אַ שרייבער, און וועלכער שרייבער איז דאָס ניט קיין פיזיאָנאָמיסט? איך לאָז ניט אַראָפּ קיין אויג פונ'ם קופּטשיק, און דער קופּטשיק שפּרינגט אַלע מאָל אויף. רעדען רעדען אַלע אויף העברעאיש, און ער אויך. אַלע מאָל טהוט ער אַ שיס־אויס:

— ארבה!... לא! אין אני מסכים! — ער איז ניט מסכים! ער איז ניט איינפערשטאַנען!...

דער טשערמאַן (לעווינסקי) קלאַפּט מיט'ן האמער. די קאָנפערענץ איז צו ענדע. דער עולם קאָכט זיך נאָך. דער טשערמאַן שטעהט אויף פון טיש. מיר צעקושען זיך. איך וויל געהן. דער טשערמאַן האלט מיך אָפּ אַ מינוט.

— וואַרט אויס אַ ווײלע. איך וויל אייך בעקאַנט מאַכען יריהער מיט אונזער ביאַליקען.

— ביאַליק איז דענן אויך דאָ? וואו איז ער?

— אָט איז ער דאָך.

און ער שטעלט מיר פאָר דעם בורזשוק.

אָט־אָ־דער קליינער בורזשוק איז דאָס געװען דער גרויסער ביאַליק. די משמעות, אַז איך בין ניט אַזאַ שאַרפער פיזיאָנאָמיסט...

ב.

אין האַאַג האָב איך קיין סך ניט פערבראַכט. נאָר די גאַנצע צייט כמעט זענען מיר מיט ביאַליקען געווען ניט צעשיידט. אויפ'ן ברייטען ווייס־זאַמד־יגען ברעג פונ'ם ווייס־זילבערנעם ים האָבען

אונפערגעסליכע וואָך. אַלע זאַלבעפערט האָבען כ. י. זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירען, לויט דאָס בילד וואָס ליגט דערביי, אונטער דעם שענעם בלויען הימעל, ביי דער גענפער שטילער זעע, אקעגען די הויכע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, שווייצער־אַלפּען. און מעשיות זענען דערצעהלט געוואָרען איינציגוויין, מערקווירדיגע פּאַסירונגען, וואָס יעדען האָט זיך געטראָפען אין זיין לעבען. איינציגע פון די דאָזיגע מעשיות האָב איך דערנאָך בעשריבען און אַרויסגעגעבען בעזונדער אין אַ ביכעל אונטער'ן נאָמען: „פיער זענען מיר געזעסען". מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ וואָך פון ביאַליק. און נאָך אַ מאָל ביאַליק. און ווידער אַ מאָל ביאַליק.

ד.

אַוועקגעגאַנגען די טומעלדיגע וואָך, אַוועקגעפאָהרען דער גאַסט — אוים ביאַליק. שטיל איז געוואָרען אין דער שווייץ. די הויכע, מיט'ן אייביגען שניי בעדעקטע, בערג האָבען זיך הנ'עוודיג אָפּגעשפּיעגעלט אינאיינעם מיט'ן בלויען הימעל אין דער שענער שטילער גענפער זעע. עס איז אָבער בעשערט געווען, אַז ביאַליק'ס נאָמען זאָל צווישען אונז נאָך אַביסעל ווענטילירט ווע־רען צוליעב אַ נייעם אינצידענט, צוליעב אַ נייע קונדס'עריי.

אין אַ שענעם פריהמאָרגען בעקום איך אַ בריוועלע פון ביאַ־ליקען. אין בריוועלע לאָזט מיך דער גרויסער דיכטער הערען, אַז ער האָט פערגעסען ערגיץ אין וועג אַ פּאָר שטעקשיך, בעט ער מיך, איך זאָל זיך מטריח זיין אַ קוק טהון אונטער'ן בעט, וואו ער איז געשלאָפען, און אויב איך וועל געפינען זיינע שטעק־שיך, זאָל איך זיי איהם איבערשיקען. געשריבען איז דאָס ברי־וועלע אין ביאַליק'ס סטיל מיט מגלה־טמירין־לשון: „הטשעקשיך שלי"... און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה מיט שטעקשיך. עס זענען געלאָפען בריעף נאָך בריעף, וואו דאָס וואָרט „שטעק־

און האָט פירגעהאַלטען דעם גאַסט, לּמאַי ער האָט זיך ניט אָפּגע־שטעלט ביי איהם. נישט געהאַט קיין אנדער תירוץ אויף אַרויס־צודרעהען זיך, האָט ביאַליק זיך געוואָלט פערענטפערען פאַר בן־עמי'ן, אז ער האָט עס נישט געקאָנט טהון, ווייל ער איז נאָר־וואָס געקומען פון באַהז.

— ווען? היינט? היינט, דעם ערשטען טאָג ראש־השנה?! דער גרעסטער אידישער דיכטער איז געפאָהרען אום ראש־השנה???!! און פון וועמען הערט ער עס? — פון ביאַליקען אליין?! שומו שמים!!! — הימעל׳ עפען זיך!!...

און וואָס מעהר בן־עמי האָט זיך געקאָכט, אַלץ מעהר האָט ביאַליק געלאַכט. און וואָס מעהר ביאַליק האָט געלאַכט, האָט זיך בן־עמי געקאָכט. עס האָט אָנגעהויבען ווערען שטאַרק לע־בעדיג. עס איז געוואָרען אַרום אונז אַ „רעדעל”. עס איז אָנ־געקומען דער זיידע. דערזעהען, ווי די אייניקלעך קאָכען זיך, ווי איינער בייזערט זיך, די איבעריגע לאַכען, האָט ער מקיים פּסק געווען בן־עמי'ן אויפ'ן אָרט. ער האָט איהם אויסגעלאַכט, ווי דער זיידע קאָן:

— וואָס זענט איהר עס גאָט'ס סטראַפּטשע אין דער שווייץ אָנצונעמען זיך גאָט'ס קריוודע אין די ימים נוראים? פערלאָזט אייך אויף דעם רבונו של עולם — ער קאָן אליין בעשטעהן זיין שטעדטעל — האָט איהר געהערט אַ מעשה!

ווער עס קען בן־עמי'ס היציגען טעמפּעראַמענט, וועט פער־שטעהן, אז לאַנג האָט ער נישט געקאָנט זיין ברוגז. און איבער־הויפּט — אויף ביאַליקען. קאָן מען דענן זיין לאַנג ברוגז אויף אַ קונדס, אויף אַ ליעבען קונדס, וואָס לאַכט אַזוי האַרצעדיג און מאַכט אייך לאַכענדיג? מיר האָבען באַלד אויפ'ן אָרט געמאַכט אַ פּשרה, אַז ס'איז פאַרפאַלען. סטאַנציע האַלט דער דיכטער טאַקי ביי מיר. נאָר עסען זאָל ער אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט — אַזוי אַז ער זאָל זיין אונזער אַלעמענ'ס אורח. און אַט אַזוי האָבען מיר פערבראַכט מיט'ן גרויסען גאַסט אַ גוטע וואָך. אַ

זאַכען פון אידיש אויף העברעאיש, ארויסגעגעבען גאַנצע בענדער מעשיות פאַר אידישע קינדער, געפּלאַנעוועט ארויסצוגעבען נאָך מעהרערע זאַכען — ביז דער גאָט פון נקמה האָט זיך צעבייזערט און ער האָט אָנגעשיקט א בלוטיגען מבול אויף דער זינדיגער ערד... מיך האָט דער שטראָם אויפגעחאַפּט און פערטראָגען אַזש אהער, קיין אַמעריקאַ. ביאַליק איז פערבליבען דאָרט ביי די ברעגעס פונ'ם שווארצען ים, ווייט פון די, וואָס האָבען זיך גע־שפּיגעלט אין זיין נשמה, וואָס האָבען זיך געווארעמט אינ'ם ברען פון זיין טאַלאַנט, וואָס האָבען איהם ליעב געהאַט אָהן א ברעג און האָבען איהם ליעב עד היום הזה.

ניו־יארק, ניסן, 1916.

שיך" ווערד דערמאַנט און איבערגע'חזר'ט און איבער'געקייעט אפשר א מאָל הונדערט. אינ'ם ערשטען בריוועל שרייב איך איהם, אז איך האָב געזוכט די שטעקשיך אונטער'ן בעט, וואו ער, ביאַ־ליק, איז געשלאָפען, נאָר איך ווייס ניט פאַר געווייס, אויב די שטעקשיך זענען זיינע שטעקשיך, אָדער גלאַט א פּאָר שטעקשיך? און בכדי עס זאָל ניט אַרויס חס־ושלום קיין שום טעות, האָב איך געבראַכט א פאָטאָגראַפּישען אַפּאַראַט און האָב אַראָפּגענומען א בילד פון די שטעקשיך, און איך שיק איהם אַרויס רצוף פּה דאָס בילד פון די שטעקשיך, ער זאָל זיך צוקוקען צו די שטעקשיך און זאָל מיר באַלד מודיע זיין דורך א בריוועל, אויב די שטעקשיך זענען זיינע שטעקשיך? קומט מיר אָן א בריוועל פון ביאַליקען, אזוי ווי ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אינ'ם בילד פון די שטעקשיך און האָט דערקענט אין זיי זיינע שטעקשיך, אזוי אז ער קאָן שווערען בנקיטת חפץ, אז די שטעקשיך זענען זיינע שטעקשיך, לכן דעריבער זאָל איך, למען השם, איהם אַרויסשיקען זיינע שטעק־שיך! ענטפער איך איהם מיט א בריוועל, אז ער זאָל מוחל זיין מיר צושיקען א קבלה אויף די שטעקשיך, וועל איך איהם דעמאָלט אַרויסשיקען די שטעקשיך... קומט מיר אָן א בריוועל פון ביאַ־ליקען מיט א גוואַלד: היתכן? הישמע כזאת? ווי קאָן ער מיר שיקען א קבלה אויף די שטעקשיך איידער ער האָט בעקומען די שטעקשיך? ענטפער איך איהם, אז ס'איז דאָ איין עצה: איך שיק איהם דערווייל אַרויס איין שוך פון זיינע שטעקשיך, וועט ער מיר צושיקען א קבלה אויף די שטעקשיך. און אז איכ'ל בעקומען די קבלה אויף די שטעקשיך, וועל איך איהם דעמאָלט אַרויסשיקען דעם אַנדערען שוך פון די שטעקשיך. אין צום אַרויסגעשיקטען שוך האָב איך צוגעלעגט א צעטעלע: „המשך יבוא" — פאָרטזעצונג פאָלגט...

אזוי האָט מען געקונדסט און אַרויסגעוואָרפען שטיקלעך, און צווישען רעכטען קונדסעריי האָט מען געטהאָן ערנסטע ליטע־ראַרישע אַרבייט אויך — מע האָט געשריבען ״יז אידיייגעזעצט

פיער זענען מיר געזעסען

געשריבען אין יאָהר 1908.

פיער זענען מיר געזעסען

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

מ ע נ ד ע ל י מ ו כ ר ־ ס פ ר י ם — א שענער זקן, רעדט צוקערזיס.
ב י א ל י ק — א פּאָעט, א בעל־מחשבות.
ב ן ־ ע מ י — א איד. וואָס קאָכט זיך.
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם — איין אלטער בעקאַנטער, וואָס הערט זיך צו און שרייבט אלסדינג אריין אין א ביכעל.

אַלע מיינען, אַז בערג, למשל, שטעהען אויף איין אָרט. און איך זאָג אייך, אַז בערג געהען, און נאָך ווי אזוי! זיי לויפען! ווען בין איך דערגאַנגען דעם דאָזיגען שכל? אין דער צייט, ווען מיר, דריי אידישע שריפטשטעלער און איינער א פּאָעט, האָבען געמאַכט די ערשטע עקסקורסיע צו די בעריהמטע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, אַלפּענבערג.

ארויסגעגאַנגען א פּאָר מייל פון שטאָדט ארויס, האָט זיך אונז אויסגעדאַכט: אָט־אָט זענען מיר ביי די בערג, אָט־אָט נעם ציה־אויס א האַנד — גיט איהר זיי אָפּ שלום. נאָר וואָס ווייטער מיר געהען צו זיי, אַלץ ווייטער געהען זיי אוועק, אנטלויפען פון אונז. מיר הויבען אָן געהן אביסעל גיכער, שטאַרק גיך, — בלאָטע! זיי לויפען נאָך גיכער.

— זיי רייצען זיך מיט אונז? — רוף איך מיך אָן צום איבעריגען עולם.

— ווער?

— די בערג.

וועלען מיר שבת האַלטען אונטער'ן באַרג. מיך האָט ער געמאַכט אויסצודרעהען. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי נעמט זיך אונטער אַזאַ מענש ווי איך געהן, אַז איך ווייס, אַז איך קאָן ניט געהן?

פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם גאָרנישט געשטעהרט, ער זאָל צונויפלעגען דעם שירם, פערקאַטשען די פּאָלעס און גלייך מיט אונז אַלע זיך אַ וואָרף טהון אין גרינעם פרישען שמעקעדיגען גראָז אריין און געניסען טעם גן־עדן פון רוהען אין מיטען פעלד, אונטער גאָט'ס הימעל, און הערען דעם זיידען דערצעהלען אַ מעשה.

* * *

בעשרייבען אַ מעשה און דערצעהלען אַ מעשה — דאָס איז זיך צוויי בעזונדערע זאַכען. פאַרהאַן מענשען, וואָס וועלען אייך בעשרייבען אַ זאַך אויסגעצייכענט, און לאָזען זיי אייך עפּיס נעמען דערצעהלען, צעברעקלען זיי דאָס און צעקייען עס אייך אַזוי, אַז עס שלאָגט צו דער גאַל. און פאַרהאַן מענשען, וואָס וועלען אייך דערצעהלען אַ מעשה טשאַקענדיג, אויסגעטאָקט און אויסגעפּוצט, מחיה נפשות, — און פּרובט, לאָזען זיי דאָס וועלען איבערגעבען אויף פּאַפּיער — איהר זאָלט זיי אראָפּנעמען דעם קאָפּ! פאַרהאַן נאָך אַ קאַטעגאָריע גליקליכע מענשען, וואָס זענען ווייט פון ביידע זאַכען, ניט דערצעהלען, ניט בעשרייבען; נאָר פון זיי רעדען מיר נישט. מיר רעדען פון די, וואָס די נאַטור האָט זיי געבענשט מיט ביידע טאַלאַנטען. דער זיידע רב מענדעלי מוכר־ספרים בעזיצט ביידע מתנות פון זיין ליעבען נאָמען אויפ'ן העכסטען שטייגער. ער, אַז ער דערצעהלט אַ מעשה, מאָהלט ער אַ בילד, און איהר זיצט און הערט און זעהט, און עס דאַכט זיך אייך, אַז איהר לעזט דאָס פון אַ בוך, — ניין! וואָס זאָג איך? עס דאַכט זיך אייך, אַז דאָס לעבט, אַז דאָס רעדט, אַז דאָס קומט־פאָר פאַר אייערע אויגען, און עס ווילט זיך אייך אייביג אַזוי זיצען און הערען, און הערען, און הערען...

— איך ווייס גאָר ניט וואָס דאָס איז ! — רופט זיך אָן מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפעראַמענט, וועלכער איז קלאָר אין די אַלפּענבערג, ווי אַ איד אין אשרי. — ס'איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי ווייט, ווי איצטיגס מאָל. איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלטען מיר געגאַנגען אַביסעל גיכער.

און אָט אַזוי האָט ער אונז אונטערגעגעבען אַלע מאָל מעהר היץ, מיר זאָלען געהן גיכער, מעהר פון אַלעמען זיך איינגעמיעדט און מחמת דעם איז ער געוואָרען בייז, גערעדט מיט גאַל, געשאָטען מיט פייער, אויסגעלאָזט כל חמתו אויף פּאָני־גנב מיט זיין רעוואָלוציע און מיט זיין קאָנסטיטוציע.

— שאַט ! איך וויל אייך עפּיס פרעגען ! — אַזוי האָט זיך אָנגערופען צו אונז אַלעמען דער זיידע רב מענדעלי, און מיר אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. — איך וויל, איהר זאָלט מיר זאָגען, יעדער בעזונדער, ווי אַזוי פיהלט איהר זיך אין דער מינוט ?

אַפּנים, אַז מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפעראַמענט האָט דער ערשטער פערשטאַנען דעם זיידענ'ס פראַגע, מחמת ער האָט זיך געאיילט ענטפערען דער ערשטער, ווישענדיג מיט די פּאָלעס דעם שוויים פונ'ם נאַסען שטערן.

— איך פיהל מיך אַזוי גרינג, אַז איך וואָלט געפלויגען, ווי איין אָדלער, נישט אַרומגעקוקט זיך צוריק אַפילו אויף אַ מינוט.

— און איך — מאַכט דער יונגער פּאָעט ביאַליק, איינגעקוקט זיך אויף מיר — איך פיהל מיך ניט שלעכט, נאָר פליהען ווי איין אָדלער — ווייס איך ניט, אויב איך וואָלט געפלויגען.

אַצינד איז געקומען די צייט, איך זאָל אויך עפּיס ענטפערען. און איך האָב געזאָגט :

— איך פיהל, אַז עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונד, ווען מיר זעצען זיך אָט־דאָ, למשל, אויפ'ן גראָז...

מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפעראַמענט איז געוואָרען אָנגעצונדען. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מיר ועלען אָט אַזוי געהן,

דער! און מחמת מיר זענען אביסעל מיעד, האָבען מיר זיך אַני־דערגעזעצט אָט דאָ אביסעל רוהען, און לאָמיר בעסער רעדען, דערצעהלען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין.

— מעשיות! מעשיות! — האָבען אויסגעשריען מיר, אלע דריי אייניקלעך. — דערצעהלט אונז עפּים א מעשה, זיידעניו, א מעשה!

— א מעשה? וואָס פאר א מעשה זאָל איך אייך דער־צעהלען?

— דערצעהלט אונז, זיידעניו, א מעשה פון זיך אליין, פון אייער אייגענעם לעבען, פון פארצייטען!

— גוט, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה מיט א פערטעל עוף, נאָר מיט א תנאי...

— אז מע זאָל אייך ניט איבערשלאָגען אין מיטען? ניט פערלויפען אויף צו־פריהער? ניט אריינפאָהרען מיט א וואָגען אין שליטען אריין?

— אָט־אָט־אָט! גוט, וואָס איהר ווייסט מיין טבע און וואָס איהר קענט זיך אליין.

אזוי האָט אונז געזאָגט דער זיידע, זיך גענומען צום מדרש, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג אריין צידה לדרך, פעררייסען די ברילען ארויף אויפ׳ן שטערן, געגעבען א קוק־אריין, פערמאכט דעם מדרש, אראָפּגעלאָזט די ברילען צוריק אויף דער נאָז און אָנגעהויבען מיט א ניגון פון דער גמרא:

א.

אַ מעשה מיט אַ פערטעל עוף

— הערט זשע, אָמר רבי יוחנן — האָט רבי יוחנן געזאָגט: איבער קמצא ובר־קמצא איז חרוב געוואָרען ירושלים; איבער א

דער שמועס, וואָס ביי אונז האָט זיך געקייטעלט, האָט זיך אָנגעהויבן, געוויינטליך, פון פּאָליטיק, פון דער אידישער לאַגע אינ'ם אומגליקליכען לאַנד, און מען איז אריבער אויף דעם, וואָס אונז, שריפטשטעלער, איז מעהר נאָהענט צום הארצען, — אויף דער ליטעראַטור. די גאַנצע צייט איז אָבער דער זיידע געזעסען פערחמורעט, מיט א ביטער שמייכעלע אויף די ליפּען, ווי איינער רעדט: „נאַראָנים האָבען געפונען פון וואָס צו רעדען!"... מיין קאָלעגא מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט געוואָלט מאַכען די אונטערהאַלטונג מעהר אינטערעסאַנט, האָט ער ארויפגעפיהרט דעם שמועס אויף „נאַציאָנאַליזם", און האָט גענומען איינטיילען די רעוואָלוציאָנערען מיט די בונדיסטען מיט די אריסטאָקראַטען פון איין זייט, און די ציוניסטען מיט די טעריטאָריאַליסטען פון דער אַנדערער זייט, — אַלע האָבען זיך פון איהם ניט גענאַרט! עס האָט אָבער קיינעם נישט גענומען. דער גאַנצער פּולווער מיט אַלע קוילען זענען איצטיגס מאָל געוועזען ארויסגעוואָרפען. דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבען מיט א קאָפּ העכער פון דער גאַנצער וועלט און האָט געזאָגט, אז כל זמן עס וועט לעבען די „אונערבאַרעמליכ־קייט פון עקזיסטענץ" („אכזריות הקיום"), וועט איהם נישט נעמען נישט דאָס „שלעכטע" נישט דאָס „גוטע", וואָרום עס אי'ז נישטאָ אויף דער ערד נישט „שלעכטעס" נישט „גוטעס" — עס איז נאָר דאָ דאָס, וואָס עס איז... און ער האָט אויסגעלאָזט זיין פילאָזאָ־פישע טעאָריע מיט א בקשה צו אונז, זיינע אייניקלעך, אז מיר זאָלען איצטיגס מאָל אראָפּוואַרפען פון זיך די שריפטשטעלערישע קאַפּאָטע, פערגעסען, אז ס'איז דאָ אויף דער וועלט א קולטור מיט א ליטעראַטור מיט בוכדרוקעריי מיט מוכרי־ספרים און פערלעגער און ארויסגעבער און צייטשריפטען און גאַזעטען, מיט מענשען־רשעים און מענשען־צדיקים, מיט פּאָני, מיט, להבדיל, אידען, מיט נאָך אזעלכע זאַכען, און מיר זאָלען געדענקען, אז איצט, אין דעם דאָזיגען טאָג, זענען מיר גלאַט מענשען — טוריסטען, וואָס האָבען געמאַכט איין עקסקורסיע אין די אַלפּענבערג. עלעהיי ענגלענ־

אַגדערער אַרויס, אויף און אָפּ, ווי אויף אַ יאַריד! און די קאַ־מערען מיט די קעמערלעך זענען געפּאַקט מיט פּראָוויזיע אויפ'ן גאַנצען יאָהר, און משרתים, דיענערס און דיענסטען און משגיחים, דרעהען זיך אַרום הין און הער, און עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל. ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט, ווער עס דערלאַנגט עסען, ווער עס וואַשט, ווער עס פּרעסט, ווער עס הייצט דאָס באָד, ווער עס לעשט די ליכט אום שבת, — דערויף איז פאַרהאַן אין הויף אַ בעזונדערער פּאַרשוין, אַ שבת־גוי מיט'ן נאָמען פּאַוולאָ, וואָס פון איהם האָב איך אייך גאָר אַ בעזונדערע מעשה. איהר קאָנט פערשטעהן, ווער דער פּאַוולאָ איז — אַז ס'זענען געווען מענשען, וואָס פלעגען ביי דעם פּאַוולאָ זיך נאָכפרעגען, ווען איז ראש־חודש און ווען איז דער מולד... נאָר מיר לאָזען פּאַרלויפיג פּאַוולאָ צו־רוה, און מיר קעהרען זיך אום צוריק אין „הויף“ אַריין. דאָס האָט איהר אייך דעם פּרוזדור, דעם אַריינטריט. אַצינד ווע֒לען מיר זיך מטריח זיין מיט אייך אין טרקלין, אין פּאַלאַץ אַריין, זיך בעקענען מיט'ן אייגענטהימער פון'ם „הויף“.

שטעלט אייך פאָר אַ בילדשענעם מענשען, האַלב־אידיש, האַלב־אייראָפּעאיש געקליידט, מיט אונטערגעבויגענע פּאות, מיט אַ ווייסען קאָלנער, מיט אַ ליכטיג שטרענגען פּנים, מיט מאַניערען פון אַ פירסט. דער גאַנצער „הויף“ שטעהט פאַר איהם ווי פאַר אַ מלך. אין שטוב איז ריין, זויבער, רייך, נאָר אייגפאַך און שטרענג, און זעלטען ווער עס האָט די עהרע אהער אַריינצוטרעטען, אַ חוץ שבת; און קומט שבת, ווערד געדעקט אַ לאַנגע רייהע פון טישען, און אַ חוץ דער פאַמיליע ווערען איינגעלאַדען אויך געסט פון די פּאָרנעמסטע אורחים. איך האָב אייך פערגעסען מיטצוטיילען, אום איהר זאָלט האָבען אַ ריכטיגען בעגריף פון דעם „הויף“, אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אויך אַ גלות. דאָס איז אַ דייטש, אַ לעהרער צו די קינדער, וואָס לעהרענט מיט זיי „שפּראַך“. אויבענאָן, אויף אַ הויכען שטוהל, זיצט דער בעל־הבית, דער אייגענטהימער אַליין, און אַלע אויגען זענען צו איהם.

הוהן מיט א האָהן איז חרוב געוואָרען די שטאָדט ביתר; איבער א פלעקעל פון א וואָגען איז חרוב געוואָרען טור־מלכא. ערלויבט מיר צוצוזעצען: איבער א פערטעל עוף איז פון אבראמאָוויטש געוואָרען מענדעלי מוכר־ספרים. הערט א מעשה!...

מיר רוקען זיך צונויף אַלע דריי נאָך נעהענטער צום זיידען, און דער זיידע הויבט־אָן צו דערצעהלען בזה הלשון:

— שטעלט אייך פאָר א גרויסען פיערעקעכיגען פּלאַץ, פערבויט פון איין זייט מיט א ברייטען מויער, א פּאַלאַץ, פון דער אנדערער זייט — מיט א שענעם בית־המדרש, ביי דער זייט, להבדיל, א מרחץ, א גרויסע קיך, ברייטע שטאַהלען און קאַמערס מיט קעמערלעך — דאָס איז דער „הויף". ווּעמענ׳ס הויף — דאָס וועט איהר וויסען שפּעטער. אין בית־המדרש זיצען יומם ולילה צעהן אידען לומדים און לערנען. נאָר אז מע זאָגט אייך צעהן אידען לומדים זיצען און לערנען, שטעלט איהר זיך שוין פאָר אין דער פאַנטאַזיע די געוויסע „עשרה בטלנים", דאָס הייסט: פערשמירטע, אָפּגעריסענע, אָרעמע לעדיג־געהער. האָט צייט! דאָס זענען געווען צעהן שענע זויבער־געקליידטע פאַרשוינען, מיט ליכטיגע פנימ׳ער, געקליבענע לומדים פון דער ליטא, וואָס יעדער פון זיי וואָלט געמעגט זיין א רב בכל תפוצות ישראל. א זכיה האָט געהאַט דער, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרען צו הערען פון זיי א וואָרט. אַלע פריה און פאַרנאַכט האָט מען דאָרט געדאַווענט — דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך. האָט איהר אייך דעם בית־המדרש. אצינד וועלען מיר זיך דורכגעהן מיט אייך אין קיך אריין. נאָר אז איך זאָג אייך א קיך, זאָלט איהר ניט מיינען, אז איך רעד פון סתם א קיך מיט איין אוייווען, מיט איין אונטערן־אויוועז, מיט איין אויפ׳ן־אויוועז און מיט א קאַץ. ניין, דאָס מיין איך א גאַנצען רעסטאָראַן מיט לאַנגע געדעקטע טישען, און אויף די טישען — פון כל טוב: פיש און פלייש און ביער און פירות אַלערליי, און כל דכפין — פראַנק און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט צוויי טיהרען, פון איין טיהר אריין. פון דער

אליין — איז זי אין דער גרויסער שרפה, וואָס עס איז געווען ביי אונז אין קאַפּוליע, אָפּגעברענט געוואָרען, און צו מיינע צוויי טיטלען, „דער יתום" און „דער יורש", איז צוגעזעצט געוואָרען א דריטער טיטעל: „דער נשרף", וועלכער האָט איינגעשלונגען יענע ערשטע צוויי טיטלען, ווי די זיעבען מאָגערע קיה פון מצרים, וואָס האָבען אזוי בריה'ש איינגעשלונגען אין זיך די זיעבען פעטע קיה, אזוי אז קיינער האָט ניט דערקענט, וואָס פאַר א גוטען אָנ־בייסען זיי האָבען געהאַט...

מילא, דערצעהלען אייך וואָס אין קאַפּוליע האָט זיך אָפּגע־טהאָן בשעת פונ'ם „יתום" מיט'ן „יורש" איז געוואָרען א „נשרף" — וויל איך נישט. דאָס לאָז איך איבער אויף איין אנדערש מאָל. איך וויל אייך נאָר מודיע זיין, אז עס האָבען זיך געפונען גוטע באַרעמהערציגע מענשען, וואָס האָבען רחמנות גע־האַט אויפ'ן „יתום" דעם „נשרף" (דער טיטעל „יורש" איז אוועק, וואו דער ליעבער שבת־קודש געהט אוועק) און האָבען איהם אָפּ־געפיהרט פון קאַפּוליע קיין סלוצק צו רב יונה סלוצקער אין בית־המדרש אריין — לערנען.

מיין איבערראַשונג, אז איך בין אָנגעקומען צו רב יונה סלוצ־קער אין „הויף" אריין, לאָזט זיך ניט בעשרייבען. איך בין זיכער, אז קיין תלמיד פון דער ישיבה און קיין סטודענט פון אוניווער־סיטעט האָט אזוי פלייסיג נישט געלערענט און אזוי פיעל הנאה געהאַט פון דעם לערנען, ווי דער „יתום" פון קאַפּוליע האָט געהאַט ביי רב יונה סלוצקער אין בית־המדרש. אייביג וועל איך ניט פערגעסען די לאַנגע ווינטער־נעכט אינ'ם העל־בעלייכטען גוט־אָנגעהייצטען בית־המדרש, אויף די גלאַטע בענק מיט די געפּאָ־לירטע סטענדערס, וואו דאָס קול קלינגט זיך אָפּ מיט א זעלטענער זיסקייט, וואָס צעגעהט זיך ממש אין די ביינער. נאָכדעם — דאָס געשמאַקע דאַוונען מיט'ן ערשטען מנין פאַרטאָג, אז דער רבונו־של־עולם אליין שלאָפט נאָך, און נאָכ'ן דאַוונען — דאָס הייסע

ווייסט איהר, ווער דאָס איז? דאָס איז אַ ליטווישער גביר, אַ איד אַ סוחר, רב יונה סלוצקער, און די מעשה קומט־פאָר נישט אין קיין אַנדער שטאָדט, נאָר טאַקי אין סלוצק.

אַצינד לאָזען מיר איבער דעם בן־מלך און נעמען זיך צו דער בת־מלכה, דאָס מיין איך — צו רב יונה סלוצקער׳ס טאָכטער, וואָס איהר נאָמען איז געווען פייגעל און געררופען האָט מען זי די „קליינע אויגעלעך״, נישט בלשון סגי־נהור, ווייל זי האָט געהאַט גרויסע אויגען, נאָר טאַקי דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט זעהר קליינע אויגעלעך, און מחמת רב יונה סלוצקער איז געווען אַ איד אַ גביר און די טאָכטער האָט געהאַט קליינע אויגעלעך, האָט מען איהר געזוכט אַ חתן איין אָרעם בחור, נאָר אַ מושלם, אַ צאַצקע, אַזעלכען, וואָס זאָל זיין איינער ביי גאָט דער אַנדערער ביי איהם, — און גאָט האָט איהם געבראַכט די מציאה אין שטוב אריין.

איהר שטויסט זיך שוין אודאי, אַז דאָ וויל איך אייך דער־צעהלען שוין פון זיך. אַלזאָ, מוז איך אייך דערקלערען, ווער בין איך געווען און וואָס בין איך געווען צו יענער צייט. מיך האָט גאָט געבענטשט מיט דריי טיטלען מיט אַ מאָל. איך בין געווען אַ „יתום״, אַ „יורש״ און אַ „נשרף״. אַ יתום בין איך געווען פון טאַטע־מאַמע אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטא, אין קאָ־פּוליע. אַ יורש בין איך געווען אויף אַ חלק פון דער דירה, וואָס איז געבליבען אונז בירושה — געוויינטליך, ניט אויף אַ גרויסען חלק: דעם גרעסטען חלק האָט געהאַט מיין עלטערער ברודער, דער בכור; אויף מיין חלק האָט זיך אָנגענומען סך־הכל אַ „זיבע־טעל״, וואָס אַז מע זאָל געווען די דירה צו יענער צייט פערקויפען, וואָלט זיך אָנגענומען אויף מיין חלק אודאי אַ קערבלעך דרייסיג, און געוויס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען מיר מקנא געווען. נאָר אַזוי ווי מע האָט די דירה בעצייטענס ניט פער־קויפט, — און שולדיג זענען געווען אין דעם טאַקי די יורשים

— וואָס נעמסט דו זיך איבער אַזוי ? — שענה איך צו איהם. — דאָס בין איך דאָך טאַקי אַליין, היינט וואָס איז מיט דיר דער יחום ?...

— הקיצור, איך וועל אייך נישט מאריך זיין, קינדער, מע האָט מיך געבראַכט צום „טיש״ דעם ערשטען פרייטאָג־צו־נאַכטס און מע האָט מיך אַוועקגעזעצט ביי׳ם עק טיש, פונקט אַקעגען דעם גביר און אַקעגען דעם גביר׳ס טאָכטער מיט די קליינע אייגע־לעך. דער גביר האָט אַלע מאָל געוואָרפען אויף מיר אַ פּאָר שווארצע שארפע שטרענגע אויגען, מיט וועלכע ער האָט מיך דורכגעניזעט דורך און דורך. די „קליינע אויגעלעך״ האָבען גע־קוקט צו זיך אין טעלער אריין. מיר איז געווען ניט אַם בעס־טען — דאָס דארפט איהר אַליין פערשטעהן.

אָפּמאָהלען אייך די פרעכטיגע סעודה — למאי זאָלט איהר מיך נויטען, איך זאָל אייך טהון אַזאַ זאַך, וואָס איהר קאָנט דאָס געפינען אין שבועות׳דיגען „אקדמות״ ? איך וויל אייך נאָר זאָגען איינס : דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָב איך דערזעהען אַזוי פיעל טעלער מיט טעלערלעך ! און גלאַנצענדיגע, יילאַטע, גליטשיגע. איהר מיינט, ס׳איז אַ מעלה ? האָט צייט, איהר וועט עפּיס הערען ! דערצו דארף איך מיך מודה זיין, אַז מיט׳ן שכל פון גאָפּעל־מעסער בין איך צו יענער צייט נאָך עפּיס נישט אַזוי שטארק בעקאַנט געווען, און דאָ דערלאַנגט מען אייך, אַ געבראָ־טענעם, אַ פערטעל עוף, גוט איינגעפרעגעלט אין שמאַלץ, אָנגע־פילט און בעגאָסען מיט אַ מין זאַך (צימעס מן הסתם ?), וואָס איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט פערזוכט. אוראי דארף מען זיין אַ גרויסער חכם, מע זאָל פערשטעהן, אַז דאָס איז ניט קיין שלעכ־טער מאכל. נאָר במה דברים אמורים — ווען איז דאָס געערדט געוואָרען, אַז מע זאָל דאָס נעמען אין האַנד אריין, ווי גאָט האָט געבאָטען, און טהון מיט דעם דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געטהאָן. ווי זשע איז אבער דער דין, אַז מע דארף נאָכקוקען וואָס אנדערע

גלעזעל טיי מיט זודיגע מילך מיט פרישע געבעקס, נאָר־וואָס פונ׳ם אויוועז. און ועל כולם — פרייטאָג אין באָד אריין מיט די פראַכטפולע שטיינערנע בענק, ריינע שעפלעך, מחיה׳דיגע שפריי־צערס, ריינע באַסיינס אויף צו שווימען — איין אמת׳ער גן־עדן! איך זאָג אייך דעם אמת: איך וואָלט וועלען אייביג זיין אַ „יתום״ אַ „נשרף״ און זיצען ביי רב יונה סלוצקער אין „הויף״, אַלס אָרעם־בחור, און לערנען. איז דאָך אָבער דאָ אַ שטן מקטרג אויף דער וועלט, געהט ער און רעדט אָן די לומדים, וואָס האָבען מיט מיר געלערענט אין בית־המדרש, אַז זיי זאָלען רעדען מיט רב יונה סלוצקער וועגען דעם קאַפּוליער אָרעם־בחור, און רב יונה סלוצקער גיט אַרויס אַ בעפויל, אַז שבת זאָל מען מיך ברענגען צום „טיש״. פונ׳ם שמועס, וואָס די עשרה בטלנים האָבען גע־האַט צווישען זיך, האָב איך פערשטאַנען, אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך. קיין גרויסער חכם דערצו האָט מען ניט בעדאַרפט זיין, וואָרום זיי האָבען מיר גלייך אַרוי סגעזאָגט, אַז איך בין אַ גרויסער בר־מזל, און האָבען שוין געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פּרינץ, ווי אויף רב יונה סלוצקער׳ס טאָכטער׳ס חתן.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם טאָג, ווען איך האָב בעדאַרפט צום ערשטען מאָל געהן צום „טיש״ — בעדאַרף איך אייך נישט דערצעהלען. דער כח הדמיון האָט מיך געהאַפּט אויף די פליגלען און האָט מיך אַוועקגעטראָגען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ערגיץ הינטער די הרי־חושך, און איך האָב מיך דערזעהן זיצען אויבענאָן אויף אַ גאָלדענעם שטוהל, אָנגעטהאָן אין סאַמע זיידענע מלבושים, און דער גאַנצער „הויף״ מיט די עשרה בטלנים מיט, להבדיל, פאַוולאָ דעם שבת־גוי קניהען און בוקען צו מיר, און איך שאַף מיך מיט זיי, זיי זאָלען מיר דערלאַנגען די גמרא... און פלוצים, איך טהו אַ קוק — עס פליהט אַ קאַרעטע מיט נעגילטע רעדער און מיט ברענענדיגע פערד, און אין קאַרעטע, זעה איך, זיצט צעלעגט אַ גראַף — דער „יתום״, דער „יורש״, דער „נשרף״ פון קאַפּוליע, און וויל גאָרנישט אַ קוק טהון אויף מיר...

מיין נאָר אזוי, אויף א קורצער צייט, און אָנקוקען מיט מיינע נישט־אידישע אויגען, וואָס פאַר א פּנים עס האָט בשעת אידען געהען און רעדען און פילדערען און שפּאַרען זיך און מאַכען מיט די הענד? איך מיין, עס שיינט צו זיין א העכסט־אינטערעסאַנטעס בילד? א גאַנץ געוויינליכער שמועס וואָלט געווים אויסגעזעהען אין מיינע אויגען, אז מע קריעגט זיך און מע רייסט זיך, און בשעת צוויי אידען אמפּערען זיך איבער א פּרינציפּיעלער פראַגע, וועגען ווען פאַרגעהט די זון, וועגען ווען האָבען מיר היינטיגען יאָהר ראש־השנה, וועגען וויפיעל קאָן ווערטה זיין אָט דער דאָזיגער מויער, וכדומה, — וואָלט איך זיכער מיינען, אז מע קריעגט זיך און עס האַלט ביי פּעטש.

די דאָזיגע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אריין אין דער צייט, ווען מיר, דריי אידישע שריפטשטעלער און איינער א פּאָעט, האָבען געמאַכט די ערשטע נסיעה צו די בעריהמטע אַלפּענבערג. כמעט אַלע די, וואָס מיר האָבען בעגעגענט אויף אונזער רייזע, צווישען זיי פראַנצויזען, דייטשען און ענגלענדער, האָבען זיך אָפּגעשטעלט און עפּים ווי פערוואונדערט געקוקט אויף אונז, גלייך ווי מיר וואָלטען אָנגעקומען מי יודע פון וואָס פאַר א לאַנד און געגאַנגען אָנגעטהאָן מי יודע אין וואָס פאַר מלבושים. איך רעכען, אז ס'איז געווען דערפאַר, וואָס מיר האָבען געשמועסט טאַקי אביסעל צו הויך, און אביסעל דערפאַר, וואָס מיר האָבען געערדט אינאיינעם אַלע פיער. רעדען אַלע אינאיינעם איז א קונסט, וואָס נאָר מיר, אידען, בעזיצען דאָס: קיין אנדער פאָלק קאָן זיך ניט בעריהמען דערמיט. אונזערע אסיפות, דין־תורהס, שמחות און זיצונגען האָבען א שם אויף דער וועלט. פּאַרלאַמענטאַריזם, דאָס הייסט, אז יעדער איינציגער זאָל רעדען בעזונדער, איז א נייעס, וואָס מיר האָבען דערמיט צו פערדאַנקען דעם ציוניזם און, איבערהויפּט, דעם דאָקטאָר הערצעל. דאָס איז טאַקי א גוטע זאַך, נאָר ניט אומעדום און ניט אַלע מאָל. וואָסער א פּנים האָט פּאַרלאַמענטאַריזם ביי דריי אידישע שריפטשטעלער

טהוען? איך קוק אוּן זעה, אז אלע קליגען זיך, בריה'ן זיך מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל, — קליג איך מיך אויך און בריה מיך אויך מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל, און דאָ דער גביר מיט זיינע שאַרפע שטרענגע אויגען, וואָס נידערען אייך גלייך אין דער נשמה אריין! איהר קאָנט זיין ווי הונגעריג, מוזט איהר פערלירען דעם אפּעטיט. אוועקלעגען דעם גאָפּעל מיט'ן מעסער איז אָבער אויך ניט קיין פּלאַן. שלעכט! פּלוצים — אז מיין פערטעל עוף הויבט זיך ניט אויף פונ'ם טעלער, גלייך ווי עס וואָלט ביי דעם אויסגע־וואַכסען פליגעל, און טהוט ניט א פליה איבער'ן גאַנצען טיש — און גלייך דעם גביר אין פּנים אריין, און פונ'ם פּנים גלייך אויף זיינע ריינע שענע רייכע שבת'דיגע בגדים?!!!

. . . .

. . . .

. . . .

איהר ווילט וויסען דעם סוף פון דער מעשה? איהר ווייסט איהם שוין... דער גאַנצער מיין מיינער איז געווען — ערשטענס, מיר זאָלען אביסעל אויסרוהען די פּיס, און, צווייטענס, חאָטש א האַלבע שעה ניט רעדען פון אונזערע מכות. אצינד קאָנען מיר געהן ווייטער.

און מיר האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און מיר זענען אוועק ווייטער.

ב.

דעם זיידענ'ס האָטעל

עס טרעפט אייך אמאָל, אז איהר זאָלט וועלען זיין ניט דאָס, וואָס איהר זייט? איך, למשל, וואָלט א בעלן געווען אמאָל זיין ניט קיין איד — נעוויינטליך, ניט אויף שטענדיג, חלילה! איך

השכינה, בעדויערען די אָרעמע צעשלאָגענע „קליאטשע", אָדער די „כנסת ישראל", און אז גאָט העלפט, מע נעמט צו ביסלעך משקה אמאָל ביי א מלוה־מלכה, ווערד מען אזוי שטארק פריילִיך, אז עס גיסען זיך אזש טרערען פון די אויגען...

*   *   *

די זון האָט געהאלטען אין רעכטען שפּאציערען איבער'ן העל־בלויען שווייצארישען הימעל, בעגאָסען די בערג ארום און ארום מיט גאָלדענע סנאָפּעס, וואָס האָבען זיך צעשאָטען אזוי ווי זאנגען איבער די אייביגע שטיינער און געקייקעלט זיך אראָפּ־בארג, איבער גרינע טהאָלען, און אריינגעפאלען אינאיינעם מיט די שלענגעלדיגע וואסערלעך אין דער גלענצענד־בלויער אונרוהי־גער „ראָנא", וואָס לויפט מיט א געזאנג צווישען די פעלזען, נאָט ווייסט פון ווען־אָן און ביז וואנען, גאָט ווייסט פאר וואָס און צוליעב וואָס און צוליעב וועלכען צוועק? און מיר זענען נאָך אליז אונטער'ן בארג, וואָס וואכסט פאר אונזערע אויגען, ווערד אלע מינוט ברייטער און העכער און שענער, און עס דאכט זיך, אז ער לויפט שוין ניט מעהר פון אונז, ווי פריהער, נאָר, אדרבה, ער געהט אונז אקעגען מקבל־פּנים זיין, קוקט אויף אונז פריינדליך, נאָר מיט גדלות, ווינקט צו אונז, אז מיר, פיער אידישע שריפט־שטעלער, זאָלען זיך מטריח זיין אהין, צו איהם ארויף, נאָהענט צום הימעל, צו גאָט'ס שטוהל; דאָרט וועט ער אונז צייגען זיינע גרויסע וואונדער; דאָרט וועט ער אונז לייענען א קאפּיטעל פון מעשה־בראשית; דאָרט וועט ער אונז דערצעהלען וואָס גאָט קאָן, און פון דאָרט וועט ער אונז בעווייזען דאָס נידעריגע, נארישע וועלטעל, וואו נארישע קינדער האָבען אויסגעבויעט קליינע שטי־בעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען שטעדט, געלאָזט לויפען קליינע וועגעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען באהנען, האָבען זיך פערשטעלט פאר מלכים, קעניגען און פרעזידענטען,

און איינעם א פּאַעט, בשעת מע גערעט זאַלבעפערט אין דער שווייץ צווישען די בעריהמטע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, אַלפּענבערג און מע רעדט אַלע פיער וועגען ליטעראַטור, פּאָעזיע, תּלמוד, מדרש, היסטאָריע, פּאָליטיק, רעוואָלוציע, וכדומה אזעלכע זאַכען? מיר וועלען דאָך ניט מאַכען גרעהענדיג א „זיצונג" און אויס־קלייבען א פּרעזידענט און בעטען ביי איהם דאָס וואָרט!

די מענשען, וואָס מיר בעגעגענען, די פראַנצויזען, דייטשען און ענגלענדער, גערען אויף די אייגענע בערג, וואָס מיר, נאָר זייער גערען איז ניט אינטערעסאַנט. זיי גערען און שווייגען, אָדער אז זיי רעדען, רעדען זיי אזוי שטיל, אז קוים־קוים וואָס מע הערט. יעדער פון זיי האָט אין זינען נאָר זיך, נאָר זיין אייגענעם מאָגען. דאָס איז א כלל: אז עטליכע מענשען גערען צוזאַמען און שווייגען, איז א סימן, אז זיי זענען פערטיעפט אין זייערע מאָגענס. אידען זענען ווייט פון אזעלכע זאַכען. א מאָגען איז ביי אונז א באַמבע, וואָס די נאַטור האָט אונז אָנגעהאַנגען, ווי איין אינוועניגסטע טאָרבע, איין אָפּקומעניש אויף דער וועלט. איך זאָג עס ניט פון זיך. דער זיידע רב מענדעלי האָט דאָס שוין אָנגעריהרט וויפיעל מאָל אין זיינע אומשטערבליכע כתבים.

ווי אזוי די מעשה איז — אַלע דורכגערער האָבען אויף אונז געקוקט מיט גרויס בעוואונדערונג. אייניגע האָבען זיך אָפּגע־שטעלט און איינגעהערט זיך אין אונזערע געשרייען, געוואַרט, אפּנים, ביז מיר וועלען זיך אָנהויבען שלאָגען. שוטים! זיי ווייסען ניט, אפּנים, אז נאָך אזעלכע אמת'ע גוטע פריינד, ווי מיר, איז שווער צו געפינען אויף דער גאַנצער וועלט, חאָטש קיין קאָמ־פּלימענטען מאַכען מיר נישט איינס דעם אַנדערען, אין קאָרטען שפּיעלען מיר ניט, און פון אַנדערע תענוגים פון עולם הזה, וואָס בינדען־צונויף בעקאַנטע מענשען, ווייסען מיר נישט. אונזער גאַנצעס פערגניגען איז, אז דער אידישער גלות טרייבט אונז אמאָל צוזאַמען אויף איין פּלאַץ, גיסען מיר אויס איינס פאַר דאָס אַנ־דערע אונזער פערביטערט הארץ, ווײנען צוזאַמען אויף גלות

קיין ערגערע שטראָף אויף דער וועלט, ווי אז מע פערגעסט! מיר איז בעקאַנט דער טעם, אז מע ווייסט עפּיס א זאַך און פלוצים פליהט דאָס ארויס פון זכרון, ווי א פויגעלע פון דעם שטייגעלע — געה חאַפּ דאָס! פערגעסעניש איז א חולאַת, איין אָנשיקעניש, איין אומגליק אויף א מענשען! אויב איהר ווילט, קינדער, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה, ניט קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאַקי א מעשה שהיה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפּען אין אדעם פּאָר עטליכע יאָהרען. א מעשה מיט א האָטעל...

— איך וועל אייך דערצעהלען א שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפּען אויך אין אדעס!... הערט איהר? ס'איז ווערטה צו בעשרייבען!...

אזוי האָט זיך אָנגערופען מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמ־פּעראַמענט און האָט שוין געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען. האָט איהם דער פּאָעט איבערגעשלאָגען:

— אָט וועל איך אייך דערצעהלען נאָך א שענערע מעשה וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפּען, ניט אין אדעס, נאָר אי־זשיטאָמיר!

— און וואו בין איך? — האָט זיך ארויסגעחאַפּט דער פּער־טער, טאַקי איך אליין. — איך וועל אייך בעסער דערצעהלען א מעשה פון דריי שטעדט מיט א מאָל, וועט איהר זיך האַלטען ביי די זייטען!...

— פון דריי שטעדט מיט א מאָל? אויב אזוי — קומט אייך די בכורה!

אזוי האָט זיך אָנגערופען דער זיידע מיט א הילכיגען געלעכ־טער און מיט א ניגון און האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי איינער רעדט: „איהר האָט אויסגעחאַפּט?... פאַר אייך די מציאה!"...

אלע פיער האָבען זיך צעלאַכט, און איך האָב מיך דערמאַנט אינ'ם פּסוק: „שבעה דברים בגולם", און פערשטאַנען, ווי אומ־

שפּיעלען אין מלחמות, ים־געשלעג, האַרען און קנעכט — פּונקט
אַזוי ווי ביי די גרויסע...

ביי יעדען פון אונז בעקומט דער באַרג איין אַנדער נאָמען:
ביי איינעם הייסט ער „דער זקן"; דער אַנדערער האָט געפונען,
אַז איהם פּאַסט הייסען „דער גדול"; נאָך איינעם איז געפעלען
איהם אַ נאָמען געבען „רב זייט זשע מוחל". דעם זיידען רב
מענדעלי האָט זיך פערגלוסט אַראָפּברענגען אַהער דעם גרעסטען
ריעז עוג מלך הבשן, וואָס זאָל חאַפּען דעם באַרג אויף די פּלייצעס
און לויפען מיט איהם ת"ק מייל אין איין אָטהעם און וועלען
אַרויפוואַרפען איהם אויף די אידען; פּלוצים טהוט גאָט אַ נס
און עס וואַכסען־אויס ביי'ם מערדערישען קעניג צוויי צייהן, איי־
נער אַרויף, דער אַנדערער אַראָפּ, און דער מערדערישער קעניג
בלייבט שטעהן מיט'ן באַרג, ניט אַהער, ניט אַהין — אַ זעלטען
טראַגיקאָמישעס בילד!...

— ווי אַזוי הייסט ער, אָט דער שענער באַרג?

אַלע אויגען קוקען אויף מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּע־
ראַמענט — ער איז דאָך אין דער שווייץ אַ גאַנצער בעל־הבית:
ער קען זיך, זאָגט ער, מיט אַלע בערג און איז אויסגעבונדען מיט
אַלע טייכען און טייכלעך — מיט איינעם אַ וואָרט, אַ „היימישער
מענש". מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט זיך
אָפּגעשטעלט, געוואָרען רויט, געריבען זיך דעם שטערן, געקוקט
אַרויף, אויפ'ן סאַמע שפּיץ באַרג; נאָכדעם האָט ער אויסגע־
שפּיגען מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם אָנגעטראָטען
אויפ'ן פוס:

— טפו זאָל דאָס ווערען! איך האָב פערגעסען דעם נאָמען
פון'ם באַרג! געוואוסט נאַר־וואָס — און פערגעסען! וואָס זאָגט
איהר דערויף?

— פערגעסען? — רופט זיך אָן דער זיידע רב מענדעלי. —
הערסט דו! וואָס פערגעסעניש מאַכט — פרעגט ביי מיר. נישטאָ

גענדעל האָט געזיפּט פון אויבען אונאויפהערליך און פון צייט צו צייט צעבייזערט זיך און געשמיסען אין די פערשוויצטע פענסטער פון אונזער וואגאָן, וואו מיר זענען זיך געזעסען גאַנץ בריטליך, בעקוועם, אין ד[illegible] ארעט, א גאַנצע קאָמפּאַניע און געשמועסט פון פערשיעדענע זאכען, ענינים און געגענשטענדען. אקעגען מיר איז געזעסען א פּאַסאַזשיר, א געבילדעטער, א בעלעיענער, א פּראַכטפולער מענש, ווי עס האָט זיך ארויסבעוויזען נאָכדעם — א כריסט, א זעלטענער אידענפריינד. איהר ווייסט, אז איך האָב פיינט א מה־יפית־אידען ערגער ווי א משומד, און ווער נישט נתפּעל פון א כריסט, וואָס זאָגט אויף אונז א גוט וואָרט. נאָר צו דעם פאַרשוין האָב איך געהאט א פּערזענליכע סימפּאַטיע דורך א פערבאָרגענער צוציהונגסקראַפט, וואָס ליגט א ביסעל טיעפער פון אונזער פערשטאַנד. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב זיך געפיהלט מיט איהם אזוי גוט, איך וואָלט זאָגען: היימיש, אז עס וואָלטווירקליך מיר ניט נמאס ווערען פאָהרען מיט איהם נאָך דריי טעג. עס האָט זיך מיר געוואָלט מיט עפּיס וואָס־ניט־איז נוצליך זיין איהם, טהון עפּיס א געפעליגקייט, און שטעלט אייך פאָר, אז די גוטע געלעגענהיים איז מיר געקומען צו דער האַנד גאַנץ אליין, פון זיך. וואָס איז די מעשה? אזוי ווי ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אין מיין שטאָדט, אין אדעס, וואָלט ער וועלען עפּיס א רעכטע סטאַנציע, איין אָנשטענדיגעס האָטעל, און אזוי ווי איך בין איין ...עסער תושב פון א סך יאָהרען, אפשר איז מעגליך, איך זאָל איהם רעקאָמענדירען נאָך מיין פערשטאַנד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָטעל אין אדעס?

— א האָטעל? אך!...

מיט ביידע הענד האָב איך מיך אָנגעחאַפּט אינ׳ם דאָזיגען צופאַל און האָב גענומען איהם אויסמאָהלען מיט די שענסטע פאַרבען א בעוואוסטעס האָטעל, לויט מיין מיינונג, דאָס גרעסטע

טאַקטיש עס איז פון אונזער זייט, וואָס מיר זענען אריינגעפאָהרען מיט אונזערע מעשיות דעם זיידען אין די רעד אריין, און מיר זיינען גרייט געווען פעררינכטען אונזער פערברעכען. מיר האָבען אָבער לאַנג בעדאַרפט בעטען דעם זיידען, ער זאָל אונז דערצעהלען די מעשה, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען אין אדעס, און דער זיידע (אז מע בעט איהם שטאַרק, פועל׳ט מען ביי איהם) האָט פערקאַטשעט די אַרבעל, ווי זיין שטייגער איז, אַרויפגערוקט די ברילען אויפ׳ן הויכען, ווייסען, קלוגען שטערן, וואָס קוקט־ אַרויס פון די חוואַלעדיגע שניי־ווייסע האָר. די קליינע נאָר שאַרפע, טיעפע, דורכדרינגענדיגע אויגען האָבען זיך האַלב גע־ שלאָסען, געקוקט אַרויף, א ביסעל אין א זייט, און אויפ׳ן פּנים האָט זיך צעגאָסען דאָס שיינענדיגע קינדערשע שמייכעלע, וואָס מאַכט איהם תמיד יונגער מיט פופציג יאָהר און גיט איהם צו אַזוי פיעל חן, אַז עס ווילט זיך זיצען אַזוי אייביג נעבען איהם און האָרכען איהם רעדען און רעדען און רעדען !...

און לאַנגזאַם, ווי זיין שטייגער איז, מיט א האַלב־קאָמישען, האַלב־ערנסטען טאָן, האָט ער אָנגעהויבען זיין געשיכטע בזה הלשון :

— דאָס איז געווען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, מיט עטליכע יאָהר צוריק אין אדעס, דאָס הייסט, ניט אין אדעס גופא, נאָר עטליכע סטאַנציעס הינטער אדעס. קורץ, איך בין געפאָהרען אהיים קיין אדעס. אָסיענצייט איז דאָס געווען. דער אינדרויסען האָט זיך איינגעהילט אין א רעגענמאַנטעל. דער הימעל האָט גע־ גאָסען מיט טרערען, דער ווינד האָט געקלאָגט, די ערד האָט גע־ טרויערט, געבענגט נאָך דער ליעבער וואַרעמער זון, ווי איין אַלמנה נאָך איהר מאַן. די בוימער האָבען זיך שוין לאַנג אָפּגע־ טרייסעלט פון די געלע בלעטלעך, די פויגלען האָבען פערלאָזען זייערע נעסטען, צוגעזאָגט אויף, אם ירצה השם, איבער א יאָהר צוריק קומען, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען... א דריבנע רע־

נישטאָ קיין נאָמען! אפשר מיינט איהר, אַ שווערער נאָמען, אַ פערפלאָנטערטער, וואָס איז ניט גרינג צו געדענקען? אָט וועט איהר הערען! קיין מעהר גריגנערער נאָמען קאָן שוין גאָר ניט זיין אין דער וועלט! נאָך מעהר, דאָס איז אַזאַ נאָמען, וואָס מע קאָן איהם ניט פערגעסען, מע זאָל אפילו וועלען! איהר וועט הערען, וועט איהר אליין זאָגען! קורץ, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון! דער נאָמען איז מיר גע־לעגען, ווי מע זאָגט, אויף דער צונג: אָט־אָט! נאָר ארויסרעדען איהם — בשום אופן ניט, חאָטש שריי חי וקיים! חאָטש לעג זיך און שטאַרב! איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. מיין פּאַרשוין האָט, אַפּנים, געזעהן מיין טרויעריגע לאַגע. ער האָט געוואָלט מיר אויסהעלפען ווי ווייט מעגליך, אַרויסציהען מיך פון דער בלאָטע, וואוהין איך בין מיט מיין אייגענעם ווילען פער־קראָכען. ער האָט דערצו אָנגעווענדט אַלע קרעפטען. ער האָט מיר גענומען אונטערזאָגען, אויסרעכענען אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט. דאָ איז געווען: „גראַנדהאָטעל“, „בעלוויו“, „טערמינוס“, „מעטראָפּאָל“, „נאַציאָנאַל“, „אינטערנאַציאָנאַל“, „בריסטאָל“, „פּאַריז“, „מאַדריד“, „סאַנקט פּעטערסבורג“, „שיקאַ־גאָ“, „סאַנרעמאָ“, „לאָנדאָן“, „האַמבורג“, „קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל“ — ניין, ניין און ניין! קורץ, מיין פּאַרשוין האָט געזעהן, אַז נעמען פון שטעדט געהען ניט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף נעמען פון לענדער: אפשר „פראַנציע“? „מאָנטענעגראָ“? „אנגלעטער“? „ראָססיאַ“? „עסטרייך־אונגאַרן“? „בעלגיע“? „האָלאַנד“? „בראַזיליע“? „אַרגענטינאַ“? — וואו? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אפשר „האָטעל פּאָסט“? „האָטעל ראָיאַל“? „האָטעל איירָאָפּאַ“? „האָטעל לאָוור“? „האָטעל דאַגמאַראַ“? „האָטעל אימפּעריאַל“? — קורץ, איך האָב געזעהן, ווי מיין פּאַרשוין האָט בעהאַלטען דאָס נאָטיץ־ביכעל, צוגעשפּילעט צוריק צום זייגער דאָס גילדענע שטיפטעל, זיך גאַנץ העפליך מיט מיר אָפּגעזעגענט, געדאַנקט, געבעטען, איך זאָל מיך ניט בעמיהען,

און דאָס שענסטע האָטעל, וואָס אין דער שטאָט. ערשטענס, די פּאַנאָראַמע. דאָס הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַזוי קונ־ציג, אַז אַלע פענסטער קוקען־אַרויס אויפ'ן ים. היינט די ברייטע, הויכע, ליכטיגע חדרים, דער פּרעכטיגער ווינטערגאָרטען, די אָראַנ־זשעריען, דאָס לעזע־צימער, די בעדיענונג, איך מיין די „מענשען". היינט דער רעסטאָראַן, די מוזיק — קורץ, איך האָב מיך אַזוי בעגייסטערט, גלייך ווי איך וואָלט געמאָהלט אַ גן־עדן, ניט קיין האָטעל.

אַ ליכטיגע, וואַרעמע, פרייליכע סטאַנציע אין אַ פרעמדער שטאָדט, בשעת אין דרויסען איז אַזוי אָנגעחמורעט, איז צעהן מאָל אַזוי אָנגענעמט, ווי אין איין אַנדער צייט. מיין פּאַרשוין האָט מיך אויסגעהערט מיט לויכטענדיגע דאַנקבאַרע אויגען און מיט אַ שיינענדיג גליקליך פּנים. איך האָב בעמערקט, ווי ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ נאָטיץ־ביכעל, אָפּגעשפּילעט פונ'ם זייגער אַ גאָלדען שטיפטעל, און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיגען, אום ער זאָל קאָנען פערשרייבען דעם נאָמען פונ'ם האָטעל. איך בין אָבער נאָך אַלץ געווען בעגייסטערט פון מיין בעשרייבונג און האָב ניט אויפגעהערט אויסצורעכענען די מעלות פונ'ם מערקווירדיגען האָטעל. איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אַז מיר זענען שוין אָט־אָט אין אָדעס. נאָר אַז דער עולם האָט גע־נומען אויפהויבען זיך פון די ערטער און קוקען אַרויף צו די פּעק־לעך, האָט מיין פּאַרשוין פאַרזיכטיג, מיט זעהר אַ פריינדליך שמייכעלע, זיך געווענדט צו מיר און האָט מיך זעהר העפליך אַ פרעג געטהאָן, ווי אַזוי איז דער נאָמען פונ'ם האָטעל?

— אַך! יאָ, דער נאָמען? אָט באַלד וועל איך אייך זאָגען!...

און איך האָב מיך אויף אַ ווײַלע פערטראַכט — גאָט מיינער! ווי אַזוי איז דער נאָמען? אָט ערשט האָב איך געוואוסט... בלאָטע! ניטאָ קיין נאָמען! אַוועקגעפלויגען!... אומזיסט האָב איך מיר געריבען דעם שטערן, געזוכט אין אַלע קעשענעס —

הונדערט געשעפטען, בריעף, עסקים — מע דארף דאָס אַלץ ער־לעדיגען. און איך ווער נאָך מעהר אויפגערעגט, נערוועז, אין כעס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, לאָז אויס דאָס האַרץ צו די אומשולדיגע. און אָט אַזוי האָט מען מיר פערדרעהט דעם קאָפּ. עס איז געוואָרען נאַכט, מע האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסען, מע דארף זיך שוין לעגען שלאָפען — און מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער נאָמען פונ׳ם האָטעל. האָט איהר געהערט אַ מעשה?... קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. עס איז געבליבען, אַז מאָרגען כאור געה איך צום האָטעל גאָר אָהן אַ שום תירוץ! עס נעמט מיך אָבער ניט קיין שלאָף! איך וואָלט שוין וועלען דער־לעבען טאָג, וועל איך מיך אָנטהון און וועל פריהער פאַר אַלע היומס צוגעהן צום האָטעל און אַ קוק טהון אויפ׳ן שילד, וואָס פאַר אַ נאָמען עס טראָגט. פּלוצים טהוט דאָס מיך אַ טראָג־אויף פונ׳ם בעט און איך טהו מיך אָן.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו מיר מיין ווייב, איין איבערגעשראָקענע נעבאַך אויף טוידט. — וואוהין איז?

— איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! — זאָג איך. — איך מוז געהן באַלד אַ קוק טהון!

— וואוהין אַ קוק טהון?

— נעם אַ לאַנטערן — זאָג איך צו מיין ווייב — און קום מיט מיר!

— וואוהין?

— פרעג מיך נישט, קום!

מילא, די לאַגע פון מיין ווייב נעבאַך פערשפּאָר איך אייך צו בעשרייבען. איהר דארפט אַליין פערשטעהן די לאַגע פון אַ ווייב, וואָס איהר מאַן איז אַוועקגעפאָהרען פון דער היים, דאַכט זיך, געזונד און שטאַרק — און קומט צו פאָהרען אַהיים אַ ברוגז׳ער, רעדט ניט, שפּאַנט־ארום איבער דער שטוב און רייבט זיך דעם שטערן, ווי אַ פעררוקטער, און פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף ביינאַכט

ער וועט שוין ווי־ס׳ניט־איז אליין זעהען, מע זאָל איהם פיהרען אינ׳ם בעסטען האָטעל... און איך? א גרוב, ווען עס עפּענט זיך מיר, וואָלט איך אריין א לעבעדיגער! אזא שאנדע! אזא סקאַנ־דאַל! אויספּאַטשען זיך! שמיץ בין איך דאָך ווערטה געווען!... און איך האָב גענומען זיך אליין זאָגען מוסר: אַלטער נאַר וואָס דו ביזט! דו אַליין זאָגסט אַלע טאָג איין איבערגעדרעהטען מדרש: מוטב שאהיה רשע כל ימי, בעסער לאָם איך זיין א רשע אַלע מיינע יאָהרען, ואל אהיה שוטה אפילו שעה אחת, אבי ניט זיין קיין נאַר איין שעה אפילו, — ,אָלסט דו אָפּטהון אזא דומ־הייט? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט זיך פאַרשטעלען פאַר א בעל־טובה? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט רעקאָמענדירען איין אומבעקאַנטען מענשען א האָטעל אין אדעם? ווי קומט צו דיר האָטעלען? און ווי אזוי פערגעסט מען דאָס א זאך, וואָס מע ווייסט, וואָס מע זעהט דאָס אַלע טאָג, וואָס מע קלערט פון דעם אַלע מינוט???...

קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. איך בין גע־קומען אהיים א צעקאָכטער, ארומגעגאַנגען איבער׳ן שטוב און געריבען זיך דעם שטערן, טאָמער וועל איך מיך דאָ חאַטש דער־מאַנען דעם נאָמען פונ׳ם האָטעל? — נישטאָ קיין נאָמען!

— ווייסט דו ניט, — זאָג איך צו מיין ווייב — ווי אזוי הייסט דאָס האָטעל?

— וואָסער האָטעל?

— הערסט! איך זאָל איהר זאָגען וואָסער האָטעל! איך פרעג דאָך ביי דיר!

— זאָג מיר דעם נאָמען — מאַכט זי צו מיר.

נו? געהט רעדט מיט א אידינע! בקצור, מע דאַרף אליין זיך מטריח זיין זיך דורכגעהן גלייך אהין צום האָטעל! נאָר, ווי געוועהנליך, אז א מענש קומט פון וועג, געפינען זיך אבצעהנ־

מיר איז גוט, ווי די וועלט! מיך האָט געטראָפען א גליק! איך בין א חתן, איך נעם א כלה, א שען מיידעל, מיט זעכסהונדערט קארבען נדן, מיט צוויי יאָהר קעסט, מיט א גאָלדענעם זייגער אין דער טאש, און בין אין א גרויסער שטאָדט, אין זשיטאָמיר, און אין דרויסען איז ל״ג־בעומר׳דיג, די זון צעגיסט זיך אין בריליאַנ־טען, דער לויטערער הימעל שפּיגעלט זיך, די פויגעלעך זינגען, אופ׳ן הארצען איז יום־טוב׳דיג, עס ווילט זיך ארומנעמען די גאַנצע וועלט, זיך צעקושען מיט אַלע מענשען אויף דער ערד! איך קאָן מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, אויב עס איז פאַרהאַן ביי מיר אויף דער וועלט איין מענש, וואָס זאָל מיר ניט זיין „היימיש״, ווי דער זיידע זאָגט, וואָס זאָל מיר ניט זיין בעפריינדעט, איינ־געבאקען אין הארצען! דאָס וואָרט „פרעמד״ עקזיסטירט מעהר ניטש! וואָס הייסט דאָס, מענשען זאָלען גאָר זיין פרעמד? אַלע, וואָס מע האָט ליעב, איז ניט פרעמד, און איך האָב ליעב אַלעמען! איך האָב ליעב זימעל דעם שניידער, וואָס לויפט מיט דער ארבייט, חיים־הערש דעם בעל־עגלה, וואָס עס שמעקט פון איהם סמאָלע, לייזער־בער דעם וואכערפיהרער מיט די אָנגעשוואָ־לענע פּאַפּעצים און מיט׳ן אָפּגעשיילטען פּנים, און אפילו איוואַן דעם גוי, וואָס אז ער שכור׳ט זיך אָן, שווערט ער זיך, אז ער וועט אויסקוילען אַלע אידען, וואָלט איך ארומגעחאַפּט קושען זיין חנ׳עוודיגע שארשאווע שטעכעדיגע מאָרדע. היינט לערענט אייך אָפּ א קל וחומר: מה־דאָך איוואַן, וואָס אָט שכור׳ט ער זיך אָן און מאכט א תל פון אַלע אידען, גלוסט זיך מיר ארומנעמען איהם מיט ביידע הענד, היינט לאַ־כל־שכן א חבר, וואָס איך בין מיט איהם אינאיינעם אויסגעוואַכסען, אינאיינעם אוועק קיין וואָלאָזשין אין דער ישיבה, אינאיינעם געהונגערט, אינאיינעם אויסגעריסען געוואָרען!... קורצע ווערטער, איך האָב מיך בעגעגענט מיט מיין חבר דעם ערשטען טאָג, וואָס איך האָב געמאכט א שפּאַציער מיט מיין כלה איבער דער שטאָדט, און איהר פערשטעהט שוין אַליין, אז איך האָב געוואָלט, אז מיין כלה זאָל וויסען, ווער מיין חבר איז,

פון בעט, הייסט אָנצינדען אַ לאַנטערן און זאָגט: „קום!“...
נאָר וואָס טהוט ניט אַ ווייב נעבאך צוליעב איהר מאַן? מע זאָגט
איהר „קום“ — געהט זי! קורץ, וואָס טויג אייך, איך געה, מיין
ווייב געהט מיר נאָך. איך טיאָפּקע אין דער בלאָטע, מיין
ווייב טיאָפּקעט מיר נאָך. גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען גע־
קומען. געקומען צום האָטעל, אויפגעהויבען די לאַנטערן, איך
געב אַ קוק אויפ'ן שילד — אנו, טרעפט, וואָס פאַר אַ נאָמען?
אַז איהר וועט זיין מיט אכצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרע־
פען! דאָס האָטעל הייסט מיט'ן נאָמען: „אָ ד ע ס ס אַ“!!!...

ג.

דער פּאָעט און זיין כלה

— נו? אצינד דערצעהלט איהר; איהר האָט, זאָגט איהר,
צו דערצעהלען אַ שענערע מעשה.

אזוי האָט זיך געווענדט דער זיידע רב מענדעלי צו מיין
קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט גענומען
פערענטפערען זיך, אַז, ערשטענס, האָט ער ניט געזאָגט, אַז ער
ווייסט אַ „שענערע“ מעשה. דאָס האָט גאָר געזאָגט דער פּאָעט.
און אויב ער האָט דאָס יאָ געזאָגט, האָט ער ניט דאָס געמיינט.
אַ סימן, זאָל דערצעהלען דער פּאָעט פריהער זיין מעשה, נאָכדעם
שוין וועט ער דערצעהלען זיין מעשה.

און עס איז געבליבען, אַז דער פּאָעט זאָל דערצעהלען פריהער
זיין מעשה. און דער יונגער פּאָעט האָט זיך אויסגעהוסט און
האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע כהאי לישנא:

— געוויס איז יעדער פון אייך געווען אַ מאָל אַ חתן און
געהאַט אַ כלה. איהר זענט עלטער פון מיר, האָט איהר דאָס
אפשר שוין לאַנג פערגעסען. איך געדענק עס נאָך, אזוי ווי נעכ־
טען איז דאָס געווען. אך! וואָס פאַר אַ ליכטיג שטיקעל צייט!

ד.

ווי אַזוי רופט מען מיך ?

— אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען ביי אונז אין אַדעס די בהלות מיט'ן שיף פּאָטיאָמקין, מיט די באָמבעס, וואָס זענען געפלויגען איבער אונזערע קעפּ, און מיט די שׂרפות און הריגות, האָב איך געזאָגט: אײנגעזונקען זאָל דאָס ווערען היינטיגען טאָג, איך וויל ניט זיין דערביי! איך וועל מיר בעסער פאָהרען אין עק וועלט, חאַפּט דאָס דער רוח! און איך האָב מיך גענומען גרייטען אין וועג אַריין. נאָר עס איז גרינג צו זאָגען: פאָהרען! אַזוי גיך לאָזט אייך אַרויס קוואַס פון דער פּאַס? מע דאַרף א פּאַס!... איך בין ניט שולדיג, וואָס עס גראַמט זיך ביי מיר קוואַס מיט פאַס און מיט פּאַס און מיט גאַס און מיט משוגעת... יאָ, איז וואו האַלט איך? דאַרף מען אָנהויבען אַרבייטען מכח אַ פּאַס, האָבען צו טהון מיט אַלערליי פּאַרשוינען, ימח שמם וזכרם, און בעקענען זיך מיט די שרייבערלעך, עס זאָל אויף זיי קומען א חלירע היינטיגען טאָג!...

— איהר זענט שוין אַבאַלד פאַרטיג מיט דער גאַנצער תוכחה. אפשר וואָלט געווען אַ סברה, איהר זאָלט אויפהערען שעלטען און בעסער דערצעהלען טאַקי די מעשה אַליין?

אַזוי האָט זיך אָנגערופען דער זיידע, און מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט גענומען פאָרטזעצען זיין ערצעהלונג:

— איך שעלט דען וועמען? חאַפּט עס דער רוח! איך זאָג עס גלאַט אַזוי, זאָל עס אייך געהן כּף־הקלע! הכּלל, האָב איך גענומען אויסאַרבייטען מיר א פּאַס. און וואָס עס הייסט ביי אונז אויסאַרבייטען אַ פּאַס — דאָס דאַרף איך אייך, דאַכט מיר, ניט דערצעהלען? אויסאַרבייטען אַ פּאַס הייסט: בעקענען זיך מיט אַלע מאָרדעס פון אַלע פּאַראַזיטען און טיילען געלד, ווי, להבדיל, ביי אידען ערב יום־כּפּור ביי דער שוהל. יעדער מאַר־

און מיין חבר זאָל וויסען, ווער מיין כלה איז, און זיי זאָלען זיך בעקענען, און זיי זאָלען זיך ליעב קריגען איינס דאָס אנדערע, אזוי ווי איך האָב ליעב זיי און זיי מיך און מיר אלע די גאַנצע וועלט! און איך בין געפאַלען מיין חבר אויפ'ן האַלז און האָב מיך צעקושט מיט איהם, און אין איין וועגס מיט מיין כלה, און האָב זיי פאָרגעשטעלט איינס דאָס אנדערע: „דאָס איז מאַ־דעמואַזעל... פריילין... ע־ע־ע... מיין כלה... זי הייסט... יאָ! און דאָס איז הערר... מאָסיע... ע־ע־ע... דאָס איז מיין בעסטער טייער־סטער חבר... זיין נאָמען איז... איך האָב דיר, דאַכט זיך, דער־צעהלט פון איהם, נשמה מיינע? מע רופט איהם... ער וועט דיר שוין אליין זאָגען, ווי אזוי מע רופט איהם... ווי אזוי רופט מען דיך? דו ווייסט דאָך, ווי אזוי מע רופט דיך! וואָס שווייגסט דו?!...

איהר פערשטעהט דאָך שוין מסתמא, פאַר וואָס מיין חבר האָט געשוויגען? ער האָט געוויס געדעכענט, אז פאַר גרויס גליק בין איך אראָפּ פון זינען... נאָר וואָס מיין כלה האָט זיך בשעת מעשה געטראַכט — דאָס ווייס איך ניט עד היום הזה. מיר זענען שוין, ברוך השם, מאַן און ווייב עטליכע יאָהר און מיר רעדען נישט דערפון עד היום הזה. עס איז אונז ביידען נישט אנגענעהם דערפון צו רעדען. ס'איז דאָ זאַכען, וואָס מע וויל זיי פערגעסען, אויסמעקען פונ'ם זכרון, נאָר עס איז אונמעגליך! דאָס, וואָס מע דאַרף געדענקען, פערגעסט מען, און דאָס, וואָס מע וויל פערגעסען, געדענקט זיך... דאָס איז, הייסט עס, דער היוצא לנו מזה, די מאָראַל פון דער געשיכטע. איך האָב געענ־דיגט. אצינד זאָלען אנדערע דערצעהלען.

אזוי האָט אויסגעלאָזט דער יונגער פּאָעט, און מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע מיט א קללה, ווי זיין שטייגער איז אלע מאָל, ווען ער רעדט פון דעם, וואָס ער האָט ניט ליעב.

עקעלט דאָס, שלאָגט צו דער גאַל, פּאסקודסטווע! בקיצור, איך בין געווען אַ יתום און מע האָט אויף מיר געהאַט רחמנות, און מעהר פון אַלע האָט אויף מיר רחמנות געהאַט אונזער שכנה, יהושע׳כע האָט מען זי גערופען. איז זיך מיישב איינמאָל אָט די יהושע׳כע און האָט רחמנות אויפ׳ן יתום און נעמט איהם אָן, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, אַ פּאָר הויזען. מילא, איך זאָל אייך דערצעהלען די גרויסקייט, די שענקייט און די רייכקייט פון די הויזען — איז ניט שייך. איין מאָל אין הונדערט יאָהר גיט זיך איין אַזאַ פּאָר הויזען. איך ווייס ניט, אויב מע קריגט זיי היינט פאַר דריי רובל אַ טוץ! מילא, בין איך אייך נישט אויסען. איהר האָט נאָר בעדאַרפט אָנקוקען, ווי די יהושע׳כע האָט צונויפגערופען אַלע שכנות מיט אַלע יענטע־מירעלס פון דער גאַס, צענומען די הויזען, בעוויזען די הויזען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלע זאָלען זעהען, וואָס פאַר הויזען אָט די יהושע׳כע האָט אָנגענומען דעם יתום. און די גאַנצע וועלט האָט זיך געשפּיגעלט אין די הויזען, בעטראַכט זיי ווי איין אבן־טוב, געשאַצט און מקנא געווען ניט אַזוי דעם יתום אויף די בעריהמטע הויזען, ווי יהושע׳כען אויף דער מצוה... איך בין געשטאַנען פון דער ווייטען אַ צעקאָכ־טער, טרערען האָבען זיך מיר געשטעלט, ניט אין די אויגען, נאָר אָט אַ־דאָ־אָ, אין גאָרגעל. יהושע׳כע האָט מסתמא גערעכענט, אַז איך בין אויפ׳ן זיעבעטען הימעל פון דער מתנה, נאָר איך שעם זיך, האָט זי זיך אָנגערופען צו מיר זיס אַזוי ווי צוקער:

— קום אהער, יתום, שעם זיך ניט, מעסט נאָר אָן אויף אַ מינוט די הויזען, וואָס איך האָב דיר אויפגענעהט.

מעהר האָט מען נישט בעדאַרפט. איך בין צוגעלאָפען, גע־חאַפּט די הויזען, אריינגעפּאָהרען אין זיי פריהער מיט די נעגעל, נאָכדעם מיט די צייהן, דאָס איבעריגע מיט די פיס — קורץ, עס איז אין עטליכע מינוט פון די הויזען געבליבען נאָר אַ זכר, אַז עס איז אמאָל געווען אַ פּאָר הויזען אויף דער וועלט, און נישט מעהר... בקיצור. וואו־זשע האַלט איך? יאָ, ביי מיין אָדון בפקדך, ווי ער

דע — א קאַרב! בקצור, איך האָב מיך אָנגעקוקט מיט געַנוג מאָרדעס, ביז איך בין געקומען צו יעהאַ בלאַהאָמאָרדיע דעם אָדון אליין... דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום, בין איך אַריינ־געקומען צום אָדון אין קאַבינעט אַריין און געטראָפען איהם ביי דער רעכטער ארבייט — סקריפּען מיט דער פען. און דאָס ווייסט איהר דאָך, אז א טשינאָווניק סקריפּעט מיט דער פען, איז ער דעמאָלט — חיות ניט זיכער! די גאַנצע וועלט מעג אונטערגעהן, מוז מען שטעהן און אָפּוואַרטען, ביז ער וועט אויפהערען צו סקריפּען. איך בין אָבער זעהר קיין בעלן ניט צו שטעהן ביי דער טהיר און וואַרטען ביז יעהאַ בלאַהאָמאָרדיע וועט אַמאָל אויפהערען סקריפּען. האָב איך מיך מיישב געווען און האָב מיר געגעבען א הוסט אזוי פון דער גרינג, געשיקט א שטאָפּעט, הייסט עס, אז עס איז געקומען א מענש...

מיין אָדון אָבער הערט ניט אויף צו סקריפּען. בין איך מיך מיישב און געב א העכערען הוסט. הויבט ער אויף דעם קאָפּ, שטעלט אַרויף אויף מיר א פּאָר אָנגעגאָסענע אויגען און עפענט־אויף א געמבע:

— טשטאָ נאַדאָ? (וואָס דאַרפסט דו?)

ווער איך דאָך מסתמא שוין אָנגעצונדען, ווי א שוועבעלע. וואָס איז דאָס פאַר א „טשטאָ נאַדאַ“? און וואָס דאַרף מען עפענען אַזא מויל? איך, אז איך ווער אין כעס, פערגעס איך באַלד אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין; עס ווערד מיר פינסטער אין די אויגען, עס הויבט מיר אָן צו קיצלען אָט־אַ־דאָ אין נאָז. וואָס עס קומט מיר אין מויל אַריין דאָס זאָג איך, און עס גלוסט זיך מיר צעברעכען וואָס איך זעה, צערייסען, מאַכען א תל! איך געדענק א מעשה, איך בין געווען א קינד נאָך, א יתום בין איך געווען, און האָב פיינט געהאַט דאָס וואָרט „יתום“ אזוי ווי חזיר, און האָב נישט געקאָנט ליידען, אז מע האָט מיר אַרויסבעוויזען, אז מע האָט רחמנות אויף א יתום. רחמנות אז מע בעווייזט אַרויס פאַר דער גאַנצער וועלט —

אזוי ווי אייזען. און די לייט, אז מע האלט זיך מיט זיי שיינגעצע־וואטע און מע הויבט אויף דאָס קול נאָר אויף איין טאָן העכער, אזוי ווערען זיי אייך באַלד ווייך, חאָטש לעג זיי צו צו אַ מכה. כך הוה. אָט וועט איהר הערען, וואָס פאר א שמועס עס האָט זיך צווישען אונז פערבונדען. איך געב איהם אייך איבער אקוראט:

ער: ווי אזוי רופט מען דיך?

איך: וועמען? מיך?

ער: וועמען דען? מיך?

איך: אזוי ווי איך שטעה אין די פאפיערען.

ער: ווי אזוי שטעהסט דו אין די פאפיערען?

איך: לייענען קאָנסט דו?

ער: ווער? איך?

איך: ווער דען? איך?

ער (שטארק אויף אַ קול): קאַאַאַק! מיט מיר רעדסט דו אזוי? מיט מיר? דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?!

איך (אויך שטארק אויף אַ קול): און דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?

דערהערט פון מיר אזא הויכען טאָן, צו וועלכען ער איז זינט ער לעבט נישט געוואָהנט געוואָרען צו האָרכען פון א אידען, האָט ער געגעבען א קוק־אריין אין מיינע פאפיערען און האָט איבער־געלייענט אין דער הויך מיין נאָמען — און מעהר האָב איך ניט בעדארפט!

וואָס ווייטער איז געוועזן — איז שוין ניט אינטערעסאנט. איך בין, ברוך השם, ארויס בשלום און דאנק און לויב גאָט אלע טאָג און אלע שעה, וואָס ער האָט מיך אויסגעלייזט פונ׳ם דאָזיגען גלות, הלואי איך זאָל פון איהם שוין קיינמאָל גיט וויסען!

האָט מיך אָפּגעגאָסען מיט זיין געשריי „טשטאָ נאדא“ און ווי אזוי איך בין שוין געוואָרען אין כעס און האָב איהם שוין געוואָלט אָפּשפּיעלען א וויוואט, ווי עס געהערט צו זיין. האָב איך מיך אָבער בערעכענט: וואָס וועט זיין דערפון? איך קאָן דאָך דער־וויל בלייבען אָהן א פּאַס! האָב איך מיך איצטיגס מאָל איינגע־האַלטען און געה־צו צום טיש און דערלאַנג איהם די פּאַפּיערען אָהן ווערטער. מיין אָדון האָט געגעבען א קוק־אריין אין די פּאַ־פּיערען און אַ פֿרעג ביי מיר: „ווי אזוי רופט מען דיך?“ שווייג איך. דערזעהן, אז איך שווייג, האָט ער דאָס קול געהעכערט אויף א פּאָר טענער און האָט מיך א פרעג געטהאָן נאָך א מאָל: „ווי אזוי רופט מען דיך? ווי אזוי איז דיין נאָמען?!“... מיין נאָמען??? ווי איהר זעהט מיך לעבען, הערט איהר, פונקט אין דער מינוט האָב איך פערגעסען, אז חוץ מיין פסעוודאָנים האָב איך מיין אייגענעם נאָמען. אָבער ווי אזוי, מיינט איהר, פערגעסען? טאַקי פערגעסען! לחלוטין פערגעסען! אלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט האָב איך געדענקט; אלע נעמען פון מיינע קרובים, פריינד און בעקאַנטע זענען מיר געשטאַנען פאַר מיינע אויגען, נאָר איין נאָמען, מיין אייגענער נאָמען, איז אוועק וואו דער ליעבער שבת־קודש געהט אוועק, פערשוואונדען געוואָרען! הערט אַ מעשה! „רבונו של עולם! ווי אזוי היים איך? ווי אזוי רופט מען מיך? נו???“... פערגעסען, חאָטש האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ! וואָס טהוט מען דאָ? דער אָדון קוקט אויף מיר מיט אויגען, ווי אויף א רעכטען שאַלטיס. „אָט־אָט — טראַכט איך מיר — מאַכט ער מיר א דריי־גאָרענדיגען מי־שברך מיט א בגימטריא, טהוט א קלונג און עס קומען־אריין צוויי מלאכי־חבלה און מע חאַפּט מיך אויף, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע פיהרט מיך אָפּ מיט כבוד גלייך אין חאָ־לאָדנע אריין! איך האָב עס פיינט, ווייל דעם טעם פון דעם האָב איך שוין פּערזוכט. נענוג! מעהר וויל איך ניט.

איז דאָך אָבער דאָ א גרויסער גאָט, וואָס פיהרט־אויס דער־נערעכטען, גיט ער מיר איין א שכל, איך זאָל מיך האַלטען שטאַרק

חברוו, און פערזיכערט מיך, אז מיין קומען צו זיי איז א גאראנ־טירטער דורכפאל... קורץ, מיט מיר איז געווען ניט פריילין. וואס טהוט מען דא? בין איך געפאלען אויף א המצאה, אויף א אידישע פשרה: „יחדיו" און „יחלוקו". דאס הייסט, איך האב זיי אפ־געענטפערט: „קינדערלעך, אזוי און אזוי. איך קום צו אייך צו פאהרען נאר מיט א תנאי, איהר זאלט זיך פעראייניגען אלע דריי חברות פאר אלע דריי שטעדט"... נאך א קורצער אונטערהאנדלונג איז מיין פראיעקט אנגענומען געווארען, און עס האבען אנגעהויבען לויפען הין און צוריק בריוולעך מיט דעפעשען וועגען מיין מאר־שרוט, אין וועלכער שטאדט איך זאל זיין פריהער. דער דאזיגער פונקט איז אונז אנגעקומען שווערער, ווי אלע אנדערע פונקטען. אלע טאג האט מען געענדערט דעם פלאן: פריהער איז געווען ביי אונז בעשטימט, אז איך פאהר קיין מאהליוו, פון מאהליוו קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין סמאלענסק און פון סמאלענסק צוריק איבער מאהליוו אהיים. נאכדעם איז געבליבען, איך זאל בעסער פריהער פאהרען קיין סמאלענסק, און פון דארטען קיין מאהליוו, און פון מאהליוו קיין וויטעבסק, און צוריק איבער מאהליוו אהיים. נאכדעם איז דער פלאן אויך צעשלאגען געווארען, און עס איז געבליבען, אז איך פאהר קודם קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין מאהליוו, פון מאהליוו קיין סמאלענסק, פון סמאלענסק צוריק איבער מאהליוו אהיים. האבען זיך חברה בעטראכט און האבען בעסער אויסגעארבייט א נייעם פלאן, טאקי פון מיין טובה וועגען, אז איך זאל קודם זיך ארפחאפען קיין סמאלענסק, פון סמאלענסק קיין וויטעבסק איבער מאהליוו, און פון וויטעבסק צוריק קיין מאה־ליוו, און פון מאהליוו באלד נאכ'ן אווענד גלייך אהיים. טעג האב איך געהאט דערויף: דעם 18טען, 19טען, 20טען. אלזא, גע־דענקט־זשע דעם חשבון מיט קאפ: דעם 18טען — סמאלענסק, דעם 19טען וויטעבסק, דעם 20טען — מאהליוו. ארויסגעפאהרען בין איך דעם 17טען אויף דער נאכט, געגעבען דריי דעפעשען אין אלע דריי שטעדט, אז איך קום צו דער בעשטימטער צייט, און דער

— אָמן! — האָבען מיר זיך אָפּגערופּען אַלע דריי, און דער זיידע האָט אַ וואונק געטהאָן צו מיר, אַז איצט איז מיין צייט צו דערצעהלען. און איך בין צונעטראָטען צו מיין געשיכטע „מיט די דריי שטעדט".

ה.

אַ מעשה מיט דריי שטעדט

— רבותי! דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער פאַר דער „קאָנסטיטוציע". איך בין דעמאָלט געוועזן אויף מיין רייזע איבער שטעדט און שטעדטלעך. איך האָב געמאַכט אַ טורנע צו גונסטען פון פערשיעדענע חברות איבער גאַנץ ליטא. איינמאָל אַרום חנוכה קומען מיר אָן עטליכע איינלאַדונגען מיט אַ מאָל פון דריי שטעדט: מאָהליוו, וויטעבסק און סמאָלענסק, וואָס געפינען זיך אין שכנות, אַלע דריי אויף איין ליניע, און פון אַלע דריי שטעדט פון פערשיעדענע חברות: פון „ריינע ציוניסטען", פון „פּועלי־ציוניסטען" און פון „בונדיסטען". זעלבסטפערשטענדליך, אַז די אַלע חברות האָבען געלעבט צווישען זיך פריינדליך, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. די „ריינע ציוניסטען" האָבען חלילה קיין שלעכטס אויף זייערע חברים די „פּועלי־ציוניסטען" נישט גערעדט. זיי האָבען נאָר געשריבען, אַז זיי ווייסען, אַז די „פאַלשע ציוניסטען" קלויבען זיך אַראָפּברענגען מיך אין די אויבענדערמאַנטע דריי שטעדט, בכדי אויסצונוצען מיך צו זייער אַרבייט, וואָס האָט מיט ציוניזם גאָר נישט צו זאָגען. די „פּועלי־ציוניסטען" האָבען אויך נישט בענוצט זיך מיט שאַרפע ווערטער קעגען זייערע קאָלעגען, די „ריינע ציוניסטען". זיי האָבען נאָר בעדויערט, וואָס די דאָזיגע פאַלשע משיחס, די שבתי־צבי'ניקעס, פיהרען אַגיטאַציע פאַר איין אינסטיטוט, וועלכער איז שוין לאַנג טוידט... דערפאַר האָבען די „בונדיסטען" אויסגעגאָסען כל חמתם אויף ביידע ציוניסטישע

— זאָג מיר נאָר, מיין טייערער, וואָס האָבען מיר היינט?

דער בחורעץ דער קעלנער האָט אויסגעשנייצט די שווארצע אַז אינ'ם ווייסען טישטיכעל און אַ זאָג געטהאָן צו מיר:

— היינט? היינט האָבען מיר אַ בוראַקאָווע באָרשט מיט קרויט, זעהר אַ גוטען באָרשט, אַ זראַזע מיט פארפעלעך, און קאַטשקע, אויב איהר ווילט...

— ניין, — זאָג איך — נישט דאָס מיין איך. איך מיין, וואָס פאר אַ טאָג האָבען מיר היינט?

דער בחורעץ האָט זיך אביסעל פערטראַכט:

— וואָס פאר אַ טאָג מיר האָבען היינט? דיענסטאָג, דעם 18טען.

— ווי אַזוי זשע, זאָג איך, הייסט די שטאָדט?

— וואָסער שטאָדט?

— אָט די שטאָדט, זאָג איך, אייער שטאָדט?

בלייבט ער שטעהן און קוקט מיך אָן און מאַכט צו מיר:

— וואָס הייסט, ווי אַזוי הייסט די שטאָדט? די שטאָדט הייסט וויטעבסק, הייסט די שטאָדט!

— דו ליגסט! — זאָג איך צו איהם. — עס האָט זיך דיר געחלום'ט, מיין טייערער. אייער שטאָדט הייסט סמאָלענסק, ניט וויטעבסק!

— חי־חי־חי!... חי־חי־חי!...

דער גרעסטער אידישער הומאָריסט האָט, אפנים, אויסגעזעהען ביי'ם בחור דעם קעלנער אין די אויגען פאר'ן גרעסטען טפש אין דער וועלט, מחמת ער, דער בחור דער קעלנער, האָט זיך אָפּגע־קערעוועט אָן אַ זייט, בעהאַלטען די שווארצע מאָרדע אינ'ם ווייסען סערוועטעל, איך זאָל ניט זעהען, ווי ער שטיקט זיך פאר געלעכ־טער. און איך נעם מיך נאָך אַ מאָל צו די פּלאַקאַטען און לייען. עס שטעהט מיט גרויסע אותיות:

עולם האָט דאָרט צוגעגרייט אַלסדינג, וואָס מע דאַרף, געדרוקט פּלאַקאַטען, בילעטען, פּראָגראַמען און אַזוי ווייטער. פֿאָהרענדיג צו דער באַהן, האָב איך אָנגעהויבען נאָך א מאָל און נאָך א מאָל צעקייען און איבער׳חזר׳ען מיין מאַרשרוט, און מחמת זיי האָבען מיר פערדרעהט דעם קאָפּ מיט זייערע אַלע מאָל נייע פּלאַנען, האָב איך, גאַנץ נאַטירליך, פערלאָרען דעם חשבון, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף זיין דעם 18טען אין וויטעבסק, דעם 19טען אין סמאָלענסק און דעם 20טען אין מאָהליוו. כך הוה. איך האָב גענומען אַ בילעט און פֿאָהר מיר גאַנץ רוהיג קיין וויטעבסק. איך קום צו פֿאָהרען קיין וויטעבסק אויפ׳ן וואָקזאַל, איך דרעה מיך אַרום אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה, טאָמער וועל איך עמיצען דערזעהען פון די ציוניסטען אָדער פון די בונדיסטען? קיינער איז נישט אַרויסגעקומען מיך אָפּנעמען, מקבל פּנים זיין!

טאַקי ציוניסטען און טאַקי בונדיסטען, און פּאָרט ניט אין אָרדנונג... און איך האָב מיר גענומען איין עקיפּאַזש און הייס מיך פיהרען אין דעם גרעסטען האָטעל. געדונגען א נומער, זיך איינגעוואַשען, איבערגעטהאָן גאַנץ רוהיג, און טראַכט מיר: „אַז איהר זענט יאָ אַזעלכע חברה־לייט, זענט איהר נישט קראַנק מיך זוכען אין אַלע האָטעלען. נישקשה, שלום־עליכם איז ניט קיין שפּילקע, איהר וועט איהם אַזוי לאַנג זוכען, ביז איהר וועט איהם געפינען“... אַראָפּגעגאַנגען אונטען אין רעסטאָראַן עסען מיטאָג, איך טהו אַ קוק: צוויי גרויסע פּלאַקאַטען:

„אַ גאַסט ביי אונז אין שטאָדט! אַ גאַסט!!!
שלום־עליכם דער גרעסטער אידישער הומאָריסט!
דעם 19טען...“

— דעם 19טען? וואָס הייסט דעם 19טען?... — און איך רופ-צו דעם קעלנער, אַ בחורעץ אַ ליטוואַק מיט רויטע הענד, מיט שוואַרצע פּיסקעס און מיט אַ ווייס טישטיכעל אונטער׳ן אָרעם פונ׳ם קויטיגען פראַק.

— וואָס הייסט מאָרגען זעכס אין דער פריה? איך דאַרף דאָרט זיין ניט שפּעטער פון היינט זייגער זיעבען פאַרנאַכט!...

הערט ער מיך אויס, דער קאָנדוקטאָר, גאַנץ רוהיג און גיט מיר צו פערשטעהן מיט׳ן זייגער אין דער האַנד, אַז פון דאַנען קיין סמאָלענסק לויפט דער קוריער אויך ניט ווינציגער ווי צוועלף שעה נאָך מיט מינוטען, און איצט האָבען מיר שוין זייגער פיער מיט מינוטען, היינט ווי אַזוי קאָנען מיר זיין היינט אין סמאָלענסק?... קומט־אויס, אַז ער איז גערעכט. נאָר וואָס האָב איך דערפון? פערשפּיעלט סמאָלענסק! וואָס טהוט מען איצטער? פאָהרען צוריק קיין וויטעבסק? חאַפּט דאָס דער רוח! לאָם איך חאָטש וויסען, וואו האַלט איך מיט מאָהליוו? דאָס ווייסט אָבער קיינער נישט אַזוי גוט, ווי מיין ווייב. דאָ דערמאָן איך מיך, אַז איך האָב געבעטען מיין ווייב, זי זאָל מיר טעלעגראַפירען קיין וויטעבסק; איצט פאָהר איך קיין סמאָלענסק, — היינט ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער? נאָר אַ איד אַ למדן, ווי זאָגט איהר, גיט זיך איין עצה; נעם איך און שרייב אָן נאָך אַ דעפּעשע צו מיין ווייב און גיב איבער מיין קאָנדוקטאָר אויף אַ סטאַנציע:

„טעלעגראַפיר סמאָלענסק ווען בין איך מאָהליוו".

אַצינד לאָמיר זיך איינלאָזען אויף אַ ווײַלע אין „הלכות לשון", פילאָלאָגיע, און נעמען איבערזעצען בוכשטעבליך מיינע ביידע דעפּעשען פון דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי זענען געשריבען, דאָס הייסט פון רוסיש, אויף אונזער לשון, וועט אויסקומען, אַז, ערשטענס, פרעג איך מיך אָן ביי מיין ווייב: וואו בין איך („סראָטשי, גדיע יאַ סעוואָדניאַ?"), און, צווייטענס, היים איך, מע זאָל מיר טעלעגראַפירען קיין סמאָלענסק בשעת איך בין אין מאָהליוו („טעלעגראַפיראוי סמאָלענסק, קאָגדאַ יאַ מאָגיליאָוויע?"). אַזעלכע צוויי דעפּעשען ווען איהר האָט, למשל, פון איינעם, קאָנט איהר אַנדערש ניט דענקען, סיידען יענער איז געריהרט. און דערצו דאַרפט איהר ניט פערגעסען, אַז סמאָלענסק איז אויך ניט קיין

„שלום־עליכם אין וויטעבסק!"...

אין וויטעבסק? רבונו־של־עולם! ווי קום איך קיין וויטעבסק, אז איך בין גאָר היינט אין סמאָלענסק? בקיצור, איך קאָן מיר שוין קיין אָרט ניט געפינען. ווער מיר באַרשט? וואָס מיר קאַטש־קע? מע דאַרף אוועקפאָהרען פון דאַנען, לויפען קיין סמאָלענסק. נאָר, אום איך זאָל וויסען אקוראט, וואו איך האַלט אין די יוצרות, וועל איך בעסער פריהער טעלעגראַפירען אהיים צו מיין ווייב, זי זאָל מיר באַלד געבען צו וויסען דורך א טעלעגראַמע, וואו דאַרף איך זיין דעם ערשטען אָבענד?... אין די זאַכען, וואָס געהערען זיך אָן מיט צייט און מיט מאַרשרוט, איז מיין ווייב א פּראָפעסאָר. און בכדי ס'זאָל ניט נעמען קיין סך צייט, קלאַפּ איך אוועק צו איהר א דעפּעשע, דרינגענד, עטליכע קורצע ווערטער:

„דראַטע פּאָסטרעסטאַנטע, וואו בין איך היינט?"

אוועקגעשיקט די דעפּעשע, האָב איך מיך אביסעל בערוהיגט און האָב זיך אומגעקעהרט אויף דער סטאַנציע צוריק צום בוראַ־קאָווע באַרשט מיט דער זראַזע און מיט דער קאַטשקע, און האָב זיך צוגעלעגט א ביסעל דרימלען און בין, ווי דער שטייגער איז, אנשלאָפען געוואָרען. אין שלאָף פלאָנטען זיך מיר חלומות: רויטע ווייבער, שוואַרצע קעץ. איך האָב א סימן: וויבאַלד עס חלום'ען זיך מיר רויטע ווייבער אָדער שוואַרצע קעץ, איז א וויסטער סוף. כך הוה: איך חאַפּ זיך אויף — אוי־וועה, שפּעט! מע דאַרף לויפען וואָס גיכער, טאָמער וועל איך נאָך פערחאַפּען סמאָלענסק! און איך לויף אוועק צו דער באַהן און זעץ מיך אויף און פאָהר קיין סמאָלענסק, און זיצענדיג אין וואַגאָן, הויב איך מיך אָן דער־פרעגען ביי'ם קאָנדוקטאָר, ווען קום איך קיין סמאָלענסק? בלייבט ער שטעהן, קוקט אויף די שפּיץ שטיוועל און זאָגט מיר אָן א בשורה, אַז אין סמאָלענסק וועל איך זיין מאָרגען זעכס אזייגער אין דער פריה. ווער איך דאָך מסתמא אויפגעטראָגען:

האב מיך זעהר געאיילט, געוואלט קומען אהיים וואס פריהער, געביטען איין שנעלצוג אויפ'ן אנדערען אזוי לאנג, ביז איך האב מיך ארויפגעשלאגען אויף אדעסער ליניע און געבליבען שטעקען אויף א סטאנציע האלענדרע. נאר גם זו לטובה. עס איז נאך דאנקען גאט, וואס איך בין ניט פערפאהרען קיין ריגא. דאס נעמט זיך פון חאפעניש. ניט אומזיסט זאגט דאס פאלק א ווערטעל: פון איילעניש קאן קיין גוטס נישט ארויסקומען... דאס האט איהר אייך אלזא נומער איינס.

והשנית, איז מיין ווייב געגאנגען מיט א רעכענונג, אז לויט מיינע דעפעשען האט דאס אומגליק בעדארפט פאסירען ניט אין וויטעבסק און ניט אין סמאלענסק, נאר ערגיץ צווישען די דאזיגע צוויי שטעדט. דעריבער האט זי ניט געקאנט אויסקלויבען קיין בעסערען מיטעלפונקט אלס די שטאדט מאהליוו. עס איז פאר איהר נישט געווען קיין שום ספק, אז אויפ'ן בעסטען פאל האט דא געמוזט פארקומען א צוזאמענשטויס פון צוויי לאקאמאטיוועו, איינער פון סמאלענסק קיין וויטעבסק, דער אנדערער פון וויטעבסק קיין סמאלענסק. פון אזא צוזאמענשטויס, האט זי גערעכענט, האבען אלע וואגאנעס געמוזט צעבראכען ווערען אויף שפענדלעך; גע'הרג'עטע אויף טוידט — נישט ווינציגער פון צוויי הונדערט; שווער פערוואונדעטע — עטליכע הונדערט, צווישען זיי — א סך געריהרטע פונ'ם זינען, און צווישען די לעצטע — געוועהנליך איך.

בכלל, דארפט איהר וויסען, האט מיין ווייב א טבע, אז טאמער פאהר איך אפ פון דער היים, אזוי הויבט זי אן איבערקלערען אויף מיר די שרעקליכסטע צופאלען, וואס קאנען זיך נאר טרעפען אויף דער וועלט. וואו ערגיץ א צרה, א שלאק, איין אומגליק אויף דער באהן, איין איינגעפאלענע בריק, א דונערשלאג, איין ערדציטערניש, א שרפה, א פלוצליכע עפידעמיע, איין איבערפאל פון בעוואפענטע גזלנים, א ביס פון א שלאנג, וואס טרעפט זיך איין מאל אין פינף הונדערט יאהר — אט די אלע זאכען ווארטען,

הונד און האָט אויך ניט געשוויגען. חברה האָבען מיך, געוועהנליך, ערוואַרט דעם 18טען אויפ'ן וואָקזאַל פון זייגער איינס בייטאָג ביז צוועלף ביינאַכט. עס האָט זיך געטהאָן חושך! דער עולם האָט צעטראָגען דעם זאַל, געשריגען אויף די ציוניסטען, אַז זיי האָבען געמאַכט אַ שווינדעל, אויסגעטראַכט אַ „שלום־עליכם", אויסגענאַרט דאָס ביסעל מינץ. וואָס טויג אייך, מע האָט געמוזט עפּענען די קאַסע און אומקעהרען דעם פּובליקום דאָס געלד. נאָך האַלבע נאַכט האָבען די ציוניסטען מיט די בונדיסטען פאַר האַרצ־וועהטיג זיך צונויפגעלעגט און אָוועקגעקלאָפּט צו מיר אַהיים אַ דעפּעשע:

„וואָס איז מיט שלום־עליכם'ן?"

אצינד לאָמיר אָוועקוואַרפען דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה. מיין ווייב זאָל געזונד זיין, אַז זי האָט בעקומען אָט די אַלע דריי פריילינכע דעפּעשען, האָט זי ניט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות, זיך אויפגעזעצט און איז אַוועק גלייך קיין מאָהליוו.

אין פלוג, וועט איהר אייך אויסקומען אפילו אַביסעל ווילד: וואָס איז עפּיס קיין מאָהליוו? נאָר אַז איהר וועט מיך אויסהערען ביז'ן סוף, וועט איהר אַליין זאָגען, אַז זי איז אַ חכמה. ערשטענס, קען זי מיך שוין נישט דאָס ערשטע יאָהר. זי ווייסט, אַז איך טעלעגראַפיר צו איהר פון וויטעבסק, אַז זי זאָל טעלעגראַפירען קיין סמאָלענסק, איז אַ סימן, אַז איך בין אין מאָהליוו. זי געדענקט, פערשטעהט איהר מיך, אַ מעשה שהיה. איך בין אמאָל געוועזען אין וואַרשאַ און געפּאָהרען אויף פּסח אַהיים קיין קיעוו. פּלוצים קומט איהר אָן פון מיר אַ דעפּעשע דעם ערשטען טאָג פּסח, אַז איך האַלט יום־טוב אין האָלענדרע, ניט ווייט פון וואַפּניאַרקע. ווי קום איך קיין וואַפּניאַרקע, אַז וואַפּניאַרקע ליגט גאָר אויפ'ן וועג צווישען זשמערינקע און אָדעס? אַ פאַלג מיך אַ גאַנג! זאָלט איהר ניט פרעגען קיין קשיות. איך האָב עס ניט געטהאָן חלילה פאַר שלעכטיגקייט. מיין מיין איז געוועזען צו גוטען. איך

וואָקזאַל — ווער מיר ווייב? וואָס מיר קינדער? קיין נפש נישט! איך פאָהר־צו צו מיין שטוב — פינסטער, ווי אויף א בית־הקברות! איך קלינג און קלינג, איך רייס דאָס גלעקעל, איך קלאַפּ אין טהיר — קוים מיט צרות, עס האָט זיך בעוויזען א קעכין, א פערשלאָפענע ווי א קאַץ, א שווארצע ליטוועטשקע. איך טהו זי א חאַפּ, די ליטוועטשקע:

— וואו איז די מאדאם? וואו זענען די קינדער?

— אוואו די מאַדאַם? — ענטפערט מיר די ליטוועטשקע מיט א שמיר איבער דער נאָז. — די מאדאם איז ניסטאָ!

— וואָס הייסט זי איז ניסטאָ? — פרעג איך זי איבער אויף איהר שפּראַך.

— זיי זענען דאָך אוועקגעפאָהרען!

— וואָס הייסט זיי זענען אוועקגעפאָהרען? וואוהין זענען זיי אוועקגעפאָהרען?

— איך ווייס וואוהין? קיין ראָוונע.

— וואָס עפּיס קיין ראָוונע?

— וואָס פרעגט איהר מיר? איהר האָט דאָך זיי אליין ארויס־גערופען קיין ראָוונע?

— איך האָב זיי גערופען קיין ראָוונע? איך?

— ווער דען? איך? — אזוי מאכט צו מיר די קעכין די ליטוועטשקע, און עס דאכט זיך מיר, אז זי לאַכט.

איהר פערשטעהט? מיר טריפט זיך בלוט — און זי לאַכט! איך שווער אייך בנאמנות, הערט איהר, עס איז א שאנדע צו זאָגען, קיין אנדערען וואָלט איך עס ניט דערצעהלען, אָסור אויב איך האָב אויף מיין לעבען מיט א פינגער אמאָל אָנגעריהרט א מענשען!... נאָר די דאָזיגע פערשלאָפענע ליטוועטשקע מיט איהר נאַריש גע־לעכטערעל האָבען מיך אזוי ארויסגעבראַכט פון די כלים, אז איך האָב מיך פערגעסען, וואו איך בין אין דער וועלט!... וואָס, מיינט

נאָך איהר מיינונג, אויף מיר און קוקען אַרויס, ווען איך וועל דאַר־פען פאָהרען. און אַז איך קום אַהיים גאַנץ, גלויבט זי ניט איהרע אויגען; זי קוקט אויף מיר ווי אויף אַ מוצלח, וואָס איז אַרויס גליקליך, ממש פון טוידט לעבעדיג, און זי בענשט גומל.

איצטיגם מאָל, אַז זי האָט מיך דערזעהען געזונד און שטאַרק, האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. פרעג איך זי: „וואָס וויינסט דו, נאַרעלע?" ענטפערט זי מיר: „ער פרעגט נאָך, וואָס איך וויין! עס איז איהם דאָס אַנדערע „ראָוונע!"...

וואָס פאַר אַ „ראָוונע", פרעגט איהר? דאָס איז זיך אויך אַ מעשה פון מיינע נסיונות. אויב איהר האָט שטאַרק חשק, וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס ס'האָט זיך געטראָפען מיט מיר אין ראָוונע. דאָס איז געווען פאַר עטליכע יאָהרען, בין איך געלעגען אין פעטערבורג וועגען אַ אידישער צייטונג, און איך האָב מיך נעקלויבען פאָהרען אַהיים איבער ווילנא. האָב איך אָפּגערעדט מיט מיין פרוי, אַז איך פאָהר אַרויס אַזא און אַזא טאָג פון פעטער־בורג, און אויב איך דאַרף זיין אין ווילנאַ, וועל איך אָפּשטעהן אַ טאָג אָדער צוויי אין ווילנאָ, און פון דאָרטען — אַהיים, און אויב איך דאַרף ניט ווילנאָ — פאָהר איך גלייך פון פעטערבורג אַהיים. כך הוה. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז איך דאַרף מיך אין ווילנא ניט אָפּשטעלען און אַז איך פאָהר גלייך. דאָס, האָב איך גע־וואוסט, וועט ביי מיין ווייב זיין זעהר אָנגעלעגט, האָב איך איהר געגעבען אַ דעפּעש שוין פון וועג, ביינאַכט; פערשלאָפען בין איך געווען, האָב איך די ווערטער „איך פאָהר גלייך" איבערזעצט אויף רוסיש אַ ביסעל נישט ריכטיג, דהיינו: אַנשטאָט „יעדו פּריאַמאָ", האָב איך געשריבען: „יעדו ראָוונאָ"... און מחמת איך האָב שוין אַ צייט ניט געזעהען זיך מיט די קינדער, האָב איך צוגעשטעלט נאָך צוויי ווערטער: „ווסטרעטשיי דיעטמי", דאָס הייסט: זאָלסט מיך בעגעגענען מיט די קינדער. קורץ און גוט, איך קום צו פאָהרען אַהיים פאַרנאַכט, איך לויף אַרום ווי אַ משוגע'נער איבער'ן

— איך פערשטעה ניט! וואו איז אינדיע און וואו איז פעטערבורג?!

קוקט זי אויף מיר, ווי א מאמע אויף א קינד, און מאכט צו מיר:

— א קשיה אויף דיר!

. . . .

. . . .

נו, וויפיעל איז ווערטה אזא ווייב?

ו.

די היסטאָריע פון דער „קליאַטשע"

די זון האָט געהאַלטען אין רעכטען בראָטען, אין רעכטען באַקען, אָנגעגליהט די שטיינער פונ׳ם באַרג, ווי איין אייזענפּרעס, און געמאַכט אונז אַזוי צו שוויצען, אַז מיר האָבען געמוזט אַראָפּוואַרפען פון זיך די קאַפּאָטעס, זיך ווישען דעם שוויים און געהן באַרג־אַרויף א ביסעל ניט אַזוי ראַשיג, פּאַוואָלינקע, אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבען אָנגעהויבען פיהלען פּיס — און דאָס איז א שלעכטער סימן, וואָרום איין איבר פון א מענשען האָט ליעב, מע זאָל איהם ניט פיהלען; קוים פיהלט איהר איהם, איז ניט גוט — דאָס האָב איך געהערט נאָך אין חדר פון מיין רבי׳ן, וואָס פלעגט אויך מאַכען פיהלענדיג אַזעלכע איברים, וואָס אָהן איהם וואָלט איך זיי קיינמאָל ניט געפיהלט... בקיצור, מיר האָבען דערפיהלט פּיס, און האָבען אָנגעהויבען אונטערקוקען איינס אויפ׳ן אַנדערען און פרעגען זיך איינער דעם אַנדערען:

— וואָס איז די מעשה? איהר שטעהט שוין אָפּ?

— ווער? איך? חס וחלילה!

— וואָס זשע שלעפּט איהר זיך?

איהר, איז געווען דער סוף? איך האָב געהאַט אויף זיך אַ משפּט... דאָס וואָרט „ראָוונע” האָט מיך געקאָסט געלד און איך האָב נאָך בעדאַרפט בעטען מחילה ביי דער ליטוועטשקע...

הכלל, דערהערט אַזאַ גוטע בשורה, אַז מיין ווייב איז מיט די קינדער אין ראָוונע, האָפּ איך דאָך מסתמא די פיס אויף די פּליי־צעס און פּליה קיין ראָוונע. איך קום צו פאָהרען קיין ראָוונע — ווער? וואָס? ניטאָ קיינעם! איך הויב מיך אָן דערפרעגען, צי איז ניט געווען דאָ ערגיץ אַזאַ און אַזאַ פרוי מיט עטליכע קינ־דער? זאָגט מען מיר: געווען און אוועקגעפאָהרען. דאַרף מען פאָהרען צוריק אהיים, הייסט עס? איך קום צו פאָהרען אהיים, טרעף איך ביי מיר אין שטוב דעם דאָקטאָר. וואָס איז שוין? מיין פרוי איז קראַנק געוואָרען פאַר צרות...

— נו, פרעג איך דיך, — אַזוי זאָג איך צו איהר נאָכדעם, אַז מיר ביידע האָבען זיך שוין אַביסעל בערוהיגט — וואָס ביזט דו געפלויגען מיט די קינדער קיין ראָוונע און וואָס האָסט דו, אייגענט־ליך, געקלערט?

— זאָלסט מיך גאָר ניט פרעגען! — מאַכט זי צו מיר. — איך, אַז איך האָב דערהאַלטען דיין דעפּעש, איך זאָל פאָהרען מיט די קינדער צו דיר קיין ראָוונע, בין איך שיער ניט משוגע געוואָרען. אַלערליי מחשבות זענען מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ. איך האָב ניט אַנדערש גערעכענט, אַז דו ביזט חלילה פערשלאַפט געוואָרען אין מיט'ן וועג, ערגיץ ניט ווייט פון ראָוונע, אָדער אויף אַ טיפּוס, אָדער אויף שוואַרצע פּאָקען...

— פון וואַנען האָבען זיך גענומען שוואַרצע פּאָקען? — פרעג איך זי איינגעהאַלטען.

— איך האָב גראַדע דעם טאָג געלייענט — זאָגט זי — אַ בלאַט, אַז עס געהען־אַרום אַצינד שוואַרצע פּאָקען אין... אינדיע.

דאָ קאָן איך מיך שוין מעהר ניט איינהאַלטען און שפּרינג־אונטער אויפ'ן בענקעל.

אָנהויב, ווי דער שטייגער איז. איטליכער האָט געשטעלט איין אנדער פראַגע:

— זיידע! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אייך „די קליאַ־טשע”?

— זיידע! וועלכעס איז געווען דאָס ערשטע ווערק, וואָס איהר האָט געשריבען אין אידיש, און וואָס האָט אייך געבראַכט צו שרייבען אידיש?

— זיידע! פאַר וואָס האָט איהר זיך אויסגעקליבען דעם פסעוודאָנים „מענדעלי מוכר־ספרים”?

דער זיידע האָט גאַנץ רוהיג, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען און מיט א שמייכעלע אויף די ליפּען, אויסגעהערט אַלע אונזערע פראַגען, און האָט אונז נאָכדעם מיט א הילכיגען געלעכטער אָפּ־געענטפערט:

— נו? שוין? מעהר האָט שוין קיינער גאָר נישט וואָס צו פרעגען? טאָמער האָט איהר נאָך א פּאָר שאלות — אדרבה, גיט אַהער, שעמט זיך ניט, שיט אויס אַלע אינאיינעם אין איין קופּה, ס'איז גאַנץ אידישליך. איהר, מיט אייער פרעגען מיך פון אַלע זייטען, דערמאַנט מיר א בילד, ווי א מוטער קומט פון מארק מיט א פולען קאָשעק פערשיעדענע זאַכען: עפּעל, און באַרען, און בייגעל, און בולקעס, און אייער, און קאַרטאָפעל, און מעהרלעך, און פלוימען, און פּעטרישקע, און א רויטער האָהן מיט א האַרטען קאַם אויך אין קאָהן, — און עס בעפאַלען זי די קינדער פון אַלע זייטען: מאַמע! מיר איין עפּעל! מאַמע! מיר א באַר! מאַמע! קאָן מען עסען רויהע מעהרלעך? מאַמע! אויף וואָס דאַרף מען פּעטרישקע? מאַמע! וואָס קאָסט דער האָהן? „קינ דערלעך! — בעט זיך נעבאַך די מאַמע. — לאָזט מיך חאַפּען דעם אָטהעם, וועל איך אייך אַלעמען צופריעדען שטעלען!”...

אַזוי האָט אונז דער זיידע בערוהיגט און האָט אונז אַלעמען געגעבען א תשובה יעדען אויף זיין פראַגע, חלילה נישט דורכגעלאָזט

— עס ווייזט זיך אייך אויס...

— מיר דאכט, אז איהר הינקט עפּיס אונטער אויף א פוס?

— ווער? איך?

— אייך איז, אפנים, שווערליך ארויף א בארג?

— עס הויבט זיך גאר נישט אָן!

— וואָס זשע סאפּעט איהר אזוי?

— איהר האָט א טעות: איך סאַפּע קיינמאָל נישט, **ביי מיר איז** ניטאָ קיין טבע פון סאַפּען.

— נו, און איהר ווי אזוי פיהלט זיך עפּיס?

— גאנץ גוט! נאָר די פיס ווילען ניט דיענען.

— ביי מיר אויך דאָס אייגענע.

— און ביי מיר ניט אזוי די פיס, ווי די פיאַטעס!

— די פיאַטעס איז בלאָטע! די ליטקעס פון די פיס!...

דאָס פערשטעהט א מינדסט קינד, אז נאָך אזא געשפּרעך האָבען מיר אַלע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי איינער א פּאָעט, זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן גרינעם גראָז און האָבען זיך ממש מחיה געווען. דעם זיידען רב מענדעלע האָבען מיר אָפּגעטראָטען דעם אויבען־אָן, און מיר דריי האָבען זיך אויסגעזעצט ארום איהם, ווי אייניקלעך ארום א זיידען, אָדער ווי תלמידים ארום א רבי׳ן, האָרכען דעם אַלטען׳ס תורה, ווי ער דרשנ׳ט און טייטשט פּסוקים און דערצעהלט מעשיות, וואָס האָבען א שייכות צו דעם, וואָס אונז אַלעמען בעריהרט — צו דער אידישער ליטעראַטור, אויסגעמישט אַלע מאָל מיט א זייטיגער מעשה, אָדער, ווי ער רופט דאָס אָן, מיט א „הקדמה”. א הקדמה פון פאָרענט, א הקדמה אין מיטען, א הקדמה צום סוף.

— אז איך בין פערגאַנגען מיט׳ן טראָגען מיט דער „קליאַטשע”... — אזוי האָט דער זיידע אָנגעהויבען צו דערצעהלען א מעשה, נאָר מע האָט איהם באַלד איבערגעשלאָגען איז רעכטען

דאָס זענען די דריי הויפּט־שטעדט, אָדער די דריי ק״קין, ווי ער רופט זיי אָן אויף לשון־קודש, וואָס פיגורירען אין אַלע כתבים פון מענדעלי מוכר־ספרים און וואָס דריקען־אויס אין זייערע נעמען די קווינטעסענציע פונ׳ם אידישען גהעטאָ אין יענער צייט. דאָס זענען די דריי זאכען, וואָס האָבען אָפּגעשטעמפּעלט דאָס פאַר־צייטיגע רוסישע אידענטום: גלופּסק — אונוויסענהייט, קאַב־צאַנסק — אַרמוט, טונעיאַדעווקע — פּוסטעפּאַסניקעס, לעדיג־געהערס, אָהן אַ שום מלאכה, אָהן ארבייט נעבאַך, איבעריגע בע־שעפענישען אויף דער וועלט.

— אָט דאָס זענען געווען די הויפּט־עלעמענטען פונ׳ם אידישען פאָלק אין יענער עפּאָכע, וואָס מיר איז בעשערט געווען מיט זיי זיך אַרומצושלעפּען בכל תפוצות ישראל... — אזוי האָט געזאָגט דער זיידע מיט אַ זיפץ און מיט אַ ביטער שמייכעלע. — נאָר איהר האָט זיך, דאַכט מיר, נאָכגעפרעגט אויפ׳ן יחוס פון דער „קליאַטשע״? דאַרף מען אייך, קינדערלעך, טהון צוליעב און דער־צעהלען. אַזוי איז געווען די מעשה: איינמאָל, אין אַ זומערטאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פערטראַכט און קוק מיר דורך איין אָפענעם פענסטער אין דרויסען אַרויס און דערזעה איין אויסגעמוטשעטען, פערשוויצטען אידען מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס פון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטעהט און קאַטעוועט איין אָרעמע אויסגעמוטשעטע פערשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעביסענער פעל, אַיינגעשפּאַנט אין אַ פולען וואָגען מיט ציגעל, שעלט מיט טוידטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט: — ברענען זאָל די פעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביזט! — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרעהט די פער־וויסטע, פערפינסטערטע מאָרדע איהרע צום אידען, קוקט אויף איהם, ווי אַ זינדיגער מענש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו איהם:

— שוטה! קליאַטשע רופט ער מיך! ביזט אַליין אַ קליאַ־טשע! טהו אַ קוק אהין, צו יענעם פּלאַץ, וואו איך שלעפּ די

קיינעם. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז צו שרייבען אידיש, דאָס הייסט, צו רעדען מיט'ן גאַנצען פאָלק אויף זיין לשון, האָט איהם שוין לאַנג געצויגען, נאָך פאַר'ן ערשטען אַרויסטריט אויפ'ן פעלד פון דער אידישער ליטעראַטור; און מחמת שרייבען אידיש איז מיט פיערציג יאָהר פריהער נאָך געווען אַ שאַנדע, ובפרט נאָך פאַר אַזאַ יונגען מאַן אַ משכיל, ווי ער, וואָס „קלוגע מענשען" האָבען אויף איהם געזאָגט, אַז דאָס וואַכסט אַ „חיים זעליג סלאָ־נימסקי", — האָט ער זיך מיט זיין ערשטען ווערק „דאָס קליינע מענשעלע" בעהאַלטען בחדרי־חדרים, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, און האָט אָוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיגען פאַר־שוין, איינעם אַ סענדערעל אַ מוכר־ספרים'ניק, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין יענער צייט מיט זיין פערד־און־וועגעלע אין דער סביבה פון באַרדיטשעוו, דאָס בעריהמטע גלופּסק אַליין. „דאָס קליינע מענשעלע", אָדער „יצחק אברהמעל תקיף", איז גענומען געוואָרען פון אַ לעבעדיגען פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צייט געקנאַקט אין גלופּסק מיט דער גרויסער בייטש און אָנגעטריבען די כנסת ישראל... אָנגעשריבען האָט ער „דאָס קליינע מענשעלע" אין פערלויף פון דריי טעג, נישט מעהר, מיט פּחדים און מיט פיבער, און אַוועקגעשיקט עס אין „קול מבשר" אריין, צו אַלכסנדר צעדערבוים. דערזעהען אויפ'ן שער דעם נאָמען „סענדערעל מוכר־ספרים", האָט זיך אַלכסנדר צעדערבוים דערשראָקען, צי מיינט מען דאָס ניט איהם אַליין טאַקי (אַלכסנדר—סענדער—סענדערעל)? האָט ער זיך מיישב געווען — קיין גרויסע צערעמאָניעס מיט אַ אידישען מחבר דאַרף קיינמאָל אַ אידישער רעדאַקטאָר נישט מאַ־כען, ובפרט נאָך אין יענער צייט — און האָט איהם איבערגעמאַכט דעם נאָמען סענדערעל אויף מענדעלי, — און אָט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט „מענדעלי מוכר־ספרים", וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופאָהרען מיט זיין ביסעל געדרוקטע סחורה איבער דער מדינה פון גלופּסק, פערבלאָנזעט פון דאָרטען קיין קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע...

ריקא, און דעריבער האָבען זיך נאָך ניט געפונען יענע בארעמהער־ציגע לייט, וואָס האָבען אין דרייסיג יאָהר ארום רחמנות געהאט אויף מיר, דעם אָרעמען מענדעלי מוכר־ספרים, און האָבען מיך ארויסגעגעבען דאָרטען, ניט צו פרעגען ביי מיר מיין הסכמה, ניט צו געבען מיר צו וויסען: הנה זייט וויסען, רב מענדעלי, אז מע האט אייך א טובה געטהאָן, מע האָט אייך בע׳גנבה׳ט!...

דאָ האט זיך דער זיידע אָפּגערוהט א ווייל און האָט זיך פערטראכט. מיר, די אייניקלעך, האָבען זיכער געקאָנט מיינען, אז דאָ וועט זיך אָנהויבען שיטען פייער, פעך און שוועבעל אויף די פיינע מענשען אין אמעריקא, וואָס האָבען ווירקליך בעגאנגען איין אונגעהייערען פערברעכען קעגען דעם איינציגען אידישען קלאסיקער, קעגען דעם גרעסטען אידישען דיכטער, דענקער און קינסטלער, דערמיט וואָס זיי האָבען איבערגעדרוקט און ארויס־געגעבען אלע זיינע ווערק ניט אין אמעריקא אליין, נאָר אויך אריבערגעפּעעקלט אהער, קיין „יוראָפּ״, און געמאכט איהם א מיאוסע מפּלה, א קאָנקורענץ אויף זיין סחורה טאקי מיט זיין אייגענער סחורה — און געהט לאָדט זיי צום ונתנה־תוקף!...

נאטירליך, איז מיין קאָלעגא, דער וואָס מיט׳ן הייסען טעמפּעראמענט, ארוים מיט א פייעריגען פּראָטעסט קעגען די אמעריקא־נער פּיראטען, ים־גזלנים, זיי געמאכט (הינטער די אויגען) מיט דער בלאָטע גלייך, זיך געוואונדערט וואָס מע שווייגט:

— וואָס שווייגט איהר זיי, זיידע? — האָט אויסגערופען מיין קאָלעגא. — איך, אויף אייער אָרט, וואָלט פון זיי געמאכט אָט־א־דאָס־אָ!

און מיין קאָלעגא מיט׳ן הייסען טעמפּעראמענט האָט בע־וויזען מיט ביידע הענד אין דער לופטען וואָס ער וואָלט פון זיי געמאכט, נאָר וואָס, אייגענטליך, — איז שווער געווען צו פער־שטעהן, מחמת מיט הענד קאָן א מענש מאכען מי יודע וואָס!...

דערויף האָט איהם דער זיידע געענטפערט מיט א שמייכעלע:

ציגעל, ווען דו זעהען, אז איהר זענט אלע קליאטשעס, וויסטע, פינסטערע קליאטשעס, אז אך און וועה איז צו אייך אלעמען!

אזוי, האט זיך מיר געדאכט, רעדט די קליאטשע, און איך האב אויפגעהויבען די אויגען אויף יענעם פלאץ, וואס די קליאטשע האט אנגעוויזען מיט איהר מארדע, און איך האב דערזעהען א בעקאנטען נפש פון יענע פייגע בריות, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אין גלופסק מיט פינף פינגער ארויפצושלאגען זיך אויף א מויער, און אויף נאך א מויער, און דאס אלץ נעבאך פון כשר'ע אידישע מטבעות, פון כשר אידיש שוויים און בלוט... דער שענער מענש, דער פיינער בריה, איז געשטאנען די הענד ארונטער, דאס היטעל פעררוקט ארויף, דער שטערן האט געשוויצט און געבויעט גרויסע פלענער, און ארום איהם האבען זיך, ווי קנעכט, אונטערטהעניג ארומגעדרעהט ארעמע אידלעך נעבאך, געקוקט איהם, ווי נעטרייע הינד, אין די אויגען אריין, געוועזען גליקליך מיט זיינס א שמייכעלע און געציטערט פאר א בייזען קוק דאס נייעניעהריגע, — און עס איז מיר געקומען אויפ'ן זינען דער פסוק פון שיר־השירים: לסוסתי ברכבי פרעה — צו דער קליאטשע אינ'ם רייטוואגען פון פרעה, דמיתיך רעיתי — טהו איך דיך טהון גלייכען, כנסת ישראל! — און איך בין פערגאנגען אויף טראגען מיט דער „קליאטשע"...

דריי טעג בין איך ארומגעגאנגען איבער גלופסק א צעטראגענער, ווי מיין ישראליק, נישט געהערט וואס מע רעדט צו מיר, געענטפערט איטליכען אויף זיין „גוט־מארגען" מיט'ןווארט „קליאטשע", ווארום אלע פנימ'ער האבען אויסגעזעהען ביי מיר קליאטשעדיג, און אט אזוי האב איך מיך געקליאטשעט, ביז איך בין געקומען אהיים קיין טונעיאדעווקע און האב מיך פערשלאסען ביי זיך אין חדר אויף זעכצעהן טעג און אנגעשריבען אלע זעכצעהן קאפיטלעך פון דער „קליאטשע"...

אצינד איז געבליבען די פראגע: וואס טהוט מען מיט דער „קליאטשע"? דעמאלט האט נאך קאלומבוס ניט אנטדעקט אמע־

ז.

אַ מינוט פאַר'ן טוידט

ווידער אַ מאָל זענען מיר געזעסען זאַלבעפערט, די זעלבע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי דער יונגסטער פון אַלע — אַ דיכטער. דער זיידע איז געווען, ווי אַלע מאָל, דער צענטער, געזעסען אין מיטען; מיר, די אייניקלעך, ארום איהם. עס איז געווען אַ זומערנאַכט, אַ פּרעכטיגע, אַ ווארעמע אַ שמע־קענדיגע נאַכט. עס האָט זיך ניט געגלוסט געהן אין שטוב אריין. שווער געווען זיך צעשיידען מיט אזא נאַכט! גערעדט האָט מען וועגען איבערנאַטירליכעס, אומבעגרייפליכעס אין דער נאַטור און וועגען דעקאַדענץ אין דער ליטעראַטור. דער זיידע האָט געקוקט מיט זיינע ניט גרויסע, נאָר שאַרפע, האַלב־צוגעמאַכטע, קורצזיכ־טיגע אויגען ערגיץ אין דער האַלב־פינסטערער ווייטקייט אריין. נאָכדעם איז געקומען צו רעד וועגען בעשרייבען די נאַטור. דער זיידע האָט געזאָגט, אז בעשרייבען די נאַטור הייסט פּראָפּאַנירען די נאַטור, און ער האָט גענומען מאָהלען מיט זיין איינפאַכער נאָר געשמאַקער אידישער שפּראַך אַ נאַכט־בילד מיט אַ האַלב־ערנסטען און אַ האַלב־קאָמישען טאָן, אזוי, אז עס איז שווער געווען צו וויסען, אויב ער מיינט דאָס באמת, אָדער ער שפּאַסט?...

אָט אַזוי האָט דער זיידע געשילדערט אַ זומערנאַכט:

— שטיל גנבה'ט זיך אריין די נאַכט. איינציגווייז, אזוי ווי ליכט, ווערען אויסגעלאָשען די רויטפאַרביגע שטראַהלען פון דער פערגעהענדיגער זון. אַ קליין ווינטעלע לויפט־דורך און רוימט אייך איין אַ סוד: „דער טאָג איז פאַרביי... דער טאָג שטאַרבט־אָפּ“... די בוימער האָבען אראָפּגעלאָזט די ברעמען, זיי ווילען שלאָ־פען. איין אומעט, אַ מרה־שחורה אַרום און אַרום, ווי שבת פאַר־נאַכט צו שלש־סעודות, ווען אַלץ טרויערט, אַלץ בענגט און די נשמה יתירה רייסט זיך ערגיץ, צאַפּעלט, עס איז איהר שווער צו שיידען זיך... נאָר שאַט! אָט געהט זי, די נאַכט־מכשפה. און פערשפּריי

— איך וועל אייך דערצעהלען: כל זמן איך בין נאָר א נגזל אליין, איז נאָך צו דערליידען — וואָס קאָן מען טהון? פון איין אומגליק איז קיינער נישט בעהיט. נאָר זיין דערצו נאָך א שוטה אויך — דאָס איז שוין צו פיעל פאר מיר! פראָטעסטירען, רעד־כענען זיך, צאָהלען — דאָס איז נאריש; דאָס דארפען טהון אנ־דערע, ניט איך. וואָס איך אליין דארף טהון — וועט מן הסתם געטהאָן ווערען... מענדעלי מוכר־ספרים, ברוך השם, איז נאָך ניט געשטאָרבען! מילא, בקצור המעשה, דאָס אלץ איז נארישקייטען. איהר ווילט דאָך וויסען, ווי אזוי איז די „קליאטשע" ארוים אויף דער וועלט? — דארף מען אייך דערצעהלען וואָס ווייטער איז געוועו.

און דער זיידע האָט אונז איבערגעגעבען א געשיכטע, ווי אזוי ער האָט אין א געשלאָסענער פערזאמלונג פון אינטימע פריינד צום ערשטען מאָל געלייענט די „קליאטשע", ווי אזוי זיינע אינ־טימע פריינד האָבען פריהער געלאכט פון איהם, געמאכט חוזק איבער׳ן נאָמען פונ׳ם ווערק. נא דיר גאָר א פערד, א קליאטשע! און ווי אזוי זיי זענען נאָכדעם געוואָרען ערנסט... ווי אזוי איינער (יוסף בצלאל הארקאווי) האָט נאָכ׳ן איבערלייענען די „קליאטשע" צוגענומען ביי׳ם מחבר דאָס העפטעל, ארייגנעלעגט אין זייט־קע־שענע אָהן ווערטער, אוועקגעפיהרט דאָס קיין פעטערבורג און צו־געשיקט אין א צייט ארום דעם פערפאסער א פארטיגע, איין אָפּ־געדרוקטע „קליאטשע". ווי אזוי נאָכדעם דער צענזאָר האָט גע־האט א מיאוסע מפלה דערפאר, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אזא „טרפה סחורה", און נאָך א סך אינטערעסאנטע מעשיות האָט אונז דערצעהלט דער זיידע, וועהרענד מיר, זיינע אייניקלעך, זענען געזעסען און אויסגערוהט זיך דערווייל אונזערע אויסגעמוטשעטע פיס.

פון זיך, און האָט אָנגעהויבען רוהיג און לאַנגזאַם צו דערצעהלען זיין שרעקליכע געשיכטע בזה הלשון:

— בעסאַראַביע, ווייסט איהר, איז אַ ווינקעל חלילה נישט פון מכשפים, נישט פון לצים, נישט פון וועלטבעריהמטע גנבים, גזלנים און רויבער. בעסאַראַביע איז זיך אַ ווינקעל פון אַנטי־סעמיטען, פּאַפּעשויעס, וויין און מאַמעליגע, אַזוי, אַז פונ׳ם נאָמען בעסאַראַביע איז נישט צו דערוואַרטען, עס זאָל זיך דאָרטען טרעפען מיט מיר עפּיס איין אויסערגעוועהנליכע, איבערנאַטירליכע גע־שיכטע. פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען פאָראויס, אַז איהר וועט הערען, וועט איהר נבהל ומשתומם ווערען פאַר שרעק, און איהר וועט שטוינען. איהר וועט ניט פערשטעהן מיט׳ן גלייכען שכל, וואָס דאָ שטעקט אַזעלכעס, און כמעט האָב איך מורא, אַז איהר וועט ניט וועלען גלויבען, דאָס הייסט, איהר וועט חלילה ניט רעכענען אויף מיר, אַז איך זאָל אייך איבערגעבען אַ פאַנטאַזיע פאַר אַ ווירקליכע געשיכטע; חס ושלום! אַזוי גראָב וועט איהר ניט זיין! נאָר וואָס דען? איהר וועט זיך קלערען: אַ קשיא אויפ׳ן אַלטען, אפשר האָט זיך איהם אויסגעדאַכט?...

נו, אַלזאָ, הערט־זשע מיט קאָפּ. שטעלט אייך פאַר מיט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג צוריק אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע (נאָר נישט קעשעניעוו, וואָרום קעשעניעוו קריכט שוין פונ׳ם האלז!). אַלזאָ, אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע, און אין מיטען שטאָדט איין איינפאָהרהויז. מילא, וואָס איין איינפאָהרהויז איז און ווי אַזוי זעהט אויס איין איינפאָהרהויז — דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. דאָס איז אַ הויז, וואָס איז געשטעלט געוואָרען לכתחילה צוליעב „פּריצים", און וויבאַלד צוליעב פּריצים, קאָנט איהר שוין זיכער זיין, אַז עס איז פערזאָרגט מיט אַלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען, וואָרום אַ פּריץ איז נישט קיין איד. אַ איד איז אַ איד, און אַ פּריץ איז אַ פּריץ! נאָר נישט דאָס בין איך אויסען...

די שטוב אַליין איז זיך אפילו אַ גאַנץ געוועהנליכע שטוב פון „מיטעלמעסיגען וואוכס", ניט הויך, ניט נידעריג, מיט אַ

איבער אונז איהרע שווארצע פליגלען. אָט באלד וועט זי זיך בע־זעצען אין איהר פינסטערען געצעלט, וואָס וועט בעליכטעט ווערען פון פינקעלדיגע שטערען. אָט באלד וועט זי אונז זאָגען: א גוטע נאכט! שטיל וועט זי אָפּלייענען „קריאת־שמע", און וועט איינ־שלאָפען, און עס וועלען זיך איהר חלום'ען אלערליי משונה־פער־דרעהטע פערפּלאָנטעטע וועלט־חלומות...

דער זיידע ווערד שטיל. מיר זיצען ווי פער'כשופ'ט. מיר וואָלטען וועלען הערען ווייטער, ווי ער מאָהלט זיינע פּרעכטיגע נאכטבילדער אין דער דאָזיגער פּרעכטיגער זומערנאכט. ער פער־שטעהט אונזער וואונש.

פּלוצים רייסט־איבער דער זיידע זיך אליין און רופט זיך אָן:

— מילא, נו, בקיצור, נאטור! עס איז גאָלע ליגען! אלע אונזערע בעשרייבענישען, שילדערונגען און מאָהלעכצען האָבען אזא פּנים קעגען דער נאטור אליין און געבען אונז פון איהר אזא בעגריף, פּונקט אזוי ווי אָט־א־יענע געוויסע בילדער פון דער הגדה, וואָס זענען געדרוקט אין ווילנא אָדער אין בארדיטשעוו, געבען אונז א בעגריף פון יציאת־מצרים... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך, קינדער, בעסער דערצעהלען א מעשה שהיה, א מורא'דיגע מעשה, וואָס מיט מיר האָט אמאָל פּאסירט אין בעסאראביע. די גע־שיכטע האָט אין זיך עטוואָס מיסטישעס, אומבאגרייפליכעס, און שטימט זעהר מיט דער דאָזיגער פּראכטפולער נאכט, וואָס איז פול מיט כשוף, מיסטיציזם און דעקאדענץ... ווילט איהר האָרכען, זאָלט איהר זיצען שטיל, רוהיג, און דער עיקר — ניט איבערשלאָגען אין מיטען, ווי דער מנהג איז, און ניט פרעגען קיין קשיות. איך בין אייך מבטיח, אז עס וועט אייך מיט דער צייט אליין אלסדינג פערענטפערט ווערען.

און מיר אלע דריי אייניקלעך האָבען זיך צוגערוקט נאָך נעהענ־טער צום זיידען, און דער זיידע האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד איבער דער לופט, גלייך ווי ער וואָלט עמיצען אָפּגעטריבען

וואָרעם־אָנגעהייצטען און גוט־בעלייכטען חדר, ביי א געדעקטען טיש מיט א זודיגען סאמאָוואר, וואָס קאָכט און פּאָרעט און ציהט־אויס א לאַנגען דינעם טאָן. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — איטליכע זאַך איז גוט אין איהר צייט. נישט גוט איז נאָר, אז אין מיטען ווינטער ווערד פּלוצים זומערדיג, דריליוואַטע, אָדער אז אין מיטען זומער ווערד קאַלט, ווינטערדיג... נאָר נישט דאָס בין איך אויסען.

געזעסען ביי'ם סאמאָוואר און געטרונקען טיי איינער אליין, האָב איך ארויסגעקוקט, אז עמיצער א לעבעדיגער פּאַרשוין זאָל זיך בעווייזען, רעדען א וואָרט, ווי עס מאַכט זיך אמאָל, אז מע פערבענגט זיך נאָך א מענשען. וואָרום מענשען האָבען א טבע: זיי עסען זיך צו, נאָר אז מע זעהט זיי ניט, בענגט מען נאָך זיי. גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָט זיך בעוויזען א נפש א בעוואַכסענער מיט האָריגע הענד, איינער פון די נפשות, וואָס נאָר א לאַנד פון פּאָפּעשויעס, ווײן און מאַ־מעליגע קאָן ארויסגעבען. אָפּמאָהלען אייך איהם — געפין איך ניט פּאָר נויטיג צו אונזער געשיכטע, נאָר אין צוויי ווערטער זאָגען שאַדט ניט: ג ר ע ב ע ר ו ו י ל ע נ ג ע ר, און אזוי פער־וואַכסען מיט שמאַלץ, אז קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטהעם. דאָס איז דער בעל־הבית פון דער אכסניה. ארייננעקומען איז ער צו מיר, ווי געוועהנליך, מקבל־פּנים זיין דעם אורח, איהם אָפּגעבען שלום, פרעגען, פון וואַנען ער איז און וואוהין ער פאָהרט און וואָס איז זיין טהועכץ, א קוק, א שמעק, א טאַפּ אין וואָגען, אפשר דאַרף ער עפּיס האָבען, וועט ער איהם דיענען. נו, און אזוי ווייטער. לאַנג בעטען איהם זיצען האָב איך ניט בעדאַרפט; טרינקען מיט מיר א גלעזעל טיי האָב איך אויך ביי איהם גע־פּועל'ט. און עס איז אוועק ביי אונז א געשפּרעך, וואָס איך זעה ניט, ער זאָל האָבען פאַר אייך א אינטערעס. דער געשפּרעך האָט זיך געדרעהט ארום אלערליי וועלט־ענינים, שטאָדט־זאַכען, מסחר, פאַמיליענאַנגעלעגענהייטען, און אביסעל גלאַט אזוי, אבי גערעדט,

רויטען דאך פון שינדעל, מיט א הויכען ברייטען טויער אויף אריינ־צופאהרען מיט'ן גאנצען עקיפאזש גלייך אין הויף אריין, מיט צוויי רייהען חדרים פון ביידע זייטען, רעכטס און לינקס, וואס די טהירען זייערע געהען־ארויס צום הויף און די פענסטער צו דער גאס. די צימערען זענען ריין, ברייט, גענוג ליכטיג. בעל־הבתיש מעבעל: א קיילעכיגער טיש אין מיטען צימער, א שען הילצערן געפאלירט בעט, פריש צוגעקליבען און מיט דיוואנעס פערהאנגען, א קליידער־שאפע אויך אזוינע, א וואשקעסטעל, א ווייכע קאנאפע מיט א שפיגעל איבער איהר, מיט שטוהלען א פאר. אויף די ווענד בילדער, געוועהנליכע בילדער, פארטרעטען פון משה מאנ־טעפיורי מיט דער ברייטער געפלועטער מאנישקע, פון, להבדיל, נאפאלעאן באנאפארטע מיט'ן המג'טאש אויפ'ן קאפ און מיט דער האנד אין זשילעט, מיט אביסעל א צו בייז אויסזעהען — פונקט דער היפך פון, להבדיל, רב משה מאנטעפיורי, וואס זעהט־אויס שוין אביסעל צו פיעל זיס־צוקערדיג. מערקווירדיג! צוויי בעזונדערע העלדען פון צוויי עפאכען, געמאהלט פון בעזונדערע קינסטלער, און ביידע מיט איין חסרון, ביידע איבערגעהאפט די מאס... נאר ניט דאס בין איך אויסען. די שענסטע און די בעסטע ציערונג וואס אין צימער איז די הרובע, דער אויווען — א פראסטע הרובע, ניט קיין געקינצעלטע, א געוועהנליכע, א געלע, מיט בלויע פלעקען, א חנ'עוודיגע, און דער עיקר, א ווארעמע הרובע — א געטרייע, ווי א מאמע! דערפון איז געדרונגען, אז די מעשה, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, האט זיך געטראפען אים ווינטער — און דאס איז זעהר נויטיג צום ענין.

אזוי ווי דער זומער האט אין זיך זיין זומערדיגען חן און שענ־קייט, וואס אונז איז ליעב און טייער, אזוי האט אויך דער ווינטער ביי אונז זיין חן מיט זיין צויבער, בשעת אין דרויסען איז גום קאלט, דער ווינד בלאזט, דער פראסט ברענט און גנבה'ט זיך אריין דורך די צוגעמאכטע לאדען און מאהלט צאצקעס אויף די שויבען פון די פענסטער. און איהר זיצט זיך מיט א געזעלשאפט אין א

דערצעהלען און דערצעהלען. פאר'ן אוועקגעהן האט ער מיט מיר אינאיינעם בעטראכט די פענסטער, צי האט מען גוט פערכא... די לאדען, געחאפט א קוק צום אויוון, צי האט מען ניט פריה צוגעשטעקט דעם קוימען, בעוויזען מיר, ווי אזוי מע פערשליסט די טהיר, געזאגט א גוטע נאכט, אפגעלאזט דעם בלאזאק און אוועק.

נאך זיין אוועקגעהן האב איך די טהיר צוגעשלאסען און גע־פרובט, אויב זי עפענט זיך נישט. ניין — זי עפענט זיך ניט. נאכדעם האב איך בעטראכט די פענסטער אלע, געחאפט א קוק, אזוי זיך פארבייגעהענדיג, אונטער'ן בעט, גענומען זיך אויסטהון, צוגעגרייט דעם זייגער אויפ'ן טיש און די שוועבעלעך, אריין אין בעט אריין, זיך איבערגעדעקט מיט א ווארעמער ריינער בייעגער קאלדרע, אויסגעלאשען דאס פייער, און...

דא האט זיך דער זיידע פלוצים אפגעשטעלט און איז אנ־שוויגען געווארען. די נאכט איז ווירקליך געווען פול מיט כשוף. דער הימעל האט אראפגעקוקט צו אונז מיט זיינע שטערען, וואס האבען זיך געמינעט, געביטען זיך, געפינטעלט, ווי א מענש, וואס פינטעלט מיט די אויגען. זיי האבען צו אונז געוואונקען, זיי האבען גערעדט צו אונז, זיי האבען אונז געזאגט: „ווען איהר זאלט וויסען, וואס עס טהוט זיך דא ביי אונז אין הימעל?!“... „נו, אדרבה, זאגט אונז, שטערענדלעך, זאגט אונז, וואס טהוט זיך דארט ביי אייך אין הימעל?“... נאר די שטערענדלעך זאגען ניט, וואס עס טהוט זיך דארט ביי זיי אין הימעל. זיי מינען זיך, זיי בייטען זיך, זיי פינטלען, ווי א מענש וואס פינטעלט מיט די אויגען. און מיר קוקען, קוקען אין הימעל אריין, און ווייסען ניט, וואס דארטען טהוט זיך.

מיר האבען זיך אלע, אפנים, שטארק פערטיעפט אין די שטערען און גאר נישט בעמערקט, אז דער זיידע שוויינט עפיס זעהר לאנג. און אלע דריי האבען מיר זיך אנגערופען צו איהם:

— נו?

— וואס נו?

נישט געשוויגען. מיין בעל־הבית, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז געווען אַ איד אַביסעל אַ שווערער, אַביסעל צו פיעל פערוואַכסען מיט שמאַלץ, דעריבער איז איהם שווער געווען אָנצוהויבען רעדען. אַלע מאָל, ווען ער דאַרף עפּיס זאָגען, סאָפּעט ער זיך פריהער גוט אויס, ווי אַ בלאָזאַק, און קוים האָט ער זיך אָפּגעסאָפּעט און דעם בלאָזאַק אויסגעבלאָזען, איז ביי איהם אוועק ווי אַ מזמור, און ער האָט מיר אָפּגעגעבען דין וחשבון פון גאַנץ בעסאַראַביע, מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע פּריצים, וועלכע פּריצים עס האָבען אַ סך ערד און וויינציג הינד, און וועלכע פּריצים עס האָבען וויינציג ערד, נאָר אַ סך הינד. אויך פון פערד האָט ער מיר דערצעהלט זעהר אַ סך שענע מעשיות, פון „עהרליכע" פערד און פון „גנבה'שע" פערד, און פון גנבים, וואָס גנבה'נען פערד, און פון גנבים, וואָס גנבה'נען אַנדערע זאַכען, און פון גזלנים, וואָס קומען אהער פון רומעניע, מייסטענס ציגיינער, וואָס טהוען־אָפּ אַמאָל אַזעלכע זאַכען, אַז די האָר שטעלען זיך קאַפּויער! איך האָב איהם אויסגעהערט, בעטראַכט אָט דעם בעוואַכסענעם נפש מיט די האָריגע הענד, צי געהערט ער זיך נים אָן אַ ווייטער קרוב מיט אָט די גזלנים פון רומעניע... איך האָב אָבער ארויסגעזעהן, אַז אומזיסט האָב איך איהם חושד געווען, וואָרום פון זיין ווייטערען שמועס האָט זיך ארויסבעוויזען, אַז ער איז גלאַט אַ גראָבער יונג, איין עם־הארץ און נעבאַך אַ גרויסע בהמה! פון די גזלנים איז ער ארויף אויף מכשפים, לצים, רוחות און שדים, מתים, וואָווקעלאַקעס און שרעטעלעך, וואָס ער אליין מיט זיינע אויגען האָט דאָס געזעהן — אַ סימן, זיי זענען מיט הערנער. ווער איז מיט הערנער — האָב איך איהם פערגעסען פרעגען, און אגב האָבען זיך מיר געקלעפּט די אויגען... גאָט ווייסט, וויפיעל צייט מיין חכם וואָלט נאָך אַזוי געזעסען איבער מיר, ווען איך הויב נים אָן אונטערצודרימלען. שטאָף אויף צו דערצעהלען האָט ער נאָך געהאַט, ווייזט אויס, גענוג, מחמת אז ער האָט זיך געזעגענט, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט ער ערשט

וואו נעמט מען א שוועבעלע, אז די שוועבעלעך ליגען ערגיץ ווייס איך וואו, אויפ׳ן טיש? נו? וואס וועט איהר טהון? איא, איהר שווייגט? אז עמיצער איז פארהאן ביי מיר אין צימער — איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט געווען. די קשיה איז נאר, פון וואנען האט ער זיך גענומען? ווי אזוי איז ער אריין? פאלגליך, דארפען מיר קלערען, אז אדער דורך דער טהיר, אדער דורכ׳ן פענסטער? אויב דורך דער טהיר, איז דאס דער בעל־הבית אליין, מיט א נאכשליסעל; אויב דורכ׳ן פענסטער, איז דאס גלאט א גנב. קיין גרויסע נפקא־מינה אפילו איז דאס ניט, נאר א מענש א בר־דעת האט ליעב יעדע זאך בעקלערען, ער זאל וויסען, וואו ער איז אין דער וועלט, ער זאל ניט בלאנזען אין דער פינסטער אפילו דעמאלט, ווען עס איז פינסטער... איך האב מיר פאר־געשטעלט, פערשטעהט איהר מיך, אין קאפ אלסדינג, ווי אין פסוק שטעהט: החכם עיניו בראשו. איך האב מיר אויסגעמאהלט מיין צימער, דעם טיש, דאס בעט, ווי אזוי האב איך מיך געלעגט? מיט׳ן פנים צום פענסטער, מיט די פיס צו דער טהיר. פאלגליך, ווען עס זאל זיין אפען די טהיר, וואלטען דאס דערפיהלט פריהער פון אלעמען — ווער? די פיס. שטעק איך ארויס פאוואלינקע א שפיץ פיס פון אונטער דער קאלדרע, געוויס וועל איך דערפיהלען עפיס א ווינטעלע? — ווער! וואס! די טהיר איז צו — דערוויף וועל איך שווערען! דארף מען זיך נעמען צום פענסטער. ווי אזוי זשע טהוט מען דאס? שטעק איך ארויס פאוואלינקע פון אונטער דער קאלדרע א האנד — קיין שפור פון קיין ווינטעל, פון קיין קעלט. עס איז צו טהיר און טויער, און די טריט ווערען אלע מאל קלערער און נעהענטער. איך מעג שווערען, אז איך הער עמיצער נעבען מיר אטהעמט שוין! עס פערשטעהט זיך, אז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז א טאג, א יאהר.

א קאלטער שווייס האט שוין לאנג ארויסגעטרעטען! דאס הארץ קלאפט, קלאפט, ווי א זייגער. וואס טהוט מען? אראפ־שפרינגען פון בעט? אנהויבען שרייען? מאכען א גוואלד? צו

— וואָס זענט איהר אַנשוויגען געוואָרען?

— איך האָב געוואָלט אייך אויספּרובען, צי איהר האַלט קאָפּ.

— וואָס הייסט, צי מיר האַלטען קאָפּ? געוויס האַלטען מיר קאָפּ.

— זאָגט־זשע מיר, קינדערלעך, וואו האַלט איך?

— איהר האַלט ביי דער בייענער וואַרעמער קאָלדרע. איהר האָט זיך איינגעדעקט, אויסגעלאָשען דאָס פייער און...

— אַט אַזוי האָב איך אייך ליעב. וויבאַלד איהר האַלט קאָפּ, קאָן איך אייך דערצעהלען ווייטער. אַלזאָ, איך האָב מיך גאַנץ פיין איבערגעדעקט און — אַ גוטע נאַכט!... איך וועל אייך ניט זאָגען אַקוראַט, צי איך האָב שוין געהאַט איינגעשלאָפען, צי איך האָב נאָר־וואָס געזאָלט אַנשלאָפען ווערען, צי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשלאָפען אַ צייט, — איך ווייס נאָר, אַז די אויגען האָב איך געהאַלטען צו, נאָר געהערט האָב איך טריט, שטילע טריט — מע געהט!... איך הער מיך צו שטאַרק — יאָ, מע געהט!... „עט! עס ווייזט זיך מיר אודאי אויס!... דאָס איז אַ סך־הכל, אַ רעזולטאַט פון דעם בעל־הבית'ס מעשיות“... אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך איבערודעקען איבער'ן קאָפּ — איך הער ווידער אַ מאָל גאַנץ קלאָרע טריט! איך הויב מיך אָן בע־רעכענען: אפשר געהט מען דאָס אינ'ם אַנדערען צימער אויף יענער זייט וואַנד? אפשר פון אויבען איבער מיין קאָפּ? ניין! איך הער טריט אָט דאָ, ביי זיך אין צימער, ניט ווייט פון מיין בעט! איך האָב צונויפגענומען אַלע מיינע געדאַנקען, איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב, דאַכט זיך, גוט צוגעשלאָסען די טהיר בעת טראַכט די פענסטער אַלע, געזעהען אויך וואָס אונטער'ן בעט טהוט זיך — ווער קאָן דאָס זיין און פון וואַנען האָט ער זיך אהער גענומען?... און דאָ איז אַ פינסטערניש, חאָטש נעם זיך אַרויס די אויגען! וואָס טהוט מען? אויסרייבען אַ שוועבעלע? זענט איהר גערעכט. אַ שכל איז דאָס טאַקי. די פראַגע איז אָבער,

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, זיידע: געהן אָנפּאַלען אויף אַ מענשען, וואָס איך קען איהם ניט און זעה איהם ניט — דאָס וואָלט איך נישט געטהאָן. איך וואָלט איהם איבערגעלאָזט דעם זייגער מיט האַק און פּאַק, האַפּט איהם דער רוח, און אַליין וואָלט איך אַרויסגעשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער. האָבען צו טהון מיט יעדען פּאַרך, מיט יעדען גנב? זאָל דאָס געהן אין דער ערד אַריין...

— אויך געדעכט! — מאַכט דער זיידע. — האָבען צו טהון נישט מיט קיין גלייכען איז אודאי נישט כדאי... נו, און איהר, וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען מיט אייך טרעפט זיך אַזאַ מעשה?

אַזוי זאָגט דער זיידע שוין צו מיר, און איך ענטפער איהם אייך גאַנץ אָפענטליך:

— איך? איך וואָלט פערשפּאָרט אַלע זאַכען! איך וואָלט ניט אָנגעפאַלען אויפ׳ן גנב, איך וואָלט ניט געשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער. איך וואָלט... איך וואָלט... געשטאָרבען!

— אָט דאָס איז ריכטיגער פון אַלץ! — מאַכט דער זיידע מיט אַ הילכיגען געלעכטער, און אויף איהם קוקענדיג לאַכען אַלע, אחוץ מיר. — שטאַרבען פאַר שרעק איז טאַקי זעהר אַ וואוילע עצה, נאָר איידער מע קומט דערצו, פּאַלט־אַרוים דריי מאָל די נשמה, עס בעשלאָגט אייך אַ קאַלטער שוויים, און איהר פיהלט, אַז דער מח הויבט זיך אייך! איהר זעהט פאַר זיך דעם מלאך־המות, איהר פיהלט אויף זיך דעם קאַלטען חלף, נאָר איהר ווייסט ניט, ווען וועט זיין דער „חיק“!... בקיצור, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. איך הער געבען מיין בעט שוין עמיצער סאַפּעט, אָבער ווי אַזוי נאָך! מיט אימפּעט, מיט כעס: „הא! אי־הא! אי־הא!“ איך פיהל דורך דער קאָלדערע עמיצענ׳ס אַ האַנד אויף זיך, אַ פעסטע, אַ שווערע, אַ קאַלטע, אַ האָריגע האַנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האַנד. אהא! עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַריין, אָט־אָט איז ער שוין, אָט־אָט חאַפּט ער מיך ביי׳ם גאָרגעל! אָט־אָט דערלאַנגט ער מיר מיט איין אייזען איבער׳ן קאָפּ! אָט־אָט... נו? חכמים! וואָס וועט איהר איצטער טהון?

ווען ? אויף וועמען ? אפּנים, איהר ווייסט דען, מיט וועמען איהר האָט צו טהון ? אויפזעצען זיך אויפ׳ן בעט — האָט איהר מורא זיך אַ ריהר טהון, וואָרום צו וואָס זאָלט איהר ווייזען יענעם, אַז איהר שלאָפט ניט ? ממה נפשך, איז דאָס אַ גנב, וועט ער זיך נעמען זיינס, וואָס איהם איז נויטיג, און וועט זיך געהן געזונטער־הייד. אָבער אַז איהר וועט נעמען מאַכען קולות, וועט ער דאָך וועלען ראַטעווען זיין אייגענע פעל, וועט ער אָנפאַלען אויף אייך ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ כלי־זיין, וועט איהר, הייסט עס, אליין מאַכען איהם פאַר אַ גזלן, — צו וואָס נוצט דאָס אייך ? וואָס זשע דען ? וואַרטען ביז ער וועט צוגעהן צו אייך צום בעט און וועט אַרויפפאַלען אויף אייך און וועט אייך חאַפּען פּאַר׳ן האַלז, און וועט אייך אָנהויבען וואַרגען, שטיקען ? איז עפּיס אויך ניט קיין פּלאַן. אלזאָ, אַצינד זאָגט שוין איהר, וואָס וואָלט איהר געטהאָן ? לאָם איך הערען. איהר זייט יונגע לייט, העל־דען !...

אַזוי האָט זיך דער זיידע געווענדט צו אונז, זיינע דריי אייניקלעך, און געוואַרט אויף אונזער ענטפער. דער ערשטער האָט זיך אַרויסגעחאַפּט מיט זיין ענטפער דוקא דער יונגסטער פון אַלע, דער פּאָעט. ער האָט זיך אָנגעצונדען, ווי איין אמת׳ער העלד, געמאַכט צוויי מורא׳דיגע קולאַקעס און בעוויזען, ווי אַזוי ער וואָלט געגעבען אַ שפּרונג־אַראָפּ פונ׳ם בעט, ווי אַזוי ער וואָלט איהם צוגעבויגען צו דער ערד, ווי אַזוי ער וואָלט איהם געשטיקט, און האָט אויסגעלאָזט מיט פייער : — נפש תחת נפש ! מיר אַ טוידט, דיר אַ טוידט !...

אויסגעהערט די תשובה פונ׳ם פּאָעט, האָט דער זיידע אַ קנייטש געטהאָן מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט : „מהכתיתי !“ און האָט זיך געווענדט צו מיין קאָלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַ־מענט : וואָס וואָלט ע ר געטהאָן ? און מיין קאָלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט איהם אָפּגעענטפערט גאַנץ איינ־ריכטיג :

מעהר וויפיעל מע בעדארף, און מיר זענען אויסגעגאנגען וויטען גיכער דעם סוף פון דער געשיכטע, און מיר האָבען זיך ווידער א מאָל גענומען מינטערען דעם זיידען.

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס הייסט, וואָס נו? וואָס איז געווען ווייטער? ווער איז דאָס געווען? און וואָס האָט ער אייך געטהאָן? ווי אזוי זענט איהר ארויס פון זיינע הענד?

— אזוי? איהר ווילט טאקי וויסען דעם סוף? האָט צייט. מאָרגען איז אויך א טאָג. עלעהיי, זאָל זיך אייך דאכטען, עס איז א ספור־המעשה, וואָס איז געדרוקט ערגיץ אין א בלאט, און דער רעדאקטאָר דער חכם האָט אייך איבערגעהאקט אין סאַמע מיטען, אוועקגעשטעלט פון אונטען די געוויסע צוויי ווערטער: „פאָרטזעצונג פאָלגט“ — און געהט לאָדט איהם צום ונתנה־תוקף. עס פערשטעהט זיך, אז דאָס האָט דער קלוגער רעדאקטאָר אייך געטהאָן מיט א כיון, בכדי איהר זאָלט מאָרגען אויך קויפען זיין בלאט — איהר האָט איין אנדער ברירה? אָדער עלעהיי, זאָל זיך אייך דאכטען, עס איז די מעשה מיט דער שלאנג.

— מיט וואָסער שלאנג?

— איהר ווייסט נישט די מעשה מיט דער שלאנג? — ציהט אויס דער זיידע מיט א ניגון. — וועל איך אייך דערצעהלען א נייע מעשה, א מעשה מיט א שלאנג.

איינמאָל, דאָס איז געווען דעם 31טען דעקאבר, פונקט ערב ניי־יאָהר, לייענט מען אין א צייטונג אזא מין געשיכטע: „א יונגע שענע פרוי, איין ערשטלינג, איז געזעסען מיט איהר ברעקעלע קינד אויף די הענד ביי'ם פענסטער, נאָר־וואָס געקליבען זיך געבען דעם קינד זויגען. פלוצים, מע ווייסט ניט ווי און פון וואנען, קריכט ארויס א שלאנג, טהוט זיך א קאטשע ארויף גלייך אויף דער פרוי, חאַפּט אריין די ברוסט אין מויל אריין און הויבט אָן

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגעשטעלט, אָפּגעשטעלט, אפּנים, געוואָלט אָפּ־רוהען אַ ווײַלע. מיר האָבען פערשטאַנען, אַז עס איז איהם מסתמא שווער געווען איבערצולעבען נאָך אַ מאָל אַזאַ קריטישען מאָמענט, האָבען מיר איהם געלאָזט, ער זאָל אַביסעל אָפּרוהען, און אַליין האָבען מיר זיך גענומען אײַנהערען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. איהר ווייסט, ליעבע פרײַנד? די שטילקייט פון דער נאַכט רעדט, רעדט ווערטער. הערט זיך אײַן אַמאָל, וועט איהר הערען קולות, שטילע גאָר זיסע ווערטער פון אײַן אומבעקאַנטען נפש, וואָס זיצט נעבען אײַך און סוד'עט זיך און שושקעט זיך מיט אײַך, און עס מאַהלט זיך אײַך אויס, אַז אײַך איז בעקענט די שטימע, איהר האָט זי ערגיץ געהערט, איהר ווייסט ניט וואו... און עס דאַכט זיך אײַך אויס, אַז איהר האָט געהערט אַ זיפץ, אַ טיעפען זיפץ, און איהר ווייסט ניט, ווער האָט דאָס געזיפצט: צי אָט דער אומבעמערקטער נפש, וואָס זיצט נעבען אײַך, אָדער איהר אַליין האָט דאָס געזיפצט?... און עס חאַפּט אײַך אָן אַ מורא מיט אַ בעננעניש אינאײַנעם; איהר וואָלט געהרען אויפהויבען זיך, אַוועקגעהן, נאָר עפּיס האַלט אײַך צו — איהר ווייסט נישט וואָס... עמיצער ציהט אײַך ביי דער נשמה, איהר ווייסט ניט ווער... און עס בענגט זיך אײַך מיט סכנת־נפשות — איהר ווייסט נישט נאָך וועמען... פּלוצים הערט איהר: פּליוך! ווי אין אַ טײַך אַז מע וואַרפט אַרײַן אַ שטיינדעל, אָדער אין אַ ברונען האָט עמיצער אַראָפּגעלאָזט אַ זאַך!... אַרום און אַרום אײַך, ווייסט איהר, איז נישטאָ קיין ברונען, נישטאָ קיין טײַך. וואָס בעדײַט דער פּליוך?... אָדער אַ „קראַ“ לאָזט זיך הערען. פון וואַנען געהט דער „קראַ“, אַז אַלע פויגלען שלאָפען?... און עס דאַכט זיך אײַך, אַז די ערד אָטהעמט, קוים־קוים וואָס מע הערט. גלײַך מיט אײַך אָטהעמט זי, די ערד, די גאַנצע וועלט, און איהר פיהלט, אַז איהר זייט אַ חלק פון דער אָטהעמדיגער ערד, פון דער גרויסער־גרויסער וועלט, וועלכע איז אַ גרויסער־גרויסער סוד פאַר אײַך...

דאָס שטילשווײַגען פונ'ם זיידען האָט זיך ווײַדער פערצויגען

הער, ווי ער סאָפּעט מיט אימפּעט און מיט כעס: „האָ! אי־האָ! אי־האָ!“ איך פיהל דורך דער קאָלדערע עמיצענ'ס אַ האַנד, און גאָקי באַלד נאָך אַ האַנד, עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַריין, האָט־אָט איז ער שוין ביי מיר אין בעט!... איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר; איך האָב מיך אָנגעלייענט אמאָל, אין די יונגע יאָהרען, אַ סך אַזעלכע מעשיות, מורא'דיגע, מיט שדים, גזלנים, מכשפים, רוחות — די דאָזיגע אַלע מעשיות, דאַרף איך אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, האָבען אויף מיר נישט געמאַכט קיין שום איינ־דרוק, אויסער דעם, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט וויסען דעם סוף, אַשטייגער, אָט אַזוי ווי איהר אַצינד... דער בעגריף פון „אָנ־פאַלען“, „איבערפאַלען“, „הרגה'נען“, „טוידטען“ — איז מיר גע־ווען פרעמד. אפילו דער מלאך־המות מיט די פיעלע אויגען איז אייך געווען ביי מיר נישט מעהר ווי אַ „סטראַשידלע“, איין אויס־געטראַכטער חלום אויף צו שרעקען אונז, און ווייטער גאָר נישט... דאָ אָבער האָב איך דערזעהן דעם מלאך־המות פאַר מיינע אויגען. איך האָב איהם דערזעהן און האָב איהם דערקענט, אז דאָס איז — ער! ער! איך האָב נאָר נישט געקאָנט טרעפען, מיט וואָס פאַר אַ טוידט איך וועל פון איהם דאָ פאַלען, און האָב דעריבער נישט געוואוסט, צו וואָס איך זאָל מיך פריהער חאַפּען: צום קאָפּ, צום האַלז, צום בויך? נעהער פון אַלץ האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז צוויי גרויסע, ביינעריגע, קאַלטע הענד וועלען מיך אַרומחאַפּען ביי'ם האַלז און וועלען מיך נעמען וואַרגען. איך וועל ווערען ברוין און בלוי, די אויגען וועלען מיר אַרויס פון שטערן, און איך וועל נישט קאָנען שרייען. אויך האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ שווערע זאַך, איין אייזערנע, לאָזט זיך אַראָפּ מיר אויפ'ן קאָפּ, און איך ווער פריטשמעליעט... אָדער אַ ברייטעס שאַרפעס קאַל־טעס מעסער טהוט אַ שנייד־אַריין זיך גלייך צו מיר אין בויך אַריין, און איך הער דעם שניט... איך ווייס אַליין ניט, קינדער, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען מוטה און כח — פון דערשרעק ווערד דער גרעסטער טרוס אַ העלד, און אויב איהר ווילט

צו זויגען. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די פרוי איז באַלד אויפ'ן אָרט געפאַלען חלשות. נאַטירליך, איז מען זיך צונויפגעלאָפען פון דער גאַנצער שטאָדט רעטען די אומגליקליכע פרוי. מע האָט צונויפגערופען די גרעסטע דאָקטוירים פון שטאָדט, נאָר געהט טהוט עפּיס, האַלט מלחמה מיט אַ גיפטיגער חיה! מע קאָן דאָ גאָר נישט מאַכען, מחמת טאָמער ריהרט מען אָן די שלאַנג, אַזוי לאָזט זי אַרויס איהר גיפט און טוידט די פרוי אויפ'ן אָרט. ווייעדער צוריק, זאָל מען לאָזען די שלאַנג זאָל זויגען ווייטער, וועט זי אַזוי לאַנג זויגען, ביז די פרוי וועט שטאַרבען... שלעכט! — אַזוי לאָזט אויס די צייטונג. — די לאַגע איז זעהר קריטיש, די שלאַנג זויגט, די פרוי חלש'ט. דאָקטוירים זיצען און זוכען מיטלען. אונזערע רעפּאָרטערען שטעהען און וואַרטען. מאָרגען וועלען מיר געבען צו וויסען אונזערע לעזער וואָס ס'איז געוואָרען מיט דער פרוי און מיט דער שלאַנג". עס פערשטעהט זיך, אַז ניט איין מאָרגען איז אַוועקגעגאַנגען. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו קויפען אַלע טאָג די צייטונג, געזוכט דעם סוף פון דער פרוי מיט דער שלאַנג אַ צייט מיט יאָהרען, און איך האָב מורא, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע געטרייע לעזער, וואָס עד היום נאָך הערען זיי נישט אויף צו קויפען די צייטונג אַלץ צוליעב דער פרוי מיט דער שלאַנג... שוין־זשע האָב איך ניט פערדיענט ביי אייך, קינדער, איהר זאָלט מיר וואַרטען ביז מאָרגען? אַ גוטע נאַכט!

און דער זיידע איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד און האָט גענומען זיך געזעגענען מיט אונז אויף דער רעכטער אמת. זענען מיר, אַלע דריי איניקלעך, צוגעפאַלען צו איהם, געבעטען, גיז'־חלש'ט, געקושט — קוים מיט צרות געפועלט, ער זאָל זיך אוועקזעצען צוריק אויף זיין אָרט און פאָרטזעצען זיין שרעקליכע געשיכטע.

— גערענקט־זשע, קינדער, וואו האַלטען מיר? מיר האַלטען, ווי אַזוי דער נפש געהט מיט שטילע טריט צו מיין בעט. איך

פון שטאָדט אויף א טאָג, א מין „פארטי דע פלעזיר“. נישט חלילה אויף דער יאגד — שיסען האָבען מיר נישט ליעב. נישט שיפען זיך אויף א שיפעל — מיר קאָנען נישט. אויך נישט קיין אנדערע תענוגים זיך אָנטהון — וואָס זענען מיר? פריצים? עס געהט אונז מעהר נישט אָפּ? דורכפאָהרען זיך אביסעל — מהכתיתי. פאָהרענדיג שמועסט זיך אמאָל בעסער ווי אין דער היים. און פון וואָס שמועסען פיער אידישע שריפטשטעלער, אז זיי זיצען זאלבעפערט אין איין וואגאָן? פון ליטעראַטור. דעם יונגסטען פון אונז, דעם פּאָעט, איז איינגעפאלען א געדאנק, אז אונזער פאָלקס־ליטעראטור פעהלט נאָר איין זאך — פאבעלען, „באסנים“. אָבער באסנים! עכט־אידישע! מיט'ן אידישען לשון, מיט אידי־שען וויטץ, מיט פעפער! די אידעע איז אונז אלעמען געפעלען; שטארק געפעלען! דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אזוי — גע־פעלען. ווי קאָן עס גלייך געפעלען א זאך, וואָס יענער האָט דאָס פאָרגעלעגט, ניט איך? מע דארף עס פריהער רעכט צעקייען און ערשט נאָכדעם „מסביר זיין“, געבען צו פערשטעהן, בעלייכטען, אויסבעסערען, איטליכער נאָך זיין השגה און פערשטאנד. עס פערשטעהט זיך, אז תחילת האָבען מיר זיך אביסעל געשפּארט. נאָכדעם טאקי רעכט צעאמפּערט זיך, דאָס הייסט, חלילה נישט געקריעגט זיך, נאָר גלאט אזוי אויסגעוויזען, יעדער בעזונדער, אז ער פערשטעהט בעסער פונ'ם אנדערען...

און עס איז געבליבען ביי אונז אלע פיער, אז מע דארף זיך נעמען שרייבען „באסנים“. די פראגע איז נאָר — מי ומי ההולכים? ווער זאָל זיך נעמען צו דער ארבייט? דאָ האָט יעדער פון אונז ארויסבעוויזען אזוי פיעל בעשיידענהייט און עניוות, אז מע האָט זיך ווידער געמוזט צעקריעגען. איטליכער פון אונז האָט ארויפגעלעגט די ארבייט אויפ'ן צווייטען, און מיר אלע אויפ'ן „ זיידען“. איינער האָט געזאָגט, אז אזא ערנסטע ארבייט דארף נעמען אויף זיך מיין קאָלעגא מיט'ן הייסען טעמפעראמענט; ער־שטענס, ווייל ער איז איין ערנסטער מענש, און, צווייטענס, ווייל

וויסען, וועל איך אייך אויסזאָגען אַ סוד, אַז קיין „העלדען" זענען נאָר נישטאָ אין ערגיץ; דער אמת'ער העלד איז טאַקי נאָר דער טרוס... הקיצור, איך האָב דערזעהען, אַז עס איז מיר אַ מינוט צום טוידט, האָב איך מיר אַ טראַכט געטהאָן: „וואָס ליגסט דו, שוטה? אויף וועמען וואַרטסט דו? דיין לעבען איז דאָך סאַי ווי אַצינד נישט ווערטה אַ גראָשען"... און איך האָב מיך געגעבען אַ הויב־אויף און אַ שפּרונג־אַרויס פון בעט, און בין שוין געווען מיט איין פוס ביי'ם טיש, און האָב געחאַפּט אַ שוועבעלע און געגעבען אַ רייב־אויס און אַ טראָג־צו צום בעט, — איך טהו אַ קוק: אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער הונד, איין אמת'ער „סיביריאַק" מיט רויטע אויגען!...

געלעגען איז דער כלב־שבכלבים, אפּנים, די גאַנצע צייט, ערגיץ אונטער דער קאַנאַפּע, אָדער צווישען דער שאַפע, איז איהם נמאס געוואָרען צו ליגען אַליין, אָדער עס איז איהם געוואָרען קאַלט, איז ער דאָס געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זיך בעקענען מיט'ן נייעם אורח, און אַגב איז טאַקי ביי מיר אויף דער בייענער קאָלדערע פיעל בעסער, וואַרעמער און געשמאַקער...

אויף מאָרגען האָט מיר דער האָריגער בעל־אכסניה דער־צעהלט, אַז דאָס האָט ער בעקומען אַ מתנה פון אַ פּריץ.

— עס איז אַ שטילער הונט, — האָט ער זיך פערענטפערט — זעהר אַ שטילער הונט. ער טשעפּעט ניט קיין פליעג אפילו. ער איז שוין זעהר אַלט, און דערצו איז ער נאָך בלינד אויף ביידע אויגען.

ח.

דער אידישער קרילאָוו

איצטיגס מאָל זענען מיר געזעסען זאַלבעפערט שוין אין וואַגאָן פון אַייזענבאַהן. מיר האָבען זיך געמאַכט אַ פאָהר־אַרויס

מיין לעבען. א זאַק מיט באָרשטש אָוועקגעגעבען. מיין נאָמען איז פעלדשטיין, פון קעשעניעוו בין איך אליין. איך שטודיער דאָקטאָר מעדיצין, אין דער גרויסער שטאָדט בערלין. איהר הערט, ווי איך רעד מיט סטיכעס? אזא פריוויטשקע צו־נ־אלדי רוחות! קורץ, איהר קוקט מיך אָן, ווי א הוהן — א האָהן; איהר חלש'ט ווייסען, ווער איך בין, איהר זענט גערעכט, עס האָט א זין. איך וועל אייך זאָגען צוויי געצעהלטע ווערטער, וועט א'הר זיך אויפ־חאפּען פון די ערטער: איך בין ד ע ר א י ד י ש ע ר ק ר י־ ל אָ ו ו, און איין עק א סוף.

אָבער טאַקי אזוי ווי ער האָט געטראָפען! אלע פיער האָבען מיר זיך געגעבען א הויב־אויף פון די ערטער און געבעטען דעם אידישען קרילאָוו, ער זאָל זיך אַוועקזעצען דאָ מיט אונז. דער אידישער קרילאָוו האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען אונז און האָט אָנגעהויבען שיטען מיט גראַמען אזוי פיעל, אז עס האָט זיך געדרעהט דער קאָפּ. עס האָט זיך געדאַכט, אז די גראַמען פאַלען פון די פּאָליצעס, פון די טשעמאָדאַנעס, שפּרינגען דורך די פענסטער, שיטען זיך און קויקלען זיך, ווי באָב, ווי אַרבעס. איידער איהר האָט צעקייעט די ערשטע עטליכע ריימען, זענען שוין געקראָכען צו אייך אין אויהער אריין פרישע גראַמען — מיט איינעם וואָרט, עס האָט זיך ביי איהם נעגראַמט פון אלע זייטען. קיינער פון אונז האָט קיין צייט געהאַט א וואָרט אויסצורעדען. דער אידישער קרילאָוו האָט אונז אלעמען פער'כשופ'ט מיט זיינע גראַמען און מיט זיינע באַסנים, וועלכע איך געב איבער וואָרט און וואָרט:

איין אייזעל מיט א סאָלאָוויי.

איין אייזעל דערזעהט א סאָלאָוויי
און מאַכט צו־נ־איהם מיט א געשריי,
ווי א נאַחאַל, א בלאָזען:
„הער נאָר, סאָלאָווייטשיק, מיין טאַלאַנטליווע חזן!

ער בעזיצט שפראַך, עטליכע לשונות. דער אַנדערער, טאַקי מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפעראַמענט, האָט געדרונגגען פּונקט קאַ־פויער, אַז דאָס פּאַסט פאַר מיר, דוקא ווייל איך בין נישט אַזאַ ערנסטער מענש... איך האָב אָנגעוויזען אויפ'ן יונגסטען פון אונז, אויפ'ן פּאָעט, אַז דאָס איז פאַר איהם ווי אָנגעמאָסטען: סטייטש, אַ דיכטער! און דער יונגסטער פון אונז, דער דיכטער, טייט אויף מיר מיט'ן פינגער: „אדרבה, דאָס פּאַסט פאַר אייך, איהר זענט אַ הומאָריסט!"... אַזוי לאַנג, ביז עס איז געבליבען, אַז מיר אַלע פיער דאַרפען זיך נעמען צו דער אַרבייט און אַרויסגעבען אַ בוך פון פּאַבעלען.

— קינדער! — רופט זיך אָן דער זיידע מיט זיין פרייליכען שמייכעל, ווי געוועהנליך. — איך האָב מורא, אַז די ערשטע פאַ־בעל וועט מען דאַרפען מאַכען איבער אונז טאַקי אַליין, און הייסען וועט דאָס מיט'ן נאָמען „דער קוואַרטעט"...

דער געדאַנק האָט אַרויסגערופען אַ הילכיגען געלעכטער אין אונזער גאַנצער חברה, און דער יונגסטער פון אונז, דער דיכטער, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער באַנק און האָט זיך גענומען קאַטשען פאַר געלעכטער. ער האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער הויבט אָן לאַכען, לאַכט ער אַזוי געשמאַק, ביז ער מאַכט דעם גאַנצען עולם לאַכענדיג. פּלוצים וואַכסט־אויס אַ גלאַטער קאָפּ פון נאָך גאָר אַ יונגענמאַן, אַ בחור, מיט אַ גלאַט געגאָלט געזיכט, ווי אָיין אַרטיסט, מיט לאַכענדיגע אויגען, מיט ריהרעוודיגע ברעמען, און רופט זיך אָן צו אונז בזה הלשון:

— איזוויניטיע, גאָספּאָדאַ! עס איז אַביסעל ניט פּריליטשנע, אפשר טאַקי נישט טאַקטיטשנע, וואָס איך ווריוואַיע מיך אומ־געבעטען אין אַ פרעמדען שמוס. איהר האָט, ניט ווילענדיג, מיר אָנגעטראָטען אויפ'ן פּוס. איך זיץ די גאַנצע צייט, פון יענער זייט, און האָרך, ווי איהר ראַזסוזשדאַיעט פון אַ זאַך, וואָס איך האָב פערבראַכט דערויף אַ סך. באַסכים דאָס איז מיין קאָניאַק,

און עס זאָל ניט זיין קיין שום ניעדאָראָזומעניע, —
אַריינװאַרפען אין אַ גוטען אָרט דליאַ אוניטשטאָזשעניאַ...

* * *

דער אידישער קרילאָװ האָט אונז נישט געלאָזט לאַנג קװיקען זיך מיט דער ערשטער באַסני. ער איז אױפגעשטאַנען מיט אַ שײנענדיג פּנים און מיט שמײכלענדיגע אױגען, אַרײנגעלעגט בײדע גראָבע פינגער אין בײדע זײטען זשילעט און גענומען לײענען אונז די צװײטע באַסני:

דער װאָלף און די קאַטץ.

עס לױפט אַ װאָלף פון שװאַרצען װאַלד,
עס ברענט דער פראָסט, עס בלאָזט, ס'איז קאַלט,
נאָר ער מוז נעבאך לױפען,
אַניט — װעט מען זײן פעלעכען פערקױפען.
מײן װאָלף —
צום דאָרף.
ער זעהט, עס זיצט אַ קאַץ אַלײן,
און הױבט אָן בעטען זעהר שען:
„קעצעלע! קעצעלע! מיר זאָל זײן פאַר דײן פּנים!
אױף מײן פעל זענען דאָ אַ סך בעלנים.
נעם מיך אַרײן צו דיר, װײבעלע!
זײ מיך מכבד מיט אַ געבראָטען טײבעלע!"
— װײסט דו װאָס? לױף זיך דורך צו מײן טאָטע.
— איך קאָן נישט! איך האָב בײ איהם גע'לקח'ענט די קאַפּאָטע.
— נו, געה־זשע צו יענקעל דלות.
— ס'איז גרינג צו זאָגען. װאו איז זײן טלית?
— נו, װײסט דו װאָס? געה צום בעל־הבית: צו בערעל טנופת.
— איך קאָז נישט! איך האָב בײ איהם אװעקגעלעגט די עופות.

מע זאָגט, דו זינגסט עפּיס אזעלכע שטיק,
וואָס סע פּשוט איין אַנטיק!
דו ווייסט דאָך, אז איך בין א מבין,
ווי א קאַץ אויף הייוועז.
טאָמער וואָלסט דו מיר געזונגען עפּיס א זאַך,
א פּאָר שטיקלעך, נישט קיין סך,
נאָר לעבעדיג און הויך,
עס זאָל געהן א רויך"...
און ער האָט זיך עס צעלאָזט, דער סאָלאָוויי,
מיט א שלשלת, מיט א דרעה,
מיט א פייף און מיט א קנאַק,
ווי אונזער חזן פּאַסטערנאַק
אויף א ברית, אז ער חאַפּט א כוסה,
פריהער א קליינע, דערנאָך — א גרויסע,
און מאַכט דעם גרויסען מי שברך
אונזער נגיד רב נתן־קורח...
א סוף. ער האָט געענדיגט, דער סאָלאָוויי.
רופט זיך אָן דער אייזעל צו איהם אַזוי:
„נישט זאָגען קיין ליגען —
דו זינגסט ניט שלעכט קיין ניגון.
אָטשען זשאַל! עס געהט פערלאָרען א טאַלאַנט.
איז אונזער קעלבעל האָב איך מיך דערמאַנט.
ווען דו זאָלסט זיין מיט דעם בעקענט,
וואָלט דיין געמבע ערשט גע'שמ'ט"...

. . . .

וואָס איז פון דער באַסני די נראַוואָאוטשעניע?
אז איהר שרייבט אָן א סאָטשינעניע
און איהר ווילט וויסען אויף דעם א מניעניע,
זאָלט איהר דאָס בעז מאַליישאַוואַ סטיעסניעניאַ.

דאַרף מען שפּיעלען אַלע דריי
צום טאַקט, צום קלאַפּ,
און האַלטען קאָפּ.
הער נאָר, דו, רב בער!
די ציעג זאָל זיצען דאָרט, און דו — אהער!"
בקיצור, עס דויערט ניט קיין סך, טהוט די ציעג א לאַך:
„מע־ע־ע! אַז אָך און וועה איז אייך:
איהר זענט ביידע גראָבע יונגען!
אומזיסט אַרויסגעשטעלט די צונגען!
אָט פליהט אַ סאָלאָוויי,
ער וועט אייך זאָגען, ווי אזוי
מע דאַרף בעזעצען די קאַפּעליע,
זי זאָל ניט קריכען אויף דער סטעליע".
דערהערט דער סאָלאָוויי,
צעלאַכט ער זיך און מאַכט צו זיי:
„חאַ־חאַ־חאַ, כלי־זמרים!
גרילצערס, שאָרים־באָרים!
איהר קאָנט שוין שטעהן, איהר קאָנט שוין זיצען
איהר קאָנט אייך גראַבלען, איהר קאָנט אייך קריצען.
פון אייער שפּיעלען, איהר מעגט מיר גלויבען
וועט די וועלט קיין נחת ניט דערלעבען.
. . . .

פון דער באַסני די זאַקליוטשעניע
איז אַ טיעפּע נראַוואָאוטשעניע:
אַז מע רופט־אויף אַ חתן צו דער תורה
און ער קען נישט די הפטורה,
מעג ער אָנטהון דריי טליתים,
וועט ער ניט אויפשטעהן קיין תחית־המתים.
דער שניט פון די באַסנים מיט זייערע אונערוואַרטעטע „נראַ־וואָאוטשעניעס" האָבען אונז, מע קאָן זאָגען, צום טוידט געשלאָגען.

— נו, אויב אזוי, איז אַ שלעכטער משא־ומתן,
צוריק אין וואַלד, אַ רוח אין דיין טאַטען!...

. . . .

יעדע באַסניאַ האָט זיך איהר נראַוואָאוטשעניע.
פון דאַנען פיהרען מיר אַרויס אַ פּריאַמאָיע זאַקליוטשעניע:
אַז איהר פּערדוקט דעם טשאָלענט, מעגט איהר גיסען שמאַלץ
צעהן פוד. נאָר לעגט איהר נישט קיין האַלץ,
האָטיאַ עס מעג זיין אים פּרייטיג,
וועט דער קוגעל ניט זיין צייטיג.

* * *

נישט געלאָזט אונז אָפּרוהען זיך פון דער צווייטער באַסני,
האָט אונז דער אידישער קרילאָוו גענומען לייענען אַ דריטע:

„קוואַרטעט", ביי מיר הייסט עס „די קאַפּעליע".

אַז איהר ווילט וויסען ווער —
איז אַ ציעג, איין אייזעל מיט אַ בער
האָבען זיך צונויפגענומען אַלע דריי
געפּרעמעננאָ מאַכען אַ שפּיעלעריי.
מע זיצט זיך ברייט און ווייך, ווי אויף וואָטען,
מע קוקט אַריין אין די ביכער מיט די נאָטען,
די אינסטרומענטען טראָגט מען צו,
מע מישט די נאָטען ווייס איך וואו,
מע קלאָפּט, מע רייבט מיט די סמיטשאָקען,
עס פליהען פון די פּיעדלען די קאַלאָקען.
דאָ צעבייזערט זיך דער עזעל
און גיט אַ שנאַל דער ציעג אין נעזעל:
„אָט באָלוואַנעס!
זיך צערימפּעלט, ווי די שאַרלאַטאַנעס!
ממה נפשך, מאַכען מיר אַ שפּיעלעריי,

איך זאָל אזוי האָבען הצלחה:
א שטיקעל טרוקען ברויט מיט זאַלץ,
בעשמירט מיט פּוטער אָדער שמאַלץ,
האָט טויזענד מאָל מעהר טעם!
ווינאָ־גראַד! אַ גאַנצער טאַרעראַם!
א טרעסקאַוויצי, אַ מציאה!
דאָקטוירים פּראָפּיסעווען אַ רפואה!
וואָפּערוויך, איז ער גרין אזוי ווי גראָז,
האָט קיין אידישען טעם, ווייס איך וואָס!
זויער ווי פּסח'יגער ווײן,
איך דאַרף איהם אויף סים־סאָט כּפּרות,
ווי צייהן־וועהטיג,
ווי מיינע צרות —
לאָז ער אייך געהן אין דער ערד אריין!"...

. . . .

פון דער דאָזיגער באַסני, ק'סאָזשאַלעניע,
ציהען מיר אַ מאָרנע נראַוואָאוטשעניע:
אַז סע שטעהען אין גאַס צוויי אידען
און בעסיעדעווען זיך ספּאָקאָינע און צופריעדען,
חלילה נישט געקריעגט זיך, נישט געספּאָרעט,
ניט געשטורכעט, ניט געטאָרעט,
נאָר גלאַט אזוי, מיט הענד, מיט ביינער, —
דאַרף נישט אריינמישען זיך קיינער,
וואָרום צווישען יאָ און ניין,
קאָנט איהר חאַפּען אין די צייהן...

* * *

שוין שטעהענדיג מיט די טשעמאָדאַנעס אויפ'ן וואָקזאַל, אין א לאַנגען ראָק, מיט אַ היטעל אויף אַ זייט, האָט „דער אידישער קרילאָוו" צו אונז געוואונקען פון דער ווייטען. די קלוגע אויגען,

און איידער מיר האָבען צייט געהאַט זיך אַרומקוקען און זיך נעהער צו בעקענען מיט'ן אינטערעסאַנטען נפש, האָט געגעבען אַ פייף דער צוג, און דער „אידישער קרילאָוו" האָט זיך געגעבען אַ האַפּ צו זיינע פּעקלעך, זיך אָפּגעזעגענט מיט אונז, נאַטירליך אין גראַמען, געביטען זיך מיט די אַדרעסען, און שטעהענדיג שוין מיט די טשעמאָדאַנעס אין די הענד ביי דער טהיר, האָט ער אונז דערוויייל דעקלאַמירט נאָך אַ באַסני מיט'ן נאָמען:

אַ פּוכם אין וויינגאָרטען.

א פּוכם אַ מחותן, הונגעריג ווי אַ וואָלף,
איז געגאַנגען אין בעסאַראַביע אין אַ דאָרף
פאַרביי אַ ווינאָגראַדניק אַ גראָמאַדנעם
(איך וועל אייך זאָגען אויף זשאַרגאָן,
וועט איהר חאַפּען דעם טאָן:
„אַ גאָרטען אַ ווינאָגראַדנעם").
ער דרעהט זיך, דער מחותן,
ביי די זייטען און אין מיטען;
די פויגעלעך פּישטשען,
די וויינטרויבען בלישטשען.
אוי־וואַ, איין עבירה —
אַ טייערע פּרי,
און האָבען אַ זעלטענעם ריח;
נאָר זיי הענגען אזוי הויך,
חאָטש דראַפּע זיך אויף די וואַנד,
חאָטש קריך פון דער פעל,
צערייס זיך די הענד,
מאַך פון זיך אַ תל!...
אָפּגעשטאַנען אזוי אַקעגען אַ שעה,
מאַכט ער פאַר דאָסאַדע: „ווייס איך —
אויף וואָס אידען מאַכען אַ ברכה!

די ריהרעוודיגע ברעמען, דאָס פּנים, דאָס גאַנצע סימפּאַטישע אויס־
זעהען זיינס האָט גערעדט, גערעדט, גערעדט מיט גראַמען. צום
לעצטען מאָל האָט ער אונז געשענקט אַ שמייכעל און אויסגעשריגען
פון דער ווייטען:

באַסנים וועל איך אייך ערשט שיקען;
איך האָף צו גאָט, זיי וועלען אייך געפעלען.
איהר וועט, אם ירצה השם, זיך קוויקען.
דער עולם וועט די פינגער לעקען, איהר וועט קוועלען!